STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00993

TSU DER GESHIKHTE FUN DER YIDISHER LITERATUR IN 19TN YORHUNDERT

Meir Wiener

Permanent preservation of this book was made possible by
Florence Leventon

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. ווינער

צו דער געשיכטע
פון דער יידישער ליטעראַטור
אין 19־טן יאָרהונדערט

מ. ווינער

צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19-טן יאָרהונדערט

(עטיודן און מאַטעריאַלן)

ערשטער באַנד

איקוף פארלאג

פרץ מאַרקישן געווידמעט

דאָס בוך דערשיינט מיט דער הילף פון דעטראָיטער איקוף
און פון די אָרדן-שול-לייען-קרייזן אין דעטריאָט.

M. WIENER

ZU DER GESHICHTE FUN DER YIDDISHER LITERATUR IN 19tn JORHUNDERT

Copyright 1945 YKUF
Yiddisher Kulture Farband
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.
Printed in U.S.A.
209

צו די לייענער

צו דער צווייטער אויפלאַגע פונעם בוך

מ. ווינערס בוך „צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט״, וואָס מיר גיבן איצט אַרויס אין אַ צווייטער אויפלאַגע, איז דערשינען אין קיעוו אין 1940 דורכן מלוכה־פאַרלאַג פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אוסס״ר. די ערשטע אויפלאַגע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין איין באַנד; מיר דרוקן דאָס בוך, צוליב דער באַקוועמלעכקייט פאַרן לייענער, אין צוויי בענד.

מיר דרוקן דאָס ווערק אָן קיין שום ענדערונגען. דייער מעגלעך, אַז דער מחבר פון דעם בוך, מ. ווינער, ווען ער אַליין וואָלט צוגעגרייט דאָס ווערק פאַר אַ נייער אויפלאַגע, וואָלט ער אפשר דאָ און דאָרט אַריינגעבראַכט אויס־בעסערונגען, אָדער ער וואָלט איניקע פאָלעמישע שטעלן באַזייטיקט. מיר אָבער האָבן זיך נישט דערלויבט אויף אונדזער אייגענער אחריות צו טאָן עס. און בפרט, ווען מ. ווינערס פריינט, די קאָלעגן־שרייבער פון מאָסקווע, האָבן געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף פאַרעפנטלעכן דאָס ווערק ווי ס׳איז געדרוקט געווען אונטער דער אויפזיכט פון מחבר. מיר האָבן בלויז צום סוף פון בוך צוגעגעבן די אָפּהאַנדלונג איבער שלום־עליכמס הומאָר, וואָס איז געדרוקט געווען ווי אַן אַריינפיר צו „מאָטל פייסי דעם חזנס״ אין דער סאָוועטישער אַקאַדעמישער שלום־עליכם־אויסגאַבע.

מ. ווינער, ווי באַקאַנט, האָט זיך מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי אין די ערשטע טעג פונעם אָנפאַל פון די דייטשע אַריינדרינגער אויף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און איז ערגעץ־וואו פאַרלוירן געגאַנגען אין די שלאַכטן. אַזוי אַרום איז פאַרשניטן געוואָרן דאָס לעבן פון איינעם פון די וויכטיקסטע ליטעראַטור־פאָרשער, וואָס אונדזער ליטעראַטור האָט פאַרמאָגט. ס׳איז אָן ספק אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר אונדזער יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג. דאָס איצטיקע בוך איז דאָך געווען בלויז דער ערשטער גרויסער אַרויספאַר פון דעם ליטעראַטור־היסטאָריקער און אַ וויכטיקער אַריינפיר פאַר אַנדערע באַטייט־פולע ווערק, וואָס מ. ווינער האָט באַדאַרפט שרייבן.

עס זיינען ביז־אַהער כמעט ווי נישט פאַרעפנטלעכט קיין שום ביאָגראַ־פישע ידיעות וועגן מ. ווינער. מיר האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג דאָ אין לאַנד מיט איניקע יידישע שרייבער און געפּרוּווט ביי זיי אַרויסצו־באַקומען איניקע פרטים צו דער לעבנס־געשיכטע פון מ. ווינער.

דורך יעקב מעסטעל האָבן מיר זיך דערשלאָגן צו מ. ווינערס אַ פריינט י. שרייער. לויט י. שרייער, איז מאיר ווינער געבוירן אין קראָקע, אָן ערך אין 1895־1896. בעת דעם ערשטן וועלט־קריג האָט ער שטודירט פילאָסאָפיע אין ציריך (שווייץ). אַז דער קריג האָט זיך געענדיקט איז ער צוזאַמען מיט

זיינע עלטערן, פאַרמעגלעכע מענטשן, אַריבערגעפאָרן קיין ווין. דאָ, אין ווין, האָט זיך אָנגעהויבן מ. ווינערס פאַרצווייגטע ליטעראַרישע טעטיקייט. ער האָט זיך באַטייליקט אין זיגפריד בערנפעלדס חודש־שריפט (אין דייטש). מ. ווינער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג באַלאַדעס, אויף דייטש, פונעם לעבן פון די יידן אין שפּאַניע. אַרום 1922 האָט מ. ווינער פאַרעפנטלעכט אַ באַנד מיט זיינע איבערזעצונגען אויף דייטש פון די אַמאָליקע העברייאישע משוררים, אונטערן נאָמען „ליריק דער קאַבאַלאַ". די ביידע ביכער זיינען דערשינען אינעם באַקאַנטן יידיש־דייטשישן לעוויט־פאַרלאַג אין ווין. מ. ווינער איז אין יענער צייט געווען אַ מיטאַרבעטער אין מאַרטין בובערס דייטשישן זשורנאַל „דער יודע". ער האָט אין אײנעם מיט דעם באַוואוסטן העברייאישן געלערנטן דר. חיים בראָדי אַרויסגעגעבן אַ העברייאישע אַנטאָלאָגיע אונטערן נאָמען „מבחר השירה העברית", וואָס איז דערשינען אין דער סעריע־ביכער „ביבליאָ־טהעקאַ מונדע" אינעם באַוואוסטן דייטשישן „אינזל"־פאַרלאַג (לייפּציג). צו דער אַנטאָלאָגיע האָט אויך מ. ווינער צוגעגעבן אַן אַריינפיר. עטלעכע יאָר, אַרום 1922־1925, האָט מ. ווינער געלעבט אין בערלין, געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פונעם „כלל־פאַרלאַג", וואָס האָט אַרויסגעגעבן יידישע און העב־רייאישע ביכער. דערנאָך איז ווינער צוריקגעקומען קיין ווין, פאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר, און אַריבערגעפאָרן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד. איין צייט האָט ער גע־אַרבעט אין מאָסקווער מאַרקס־ענגעלס אינסטיטוט און דערנאָך אַריבער קיין קיעוו, וואו ס'הויבט זיך אָן זיין פלייסיקע אַרבעט אויפן געביט פון דער יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג.

קלמן מרמר, וואָס האָט געקענט מ. ווינער פון קיעוו, גיט אונדז איבער, אַז ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון „אַן ערשט־ראַנגיקן תלמיד־חכם, אַ קענער פון דער יידישער און העברייאישער ליטעראַטורן, ווי אויך פון פיל אַנדערע אַלטע און נייע ליטעראַטורן. אין קיעוו פלעגט מ. ווינער אין די יאָרן 1933־1936, ווען ק. מרמר איז דאָרטן געווען, האַלטן רעפעראַטן (וועגן סאָציאַליסטישן רעאַליזם, מענדעלע, שלום־עליכם, י. אַקסענפעלד א. אַ.). די רעפעראַטן האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. זיי זיינען אַרויס אין בוך־פאָרם, ווי באַזונדערע ווערק, אָדער ווי אַריינפירן צו די אויסגאַבעס, וואָס ער האָט רעדאַקטירט, און דערנאָך זיינען זיי טאַקע אויסגענוצט געוואָרן פאַר דעם איצטיקן בוך.

מ. ווינער איז אויך געווען באַקאַנט ווי אַ בעלעטריסט. זיין ערשטע נאָוועלע „עלען פאַלעקס אונטערגאַנג", ווי ק. מרמר גיט איבער, האָט ניט גע־מאַכט קיין ספּעציעלן רושם, דערפאַר אָבער האָט זיין היסטאָרישע דערציילונג „קאַלעוו אַשקענאַזי" געבראַכט אַ סך אָנערקענונג דעם מחבר.

די ליטעראַטור־פאָרשערישע טעטיקייט פון מ. ווינער איז געווען פאַר־צווייגט. אונטער זיין רעדאַקציע דערשיינט אין קיעוו (1932) אַ זאַמלונג

„פראָבלעמען פון פאָלקלאָריסטיק״. (מ. ווינערס אַרבעט „פאָלקלאָריזם און פאָלקלאָריסטיק״ פאַרנעמט 93 זייטן פון די 192 זייטן, וואָס די זאַמלונג האָט); אין 1933 דערשיינט אין מאָסקווער „עמעס״־פאַרלאַג מ. ווינער און א. גורשטיינס בוך „פראָבלעמען פון קריטיק״ (270 זייטן); און אין 1935 זיינען פאַרעפנטלעכט די ערשטע קאַפּיטלען פון זיינעם אַ נייעם היסטאָרישן ראָמאַן „ביים מיטללענדישן ים״.

אין דעם מאָסקווער ליטעראַרישן אַלמאַנאַך „סאָוועטיש״ (1935) האָט מ. ווינער פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג וועגן פּרץ מאַרקישעס פּאָעמע „דעם באַלגופס טויט״ אונטערן נאָמען „דער משפט איבערן פיינט״ (ז״ז 321—350). ק. מרמר גיט צו, אַז „מ. ווינער איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער נייסטער ליטעראַטור וועגן מאַרקסיזם און פילאָסאָפיע, געשיכטע און ליטעראַטור־פאָרשונג, וויסנשאַפט און וועלט־פּאָליטיק, ווי אויך מיט אַלע דערשיינונגען אין דער ליטעראַטור און קונסט. אַ פיין ליד, אַ גוטע דערציילונג, אַ קונסט־אויסשטעלונג, אַ קאָנצערט, טעאַטער, טענץ, — אַלץ האָט אַרויסגערופן זיין באַגייסטערונג. ער איז געווען אַ זעלטענער מענטש אויך צווישן די נייע מענטשן פון דער נייער סאָוועטישער וועלט.״ אין 1940 האָט מ. ווינער, צוזאַמען מיט דעם באַוואוסטן סאָוועטיש־יידישן ליטעראַטור־פאָרשער א. גורשטיין פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג „סאָציאַליסטישער אינהאַלט און נאַציאָנאַלע פאָרם פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור״ (אַלגעמיינע באַטראַכטונג צו דער טעמע). אין אָט דער אינטערעסאַנטער אָפּהאַנדלונג („סאָוועטיש״, נומ׳ 11) געפינען מיר וויכטיקע באַהויפּטונגען וועגן דעם כאַראַקטער פון דער סאָוועטישער און סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור און די וועגן און אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר זיי. —

י. אָפּאַטאָשו, אויף אונדזער אָנפרעגע וועגן מ. ווינערן, שרייבט אונדז, אַז „ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק — אַ מענטש מיט אַ סך וויסן.״ ער האָט נישט אויפגעהערט צו זוכן און נישטערן היסטאָרישע מאַטעריאַלן. עס ליגט פאַר מיר אַ בריוו פון מ. ווינער (צו י. אָפּאַטאָשו, פונעם 21טן יוני, 1936), וואו ער בעט, מען זאָל אים צושיקן „דעם דיוואַן פון יהודה די מודינאַ, וואָס דר. ש. בערנשטיין האָט אין יאָר 1932 אַרויסגעגעבן אין פילאַדעלפיע. וויפיל איך האָב זיך ביז איצט ניט באַמיט דאָס צו קריגן — האָט זיך מיר דאָס ניט איינגעגעבן.״ אגב פרעגט ער אָן אינעם זעלבן בריוו: „צי זיינען אייך באַקאַנט די היסטאָרישע ראָמאַנען פון טשאַפּיגין? ס׳איז איצט פון אים אַרויס אַ ניי בוך. אָן אמתדיק עכט־מייסטער־ווערק, אָן ספק פון די סאַמע בעסטע ביכער אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור.״ אין אַ צווייטן בריוו (צו י. אָפּאַטאָשו, פונעם 8טן אויגוסט, 1936), שרייבט ער צווישן אַנדערן: „...אַוודאי לייען איך ענגליש, כאָטש קיין גרויסער קענער פון דער שפּראַך בין איך ניט.״

וועגן מ. ווינערס בוך „צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין

19טן יאָרהונדערט" איז דערשינען, האָט עס אַרויסגערופן גרויס אינטערעס ביי דער קריטיק און ביים עולם. זומער 1940 איז אין מאָסקווע איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אָוונט לכבוד מ. ווינער צום דערשיינען פון זיין בוך. עס זיינען אויפגעטראָטן ליטעראַטור־פאָרשער, קריטיקער, וואָס האָבן שטאַרק געלויבט דאָס ווערק. דאָס בוך, ווי שכנא עפשטיין גיט איבער („מאָרגן־פרייהייט", סעפטעמבער 1940), איז אַ רעזולטאַט פון אַ 15 יאָר גרינטלעכער אַרבעט....
„מ. ווינער — שרייבט ש. עפשטיין — איז אַ העכסט־געבילדעטער מאַרקסיסט, ער באַזיצט אַ גרויסע ערודיציע אין דער וועלט־ליטעראַטור און אין דער אַלטער און נייער יידישער ליטעראַטור. ער איז אַ שפּראַכן־קענער. זיין צוגאַנג צו שרייבער און ווערק, צו ליטעראַטור־געשיכטע איז דורכאויס אַ דיאַלעקטישער, במילא — אַ טיף־אַנאַליטישער. ווי אַ מאַרקסיסט באַטראַכט ער דערשיינונגען אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור נישט אָפּגעזונדערט, נישט איזאָלירט, נאָר אין אָרגאַנישער צוזאַמענהאַנג מיט די סאָציאַלע באַוועג־כוחות ניט בלויז פון יידישן לעבן אין דער געגעבענער עפּאָכע, נאָר פון לעבן פון אַנדערע פעלקער מיט זייערע ליטעראַטורן... אויפן גרונט פון די ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור אינעם 19טן יאָרהונדערט, אין ענגער פאַרבינדונג מיט די קרובהשע מוסטערן פון דער וועלט־ליטעראַטור, איבערהויפּט פון דער רוסישער ליטעראַטור און מערב־אייראָפּייאישער, נעמט אויף מ. ווינער אין זיין בוך די וועזנטלעכסטע פּראָבלעמען פון ליטעראַריש־קינסטלערישן שאַפן — סטיל, קאָמפּאָזיציע, אין אָרגאַנישער קינסטלערישער צוזאַמענגעגאָסנקייט מיט אינהאַלט, די ראָלע פון טראַדיציע און ווירקונג, די פראַגן וועגן ראָמאַנטיק און רעאַליזם, וועגן פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע טיפּן — אָט די אַלע פּראָבלעמען באַקומען אַן אַלזייטיקע אילוסטרירטע באַלויכטונג..."
און עס איז געווען די אַלגעמיינע מיינונג פון די סאָוועטישע שרייבער, אַז „ווינערס בוך, אינגאַנצן גענומען, איז איינס פון די גרעסטע אויפטוען, אויב נישט דער גרעסטער, אין דער יידישער ליטעראַטור־קענטעניש. די סאָוועטישע ליטעראַטור מעג שטאָלצירן מיט אַ ווערק פון אַזאַ פאַרנעם און באַטייט." („מאָרגן־פרייהייט", 15טן סעפטעמבער, 1940.) —

דער לייענער דאַרף אינזינען האָבן, אַז עס איז נישט קיין בוך אויף אַדורכצובלעטערן, נאָר ס'איז אַ ווערק אויף צו שטודירן עס און צו לערנען פון אים. און אַוודאי איז דאָס בוך אַן אוצר פאַר אונדזערע בעסערע לייען־קרייזן, וואָס ווילן זיך גרינטלעך באַקענען מיט דעם כאַראַקטער, גאַנג און הויפּט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אינעם 19טן יאָרהונדערט.

נ. מ.

25 יוני, 1945.

פאָרוואָרט צו דער ערשטער אויפלאַגע

די אָפּהאַנדלונגען, וואָס דערשיינען אין דעם בוך, האָב איך געשריבן אין די יאָרן 1927—1939. דער גרעסטער טייל איז איצט איבערגעאַרבעט און פאַרריכט געוואָרן.

מיט די דאָזיקע מאָנאָגראַפישע אַרבעטן בין איך אויסן געווען צו געבן אַ שטיקל צושטייער, עטלעכע בוי־שטיינער פאַר אַ קומענדיקער צוזאַמענ־הענגענדיקער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אינעם 19טן יאָר־הונדערט. די אָנהייבן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור זיינען דאַך ביז די לעצטע יאָרן זייער ווייניק באַהאַנדלט געוואָרן. באַשטימטע ווערק, וואָס האָבן געהאַט אַ וויכטיקן באַדייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטע־ראַטור (למשל, „די גענאַרטע וועלט" פון אַן אַנאָנימען פאַרפאַסער), זיינען כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. וועגן דעם שאַפן פון אַזעלכע גרונטלייגער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ווי אַקסענפעלד און עטינגער, זיינען, אַ חוץ עטלעכע ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע אַרטיקלען און מאַטעריאַלן, ניט געווען קיין שום ברייטערע אויספאָרשונגען. מיט מיינע אַרבעטן האָב איך געוואָלט אָנהייבן אויספילן דעם דאָזיקן בלויז, ווייל אָן דעם איז ניט מעגלעך צוצוטרעטן צום אויפבוי פון אַ געשיכטע פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. אין די עטיודן וועגן מענדעלען האָב איך געפּרואווט אָנצייכענען אַ סך־הכל פון זיין שעפערישער אַנטוויקלונג ביז די אַכציקער יאָרן, און אין דער אַרבעט „מענדעלעס סטיל" האָב איך אויפן סמך פון אַן אַנאַליז פון „פישקע דער קרומער" זיך באַמיט אַרויסצובאַקומען די אייגנאַרטיקע גרונט־שטריכן פון מענדעלעס קינסטלערישן סטיל.

פון דעם אַלעם איז קלאָר, אַז דער בוך מיינט ניט צו זיין אַ צוזאַמענ־הענגענדיקע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אינעם 19טן יאָרהונדערט. זי דאַרף ערשט געשריבן ווערן. און ס'וואָלט צייט געווען, אַז אונדזערע סאָ־וועטישע ליטעראַטור־פאָרשער זאָלן זיך קאָלעקטיוו נעמען צו דער דאָזיקער אַרבעט. די אָפּהאַנדלונגען אין דעם בוך זיינען בלויז איינצלנע אויספאָרשונגען וועגן אַ ריי גרונט־פּראָבלעמען אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַ־טור אינעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. אַרום די דאָזיקע גרונט־פּראָבלעמען האָב איך גרופּירט אַ היפּשע צאָל דעטאַלישע מאָמענטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אַנטוויקלונג פון דער נייער יידישער ליטעראַטור ביז מענדעלען איינ־געשלאָסן.

איך וויל דאָ אויסדריקן אַ האַרצלעכן דאַנק מיינע פריינט אהרן גורשטיין און יצחק נוסינאָוו פאַר הילף און פריינטשאַפט, וואָס זיי האָבן מיר באַוויזן ביי מיין אַרבעט איבער דעם דאָזיקן בוך.

* * *

ס'איז אַ פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז די נייע יידישע ליטעראַטור אינעם 19טן יאָרהונדערט הייבט זיך אָן — פון מענדעלען.* פּלוצים, אין אַ שיינעם פרימאָרגן אין די זעכציקער יאָרן, איז מענדעלע מיט זיינע ווערק אַראָפּגעפאַלן פונעם הימל. וועגן דעם פריאיקן פּעריאָד אין דער נייער יידישער ליטעראַטור הערשן אַפילו אין קרייזן פון ליטעראַטור-קענער גענוג נעפּלהאַפטיקע פאַרשטעלונגען, ווי וועגן עפּעס אַ מין „פאַרגעשיכטע", ווי וועגן עפּעס אַזעלכע צופעליקע, צווישן זיך ניט-פאַרבונדענע פּרוּוון און פראַגמענטאַרישע זאַכן, וואָס האָבן פאַר זיך געזוכט אַ קנאַפּן באַדייט און וואָס טויגן העכסטנס פאַר גריבלעניישן און חקירות פון פילאָלאָגן און ליטעראַטור-„אַרכעאָלאָגן".

אינעם מאַנגל פון אינטערעס צו די עלטערע שאַפונגען אין דער נייער יידישער ליטעראַטור, אינעם ביטולדיקן אָפּשאַצן די דאָזיקע ווערק הילכן אָפּ אויך עפּעס אַן אופן — צומאָל איבערגעניצעוועט אויפן „עסטעטישן" שטייגער — די אַלטע השגות פון פאַרביסענע „העברייאיסטן" וועגן דער פּלעבייאישער „דינסטמויד", ווי זיי האָבן גערופן די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור, און וועגן איר באַדייט און ווערט אין פאַרגלייך מיט דער „האַרנטע" — דער העברייאישער שפּראַך און ליטעראַטור. ס'ווירקט דאָ נאָך, אַפּנים, — און אַמאָל דווקא אין דער פאָרם פון כלומרשטער „לינקשאַפט" — די פאַראַכטונג פון די נאַציאָנאַליסטן, פון די כל-המיני ציוניסטן און רעאַקציאָנערן צו דער שפּראַך און צו דער שעפערישקייט פון די פאָלקס-מאַסן.

וואָרים אין דער אמתן איז די מעשה מיט דער יידישער ליטעראַטור פונעם 19טן יאָרהונדערט ביז צו די זעכציקער יאָרן גאָר ניט אַזוי, ווי די געוויסע אויבערפלעכלעכע, עם-האַרצישע אָדער בייזוויליקע „קענער" שטעלן זיך דאָס פאָר אָדער ווילן דאָס אַנדערע איינרעדן. די יידישע ליטעראַטור פון די דאָזיקע זעקס-זיבן יאָרצענדליק איז ווערט, אַז מע זאָל זיך צו איר באַציען ניט בלויז מיט אויפמערקזאַמקייט און ערנסט, נאָר אויך מיט ליבע.

אין זיין אַרטיקל „די געשיכטע פון דער זשאַרגאָן-ליטעראַטור" („די

---

* ס'איז כדאי צו פאַרצייכענען אַ קוריאָז: דער פאָרשער פון דער אַלט-יידישער ליטעראַטור אלעזר שולמאַן שרייבט אינעם אַריינפיר צו זיין בוך „שפת יהודית-אשכנזית וספרותה" (ריגא, תרע"ג, ז. 6), אַז זייט סוף 18טן יאָרהונדערט ביז די זעכציקער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט האָט די יידישע ליטעראַטור כמעט אויפגעהערט צו עקזיסטירן: „... תקופת ירידתה שחדלה כמעט מהיות, והיא מקץ המאה הי"ח עד שנות הששים להמאה העברה." קורץ און שאַרף!

יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק, 2, אָפּטיילונג ג, ז. 121) מאַכט שולמאַן אַ פאַר־וואורף די משכילים, הלמאי זיי האָבן ניט געשריבן יידיש. „און גאַנצע צענד־ליק יאָרן (ער מיינט זינט סוף אַכצנטן יאָרהונדערט ביז די זעכציקער יאָרן פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט—מ. וו.) האָט מען פון אים (פונעם „זשאַרגאָן“—מ. וו.) ניט געהערט קיין איינציק געזונט וואָרט.“ ער האָט די ליטעראַטור פון דעם פּעריאָד פּשוט ניט געקענט.

די אַלט־יידישע ליטעראַטור זייט דעם 15טן יאָרהונדערט ביז צום סוף 18טן יאָרהונדערט קאָן אָנווייזן אויף אַ היפּש גרויסער צאָל ביכער בכלל, און אויף אַ רייכקייט פון געביטן און זשאַנרען. אין דער דאָזיקער אַלט־יידישער ליטעראַטור זיינען פאַראַן: ביבלישער און וועלטלעכער עפּאָס, אָריגינעלער און איבערגעזעצטער, ריטער־ראָמאַנען און אַנדערע דערציילערישע פּראָזע, פּאָעטישע שאַפונג אין פאַרשיידענע זשאַנרען, אייגנאַרטיקע ליטעראַריש־פאָלקלאָרישע טעאַטער־שפּילן, אַ ריזיקער שלל מעשיות און לעגענדעס, נאָ־וועלן און דערציילונגען, רעליגיעזע און מאָראַליזירנדיקע (מוסר)־ווערק, גע־שיכטלעכע ווערק, כראָניקעס, מעמואַרן, אַ גרויסע שפע איבערזעצונגען און איבעראַרבעטונגען פון די פאַרשיידנסטע ליטעראַטורן.

די נייע יידישע ליטעראַטור, דאָס הייסט די וועלטלעכע יידישע ליטעראַ־טור אין דער נייער יידישער שפּראַך פון די מזרח־אייראָפּייאישע לענדער, הייבט זיך אָן סוף אַכצנטן, אָנהייב ניינצנטן יאָרהונדערט, און איר ערשטער פּעריאָד ענדיקט זיך אין די זעכציקער יאָרן, גראָד צו מענדעלעס אָנקומען אין דער יידישער ליטעראַטור. ביז די זעכציקער יאָרן איז געווען דער פּעריאָד פון דער טיפּישער, „ריינער“ השכלה, פון דער פּריאיקער השכלה, און טאַקע אין דעם דאָזיקן ערשטן פּעריאָד איז די שפּראַך און די ליטעראַטור גרייט געוואָרן פאַר די אויפטרעטן פון די קלאַסיקער מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ.

די ליטעראַטור פון די דאָזיקע זעקס־זיבן יאָרצענדליק איז וואָס שייך „קוואַנטום“, דער צאָל ביכער, זייער ניט־אָנזעעוודיק. ס'האַנדלט זיך סך־הכל וועגן אָן ערך הונדערט ביכער און אויך קליינע, מאָגערע ביכעלעך. וואָס שייך זשאַנרען, איז די דאָזיקע ליטעראַטור איינזייטיק. דאָס רוב ווערק זיינען פונעם דראַמאַטישן זשאַנר (קאָמעדיעס און דראַמעס), פאָלקסטימלעכע דער־ציילונגען (מעשיות), ווייניק ליטעראַרישע פּראָזע, נאָך ווייניקער (ליטע־ראַרישע) דיכטונגען, וואָס איז כמעט אויסשליסלעך אַ מער אָדער ווייניקער פאָלקלאָרישע. די פאָרשונג וועט דאָ מיט דער צייט אַרויסגעפינען נאָך עט־לעכע ווערק פון אַ גרעסערן אָדער קלענערן ווערט, אַזעלכע ווערק, וואָס זיינען אונדז ביז איצט אָדער בלויז לויטן נאָמען באַקאַנט אָדער בכלל ניט באַקאַנט געווען. קיין גרויסע ענדערונגען אינעם „קוואַנטום“ פון דער ליטעראַטור אין דעם פּעריאָד וועט דאָס פאַר דער ליטעראַטור־געשיכטע ניט ברענגען.

אויב אַזוי, קאָן מען אפשר טאַקע דערפאַר מאַכן אַן אויספיר, אַז אַפילו די באַצייכענונג „ליטעראַטור" פאַר די דאַזיקע אַן ערך הונדערט ביכער איז אַ גוזמא? קאָן מען אפשר טאַקע האַלטן, אַז די דאַזיקע באַצייכענונג באַרעכטיקט זיך בלויז אַלס אַ באַדינגלעכע, און נאָר אויב מע נעמט אין אַכט די היסטאָרישע פערספּעקטיוו, דעם היסטאָרישן צוזאַמענהאַנג פון די דאַזיקע צענדליקער ביכער מיט דער אַלט־יידישער ליטעראַטור, פון איין זייט, און מיט דער דייכער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור, וואָס איז געקומען זינט די זעכציקער יאָרן, פון דער אַנדערער זייט?

ניין! די דאַזיקע ווערק פאַרדינען די באַצייכענונג „ליטעראַטור" ניט צוליב זייער „פאַר" און „נאָך", און ניט בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן ליטעראַטור־היסטאָריש צוגעגרייט די קלאַסישע אַנטוויקלונג — נאָר צוליב זיך אַליין, צוליב זייער אייגענעם ווערט.

די ליטעראַטור פון דעם פּעריאָד איז ניט סתם פאַרגעשיכטע און מער גאָרניט. זי האָט אַ זעלבשטענדיקן ווערט. שטעלט זיך די פראַגע: מיט וואָס איז די דאַזיקע ליטעראַטור פאַר זיך געוועזן אינטערעסאַנט? אין וואָס באַשטייט איר אידייאישער און קינסטלערישער ווערט? מיט וואָס איז זי אָריגינעל און זעלבשטענדיק? צו יענער צייט איז די גייסטיקע קולטור פון די יידן אין די מזרח־אייראָפּייאישע לענדער געקומען צום אויסדרוק הויפּטזאַכלעך אויף העברייאיש. אויב אַזוי, שטעלט זיך אַ ווייטערדיקע פראַגע: צי איז פאַראַן עפּעס אַ חילוק צווישן דער דעמאָלטיקער יידישער און העברייאישער שיינער ליטעראַטור? אין וואָס באַשטייט דער חילוק? וואָסער באַדייט און ווערט האָט געהאַט די דעמאָלטיקע יידישע ליטעראַטור אין פאַרגלייך מיט דער העברייאישער?

אַזוי לאַנג מיר ענטפערן ניט אויף די דאַזיקע פראַגן, פעלט אונדז די ריכטיקע מאָס און פערספּעקטיוו ביים שטודירן די יידישע ליטעראַטור פון דעם פּעריאָד. מע טאָר ניט פאַרגעסן, אַז די העברייאישע ליטעראַטור פון יענע עטלעכע צענדליק יאָר האָט פאַרמאָגט הונדערטער און אפשר טויזנטער ווערק. די יידישע ליטעראַטור האָט דעמאָלט עקזיסטירט בלויז אין גאַליציע, אוקראַינע, פּוילן, ליטע, די העברייאישע — אויך אין דייטשלאַנד, איטאַליע, האָלאַנד, טערקיי און אין אַ סך אַנדערע לענדער. געאָגראַפיש איז דער קרייז פון איר שאַפן און ווירקן געווען אומפאַרגלייכלעך ברייטער.

די העברייאישע ליטעראַטור איז געווען אַ ליטעראַטור פון און פאַר דער אינטעליגענץ, וואָס פאַר איר זיינען אויך די טירן צום מערב־אייראָפּייאישן און רוסישן קולטור־לעבן פאַרט געווען מער צוטריטלעך, איידער פאַר די אינטעליגענטן אָדער פון ווייניקער געבילדעטע פאָלקס־מענטשן פאַר די אויס־פאָלקס־מאַסן. די נייע יידישע ליטעראַטור איז דעמאָלט נאָך געווען אין די

וויקעלעך, מאָגער און פּרימיטיוו, געשריבן פון געבילדעטע דעמאָקראַטישע געמוטשעטע, אונטערדריקטע און אָפּגעשטאַנענע פאָלקס־מאַסן. אָפט האָבן די דאָזיקע ווערק אַ נאַאיוון, כמעט „לובאָקישן" כאַראַקטער.

די העברייאישע השכלה־ליטעראַטור האָט געהאַט אויסצושטיין ניט ווייניק רדיפות, אָבער זי האָט פאָרט געהאַט גרעסערע מעגלעכקייטן געדרוקט צו ווערן. זי האָט צומאָל באַקומען אַ געוויסע מאָראַלישע און מאַטעריעלע אונ־טערשטיצונג פון די איינפלוסרייכע אויפגעקלערטע בירגערלעכע קרייזן. די יידישע ליטעראַטור האָבן אַפילו די אויפגעקלערטע אינטעליגענטן גופא, אַפילו אַ סך פאַרשטייער פון דער העברייאישער השכלה גופא גערודפט און פאַר־אַכטעט. און קיינער האָט זי ניט אונטערשטיצט, ווייל די מאַסן, צו וועלכע זי האָט זיך געווענדט, זיינען אַליין געווען הילפלאָז אין מאַטעריעלן און קול־טורעלן זינען.

אָפּדרוקן אַ יידיש בוך איז כמעט ניט מעגלעך געווען. ס'האָט געקאָסט אָן אַ שיעור אָנשטרענגונג און קאַמף. ס'האָבן געדאַרפט געשען נסים, כדי אַ יידיש בוך זאָל דעמאָלט דערשיינען אין דרוק, און נאָך מער נסים, אַז סע זאָל זיך אָפּהיטן ביז צום היינטיקן טאָג, ווייל די חסידים און כלערליי פּינצטער־ליגנער איז געגאַנגען אין לעבן, אַז סע זאָל דערפון ניט בלייבן קיין שפּור אויף דער ליכטיקער וועלט.

איז וואָסער זעלבשטענדיקן באַדייט האָט אַזאַ ליטעראַטור געקאָנט האָבן, וואָסער אָריגינעלן ווערט?

און פאָרט האָבן די דאָזיקע מאָגערינקע ביכלעך דאָס אַלץ פאַרמאָגט — סיי אַ זעלבשטענדיקן באַדייט, סיי אָריגינעלקייט. ניט בלויז פאַר זיך גענומען, נאָר טאַקע אויך אין פאַרגלייך מיט דער אָן ערך גרעסערער, פּילזייטיקערער און אין טראַדיציעס אויף אַזויפיל רייכערער העברייאישער ליטעראַטור. נאָך מער: אין פּרט פון אָריגינעלקייט קאָן מען זאָגן, אַז די דעמאָלטיקע יידישע שיינע ליטעראַטור שטייגט אַריבער די העברייאישע פון יענער צייט.

ניט געקוקט אויף איר צאָלרייכקייט, אויף איר פּילפאַרביקייט, אויף די ווירקונגען פון דער אַנטיקער און קלאַסישער מיטלאַלטערלעכער העברייאישער ליטעראַטור און אַנדערע ליטעראַטורן, איז די העברייאישע שיינע ליטעראַטור דעמאָלט — און אַ היפּשע צייט פריער — אין תוך געווען אָרעם. פונעם גאַנצן אַכצנטן און ביז די פופציקער יאָרן פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט קאָן מען דאָ אָנרופן בלויז געציילטע ווערק, וואָס האָבן אויף אָן אמתן אַ קינסטלערישן ווערט. אַזוי למשל: אינעם אַכצנטן יאָרהונדערט די דראַמאַטישע פּאָעמע „מגדל עוז" (מיגדאַל אויז — דער פעסטונג־טורעם) און צום טייל „לישרים תהלה" (לאַיעשאָרים טעהילאַ — צו די גערעכטע אַ לויב־געזאַנג) פונעם טאַלאַנטפולן דיכטער משה־חיים לוצאַטאָ, און אין דער ערשטער העלפט 19טן

יאָרהונדערט — די סאַטירעס פֿון יוסף פּערל און יצחק ערטער און עטלעכע עלעגישע לידער פֿון אברהם־דוב לעבענזאָן. דאָס זיינען קינסטלערישע אָאַזיסן אין די ברייטע סטעפּעס פֿון דער דעמאָלטיקער העברייאישער מליצה. צו די אויסגערעכנטע נעמען וועט מען מן־הסתם נאָך עפּעס קאָנען צוגעבן, אָבער נית קיין סך.

משה־חיים לוצאַטאָ איז אויף לאַנג־לאַנג פֿריער און אויף אַ גאַנץ יאָר־הונדערט פֿאָרויס געווען דער גרעסטער דיכטערישער טאַלאַנט און קינסטלער אין דער העברייאישער ליטעראַטור. אָבער זיינע בעסטע שאַפֿונגען, נית גע־קוקט אויף די אמת־אויסגעצייכנטע לירישע ערטער אין זיי, זיינען פֿאָרט, אינ־גאַנצן גענומען, אַבסטראַקטע אַלעגאָריעס. „מגדל עוז“ איז אַ פּאַסטאָראַל, אַ קלאַסיציסטישע סטיליזאַציע,* און „לישרים תהלה“ — אַ פֿילאָסאָפֿיש־מאָראַלישער דיאַלאָג צווישן די פֿאַרשיידענע מענטשלעכע אייגנשאַפֿטן און זיטלעכע קאַטעגאָריעס. דאָ איז ניטאָ קיין אָנצוהערעניש אויפֿןווירקלעכן לעבן פֿון יענער צייט. יוסף פּערלס „מגלה טמירין“ איז דווקא אַ זייער רעאַליסטיש ווערק, אָנגעפּילט מיט בילדער פֿון דער צייט, — טאָר מען אָבער נית פֿאַרגעסן, אַז דאָס איז אין אַלע פּרטים, אַפֿילו אין דער שפּראַך (וואָס ציט חיונה פֿון דער יידישער שפּראַך), נית קיין טיפּיש העברייאיש ווערק. און ס'איז נית קיין צופֿאַל, וואָס פּערל האָט דאָס דאָזיקע ווערק געשריבן אויך אויף יידיש, און ווער ווייסט, צי נית פֿריער, איידער אויף העברייאיש, אַזוי אַז דער העברי־אישער וואַריאַנט איז אפשר אַן איבערזעצונג פֿונעם יידישן. א. ד. לעבענזאָן האָט אַ חוץ די עטלעכע אמתדיקע טיפֿע און שיינע עלעגיעס פֿאַרפֿאַסט אָן אַ שיעור בטלנישע מליצה־לידער, אָבער אויך אין די געראָטענע לידער איז ניטאָ קיין דירעקטע לעבעדיקע אָפּשפּיגלונג פֿונעם לעבן אין זיין צייט.

די איבעריקע, פֿאַרהעלטניסמעסיק־רייכע אין צאָל, העברייאישע שיינע ליטעראַטור פֿונעם אַכצנטן ביז דער העלפֿט נייַנצנטן יאָרהונדערט באַשטייט דער עיקר פֿון עפּיגאָנישע נאָכמאַכונגען, אַרטיסטישע שפּילערייען, אינהאַלט־אָרעמער רעטאָריק, ספּקדיקע איבערזעצונגען; קורץ: פֿון „מליצה“ אינעם באַוואוסטן באַדייט, וואו מע טאָקט, שניצט און צאַצקעט דאָס וואָרט אָן אַ לעבעדיקן אינהאַלט. געוויס קאָן מען דאָ געפֿינען אַ שטרעבונג צו שיינקייט, אַ בענקעניש נאָך אַ שענער לעבן, אַ גאַרעניש נאָך דערהויבענע אידייען און

---

* איוגנטלעך, אַ זעלבשטענדיקע באַאַרבעטונג פֿון גואריניס „געטרייער פּאַסטעך“. דאָס דאָזיקע „אַרקאַדישע שוישפּיל“ פֿון דעם גרויסן איטאַליענישן רענעסאַנס־ליריקער גואריני איז געשריבן אינעם גייסט פֿון דער גריכישער קלאַסיק. קאָן מען זיך שוין משער זיין, וואָסער וויטע שייכות די העברויאישע באַאַרבעטונג פֿון דעם ווערק — ווי זעלבשטענדיק און טאַלאַנטפֿול זי זאָל נית זיין — האָט געהאַט צום רעאַלן לעבן פֿון יענער צייט.

איידעלע געפילן, — אָבער די שטרעבונג, בענקעניש און גאַרעניש האָט זיך דאָ בלויז אין זעלטענע פאַלן קינסטלעריש רעאַליזירט. געווײנלעך האָט דאָס זעלטן אַריבערגעשפּרייזט די גרענעצן פון דילעטאַנטיש־עסטעטישער שפּי־לעריי. דאָס שווערע, מיט געשעענישן רייכע לעבן פונעם יידישן פאָלק אין די דאָזיקע אַנדערהאַלבן יאָרהונדערטער — און דאָס איז דאָך, אגב, די צייט פון אויפקלערונג — האָט כמעט ניט געפונען קיין לעבעדיקן, דירעקטן, רעאַליסטישן אָפּקלאַנג אין דער דעמאָלטיקער העברייאישער שיינער ליטעראַ־טור. זי האָט, אַ חוץ זעלטענע אויסנאָמען, ניט געהאַט קיין לעבעדיקע פאַר־בינדונג מיטן פאָלק, קיין אמתדיקע ווירקונג אויפן פאָלק, און אין אַ טייל פאַלן איז זי אַפילו געווען פרעמד געשטימט צו די פאָלקס־מאַסן.

ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז דאָס פאָלק איז צו דער דאָזיקער ליטעראַטור געווען גלייכגילטיק — סיי צו די פּראָזעס וועגן ליבע צו דער העברייאישער שפּראַך, סיי צו די פאַרביסן־רעאַקציאָנערע אידייען פון שמואל־דוד לוצאַטאָ, סיי צו די מײַנסטנס גלאַטיקע און ניט טיפע סטראָפעס פון נפתלי הערץ וויזל און צו די שיינע מליצות פון מאיר הלוי לעטעריס, און בכלל צו דער גאַנצער אויפגעבלאָזענער כלומרשטער קלאַסיק און פּסעוודאָ־ראָמאַנטיק.

אַז מע קומט פון דער דאָזיקער פאַרגליווערטער אַטמאָספער צו די פּראָסטע ביכלעך פון דער דעמאָלטיקער יידישער ליטעראַטור, אָטעמט מען אָפּ מיט פרישער, לעבעדיקער לופט, מיט דער לופט פונעם פאָלקס־לעבן. דאָ איז פאַראַן די פרישקייט פון אַן אָנהייב, עפּעס וואָס פון מעשה־בראשית, ווען מע ברעכט אַלטע קאַנאָנס, מע ציט אונטער אַ שטריך אונטער דער פאַרגאַנגענ־הייט און מע הויבט אָן פונסניי. די יידישע ליטעראַטור איז דעמאָלט צום גרעסטן טייל נאַאיוו און פּרימיטיוו, דאָס ווערט אָבער קאָמפּענסירט דורך איר פרישקייט און לעבעדיקייט.

ווער ס׳וויל עפּעס געוואויר ווערן וועגן דעם אמתן אינטימען טאָג־טעגלעכן לעבן פונעם יידישן פאָלק אין יענער צייט, דער מוז אָנקומען צו די דאָזיקע יידישע „ביכלעך". פון די דעמאָלטיקע העברייאישע „ספרים" וועט ער וועגן דעם ווייניק געוואויר ווערן, פון די יידישע וועט ער דערפילן מיט אַלע חושים דעם טעם פונעם לעבן, דאָס אויסזען, דאָס געמיט פון די פאָלקס־מאַסן אין יענע יאָרן.

געוויס איז אויך די יידישע ליטעראַטור דעמאָלט ניט אַראָפּגעפאַלן פונעם הימל. ביי איר גאַנצער „פּרימיטיווקייט" איז זי פאַרבונדן מיט טראַדיציעס פון דער עלטערער יידישער און נאָך מער פון דער אַלטער און נייער העב־רייאישער ליטעראַטור, מיט ווירקונגען פון די מערב־אייראָפּייאישע ליטעראַ־טורן און דער רוסישער ליטעראַטור. אַנדערש איז גאָר ניט מעגלעך. קיין שום נייס אין אַ ליטעראַטור, אַפילו איר זעלבשטענדיקייט און אָריגינעלקייט,

אַנטשטייט ניט פון זיך אַליין, אָן פאַרשיידענע ווירקונגען פון פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט. דער עיקר אָבער אַנטשטייט דאָס נייס דורך ווירקונגען פונעם לעבן פון דער קעגנוואַרט. און נייס אין דער ליטעראַטור איז טאַקע אָפּהענגיק דערפון, אויף וויפיל זי, די ליטעראַטור, איז אָפן און פילבאַר פאַר די ווירקונגען פון דער קעגנוואַרט, פונעם קעגנווערטיקן פאָלקס־לעבן. און דאָס איז טאַקע דער וויכטיקסטער חילוק צווישן דער דעמאָלטיקער יידישער און העברייאישער שיינער ליטעראַטור.

די בעלעטריסטיק פון די יידישע אויפקלערער אין יידישער שפּראַך איז אוממיטלבאַר געווען געווענדט צום לעבן פונעם פאָלק, צו זיינע דעמאָלטיקע וואָכעדיקע געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן, אַזוי ווי מע האָט זיי דעמאָלט באַנומען. די אייגנאַרטיקייט פון דער דאָזיקער יידישער קינסטלערישער ליטעראַטור ליגט אין דער אייגנאַרטיקייט פונעם דעמאָלטיקן לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, פון זייער טראַגישער לאַגע, פון זייער שעפערישקייט. די דאָזיקע ליטעראַטור איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכע, קעמפערישע. זי האָט ליב געהאַט דאָס פאָלק, און דאָס פאָלק האָט זי ליב געהאַט. האָט מען די ביכער ניט געקאָנט דרוקן, האָט דאָס פאָלק פאַרשפּרייט די לידער — אויסנ־וויניק, מינדלעך, די „טעאַטער־שטיק" — דורך כתב־ידן, אין די פילע צענדליקער, אין די פילע הונדערטער.

דאָ, אין די דאָזיקע פאָלקסטימלעכע ביכלעך — פונקט ווי אין די פאָלקס־מעשיות און פאָלקס־לידער, נאָר אויף אַ מער קאָנקרעטן, מער רעאַליסטישן אופן — קאָן מען אוממיטלבאַר אַנטאַפּן דעם דופק פונעם פאָלק, דאָ אַנט־פּלעקט זיך אַנשוילעך דער כאַראַקטער פונעם פאָלק, די אייגנאַרטיקייט פון זיין געמיט־לעבן, פון זיין שטייגער, פון זיינע אידעאַלן און פון זיין שטרעבן צו גערעכטיקייט, פרייהייט און ליכט. און דאָס איז די אייגנאַרטיקייט און אָריגינעלקייט פון די דאָזיקע שיינע פאָלקסטימלעכע שאַפונגען.

זייט די פּופּציקער יאָרן זיינען אָנגעקומען אין דער העברייאישער ליטע־ראַטור אַ ריי באַדייטנדיקע שרייבער, וואָס האָבן געפּרוּווט דורכרייסן דעם שפּינוועבס פון דער מליצה. דער לירישער פּראָזאַיקער אברהם מאַפּו שרייבט זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען פון דער ביבלישער צייט. די „היסטאָריע" איז אין די דאָזיקע ראָמאַנען זייער נאַאיוו, אָבער די פּראָסטקייט פון די געפילן, די שיינע נאַטור־בילדער, די שילדערונגען פון ליבע ביי זייער גאַנצער אידיליק און בוקאָליק — זיינען פאַר יענער צייט אין דער יידישער סביבה, בפרט אין דער העברייאישער ליטעראַטור, געווען אַ נייס און אַן אויפטו. זיין „עיט צבוע" (אַיט צאָוואָ — פילקאָלירקער רויב־פויגל) איז אַ קריטישער שטייגער־ראָמאַן. ס׳קומט דעמאָלט דער ערנסטער און טאַלאַנטפולער דיכטער און געזעלשאַפט־קריטיקער יהודה־לייב גאָרדאָן (וואָס האָט אויך געשריבן

אויף יידיש). ס'קומט פּרץ סמאָלענסקין מיט זיינע ראָמאַנען „התועה בדרכי החיים" (האַטויע בעדאַרקיי האַכאַים — דער בלאָנדזשענדיקער אויף די וועגן פונעם לעבן) און „קבורת חמור" (קוואוראַס כאַמויר — אַ באַגרעבעניש ווי פון אַן אייזל). אברהם מאַפּו איז געווען אַ נאַאיוועד ראָמאַנטיקער, גאָרדאָן אַ ניכטערער קרעפּטיקער רעאַליסט, סמאָלענסקינס רעאַליזם איז געווען שטאַרק פאַרטונקלט פון אַ שטענדיקן אינערלעכן שטרייט מיט זיינע אייגענע ראָמאַנטיש־נאַציאָנאַליסטישע אידייען. מאַפּו און סמאָלענסקין זיינען ווייט ניט פריי געווען פון מליצה. אָבער אַלע דריי זיינען געווען משכילים, האָבן גע־קעמפט מיט זייער קינסטלערישן טאַלאַנט קעגן די מיטלאַלטערלעכע פאָרמען פון לעבן, קעגן דעם אָפּגעשטאַנענעם שטייגער, קעגן קהל, קעגן צבועקישער פרומלעכקייט, קעגן די פעאָדאַלע גבירים און תקיפים, קעגן דער אונטער־דריקונג פונעם פאָלק. דאָס זיינען אָן ספק געווען עכטע טאַלאַנטפולע שריי־בער, זיי האָבן זיך אויף זייער שטייגער באַמיט אָפּצושפּיגלען אין זייערע ווערק דאָס לעבן און די נויטן פונעם פאָלק.

ס'איז אָבער פאָרט אַ חילוק צווישן די דאָזיקע העברייאישע — און די יידישע בעלעטריסטן פון דער פריאיקער השכלה.ביים אָפּשאַצן אָן אויפּטו קאָנען מיר ניט פאַרבייגיין די פראַגע, אויף וויפיל דער אויפטו איז ניי אָדער רעלאַטיוו ניי. דער מאָמענט פון פיאָנערישקייט שפּילט דאָ שטענדיק אַ גע־וויסע ראָל. און מע טאָר ניט פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע דריי העברייאישע שרייבער האָבן זייערע געזעלשאַפט־קריטישע בעלעטריסטישע ווערק געשאַפן אין די פופציקער און זעכציקער יאָרן. אָבער די יידישע שרייבער: דער אויטאָר פון דער אַנאָנימער „די געגנאַרטע וועלט", אַקסענפעלד, עטינגער, האָבן שוין זייט דעם צווייטן יאָרצענדליק אינעם 19טן יאָרהונדערט רעאַליזירט די אויפקלערערישע טענדענצן אין לעבעדיקע רעאַליסטישע בילדער. דאָס איז ערשטנס.

צווייטנס, איז די פריאיקע אויפקלערערישע בעלעטריסטיק אין יידישער שפּראַך פריי פונעם נאַציאָנאַליסטישן נעפּל, פון כלומרשטן קלאַסיציזם, פון ראָמאַנטיק און מליצה — און דאָס קאָן מען וועגן אַזעלכע שרייבער, ווי מאַפּו און סמאָלענסקין, ניט זאָגן.

דריטנס, מוז מען פאָרט אונטערשטרייכן דעם באַדייט פון דער שפּראַך פאַרן גראַד פאָלקסטימלעכקייט און רעאַליזם פון אַ ליטעראַטור. י. ל. גאָרדאָן, דער באַדייטנדיקסטער פון די דריי דערמאָנטע שרייבער, האָט זיך אויף זיין שטייגער, ווי ווייט אַזאַ פּאַראַדאָקס איז מעגלעך, באַמיט צוצוגעבן זיין העב־רייאיש אַ שטייגעריש־„פאָלקסטימלעכן" כאַראַקטער. צו דעם צוועק האָט ער, ווי פריער פּערל א. אַ. און שפּעטער מענדעלע, איבערגעגעבן „יידישיזמען", דעם כאַראַקטער פון דער רייד־שפּראַך מיט דער הילף פון דעם מער וואָכעדיקן

(אײדער דער רײַנער ביבל־סטיל) משנה־נוסח. אָבער ווי קאָן מען זײַן אויף אַן אמתן און ביז צום סוף שטײַגעריש־פאָלקסטימלעך אין אַן אַנדער שפּראַך, ווי די, וואָס דאָס פאָלק רעדט, אין אַן אַנדער שפּראַך, ווי די, וואָס די ברייטע מאַסן פונעם פאָלק, צו וועלכע מע ווענדט זיך, פאַרשטייען און אין וועלכער דער דיכטער אַליין רעדט, טראַכט און פילט געוויינלעך? ווי קאָן מען אין אַן אָריגינעלער שאַפונג (ניט אינעם פלאַן פון היסטאָרישן ראָמאַן און ניט אינעם פלאַן פון אַן איבערזעצונג) איבערגעבן ביז צום סוף שטײַגעריש און רעאַליסטיש דאָס לעבן פונעם פאָלק, די שטימונגען פון זײַן געמיט, זײַן האַנדלען און זײַנע תנועות און דער עיקר זײַן וואָרט — אויב ניט טאַקע קודם־כל אין זײַן אייגענער שפּראַך?

וויפיל י. ל. גאָרדאָן אָדער סמאָלענסקין האָבן ניט געזאָלט שטרעבן צו רעאַליזם, פעלט אָבער אין זייערע העברייאישע ווערק פאַרט אַ רעאַליסטישער עיקר — דער ווירקלעכער שטײַגעריש־לעבעדיקער אויסדרוק. ווי מע האָט ניט געזאָלט — אין אַ דיאַלאָג — נאָכמאַכן אויף העברייאיש אַ ייִדישן זאַץ — אָבער קיינמאָל אין דער וועלט האָט אַזוי אַ ייד ניט גערעדט. ס'איז געבליבן איבערגעזעצט, קינסטלעך, געמלאכהט. ביי די בעסטע שאַפונגען גאָרדאָנס איז פאָרט געבליבן אַ מחיצה צווישן זיי און דעם ווירקלעכן לעבן, — און דער צווישנשייד איז געווען די העברייאישע שפּראַך, וואָס איז געווען פרעמד דער שעפערישקייט און דער באַוועגלעכקייט פונעם אַלטעגלעכן לעבן.

די שפּראַך, אין וועלכער דאָס פאָלק רעדט, איז אַ גוואַלדיקער קאָנצענטראַט פונעם לעבן, אַלס די פאָרם פונעם פאָלקס לעבעדיקער באַוועגונג, אַלס זײַן שאַפונג, אַלס דער אויסדרוק פאַר זײַן קולטור. די שפּראַך גופא אַלס אַזעלכע אַנטהאַלט שוין אַ גרויס שטיק פונעם פאָלקס לעבן. אָן איר קאָן מען זיך ניט באַגיין, אויב מע וויל דערפילן דעם פולס און דעם געשמאַק פון דעם דאָזיקן לעבן און מע וויל דאָס פאַרקערפּערן אין קינסטלערישע בילדער.

דער ווערט פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער ערשטער העלפט פונעם 19טן יאָרהונדערט ליגט ניט בלויז אין אירע היסטאָרישע טענדענצן, אין דעם וואָס זי האָט קינסטלעריש פאַרקערפּערט דאָס געזעלשאַפטלעכע שטרעבן פונעם פאָלק, נאָר אויך דערין, וואָס זי האָט דאָס דאָזיקע לעבן גופא מיט זײַן „וואָכעדיקער" נויט און פּיין, מיט זײַן מענטשלעכער פרייד, מיט זײַן שעפערישקייט און שטרעבן צום ערשטן מאָל קרעפטיק קינסטלעריש פאַרפיקסירט.

דעם ווערט פון אַזאַ מין פריאיקער אַנהייבנדיקער ליטעראַטור מעסט מען ניט בלויז מיט „ריין־קינסטלערישע" מאָסן, לויט די פּרינציפּן פון דער אָפיציעלער פּאָעטיק, לויט דעם גראַד גראַטנקייט פון די אָנגעווענדטע קינסט־לערישע מיטלען. איר ווערט איז העכער. אין אַזעלכע ווערק, וואו די שפע

פון לעבן איז נאָך ווייניק געצוימט פון קאַנאָנס און וואו דער שרייבער לאָזט זיך פירן דער עיקר פונעם לעבן, — איז פאַראַן עפּעס וואָס פון יענעם כוח, וואָס שאַפט, ענדערט און אַנטוויקלט די קונסט־געזעצן און מאָסן.

אַקסענפעלדס „שטערנטיכל״ און זיינע קאָמעדיעס, עטינגערס „סערקעלע״, די פאָלקלאָרישע מעשיות (אָפּגערעדט פון לידער) פון יענער צייט געהערן צו יענעם מין שאַפונגען, וואָס זייער ווערט איז ענגער פאַרבונדן מיט דער שפּראַך גופא און איר אויסדריקלעכקייט, איידער געוויינלעך פּראָזאַאישע און דראַמאַטישע ווערק. למשל: ביי אַן איבערזעצונג פאַרלירן זיי מער טאָקע פון זייער אָביעקטיוון ווערט, איידער פּראָזע און דראַמאַטורגיע פון אַ קינסטלערישן העכער אַנטוויקלטן מין. דער באַדייט פון דער שפּראַך גופא איז דאָ אַן אָביעקטיוו גרעסערער. די שפּראַך גופא האָט דאָ אַ גרעסערן אַנטייל אין דער קינסטלערישער „סובסטאַנץ״ פונעם ווערק, אַזוי צו זאָגן. אין דעם פּרט זיינען אַזעלכע נאַאיווע, צום טייל „נאַטור־וואוקסיקע״, ווערק ענלעך צו דיכטונג, וואָס פאַרלירט אַ שטיק נשמה ביים איבערדערציילן אין פּראָזע אָדער אין אַן איבערזעצונג. די שפּראַך — די שפּראַכלעכע רויערד, וואָס איז פול מיט פּרוכטבאַרן זאַפט און אומגעצוימטן לעבן, מיט דורותדיק אָנגעזאַמלטע געדאַנקען און געפילן —- ווערט דאָך דאָ צום ערשטן מאָל קינסטלעריש פיקסירט. דערמיט, וואָס דער ליטעראַרישער אַקער רירט זיך דאָ צו צום שפּראַכלעכן אור־באָדן, רודערט ער אויף אַ גרויסן אָנגעזאַמלטן שעפערישן כוח. אַזאַ מין ערשטמאָליק פאַרפיקסירן ברענגט שוין פאַר זיך באַדייטנדיקע אויפטוען. כאָטש ס׳איז אַמאָל אין אַזעלכע פאַלן שווערער, ווי געוויינלעך אין ליטעראַטור, פעסטצושטעלן די גרענעצן צווישן דער שעפערישקייט פונעם פאָלק און די אינדיווידועלע אויפטוען פונעם שרייבער.

די יידישע ליטעראַטור פונעם 19טן יאָרהונדערט האָט אויפגענומען אַ סך און פאַרשיידנאַרטיקע ווירקונגען, זייער ווערטפולע ווירקונגען אויך פון דער דעמאָלטיקער העברייאישער ליטעראַטור. באַזונדערס וואָס שייך דערקענטעניש און קולטור בכלל און וואָס שייך דער אויפקלערערישער וועלט־אַנשויאונג בפּרט, וואָס איז צו יענער צייט אין דער יידישער סביבה פאָרמולירט געוואָרן אין דער העברייאישער שפּראַך.

אָבער אימפּולסן פאַרן קינסטלערישן שאַפן אין דער רעאַליסטישער פּראָזע און דראַמע, אָנרעגונגען פאַרן שאַפן בילדער פונעם ווירקלעכן שטייגערישן לעבן, לעבעדיקע געשטאַלטן און לעבעדיקע געפילן האָט די יידישע ליטעראַטור, לפּחות ביז אין די זעכציקער יאָרן, פון דער העברייאישער ליטעראַטור זייער ווייניק באַקומען, ווייל זיי זיינען דאָרט כמעט ווי ניט געווען. די ווירקונג פון דער העברייאישער פּראָזע (מאַפּוס „עיט צבוע״) האָט, אין זיין צייט, שיער ניט געשעדיקט אַזאַ גרויסן טאַלאַנט ווי מענדעלע — באַלד ביים אָנהייב פון

זיין שאַפן („האבות והבנים“), ביז ער האָט זיך ניט געכאַפּט און האָט ניט אָנגעקניפּט אין די פּראָסטע טראַדיציעס פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור.

און דווקא גראַד די פּראָסטע יידישע שפּראַך, די „האַמעטנע“ יידישע ביכלעך און יידישע פאָלקס־לידער, מעשיות א. אַז. וו. האָבן דער אַלטער רייכער און ערודיציאָנעלער העברייאישער ליטעראַטור געגעבן אַ סך לעבעדיקע קינסטלערישע אימפּולסן און אָנרעגונגען. ניט בלויז וואָס שייך בילדער און טיפּן, נאָר אויך וואָס שייך דער אויסבילדונג פון דער נייער העברייאישער שפּראַך פון דעם נייעם העברייאישן פּראָזע־סטיל, וואָס באַזירן זיך אויף פּערלס, לעווינזאָנס, גאָרדאָנס סטיל און דער עיקר אויף מענדעלעס נוסח, און דאָס הייסט — אויף דער ווירקונג פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

אין דער יידישער ליטעראַטור פון דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערטס האָט צום ערשטן מאָל זייט יאָרהונדערטער דאָס פאָלק אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן זיך און זיין לעבן ניט אין אַבסטראַקטע זאַצן און כראָניקיאַרישע באַריכטן, ניט אין מעשיות מיט אַ צומיש פון פאַנטאַסטיק, נאָר אין לעבעדיקע, וואָרהאַפטיקע אָריגינעלע ליטעראַרישע בילדער.

אויף אַזאַ ווערק, ווי עטינגערס „סערקעלע“, האָבן געווירקט פאַרשיידענע אייראָפּייאישע השפעות, באַזונדערס די דראַמאַטורגיע פון דער אויפקלערונג. אָבער שוין בלויז דאָס אַליין, וואָס ער האָט פאַר זיינע אויפקלערערישע טענדענצן אָריינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור פּראָסטן, וואָכעדיקן לעבעדיקן שטייגער, איז דעמאָלט (אַן ערך אין 1825) געווען אַ גרויסער אויפטו. אַזוינס און אין אַזאַ מאָס, ווי ביי עטינגערן, איז דעמאָלט אַפילו אין דער אייראָפּייאישער און רוסישער דראַמאַטורגיע וויט ניט געווען קיין זעלבסטפאַרשטענדלעכע און פאַרשפּרייטע זאַך. דאָס אַליין איז שוין געווען אַ זייער וויכטיקער אָריגינעלער שטריך. דערביי מוז מען געדענקען, אַז דער דאָזיקער שטייגער ווערט אין אַזאַ שפע און לעבעדיקייט דאָ צום ערשטן מאָל פיקסירט. אין אַזעלכע פאַלן קאָן זיך געוויינלעך דער שרייבער לייכט פאַרלירן אין דער שפע פון באַאָבאַכטונגען, אַזוי אַז דער מאַטעריאַל הערשט איבער אים. עטינגער אָבער האָט די שפע פון ניי־פיקסירטן שטייגער אויסגעצייכנט באַהערשט און קינסטלעריש אויסגעפורעמט.

צו אַזאַ רעאַליסטיש ווערק, ווי עטינגערס „סערקעלע“, האָט די העברייאישע ליטעראַטור פונעם 18טן ביז העלפט 19טן יאָרהונדערט גאָרניט וואָס אַנטקעגן צו שטעלן, סיי לויטן סכום פאַרפיקסירטן לעבן, סיי לויט דער מייסטערשאַפט פון דער פאָרם. די דאָזיקע קאָמעדיע, וואָס איז געשריבן געוואָרן צוריק מיט אַן ערך 115 יאָר, איז ביז היינט אין קינסטלערישן זינען

אפשר די בעסטע אַפילו אין דער יידישער ליטעראַטור, אָפּגערעדט פון דער העברייאישער, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין דראַמאַטורגיע.

און ווידער: אין אַקסענפעלדס ווערק איז אויפגענומען, אויפגעכאַפּט אַ ריזיק שטיק פונעם צאַפּלדיקן אינטימען לעבן אין זיין צייט. און וועגן וואָסער קינסטלעריש־דערציילעריש ווערק אין דער דעמאָלטיקער העברייאישער ליטע־ראַטור קאָן מען אַזוינס זאָגן? סיידן וועגן פערלס „מגלה טמירין". געוויס: אין די ווערק פון מאַפּו, גאָרדאָן, סמאָלענסקין איז פאַראַן אומפאַרגלייכלעך מער קולטור, מער ערודיציע, זייער שאַפן איז טאַקע אָן אָן ערך איג־טעלעקטועלער, און טאַקע אויך פילזייטיקער, פילפאַרביקער, דעריבער אין אַ ריי פּרטים אָן אָן ערך רייכער. אָבער די ווערק פון אַזאַ שרייבער ווי אַקסענ־פעלד פאַרמאָגט מער חיות, מער לעבעדיקע זאַפטן. אַקעגן דעם בלוטפולן, קרעפטיקן, כאָטש טאַקע אַ ביסל פּרימיטיוון אַקסענפעלד זעט דאָך אַפילו דער רייך־באַגאַבטער סמאָלענסקין אויס אַנעמיש. אַקסענפעלדס ראָמאַן „דאָס שטערנטיכל" פאַרמאָגט דעם עכטן חן פון נאַטור־וואוקסיקייט, פון אוממיטל־באַרקייט. די אידייען פון דער השכלה, דאָס אויפקלערערישע שטרעבן באַ־קומט דאָ פאָלקסטימלעכע, המונישע שטריכן, די אַבסטראַקטע „הימלישע טאָכטער" ווערט פאַרקערפּערט אין זייער ערדישע געשטאַלטן. וועגן וועלכע העברייאישע עלטערע פּראָזאַאיקער אין דער קינסטלערישער ליטראַטור ביז די פופציקער־זעכציקער יאָרן קאָן מען אַזוינס זאָגן? די יידישע פאָלקלאָרישע און האַלב־פאָלקלאָרישע סאַטירישע לידער קעגן חסידים און רביים, די לידער וועגן רעקרוטשינע, די ליבע־לידער א. אַז. וו. — וואָס קאָן מען זיי פאַרגליכן ווערן אין דער דעמאָלטיקער העברייאישער ליטעראַטור ביז צו גאָרדאָנען?

די דאָזיקע עלטערע ווערק פון דער נייער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך געשטיצט אויפן רעאַלן לעבן, אויף די באַדערפעניש און אויפן שטרעבן פון די פאָלקס־מאַסן. די דאָזיקע ביכער האָבן אַ געשיכטע, אַ היסטאָרישן צו־זאַמענהאַנג פון דור צו דור, ס'איז דאָ פאַראַן אַן אַנטוויקלונג, אַ טראַדיציע, פון שטופּע צו שטופּע: אייכל, וואָלפּסזאָן, מ. לעפין, דער אַנאָנים פון „די גענאַרטע וועלט", אַקסענפעלד, עטינגער, לעווינזאָן, גאָטלאָבער, דיק, ליגעצקי, גאָלדפאַדן, מענדעלע, א. אַז. וו., א. אַז. וו. און דאָס אייגענע שטעלן מיר פעסט אינעם וועג פונעם אַלטן פאָלקלאָר־ליד צום האַלב־ליטעראַרישן, האַלב־פאָלקלאָרישן פאָלקס־ליד. די דאָזיקע ליטעראַטור האָט געוואוסט, וואָס זי וויל. אַזוינס רופט זיך ליטעראַטור אין אייגנטלעכן זינען פונעם וואָרט.

קיין שום קוואַלן, ניט וויסנשאַפטלעך־היסטאָרישע, ניט בעלעטריסטישע (אין העברייאיש און אַנדערע שפּראַכן), קאָנען ניט פאַרבייטן דעם וואָרט פון דער דאָזיקער ליטעראַטור אויף צו דערקענען, אָנשוילעך צו באַנעמען און צו דערפילן בחוש דאָס אינטימע, טאָג־טעגלעכע לעבן פונעם פאָלק, פון די מאַסן

אין יענער צייט, זייערווירקלעכן שטייגער, זייערע געפילן, זייער געזעלשאַפט־לעך דענקען, זייער טראַכטן, האַנדלען, האָפן, שטרעבן און די שעפערישקייט פון זייער וואָכעדיקן געוויינלעכן טאָג. די ליטעראַטור פון יענער צייט איז ניט בלויז אַן אייגנאַרטיקער אָפּשניט אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אַזאַ, וואָס האָט פאַר זיך אַן אָריגינעלן און זעלבשטענדיקן באַדייט. זי איז ניט בלויז אַ וויכטיקע זאַמלונג פון געשיכטלעכע דאָקומענטן, אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל פון דער יידישער קולטור, פון דער יידישער געשיכטע בכלל, נאָר אויך אַ זאַמלונג פון דענקמאָלן פון דער שעפערישקייט פונעם פאָלק אין איינעם פון די שווערע, פאַראומערטע פעריאָדן אין זיין געשיכטע.

מ. ווינער

מאָסקווע, יאַנואַר 1939.

די יידישע ליטעראַטור ביים אָנהייב פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט

1. דאָס עלטערע און דאָס נייע יידיש

דאָס עלטערע יידיש אין דייטשלאַנד—יידיש־טייטש—האָט ניט אַריבער־געטראָטן די שוועל, וואָס פירט צו דער אויסבילדונג פון אַ נייער זעלבּ־שטענדיקער שפּראַך. ערשט דער צונויפשטויס מיט די סלאַווישע שפּראַכן, מיט פּויליש, אוקראַיניש, רוסיש, טשעכיש, און מיט זייער ווירקונג האָט געמאַכט פון יידיש־טייטש — די יידישע שפּראַך. די פאַרשיידענע יידיש־טייטשע דיאַלעקטן, וואָס האָבן אויסער די דייטשע לענדער אָפּגעהיט זייער אַלטע טייטש־יידישע גרונט־פאָרם (דאָס יידיש פון אונגאַרן, פון בעמען, מאָראַוויע א. אַז. וו.),* האָבן אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן אַ ווייטערדיקע אַנט־וויקלונג־טענדענץ. זיי זיינען אָבער איבער פאַרשיידענע היסטאָרישע סיבות געבליבן פאַרגליווערט אויפן וועג פון דיאַלעקט צו שפּראַך. זיי מאַכן דעם איינדרוק פון ניט ביז צום סוף אויסגעטראָגענע שפּראַך־בילדונגען, וואָס זייער אַנטוויקלונג איז מיטאַמאָל איבערגעהאַקט געוואָרן ביים וואָרצל, און זיי האָבן אָנגעהויבן איינצודאַרן.

אַן אַנטשיידנדיקער קער אין דער אַנטוויקלונג פון יידיש צו אַ שפּראַך שטעלן מיר פעסט ערשט אינעם 17טן יאָרהונדערט אין יענע לענדער, וואו ס'האָבן געלעבט געדיכטע יידישע מאַסן און וואו די פאַרבינדונג מיט דער דייטשער שפּראַך איז געאָגראַפיש איבערגעריסן געוואָרן. אין דעם זינען זיינען די פּאַר־הנחות געווען אַמגינסטיקסטן אין פּוילן, ליטע און אוקראַינע. עס זעט אויס, אַז אין די דאָזיקע לענדער גופא איז דער גראַד שפּראַכלעכער פאַרזעלבשטענדיקונג געווען אָפּהענגיק אויך פון דעם געאָגראַפישן מהלך, וואָס האָט אָפּגעשיידט יידיש פון דייטשע שפּראַך־צענטערס. און געמיינט איז ניט בלויז פון דייטשע שפּראַך־געגנטן, נאָר אויך פון יענע געגנטן, וואו ס'האָבן זיך געפונען אין אַ גרעסערער צאָל דייטשע (ניט־יידישע, און אויך נייע יידישע) איינוואַנדערער. די עלטערע יידיש־טייטשע פאָרמען האָבן זיך, אַפּנים, לענגער, עקשנותדיקער אָפּגעהיט אין די גרויסע אַלט־פּוילישע שטעט, וואו דייטשע (ניט־יידישע) איינוואַנדערער האָבן געבילדעט אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער שטאָטישער בירגערלעכער באַפעלקערונג, ווי למשל אין קראָקע א. אַז. וו ;

* איטאַליע און האָלאַנד האָבן פאַרמאָגט בלויז קליינע גרופּעס איינגעוואַנדערטע דייטשע יידן ; זייער יידיש איז געווען פאַרמשפּט צום גיכן אונטערגאַנג.

אין פּאָדאָליע, אוקראַינע און אַפילו מזרח־גאַליציע, באַזונדערס אין די קלע־נערע שטעט, שטעטלעך און ישובים, האָבן זיך אינטענסיווער און אָרגאַנישער אויסגעבילדעט די אייגנטלעכע פאָרמען פון יידיש, וואָס האָבן זיך דאַן מיט דער צייט אין גרונט פאַראיינהייטלעכט אין די מזרח־אייראָפּייאישע סלאַווישע לענדער.

אַן ערך אין דער צווייטער העלפט 17טן יאָרהונדערט איז דער פּראָצעס פון שפּראַכלעכער פאַרזעלבשטענדיקונג פון יידיש אין פּוילן און אוקראַינע געווען מער אָדער ווייניקער פאַרענדיקט. מיר האָבן שוין דעמאָלט פּאַרטיק די וויכטיקסטע שטריכן פון אונדזער היינטיקער יידישער שפּראַך, כאָטש ס׳האָבן זיך דאָ נאָך נאָכגעשלעפּט אַ מענגע אַרכאַאישע עלעמענטן.

דאָס איז אַלץ געזאָגט וועגן דער גערעדטער שפּראַך. אין דער שריפט־שפּראַך האָט זיך נאָך אַ היפּשע צייט לאַנג געהאַלטן דער אַלטער יידיש־טייטשער ליטעראַרישער שפּראַך־קאַנאָן.* ער איז אָבער שוין דאָ אין פּוילן מער ניט געווען קיין לעבעדיקע זאַך. און ווי דער שרייבער זאָל זיך ניט באַמיען, רייסט זיך פאָרט דורך דורכן יידיש־טייטשן שריפט־קאַנאָן דאָס לעבעדיקע יידיש, אַמאָל אין איינצלנע ווערטער, אַמאָל אין גאַנצע זאַצן, אַפילו אין די אָפיציעלע דאָקומענטן (קהלשע פּנקסים א. אַ.) און אין די ביכער פון דער רעליגיעז־יורידישער און ריטואַלישער קאַזואיסטיק (רעספּאָנסן—שאלות־ותשובות). די איבערדרוקן פון די עלטערע יידישע ביכער ווערן יעדעס מאָל צוביסלעך אַלץ מער צוגעפּאַסט צום ביימם יידיש, ווייל דאָס עלטערע יידיש־טייטש ווערט אַלץ מער און מער פרעמד און אומפאַרשטענדלעך. דער איינ־רייס צווישן דער רייך־אַנטוויקלטער גערעדטער ביער יידישער שפּראַך און דעם מיט דער צייט איינגעשרומפּענעם, דאַרן און פאַרגליווערטן עלטערן יידיש־טייטש ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער.

* * *

דער זעלבער ווידערשפּרוך ווייזט זיך אָבער אין אַ נאָך גרעסערער מאָס צווישן דעם שעפערישן גייסט פון די פאָלקס־מאַסן און דעם וואַרגנדיקן קלעם פון די מיטלאַלטערלעכע פּענטעס.

דער שליאַכטעצקער פּעאָדאַליזם האָט געפוילט ביי לעבעדיקן לייב, די פּוילישע מלוכה איז געווען קראַנק און פאַרקריפּלט, דאָס פּוילישע פאָלק — פאַרקנעכטעט און פאַראָרעמט. דער פעאָדאַלישער מאַגנאַט, דער שטאָטישער מאַגיסטראַט, גאַנץ אָפט זיין משרת, פּונקט אַזוי ווי דער יידישער קהל, פרעסן

* אַ חוץ דער קאָנסערוואַטיווער אינערציע האָט דאָ, באַזונדערס אינעם 18טן יאָרהונדערט, געשפּילט אַ באַשטימטע ראָל דער פאַרלעגערישער חשבון, אַז די ביכער זאָלן קאָנען האָבן אַ גאַנג אויך אין אַנדערע לענדער, אַ חוץ פּוילן, וואו מע רעדט אָדער מע לייענט יודיש (טייטש)—אין דייטשלאַנד, האָלאַנד, בעמען, אונגאַרן א.אַז.וו.

אַרויס אויך פון די יידישע מאַסן זייערע זאַפטן און בלוטן. די עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטלעכע און גייסטיקע לאַגע אויך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן האָט געהאַלטן אין איין זינקען. נייע גערדיכטע נעפּלען פאַרפינצטערן זייער באַוואוסטזיין. די ווילד־צעוואַקסענע זינלאָזע קאַזואיסטיק, די סכאָלאַסטיש־סאָפיסטישע חקירות אָן אַן עק איבער די תלמודישע טעמעס, דער אַזוי־גערופענער פּלפּול, ווערט דעמאָלט די העכסטע פאָרם פון גייסטיקער טעטיקייט ביי די יידן אין די „פּוילישע" געגנטן און באַקומט דאָרט די העכסטע אַנטוויקלונג. פון דער אַנדערער זייט, זיינען אינעם באַוואוסטזיין פון די יידישע מאַסן אַלץ טיפער איינגעדרונגען פאָרשטעלונגען פון דער אַזוי־גערופענער לוריאַנישער פּראַקטישער קבלה — אויב מעגלעך, אין אַ נאָך מער פינצטערער און ווילדער פאָרם, ווי זיי זיינען אורשפּרינגלעך געווען ביי די פאַטערס פון דער דאָזיקער לערע. די לופט ווערט אָנגעפילט מיט רוחות, שדים, לצים, קליפּות, נשמות פון מתים, ניט־גוטע, משחיתים, מלאכים, דיבוקים, גלגולים, אַז ס'בלייבט אויף דער וועלט ניט קיין אָרט וואו אַ שפּילקע אַריינצוּוואַרפן. צבי־הירש קיידאַנאָווער דערקלערט אין זיין בוך „קב הישר", אַז אין יעדן נאָגל פון אַ פּרוי אין דער מענסטרואַציע־צייט געפינען זיך 1500 מינים גייסטער און שדים. ווילדע השגות וועגן פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, וועגן שטראָף און לוין אויף יענער־וועלט קלעמען און שרעקן דאָס געמיט פונעם פּראָסטן מענטשן. אַ ריזיקער עול פון אָן אַן עק קליינע און גרויסע מצוות און עבירות, מנהגים און ריטואַלן דריקן און דערשטיקן זיין אָרעמען טאָג.

דער געזונטער גייסט פונעם המון האָט זיך שווער געקאָנט דורכראַנגלען דורך די פינצטערע מיטלאַלטערלעכע געדיכטענישן. און פאָרט איז עס אָפּט געשען. באַזונדערס אין די פאָלקסטימלעכע שאַפונגען — אין דער פאָלקלאָרישער און האַלב־פאָלקלאָרישער פאָלקס־מעשה. ס'איז טיף דירנדיק צו זען, ווי עס שיינט פלוצים אַרויס, למשל, אין אַ שרעקעוודיק־פינצטערן יידישן מוסר־בוך — אַ וואונדערלעך שיינע ליבהאַרציקע פאָלקס־מעשה, אַמאָל אַ זעלבשטענדיק־איבערגעאַרבעטע, אַמאָל אַ ניי־געשאַפענע; אָדער ווי עס גיט זיך פלוצים אַ רייס־אַרויס די אויפגעבראַכטקייט פון די מאַסן אויף די פּרנסים, תקיפים, גבירים, אונטערדריקער און בלוטצאַפּער מיט שאַרפע ווערטער און ביטערער אָנקלאָג. דורכן אומהיימלעכן נעפּל באַווייזן זיך אויף אַ רגע דאָס פּנים און די שטריכן פונעם המון. אַ חוץ אַלעם — טאַקע אויך אין דער טיף־רירנדיקער האַרצלעכקייט פון דער שפּראַך, אין וועלכער גופא ס'האָבן אויך אויף עפּעס אַן אופן אָפּגעקלונגען די נויטן, די איידעלע מענטשלעכקייט און שעפערישקייט פונעם המון־מענטש.

אָבער כדי דאָס אַלץ זאָל קומען צו אַ מער דייטלעכן אויסדרוק, כדי עס זאָל אויפגעבונדן ווערן די צונג פאַרן וואָרט פונעם פאָלק, האָבן פריער גע־

דאַרפט כאָטש אַ ביסל לויזער ווערן די מיטלאַלטערלעכע פּענטעס, וואָס האָבן פאַרקריפּלט און צונויפגעקוועטשט זיין גייסט. ס'האָט געדאַרפט אַ בלאָז טאָן אַ פרישערע לופט, כאָטש אַ ביסל וועלטלעכקייט, כאָטש עפּעס וואָס פון אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן שטראָם.

דער חסידיזם האָט זיך אין זיין שטרעבן אַריינצודרינגען אין די מאַסן ענערגיש באַמיט אויסצונוצן די גערעדטע יידישע שפּראַך, ער האָט זיך אויף אַ באַטאָנטן אופן אָנגעכאַפּט פאַר דער שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן.

דער חסידיזם האָט אָבער, פאַרשטייט זיך, לויט זיין גאַנצן מהות ניט געקאָנט ברענגען דעם שפּראַכלעכן אויסדרוק קיין באַפרייאונג. מיט זיין רעליגיעז־אירראַלן, פאַנטאַסטישן תוך באַוועגט ער זיך איינגאַנצן אין דער פעאָדאַליש־מיטלאַלטערלעכער פאַרשטעלונגס־וועלט. ס'איז געווען אַ מין דעמאָקראַטישער צאַפּל—דווקא אין דער ריכטונג פון פעאָדאַלישער פינצטער־קייט. און גראָד צום סוף 18טן יאָרהונדערט, שוין נאָך דער פראַנצויזישער בורזשואַזער רעוואָלוציע און נאָך אירע אויסווירקונגען אויף אייראָפּע, הייבט זיך דער חסידיזם אָן אַמשטאַרקסטן צו פאַרשפּרייטן. ער איז אין טיפסטן תוך געווען אירראַל און אַנאַרכראָניסטיש. וואָס האָט אַזאַ „זעלבסטפאַרניכטנדיקע" („בטול היש") באַוועגונג געקאָנט געבן פאַר דער קולטור בכלל און פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער גערעדטער שפּראַך צו אַ ליטעראַרישער שפּראַך בפרט? זי איז געווען אַן ערנסטער אָפּהאַלט פאַר דער דאָזיקער אַנטוויקלונג, ווי בכלל פאַר דער מאַטעריעלער און גייסטיקער אַנטוויקלונג פונעם פאָלק.

ערשט דעמאָלט, ווען די אייראָפּייאישע בירגערלעכע אויפקלערונג האָט ביי די יידן אין די סלאַווישע לענדער אָנגעהויבן צו באַווייזן אירע ערשטע שפּראָצונגען, ערשט דעמאָלט, ווען די ערשטע משכילים האָבן זיך מוטיק אַנטקעגנגעשטעלט קעגן דער ריזיקער בייער מיטלאַלטערלעכער כוואַליע און האָבן אונטערגענומען דעם קאַמף קעגן דעם חסידיזם, — ערשט דעמאָלט, זייט סוף 18טן יאָרהונדערט, איז געקומען דער איבערבראָך אין דער אויפ־געהאַלטענער אַנטוויקלונג פון דער יידישער פאָלקס־שפּראַך צו אַן אייגנט־לעכער ליטעראַרישער שפּראַך. טאַקע אינעם קאַמף קעגן דער יידישער מיטל־אַלטערלעכקייט און קעגן איר לעצטן עקשנותדיקן אַריערגאַרד — דעם חסידיזם — איז אַנטשטאַנען די נייע וועלטלעכע יידישע ליטעראַטור.

די השכלה האָט אַ טרייסל געטאָן די גייסטיקע פּענטעס פון די מאַסן, און תיכף האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ וואונדערלעך רייכער אוצר פון לעבעדיקן פאָלקס־וואָרט. אַ שטראָם, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט זייט יאָרהונדערטער, האָט אָנגעהויבן ווילד צו פליצן אין די ערשטע יידישע ווערק פון די משכילים. קיין גרויסע קינסטלערישע שאַפונגען האָבן די ערשטע משכילים ניט גע־בראַכט, מיר באַקומען זיי ערשט אין מענדעלעס ווערק. אָבער באַגלייך מיט

זייער אויפקלערונג אויף יידיש האָבן די משכּילים געבראַכט די ערשטע וועלטלעך־קינסטלערישע פיקסירונג פון דער פאָלקס־שפּראַך. דאָס געהער אויך צו די באַדייטנדיקסטע אויפטוען פון די בעסטע ערשטע משכּילים אין די סלאַווישע לענדער. זיי האָבן פאַרפיקסירט די שפּראַך, דערווייל נאָך ניט אין הויכע קינסטלערישע פאָרמען, נאָר אַזוי ווי זי איז זיי געקומען אונטער דער האַנט, פריש און עכט, ווי אין דער נאַטור. מע מוז זיך אָפּט חידושן, ווי רייך, ווי פול מיט זאַפט ס׳איז די יידישע שפּראַך אין זייערע יידישע מאָגערינקע ביכעלעך.

2. יידיש אַלס וועלטלעכע ליטעראַטור־שפּראַך

די השכּלה איז, ווי געזאָגט, געווען אַ גרונט־פאַקטאָר ביים אַנטשטיין פון דער יידישער ליטעראַטור. ס׳איז אָבער פונקט אַזוי אויך אמת, אַז קיין שום יידישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג איז ניט געווען קעגנעריש געשטימט צו דער יידישער שפּראַך, ווי די השכּלה. זעלטן געפינען מיר בנוגע איר אַזאַ ביטולדיקע און פיינטלעכע באַציאונג, ווי אין דער השכּלה. באַלד פון אָנהייב אָן האָבן אַ טייל משכּילים פּראָקלאַמירט די רעכט און באַטאָנט דעם קולטור־ווערט פון דער פאָלקס־שפּראַך (לעפין, ביק, שאָר, עטינגער א. אַ.), אָבער אַנדערע אָנפירער פון דער השכּלה (מענדעלסאָן און זיינע תּלמידים, אין פוילן — טוביה פעדער א. אַ.) האָבן שאַרף באַקעמפט די יידישע שפּראַך און זי צוגערעכנט צו די סאַמע שעדלעכסטע דערשיינונגען ביים יידישן פאָלק. די השכּלה האָט פאָרמולירט די שאַרפסטע אַרגומענטן סיי קעגן און סיי פאַר דער יידישער שפּראַך.

דאָס איז צו דערקלערן מיט די אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן פון דער השכּלה, מיט דער סתּירהדיקייט פון איר באַציאונג צו די פאָלקס־מאַסן. די השכּלה איז געווען דער יידישער וואַריאַנט פון דער אַלגעמיינער בירגערלעכער אויפקלערונג און האָט, ווי די דאָזיקע, צו יענער צייט אין זיך אַנטהאַלטן, ווידערשפּרעכיק אַנטהאַלטן, אויך די באַוועגונג און די געזעלשאַפטלעכע פאָדערונגען פון די ברייטערע פאָלקס־מאַסן. זי איז געווען באַהערשט פון בירגערלעכע אידעאַלן, אָבער אַ טייל בעסטע משכּילים, ווי די בעסטע אייראָ־פּיִאישע אויפקלערער, האָט עס שטאַרק געצויגן צו די פאָלקס־מאַסן. אַמאָל באַגעגענען מיר די ווידערשפּרעכיקייט אַפילו ביי איינעם און דעם זעלבן פאָר־שטייער פון דער השכּלה. לויט דער טעאָרעטישער גרונט־איינשטעלונג פאָדערט ער ראַציאָנאַליסטיש די איינגלידערונג פון די יידן אין דער אייראָ־פּיִאישער בורזשואַזיע, איגנאָרירנדיק די היסטאָריש־קאָנקרעטע באַדערפע־נישן פון די מאַסן, אָבער אויף זיין געפיל און אויף זיין פּראַקטישער טעטיקייט ווירקט אָפט גענוג שטאַרק די אָנציאונג פון די פאָלקס־מאַסן, ווירקן זייערע

באַדערפענישן און נויטן, זייער אויסדרוק־אופן און זייער שעפערישקייט. אַזוינס האָט זיך ניט איין מאָל געטראָפן ביי די משכילים.

אַז די פאָלקס־שפראַך, דאָס „פאַרדאָרבענע דייטש“, וואָס „מאַכט יידן צו שאַנד און צו שפּאָט ביי אַלע פעלקער“, וואָס מאַכט קאַליע זייער מאָראַל, „די האַלב־חיהשע שפּראַך“ (גרעץ), „דאָס ווילדע שטאַמלעניש“, וואָס „פאַרקריפּלט זייערע מוחות“, אַז גראָד די דאָזיקע פאָלקס־שפראַך דאַרף און קאָן ווערן אַן אויסגעצייכנט געצייג פון דער אויפקלערונג, פאַר דער פאַרשפרייטונג פון די איידעלסטע און פאָרגעשריטנסטע געדאַנקען — אויף דער דאָזיקער אַנטדעקונג האָבן אָן ספק דירעקט צי אומדירעקט געווירקט באַשטימטע, זאָל זיין באַשיידענע ביישפּילן אינעם געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן און ליטעראַרישן לעבן פון די פעלקער אין דער דעמאָלטיקער עסטרייכישער נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה (די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון די פאַרשיידענע פעלקער אין דער עסטרייכישער אימפּעריע, די אַנטשפּרעכנדיקע ליטעראַרישע באַוועגונגען, די דייטשע דיאַלעקט־ליטעראַטור אין עסטרייך א. אַז. וו.). ס'איז ניט קיין צופאַל, וואָס די השכלה אויף יידיש האָט זיך אָנגעהויבן אין דער עסטרייכישער גאַליציע, וואָס גראָד דאָ האָבן דער אויטאָר פון דער אַנאָנימער „די גענאַרטע וועלט“, י. ב. לעווינזאָן, אַקסענפעלד, עטינגער א. אַ. באַקומען די אַנטשיידנדיקע אָנרעגונג צו שרייבן יידיש.

דאָ האָבן זיי באַקומען די אַנטשיידנדיקע אָנרעגונג, ווייל דאָ האָבן זיך דעמאָלט באַגעגנט אַ ריי גינסטיקע אומשטענדן: אַ לעבעדיקער האַנדלס־פאַרקער (בראָד, טאַרנאָפּאָל, לעמבערג) און אַ געוויסע באַקאַנטשאַפט מיט דעם, וואָס עס טוט זיך אין איראָפּע, אַ פאַרהעלטניסמעסיק פרייערע וועלטלעכקייט, איידער ביי די דעמאָלטיקע יידן אין אוקראַינע, באַציאונגען מיט ווין, השפעות פון דער דייטשער קולטור, וואָס די עסטרייכישע מלוכה האָט זיך איבער קאָלאָניזאַטאָרישע טעמים באַמיט דאָ איינצופלאַנצן (דורך דייטשע טעאַטערן, דייטשע שולן, דייטשע צייטונגען א. אַז. וו.), די ווירקונג פון די אָנהייבנדיקע נאַציאָנאַליטעטן־באַוועגונגען אין עסטרייך, די השפעות פון דער יידישער השכלה אין דייטשלאַנד, די שטייגעריש־לעבעדיקע באַציאונג פון די גאַליצישע משכילים צו דער יידישער שפּראַך (להיפּוך צו די דייטשע משכילים), די פאַרהעלטניסמעסיקע קאָנצענטראַציע פון אַ גרעסערער צאָל אויפגעקלערטע, געקומענע פון אוקראַינע, פוילן און גאַליציע, אין איין אָרט; דער פאַקט, וואָס די שפּראַך פון דער אָרטיקער ניט־יידישער באַפעלקערונג (אוקראַיניש און פויליש) איז דעמאָלט ניט געקומען אין באַטראַכט פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון אויפקלערונג צווישן די ברייטע יידישע מאַסן. זייער וויכטיק איז אויך געווען די נאָענטקייט צו מזרח־אוקראַינע, וואו די יידישע מאַסן זיינען געווען באַזונדערס הינטערשטעליק, אַפילו אין פּרט פון דער

רעליגיעז־טראַדיציאָנעלער קולטור. די נייע יידישע וועלטלעכע ליטעראַטור האָט איר ערשטע וואָרצלען אין גאַליציע, דאָרט, וואו ס'באַגעגנט זיך גאַליציע און פּאָדאָליע. איר בליק איז אָבער פון אָנהייב אָן באַזונדערס געווען געווענדט אויף די יידישע מאַסן אין מזרח־אוקראַיִנע. דאָרט האָבן די משכילים באַזונדערס דייטלעך דערזען די באַדערפעניש פאַר אַזאַ ליטעראַטור (פאַרגל. דעם באַוואוסטן בריוו — 1815 — פון ביק צו ט. פעדער, אין וועלכן ער פאַרטיידיקט די יידישע שפּראַך קעגן פעדערס אָנגריפן: „מכל שכן איז נייטיק [אַ ליטעראַטור אויף יידיש—מ. וו.] פאַר יידן, וואָס זיינען פאַרוואָרפן אין אוקראַיִנע און קאָנען ניט לייענען אין ביכער פון אַנדערע שפּראַכן.") פון אוקראַיִנע האָט זיך דאָך פאַרשפּרייט קיין גאַליציע דער חסידיזם, פון דאָרט איז דאָך גאַליציע פאַרשפּרייט געוואָרן מיט חסידישע אַפּאָסטאָלן און מיט חסידישער ליטעראַטור. זיינען טאַקע דער עיקר אַהינצו געווען געווענדט די משכילישע קאָנטער־אָנגריפן, צו וועלכע ס'האָט אויך געהערט דאָס באַשאַפן אַ יידישע וועלטלעכע ליטעראַטור.

3. חסידיזם און השכלה

סוף 18טן אָנהייב 19טן יאָרהונדערט האָט דער חסידיזם באַקומען אַ נייע אַנטוויקלונג. גראָד דעמאָלט, ווען ס'הייבט זיך אָן צעבליען די יידישע השכלה — איינע אָן אויסווירקונג פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזער רעוואָלוציע אין דער יידישער סביבה, — גראָד דעמאָלט פאַרשפּרייט זיך אויפסניי אין די אָפּגעשטאַנענסטע ווינקלען פון די יידישע וואוין־ערטער אַ רעליגיעזע באַוועגונג, אין וועלכער ס'זיינען קאָנצענטרירט געדיכטע עלעמענטן פון מיטלאַלטער. ביזן סוף 18טן יאָרהונדערט איז די אויסשפּרייטונג פונעם חסידיזם געבליבן פאַרהעלטניסמעסיק לאָקאַל באַגרענעצט: אין פּאָדאָליע און אין מזרח־גאַליציע. זיין אויסשפּרייטונג אין אַנדערע קאַנטן איז געווען ניט־באַדייטנדיק. ערשט זייט דעם לעצטן דריטל פון 18טן יאָרהונדערט, און וואָס שפּעטער אַלץ מער, האָט זיך דער חסידיזם אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אויף גאַנץ גאַליציע, גרויס־פּוילן, אוקראַיִנע, ליטע, מאָלדאַוויע און האָט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אַפילו אין די באַלטישע קאַנטן און קיין אונגאַרן. נייע חסידישע ריכטונגען און שטרעמונגען קומען אויף אין דער חסידישער באַוועגונג, וואָס האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן צו גליווערן. צווישן זיי אויך די ריכטונגען פון שניאור־זלמן פון ליאַדי און נחמן פון בראַצלאַוו. דער חסידיזם ווערט איצט אַגרעסיווער, מער ווי ווען־ניט־איז פריער, ער מאַכט אונטערטעניק צו זיך די פריערדיקע רבניש־מתנגדישע קעגנער, וואָס גייען מאַסנוויז אַריבער אויף זיין זייט.

די דאָזיקע געדיכטע כוואַליע מיטלאַלטערלעכקייט שטויסט זיך צונויף מיט דער דעמאָלט נאָך זייער שוואַכער, קליינער אין צאָל, ניט-באַשיצטער און אומבאַהאָלפענער משכּילישער באַוועגונג. און זייער גיך באַנעמט דער חסידיזם זיין אייגענעם תּוך אַלס קאָנטער-אויפקלערונג-באַוועגונג, אַלס רעאַקציאָנערע דאַמבע קעגן די לעבעדיקע, פרישע אידייען, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַפּצוהילכן אַהערצו פון אייראָפּע.

דער קאַמף צווישן חסידיזם און השׂכּלה האָט אויך אַרויסגערופן אַ געראַנגל אויף צו דעראָבערן די ברייטסטע מאַסן מיט דער הילף פון דער פאָלקס-שפּראַך. דעם באַדייט פון יידיש אַלס אַגיטאַציע-מיטל האָט דער חסידיזם שוין לאַנג באַנומען; איצט האָט ער דאָס אָנגעהויבן באַזונדערס צו באַטאָנען און צו רעאַליזירן. די השׂכּלה האָט זיך געמוזט ווענדן צום זעלבן מיטל, כאָטש דאָס איז געווען אין ווידערשפּרוך צו די אָנשויאונגען פון אַ טייל פירער אירע, באַזונדערס אין דייטשלאַנד, אָבער אויך אין גאַליציע, וואָס האָבן זיך אָריענטירט אויף דער לאַנד-שפּראַך און אויף אַ פּסעוודאָ-קלאַסיציסטישן העברייאיש. די נויטן פונעם לעבן און די אויפקומענדיקע מער דעמאָקראַטישע ריכטונגען אין דער השׂכּלה האָבן דאָ געבראַכט אַן איבערבראָך. אַזוי איז אינעם קאַמף קעגן דעם מיטלאַלטערלעכן לעבן, אַלס אַנטי-חסידישע ליטעראַטור, אַנטשטאַנען די וועלטלעכע ליטעראַטור אין דער נייער יידישער שפּראַך.*

דער וויכטיקסטער ווענדפּונקט אין איר אַנטשטייאונגס-געשיכטע ליגט אין דער צווייטער העלפט פונעם צווייטן יאָרצענדליק אין 19טן יאָרהונדערט, צווישן 1815—1820, און איז פאַרגעקומען דווקא אין יענע געגנטן, וואָס האָבן געהערט צו די צענטראַלע וואוין-ערטער פון די חסידים און פונעם חסידיזם.

* * *

אין דער מיט צענער יאָרן האָט די „אַפּאָסטאָלישע", אַגיטאַטאָרישע טעטיקייט פונעם חסידיזם אין יידישער שפּראַך דערגרייכט איר העכסטע פאָרם. אין יאָר 1815 זיינען אין בערדיטשעוו, אין לאַשטשיוו און אַסטרע דערשינען פאַרשיידענע אויפלאַגעס פון „שבחי בעל שם טוב" (לויב-רייד וועגן דעם בעל שם-טוב) אין אַ פאָלקסטימלעכן יידיש (העברייאיש — דאָס זעלבע יאָר אין קאָפּוסט), וואונדער-מעשׂיות וועגן דעם לעבן פונעם באַגרינדער פון חסידיזם ישׂראל בעל שם-טוב און פון זיינע תּלמידים. דער בוך האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצע כוואַליע ענלעכע ביכער און ביכלעך וועגן דעם בעל-שם, זיינע תּלמידים, זיינע תּלמידימס תּלמידים אין משך פון אַ סך צענדליקער יאָרן, כּמעט ביז צום צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. זייער נוסח איז אַזאַ ווי אין די מיטלאַלטער-

* פאַרשטייט זיך: אויך אין דער אַלטער יידישער ליטעראַטור איז אַ גרויסער טייל געווען פון אַ דורכאויס-וועלטלעכן כאַראַקטער. דאָ רעדט זיך אָבער פון דער נייער, מאָדערנער וועלטלעכקייט.

לעבע „לעבן פון די הייליקע", לויטן טיפּ מעשה־ביכער וועגן די קאַבאַליסטן יצחק לוריע, חיים וויטאַל און זייערע שילער („שבחי אר"י", „שבחי ר' חיים וויטל", די מעשיות אין „קב הישר" א. אַז וו.).

דאָס זיינען ניט קיין כראָנאָלאָגיש־ביאָגראַפישע באַריכטן, נאָר זאַמלונגען און קלענערע אָדער גרעסערע „נאָוועלן" און אַנעקדאָטאַרטיקע וואונדער־דער־ציילונגען און לעגענדעס, וואָס האָבן צוערשט צירקולירט מינדלעך אָדער אין כתב־ידן צווישן די חסידים און האָבן דערנאָך אַלס אַ מין חסידישע עוואַנ־געליעס באַקומען קאַנאָנישע פיקסירונג. דאָס, וואָס זיי זיינען פריער זייער אַ סך מאָל מינדלעך דערציילט געוואָרן, האָט זיי פאַרשאַפט אַ געפּרעסטן דערצייל־סטיל. זיי האָבן צירקולירט צווישן מאַסן — זיינען דאָ אַריינגעקומען באַשטימטע, כאָטש טאָקע פאַרקריפּלטע, עלעמענטן פוןווירקלעכן שטיגער און פון דיכטערישער פאַנטאַזיע. די דערציילונגען ווילן באַווייזן די פאַר־שיידנסטע זייטן פונעם צדיקס טעטיקייט און האָבן אַלס אינעווייניקסטע אויפ־גאַבע „לויב־רייד" * אויפן חסידישן צדיק. אָבער ניט זעלטן בלאָנדזשעט דער דערציילער אויף אַ שטיקל מהלך אַוועק פון זיין טעמע אין אַ זייט פון דעם אייגנטלעכן חסידישן תוך. זייער גערדיכט הערשן דאָ די עלעמענטן פון דער מיטלאַלטערלעכער דעמאָנאָלאָגיע לויט דער קאַבאַליסטישער לוריאַנישער „סיסטעם", אַזוי ווי מיר זעען זיי אין די אויבן־דערמאָנטע „שבחי אר"י", „שבחי ר' חיים וויטל", אין די מעשיות פון „קב הישר" ** א. אַ. אָבער אַ חוץ דעם

---

* דער דאָזיקער זשאַנר הייסט אין דער פּאָעטיק „אַרעטאָלאָגיע". פאַראַן וועלט־לעכע אַרעטאָלאָגיע, ווי למשל דער אַזוי־גערופענער „אַלקסאַנדער־ראָמאַן", און רעליגיעזע — די פאַרשיידענע ביכער וועגן דעם לעבן פון הייליקע א. אַז. וו.

** מיר געפינען דאָ אַ גאַנצן של אַלט־באַקאַנטע ברייט־פאַרשפּרייטע מעשהדיקע מאָטיוון פון כישוף, מאַגיע, דעמאָנאָלאָגיע, געטלעכע מופתים, גלגולים, פאַרוואַנד־לונגען, רעליגיעז־מאָראַלישע גרויסע מעשים א. אַז. וו., א. אַז. וו., מאָטיוון, וואָס צירקולירן זייט טויזנטער יאָרן צווישן די פאַרשיידנסטע אַלטע און נייערע פעלקער און וואָס זיינען אָנגעקומען צו די חסידישע מאַסן דורך דער יידישער און אויך — ניט ווייניקער — דורך דער קריסטלעכער לעגענדע־טראַדיציע (למשל: דער מאָטיוו פונעם „וואָווקאָלאַק" — אַ מענטש, וואָס פאַרוואַנדלט זיך, אָדער „פאַרוואַרפט זיך" אין אַ וואָלף, שעדיקט אַנדערע מענטשן און קערט זיך דערנאָך צוריק אום צו זיין געוויינלעכער מענטשן־געשטאַלט — שטאַמט פון דער אָריענטאַלישער — כינעזישער, אינדישער—פאָלקס־מעשה, איז פון דאָרט אַריינגעוואַנדערט אין דער שפּעט־אַנטיקישער ליטעראַטור — זע „סאַטיריקאָן פון פּעטראָניוס, אָפּשניט 41-42 — און פון דאָרט ווידער אין דער קריסטלעכער און יידישער וואונדער־מעשה). אַ סך מאָטיוון אין „שבחי בעש"ט", „קהל החסידים" א. אַז. וו. שטאַמען פון אוקראַאינישע, רוסישע, פּוילישע פאָלקס־מעשיות און פאָלקסטימלעך איבערגעפּורעמטע לעגענדעס וועגן הייליקע. די חסידישע מאַסן האָבן יענע מאָטיוון איבערגענומען פון פּויערים און זיי איבערגעאַנדערשט אויף אַ יידיש־חסידישן שטייגער.

איז דאָ און אין די ענלעכע חסידישע מעשה־ביכער אויך פאַראַן עפּעס־וואָס פון יענער לירישער עקזאַלטאַציע, פון יענער היסטעריש־פּסיכאָלאָגיזירנדיקער מאָראַל און פון יענער באַשטימטער הערעטיש־מיסטישער אָפּאָזיציע קעגן דער אָרטאָדאָקסישער טראַדיציע, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר ענלעכע קריסטלעכע ביכער, ווי למשל, פאַר די „בלימלעך", וואָס דערציילן וועגן דעם לעבן פון דעם באַגרינדער פונעם קאַטוילישן פראַנציסקאַנער־אָרדן פראַנציסקוס פון אַסיסי, און וועלכע זיינען געשריבן אין אַן ענלעכער נאַוועליסטישער אָדער אַנעקדאָטנאַרטיקער פאָרם.

די געוויסע עלעמענטן פון הערעטיש־מיסטישער סקעפּסיס, אָדער ריכטיקער, פון אָפּאָזיציע לגבי דער אָרטאָדאָקסישער (רבנישער) טראַדיציע, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַרן חסידיזם פון אָנהייב אָן, האָבן זיך אַמדייטלעכסטן אויסגעבילדעט אין די פּריידיקט־אַרטיקע שמועסן און אָפאָריזמען פונעם חסידישן צדיק נחמן פון בראַצלאַוו, וואו ס'הערן זיך צומאָל טונקעלע אָנצוהערענישן און פאַנטעאיסטישע אידייען (אגב, אויך אין די לערעס פון שניאור־זלמן פון ליאַדי) און אויך ווירקונגען פון געוויסע מיסטישע ריכטונגען אין דער קריסטלעכער עטיק. די חסידישע „הערעטישקייט" גייט דער עיקר אין אַזאַ ריכטונג: ניט דאָס אויסערלעכע איז ווירקלעך, נאָר דאָס אינעווייניקסטע — די סוביעקטיווע וועלט. אויף אַלע אופנים, מיט סכאָלאַסטישן ראַציאָנאַליזם, מיט אומגעלומפּערטסטע אויסטייטשן פון ביבלישע, תלמודישע און קאַבאַליסטישע זאַצן, מיט ראַפינירטער, כאָטש פאַרקריפּלטער פאַנטאַזיע, מיט פּסיכאָלאָגיש־מאָראַליזירנדיקע גריבלענישן וויל באַוויזן ווערן, אַז די גאַנצע רעאַלע וועלט מיט אַלע אירע אומשטאַנדן און פאַקטן שפּילט גאָר אַ נישטיקע ראָל, איז בכלל אַ טעות, אויב מע פאַרגלייכט זי מיטן אינעווייניקסטן לעבן פונעם מענטשן, וואָס נאָר דאָס אַליין איז מאַסגעבנדיק און ווירקלעך. דער דאָזיקער ביטול (נעגאַציע, ליקווידאַציע) צו דער רעאַליטעט („ביטול היש") באַציט זיך אויך אויף אַ געוויסן אופן צום אָפיציעלן רעליגיעזן געזעץ, און באַזונדערס צום ריטואַל. דאָס אַלץ האָט אין תוך געדאַרפט באַטייטן, אַז ניט די לאַגע פונעם מענטשן, זיין לאַגע אינעם לעבן און אין דער געזעלשאַפט, ניט אַזוי וויט זיין טאָן און האַנדלען איז רעאַל און וויכטיק, נאָר דאָס, וואָס ער טראַכט און פילט („כוונה" — דער מיין, דאָס אויסן־זיין), דאָס, ווי אַזוי ער טייטשט עס סוביעקטיוו אויס. דער שוואַכער, נישטיקער און אָרעמער קאָן גאָר אין אמתן זיין דער שטאַרקסטער און מעכטיקסטער מאַגישער באַפעלהאַבער פון דער וועלט און אויך באַלעבאָס איבערן רעליגיעזן געזעץ, — פאַרשטייט זיך, מיט דער הילף פון געטלעך־מאַגישע כוחות.

די כלומרשטע „דרייסטקייט" קעגן דעם רעליגיעזן געזעץ — אַ רעזולטאַט פון דעם אומקלאָרן געפיל ביי די מאַסן, אַז מע דאַרף עס ענדערן אָדער

אָפּשאַפן, — האָט אין אמתן דערפירט צו אַ פאַרשטאַרקונג פונעם רעליגיעזן געזעץ, ווייל דער כלומרשטער בונט איז איבער די היסטאָרישע באַדינגונגען אין אמתן געבליבן אומפּרודוקטיוו, אין די גרענעצן פון די רעליגיעזע פאָר־שטעלונגען, און איז ניט דערגאַנגען ביז צו די רעאַלע באַדערפעניש. דאָס חסידיש־מיסטישע באַטאָנען דעם ווערט פונעם סוביעקטיוון, דער גאַנצער מיסטישער סוביעקטיוויזם בכלל איז געווען ניט מער ווי אַן אומגליקלעכע וואונטש־פאַנטאַזיע, וואָס וויל אונטערטעניק מאַכן די ביטערעווירקלעכקייט דורך מאַגישע באַפעלן, דורך סוביעקטיווע איבערפאַרטייטשונגען. די שקלאַפישע אילוזיע איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון די שווערע צרות און פּיין, וואָס די ייִדישע באַפעלקערונג האָט געהאַט צו לײַדן פונעם פאַרפוילטן שליאַכטיש־פּוילישן פעאָדאַליזם, סיי דירעקט און סיי דורך זײַנע פאַרשיידענע רעזולטאַטן.

4. די מעשיות נחמנס פון בראַצלאַוו

לויט י. פערלס עדות־זאָגן איז דער „שבחי בעל שם טוב“ אין די ערשטע צוויי יאָר נאָך זײַן דערשײַנען פאַרשפּרייט געוואָרן אין צען טויזנט עקזעמ־פּליאַרן. אין 1815־1816 זײַנען אויך דערשינען אויף ייִדיש די „ספּורי מעשיות למהר״ן“, אַן אָפּקלייב פון די מעשיות, וואָס דער חסידישער פירער נחמן פון בראַצלאַוו האָט אָנגעהויבן צו דערציילן נאָך אין יאָר 1806. אויך זיי האָבן פריער צירקולירט מינדלעך און אין כתב־ידן, איידער ס'האָט זיי אַרויסגעגעבן אין דרוק זײַן תלמיד נתן — אין דער יוגנט אַ פרײַנט פון י. אַקסענפעלד.

אין די „ספּורי מעשיות“ פון נחמן פון בראַצלאַוו האָט דאָס חסידישע „מעשהגעץ“ — ווי אַקסענפעלד באַצייכנט דאָס איראָניש — דערגרייכט די העכסטע אַנטוויקלונג. די דאָזיקע מעשיות נחמנס שטיצן זיך אויף דער דערצייל־טראַדיציע פון דער חסידישער לעגענדע, אָבער נאָך מער זײַנען זיי אויך פאַרבונדן מיט דער עלטערער משלדיקער מוסר־מעשה, אין וועלכער דער פאַנטאַסטיש־דערציילערישער עלעמענט איז גאַנץ אָפּט אַוועק אין אַ זײַט פונעם נמשל און האָט זיך ביז צו אַ געוויסער מאָס געשפּינט אַ זעלבשטענדיקן גאַנג.

אייגנאַרטיק און ניי פאַר דער חסידישער מעשה איז אין נחמנס „ספּורי מעשיות“ דאָס, וואָס דאָ ווערט ניט דערציילט וועגן די וואונדער־טאַטן פון באַ־שטימטע חסידישע הייליקע, נאָר סימבאָליסטיש־געמיינטע, פאַנטאַסטיש־ראָמאַנטישע מעשהלעך („סקאַזקי“ אין רוסיש, „מערכען“ אין דייטש) וועגן אַ בת־מלכה, וועגן אַ חכם און תם א. אַז. וו. ביי זייער גאַנצער משלדיקייט און סימבאָליסטישקייט איז אין די מעשיות פאַראַן אַ שטאַרקער צומיש פון

שטייגעריש־רעאַליסטישע עלעמענטן. צו די וויכטיקסטע פון זיי געהערן אויך די עלעמענטן פון שטייגערישן שפּראַך־סטיל.

ס׳ווערן דער עיקר סטיליזירט עלטערע טראַדיציאָנעלע מעשה־מאָטיוון, און פּאָרט לאָזט זיך דאָ פילן אַ זעלבשטענדיקער דיכטערישער טאַלאַנט. דאָס ווייזט זיך אויך באַזונדערס אַרויס אין די שילדערונגען פון שטייגער־שטריכן, למשל אין דער דערציילונג וועגן דעם חכם און תם, אין די אויסגעצייכנטע און שאַרף־געבויטע דיאַלאָגן אין דער דאָזיקער דערציילונג א. אַז. וו.

די „ספּורי מעשיות״ זיינען אַ משונהדיק געמיש פון מיטלאַלטערלעכע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען און וועלטלעכע סיי טראַדיציאָנעל־פאָלקלאָרישע, סיי שטייגערישע עלעמענטן. דאָס באַווייזט זיך סיי אין די אידייען, סיי אין די פאַבולאַרישע מאָטיוון און סיי אינעם שפּראַך־סטיל. ס׳זעט אויס אַזוי, ווי ס׳וואָלט זיך אין דעם הויך־באַגאַבטן מענטשן געריסן צום אויסדרוק אַ העלערע וועלטלעכע פאָלקסטימלעכע שעפערישקייט — זי האָט אָבער ניט געקאָנט דורכרייסן דעם אויסערגעוויינלעכן געדיכטן פינצטערן נעפל, וואָס האָט אים און זיין מוח אַרומגערינגלט.

די מעשיות נחמנס פון בראַצלאַוו זיינען אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן מיט דער טראַדיציע פון די יידישע פאָלקסטימלעכע מעשה־ביכער, און באַזונדערס מיט די, וואָס שטאַמען אורשפּרינגלעך פונעם מערב־אייראָפּייאישן ראָמאַנטישן ריטער־ראָמאַן און זיינען פון דאָרט דורך פאַרשיידענע גלגולים אָנגעקומען אינעם עלטערן יידישן מעשה־ביכער־רעפּערטואַר. דער דאָזיקער מין מעשה־ביכער איז געווען זייער פאַרשפּרייט און באַליבט און איז זייער אַ סך מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן. די שפּראַך איז איטלעכס מאָל צוגעפּאַסט געוואָרן צום יידיש פונעם לאַנד און פון דער צייט, ווען און וואו די ביכער זיינען דערשינען. נאָך אין אָנהייב צווייטן יאָרצענדליק פון אונדזער יאָר־הונדערט האָב איך געזען נייע רומל־אויסגאַבעס פון ראָמאַנטישע מיטל־אַלטערלעכע ריטער־ראָמאַנען אויף יידיש. איך מיין, למשל, דעם ראָמאַן וועגן בבא (די בבא־מעשה), דעם ראָמאַן וועגן מעלוזינע,* „די שיינע מאַגעלאָנע״** און אַ סך, אַ סך אַנדערע ענלעכע ביכער. צו דעם מין „עקזאָטישע״ מעשה־ביכלעך געהער אויך די יידישע איבעראַרבעטונג פון „טויזנט און איין נאַכט״ און פון פאַרשיידענע ראָמאַנען, וואָס שטאַמען אורשפּרינגלעך פון דער אינדי־

---

* 1478, פון זשאַן דאַררא; איז אויף פראַנצויזיש אַ סך מאָל איבערגעאַרבעט געוואָרן.

** אורשפּרינגלעך פון אַן אומבאַקאַנטן פראַנצויזישן אויטאָר, סוף 15טן יאָר־הונדערט, געווען פּריער אין ליד־פאָרם און איז דערנאָך איבערגעאַרבעט געוואָרן אין פּראָזע. דאָס דאָזיקע ווערק און אויך דאָס פּריער־דערמאָנטע זיינען אָנגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור פון דייטשע איבעראַרבעטונגען.

שער מעשיות־ליטעראַטור, ווי די „מעשה בג׳ אחים“ (מעשה וועגן דריי ברי־דער) א. אַ. די טראַדיציע פון דער דאָזיקער מעשה־ליטעראַטור האָט דאָס נחמן אויף אַ זעלבשטענדיקן אופן ווייטער געשפּינט און איר געגעבן זיין חסידיש־מיסטישע שיטה פּאַר אַ סימבאָלישן אונטערשלאָק.

דאָס צונויפשפּאַנען די דאָזיקע וועלטלעך־פאָלקסטימלעכע, עקזאָטיש־ראָמאַנטישע טראַדיציעס מיט חסידיש־מיסטישער סימבאָליק איז געווען אַ משונהדיקע און פרעמדלעכע דערשיינונג, ווי אין אַ סך אַנדערע פּרטים די גאַנצע ריכטונג פון נחמן אין דער חסידישער באַוועגונג. די דאָזיקע צונויפ־מישונג איז געווען אין תוך אַן אומנאַטירלעכע, אומאָרגאַנישע, — און אַזוי איז עס אויך געבליבן. נחמנס מעשיות האָבן ניט געהאַט קיין שול און זיינען געבליבן אין זיין צייט אַן אַ ווירקונג אויף דער ליטעראַטור. די רעליגיעזע, מוסרדיקע, סימבאָלישע עלעמענטן זיינען צום גרויסן טייל אַ פרעמד־קערפּער אין די דערציילונגען, אַמאָל זיינען זיי קוים באַמערקבאַר, און טאַקע גאַנץ אָפט בלויז אַן אויסרייד אויף אויסצושפּרייטן דאָס געוועב פון זיין דיכטערישער פאַנטאַזיע.

די ענגע באַציאונג צווישן נחמנס מעשיות און דער מעשה־ביכער־ליטעראַטור ווייזט אָן אויף די באַשטימטע פאָלקסטימלעכע שטריכן פון זיין שרייבן. אין אייגנטלעכן זינען חסידיש איז דאָ אויך אין אַ געוויסער מאָס דאָס „מעשהנען“ גופא. לייענען אָדער דערציילן מעשיות האָט אין די רבנישע קרייזן געגאָלטן אַלס אַ שעדלעכער, וואולגאַרער ענין. באַזונדערס האָט זיך דאָס באַצויגן גראָד צו דעם מין פאָלקסטימלעכע מעשיות, וואָס נחמן האָט איבערגענומען זייער טראַדיציע. ביי די חסידים איז דאָס מעשה־דערציילן גופא פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי אַ מין ריטואַל. דאָס און די אַנצוהערענישן אויף מוסר און אויף געוויסע מיסטיש־חסידישע אידייען, וואָס זיינען פון נחמנס מויל פאַרשריבן דורך זיין שילער נתן אין די „לקוטי מהר״ן“, שטערן אויפצונעמען נחמנס מעשיות — ניט געקוקט אויף זייער טיילווייזער וועלט־לעכקייט, — ווי וועלטלעכע קונסט־ווערק. דאָס באַשטימט זייער כאַראַקטער אַלס אַ מאָדנע געמיש פון פינצטערקייט אין די השגות און אין די בילדער — מיט העלער פאָלקסטימלעכער וועלטלעכקייט.

פון זיינע אַרויסזאָגונגען איז מעגלעך צו דרינגען, אַז נחמן האָט געהאַט עפּעס געוויסע אומקלאָרע ידיעות וועגן די אידייען פון דער השכלה, כאָטש ס׳איז ניט קלאָר, פונוואַנען און אויף וואָסער אופן ער האָט זיי באַקומען. ער האָט פאָלעמיזירט און איראָניזירט פון זיי, אָבער ניט בלויז דאָס. אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן נעמט ער פון זיי אויך עפּעס־וואָס איבער פאַר זיין חסידישער סיסטעם. באַזונדערס — אַזוי דוכט מיר — איז זיין הערעטיש־זעלבשטענדיקע באַציאונג צו דער אָרטאָדאָקסאַלער טראַדיציע באַווירקט אויך דורך באַ־

שטימטע פאַרשטעלונגען פון דער השכלה. אויף דער ריכטונג פון זיין דיכ־טערישער פאַנטאַזיע האָט אפשר אויך געווירקט די אוקראַינישע ראָמאַנטישע פאָלקס־מעשה, וואָס ער האָט געקאָנט הערן אין זיין יוגנט.

ווי סע זאָל ניט זיין: דאָס חסידישע איז אין זיינע מעשיות ווייניק אָב־זעעוודיק, און אינעם ראָמאַנטיש־פאַנטאַסטישן גרונט־טאָן רייסן זיך אָפט דורך עלעמענטן פון שטייגערישן רעאַליזם. אַזעלכע דעטאַלן ווי, למשל, וועגן די „געוועלב־משרתים״ (פּריקאַזטשיקעס) אין וואַרשע, די שמועסן פונעם תם און זיין ווייב (אין „משעה חכם ותם״) און אַ סך אַנדערע, האָבן געקאָנט געשריבן ווערן פון אַקסענפּעלדן. בלויז דער שפּראַך־נוסח איז דאָ מער נאַאיוו, מער אָנגעהויכט פונעם עלטערן בוך־יידיש און איז לויטן שטייגער און תוך פון דער מעשה אַ ביסל לעגענדאַריש סטיליזירט.

אַזעלכע פּסיכאָלאָגישע צייכענונגען, וואָס נחמן האָט געגעבן פון פיגורן, ווי דער חכם און דער תם, האָבן זיך ערשט נאָך היפּש צענדליקער יאָרן ווידער־אַמאָל באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור (למשל אין די געשטאַלטן: בנימין און סענדערל — פון מענדעלע מוכר־ספרים). נחמנס איראָניע איז דין און פיין (זע די דיאַלאָגן פונעם תם). בכלל האָט זיך אַזאַ מעשה, ווי וועגן דעם נעגירנדיקן דאָן־קיכאָט, דעם סקעפּטישן „חכם״, און דעם ענטוזיאַסטיש־פאַנטאַסטישן, באַיאַענדיקן סאַנכאָ פאַנטשאַ, דעם נאַאיוו־גלויבנדיקן „תם״, געשניטן אויף עפּעס גאָר באַדייטנדיקס. אין פלוג האָט זיך דאָ באַקומען אַן אָריגינעלע טראַקטירונג פון יענעם מין געשטאַלטן, וואָס סערוואַנטעס באַ־האַנדלט אין זיין גרויסן בוך. דער געלערנטער חכם איז דאָ דווקא אַ סקעפּטי־קער, און גראָד זיין סקעפּסיס, זיין אַנטי־ראָמאַנטישקייט, באַווייזט זיך אַלס דאָן־קיכאָטעריי. דער נאַאיוו־עם־הארצישער תם נעמט די משונהדיקע גע־שעענישן דווקא אַזוי ווי זיי זיינען, גלייבט אין זיי, טראָגט זייער פאַנטאַסטיק — און געווינט. אָבער די פּאָלעמיק קעגן צופיל חקירהוועז איז אין תוך, ביי דער גאַנצער ווייטקייט פון דער איראָניע, נישט אַזוי ווייט אַ פּאָלעמיק קעגן סקעפּסיס, קעגן ראַציאָנאַליזם בכלל,* ווי אַ פּאָלעמיק קעגן דער השכלה. דאָ ליגט די סיבה, פאַרוואָס די דאָזיקע דערציילונג, למשל, האָט ניט געקאָנט אויסוואַקסן צו אַן אמתדיק באַדייטונגספול ווערק. זי צערינט אין זאַמד, אין אַ גישמיקן סוף, אין אַ נישטיקער לייזונג, ווייל זי איז פון לכתחילה אָן געבויט אויף אַן אירדרעאַלער פּאַרויסזעצונג. די פינצטערקייט פון דער סביבה און די אָרעמע באַגרענעצטקייט פון נחמנס ידיעות און פאַרשטעלונגען וועגן וועלט, ווירקלעכקייט, געזעלשאַפט און קולטור האָבן אוממעגלעך געמאַכט אַ נאָרמאַלע און ווירקלעכע רעאַליזירונג פון דעם דאָזיקן באַדייטנדיקן טאַלאַנט.

* ווי זייער אָפט ביי מיסטיקער, קאָן מען אויך ביי אים פעסטשטעלן אַ געוויסע ווידערשפּרעכיקע נטיה סיי צו סקעפּסיס, סיי אפילו צו ראַציאָנאַליזם.

מיר רעדן פון ראָמאַנטיק אין נחמנס מעשיות. פאַרשטייט דאַרף מען דאָס אָבער ניט אינעם טראַדיציאָנעלן זינען. דאָ איז ניטאָ יענע באַוואוסטזיניקע, בכּיוונדיקע פאַרשמעלערונג פון די פאָרשטעלונגען אויף זיך צוצופּאַסן צו די השגות פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער רעאַקציאָנערער ראָמאַנטיק. דאָ איז עפּעס אַנדערש. ס'איז אַזוי ווי ווען סע וואָלט אַ ייד פונעם 16טן אָדער 17טן יאָרהונדערט פלוצים אַריינגעשטעלט געוואָרן אינעם אָנהייב 19טן יאָרהונדערט אַריין. נחמן האָט שטריכן פון אַ ראַפינירט און כיטרע באַאָבאַכטנדיקן פּסיכאָלאָג, ער ווייזט צומאָל אויסגעצייכנטע לעבנס־קענטעניש, טאָקע ביז צו אַ גאָר פיין דערזען און פיקסירן געוויסע שטייגערישע דעטאַלן. ער פאַרשטייט צו בויען זיינע מעשיות. ער ווייסט, ווי אַזוי און וואו אָנצוהייבן, ווי אַזוי צו אַנטוויקלען, וואו אויסצולאָזן און וואו בייטיק פלוצים איבערצוהאַקן אין דער מיט. ער פאַרשטייט צו געבן כיטרע אָנצוהערענישן און וואונקען אויף עפּעס אַ געהיימניספולן נמשל און זיך צו מאַכן טאַמעוואַטע אַפילו דאָרט, וואו ס'גייט אים אין אמתן קיין שום נמשל ניט אָן, דאָרט, וואו ער וויל פשוט אויסשפינען אַ פּאָעטישע פאַנטאַזיע. אָבער אויך דאָרט נייט ער צו עטלעכע אַזעלכע מיני העקלעך, מע זאָל פאַר אַ נויט קאָנען צוטשעפּען און סימבאָליש אַריינטייטשן ניט־געשטויגענע און אורשפּרינגלעך ניט־געמיינטע מיסטישע סודות. דערביי אָבער איז גרינג ביי אים פעסטצושטעלן אַ דערשטוינלעכע „יוראַדיווישע" נאַאיווקייט, אַ משונה־דיקע וועלט־פרעמדקייט, און ביי זיין גאַנצער „זעלבשטענדיקייט" בנוגע דער רעליגיעזער טראַדיציע — אַן אומגליקלעכע געפּענטעטקייט פון די השגות.

די מיסטיש־חסידישע לערע נחמן בראַצלאַווערס רייסט זיך אַריין אינעם מעשהדיקן געוועב, זי באַווירקט זיין באַנעמען די ווירקלעכקייט און איר שילדערונג. באַזונדערס קומט אין די מעשיות צום אויסדרוק די אַפּלייקענונג פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט אינעם נאָמען פון די אילוזאָרישע מיסטישע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען. דאָס האָט מיטגעווירקט אָפּצואווענדן די מאַסן פונעם באַנעמען זייער רעאַלע לאַגע, זייער פאַרשקלאַפטקייט, פינצטערקייט און די אונטערדריקונג, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט.

נחמן האָט שטענדיק באַטאָנט, אַז מיט יעדן שטריך פון זיינער אַ מעשה איז ער אויסן עפּעס אַ מיסטיש־סימבאָלישן נמשל. דורך געפּלאָנטערטע אויסטייטש־פּרוּוואוון פון זיינע תלמידים זיינען די מעשיות נאָך מער פאַרמיסטיפיצירט, פאַרסימבאָליזירט געוואָרן, איידער זיי זיינען געווען. אויך פון די מער רעאַליסטישע און מער וועלטלעכע עלעמענטן האָבן זיינע אָנהענגער געמאַכט אַ געדיכטע סימבאָליש־חסידישע קאַשע, כאָטש גאַנץ אָפט איז דער נמשל געווען נישט מער ווי צוגעטשעפּעט און האָט זיך בשום־אופן ניט געוואָלט צוקלעפּן צום משל.

און אַזוי האָט זיך עס געטראָפֿן, אַז דער דאָזיקער מאָדנער בוך, וואָס איז מיט זיינע פֿאָלקסטימלעך־מעשהדיקע, וועלטלעכע און צום טייל הערעטישע עלעמענטן געשטאַנען אין אַ ווידערשפּרוך צו די אָרטאָדאָקסישע אָנשויאונגען און אַפילו אויך צו דעם, וואָס ווייזט זיך אין אַנדערע עלעמענטן פֿון דעם בוך גופא, — האָט געדינט ניט אויף העלער צו מאַכן דאָס געמיט פֿון די מאַסן, נאָר עס נאָך מער צו פֿאַרטונקלען דורך דער פּאָעטיזירונג פֿון מיטלאַלטערלעכע פֿאַרשטעלונגען. זעלטן זעען מיר אין אַ בוך אַזוי אָנשוילעך דעם אָנבליק פֿון דער שווידערלעך־געפּענטעטער פֿאָלקסטימלעכער שעפֿערישקייט. די געוויסע עלעמענטן פֿון פֿאָלקסטימלעכקייט האָבן אים געגעבן ווערט און ווירקונג אין די אויגן פֿון די מאַסן, האָבן דעריבער די משכּילים זיין רעאַקציאָנערע ווירקונג געמוזט באַטראַכטן פֿאַר נאָך געפֿערלעכער, ווי די איבעריקע חסידישע מעשיות־ליטעראַטור. אַזוי צי אַנדערש, איז דאָס דאָך געווען דער הויך־פּונקט פֿון יענער כוואַליע חסידישע מעשה־ביכער, וואָס האָט ניט ווייניק מיטגעווירקט אויף צו פֿאַראומערן און צו פֿאַרפֿינצטערן די מוחות און דאָס לעבן פֿון די מאַסן.

5. מענדל לעפֿינס איבערזעצונגען

זייט יאָרהונדערטער איז געווען אַ טראַדיציע, אַז די רבנים און פֿרומע האָבן געקוקט מיט אַ קרום אויג אויף דער וועלטלעכער פֿאָלקסטימלעכער מעשיות־ליטעראַטור. זיי האָבן ניט געקאָנט ליידן די שטאַרקע פֿאַרשפּרייטונג און באַליבטקייט פֿון דער דאָזיקער ליטעראַטור צווישן די מאַסן. זיי האָבן דערין געזען אַ שאָדן פֿאַר דער פֿרומקייט און מאָראַלישקייט פֿונעם פֿאָלק. אַ סך מאָל איז דאָס לייענען מעשיות דורך די רבנים דירעקט פֿאַרבאָטן גע־וואָרן. די דירעקטע פֿאַרבאָטן האָבן אָבער, אָפּנים, ווייניק געפּועלט. אַלס אַ מער ווירקזאַם קעגנמיטל איז באַטראַכט געוואָרן די איבערזעצונג פֿון דער ביבל, פֿון פֿאַרשיידענע רעליגיעז־מאָראַלישע (מוסר־) ביכער און פֿון אגדות און מעשיות מיט אַ רעליגיעזן אינהאַלט אין דער יידישער שפּראַך. דאָס האָט געדאַרפֿט אַרויסשטויסן די וועלטלעך־פֿאָלקסטימלעכע מעשיות פֿונעם פֿאַרקער אינעם פֿאָלק.

און דעמאָלט, ווען דער חסידיזם האָט, קעגן דער רבנישער טראַדיציע, אַליין געפּרוּווט פֿאַרכאַפּן די פֿאָלקס־מעשה און זיך באַמיט איינצושפּאַנען די פֿאָלקסטימלעכע פֿאַנטאַזיע צו דינסט פֿון דער דאָזיקער לערע, האָבן די ערשטע משכּילים אין די סלאַווישע לענדער אויף אַ ביסל אַ נאַאיוון אופֿן אָנגעקניפּט אָן דעם טראַדיציאָנעלן רבנישן מאַסמיטל קעגן דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון די מעשיות: אויך זיי האָבן געפּרוּווט דורך יידישע איבערזעצונגען פֿון דער ביבל אַרויסצושטויסן די „מעשיות“, איצט שוין די רעאַקציאָנערע,

חסידישע, כלומרשטע „פֿאָלקס־מעשיות״. דאָס איז זיך צונויפגעקומען מיט דער דייטש־משכילישער, מענדעלסאָנישער טענדענץ צו פֿאַרשפּרייטן דעם אינטערעס פֿאַר אויפֿקלערונג דורך איבערזעצונגען פֿון דער ביבל. אָבער אין קעגנזאַץ צו מענדעלסאָנען — ניט דורך דייטשע איבערזעצונגען, וואָס האָבן אַ חוץ אַלעם אויך געהאַט דעם צוועק אַרויסצושטויסן יידיש פֿונעם געברויך, נאָר דורך יידישע, כדי דערמיט אויך צו באַטאָנען דעם באַדייט פֿון דער פֿאָלקס־שפּראַך אינעם קאַמף פֿאַר אַ נייער קולטור. טאַקע אויך דאָס איז מענדל לעפֿין אויסן געווען מיט זיינע יידישע איבערזעצונגען פֿון די ביבלישע ביכער, ווי מאָדנע דאָס זאָל אין אונדזערע אויגן ניט אויסזען.

* * *

דאָס אַרויסהייבן יידיש, די שפּראַך פֿון די פֿאָלקס־מאַסן, צו דער מדרגה פֿון אַ ליטעראַרישער שפּראַך געהער צו די אמתדיק דעמאָקראַטישע שטריכן פֿון אַ טייל משכילים. דערין איז אין תוך געקומען צום אויסדרוק דאָס באַדערפֿעניש פֿון די מאַסן איינצורייסן מיט די דריקנדיקע מיטלאַלטערלעכע טראַדיציעס. און דעמאָקראַטישע איינשטעלונגען האָבן געצויגן צו יידיש איינעם פֿון די ערשטע גרינדערס פֿון דער יידישער ליטעראַטור, מענדל לעפֿינען ווי ראַציאָנאַליסטיש, בירגערלעך־איינגעהאַלטן און באַוווּסט־באַגרענעצט זיינע אויפֿקלערונגס־פּרינציפּן האָבן ניט געזאָלט זיין, ווייזט ער אָבער אין וויכטיקע שטריכן זיין דעמאָקראַטישע צוגעבונדנקייט צו די מאַסן. נאָך אין יאָר 1794 שרייבט ער זיין „רפֿואות העם״ — אַ פּאָפּולער־מעדיצינישער בוך פֿאַרן פֿאָלק. פֿינף און צוואַנציק יאָר שפּעטער מאַכט ער דעם פֿילאָסאָף נחמן קראָכמאַל זייער שאַרפֿע פֿאָרוואורפֿן דערפֿאַר, וואָס יענער ווענדט זיך מיט זיין וויסן צו אַ קליינעם קרייז געבילדעטע שילער און בלויז מינדלעך, און וואָס ער פֿאַרשפּרייט ניט זיין וויסן דורכן דרוק פֿאַר ברייטערע קרייזן אויף די צוצוקומען.

לעפֿינס געפֿיל פֿאַר די מאַסן קומט צום אויסדרוק אויך אין קלייניקייטן. אין זיין קהלת־איבערזעצונג גיט ער, למשל, דעם זאַץ 11 אין קאַפּ. 5 אַזאַ פֿאָרם: „זיס איז דער שלאָף דעם אַרבעטאָרער, צי האָט ער, נעבעך, ווייניק אָדער פֿיל געהאַט, אַזוי האָט ער געגעסן, אָבער די זאַטקייט דעם עושרס לאָזט אים ניט שלאָפֿן.״ דער „נעבעך״ ביים דערמאָנען דעם אַרבעטאָרערס בויט שטאַמט פֿון לעפֿינען און איז ניטאָ אינעם ביבלישן אָריגינאַל. און ווער ס׳ווייסט, וואָס דאָס באַטייט פֿאַר אַ משכיל אַריינצושטעלן אַן אייגן וואָרט אינעם ביבלישן טעקסט, וועט פֿאַרשטיין אָפּצושאַצן די דאָזיקע קלייניקייט. אַ פֿאַרגלייך פֿון זיינע איבערזעצונגען מיט די אָריגינאַל־טעקסטן וועט אונדז ווייזן, אַז ער האָט זיך באַמיט אויך איינהאַלטלעך עפּעס אַזוי ווי צו „דעמאָקראַטיזירן״ די ביבלישע ביכער.

לעפין געהער צו די ערשטע, וואָס האָבן דערזען די דראַמאַטישע געפאַר פון דער נייער חסידישער כוואַליע. און ער איז אפשר געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויפגעשטעלט די טאַקטיק פון דער השכלה אינעם קאַמף קעגן חסידיזם: אָפענע, דירעקטע און פאַרבאַהאַלטענע אַרויסטרעטונגען, אַ רעאַליסטישע סאַטירישע און איראַנישע ליטעראַטור, די יידישע שפּראַך אַלס מאַסן־געצייג פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון קולטור. און טאַקע ער אַליין איז אויך צוגעטראָטן צו רעאַליזירן די דאָזיקע אויפגאַבעס. נאָך אין די 80ער יאָרן פונעם 18טן יאָרהונדערט האָט לעפין געשריבן זיין קהלת־איבערזעצונג — אין קעגנזאַץ צו דער גאַנצער מענדעלסאָנישער דייטשער השכלה — דווקא אויף יידיש. אפשר האָט ער זיך צוליב דעם דאָזיקן קעגנזאַץ אַזוי לאַנג אָפּ־געהאַלטן די איבערזעצונגען צו דרוקן. אָבער ווען עס ווערט אַרום דער מיט צענער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט דרינגענדיק נייטיק אַרויסצוטרעטן קעגן דער חסידישער כוואַליע מיט די פאַרשיידנסטע מיטלען און לעפין שרייבט סאַטירעס און קאַמף־שריפטן אויף העברייאיש („מחכימי פתי״ — ניט דערשינען אין דרוק), „דער ערשטער חסיד״ — אויף יידיש (אויך ניט דערשינען אין דרוק און איז צו אונדז ניט דערגאַנגען — איז אָבער צו זיין צייט געווען פאַרשפּרייט אין האַנטשריפטן) און ער באַטייליקט זיך אין די אַנטי־חסידישע שריפטן פון תלמידים און אָנהענגער, — פאַרעפנטלעכט ער אויך זיין משלי־איבערזעצונג אויף יידיש (דערשינען 1814 אין טאַרנאָפּאָל).

ס׳קלינגט אפשר פּאַראַדאָקסאַל, אַז איבערזעצונגען פון ביבלישע ביכער, ווי קהלת און משלי, ווי שיר־השירים און תהילים (די לעצטע צוויי איבער־זעצונגען האָבן זיך ניט אָפּגעהיט, כאָטש זיי זיינען זייער פאַרשפּרייט געווען אין האַנטשריפטן), האָבן געזאָלט זיין אַ קעמפערישע אַרויסטרעטונג קעגן דעם חסידיזם, קעגן מיטלאַלטערלעכער אָפּגעשטאַנענקייט. און פאַרט איז דאָס פּאַקטיש אַזוי געווען.

מע טאָר דאָס ניט פאַרגלייכן מיט דעם פאַקט פון מענדעלעס און לינעצקיס איבערזעצונגען פון דער ביבל און פון רעליגיעזע געבעט־ביכער. די דאָזיקע איבערזעצונגען האָבן באַטייט, אין זייער צייט, לויט זייער אָפּקלייב און זייער ציל, אַן אָפּוויכונג פון דער פאַרשריטלעך־אויפקלערערישער טראַדיציע. ביי לעפינען האָט דאָס אין זיך אַנטהאַלטן פאָלקסמעסיקן קאַמף קעגן דער פעאָ־דאַלער פינצטערניש. דער סקעפּטיש־העלעניסטישער בוך „קהלת״, די זאַמ־לונג פאָלקס־שפּרוכן „משלי״, די וואונדערלעכע ליבע־ליד „שיר־השירים״ האָבן געדאַרפט ווענדן דאָס באַוואוסטזיין פון די מאַסן צו וועלטלעכקייט, האָבן געדאַרפט פאַר זיי בילדן אַן איבערגאַנג צו דער נייצייטיקער אויפגעקלערטער קולטור. אַזוי איז דאָס געווען געמיינט און אַזוי, ניט אַנדערש, האָט דאָס אויך געמוזט אויפגענומען ווערן דורך די חסידים. עס האָט טאַקע אויך געווירקט

ווי אַן אַפּיקורסישער פּרואוו צו פֿאַרוועלטלעכן, צו „אַנטגעטלעכן“ די געדיכטענישן פֿון דער רעליגיע.

אינעם אופֿן, ווי דער משכּיל באַציט זיך צו די דענקמעלער פֿון דער אוראַלטער העברייאישער ליטעראַטור, איז פֿאַראַן עפּעס אַן אַנאַלאָגיע צו דעם, ווי די רענעסאַנס־הומאַניסטן האָבן זיך באַצויגן צו דער אַלטער גריכישער און לאַטייִנישער ליטעראַטור. אינעם פֿילאָלאָגיש־פּינקטלעכן שטודיום פֿון די דאָזיקע דענקמעלער זעט דער משכּיל אויף אַ נאַאיוון אופֿן דעם גראָדן, בעסטן אָנהייב־וועג צו דער מאָדערנער אייראָפּייִשער בילדונג. דאָס פּינקטלעכע דערלערנען די העברייִשע שפּראַך, די גראַמאַטיק און די אוראַלטע ליטעראַטור (די ביבל) איז געווען איינע אַ הויפּט־פֿאָדערונג פֿון דער השכּלה. לעפֿין איבערזעצט אָבער קהלת און משלי, ניט אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט צופֿירן די מאַסן צו העברייִש, נאָר ווי ער וואָלט זיי דערפֿון געוואָלט אומאָפּהענגיק מאַכן. איבערזעצנדיק אויף ייִדיש אַ טייל ביכער פֿון די, וואָס זיינען דעם משכּיל אין דער גאַנצער אַלט־העברייִשער ליטעראַטור געווען אַמטייערסטן, און דעם טראַדיציאָנעלן רבניזם אַמגלייכגילטיקסטן און פֿרעמד, כּמעט ווי אפּיקורסות, האָט ער אויך געוואָלט באַווייזן זיין דרך־ארץ סיי פֿאַר די מאַסן בכלל און סיי פֿאַר זייער שפּראַכלעכן אויסדרוק־אופֿן בפֿרט; און ניט בלויז דורכן פֿאַקט פֿון דער איבערזעצונג גופֿא, נאָר אויך דורך דעם אופֿן, ווי די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן.

די שפּראַך פֿון לעפֿינס איבערזעצונגען ברעכט אַלע טראַדיציאָנעלע קאַנאָנס. זי דרינגט אַריין אין די געדיכטענישן פֿונעם פֿאָלקס־ריידן. דערמיט האָט לעפֿין געוואָלט זאָגן, אַז די מאַסן זיינען אים טייערער ווי די טראַדיציע. דרייסט (און ווער סע ווייסט אַ ביסל די קולטור־געשיכטע, ווייסט, וואָסער דרייסטקייט ס'האָט דערצו געהערט אין יענער צייט אין דער ייִדישער סביבה בכלל, און אין דער משכּילישער בפֿרט) און אָן איבערטראַכטעניש נעמט לעפֿין סאַמע פּראָסטע און אַפֿילו „וואולגאַרישע“ דיאַלעקט־ווערטער און בראָקט אַריין די אמתדיקע המון־שפּראַך אין דער ביבל אַריין. דער גרויסער ערודיט, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַ פֿילזייטיקע, זייער באַדייטנדיקע אייראָפּייִשע בילדונג, דער אויסגעצייכנטער קענער פֿון דער אַלטער העברייִשער ליטעראַטור און פֿאַרערער פֿון דער ביבל דערלויבט זיך אין דער צייט, ווען ביבל און דקדוק זיינען געווען דער פֿעטיש פֿון יעדן משכּיל, ניט נאָר צו איבערזעצן אין דער „פֿאַרדאָרבענער שטאַמלענדיקער“ שפּראַך, נאָר אויך גאַנץ פֿריי צו באַהאַנדלען די אָריגינאַל־טעקסטן, איבערצוזעצן ניט וואָרט ביי וואָרט, נאָר צו פֿאַראַפֿראַזירן לויטן זין נאָך און איבערצוזעצן דעם אינהאַלט אינעם נוסח פֿון ייִדישע פֿאָלקס־שפּריכווערטער אינעם 18טן אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, אַריינצוטאָן אייגענע ווערטער און אַפֿילו פֿראַזעס צוליב גרעסערער עכטקייט

און נאַטירלעכקייט פונעם פאָלקסטימלעכן סטיל. מיר האָבן דאָ ניט בלויז אַ רייכע רעגיסטרירונג פון דער דעמאָלטיקער פאָלקס־שפּראַך, נאָר אויך אַ מוטיקע באַהויפּטונג וועגן איר ווערט און שיינקייט.

ניט קיין וואונדער, וואָס די דאָזיקע איבערזעצונגען האָבן, אַ חוץ באַגיטיקונג פון לעפינס אָנהענגער, אַרויסגערופן אויך שאַרפע פּראָטעסטן מצד יענע פאַרביינערטע דקדוק־משכילים, וואָס לעפינס איבערזעצונגען האָבן טיף באַליידיקט זייערע הייליקסטע פּסעוודאָ־הומאַניסטישע, פּסעוודאָ־קלאַסיציסטישע געפילן. זיי האָבן דערין געזען אַ „פאַראומווירדיקונג" פון די ביבלישע ביכער, אַ שענדנדיקע וואולגאַריזאַציע.

עס קאָן אויסזען, אַז פעדער איז מיט עפּעס־וואָס גערעכט געווען אין זיינע טענות קעגן לעפינען. דער שפּראַך־סטיל פון די איבערזעצונגען איז געוויס געווען אַ ווידערשפּרוך צום הויכן ראַפינירטן, מייסטעריש אויסגעשליפענעם און אַפּאָריסטישן סטיל פונעם אָריגינאַל. אין פלוג איז דאָס טאַקע אַ משונהדיקע צונויפשפּאַנונג: דער ראַפינירטער און פייערלעכער ביבלישער אָריגינאַל — און די וואָכעדיקע, געדיכט־שטייגערישע (צומאָל ביז צו געזונטער גראָבלעכקייט) יידישע איבערזעצונגס־שפּראַך.

לעפין איז אָבער ניט אויסן געווען צו שאַפן אַזאַ איבערזעצונג, וואָס וויל אויסשליסלעך איבערגעבן און דינען דעם אָריגינאַל. דאָ זיינען פאַר אים געשטאַנען זעלבשטענדיקע אויפגאַבעס, אומאָפּהענגיקע פון די ריינע איבערזעצונגס־צילן. דאָס אויפטועריש און נייע פון לעפינס איבערזעצונגען זיינען זיינע קעגנער ניט פיאיק געווען צו פאַרשטיין.

לעפין האָט אין די דאָזיקע איבערזעצונגען געטאָן עפּעס ענלעכס צו דעם, וואָס באַשטימטע איטאַליענישע, האָלענדישע און פלאַמאַנדישע מאָלער (צומאָל אויך רעמבראַנדט) האָבן געטאָן ביים באַהאַנדלען ביבלישע און עוואַנגעלישע סוזשעטן. זיי האָבן די ביבלישע פיגורן אָנגעטאָן אינעם אָנטאָן פון איטאַליענישע, האָלענדישע, פלאַמאַנדישע פויערים, המון־מענטשן און שטאָטערס פון זייער צייט. געוויינלעך איז די דאָזיקע „אַנטי־היסטאָרישקייט" געקומען פון אַ דעמאָקראַטישער איינשטעלונג. לעפין האָט דעם תוך פון די אוראַלטע ביבלישע וועלטלעכע ביכער אָנגעטאָן אַ קלייד פון דער נייצייטיק־המונישער יידישער שפּראַך. קהלת און משלי רעדן לויטן שטייגער און נוסח פון אַ המונישן ייד אין אוקראַינע פונעם 18טן יאָרהונדערט. אין דעם זינען זיינען די איבערזעצונגען געוויס אַנטי־היסטאָריש, ראַציאָנאַליסטיש. אָבער אויך אינעם טיפערן זינען ראַציאָנאַליסטיש: דאָס, וואָס דער שכל איז מחייב פאַרן וואויל פון דער געזעלשאַפט און איר קולטור, דאָס וואָס סע קאָן אויף עפּעס אַן אופן העלפן אויפצורייסן אַ שטיקל פענצטערל אין דער טוכלער געטאָווועלט. דעריבער איז די איבערזעצונג היסטאָריש אינעם שפּעטערישן זינען,

און אויך דערמיט, וואָס זי האָט געהאָלפן לייגן אַ גרונט פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ וועלטלעכער יידישער ליטעראַטור.

די וועלט־ און פאָלקס־פרעמדע טענות, וואָס דער באַגרענעצטער גראַמאַטיקער טוביה פעדער האָט אַרויסגעשטעלט אין זיין פאַמפלעט „קול מחצצים" (דערשינען אין 1816(?) און 1853, געשריבן אין 1814) צו לעפינען, האָבן אַרויסגערופן מער אָדער וויניקער שאַרפע ענטפערס פון לעפינס אָנהענגער. דאָס האָט געהאַט זייער אַ וויכטיקע פּרינציפּיעלע באַדייטונג פאַרן אויסקלאָרן די באַציאונג צו דער פאָלקס־שפּראַך ביי אַ טייל מער דעמאָקראַטישע משכילים. אינעם פאַרלויף פון דער דאָזיקער פּאָלעמיק איז צום ערשטן מאָל אַנטשיידן און קלאָר דערוויזן געוואָרן די נייטיקייט און די באַרעכטיקונג פון יידיש אַלס נאַציאָנאַלע ליטעראַטור־שפּראַך. דער אינטערעסאַנטסטער דאָקומענט אין דעם פּרט איז י. ש. ביקס באַוואוסטער בריוו צו ט. פעדער אינעם יאָר 1815. אַ חוץ עטלעכע נאַאיווע אָנווייזן אויפן רעליגיעז־היסטאָרישן ווערט פון דער יידישער שפּראַך און אויף דער פּאָזיטיווער מיינונג וועגן איר פון איינעם אַ געאָגראַף, געפינען מיר אין דעם בריוו אַ ריי פּאַרשריטלעכע דעמאָקראַטישע אַרגומענטן און, אין תוך, אַ וויסנשאַפטלעכע און ריכטיקע דערקלערונג וועגן דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון נאַציאָנאַלע שפּראַכן צו ליטעראַטור־שפּראַכן. דער דאָזיקער בריוו איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט אין יאָר 1833 („כרם חמד", נומ. 1, בריוו 28, ז. 96). אָן ספק האָבן אין אים אָפּגעקלונגען די מיינונגען, וואָס זיינען צו יענער צייט אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין די היציקע דיסקוסיעס אַרום דער פראַגע. דאָ זיינען געזאַמלט אַלע אַרגומענטן לטובת דער פאָלקס־שפּראַך מצד די מערדעמאָקראַטישע משכילים. אונטער דעם שווערן דרוק פון דער מעטערניך־עפּאָכע אין אייראָפּע בכלל און אין עסטרייך בפרט איז שפּעטער דער דעמאָקראַטיש־געשטימטער ביק, ניט זעענדיק פאַר די מאַסן קיין אויסוועג פון זייער נויט און ביטער לעבן, דערגאַנגען צו אַ טיפן געזעלשאַפטלעכן פּעסימיזם און אין רעזולטאַט דערפון — צו אַ שאָוויניזם פונעם באַוואוסטן קליינבירגערלעכן מין. ער איז אַפילו אָוועק פון די גרונט־פּרינציפּן פון דער השכלה און האָט געוואָלט שלום מאַכן צווישן דער השכלה און דעם חסידיזם. אָבער דער בריוו זיינער פון 1815 איז נאָך אינגאַנצן דיקטירט פון אַ משכיליש־דעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט, און אין אים זיינען אָפּגעשפּיגלט די מיינונגען פון לעפין,* פּערל און די בעסטע משכילים פון יענער צייט. די מיינונגען, וואָס

* וועגן לעפינס ווירקונג אויף עטינגערן — זע גאָטלאָבערס זכרונות: „באַלד האָט זיך געיאַוועט אין זאַמאָשטש אין פּוילן דער דאָקטער שלמה עטינגער, וואָס האָט געענדיקט זיין שטודיום אין לעמבערג און איז דאָרט באַקאַנט געוואָרן מיט ר' מענדל לעפינס שריפטן." („ייד. פאָלקס-ביבליאָטעק", 1, ז. 252.) וועגן לעפינס ווירקונג אויף גאָטלאָבערן — זע דאָרט אויף דער זעלבער זייט.

ווערן אַנטוויקלט אין דעם בריוו, זיינען אַ פּאַראַויסזעצונג פאַרן שאַפן פון עטינגער און אַקסענפעלד, און שפּעטער פון גאָטלאָבער, גאָלדפאַדן, ליניעצקי און מענדעלע.

6. י. פּערל „מגלה טמירין“ (מעגאַלע טמירין)

ווי שוואַך דער אָנגריף פון די ערשטע משכּילים קעגן דעם חסידיזם האָט ניט געזאָלט זיין, האָבן אָבער די חסידים תּיכּף באַנומען דעם באַדייט פון דעם דאָזיקן נייעם קעגנער. געריעדט האָט זיך דערווייל באַשיידן און שטיל וועגן ביבל, דקדוק, שפּראַכן און נאַטור־קענטעניש, וועגן אומשולדיק־נאַאיווע פאַר־שלאָגן מכּוח פאַרבעסערן דאָס דערציאונגס־וועזן, וועגן פאַרריכטן די עקאָ־נאָמישע לאַגע פון די יידן דורך איבערגיין צו מלאכה, וועגן קלייניקע רעליגיעזע רעפאָרמעס א. אַז. וו. אָבער די חסידים האָבן גוט דערפילט, אַז דאָ גייט וועגן דעם תּוך, אַז דאָ הייבט זיך אָן אַ קאַמף קעגן די יסודות פונעם ביז־איצטיקן פעאָדאַליש־פאַרפינצטערטן יידישן שטייגער, אַ קאַמף פאַר נייע לעבנס־פּרינציפּן.

און תּיכּף טרעטן די חסידים אַרויס אין אַ ברוטאַלן קעגן־אָנגריף מיט די טראַדיציאָנעלע מיטלאַלטערלעכע מיטלען. אויף אַזאַ אופן האָט זיך אָנ־געהויבן אַפּצושפּיגלען דער אָנהייב פון דער מעטערניך־עפּאָכע אין דער יידישער סביבה. די מתנגדים זיינען שוין ניט מער ווי אַמאָל די הויפּט־קעגנער פון די חסידים. אינאיינעם מיט די חסידים טרעטן זיי אַרויס קעגן דעם שותּפותדיקן שונא — קעגן דער השכּלה, מיט גזרות, מיט חרם, און שטילערהייט מיט „התּרת הדם“, מיט קליינע העצעס און שווערע אונטער־דריקונגען און פאַרפאָלגונגען ביז צום בלוט. אַרום 1815 האָט דער לעמ־בערגער ראַבינאַט אָפיציעל אַריינגעלייגט אין חרם אַריין די פירער פון דער השכּלה אין לעמבערג — ערטער, ראַפּאָפּאָרט א. אַ., אַלע זייערע תּלמידים און אַלע, וואָס לערנען זיך פרעמדע שפּראַכן, — כאָטש דאָס רעכט אַריינצולייגן אין חרם אַריין איז דעמאָלט אין עסטרייך שוין לאַנג אָפּגענומען געוואָרן פונעם ראַבינאַט און פון דער קהלה.

די משכּילים פון זייער זייט האָבן דורך דער פּאָליציי געצוואונגען דעם ראַבינאַט עפנטלעך אָפּצושאַפן דעם חרם. דער לעמבערגער ראַבינאַט האָט זיך געמאַכט טאַמעוואַטע, אַז כּלומרשט ער, דער ראַבינאַט, האָט צום חרם קיין שייכות ניט, אַז דאָס האָבן געטאָן פון זיך עפּעס עטלעכע גאַסן־יונגען און לײדיקגייערס (זע „די געגנאַרטע וועלט“, מאָסקווער אויסגאַבע, ז. 96, שורות 15—20). פאַקטיש אָבער האָבן די חסידים און רבנים פאַרגעזעצט די פאַר־פאָלגונגען. צענדליקער און אפשר הונדערטער יונגעלייט זיינען געצוואונגען

געוואָרן זיך צעשיידן מיט זייערע ווייבער און זיי צו גטן, באַוואוסטע פירער פון דער השכלה האָבן געלעבט אין גרויס געפאַר, אַפילו פאַר זייער לעבן, ס'זיינען דורכגעפירט געוואָרן געיעגן און זוכענישן נאָך טרייף־פּאָסלען (ד. ה., משכילישע און וועלטלעכע ביכער), וואָס מע האָט פאַרברענט אין שייטערהויפנס.

ניט געקוקט דערויף, וואָס דער קלייניקער צאָל משכילים איז אויסגעקומען אויסצוהאַלטן די פאַרפאָלגונגען פון אַן איבערמעכטיקן פיינט, האָבן זיי פונדעסטוועגן דעם קאַמף אָנגענומען און מוטיק געענטפערט מיט די פאַרשיידנסטע קאַמף־מיטלען. אויפקלער־שריפטן אויף העברייאיש, דייטש און יידיש האָבן דאָ געשפּילט די וויכטיקסטע ראָל. אַזוי, למשל, ווערט אין דייטשער שפּראַך (אינעם יאָר 1816) צעשיקט און פאַרשפּרייט די בראָשור „איבער דאַס וועזען דער סעקטע חסידים" ניט בלויז צווישן יידישע, נאָר אויך צווישן ניט־יידישע אויפגעקלערטע מענטשן. אַפנים, אַז דאָס האָט געהאַט אַ באַשטימטע ווירקונג. די חסידים זוכן קעגן־מיטלען, באַמיען זיך אויפצוקויפן די ביכער און פּאַמפלעטן קעגן דעם חסידיזם און זיי צו פאַרניכטן. אין דער אַנטי־חסידישער פּאַראָדיע „מגלה טמירין" פון י. פּערל ווערט דער געיעג פון די חסידים אויף דער משכילישער ליטעראַטור אויסגעצייכנט געשילדערט. פּערלס אַנטי־חסידישע פּאַראָדיע איז פאַרפאַסט געוואָרן סיי אויף העברייאיש און סיי אויף יידיש,* האָט צירקולירט אין האַנטשריפטלעכע קאָפּיעס און איז אין דער העברייאישער ווערסיע דערשינען אין 1819.

י. פּערלס „מגלה טמירין" האָט די פאָרם פון אַן אויפגעכאַפּטן בריוו־אויסטויש צווישן אַ חסיד אין פּאָדאָליע און אַ חסיד אין גאַליציע און איז

* פון דעם פאַקט, וואָס ביז איצט איז ניט באַקאַנט קיין דרוק פון דער יידישער ווערסיע, קאָן מען ניט מיט דורכאויסיקער זיכערקייט דרינגען, אַז זי איז קיינמאָל אין דרוק ניט דערשינען. מיר ווייסן אויך פון אַנדערע פאַלן, ווי גרינטלעך די חסידים האָבן געאַרבעט ביים פאַרניכטן יעדן שפּור פון ליטעראַרישע אַרויסטרעטונגען קעגן זיי. כאַראַקטעריסטיש איז, ווי די חסידים האָבן דורך פאַרשיידענע מאַניפּולאַציעס אויסגעפירט, אַז דער מאַנוסקריפּט פונעם גרויסן היסטאָרישן ראָמאַן „חוזי חזיונות" (כמעלניצקי-באַוועגונג, שבתי צבי) א. מאַפּוס, אויף וועלכן דער דיכטער האָט אַ סך יאָרן געאַרבעט, זאָל, מחמת זיין אַ נ ט י - ח ס י ד י ש ע ר ג ר ו נ ט - ט ע נ ד ע נ ץ, פאַרבאָטן ווערן און זאָל פאַרשווינדן אינעם מיניסטעריום פאַר בילדונג און אַזוי אַרום פאַרפאַלן ווערן אויף אייביק. פון די צען טיילן אין דעם בוך האָט זיך אָפּגעהיט און איז אָפּגעדרוקט געוואָרן בלויז אַ פראַגמענט פון 65 זייטלעך.

דעם כתב-יד פון „מגלה טמירין" אויף יידיש האָט מען געפונען ערשט אין די לעצטע יאָרן. ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז דער יידישער „מגלה טמירין" איז אַנטשטאַנען פאַר 1819, איידער ס'איז דערשינען די העברייאישע אויסגאַבע. יעדנפאַלס דאַרף מען רעכענען, אַז די יידישע ווערסיע איז מן-הסתם אַנטשטאַנען ניט שפּעטער ווי אין דער צווייטער העלפט פונעם צווייטן יאָרצענדליק.

געשריבן אינעם נוסח פונעם חסידישן שטייגער רעדן און שרייבן. די איראָניע און דער בורלעסקער הוזק ווערט אַזוי פיין פאַרמאַסקירט, אַז ס׳האָבן זיך געפונען נאַאיווע חסידים, וועלכע האָבן געהאַלטן דעם בוך פאַר אַ חסידישן ספר. די שפּראַכלעכע אָפּשפּעטעריי שפּילט אין דעם בוך (געמיינט: די העב־רייאישע ווערסיע פונעם בוך) זייער אַ וויכטיקע ראָל: דערמיט איז געצילט ניט בלויז קעגן דעם שטייגערישן חסידישן אויסדרוק־אופן, נאָר בפירוש קעגן דער גאַנצער חסידישער ליטעראַטור, דער טעאָרעטישער און באַזונדערס דער מעשהדיקער, אָנגעהויבן מיט די לעגענדעס וועגן די חסידישע הייליקע און אויסגעלאָזט מיטן הויך־פּונקט פונעם חסידישן „מעשהנען" — די „סיפורי מעשיות" פון נחמן בראַצלאַווער.

באַזונדערס ווערט אַרויסגעשטעלט אויף חוזק און שפּאָט די מגושמדיקע עם־הארצישקייט, וואָס די חסידים און זייערע פירערס האָבן געוויזן, ווען זיי האָבן זיך באַנוצט מיט דער העברייאישער שפּראַך. אין דעם בוך זיינען גע־געבן אויסגעצייכנטע וויציקע שילדערונגען פון דעם אינעווייניקסטן חסידישן שטייגער. אַ טייל פון די טרעפלעכע שילדערונגען אין דעם בוך זיינען דערנאָך אויף לאַנג געבליבן טראַדיציאָנעל אין דער יידישער השכלה־ליטעראַטור ביים שילדערן אָפּגעשטאַנענעם שטייגער. די ווירקונג פון דעם בוך קאָן מען פעסט־שטעלן ביי אַלע בעסטע יידישע שרייבער ביז מענדעלען און ביי מענדעלען אַליין אויך.

די בריוו־פאָרם פון דער דאָזיקער פאַראָדיע שטייט אין פאַרבינדונג מיט דער נטיה צו דער דיאַלאָגישער פאָרם, וואָס מיר שטעלן פעסט אין די ערשטע משכילישע ווערק אין דער יידישער שפּראַך, כאָטש דאָ אין „מגלה טמירין" ווערט דער דיאַלאָג געפירט ניט אין רייד־רעפּליקעס, נאָר אין לאַנגע בריוו. וועגן דער שפּראַך פון דער יידישער ווערסיע פון דעם בוך לאָזט זיך דערווייל — אַזוי ווייט מע קאָן זיך מאַכן אַ פאָרשטעלונג נאָר פון עטלעכע פראַגמענטן — בלויז זאָגן, אַז זי האַלט זיך נאָענט ביי דער דעמאָלטיקער גערעדטער מזרח־גאַליצישער שפּראַך. אָבער די סאַטיריש־פּאַראָדיסטישע כוונות הייסן דעם שרייבער נאָכקרימען די שפּראַכלעכע העוויות פונעם חסידישן רייד־שטייגער און פון דער שפּראַך פונעם חסידישן „מעשהנען". פונדאַנען נעמט זיך אויך ערטערווייז אַ פאַראָדירנדיקע ענלעכקייט פון דער שפּראַך צו דער שפּראַך פון נחמן בראַצלאַווערס מעשיות. די פּאַראָדיסטישע כוונות דערלאָזן ניט די מעג־לעכקייט, אַז עס זאָל זיך דאָ באַווייזן די אייגנטלעכע באַציאונג פונעם שרייבער * צו דער שפּראַך פון די יידישע מאַסן. די יידישע שפּראַך פון די

* די יידישע ווערק י. פּערלס זיינען ערשט צוריק מיט עטלעכע יאָר אַרויס־געפונען געוואָרן. אונדז זיינען באַקאַנט בלויז עטלעכע פראַגמענטן פון זיין „מגלה טמירין".

פראַגמענטן, וואָס זיינען אונדז באַקאַנט, איז ניט אַ דורכאויס נאַטירלעכע, פרייע, זי איז אַ ביסל סטיליזירט. אָבער אין פּרט פון פּאַראָדיסטישער סטיליזאַציע ווייזט דער שרייבער מער קינסטלערישע קולטור, איידער למשל אַקסענפעלד אין ענלעכע פאַלן (וואו ער לאָזט רעדן חסידים און זייערע רביים אויף זייער שטייגער). די סטיליזירונג איז דאָ ביי פּערל אַן אַן ערך וויציקער, גייסטרייכער און פיינער, דעריבער אויך אין אַ טיפערן זינען אמתדיקער, נעענטער צו דער אָפּגעשפּאָטער ווירקלעכקייט, איבערצייגנדיקער.

כדי אונדזער לייענער זאָל קאָנען האָבן אַ שטיקל פאַרשטעלונג וועגן אינהאַלט און סטיל פון י. פּערלס יידישן „מגלה טמירין״, וועלן מיר דאָ ברענגען דעם סוף פונעם ערשטן בריוו.

* * *

„. . . נעכטן נאָך מעריב האָב איך מיך ביים רבין, זאָל לעבן, פאַרזוימט און האָב צוגעהערט זיינע צוקערזיסע ווערטער, און האָב משונה גרויס תענוג געהאַט. וואָרן דער רבי, זאָל לעבן, איז נאָך דעם דאַווענען זייער אויפגעהויבן געוועזן, און דער שמועס זיינער איז געוועזן מיט שרעקלעך דביקות, ווי זיין שטייגער איז תמיד. מעגסט מיר גלייבן, איך האָב פון זיינע זיסע ווערטער און פון זיינע אינטערעסלעך, מיט דעם אייבערשטנס הילף, מער געלערנט, וואָס אַ מענטש קאָן לערנען פון דער תורה, וואָס מע הערט פון איין אַנדערן רבי. און איך ווייס אין מיר, איך העט בוודאי נישט מיד געוואָרן אים עטלעכע טאָג דורכיינאַנדער אַזוי צוצוהערן, נישט צו עסן און נישט צו טרינקען. נאָר דער רבי, זאָל לעבן, האָט געוואָלט רויכערן די ליולקע און גיין אין בית־הכסא אַריין, האָב איך אים דערלאַנגט די ליולקע, — אַ קויל פייער האָט מיר איין אַנדערער אויסגעכאַפּט. איך בין געגאַנגען די ליולקע געבן, האָט זיך איין אַנדערער מקדים געוועזן און האָט געבראַכט די קויל פייער. ווי איך האָב געזען, דער רבי, זאָל מאריך־ימים זיין, האָט קיין חשק נישט, איך זאָל אים באַלייטן אין בית־הכסא אַריין, בין איך אַהיים געגאַנגען מיט גרויס שמחה, וואָס איך האָב די זכיה פון דעם רבים לייט צו זיין, און וואָס דער אייבערשטער האָט מיר געהאָלפן היינט אַזעלכע הייליקע ווערטער פון דעם רבין צו הערן.

„ווי איך בין אַהיים געקומען, האָט מיר מיין ווייב אַ בריוול אָפּגעגעבן, וואָס איין אורח פון דיין שטאָט האָט געבראַכט. ווי איך האָב דיין כתב דערזען, האָב איך נאָך מער תענוג געהאַט. ווי איך האָב אָבער נאָר אָנגעהויבן דאָס בריוול צו לייענען, האָט מיך אַ ציטערניש אָנגעכאַפּט, וואָס דו שרייבסט מיר, אַז ביי אייער פּריץ איז דאָ אַ טריפּע־פּסול, וואָס מע האָט אים געשיקט פון דעם קאָרדאָן, וואָס עמעצער האָט דאָרט געדרוקט אָקעגן די גוטע־יידן און אָקעגן אונדזערע לייט, און וועדליג ווי דו שרייבסט מיר, זאָל דאָס בוך פול זיין מיט רשעות און מאַכט זיך אַ געלעכטער אויס אַלע אמתע גוטע־יידן. ווען

ניט דו העט[סט] עס געווען מיר געשריבן, העט איך עס בשום־אופן נישט געווען געגלייבט. וואָרן נאָך מיין שכל נאָך, דוכט זיך מיר, אַז עס איז געווען איין אונמעגלעכקייט, אַז איצט, וואָס עס איז משונה נאָענט צו משיחס צייטן, און אַז די גאַנצע וועלט זעט בחוש אַזוי קלאָר און אָפן די ניסים און די וואונדער, וואָס אונדזערע צדיקים באַווייזן כמעט אַלע האַלבע אויגנבליק, — ביי זיי איז דאָך גאָר קיין אונמעגלעכקייט פאַרהאַנדן; וואָס דאַרף איך זיי צו לויבן, ווער ווייסט דען דאָס נישט? די צייטן זיינען שוין לאַנג נישט דאָ, אַז עס האָט זיך געפונען יידן, וואָס האָבן מיט אונדז נאָך געקריגט. ציגד, ברוך־השם, ווייסט שוין יונג־און־אַלט, קינד־און־קייט, וואָס פאַר אַ כוח אונדזערע גוטע־יידן האָבן. מען האָט ברוך־השם געזען גאַנץ עפנטלעך, וואָס פאַר אַ שוואַרצע מפלה אַלע אונדזערע שונאים האָבן איינגענומען. ווער ווייסט דאָס איצט נישט, אַז אויף דער וועלט איז טאַקע נישט מער פאַרהאַנדן, נאָר אונ־דזערע לייט, און אונדזערע גוטע־יידן קאָנען טאָן, וואָס זייער האַרץ גלוסט נאָר אַליין, און זיי נויטן גאָט, ער זאָל דאָס טאָן, וואָס זיי ווילן, און מיט איין זאָג איבערקערן זיי וועלטן.

„מילא, איז׳זשע עס יוי צו גלייבן, אַז איצט זאָל זיך אימיצער דאָוואַזשען אָקעגן זיי אַ בוך צו מאַכן און זאָל עס דרוקן לאָזן? ווייסט דען דער פאַרשיווע מחבר נישט זייער גוט, אַז דער רבי, זאָל לעבן, וועט נאָר וועלן, וועט ער דאָך אים אויסרייסן מיט דעם וואָרצל. ער האָט דאָך אויף דער וועלט די ממשלה ווי אַ מלך. מילא, אונטערשטייט זיך אַזאַ מנובל אַ בוך צו דרוקן אָקעגן אַ מלך. דער אינטערעס האָט מיך אַזוי ביים האַרץ אָנגעכאַפּט, אַז איך העט גאָר גרינג געקאָנט קומען אין עצבות (טרויעריקייט), נאָר דער תענוג, וואָס איך האָב פריער געהאַט ביים רבין, זאָל לעבן, און דער טרונק בראָנפן, וואָס איך האָב געטאָן נאָך דיין בריוול, האָבן מיר פאַרטריבן דאָס עצבות, אַז עס איז נישט געבליבן ביי מיר אַ פיצעלע איבעריק.

„נאָר פונדעסטוועגן, מוזט דו וויסן, מוזן מיר טאָן מכות דעם בוך, וואָס נאָר מעגלעך איז. לעת עתה האָב איך מורא דעם רבין פון דעם בוך צו דער־ציילן. ער קאָן דערפון, חס־ושלום, האָבן איין אויגנבליק עגמת־נפש. כאָטשע ער האָט שוין אַוודאי געהערט די מעשה אויף דעם הימל, פונדעסטוועגן קאָן געמאָלט זיין, אַז [ווען] ער וועט דאָס הערן אויף דער וועלט, וועט ער דערפון פאַרט עגמת־נפש האָבן. און ווידער האָב איך טאַקע מורא, אַז איך וועל עס אים זאָגן, האָט אים אַ ברירה אויסצוקומען, ער זאָל זיך אַליין נוקם זיין אין דעם מחבר, ווייס איך, ער וועט אים אפשר פאַרברענען דורך דעם שר פון דער תורה, און דערגלייכן. און לעולם העט איך דאָך גערן, מיר זאָל־מיר דעם רשע זען און מיר זאָלן זיך אָן אים נוקם זיין. מיר העט־מיר דאָך אַזויגס צעריסן אויף פיצלעך. און ווען אַפילו מען קאָן דאָס נישט, ציגדט מען אַזוי

אַ בחור גאָר אונטער, איז איין עק מיט אים און מיט זיין בוך. על־כן וויל איך הערן, וואָס דו מיינסט, צי זאָל איך אים טאַקע ווייטער נישט זאָגן און מיר זאָל׳־מיר דאָס אונדזעריקע טאָן, צי זאָל איך אים יוי זאָגן און אים בעטן, ער זאָל אונדז דעם בחור איבערגעבן, מיר זאָל׳־מיר אים אַ משפט טאָן.

„קודם־לכל מוזט דו זען צו טאָן וואָס מעגלעך איזט דאָס בוך צו באַקומען, מיר זאָלן דערווייל וויסן, וואָס אין דעם שלימזל שטעקט אַזוינס. און היינט־זשע ווידער, זאָל׳־מיר וויסן, ווי עס הייסט, כדי מען זאָל הייסן, אונדזערע לייט זאָלן עס אויסקויפן און עס פאַרברענען צו אַלדי שוואַרצע יאָר, עס זאָל זיין באָמען נישט געדאַכט ווערדן אויף דער וועלט. און חוץ דעם אַלעם מיר זאָל׳־מיר געוואויר ווערן, ווער דער היגטישע מחבר דערפון איזט, מען זאָל אים אָנלערנען ווען אַפילו אין בוך זאָל נישט שטיין, ווער עס האָט עס געמאַכט, וואָרן ער האָט דאָך אַוודאי דאָס נייניעריקע קדחת פאַר דעם רבין, זאָל לעבן, קאָן דאָך זיין, זיין טרייפע פרצוף וועט זיין פאַרנט אויף דעם בוך אָפגעמאָלט, וואָרן אַזוי איז ביי די רשעים דער שטייגער. נו, אַז דאָס איז, וועט ער אויך פאַרשוואַרצט ווערן. אַפילו ווען ער זאָל זיין פון אַ פרעמדער מדינה. דער רבי, זאָל לעבן, וועט נאָר זיין טרייפע פרצוף אָנקוקן, וועט ער שוין מער נישט דאַרפן. מען וועט אויף איין מאָל נישט וויסן, וואו ער איז אַהינגעקומען. מילא, זיי־זשע, למען־השם, נישט פויל אין דעם אינטערעסן, זע צו באַקומען דאָס בוך און שיק עס מיר. וד״ל.

„עיקר שכחתי. פאַראַכטאָגן שבת איז ביי אונדז געווען איין אורח פון דעם קאָרדאָן פון דעם לובלינערס לייט. ער האָט דעם רבין — פון דעם לובּ־לינער אַ גרוס געבראַכט, מיט עטלעכע ניגונימלעך, און דער רבי, זאָל לעבן, האָט צו זיי צוגעמאַכט נאָך עטלעכע פעל און האָט זיי ערשט געמאַכט פאַר רעכטע ניגונים. אַז דו וועסט אם־ירצה־השם זיין ביי אונדז, וועסט דו תענוג האָבן דערפון, וואָרן דו וועסט דערפון זען, אַז דער רבי, זאָל מאריך־ימים זיין, איז טאַקע דער מלך צווישן אַלע צדיקים.״

7. „די גענאַרטע וועלט״ פון אַן אומבאַקאַנטן אויטאָר

צו די ליטעראַרישע פאַמפלעטן, וואָס זיינען געקומען אַלס ענטפער אויף דעם לעמבערגער חרם קעגן די משכילים, געהער אויך „די גענאַרטע וועלט״ פון אַן אַנאָנימען מחבר, די ערשטע וועלטלעכע פיעסע און בכלל דאָס ערשטע וועלטלעכע ליטעראַריש־קינסטלערישע ווערק אין דער נייער יידישער ליטע־ראַטור (אין דער נייער יידישער שפּראַך). די אַגעווע * האָט דירעקט רעאַגירט קעגן דעם דאָזיקן חרם, אַרום דעם פאַקט דרייט זיך די הויפּט־אינטריגע פון

* אַגעווע — אַברעוויאַטור פון אַנאָנימער „גענאַרטע וועלט״.

דער קאָמעדיע. דער בוך איז דערשינען אין זשאָלקעוו * טאַקע אויך אין דעם זעלבן פינפיאָר צווישן 1815 און 1820, אין וועלכן ס׳איז געלייגט געוואָרן דער גרונט צו דער נייער יידישער ליטעראַטור, וואַרשיינלעך אַרום 1816. דעם מחבר פון אַזאַ בוך האָט דעמאָלט געדראָט לעבנס־געפאַר מצד די חסידים. דערצו האָט זיך דאָ נאָך געהאַנדלט וועגן אַזאַ געפערלעכער טעמע, ווי חרם, דעריבער איז ניט קיין וואונדער, וואָס דער בוך איז, פונקט ווי אַ סך אַנדערע אַנטי־חסידישע ביכער, דערשינען אַנאָנים, כאָטש מע פלעגט זיך געוויינלעך מינדלעך איבערגעבן די נעמען פון די אויטאָרן. פון דער ערשטער אויס־גאַבע איז צו אונדז ניט דערגאַנגען קיין איין עקזעמפּליאַר. אָבער אויך פון דער אויפלאַגע אין יאָר 1863 איז אונדז ביז איצט באַוואוסט בלויז איין איינציקער עקזעמפּליאַר. ס׳וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער טעות פון דעם צו דרינגען, אַז דער בוך איז צו זיין צייט ניט געווען פאַרשפּרייט. אויב עטינגער דערציילט וועגן דער פּיעסע, אַז זי האָט געהערט צו די ביכלעך, וואָס „זיינען זייער אַ סך מענטשן געפעלן״, דאַרף מען פון דעם פאַרשטיין, אַז לכל־הפּחות האָבן זי „זייער אַ סך מענטשן״ געלייענט.

*   *   *

צווישן 1815 און 1824 (גיכער פאַר אַלץ — נעענטער צו דער צווייטער דאַטע) האָט אַקסענפעלד, ווי עס זעט אויס, געלעבט עטלעכע יאָר אין בראָד, און אינעם פאַרקער מיט די דאָרטיקע משכילים ** האָט ער ערשט באַקומען זיין אייגנטלעכע משכילישע אויסבילדונג. מע דאַרף רעכענען, אַז אין בראָד האָט ער אויך באַקומען (פּונקט אַזוי ווי עטינגער אין לעמבערג) די וויכטיקסטע אָנרעגונג צו שרייבן זיינע ווערק אין דער יידישער שפּראַך פון די מאַסן. דאָס בייע איז באַשטאַנען ניט אינעם שרייבן „פּראָסט־יידיש״, נאָר אינעם אָנ־טאָן דער השכלה, דער „הימלשער טאָכטער״, אַ פּראָסט־יידיש מענטעלע. ס׳איז מעגלעך, אַז שוין דעמאָלט אין גאַליציע האָט זיך אַקסענפעלד געהאַט באַקענט מיט דעם אָדער יענעם יידישן געדרוקטן אָדער האַנט־געשריבענעם ווערק (לעפינס, י. פּערלס א. אַ.), וואָס האָבן זיך גראָד צו יענער צייט אָנגעהויבן צו באַוויזן אין גאַליציע. און אפשר אַפילו אויך מיט אייכלס און וואָלפסזאָנס פּיעסעס. האַנט־געשריבענע קאָפּיעס פון אייכלס קאָמעדיע „ר׳ הענעך, אָדער וואָס טוט מען דערמיט״ זיינען דאָך, ווי עס דערציילן יאָסט און אלעזר שולמאַן, זייער פאַרשפּרייט געווען, — פאַרוואָס זשע האָבן ניט געזאָלט קאָנען דערגיין

---

* וועגן דעם דערשיינונגס־יאָר קאָן מען דרינגען דער עיקר פון דעם, וואָס אין דער פּיעסע ווערט גערעדט וועגן דעם אויבן־דערמאָנטן חרם, ווי וועגן אַן אַקטועלן פאַקט.

** אפשר אויך מיט לעווינזאָנען, וואָס האָט אין יענע יאָרן געלעבט אין בראָד און צו וועלבן אַקסענפעלד באַציט זיך שפּעטער ווי אַ תלמיד צו זיין לערער.

איינצלנע עקזעמפּליאַרן ביז קיין גאַליציע? סיי איכל, סיי וואָלפסזאָן זיינען דאָך געווען זייער אָנגעזען ביי די גאַליצישע משכילים.

ווי עס זאָל ניט זיין, יעדנפאַלס דערמאָנט אַקסענפעלד אין זיין הקדמה־ליד צו זיין פּיעסע, וואָס ער רופט אויך אָן „די גענאַרטע וועלט" (אין יאָר 1842), די עלטערע פּיעסע מיטן זעלבן נאָמען, וואָס איז דערשינען אין זשאָל־קעוו (גאַליציע) אַרום 1816. נאָך עטלעכע און צוואַנציק יאָר האָט ער זיך שוין אפשר וועגן איר ניט מער געקאָנט גענוי דערמאָנען, דעריבער שרייבט ער:

„מיט דעם נאָמען „גענאַרטע וועלט", ווי מיר דאַכט,
האָט שוין איינער אינעם קאָרדאָן אַ טעאַטער געמאַכט..."

אָבער וועגן דעם, אַז אַזאַ פּיעסע איז אין גאַליציע (אינעם קאָרדאָן) געווען, געדענקט ער, און ס'איז זייער וואַרשיינלעך, אַז ער האָט זי אין בראָד געלייענט.

ס'איז אָבער אויך דערלאָזבאַר, אַז אַקסענפעלד האָט געוואוסט פון דער פּיעסע בלויז פון הערן־זאָגן („ווי מיר דאַכט"), אָדער אפשר גאָר פון עטינגערס פּראָספּעקט וועגן אַ געפּלאַנטער אויסגאַבע פון זיינע ווערק. אין דעם פּראָספּעקט פאַרצייכנט עטינגער די גרויסע ווירקונג, וואָס די אַגעווע האָט געהאַט אויף זיין באַשלוס צו שרייבן יידיש און — קאָנען מיר צוגעבן — אויף זיין גאַנץ שאַפן בכלל. עטינגער שרייבט דאָרט (זע „דר. שלמה עטינגערס כתבים", ב. 1, ז. XXVIII): „פאַר עטלעכע יאָר האָב איך געקראָגן צו לייענען אין לעמבערג צוויי ביכלעך: איינס האָט געהייסן „די גענאַרטע וועלט" און דאָס אַנדערע „אַלטעלי".* ביידע ביכלעך זיינען איבערגעזעצט און גאָר איבער־געאַרבעט געוואָרן פון דייטש אויף יידיש. דאָס ערשטע הייסט אויף דייטש (!) „דער טאַרטיף", און דאָס אַנדערע „ראָבינזאָן"... אויב די ביכלעך זיינען יאָ אָדער נישט גוט געמאַכט געוואָרן, וויל איך מחמת כמה טעמים נישט זאָגן.** נאָר דאָס וועט איטלעכער אַליין שוין איינזען, אַז וויניקסטנס האָט מיר דער פּלאַן צו שרייבן אין פּראָסטע יידישן לשון געמוזט געפעלן, וואָרן איך האָב מיך תיכף געפּרוּווט, אויב עס איז אין מיין כוח אויך עפּעס אין דעם שטייגער און אין דעם לשון צו שרייבן." די ווירקונג פון דער אַגעווע אויף עטינגערס „סערקעלע" באַציט זיך ניט בלויז אויף טעמע, אויפבוי, סטיל און שפּראַך, זי דערגייט ביז צו דעטאַלן, ביז צום איבערנעמען זאַצן, פראַזעס און ווערטלעך. עטינגער איז געווען אָן אַן ערך אַ גרעסערער קינסטלער ווי דער אויטאָר פון

* אַ יידישע באַאַרבעטונג פון דעפאָס „ראָבינזאָן", דערשינען טאַקע אויך אין דער צווייטער העלפט פון די צענער יאָרן.

** אפנים, אַז באַשטימטע פּרימיטיוויקייטן אין דער אַגעווע זיינען עטינגערן ניט געפעלן.

דער אַגעווע. עס וועט אָבער ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די פאַרהעלטעניש צווישן „סערקעלע" און דער אַגעווע איז ענלעך צו דער פאַרהעלטעניש, וואָס צווישן וואָלפסזאָנס „לייכטזין און פרעממעלליי" און אייכלס „ר׳ הענעך", ד. ה., אַז „סערקעלע" איז אין אַ געוויסער מאָס אַ הויך־קינסטלערישע און אָריגינעלע באַאַרבעטונג פון דער אַגעווע.*

ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָס ווערק האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, איז עס איבגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן אויך פון די געשיכטע־שרייבער פון דער יידישער ליטעראַ־טור. זייט שטיינגער און אַקסענפעלד ווערט עס דערמאָנט בלויז נאָך אין דער ביבליאָגראַפישער נאָטיץ פון בן־יעקב, וואָס כאַראַקטעריזירט די קאָמעדיע ווי אַ פורים־שפיל. דער אַנאָנימער מחבר פון דער „געגנאַרטער וועלט" גייט אין דעם פרט נאָך דער טראַדיציע פון וואָלפסזאָן, אָנצוגעבן אַלס אויסרייד פאַרן שרייבן די פיעסע, אַז זי דאַרף כלומרשט פאַרביטן די אַלטע האַמעטנע פורים־שפילן. אויף דעם דאַזיקן צוועק פון דער פיעסע ווייזט אָן די רעמאַרקע, אַז די האַנדלונג הייבט זיך אָן אסתר־תענית נאָך דער מגילה און לאָזט זיך אויס פורים ביי דער סעודה. ווי כלומרשטדיק זאָל ניט זיין, לאָזט זיך פאַרט ניט לייקענען, אַז באַשטימטע אָפּהילכן פון די פורים־שפילן זיינען טאַקע פאַראַן סיי אין אייכלס און וואָלפסזאָנס פיעסעס און סיי אין דער אַגעווע.

אין יאָר 1929 האָב איך אין קיעוו געפונען אַן עקזעמפּליאַר פון דעם בוך און האָב דעמאָלט וועגן דעם פאַרעפנטלעכט אַ קורצע ביבליאָגראַפישע באַ־שרייבונג. צום באַדויערן, האָט זיך די פיעסע אָפּגעהיט און איז צו אונדז דערגאַנגען בלויז אין דער אויסגאַבע פון 1863, וואָס איז באַשיינפערלעך שטאַרק פאַרקריפּלט און געקירצט. פאַרקריפּלט זיינען איינצלנע ווערטער און זאַצן, ס׳פעלן גאַנצע עפּיזאָדן, סצענעס און טיילן פון סצענעס. וואָס נעענטער צום סוף, אַלץ מער איז דער טעקסט אַ געשעדיקטער. באַזונדערס שטאַרק האָט געליטן דער דריטער אַקט. די לעצטע סצענע, וואו עס קומט פאַר די לייזונג, ווערט בכלל ניט סצעניש־דיאַלאָגיש אַנטוויקלט, נאָר גראָב און קורץ איבער־דערציילט אין אַ רעמאַרקע פון עטלעכע שורות. די סיבות פון דער פאַר־קריפּלונג זיינען ניט קלאָר. מעגלעך, אַז די אויסגאַבע פון 1863 איז ניט קיין איבערדרוק פון דער ערשטער זשאָלקעווער אויסגאַבע, וועגן וועלכער דער אַרויסגעבער האָט אפשר בכלל ניט געוואוסט, נאָר אַ ניי־דרוק פון אַ פאַר־

---

* מע דאַרף אויך פאַרצייכענען די בולעטע אַנטלייאונגען, וואָס עטינגער האָט געמאַכט ביי דער אַגעווע פאַר זיין דראַמאַטישן פראַגמענט „דער פעטער פון אַמעריקע", באַזונדערס אין דעם פינפטן „אַריינקום" פונעם ערשטן „אויפצי", ביים שילדערן דעם שטרייט צווישן דעם משרת מנשה און דעם חסיד ר׳ זונדל, אַ סצענע, וואָס איז זייער ענלעך צו אַנטשפּרעכנדיקע ערטער איז דער אַגעווע.

קריפּלטער האַנט־געשריבענער קאָפּיע, פון די, וואָס האָבן נאָך דעמאָלט צירקולירט.

* * *

די פאַבול פון דער פּיעסע איז אַזאַ:

אַ רייכער, וועלטלעך־אויפגעקלערטער סוחר „אין רוסלאַנד“ (געמיינט אין פּאָדאָליע) קלייבט זיך פאַרשרייבן אין אַ צוואה זיין גראָטענעם אויפּ־געקלערטן זון זיין גאַנץ פאַרמעגן. דער דאָזיקער זון חברט זיך מיט זיין פאָטערס געשעפטפירער, אַ גאַליצישן משכיל, אַ הייסן אַגיטאַטאָר פון די השכלה־אידייען (אַזאַ האָט מען דעמאָלט גערופן אין אוקראַינע „אַ בראָדער“), און איז פאַרליבט אין אַ געשוועסטערקינד, אַ יתומה, אַ וואויל און געבילדעט, אָבער אָרעם מיידל, וואָס איז דערצויגן געוואָרן ביי זיין פאָטער אין שטוב. זי האָט אויסצושטיין צרות פון איר געליבטנס שטיפמוטער, דער „פיינער־בעריעטע“, דעם פאָטערס צווייט ווייב. דעם סוחרס זון — ער הייסט אין דער פּיעסע „דאָס בחורל“ (מיט אייגענע נעמען ווערט קיינער אין דער פּיעסע ניט אָנגערופן, אַ חוץ דעם הויז־יונג אורי) — האָט אַן אייגענעם הויז־מלמד פאַר „יידישקייט“, אַ ווילדן חסיד און צבועק. דער דאָזיקער שאַרט זיך צו אויף אַ גראָבן אופן צו דער באַלעבאָסטע, דער „פיינער־בעריעטע“, און פּרוּווט אַ חוץ דעם איר העלפן אויסצופירן אַ שידוך צווישן דעם בחורל, דעם רייכן יורש, און דער פיינער־בעריעטעס טאָכטער פונעם ערשטן מאַן, אַ קליפּה, אַ מיאוסע, פאַרדריפּעטע אלמנה. דער מלמד גופא שדכנט זיך צו דער יתומה, וואָס איז פאַרליבט אינעם בחורל. די יתומה וויל אַנטלויפן צו קרובים אין בערדיטשעוו, ווייל זי וויל ניט צוקוקן, ווי איר געליבטער ווערט חתונה האָבן מיט אַן אַנדערער. ס'קומען פאַר פאַרשיידענע אינטריגעס מצד דעם מלמד און קעגן־אינטריגעס פונעם געשעפטפירערס זייט, פאַרשיידענע שטרייטנדיק־דעמאַסקירנדיקע שמועסן צווישן דעם געשעפטפירער און דעם מלמד, וויציקע שמועסן — צווישן דעם מלמד און אורי, שטראָפנדיק־רעטאָרישע — צווישן דעם גרויסן סוחר און דעם מלמד. דער גרויסער סוחר מאַכט אַן עק צו די אינטריגעס, זיין זון האָט חתונה מיט דער יתומה, דער צבועקיש־חסידישער מלמד ווערט ענדגילטיק דעמאַסקירט אין אַ סצענע, וואו ער פּרוּווט זיך צו פאַרפירן די דינסט, — אין אמתן איז עס אורי, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ מיידל. דער מלמד ווערט אַרויסגעטריבן און אַרויסגעשיקט מיטן עטאַפּ.

ווי מיר זעען, איז די אַגעווע ניט, ווי עטינגער כאַראַקטעריזירט זי, אַן איבערגעאַרבעטע איבערזעצונג פון מאָליערס „טאַרטיף“, נאָר אַ זעלבשטענדיק ווערק אויף דער טאַרטיף־טעמע. מער דירעקטע אַנטלייאונגען קאָן מען פעסט־שטעלן בנוגע וואַלפסזאָנס „לייכטזין אונד פרעממעליי“. דער טאַרטיף איז דאָ, ווי אין וואָלפסזאָנס פּיעסע, אַ חסיד. דער שמועס צווישן דעם מלמד און דער

יתומה אין אַגעווע (ז. כ״א—כ״ה) דערמאָנט שטאַרק אין דעם שמועס צווישן ר׳ יוסעפכע און יעטכען (ז. רייזען: „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע״, ז. 50־53). איןביידע פּיעסעס ווערט דער מלמד דער חסיד ביים סוף דעמאַסקירט ווי אַן ערגסטישער בעל־עבירהניק. אַנטלייאונגען זיינען פאַראַן אויך בנוגע פאַרשיידענע דעטאַלן: אין ביידע פּיעסעס גיט דער מלמד פאַר אַן עבירה־משכון אַ רעליגיעזן חפץ: אין „לייכטזין אונד פרעממעליי״ — זיינע תפילין, אין אַגעווע — אַ ספר; אין ביידע פּיעסעס בראָקט דער חסידישער מלמד אַריין אין זיינע רייד פּרומלעכע העברייאישע רעדנסאַרטן און ציטאַטעס פון רעליגיעזע ביכער. אין ביידע קומען פאָר ענלעכע מאָטיוון, ווי למשל מיט דער קאַווע (רייזען, ז. 41—43; אַגעווע, 8, ט״ז—י״ז), אַזעלכע ציטאַטעס ווי: אסור לקדש את האשה עד שיראנה (רייזען, ז. 46; אַגעווע, ז. מ״ג) א. אַז. וו., א. אַז. וו. ערנסטע סימנים ווייזן, אַז דער אַנאָנימער מחבר איז געווען באַקאַנט מיט לעפינס איבערזעצונגען פון קהלת און משלי; דאָס ווייזט סיי דער אופן, ווי ס׳ווערן אין דער אַגעווע איבערגעזעצט פסוקים פון „משלי״ און סיי דער שפּראַך־סטיל פון דער אַגעווע בכלל. די שפּראַך פון דער אַגעווע ווייזט אפשר אַ מער דייטלעכן גאַליצישן דיאַלעקט־כאַראַקטער ווי לעפינס איבערזעצונגען (אין וועלכע ס׳איז אויך פאַראַן אַ סך עלעמענטן פונעם גאַליצישן דיאַלעקט; לעפין האָט דאָך געלעבט אין גאַליציע צענדליקער יאָרן), אָבער אין אַ סך פרטים איז זי געגוג ענלעך צו לעפינס שפּראַך. דאָס און עטלעכע אַנדערע, ווייניקער וויכטיקע מאָמענטן, דערלויבן אַרויסצושטעלן די השערה, אַז אפשר איז לעפין געווען דער מחבר פון דער אַגעווע. יעדנפאַלס אָבער דאַרף מען דעם מחבר זוכן אין יענעם קרייז משכילים אין גאַליציע, צו וועלכע לעפין האָט געהערט און וואָס ער איז געווען איינער פון זיינע באַדייטנדיקסטע פירער.

8. די אידייען פון דער השכלה אין „די געגאַרטע וועלט״

„די געגאַרטע וועלט״ איז אַ טענדענץ־שטיק אינעם גוטן באַדייט פון דעם וואָרט, אָבער אויב אָפּשאַצן דעם אידייאישן אינהאַלט פון דער פּיעסע בלויז לויט דער פּאָזיטיווער פּראָגראַם, וואָס ווערט אין איר אַנטוויקלט, וועט דער אינהאַלט זיך באַקומען נאַאיוו און באַגרענעצט. די משכילים פון יענער צייט האָבן אין אמתן געווינלעך געהאַט אַ סך ראַדיקאַלערע אָנשויאונגען, איידער די, וואָס זיי האָבן אַרויסגעזאָגט אין זייערע ווערק. איבער די באַוואוסטע באַדינגונגען אין דער יידישער סביבה האָבן זיי זיך אָפט געמוזט באַנוגענען מיט אַ סך איינגעהאַלטענערע פאָדערונגען, דערצו נאָך אין ווערק, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן יידיש, פאַר די ברייטסטע שיכטן פונעם פאָלק. זייער וואַר־שיינלעך, אַז דאָס איז אויך געווען ביים אויטאָר פון „די געגאַרטע וועלט״. ס׳פּילט זיך דאָ דייטלעך אַ סך ניט־דערזאָגטס.

אַזוי, למשל, איז די פאַרהעלטניסמעסיק לאַיאַלע און אַפילו כלומרשט וואויל־געגוויגטע באַציאונג צו דער טראַדיציאָנעלער, מתנגדיש־רבנישער רעליגיעזקייט ביי אַ טייל משכילים געווען הויפּטזאַכלעך אַ פּרואוו אַריבער־צוציען די באַזיגטע, שוואַך אַדער גלייכגילטיק געוואָרענע אַמאָליקע פאַר־ביסענע קעגנער פון די חסידים, די מתנגדישע קרייזן, צום משכילישן קאַמף קעגן דעם חסידיזם, דעם געפערלעכסטן שונא פון דער אויפקלערונג, קעגן דער צעשפּרייטונג פון דער נייער מיטלאַלטערלעכער כוואַליע, וואָס האָט אָנ־געשטעקט אַלץ ברייטערע און ברייטערע שיכטן פונעם פאָלק. די דאָזיקע משכילים האָבן ניט געוואָלט אויפברענגען קעגן זיך, דורך צו דייטלעכע אָנ־גריפן אויפן רעליגיעזן שטייגער בכלל, יענע שיכטן, וואָס זיי האָבן געוואָלט געווינען פאַר דער השכלה.

ווי עס זאָל ניט זיין, האָט אָבער די וויכטיקסטע פּאָזיטיווע געזעלשאַפט־לעכע אויפגאַבע, וואָס ווערט געשטעלט און אַזוי ווי זי ווערט געמיינט אין „די גענאַרטע וועלט", די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן אויפקלערונג און בילדונג, אַ גענוג געמעסיקטן אינהאַלט. זי ווערט דעשיפרירט אַלס פאָדערונג צו לערנען העברייאיש, דקדוק, ביבל און תלמוד (אָבער אָן סכאָלאַסטישן פּלפּול), נאַטור־וויסנשאַפטן, אייראָפּייאישע שפּראַכן א. אַז. וו., „לשונות און חכמות" צוליב די פּראַקטישע באַדערפעניש פונעם לעבן, דאָס הייסט: לויט די השגות פונעם דעמאָלטיקן אויפגעקלערטן סוחרישן באַלעבאָס. אַלס דערציאונגס־אידעאַל ווערט אָוועקגעשטעלט אַ חתן־בחור אַ „מושלם", וואָס טויג צו תורה, סחורה און וועלט־זאַכן. די אויפגאַבע צו אייראָפּייאיזירן דאָס לעבן ווערט דעשיפרירט אַלס אויסערלעכע „ציוויליזירונג" פונעם שטייגער. דער סאָציאַלער אידעאַל ווערט פאַרקערפּערט אין דער געשטאַלט פונעם באַלעבאַטישן משכיל און רייכן סוחר. „די סוחרעריי" ווערט כאַראַקטעריזירט אַלס „גרעסטע און ערלעכסטע פּרנסה", געמיינט איז: די בכבודיקסטע. ס׳ווערט געפאָדערט, אַז „די סוחרעריי" זאָל געפירט ווערן ערלעך, אָנשטענדיק, אָן אַראָפּרייסערישער קאָנ־קורענץ, „קולטורעל", מאָדערן — אויף אָן אייראָפּייאישן שטייגער. פאַקטיש קומט אין דעם אַלעם צום אויסדרוק די נאַאיווע האָפענונג פון באַשטימטע קרייזן קליינבירגער צו ווערן ריכטיקע בירגערלעכע באַלעבאַטים מיט דער הילף פון אַ מאָדערן אָוועקגעשטעלטן דערציאונגס־וועזן, ראַציאָנאַלער פאַך־אויסבילדונג און דורך אַ מאָדערן געפירטן האַנדל. אַזעלכע פאַרשטעלונגען קאָנען מיר דאָך נאָך געפינען אַפילו אין מענדעלעס „ווינטשפינגערל". אין דעם פּרט איז דער מחבר פון „די גענאַרטע וועלט" אינגאַנצן באַהערשט פון בורזשואַזע אילוזיעס, זיינע השגות הייבן זיך דאָ ניט אויף איבער די השגות פונעם שטאָטישן קוים־קוים נייצייטיק־אָנגעהויבטן באַלעבעסל.

בנוגע די ברייטערע פאָלקס־שיכטן ווערט אין דער אַגעווע פּראָפּאַגאַנדירט

די געוויינלעכע משכילישע לייזונג פון דער סאָציאַלער נויט דורך מלאכה. די מאַסן לופט־מענטשן דאַרפן זיך אויסלערנען אַ מלאכה און זיך אַזוי־אַרום ערלעך פאַרדינען זייער ברויט. די עקאָנאָמישע נויט פון די באַלמעלאָכעס גופא ווערט דערקלערט דורך זייער אויבערפלעכלעכער פאַך־קענטעניש, וואָס אַנטשפּרעכט ניט צו די באַדערפענישן פון דער צייט. ס׳ווערט אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג, אַז די האַנטווערקער זאָלן גרינטלעך קאָנען זייער מלאכה, זאָלן ערלעך און סאָליד אַרבעטן און זיך דערווייטערן פון די פאַרשיידענע באַל־מעלאָכישע „חברות״, וואָס זיינען פאַקטיש שוין געווען ניט קיין סך מער ווי אַ פּוסטע נאָכשלעפעניש פון די מיטלאַלטערלעכע צעכן און האָבן גאַנץ אָפט געהאַט די אויפגאַבע דורכצופירן די קהלשע אינטערעסן ביי די אַרבעטנדיקע מאַסן. קורץ: ס׳האַנדלט זיך אויך דאָ וועגן געמעסיקטער מאָדערניזירונג אין דער ריכטונג פונעם איינראָפּייאישן שטייגער.

מיר זעען: די פּאָזיטיווע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבעס, וואָס ווערן אויפ־געשטעלט אין דער אַגעווע, זיינען אַפילו פון דעמאָלטיקן בירגערלעכן שטאַנד־פּונקט געַנוג נאַאיוו און אָרעם. אגב, ווערן זיי טאַקע פאַרגעלייגט אָן באַזונדערן טעמפּעראַמענט, ריין רעטאָריש, פּראָגראַמאַטיש, אין עטלעכע דיאַלאָגן.

* * *

אַנדערש אָבער איז מיט יענע פאַרניינענדיקע טיילן אין דער משכילישער פּראָגראַם, וואָס קומען צום אויסדרוק אין דער אַגעווע, וואו דער אויטאָר טרעט אַרויס קעגן באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע פאַקטן. דאָ באַווייזט זיך לייד־שאַפט און טעמפּעראַמענט ניט דווקא אין רעטאָרישע טיראַדעס, נאָר טאַקע אין בילדער, געשטאַלטן און אין האַנדלונג. דאָס איז דערפאַר, ווייל ז׳ער קאַמף האָט געוויזן אויף צילן, וואָס זיינען געווען אַ סך ווייטער און באַדייטנדיקער, איידער די, וואָס די משכילים האָבן זיך באַוואוסטזיניק געשטעלט. אין תוך איז דער גאַנצער בוך געווידמעט ניט אַזוי ווייט דעם קאַמף פאַר דער פאַר־ווירקלעכונג פון די משכילישע געזעלשאַפטלעכע רעפאָרם־פאַרשלאָגן, ווי דער קאַמף קעגן באַשטימטע פאַקטן (שטייגערישע און קולטורעלע) אינעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן. און דאָס טאַקע איז אויך דאָס ווערטפולסטע אינעם אינהאַלט פון דעם ווערק.

און דער קאַמף גייט קעגן דעם מיטלאַלטערלעכן לעבן, קעגן דעם מיטל־אַלטערלעכן שטייגער, אין דער ערשטער ריי קעגן דעם חסידיזם, אין וועלכן ס׳האָט זיך אָמגעדיכטסטן קאָנצענטרירט אַלץ, וואָס איז אין דער יידישע סביבה געבליבן פונעם מיטלאַלטער. דאָס איז די אייגנטלעכסטע טענדענץ פון דער קאָמעדיע: קעגן דעם חסידיזם פונעם שטאַנדפּונקט פון דער אויפקלערונג. דער סוזשעט פון דער פּיעסע איז פאַרבונדן מיט אַ דעמאָלט אַקטועלער גע־שעעניש: מיט דעם באַוואוסטן לעמבערגער חרם קעגן די משכילים. אָבער

דאָס איז בלויז אַן אויסרייד אויף אָנצוגרייפן אַ גאַנצע ריי פאַרקריפּלטקייטן אינעם דעמאָלטיקן לעבן. די לופט־מענטשן־פּרנסות, עקאָנאָמישער און גייסטיקער דלות, עם־הארצות, צבועקישקייט, חסידישע עקספּלואַטאַציע פון די מאַסן, גבירישע שווינדלעריי, קהלשע עקספּלואַטאַציע (טאַקסע), מיטלאַלטערלעכע אונטערדריקונג פון דער פּערזענלעכקייט (געצוואונגענע און פריאיקע חתונות, אומפּרייקייט וואָס שייך אָנשויאונגען), יחסנות, א. אַז. וו.

אין דעם אופן, ווי די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען קומען צום אויסדרוק אין דער אַגעווע, אַנטפּלעקן זיך די מער דעמאָקראַטישע טענדענצן, וואָס ווערן פאַרנעפּלט אין די פּאָזיטיווע פאָרשלאָגן. אין דער געשטאַלט פונעם הויז־יונג אורי ווערט וואַריאירט די טראַדיציאָנעלע קאָמעדישע משרת־פיגור, אָבער אָריגינעל איז דאָ דאָס, וואָס גראָד דער הויז־יונג חזרט איבער אויף זיין אייגענעם פאָלקסמעסיקן שטייגער די ווערטפולסטע מיינונגען פונעם אויפגעקלערטן סוחר, אייגנטלעך — פונעם אויטאָר. דער הויז־יונג געהער צו די פּאָזיטיוו־געשילדערטע געשטאַלטן, צום לאַגער פון די אויפגעקלערטע. דווקא דעם דאָזיקן פאָלקס־מענטש איז דאָ געגעבן די צענטראַלע אויפגאַבע צו אַנטבלויזן די צבועקישקייט פונעם מלמד, פונעם חסידיזם. דאָס, וואָס דער טיפּישער פאָלקס־מענטש אורי איז דאָ גראָד אַ הויז־דינער, איז אפשר מער פאַרבונדן מיט דער ליטעראַרישער טראַדיציע, וואָס גייט ביז באָמאַרשע, ביז מאָליער און נאָך ווייטער, ביז צום שעלמען־ראָמאַן, איידער מיטן יידישן שטייגער. אָבער אין דער אורי־געשטאַלט זיינען פאַרקערפּערט די קלוגשאַפט, איראָניע, דער שאַרפער וויץ און די טענות פונעם המון־מענטש. אין דער געשטאַלט פון אורי ווייזט אַרויס דער אַנאָנימער אויטאָר זיין האַרצלעכע באַציאונג צו די מאַסן. אַזאַ פיגור וואָלט אין דער העברייאישער ליטעראַטור, ביי איר איגנאָרירן די מאַסן, ביי איר ביטול צום עם־הארץ, ניט מעגלעך געווען.

ניט קיין וואונדער, אַז גראָד אורי איז איינע פון די צוויי לעבעדיקסטע פיגורן אין דער פּיעסע. פון איין זייט שטייט דער מלמד, די פאַרקערפּערונג פונעם צבועקישן חסידיזם, פון דער אַנדערער זייט — זיין שאַרפסטער לעבעדיקסטער פאַרטנער — דער פאָלקס־מענטש אורי. אַלע איבעריקע פּאָזיטיווע פיגורן פאַרמאָגן מער אָדער ווייניקער סכעמאַטישקייט אין דער צייכענונג. און וואָס העכער לויט דער סאָציאַלער מדרגה, אַלץ סכעמאַטישער. אויך „דער שרייבער“ (דער אויפגעקלערטער געשעפטפירער) איז גענוג בלאַס אַרויסגעקומען, כאָטש ער איז לעבעדיקער, איידער מאַרקוס אין עטינגערס „סערקעלע“. באַלעבט ווערן די דאָזיקע פיגורן בלויז דורך דער איראָניע, וואָס דער אויטאָר לייגט זיי אין מויל אַריין. אוריס חוזק איז פּראָסטער, המונישער, אָבער אומפאַרגלייכלעך לעבעדיקער, קרעפטיקער, איבערציינגנדיקער. אין זיינע רעפּליקעס קומט צום וואָרט די באַציאונג פון די שניידער־יונגען,

שוסטער־יונגען און דער המונישער מאַסע צו די ווילדע, אומגעלומפּערטע שטיק פונעם חסידיזם.

אַן אַנדערן אָנווייז אויף דער פאַרבונדנקייט פונעם אויטאָר מיט די פאָלקס־מאַסן זעען מיר אינעם שפּראַך־סטיל פון דער גאַנצער פּיעסע, אין דעם, וואָס אַלע פיגורן רעדן אין דער שפּראַך פון די מאַסן, אויך די וואָרטזאָגער פון דער השכלה. און ניט אַזוי ווייט דעריק, וואָס אַלע פיגורן בכלל רעדן יידיש, ווי דעריק, וואָסער יידיש זיי רעדן.

9. פאָלקסטימלעכע שפּראַך און שטייגערישער רעאַליזם

אין די פּיעסעס פון אייכל און וואָלפסזאָן איז יידיש ניט מער ווי אַ נאַטוראַליסטישער סטיל־פאַקט. פאַר זייער באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך איז ניט אַנטשיידנדיק דאָס, וואָס גרויסע טיילן פון די פּיעסעס זיינען געשריבן יידיש. אַז מע וויל, זיינען עס פאָרט דייטשע פּיעסעס, אין וועלכע עס רעדן באַשטימטע פיגורן יידיש, פונקט ווי אַנדערע ענגליש, פראַנצויזיש, אָדער אַזאַ מין דייטש, וואָס איז פאַרקריפּלט דורך אַנגליציזמען און גאַליציזמען. יידיש איז דאָ אַן עטנאָגראַפיש־נאַטוראַליסטישער עלעמענט אין אַ דייטש ווערק. די אַגעווע איז די ערשטע יידישע פּיעסע, אין וועלכער עס רעדן דורכאויס אַלע פאַרשוינען, אויך יענע פּאָזיטיווע געשטאַלטן, וואָס דריקן אויס דעם אויטאָרס אויפקלער־אידייען, אין אַ קרעפטיקן, ריינעם, שטאַרק פאָלקסמעסיקן יידיש. די שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן ווערט דאָ צום ערשטן מאָל אין אַ וועלטלעך־קינסטלעריש ווערק ערנסט גענומען. די שפּראַך איז דאָ בכיוון, באַוואוסטזיניק געשעפּט געוואָרן פון דער טיפער געדיכטעניש אינעם המון, אַן שום רעזער־וואַציעס, לויט דעם זעלבן שטייגער ווי מענדל לעפין האָט איבערגעזעצט קהלת און משלי.

אין דער גוזמאדיק באַטאָנטער פאָלקסמעסיקייט פונעם שפּראַך־סטיל אין דער אַגעווע פילט זיך אפשר, אַ חוץ דער ליבעפולער באַציאונג צום דאַזיקן שפּראַך־שטייגער, אויך אַ לייכטער שמייכל איבער אים. דאָס געהער צו די בורלעסקע שפּאַסהאַפטיקע כוונות פון דעם ווערק. אין לעפינס איבערזעצונגען פון קהלת און משלי איז פון אַזאַ בורלעסק־באַציאונג צום טיף פאָלקסמעסיקן רייד־שטייגער ניטאָ קיין שפּור. לויטן כאַראַקטער פון די דאַזיקע ווערק קאָן וועגן דעם קיין רייד ניט זיין. לעפין נעמט דעם דאַזיקן רייד־שטייגער אַבסאָלוט ערנסט. דאָ, אין דער אַגעווע, הערן מיר אין די רייד פון דער פיינער־בעריעטע, פונעם מלמד אַ בורלעסקע איבערטרייבונג און אַנצוהערענישן אויף פּאַראָדיע. אין זייערע רעפּליקעס ווייזט זיך שוין די פונקציע, וואָס די איבערגעטריבענע רעדנסאַרטלעכקייט אינעם אויסדרוק וועט שפּילן אינעם קינסטלערישן שאַפן

פֿון דער השכלה — אַלס צייכן פֿאַר דער אָפּגעשטאַנענקייט פֿון די געשילדערטע כאַראַקטערן. דער גרויסער סוחר, זיין זון, די יתומה, דער שרייבער באַנוצן געווייגלעך אין זייערע רייד ווייניקער רעדנסאַרטלעכע עלעמענטן, איידער דער חסיד, די פֿיינע־בעריעטע. אָבער דאָ אין דער אַגעווע פֿילט זיך צו דער פֿאָלק־לאָרישער רעדנסאַרטלעכקייט, אַפֿילו דאָרט, וואו זי האָט אַ סאַטיריש־פּאַראָדיסטישן ביי־טעם, פֿאַרט אויך אַ טיפֿע ליבע. דער סאַטיריש־פּאַראָדיס־טישער אופֿן פֿון אַנווענדן פֿאָלקלאָר־עלעמענטן שטייט ניט אין ווידערשפּרוך צום פּאָזיטיוון שעצן און ליבהאָבן דעם פֿאָלקסטימלעכן אויסדרוק־אופֿן. וואָרים סוף־כל־סוף: אויב די פֿאַרקריפּלט־היפּערטראָפּירטע רעדנסאַרטלעכקייט איז אַ סימן פֿון אָפּגעשטאַנענער פֿאַרגליווערונג, זיינען דאָ אָבער די רעדנסאַרטן אין די פֿאָלקלאָר־רייד גופֿא אַנטשטאַנען און האָבן עקזיסטירט אַלס זייער אויס־דריקלעכע, שעפֿערישע, פֿרישע און לעבעדיקע אויסדרוק־מיטלען. ערשט ביי עטינגערן פֿילט זיך אַ מער באַוואוסטזיניקער ראַציאָנאַליסטיש־קריטישער צוגאַנג צו דער היפּערטראָפּירטער רעדנסאַרטלעכקייט.

אין דער אַגעווע איז פֿאַרפֿיקסירט אַ גאַנצער אוצר פֿון דער דעמאָלטיקער פֿאָלקסמעסיקער יידישער שפּראַך. כאָטש ס׳געפֿינען זיך דאָ לעצטע רעשטן פֿונעם עלטערן דייטשן יידיש, זיינען זיי אָבער שוין אָרגאַניש אַסימילירט דורכן מזרחדיקן יידיש. די שפּראַך פֿון דער אַגעווע געהער צום 18טן אָנהייב 19טן יאָרהונדערט — און פֿאָרט פֿילט זיך אין איר ניט קיין דורכאויסיקע פֿאַר־עלטערטקייט אָדער גאָר פֿרעמדקייט, ווען מע פֿאַרגלייכט זי מיט אונדזער היינטיקער יידישער שפּראַך. סיי אין פּרט פֿון לעקסיק און סיי אין פּרט פֿון גראַמאַטיק און סטיליסטיק איז די אַגעווע אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנ־טער ליטעראַרישער דענקמאָל. ס׳זיינען דאָ פֿאַראַן אַ גרויסע צאָל פֿאַרגעסענע זייער ווערטפֿולע בילדונגען. און ווייט ניט אַלע האָבן געדאַרפֿט פֿאַרגעסן ווערן. שפּרעכלעך געהער די אַגעווע צו די רייכסטע דענקמאָלן אין דער יידישער ליטעראַטור.

* * *

שוין דאָס ערשטע וועלטלעכע קינסטלערישע ווערק אין דער נייער יידישער ליטעראַטור איז געשריבן אין אַ סטיל אַ טיף קעגנזעצלעכן צום סטיל פֿון דער דעמאָלטיקער העברייאישער ליטעראַטור. די העברייאישע ליטע־ראַטור איז דעמאָלט געווען און איז נאָך אויף לאַנג געבליבן אַ פּסעוודאָ־קלאַסיציסטישע, אַ פּאַטעטיש־פֿייערלעכע, איר סטיל — אַ געהויבענער, אַ פֿרעמדער צו דערווירקלעכקייט. דער סטיל פֿון דער אַגעווע איז אַ רעאַליס־טישער, שאַרף שטייגעריש און דערגייט ערטערווייז אַפֿילו ביז צו נאַטוראַ־ליסטישער טריוויאַלקייט. די געזעלשאַפֿטלעכע סיבות פֿאַרן אַנטשטיין פֿון אַ

ליטעראַטור אין דער יידישער פאָלקס־שפּראַך זיינען אויך די סיבות פון איר רעאַליזם.

די יידישע ליטעראַטור, נישט בלויז די דראַמאַטישע, נאָר אויך די פּראָזאַישע, האָט אין אירע אָנהייבן אָנגעקניפּט אָן די טראַדיציעס פון דער אייראָפּייאישער בירגערלעכער פאַמיליען־דראַמע. דאָס איז געווען גאַנץ נאַטירלעך. אייגנאַרטיק איז דאָ אין דער אַגעווע די פאַרבינדונג פון דער מאָליערישער טאַרטיף־טעמע מיט דעם סטיל פון דער בירגערלעכער פאַמיליען־דראַמע. אין דעם פּרט האָבן געוויזן דעם וועג די פּיעסעס פון אייכל און וואָלפסזאָן. די סאַטירישע כוונות האָבן דאָ באַלד פון אָנהייב פאַרוואַנדלט די בירגערלעכע דראַמע אין אַ ריינער קאָמעדיע. דאָס איז אויך די סיבה, פאַרוואָס די געדיכטע סענטימענטאַלישקייט פון דער בירגערלעכער דראַמע איז אין אַזאַ פּיעסע ווי „די גענאַרטע וועלט" ווייניק צו שפּירן.

דער אייגנאַרטיקער שטייגערישער רעאַליזם פון אַגעווע האָט צו דער דעמאָלטיקער רוסישער ליטעראַטור קיין שייכות ניט. באַציאונגען זיינען אפשר פאַראַן צום סטיל, מיט וועלכן שילער שילדערט די פאָלקסטימלעכע פיגורן אין „קאַבאַלע אונד ליבע", און אויך צו באַשטימטע פּיעסעס פון קאָצעבו. די געשטאַלט פונעם הויז־דינער אורי אין אַגעווע דערמאָנט אויף עפּעס אָן אופן באָמאַרשעס פיגאַראָ.

ווי קלאָר ס'זאָל ניט זיין דער צוזאַמענהאַנג צווישן דער אַגעווע און דער אייראָפּייאישער בירגערלעכער פאַמיליען־דראַמע, זעען מיר אָבער אין אונדזער קאָמעדיע אַזאַ מין ניט־געצוימטע, כמעט צעלאָזענע שטייגערישקייט, אַז מיר קאָנען דאָס בשום־אופן ניט גענוגנדיק דערקלערן בלויז מיט יענע השפּעות. לעבעדיקער שטייגער און המונישער אויסדרוק־אופן, וואָס זיינען אין דער אָפיציעלער ליטעראַטור געווען שטרענג פאַרבאָטן, גיט דאָ אַזאַ ווילדן פליי — אַז אויב זוכן אין דעם פּרט אַ צוזאַמענהאַנג מיט עלטערע, ליטעראַריש־טעאַטראַלישע טראַדיציעס, קאָן מען אים אויפשטעלן נאָר מיטן זשאַנר פון בורלעסק, פון דער בופאָנאַדע, פון דער קאָמעדיאַ דעל אַרטע. אויב אָנגעמען אַזאַ צוזאַמענהאַנג, איז ער גיכער פאַר אַלץ פאַרמיטלט געוואָרן דורך די יידישע פורים־שפּילן. „די גענאַרטע וועלט" איז דאָך פאַרט כלומרשט פאַרפאַסט געוואָרן אויף געשפּילט צו ווערן אום פורים און אויף צו פאַרבייטן די פורים־שפּילן, זיי צו מאָדערניזירן.

10. אַ גרונט־ווערק פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור

די הויפּט־פיגור פון דער פּיעסע איז דער טאַרטיף, דער חסידישער צבועקישער מלמד. צוגעשפּיצט איז די פּיעסע אויף זיין דעמאַסקירונג, דער כאַראַקטער פון זיין צבועקישקייט איז ניט קיין סאָליד־פייערלעכער, וואָשנער,

ווי ביים מאָליערישן טאַרטיף. ער האָט אין זיך עפּעס פון אַ לייכטזיניקן, וואָוילויונגערישן פּלוט, אַ זשוליק — אַנטשפּרעכנדיק צום שטייגערישן טיפּ פון אַ חסידישן פּרומאַק. אַ ווייבלעך קעגנשטיק צו אים די פּיינע־בעריעטע, אַ שטייגערישע „אשת־חיל״, אַ קליפּה מיט צבועקישע שטריכן — אויך אַ טראַ־דיציאָנעלע פיגור אין דער דראַמאַטורגיע זייט מאָליערס טאַרטיף (מאַדאַם פּערנעל און מאַדאַם עלמירא). אַזוי למשל, האָט אין יאָר 1711 דער איטאַ־לעענישער שרייבער זשיראַלאַמאָ פּיגלי פון סיענאַ געשריבן אַ טאַרטיף־קאָמעדיע „דאָן פּילאָנע״ און אַן אַנדערע פּיעסע, וואו ס'ווערט געשילדערט אַ ווייבלעך קעגנשטיק צום מענלעכן טאַרטיף, דאָס ווייב פון דאָן פּילאָנע: אַ קאַרגע, פּרומאַקישע, זשעדנע און צביעותדיקע פרוי. אין דער געשטאַלט פון דער פּיינער־בעריעטע ווערט דער טאַרטיף־מאָטיוו קאָמבינירט מיטן מאָטיוו וועגן פאַלשער יחסנות, וואָס אין מאָליערס „בירגער אַלס אַדעליקער״. דער דאָזיקער מאָטיוו איז אין דער אַגעווע אַ זעלבשטענדיק נייס (אויך אין פאַר־גלייך מיט אייכל און וואָלפסזאָן) — דער דעמאָקראַטישער אָפּשפּאָט פון ידישן יחוס, אַ בירגערלעך באַטאָנען דעם ווערט און די ווירדע פון דער פּערזענלעכ־קייט אומאָפּהענגיק פון איר אָפּשטאַם.

קעגן די דאָזיקע צוויי נעגאַטיווע כאַראַקטערן שטייען סימעטריש צוויי אַנדערע, פּאָזיטיווע. קעגן דעם מלמד — דער אויפגעקלערטער געשעפט־פירער, קעגן דער פּיינער־בעריעטע — איר אויפגעקלערטער מאַן. ווייטער גייען צוויי פּאָרלעך: דאָס בחורל און די יתומה, און אַלס פּאַראַלעלע נעבן־ליניע: אורי, דער הויז־יונג, און די דינסט. די מאַניר צו לאָזן שפּילן די דינערס אַ נעבן־ליניע אין דער אינטריגע צווישן זייערע באַלעבאַטים און צו פאַרענדיקן די ליזונג דורך טאָפּלטע חתונות איז שוין לאַנג געווען אַנגענומען אין דער בירגערלעכער דראַמע (מאַריוואָ א. אַ.). מעגלעך, אַז אַזוי טאָקע איז עס אויך געווען אין דער ניט־פאַרקריפּלטער ערשטער זשאַלקעווער אויסגאַבע. אין דער לעמבערגער אויסגאַבע פון 1863 ווערט וועגן דער דינסט בלויז דער־ציילט, זי טרעט אַליין ניט אויף. לויט דעם גאַנצן גאַנג פון דער האַנדלונג אין דער פּיעסע דאַרף מען רעכענען, אַז אינעם אורשפּרינגלעכן טעקסט איז זי אין דער פּיעסע יאָ אויפגעטראַטן, אַן ערך אין אַזאַ כאַרקטער, ווי די דינסט חוה אין עטינגערס „סערקעלע״. זי איז דאָך די אוממיטלבאַרע סיבה פונעם קאָנפליקט צווישן אורי און דעם מלמד, פונעם קאָנפליקט, וואָס פירט צו דער דעמאַסקירונג פונעם חסיד. אַפּנים, אַז זי איז אויפגעטראַטן אין די לעצטע טיילן פון דער פּיעסע, וואָס זיינען אין דער לעמבערגער אויסגאַבע אַזוי שטאַרק געקירצט. די פיגור פון דער פּיינער־בעריעטס טאָכטער, דער בייזער „יעזע״, און פונעם שווינדלערישן שכן דעם חסיד („די גענאַרטע וועלט״, מאָסקווער אויסגאַבע, ז. 68 און ז. 76) ווערן אין דער פּיעסע אויך ניט אַרויסגעפירט.

זיי ווערן בלויז אין פאַרשיידענע רעפּליקעס בייז כאַראַקטעריזירט. שווער צו זאָגן, צי זיינען זיי אינעם אורשפּרינגלעכן טעקסט פון דער פּיעסע יאָ אויפגעטראָטן. ס'איז אָבער זייער וואַרשיינלעך, אַז זיי האָבן דאָרט געשפּילט אַן אַקטיווערע ראָל, פון וועלכער עס זיינען בלויז געבליבן פאַרקריפּלטע רעשטן. די דאַזיקע השערה קאָן מען אונטערשטיצן מיט דעם פאַקט, וואָס אינעם פאַרשוין־צעטל ווערן דערמאָנט: „איין סופר. משרתים. שכנים. געסט.״

*　*　*

די סביבה, וואָס ווערט דירעקט געשילדערט אין דער אַגעווע, איז אַ באַלעבאַטיש־גבירישע. פונעם לעבן פון די ברייטע מאַסן באַקומען מיר דאָ צו הערן בלויז אַ שוואַכן אָפּהילך דורך דער געשטאַלט אוריס, דורך דער שפּראַך פון דער פּיעסע און דורך די פאַקטן פונעם פאָלקס־לעבן, וואָס דער גרויסער סוחר און זיין געשעפטפירער ווייזן אויף זיי אָן אין זייערע רעפּליקעס. עפּעס מער דייטלעכס וועגן דעם לעבן פונעם פאָלק באַקומען מיר געשילדערט ערשט אין די ווערק אַקסענפעלדס. אָבער אַ שטיקל אָנהייב אין דער דאָזיקער ריכטונג איז פאָרט פאַראַן אויך אין דער אַגעווע. ס'איז אפשר ניט קיין צופאַל, וואָס באַשטימטע אָפּרופן וועגן דער שווערער לאַגע פון די מאַסן אין די רעפּליקעס פונעם „גרויסן סוחר״ קלינגען אַזוי ענלעך צו באַשטימטע ערטער אין י. ב. לעווינזאָנס „הפקר־וועלט״ *; זייער וואַרשיינלעך, אַז לעווינזאָן האָט די אַגעווע געלייענט.

דער ליבע־מאָטיוו אין דער אַגעווע איז אין זיין סכעמע ניט ניי. די טעמע וועגן דער יתומה, אָדער דעם אָרעמען מיידל בכלל, ביים רייכן קרוב, אין וועלכער עס פאַרליבט זיך זיין זון, געהער צום אייזערנעם באַשטאַנד פון דער בירגערלעכער דראַמע. זי איז דערנאָך איבערגענומען געוואָרן פון עטינגערן („סערקעלע״), אַקסענפעלדן („די גענאַרטע וועלט״, „מאַן און ווייב״), גאָטלאָבערן („דעקטוך״), גאָלדפאַדענען („מומע סאָסיע״) ביז צו שלום־עליכמען. דער דאַזיקער סוזשעט איז אגב אויך אין דער רוסישער דראַמאַטורגיע איבער־געחזרט געוואָרן זייט פאָנוויזינס „ניעדאָראָסל״ ביז צו אָסטראָווסקי „בעס־פּרידאַניצאַ״. אין דער יידישער ווירקלעכקייט איז אַזוינס צו יענער צייט געווים ניט געווען קיין טיפּיש־שטייגערישע דערשיינונג. ס'איז געווען מער וואונטש (פונעם משכיל) ווי ווירקלעכקייט, פונקט אַזוי ווי די פּאָזיטיווע כאַ־ראַקטערן פון די געשילדערטע משכילים זיינען געווען מער וואונטש־פיגורן, אויפגאַבעס, איידער ווירקלעכע שטייגערישע טיפּן. אין דעם דאַזיקן סוזשעט

---

* פאַרגלייך ז. 99, שורות 1—8 (מאָסקווער אויסגאַבע) מיט לעווינזאָנס זאָצן: „דער איבעריקער עולם רייסן קריעה, פאַרדינען נעבעך מיט דעם ביטערן שווייס זייער גראָשן״ א. אַז. וו.

איז געקומען צום אויסדרוק דאָס בירגערלעכע באַטאָנען דעם ווערט פונעם אינדיווידואום קעגן דעם ווערט פון דער אַריסטאָקראַטישער אָפּשטאַמונג און פון צופעליקער רייכקייט. דורך דעם סוזשעט איז געווען באַקוועם צו באַווייזן דעם ווערט און באַדייט פון ליבע צווישן די געשלעכטער — אַקעגן דער מיטל־אַלטערלעכער פאָרם פון געצוואונגענע חתונות. אין דער יידישער ליטעראַטור איז דאָס אָבער דעמאָלט געווען דורכאויס נײַ. אין דער יידישער שפּראַך איז דאַך נאָך דעמאָלט ניט געווען אַפילו דאָס וואָרט „ליבע" אינעם באַדייט פון ליבע צווישן די געשלעכטער.

וועגן דעם אויפבוי פון דער פּיעסע לאָזט זיך שווער עפּעס זאָגן, ווייל מיר פאַרמאָגן פון איר בלויז אַ פאַרקריפּלטן און רואינירטן וואַריאַנט. ס'לאָזט זיך בלויז דערקענען, אַז אורשפּרינגלעך איז דער אויפבוי געווען אַ פעסטער, לויט די קלאַסיש־מאַליערישע טראַדיציעס, גוט פאַרקניפּט אין אַנהייב, מיט אַ הויך־פונקט פונעם קאָנפליקט אין דער מיט. די האַנדלונג אַנטוויקלט זיך מיט אינטריגעס און מיט קעגן־אינטריגעס, פאַרטלען און פאַרשטעלענישן. די לייזונג קומט פאַר דורך דעמאַסקירונג און דערקענונג. די אַזוי־גערופענע קלאַסישע „דריי איינהייטן" ווערן דאָ אגב דורכגעפירט. אָפּגעהיט איז געבליבן פון דער קאָמפּאָזיציע דער שאַרף־געבויטער דיאַלאָג (אַמבעסטן זיינען די דיאַלאָגן צווישן אורי און דעם מלמד). אַ שאָד, וואָס ערטערווייז איז די פאַר־בינדונג צווישן די רעפּליקעס איבער די קירצונגען און פאַרקריפּלונגען ניט אינגאַנצן קלאָר.

די אַגעווע איז דאָס באַדייטנדיקסטע רינגעלע אין דער ליטעראַטור־היסטאָרישער קייט, וואָס ציט זיך, דורך אייכל־וואָלפסזאָן, פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור—צו עטינגערן, לעווינזאָנען און אַקסענפעלדן, און פונ־דאַנען ווייטער צו גאָטלאָבערן, גאָלדפאַדענען, מענדעלען, לינעצקין און שלום־עליכמען. ס'איז אַ גרונט־ווערק פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור.

מאָסקווע, 1936.

ווענן י. אַקסענפעלדס פּיעסעס

אַקסענפעלדס אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור

(פֿאָרבאַמערקונגען)

אין דער יידישער השכלה־ליטעראַטור ביז מענדעלען האָט קיין איינציקער בעלעטריסט ניט אַרומגענומען אַזויפיל אַקטועלע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמעס און זיך ניט אָפּגערופן אויף זיי מיט אַזאַ אויספירלעכקייט און טעמפּעראַמענט, ווי אַקסענפעלד אין זיינע ווערק. קיינער האָט ניט אַזוי גרינטלעך באַשריבן די געזעלשאַפטלעכע טיפּן, דעם עקאָנאָמישן און עטנאָגראַפישן שטייגער פון זיין צייט. ביי קיינעם געפינען מיר ניט אַזוי אוממיטלבאַר אָפּגעשפּיגלט די דעמאָלטיקע געזעלשאַפטלעכע פאַקטן און אויך די טענדענצן פון דער יידישער השכלה, ניט ווי זיי באַוויזן זיך אין די טעאָרעטישע פּראָגראַמעס, נאָר אַזוי ווי זיי האָבן געווירקט אינעם לעבן מיט זייערע אָפענע און פאַרבאָרגענע מאָטיוון. אין אַקסענפעלדס ווערק האָבן מיר אַן אמתן אוצר מאַטעריאַלן פאַרן דערלערנען דאָס לעבן פון די יידן אין יענער צייט און דעם אינעווייניקסטן מהות פון דער השכלה.

די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט געפינט זיך נאָך ביי היינטיקן טאָג אין אַ רויען צושטאַנד, זי האַלט ערשט ביים אָנהייב פון אַ וויסנשאַפטלעכער באַאַרבעטונג, עס הייבן זיך ערשט אָן אָנצומערקן אירע הויפּט־שטריכן, אַנטוויקלונגס־ליניעס און פעריאָדן. די דערווייל פעסטגעשטעלטע אַנטוויקלונגס־ליניעס זיינען זייער דינע, פאַרלירן זיך אַמאָל אין טונקלקייט, רייסן זיך אָפּט איבער. עס איז אָפּט שווער צו דערקענען און צו דערזען דעם צוזאַמענהאַנג צווישן איין שרייבער־דור און דעם אַנדערן. עס האָט אַמאָל אַ פּנים, ווי איינער אָדער דער אַנדערער שרייבער פון יענער צייט וואָלט ממש אָנגעהויבן צו שאַפן די ליטעראַטור אויפס ניי, אָן שום טראַדיציעס, אָן שום פאָרגייער אין דער יידישער ליטעראַטור.

פונדאַנען בעמט זיך, אַז מיר האָבן אַמאָל די נטיה צו באַטראַכטן די קלאַסיקער פון דער אַנדערער העלפט 19טן יאָרהונדערט אויף אַזאַ אופן, ווי זיי וואָלטן אין דער יידישער ליטעראַטור גופא קיין שום פאָרגייער ניט געהאַט און ווי זיי וואָלטן מיט זיי אין קיין שום צוזאַמענהאַנג ניט געשטאַנען. אַמאָל שרייבן מיר זיי צו דערגרייכונגען, וואָס זיינען שוין פאַר זיי אויפגעטאָן געוואָרן, און באַמערקן ממילא ניט ווי געהעריק די אייגנטלעכע אינהאַלטלעכע און פאָרמעלע נייסן, וואָס אונטערשיידן זייער שאַפן פונעם שאַפן אין אַ פריער־

דיקן פּעריאָד. פונדאַנען נעמט זיך, למשל, וואָס מיר צייכענען און כאַראַקטעריזירן, כמעט אָן שום דיפערענצירונג, אַ פּעריאָד פון קרוב הונדערט יאָר — פון מענדל לעפין ביז מענדעלען (און מענדעלען, אויך איינגעשלאָסן), — אַלס „השכלה" סתם, כאָטש „די השכלה" האָט אין משך פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט עטלעכע מאָל און גרינטלעך געביטן איר אינהאַלט. אין אַ באַשטימטער מאָס נעמט זיך אויך פונדאַנען די אָרעמקייט פונעם קריטישן דיפערענצירן, וואָס באַגרעצענט זיך אָפט דער עיקר בלויז מיט אַ „קוואַנטיטאַטיוון" אָפּשאַצן, וואָס מעסט בלויז אויס דעם טאַלאַנט־גראַד און לאָזט זיך ניט אַרײַן אין דעם אייגנאַרטיקן, כאַראַקטעריסטישן באַדייט פון דער פאָרם ביי יעדן שרייבער און אין יעדן פּעריאָד באַזונדער, פון דער פאָרם, וואָס איז צונויפגעבונדן סיי מיט די געגעבענע געזעלשאַפטלעכע פאַקטן און סיי אויך מיט די באַקומענע ליטעראַרישע טראַדיציעס.

דער דאָזיקער אומהיסטאָרישער צוגאַנג ווערט אַמאָל כלומרשט באַרעכטיקט דורך דער פאָרשטעלונג, אַז היות אַ טייל וויכטיקע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט זיינען צו זייער צייט בכלל ניט געדרוקט געוואָרן (נאָר ערשט אַ סך שפּעטער), איז פונדאַנען געדרונגען, אַז זיי זיינען ניט צו זייער צייט און ניט אין אַ שפּעטערדיקער צייט ניט געווען קיין געזעלשאַפטלעך און ליטעראַריש־ווירקנדיקער פאַקטאָר. די דאָזיקע פאָרשטעלונג איז אָבער ניט ריכטיק.

קלאָר, אַז די ווערק, וואָס זיינען געווען געדרוקט ניט צו דער צייט, האָבן ניט געקאָנט אַזוי ווירקן, ווי זיי וואָלטן געווירקט, ווען זיי זאָלן יאָ געדרוקט ווערן צו דער צייט, אָבער עס איז אָן שום ספק פעסטגעשטעלט, אַז אַ וויכטיקע ווירקונג אויף די צייט־מענטשן האָבן אַפילו די ניט צו דער צייט געדרוקטע ווערק יאָ געהאַט. ניט בלויז די ניט־געדרוקטע משכּילישע פאָלקס־לידער (למשל, פון גאָטלאָבערן, מ. גאָרדאָנען און אַפילו פונעם יונגן פּרץ א. אַ.), וואָס זיינען אַרײַן אין די פאָלקס־מאַסן און זיינען דאָרט אַפילו אינגאַנצן „פאַרשוואונדן", נאָר אויך די גרעסערע ווערק און פּיעסעס (למשל פון לעווינזאָנען — לויט גאָטלאָבערס עדות־זאָגן האָט די „הפקר־וועלט" צירקולירט איבער גאַנץ וואָלין און נאָך ווייטער,* פון עטינגערן,** אַקסענפעלדן *** א. אַ.), וואָס

* זע אויך פּ. א. אלאכין אין „רוסקאַיאַ סטאַרינאַ", 1879, ציטירט אין „ספר הזכרונות" פון ד. ב. נאַטאַנזאָן, ז. 154 (אוסיג. 1894) : „די דאָזיקע בראָשור איז געווען פאַרשפּרייט צווישן לעווינזאָנס באַקאַנטע און פריינט אַלס כתב-יד..."

** עטינגערס לידער און עפּיגראַמען זיינען געווען זייער פאַרשפּרייט (מינדלעך און שריפטלעך) און זייער פּאָפּולער. מע רעדט וועגן „הונדערטער" קאָפּיעס פון עטינגערס האַנט-געשריבענע פּיעסעס. זאָל עס זיין אַ גוזמא, אָבער אויך דאַן האָבן די דאָזיקע ידיעות עפּעס וואָס צו באַטייטן.

*** זע ווייטער, ז. 342, הערה.

זיינען געגאַנגען אין כתב־ידן פון האַנט צו האַנט אָדער זיינען אויף אַ „פאָלק־לאָרישן" אופן פאַרגעלייענט געוואָרן אין היימישע קרייזן, האָבן געהאַט אַ באַדייטנדיקע געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע השפעה. יעדנפאַלס אויף אַזויפיל, אַז די דאָזיקע השפעה האָט אויף אַ באַדייטנדיקן אופן באַשטימט דעם המשך פון דער אַנטוויקלונג, די ליטעראַרישע טראַדיציעס, די קינסטלערישע צוגרייטונג און אויספאָרמירונג פון דער ליטעראַטור אין פּרט פון אינהאַלט, שפּראַך, זשאַנרען א. אַז. וו. ביז צו מענדעלען, שלום־עליכמען און פּרצן.

גריבאָיעדאָווס „גאָרע אָט אומאַ" — „צרות פון [צופיל] שכל", קרילאָווס משלים און אַ באַוואוסטער טייל פון פּושקינס לידער און עפּיגראַמעס האָבן אַלס כתב־ידן אָן ספק אַ סך פריער געווירקט אויף דער רוסישער געזעל־שאַפטלעכקייט און ליטעראַטור, איידער זיי זיינען געדרוקט געוואָרן. ווען די דאָזיקע ווערק וואָלטן בכלל ניט דערשינען אין דרוק, וואָלט זייער באַדייט פאַר דער רוסישער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג געווען אַ קלענערער, ווי ער איז פאַקטיש געווען, אָבער אַ ניט־אויסמעקבאַרע ווירקונג וואָלט פון זיי אין דער געזעלשאַפטלעכקייט און אין דער ליטעראַטור פאָרט געבליבן. דער ליטעראַ־טור־היסטאָריקער וואָלט זיך אויך דאַן פאַר דער דערקלערונג פון די איבעריקע ליטעראַרישע צייט־דערשיינונגען ניט געקאָנט באַגיין אָן אַ גרינטלעכער אויס־פאָרשונג פון די דאָזיקע ווערק. מע רעדט דאָך וועגן טויזנטער האַנטשריפט־לעכע קאָפּיעס, וואָס זיינען צו יענער צייט אומגעגאַנגען פון גריבאָיעדאָווס פּיעסע.

די מאַסשטאַבן זיינען דאָ, אין דער יידישער ליטעראַטור, פאַרשטייט זיך, אין אַלע פּרטים אויף גאָר אַ סך קלענער. אָבער אויב מיר רעדן וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט, מוזן מיר, ווי אינטערעסאַנט זי זאָל פאַר זיך ניט זיין, צו איר צוגיין אין אַלע פּרטים מיט אַנטשפּרעכנדיקע מאָסן. מיר מוזן דאָ שטענדיק געדענקען דעם „ווערדליק און פאַדליק". און דאָ האָבן שוין, למשל, די פילע צענדליקער אָדער הונדערטער קאָפּיעס פון עטינגערס „סערקעלע" געשפּילט אַ באַשטימטע ראָל. מיר וויסן זיכער, אַז אַ גאַנצע ריי יידישע שרייבער פון יענער צייט זייען באַקאַנט גע־ווען מיט עטינגערס ווערק דורך כתב־ידן און זיינען פון זיי באַווירקט געוואָרן. דאָס אייגענע דאַרף מען זאָגן וועגן אַקסענפעלדס ווערק. לויט די מאָסן פון דער יידישער ליטעראַטור צו יענער צייט און פון דער דעמאָלטיקער פּראָ־גרעסיווער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט האָבן די דאָזיקע און ענלעכע ווערק אָפּגעשפּילט אַ היפּשע געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע ראָל.

די צאָל יידישע משכילים איז דעמאָלט בכלל געווען פאַרהעלטנישמעסיק ניט קיין גרויסע. אַ וויכטיקער טייל פון זייער ווירקונג אויף דער געזעל־שאַפט איז געגאַנגען אויפן מינדלעכן, בריוולעכן און האַנטשריפטלעכן אופן

(„...מי ממשכלי בני ישראל, המעטים בארצנו אז, ערב לבו לגשת אל בית הדפוס לתת לספרו מהלכים." * זע א. ב. גאָטלאָבער: „הגזרה והבניה" אין „הבקר אור", 1879, ז. 975.) די ליטעראַרישע פֿאַקטן פֿון יענער צייט מוז מען אָפּשאַצן לויט זייער רעלאַטיווער וואָג. אין די ראַמען פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט און ליטעראַטור פֿון דער ערשטער העלפֿט 19טן יאָרהונדערט אין אוקראַינע, ליטע און פּוילן פֿאַרנעמען פֿונדעסטוועגן די פֿאַרהעלטניסמעסיק קאַרגע און קנאַפּלעכע ווערק, וואָס זיינען טיילווייז בכלל קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן און פֿאַרלוירן געגאַנגען און צום טייל מיט אַ שטאַרקער פֿאַרשפּעטיקונג דערשינען, און וואָס זיינען אָפּט צו זייער צייט אומגעגאַנגען בלויז אַלס כתב־ידן, פֿאָרט אַן ערנסט אָרט.

די ראָל פֿון דער דאָזיקער צוערשט כתב־ידישער ליטעראַטור איז געווען אויף אַזויפֿיל וויכטיק, אַז אַן איר פּינקטלעכער דערלערנונג וועט זיך די אויס־פֿאָרשונג פֿון דער יידישער געשיכטע און געזעלשאַפֿטלעכקייט פֿון יענער צייט און אויך פֿון דער ליטעראַטור, אַפֿילו פֿון דעם שפּעטערדיקן קלאַסישן פּעריאָד, ניט קאָנען באַגיין. ניט בלויז ווייל די דאָזיקע ליטעראַרישע דאָקומענטן שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ קאָנצענטרירטן אויסדרוק פֿון דער דעמאָלטיקער גע־זעלשאַפֿטלעכקייט און קאָנען דערפֿאַר דינען אַלס קוואַלן־מאַטעריאַל פֿון אַ גרויסן ווערט, נאָר אויך ווייל זיי האָבן אויף אַ געוויסן אופֿן באַווירקט און אויסגעפֿורעמט די ליטעראַרישע טראַדיציע. פּונקט אַזוי, „ווי יעדע נייע טעאָריע מוז קודם־כל אָנקניפּן אָן דעם ביז־איצטיקן געדאַנקען־מאַטעריאַל, וואָס זי געפֿינט — ווי שטאַרק זי זאָל ניט זיין פֿאַרוואָרצלט אין די עקאָנאָמישע טאַטזאַכן" (ענגעלס, „אַנטי־דיורינג", ז. 1), פּונקט אַזוי מוז אויך יעדע נייע שטרעמונג אין דער ליטעראַטור אָנקניפּן פֿעדעם אָן דער ביז־דעמאָלטיקער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג, אַפֿילו ווען זי באַקעמפֿט די ביז־דעמאָלטיקע ליטעראַרישע סיטואַציע און איז אַ רעזולטאַט פֿון לחלוטין נייע געזעלשאַפֿט־לעכע פֿאַקטן.

פֿאַר דער פֿאָרמעלער זייט פֿון אַ ליטעראַטור אין אַ נייער אָדער באַנייטער שפּראַך קאָנען ניט קלעקן בלויז די טראַדיציעס פֿון אַנדערשפּראַכיקע ליטע־ראַטורן, ווייל איר פֿאָרמעלע אַנטוויקלונג איז דעמאָלט אין אַ באַזונדערס שטאַרקער מאָס אָפּהענגיק ניט בלויז פֿון דעם צושטאַנד אין די באַווירקנדיקע ליטעראַטורן, נאָר אויך פֿון דעם, אויף וויפֿיל די אויסדרוק־מעגלעכקייטן אין דער אייגענער ליטעראַטור גופֿא זיינען צוגעגרייט און אויסגעפֿורעמט. אַ נייע ליטעראַרישע תקופֿה, ווי שטאַרק זי זאָל ניט אָוועקפֿירן די ליטעראַטור פֿון די באַקומענע טראַדיציעס און אַפֿילו ווען זי רייסט איין מיט זיי אינגאַנצן, מוז,

* ווער פֿון אונדזערע יידישע משכילים האָט דאָס דעמאָלט געוואָגט צו פֿאַר־שפּרייטן זיינע ווערק דורכן דרוק?

פונדעסטוועגן, אין אַזאַ אָנהייבערישן פעריאָד, ווען די ליטעראַטור־שפּראַך בכלל און די קינסטלערישע פאָרמען פון די נייע סאָציאַלע שיכטן בפרט הייבן זיך ערשט אָן אויסצופורעמען, אָנקניפּן אָן די ביז־דעמאָלטיקע דערגרייכונגען פון דער אייגענער ליטעראַטור און אָנגעמען צו זיי אַ באַשטימטן — אַלצאיינס אין וואָסער מאָס נעגאַטיוון אָדער פּאָזיטיוון — שטאַנדפּונקט. אַ נייע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור האָט צו לייזן אַ ספּעציפישן פּראָבלעמען־קרייז אָדער אָנצואווענדן אַלגעמיינע פּראָבלעם־לייזונגען צו אַ באַזונדערער סביבה. צוליב דעם אַנטשטייט דאָך אַ נייע „נאַציאָנאַלע“ ליטעראַטור. די דאָזיקע ספּעציפיק דערלויבט ניט, אַז מע זאָל זיך באַנוגענען בלויז מיט ליטעראַרישע השפּעות פון אַנדערע ליטעראַטורן און אַז מע זאָל איגנאָרירן, באַזונדערס אין דער ערשטער צייט פון דער אַנטוויקלונג, די אייגענע, זאָל זיין יונגע טראַדיציעס. זי דאַרף די דאָזיקע טראַדיציעס האָבן ניט בלויז כדי בייצוקומען די ספּעציפישע פּראָבלעמאַטיק לויט די אַלגעמיינע פּרינציפּן, נאָר אַפילו צוליב דעם, כדי צום בעסטן צוצוגרייטן די אויסדרוק־מיטלען פון דער נייער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור פאַר די אַלגעמיינע געדאַנקען און זייערע פאָרמען.

די יידישע ליטעראַטור פון דער אַנדערער העלפט 19טן יאָרהונדערט און אַפילו די ווערק פון די קלאַסיקער זיינען דורכאויס ניט קיין אַבסאָלוטע „מעשה בראשית“. זיי זיינען געשטאַנען אין אַן ענגן היסטאָרישן צוזאַמענהאַנג — סיי אויף אַ פּאָזיטיוון, סיי אויף אַ נעגירנדיקן אופן — מיט דער ליטעראַטור פון דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט. אָן דער דערלערנונג פונעם ליטעראַרישן שאַפן אין דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט וועלן אונדזערע קענטעניש וועגן די קלאַסיקער בלייבן פראַגמענטאַריש.

אין קינסטלעריש־פאָרמעלן זינען איז עטינגער געווען דער טאַלאַנט־פולסטער שרייבער פון די ערשטע צוויי דריטל 19טן יאָרהונדערט. זיינע צוגרייטערישע אויפטוען בנוגע שפּראַך און פאָרם בכלל דערמאָנען אין אַ געוויסער מאָס די ראָל פון זשוקאָווסקין אין דער רוסישער ליטעראַטור. אָבער דער אידייאישער אינהאַלט פון זיינע ווערק איז גענוג בלאַס. עטינגער איז געבליבן שטעקן אין די רעמלעך פון דער קאָנווענציאָנעלער בירגערלעך־אויפקלערערישער פּראָבלעמאַטיק, וואָס איז אין אייראָפּע שוין לאַנג דורכגעאַרבעט געוואָרן. ער האָט אין פּרט פון געזעלשאַפטלעכע אידייען ניט געפירט קיין איין טריט ווייטער פון אייכל און וואָלפסזאָן פון דער אַנאָנימער „די געגנאַרטע וועלט“. אַנדערש אַקסענפעלד. די אַקטועלע און אימפּעטפולע געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס מיר געפינען שוין אין לעווינזאָנס יידישע (פּובליציסטישע) פראַגמענטן, ווערט ביי אַקסענפעלדן מער פאַרברייטערט און קינסטלעריש פאַרווירקלעכט. דער פאַרנעם פון זיין געזעלשאַפטלעכער פּראָבלעמאַטיק, זיין געזעלשאַפטלעכער טעמפּעראַמענט, זיין באַשרייבערישע

לײדנשאַפט, זײַן ברײטע, אַ ביסל גראָבלעך־האַמעטנע, אָבער געזונטע באַ־גאַבטקײט מאַכט אים פאַר אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן — אויב ניט פאַרן אינטערעסאַנטסטן — שרײבער פון דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט. אַקסענפעלדס שאַפן פאַרנעמט אַזאַ צענטראַל אָרט אין דער ליטעראַטור פון יענעם פּעריאָד, אַז אָן אַ גרינטלעכער דערלערנונג פון זײַנע ווערק, פון זײַן אָרט און באַדײַט אין דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג קאָן מען ניט באַקומען קײן ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן די אָנהײבן און וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור אינעם 19טן יאָרהונדערט. זײַן שאַפן איז, פּונקט אַזוי ווי עטינגערס, אַן אָריענטיר־פּונקט פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אינעם פּעריאָד ביז מענדעלען.

I. השכלה און פֿאָלקס־מאַסן

1. אַקסענפֿעלד און עטינגער

די יידישע ליטעראַטור זייט אָנהייב 19טן יאָרהונדערט ווענדט זיך צו דער ברייטסטער פֿאָלקס־מאַסע. דאָס שליסט אָבער ניט אויס, אַז זי זאָל זיין אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער דורכגעדרונגען מיט בורזשואַזע אידייען. דעריבער איז עס אַ טעות צו מיינען, אַז ווייל די ליטעראַטור אין יידיש ווענדט זיך דעמאָלט צו די פֿאָלקס־מאַסן און איז דעמאָלט אויסן דער עיקר נאָר דעם דאָזיקן לייענער (וואָס שייך דער יידישער פֿרוי, איז זי ביי אַלע געזעלשאַפֿטלעכע קלאַסן אין דער העברייאישער שפּראַך געווען ניט־עברידיק), הייסט דאָס, אַז זי מוז זיך איינגאַנצן און דורכאויס אין אַלע פֿאַלן באַזירן אויף די שטרעבונגען פֿון דעם דאָזיקן לייענער־עולם.

די דאָזיקע גרונט־קאָנצעפּציע, וואָס ווערט שווייגנדיק אָדער בפֿירוש אָנגענומען פֿון באַשטימטע ליטעראַטור־קריטיקער, איז פֿאַלש; ממילא זיינען די דערקלערונגען, וואָס זי קאָן געבן פֿאַר פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע דערשיינונגען און פּרטים פֿון יענעם פּעריאָד אויך פֿאַלש.

אַזוי, למשל, איז פֿאַראַן אַ נטיה אויסצוטייטשן אַקסענפֿעלדס „ערשטן יידישן רעקרוט“, די קעגנזעצלעכקייטן צווישן דעם גרויסבורזשואַ און די מאַסן, וואָס ווערן דאָ געשילדערט, ווי אַן איינדייטיקן סאָציאַלן פּראָטעסט פֿון די אָרעמסטע קעגן די רייכע, צו זען אין דער מיטפֿילנדיק געצייכנטער פֿיגור נחמן דער גרויסער, אין דעם קרבן פֿון דער רעקרוטשינע, אַ מין אַפּאָטעאָז פֿונעם „המונישן מענטשן“, און אין זיין גורל — בלויז אַ שאַרפֿע טענה פֿון די אָרעמע קעגן דער גבירימשאַפֿט. אַז מע האַלט זיך פֿינקטלעך ביי די ליטעראַרישע פֿאַקטן גופֿא, געפֿינט מען תיכף אַזויפֿיל סתירות אין אַזאַ איינזייטיקער אויסטייטשונג פֿון אַקסענפֿעלדס טענדענצן, אַז זי קאָן ניט באַפֿרידיקן.

עס וואָלט אָבער געפֿירט צו ניט קיין קלענערע סתירות, ווען מיר זאָלן דרינגען פֿון אַקסענפֿעלדס באַשיינפּערלעכער סימפּאַטיע פֿאַר באַשטימטע גבירישע געשטאַלטן אין זיינע ווערק, אַז זיין שאַפֿן גיט אַן אַדעקוואַטן אויסדרוק פֿון די בירגערלעכע טענדענצן. אויב אַ שרייבער מאָלט דאָס לעבן פֿון די רייכע, זאָל זיין אַפֿילו מיט באַאיוועך התפּעלות, הייסט דאָס נאָך ניט אוּמבאַדינגט, אַז מע מעג אים אונטערדרוקן די טענדענצן גראָד פֿון די העכערע קלאַסן. דאָס, וואָס סע ווערט דערציילט וועגן גראַפֿן און פֿרינצן אין אַ פֿאָלקס־

מעשה, באַטייט נאָך לחלוטין ניט, אַז דערמיט ווערן אויסגעדריקט די סאָציאַלע טענדענצן פון גראַפן און פרינצן. זייער אָפּט איז דאָס בלויז אַ טראַדיציאָנעלער אַקסעסואַר, אַ היסטאָריש באַדינגטער מאָטיוו. דערביי וועלן מיר אין אַזעלכע פאָלקלאָרישע מעשיות — טראָץ די פּרינצן און גראַפן, וואָס פיגורירן אין זיי אַלס הויפּט־העלדן, — דאַרפן זוכן און קאָנען אַרויסגעפינען די עכטע מיינונגען און שטרעבונגען פון די אונטערדריקטע מאַסן, וואָס האָבן די מעשיות געשאַפן. די דיכטערישע פאַנטאַזיע קלייבט זיך אויס אַזעלכע העלדן, וואָס זיינען אין זייערע האַנדלונגען פרייער, וויניקער געפּענטעט איידער געשטאַלטן פון די אונטערגעאָרדנטע קלאַסן. פּונקט אַזוי באַוויזט דאָס אויסמאָלן פון רייכן „סוחרישן שטאַנד" און די התפעלות פאַר זיין שטייגער־לעבן אין געוויסע אויפקלערערישע ווערק ניט שטענדיק, אַז דער שרייבער האָט דורכאויס געוואָלט אויסדריקן די געזעלשאַפטלעכע טענדענצן פון זיינע פיגורן. ביי אַ נידעריקער מדרגה פון געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן איז ביי דער וויניק־באַוואוסטזיניקער פאָלקס־מעשה די פיגור פון העכסטן קלאַס, דער גראַף, דער גביר א. אַז. וו., אַ ליבלינגס־טעמע פון דער דערציילערישער פאַנטאַזיע. נחמן דער גרויסער, די געזעלן, וואָס טרינקען מיט נחמנען אין שענק, די בעלפערס און דינסטן, ליפשע די מויד — דאָס איז אַקסענפעלדס לייענער־עולם; פאַר די נחמנס, פּונקט ווי פאַר אַקסענפעלדן, איז דער משכילישער גביר ר' אהרן אַן אידעאַלע פיגור, כאָטש ער נאַרט אָפּ נחמנען און טאַקע אויך אַקסענפעלדן גופא.

ס'איז אַ גרויסער חילוק, צי דער שרייבער באַציט זיך, למשל, צום גבירישן לעבן ווי אַ קליינבירגערלעכער פיליסטער צו זיין אידעאַל און וואונטש, אָדער ווי אַן אָפּגעשטאַנענער המון־מענטש צו אַ פאַנטאַסטישן חלום; צי ווי אַ באַוואוסטזיניקער פאַרשטייער פון זיין קלאַס צום שטייגער פון זיינע קעגנער, אָדער ווי איינער, וואָס מאָלט פאַר זיין אייגענעם קלאַס מיט זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, פּינקטלעכער קענטעניש פון די אינטימסטע דעטאַלן, מיט איינגעהאַלטענע ווערטער און קאַרגע אָנצוהערענישן און אַפילו מיט „גרויס־וועלטישער" איראָניע פון אויבן אַראָפּ — זיין היימישע, אייגענע סביבה.

אויב מיר וועלן דעם דאָזיקן מאָמענט אַזוי דיפערענצירן, וועט אונדז קלאָר ווערן דער חילוק צווישן דעם אופן, ווי עס מאָלט עטינגער און ווי עס מאָלט אַקסענפעלד דאָס באַלעבאַטיש־גבירישע לעבן. עטינגער שילדערט אַ שטוב פון אַ פאַרמעגלעכן פאַרוועניו, אַקסענפעלד מאָלט אויפגעקומענע גבירים (אין „ערשטן יידישן רעקרוט", „מאַן און ווייב" א. אַז. וו.); אָבער ביי עטינגערן פילט זיך די איראָניע פון אַ היימישן מענטשן צו זיין אייגענער סביבה. ער חוזקט פון אויבן אַראָפּ איבער די אומגעלומפּערטקייטן פונעם „פאַרוועניר" („סערקעלע"). ביי אַקסענפעלדן, פאַרקערט, זעען מיר די התפעלות פון אַ פראָסטערן שטעטלדיקן באַלעבאָס, וואָס פילט אַ נאַאיוון יראת־

הכבוד, אַריינקוקנדיק דורכן פענצטער צום גרויסן גביר.* אַ חוץ אַלעם באַווייזט זיך דאָ, פֿאַרשטייט זיך, אין דער שילדערונג דער חילוק צווישן דעם שטאָטישן שוין לענגער פֿאַרפֿונדעוועטן און מער קולטורעלן (ד. ה. בירגערלעכן לויט דער נייער פֿאָרמאַציע) באַלעבאַטישן שטייגער פֿון אַ געגנט, וואָס איז נעענטער צו מערב־איראָפּע (לעמבערג און אַפילו זאַמאָשטש), און דעם מער האַמעטנעם, פּראָסטערן שטייגער פֿון אַ „יינגערן" (ד. ה. מיט מער רעשטן פֿון פֿעאָדאַלישקייט) קליינשטעטלדיקן אוקראַינישן גביר. דער דאָזיקער שטייגעריש־קולטורעלער חילוק טאָר אונדז אָבער נישט פֿאַרשטעלן דעם חילוק אינעם סאָציאַלן וועזן פֿון די דאָזיקע ביידע שרייבער.

* * *

אויב מיר זאָגן, אַז אַקסענפֿעלד איז געווען אַ משכּיל, האָבן מיר דערמיט נאָך נישט ענדגילטיק באַשטימט און אַרומגעשריבן די געזעלשאַפֿטלעכע גרונט־ליניע פֿון זיין שאַפֿן. די השׂכּלה, די יידישע אויפֿקלערונג, איז אַן אַלגעמיינע בירגערלעכע באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגענומען פֿאַרשיידענע ניואַנסירטע געזעלשאַפֿטלעכע אינטערעסן. עטינגער איז געווען אַ משכּיל, און לעווינזאָן איז אויך געווען אַ משכּיל — זיי באַציִען זיך אָבער פֿאָרט נישט אַלצאיינס צום רעקרוטן־געזעץ, למשל. אַ טייל משכּילים טרעטן געגנוג דייטלעך אַרויס אַלס בורזשואַ, אַנדערע ווידער ווייזן אַ דייטלעכע פֿאַרבונדנקייט מיט די טענדענצן פֿון די ברייטערע פֿאָלקס־מאַסן.

די השׂכּלה איז, אין אַלגעמיין גערעדט, פּונקט ווי די קלאַסישע מערבדיקע אויפֿקלערונג, די אידעאָלאָגיע פֿונעם דעמאָלטיקן מיטל־בירגער אין זיין איבערגאַנגס־עטאַפּ צום בורזשואַ, כאָטש זי וויל דעמאָלט אַרומנעמען די „גאַנצע מענטשהייט" (זע ענגעלס: „אַנטי־דיורינג", דייטשע אויסגאַבע, בערלין, 1928, ז"ז 1־4, 154־155, 274 א. אַ.). די טענדענץ צום מאָדערנעם בורזשואַ באַדינגט דעמאָלט אָבער נישט שטענדיק אַן אַנטשפּרעכנדיק אַלצאיינע באַציאונג פֿון אַלע משכּילים צו אַלע איבעריקע קלאַסן. עס זיינען דאָ מעגלעך געווען די פֿאַרשיידנסטע ניואַנסן.

די אידעאָלאָגיע פֿון דער משכּילישער אינטעליגענץ, פֿון די שרייבער און טעאָרעטיקער, איז טאַקע שטאַרק באַווירקט פֿון דעם דעמאָלט קליינעם שיכט יידישע גרויסבורזשואַ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען (רייכע סוחרים, גרויסע מלוכהשע פּאָדריאַטשיקעס, הויפּט־פּאַכטערס, באַנקירן, פֿאַבריקאַנטן א. אַז. וו.). דער דאָזיקער שיכט איז אַנטשטאַנען און איז אויס־

* למשל: „... אַקעגן דער טיר, אין דער אַנדערער שטוב אַריין, הענגט אַ גאַנץ גרויסע שפּיגל, און נאָך פּאָקאָיעס און פּאָקאָיעס..." (י. אַקסענפֿעלדס ווערק, ערשטער באַנד, כאַרקאָוו־קיעוו, 1931, ז. 158.) דייטלעך ווייזט זיך די פּראָווינציעלע התפּעלות פֿאַרן גבירס וואוינונג אין דעם דאָזיקן: „און נאָך פּאָקאָיעס און פּאָקאָיעס".

געוואָקסן אויפן פעאָדאַלישן באָדן. ער האָט אָבער געשטרעבט צום „איירא־פּיאישן״, מאָדערנעם, קאַפּיטאַליסטישן טיפּ בירגערלעכקייט. דאָס איז געווען אַ פעאָדאַלישע גבירימשאַפט אינעם איבערגאַנגס־עטאַפּ צום קאַפּיטאַליסטישן גרויסבורזשואַ. זייערע בורזשואַזע שטרעבונגען האָבן נאָך אין זיך אַנטהאַלטן היפּשע פעאָדאַלישע שטריכן און אָפּגעשטאַנענקייט. די „נאָפּל־שנור״, וואָס האָט זיי פאַרבונדן מיטן ביז־רעפאָרמישן פעאָדאַליזם, איז נאָך לאַנג ניט געווען איבערגעשניטן. פאַרקערט, ביי זיין גאַנצער בורזשואַזקייט איז דער דאָזיקער טיפּ יידישער גביר נאָך געווען אין אַ סך פּרטים ענג פאַרבונדן מיט די פעאָדאַלישע פאָרמען פון דער געזעלשאַפט. דאָ ליגט איינע אַ הויפּט־סיבה פאַר דער רעלאַטיווער הינטערשטעליקייט פון דער יידישער אויפקלערונג.

דער דאָזיקער גביריש־בורזשואַזער שיכט האָט געווירקט אויף דער אידעאָלאָגיע פון דער השכלה, פּונקט ווי ער האָט „שתדלניש״ געווירקט אויף דער רעגירונג. אַ טייל מאַסמיטלען פון דער רעגירונג בנוגע די ברייטע יידישע מאַסן זיינען, ניט געקוקט אויף די שתדלנישע אָנשטעלן פון כל־מיני „דעפּו־טאַטן״, דירעקט צי אומדירעקט אונטערגעשטיצט און צומאָל אַפילו אונטער־געזאָגט געוואָרן פון די דאָזיקע יידישע בורזשואַזע גרופּעס.* די בירגערלעכע אויפקלערונג שטיצט זיך דאָ אויף דער אַבסאָלוטיסטישער רעגירונג.

די שטעלונג פונעם ניי־אויפקומענדיקן יידישן בורזשואַ צו די יידישע מאַסן איז דיקטירט געוואָרן פון אַזעלכע נויטווענדיקייטן: אַוועקראַמען אין דער עקאָנאָמיק און אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די יידן יענע מאָמענטן, וואָס שטערן אָמשטאַרקסטן דעם אַריינדרינגען פון אַ מאָדערנער קאַפּיטאַליס־טישער אַנטוויקלונג, אָפּשאַפן ווי וויט מעגלעך יענע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פאַקטן, וואָס גיבן שטאָף פאַר טענות צו דער יידישער באַפעלקערונג (פאַנאַטיש־רעליגיעזער לעבנשטייגער, עקספּלואַטאַציע פונעם פויער דורכן שענקער, קרעמער א. אַז. וו., לופט־פּרנסות, „לײדיקגייערישקייט״, מאַנגל אין איבער־געגעבנקייט צו דער צאַרישער רעגירונג א. אַז. וו.) — טענות, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויך אויף דער געזעלשאַפטלעכער לאַגע פונעם יידישן גרויס־בורזשואַ. זיין באַציאונג צו די ברייטע פאָלקס־מאַסן איז געפירט געוואָרן פון זיין שטרעבן: איינשטילן, זאָל זיין אויף דערוויל און צייטווייליק, די טענות וועגן די יידן מצד דעם (לייב־אייגענעם) פויער און מצד דעם ניט־יידישן שטאָטישן קליינבירגער (וואָס די רעאַקציאָנערע קרייזן האָבן זיי אויפגעהעצט קעגן די יידן), אונטערשטיצן דעם ניקאָלייאישן מיליטאַריזם, מיטהעלפן די צוואַנגמעסיקע אַגראַריזיר־פּלענער און פּראָלעטאַריזיר־פּלענער בנוגע ברייטע מאַסן אָרעמשאַפט, זיך באַפרייען פון די פילאַנטראָפּישע צושטייערן און פונעם

* זע ווייטער, ז. 128 און ווייטער.

צדקה־עול, באַשאַפן אַ בירגערלעכע אינטעליגענץ א. אַז. וו. פון די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן ווערט די השכלה אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער באַווירקט.

אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער באַווירקט, אָבער ניט אויסשליסלעך. מיר געפינען ניט ביי אַלע משכילים אין די דאָזיקע פּרטים אַן אַבסאָלוט אויסגע־האַלטענע איינהייטלעכקייט. עס איז דאָ אַ וועזנטלעכער חילוק, למשל, צווישן עטינגערן און אַקסענפעלדן אָדער גאָר לעווינזאָנען. די בורזשואַזע ווירקונג ווערט ביים גרעסטן טייל משכילים איבערגעבראָכן דורך די טענדענצן און אינטערעסן פון די ברייטערע פאָלקס־מאַסן.

עטינגערס אָריענטאַציע אויף די טענדענצן פון דער בורזשואַזיע איז אַן ספק אַ דייטלעכערע, איידער אַקסענפעלדס, כאָטש דאָס באַטייט נאָך ווייט ניט, אַז עטינגערס שאַפן פאַרמאָגט ניט קיין סאָציאַלע השפעות פון די פאָלקס־מאַסן, — דער סאָציאַלער „אידעאַל" איז אי ביי עטינגערן, אי ביי אַקסענ־פעלדן דער אייגענער — דער אויפגעקלערטער „איראָפּייאיזירטער" בורזשוא; מיר פילן אָבער ביי אַקסענפעלדן אַ שטאַרקערע און טיפערע פאַרבינדונג מיט די פאָלקס־מאַסן.

אין אַקסענפעלדס געזעלשאַפטלעכער סביבה איז די עקאָנאָמיק נאָך דער־וויל זייער ענג און אוממיטלבאַר פאַרבונדן מיטן דאָרף, מיטן קליינעם שטעטל, וואָס געהער צום פריץ, זי איז נאָך זייער שטאַרק אָפּהענגיק פון דעם פריץ און פון דער לייבאייגנטום־סיסטעם בכלל. אין פאַרגלייך דערמיט איז די עקאָ־נאָמיק, וואָס עטינגער האָט געזען אין זיין קאַנט, אַ מער זעלבשטענדיקע אַקעגן דעם פריץ, אַ מער־סוחריש־שטאָטישע, אַ מער בורזשואַזע.

אויף דער פריציש־פעאָדאַלישער אָפּגעשטאַנענקייט קוקט עטינגער פון אויבן אַראָפּ, מיט ביטול. אין „סערקעלע" לאָזט ער דעם שענקער שמעלקע, אין וועלכן עטינגער זעט די פאַרקערפּערונג פון אָפּגעשטאַנענקייט און פאַר־דאַרבנקייט, אויף אַזאַ אופן דערקלערן, פאַרוואָס „עס זענען זיך סוין גאָר ביסט די צייטן, סוין גאָר ביסט די יאָרן, סוין גאָר ביסט די מענצן, וואָס פלעגן אַמאָל צו זיין: פאַרצייטנס, דאַכט זיך מיר, איז געווען אַ גרויסע ברכה אין דער מדינה, מע האָט גאָר ביסט געוואוסט פון די היינטיקע נייע מאַסינען צום אַקערן, צום זייען און צום מלאָצען, פלעגט זיך צו זיין די תבואה גאָר אַ ביסעלע, די יקרות אָבער זייער גרויס; האָט איינער געהאַט אַ ביסל ווייץ אָדער קאָרן, האָט מען ס'אים געמוזט מיט רויטע רענדלעך אָפּוועגן, — איז טאַקע געווען אַ תענוג, אי דער שררה, אי דער גוטער סמעלקע האָט געגנוג געהאַט; אָבער אַצינדערט, זייט די מאַסינען זיינען אַרויסגעקומען, איז אין אַלע ווינקלען דאָ תבואות זייער אַ סך. און וואָס נאָך — די שררה קען סוין, כ'לעבן, גאַנץ גוט כעסבענען אויך..." אויף דעם ענטפערט דער „פרעמדער",

וואָס זאָגט געוויינלעך אַרויס עטינגערס מיינונגען: „ליידער ווערדען דיזעס איינען שעלמעס וועגן מערערע עדעל־דענקענדע יודען פאָן אַנדערען נאַציאָנען פעראַכטעט.“ * (זע דר. שלמה עטינגערס כתבים, ווילנע, 1925, ב. 2, ז״ז 424,423).

די בורזשואַזע גרופּעס אין עטינגערס קאַנט זיינען שוין ווייטער אַוועק אין זייער אַנטוויקלונג צום מאָדערנעם בירגערטום, זיינען אַלס אַזעלכע עלטער און מער פאַרפּונדעוועט, איידער די אַנטשפּרעכנדיקע שיכטן אין אוקראַינע. דעריבער טרעט עטינגער ניט אַזוי טעמפּעראַמענטפול אַרויס קעגן יענע פעאָדאַליש־אָפּגעשטאַנענע שטעטלדיקע באַלעבאַטים, וועלכע אַקסענפעלד באַקעמפט אַזוי שאַרף. עטינגער איראָניזירט פון זיי, אָבער קיין ליידנשאַפטלעכע אַרויסטרעטונגען קעגן זיי וועלן מיר ביי אים ניט געפינען. עטינגער האָט פאַר די אויגן די סוחרים־משאַפט פון לעמבערג, בראָד, טאַרנאָפּאָל א. אַז. וו. אַקסענפעלד אָבער האָט פאַר די אויגן דאָס פעאָדאַליש אָפּגעשטאַנענע שטעטלדיקע ** באַלעבעסל. דאָ האָט דער קאַמף קעגן דער פעאָדאַלער אָפּגעשטאַנענקייט געמוזט אָנגיין אַ סך שאַרפער. פון דער אַנדערער זייט, איז דאָ, ביי דער שוואַכער אויסגעפורעמטער קלאַסן־דיפערענצירונג, די ווירקונג פון די פאָלקס־מאַסן און פון זייערע נויטן אויף די אָנשויאונגען פונעם משכיל — אַ סך אַ גרעסערע.

אמתדיק גרויס־בורזשואַזע געשטאַלטן באַגעגענען מיר גענוג זעלטן אין אַקסענפעלדס שאַפן. געוויינלעך זיינען „עשירים“ דורכאויס מיטעלע בירגער, לויטן שטייגער פון „מאַני דעם רייכן“ („ווייל דו ביסט תמיד אַ קבצן, מיינסטו, אַז איך האָב מיליאָנען מיין אייגנס, ווי אַלע קבצנים מיינען אויף

---

* צוליב אַזאַ מין זשוליק ווי אַט-דער, ווערן אַ סך איידל-טראַכטנדיקע יידן פאַראַכטעט פון אַנדערע נאַציעס.

** מיר מוזן שטענדיק געדענקען, אַז ס׳האַנדלט זיך געוויינלעך וועגן שטעט און שטעטלעך, וואָס געהערן צום פעאָדאַל אויף לייב-אייגנטימערישע יסודות און וואו די סאָציאַל-יורידישע לאַגע פון דער ברייטער מאַסע יידישע באַפעלקערונג איז אין אַ טייל פּרטים גאָר ניט אַזוי ווייט געווען פון דער לאַגע פונעם לייב-אייגענעם פּויער. ווי באַוואוסט, איז נאָך סוף זעכציקער יאָרן בלויז אינעם דרום-מערבדיקן קאַנט געווען אַזעלכע 339 שטעטלעך און אַכט שטעט, צווישן זיי אויך אַזאַ גרויסע שטאָט ווי בערדיטשעוו (האָט געהערט צו די ראַדזשיווילס). זע אי. אָרשאַנסקיס „יעווריעי וו ראָססיאי“, סט. פּעטערבורג, 1872, ז. 13 און ווייטער. זע אויך אַקסענפעלדס „שטערנטיכל“ אין קאַפּ. 1, די באַשרייבונג פון אַ שטעטל: „אין אַזאַ שטאָט (ד. ה. אין אַ טיפּיש שטעטל פון די, וואָס ער שילדערט געוויינלעך) איז דאָ אַ פּריץ (דער שר) מיט זיין הויף, צ ו א י ם ק ע ר די שטאָט און אַ צען דערפער.“ אָדער קאַפּ. 15: „ווי איר ווייסט, אין פּוילן, רוסלאַנד איז דער פּריץ פון דער שטאָט אַליין די פּאָליציע“... (ס׳האַנדלט זיך וועגן טולטשין, וואָס האָט געהערט צו די פּאָטאָצקים) א. אַז. וו., א. אַז. וו.

איין עושר״); אין אמתן פאַרמאָגט ער „אפשר צוויי טויזנט רענדלעך״.* נוח ענגלענדער (אין „מאַן און ווייב״) דערקלערט דעם חילוק צווישן דעם איינגעפונדעוועטן אויסלענדישן בירגערלעכן פאַרמעגן און דעם „גבירישן״ פאַרמעגן אין „פוילן״ (געמיינט אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד פון יענער צייט). אין „פוילן״, אַז עמעץ איז „רייך און האָט עטלעכע טויזנט רענדלעך אַפילו״, איז דאָס נאָר אַזוי לאַנג ער איז געזונט. ווערט ער קראַנק און שטאַרבט, „ווערט גאָר אויס עשירות״ — להיפוך צום איינגעפונדעוועטן אויס־לענדישן פאַרמעגן, וואָס בלייבט אַ פאַרמעגן אַפילו נאָכן טויט פונעם עושר. די פּראָבלעם פונעם „יורד״, פונעם דעקלאַסירטן באַלעבאָס חזרט זיך אָפּט איבער ביי אַקסענפעלדן, זיין באַציאונג צום דעקלאַסירטן שאַפט אַן איבער־גאַנג צו זיין באַציאונג צו די יידישע פאָלקס־מאַסן בכלל. עס איז כאַראַק־טעריסטיש, אַז ביי עטינגערן איז דער „יורד״ די פיגור פונעם פאַראַרעמטן (מאַרקוס) — אַ סטודענט, ביי אַקסענפעלדן (נחמן) — אַ מה־יעשהניק, אַ ליידיקגייער. ביי עטינגערן ענדיקט זיך מיט אים „גוט״, ביי אַקסענפעלדן — טראַגיש. זיין אידעאַל פונעם אויפגעקלערטן בירגער קאָן אַקסענפעלדן ניט אָפּהאַלטן צו דערפילן און אויסצודריקן די קעגנזעצלעכקייט צווישן די פאָלקס־מאַסן פון איין זייט, און דעם בורזשואַ פון דער אַנדערער זייט (למשל, אין „ערשטן יידישן רעקרוט״). עטינגערס אידעאָלאָגיע באַוועגט זיך דייטלעכער צום בירגערטום, אַקסענפעלדס — מער צו די שטעטלדיקע פאָלקס־מאַסן...

2. די גרונט־אידייע אין אַקסענפעלדס שאַפן

זיין קריטיק פונעם מיטלאַלטערלעכן אָפּגעשטאַנענעם לעבן האָט אַקסענ־פעלד גרופּירט אַרום זיין קאַמף קעגן דעם חסידיזם.

דער קלערוס האָט אין דער יידישער סביבה, בכלל גערעדט, ניט געהאַט אַזאַ אוממיטלבאַרע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדייטונג, ווי אין דער קריסטלעכער סביבה. דער יידישער קלערוס איז געווייינלעך געווען ענג פאַר־בונדן מיט דער גבירימשאַפט, אָבער אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט דער קלערוס ניט פאַרנומען קיין זעלבּ־שטענדיק אָרט. איבער דער געזעלשאַפטלעכער לאַגע פון די יידן איז עס גאַנץ נאַטירלעך, אַז מיר געפינען ניט אין דער יידישער סביבה קיין אויסגעהאַלטענע אַנאַלאָגיע פאַר די גרויסע קירכלעכע און קלויסטערישע (מאָנאַסטירישע) גיטער, פאַרמעגנס און געשעפטן, פאַר דער גוואַלדיקער וועלטלעכער מאַכט פון די קירכן־הערשער און פאַר דער שטאַרק־פאַרצווייגטער און דערביי

---

* „די גענאַרטע וועלט״, י. אַקסענפעלדס ווערק, 1931, ב. 1, ז׳ 316.

צענטראַליזירטער היעראַרכיע פון דער גייסטלעכקייט (בלויז וואָס שייך דעם לעצטן פּרט זעען מיר אַ ווייטע אַנאַלאָגיע אין דער חסידיש־רבּיאישער היער־אַרכיע). קיין פּאָליטישע און עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקע קלעריקאַלע מאַכט, ווי ביי קריסטן, איז ביי יידן לפּחות אינעם 19טן יאָרהונדערט ניט געווען, — כאָטש בכלל איז, פאַרשטייט זיך, די ראָל פונעם יידישן קלערוס דורכאויס ענלעך געווען צום קריסטלעכן.

צו דער איינטיילונג פונעם קריסטלעכן קלערוס אין „וועלטלעכער", אַזוי צו זאָגן „ציווילער און רעגולערער", טעאָלאָגיש געשולטער גייסטלעכקייט פון איין זייט, און אין קלויסטערישע (מאָנאַסטירישע), ווייניקער „געלערנטע", אָבער מאַנאַכיש־דיסציפּלינירטע אָרדנס פון דער אַנדערער זייט, באַגעגענען מיר אין דער יידישער סביבה פון יענער צייט יאָ עפּעס אַ שטיקל אַנאַלאָגיע. די רבנים־דיינים זיינען געווען די „רעגולערע" און „ציווילע", טעאָלאָגיש־געשולטע גייסטלעכקייט, להיפּוך צו די חסידישע רבּיים (און זייערע „הויפן"), וואָס זיינען געווען טעאָלאָגיש ווייניקער געשולט, אָריענטירט אויף מיסטישע לערעס, גראָבער, פאַנאַטישער, און וואָס ווייזן אַ באַשטימטע ענלעכקייט צו די „אירעגולערע און ווילדע" סטאַרצעס פון פּראַוואָסלאַוונע קלויסטערס. פונקט ווי דאָרט, געפינען מיר אויך דאָ די אינסטיטוציע פון פּילגרימען (עולי־רגל), פון הייליקע געלט־גאָבן, פון באַגנאָדיקטע מקורבים. פונקט ווי דער „סטאַרעץ", גיט דער רבי זיינע אָנהענגערס נביאיש־זנאַכערישע עצות, היילט זיי אויף אַ מאַגישן אופן, פּריידיקט באַגייסטערט־אימפּראָוויזירטע תורות, וואָס האָבן אין זיך אַמאָל מיסטישע און אַפילו הערעטישע עלעמענטן (אָפּנויגן פון דער אָרטאָדאָקסאַלער רעליגיעזער דאָקטרין) א. אַז. וו.

דער חסידיזם איז אַנטשטאַנען און האָט זיך אַנטוויקלט ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין די האַלב־לייבאייגנטימערישע שטעט, ישובים און דערפער אַלס אַ מין „גייסטיקע קאָמפּענסאַציע" פאַר דער פאַנטאַסטיש פאַרקריפּלטער און אויסוועגלאָזער עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטלעכער לאַגע, אין וועלכער די מאַסן פון דער דאָזיקער באַפעלקערונג האָבן זיך געפונען. עס קאָן ניט זיין קיין צופאַל, וואָס דער חסידיזם איז אַנטשטאַנען און האָט זיך אין אָנהייב אַמ־שטאַרקסטן פאַרשפּרייט אין די גרענעץ־געגנטן און וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ באַדייטנדיקע צאָל אָנהענגער צווישן די שמוגלערס, קרעטשמערס, אַרענ־דאַטערס. עס איז דאָך אגב באַוואוסט, אַז די חסידישע שמוגלערס און קרעטש־מערס פּלעגן זיך אַמאָל עצהן מיט אַ רבין אין זייערע געשעפטן * און ניט גאָר

---

* וועגן דער ראָל פון קאָנטראַבאַנדע אין דער עקאָנאָמיק, באַזונדערס פון די באַוואוינער פון די גרענעץ־קאַנטן, זע אי. אָרשאַנסקיס „יעווריעיאי וו ראָססיאי", ז"ז 11, 130, 131. זע אויך ווייטער „אָנמערקונגען און עקסקורסיעס".

זעלטן פלעגן באַשטימטע רביים אָדער זייערע נאָענטע צוגעצויגן ווערן פאַר שותפים אין די שמוגלערישע געשעפטן.

עס דאַרף נאָך אויסגעפאָרשט ווערן דער צוזאַמענהאַנג פונעם נסים־גלויבן און דער מיסטיק פון חסידיזם מיט דער אומזיכערער, פון צופאַלן פונעם „מזל" און פריצישן קאַפּריז אָפּהענגיקער, און דעריבער „סודותפולער" עקאָנאָמיק פון די חסידישע אָנהענגער. דער חסידיזם דאַרף בכלל אויסגעפאָרשט ווערן: אַלס דער רעליגיעז־אידעאָלאָגישער איבערגעביי פון משונהדיק פאַרקריפּלטע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, פון דער האַלב־שקלאַפישער לאַגע פון די יידן, פון דער ווילד־אָפּגעשטאַנענער עקאָנאָמיק. אין דער דאָזיקער עקאָנאָמיק שפּילט אַ גרויסע ראָל דעם קרעטשמער־אַרענדאַטערס אָפּהענגיקייט פונעם פּעאָדאַלס ווילקירלעכע איינפאַלן, די צופעליקייט און סודותדיקע אַוואַנטיוריסטיק פון דער שמוגלעריי, דער פינאַנציעל־פוילער אָנהאַלט פונעם שטעטלדיקן קרעמערל, די ריזיקאַלישקייט פון אַזעלכע געשעפטן ווי האָלץ־האַנדל, ווען דאָס געהילץ ווערט טראַנספּאָרטירט אין פליטן אויפן וואַסער, א. אַז. וו.*

---

* דערמיט ווערט ניט באַשטריטן און ניט פאַרמינערט די ראָל פון די פאַרשיידנאַרטיקסטע עלטערע אידעאָלאָגישע טראַדיציעס (פון תלמוד, אגדה, מיטלאַלטערלעכער פילאָסאָפיע און דער עיקר קבלה) און פון די קאָמפּליצירטסטע ווירקונגען פון אַנדערע אידעאָלאָגישע סיסטעמען אין יענער צייט (פון שבתי צבים לערע, פון פראַנקיזם, פון קריסטלעכער סעקטירעריי א. אַז. וו.) ביי דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון חסידיזם. פונקט אַזוי דאַרף אויך ניט פאַרמינערט ווערן די באַדייטונג פון אַלע היסטאָרישע פאַר-הנחות אין זייער גאַנצער פולקייט — פאַר דער אויסבילדונג פון חסידיזם. אַ היסטאָריקער פון חסידיזם וועט זיי אַלע קאָנקרעט מוזן נעמען אין אַכט. דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. איך האָב זיך אָבער דאָ ניט געשטעלט די אויפגאַבע צו געבן אַ געשיכטע פון חסידיזם, נאָר בלויז קורץ אָנצואווייזן אויפן באַשטימטן צוזאַמענהאַנג צווישן דער מיסטיק פונעם חסידיזם און די געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע פאַקטן, אויף וועלכע ער שטיצט זיך.

צו די דאָזיקע באַהויפּטונגען מיינע זיינען נאָכן ערשטן דערשיינען פון דער דאָזיקער אַרבעט אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון כלומרשטע „מאַרקסיסטן" כלערליי קלאָץ-טענות, אויף וועלכע עס איז ניט כדאי זיך אָפּצושטעלן. איך וועל בלויז אָנווייזן אויף דעם אופן, ווי ענגעלס כאַראַקטעריזירט קורץ אין אַ קאָנקרעטן פאַל דעם צוזאַמענהאַנג צווישן אַ רעליגיעז-אידעאָלאָגישער דערשיינונג און עקאָנאָמישע פאַקטן. „אָבער דאָרט, וואו לוטער האָט ניט געטראָפן אינעם ציל אַריין, דאָרט האָט קאַלווין געזיגט. זיין דאָגמע איז געווען צוגעפאַסט צו די סאַמע דרייסטע פון די דעמאָלטיקע בירגער. זיין דאָגמע וועגן גאָטס אָפּקלייב לויט זיין חסד איז געווען דער רעליגיעזער אויסדרוק פונעם פאַקט, אַז אין דער האַנדלס-וועלט איז דער דערפאָלג דורך קאָנקורענץ אָדער דער באַנקראָט ניט אָפּהענגיק פון דער טעטיקייט אָדער פון דער פלינקייט פונעם יחיד, נאָר פון סיבות אומאָפּהענגיקע פון אים. „אַזוי טאָקע איז דאָ ניט שייך עמעצנס ווילן אָדער באַמיאונג, נאָר ס'געוועגדט זיך אין

די משכילישע אַרויסטרעטונגען קעגן חסידיזם דאַרף מען באַנעמען ניט בלויז, ווי די משכילים זאָגן, אַלס קאַמף קעגן די שטערערס ביים שאַפן אַן אינטעליגענץ און ביים פאַרשפרייטן בילדונג, נאָר דער עיקר ווי די קעגנזעצלעכקייט פון די אַנטשטייענדיקע נייע לעבנס־פאָרמען צום רעליגיעז־אידעאָלאָגישן אויבערגעבויי פון אַ פעאָדאַליש־אָפגעשטאַנענער געזעלשאַפטלעכער און עקאָנאָמישער סיסטעם. רעדנדיק וועגן משכילים, טאָרן מיר אויך ניט פאַרגעסן די היפשע צאָל שטעטלדיקע, גאַנץ אָפט אָרעמע און מאַכטלאָזע קליינע משכילים־אַפיקורסים, די קליינשטעטלדיקע „ביאור־ און דקדוק־בונטאַרן”, וואָס כאָטש זיי האָבן זייער סאָציאַלן אידעאַל אַנטליען פונעם אויפגעקלערטן גביר, האָבן זיי אָבער אין דער זעלבער צייט אויף אַ מער דעמאָקראַטישן אופן אויסגעדריקט די שטימונגען און שטרעבונגען פון די אָרעמע מאַסן קעגן דעם קרעטשמעריש־הענדלערישן שטעטלדיקן באַלעבאָס און תקיף.

* * *

צו די פרואוון,* וואָס זיינען פון דער בורזשואַזער זייט געמאַכט געוואָרן אָנצוטאָן דעם חסידיזם אַ מין „רעוואָלוציאָנערן” מאַנטל, דאַרף מען זאָגן אָט וואָס: אין דער צייט פון זיין אַנטשטייאונג איז אינעם חסידיזם געקומען צום אויסדרוק אויך די פאַרצווייפלטע אומצופרידנקייט פון די מאָסן מיט זייער לאַגע אין דער געזעלשאַפט. באַוויזן האָט זיך דאָס דער עיקר אינעם פראָטעסט קעגן דער דעמאָלטיקער רבניש־קהלשער אָליגאַרכיע. אָבער אויב מע וויל אויף אַן אמתן פאַרגלייכן דעם חסידיזם מיט יענע רעליגיעזע שלאַכטן, למשל פונעם פויערטום און בירגערטום אין בעמען, דייטשלאַנד און ענגלאַנד, אין וועלכן די רעליגיעזע פאָרם האָט בלויז אויסערלעך צוגעדעקט ביז גאָר רעאַלע שטרעבונגען קעגן דעם פעאָדאַליזם, מוז תיכף קלאָר ווערן די אָרעמקייט פון זיינע „בונטאַרישע” עלעמענטן אַפילו ביי זיין סאַמע אַנטשטייאונג.

די „צילן” פונעם חסידיזם האָבן דאָך אין קיין פונקט ניט אַריבערגעשפרייזט איבער די רעמלעך פון הוילן אירדעאַליזם, זיי האָבן דאָך ניט געפירט אין ערגעץ. טאָמאַס מינצערס פריידיקן די עוואַנגעליע האָט אין תוך

רחמים”, ס׳געווענדט זיך פון שטאַרקערע, אָבער אומבאַקאַנטע עקאָנאָמישע כחות. און דאָס איז געווען באַזונדערס אמת אין דער צייט פון עקאָנאָמישער איבערקערעניש, ווען אַלע אַלטע האַנדלס-וועגן און האַנדלס-צענטערן זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך נייע, ווען אַ מ ע ר י ק ע און א י נ ד י ע זיינען געעפנט געוואָרן פאַר דער וועלט און ווען אַפילו די אַלט-בכבודיקסטע עקאָנאָמישע אני-מאמינס — די ווערטן פון גאָלד און זילבער — האָבן זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען און פאַנאַנדערפאַלן.” (ענגעלס, אין זיין אַריינפיר צו דער ענגלישער איבערזעצונג פון „די אַנטוויקלונג פון סאָציאַליזם פון אוטאָפיע צו וויסנשאַפט”. זע „לודוויג פייערבאַך” א. אז. וו., ווין-בערלין, 1927, צוגאָבן, ז. 91). דאָס איז איין אָרט פון אַ סך ענלעכע אין די ווערק פון מאַרקסן און ענגעלסן.

באַטייט אוטאָפּישער קאָמוניזם. דער היסטאָריש־רעאַלער אינהאַלט פון דער דאַזיקער באַוועגונג איז געווען: באַפרייען דעם לייב־אייגענעם פויער, דעם שטאָט־פּראָלעטאַריער, די ברייטסטע מאַסן קליינע שטאָט־בירגער פון פעאָדאַלישן יאָך און אויך פונעם פעאָדאַלישן שטאָט־בירגערלעכן יאָך. וועלכע היסטאָריש־רעאַלע צילן האָבן אָבער געקאָנט שטעקן אין דער חסידישער „פריידיקונג״? זי איז געווען הוילע פאַנטאַזיע און אירעאַליטעט.

די אַנטשטייאונג פון חסידיזם האָט אָנגעוויזן אויך אויף אַ טיפער געזעלשאַפטלעכער אומצופרידנקייט פון די מאַסן. די עלעמענטן פון סאָציאַלן פּראָטעסט, וואָס מע קאָן אַרויסגעפינען אינעם חסידיזם ביי זיין אַנטשטייאונג, האָבן יאָ געהאַט אַ רעאַלן באַזיס — טאָקע די סאָציאַלעווירקלעכקייט. אָבער דער ציל, וואָס דער חסידיזם האָט געוויזן, האָט זיך ניט באַזירט אויף קיין שפור ווירקלעכקייט. די „אידעאַלן״ פונעם חסידיזם האָבן ניט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג מיט דער ווירקלעכקייט. דער חסידיזם האָט דעריבער אין ערגעץ ניט געפירט, נאָר ער האָט בלויז נאָך טיפער אַריינגעפּלאָנטערט די מאַסן אין פינצטערניש, האָט „געטרייסט״ די מאַסן אויסשליסלעך מיט רעליגיעזע מיטלען (ניט אַלס פאָרם, נאָר אַלס תוך), האָט אַרויסגעפונען נייע אַרגומענטאַציעס אויף שלום מאַכן מיט דער שקלאַפישער לאַגע און האָט תיכף אַליין איבערגענומען די ראָל פון דער פריערדיקער „מתנגדישער״ אָרטאָדאָקסאַלער רעליגיע.

די חסידישע באַוועגונג איז, ווי די משיחישע (פון יצחק לוריע, שבתי צבי, יעקב פראַנק א. אַ.), פון וועלכער זי האָט געשעפּט טראַדיציעס, אין תוך אַן אומפּרוכטבאַרע, טיף אומגליקלעכע, אַ נעבעכדיקע באַוועגונג, אַזאַ, וואָס האָט פאַרלוירן דעם צוזאַמענהאַנג מיט וועלט און ווירקלעכקייט. זי געהער צו יענע סעקטאַנטישע באַוועגונגען, וואָס זיינען, ביי זייער גאַנצער פאַרצווייפלטער אומצופרידנקייט מיט דער געזעלשאַפט, פאָרט פולשטענדיק בלינד בנוגע דער ווירקלעכקייט און וואָס פירן בלויז צו אַ נאָך טיפערער פאַרקריפלונג פונעם לעבן. דעריבער קאָן מען ניט זאָגן, אַז דער חסידיזם איז געווען, אין פאַרגלייך מיטן ראַביניזם, ווייניקער קאָנסערוואַטיוו, נעענטער צו די געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן פון די מאַסן. ער האָט גיך איבערגענומען די פונקציעס פונעם ראַביניזם און איז באַלד געוואָרן אַ מיטל אויף נאָך מער צו פאַרפינצטערן דאָס לעבן פון די פאָלקס־מאַסן.

* * *

די יידישע השכלה, וואָס האָט פון אָנהייב אָן אַזוי שאַרף באַקעמפט דעם חסידיזם, האָט זיך געווינלעך מיט אַ באַשטימטן אָפּשיי באַצויגן צו דער אינסטיטוציע פון די „רעגולערע״ רבנים־דיינים. דער קאַמף קעגן חסידיזם באַטייט ניט אומבאַדינגט אַ קעגנערשאַפט צו רעליגיע בכלל. אַזוי טרעט

לעווינזאָן שאַרף אַרויס אין דער „הפקר־וועלט" קעגן די חסידישע רביים, אָבער וועגן די געלערנטע רבנים רעדט ער מיט דייטלעכן דרך־ארץ.*

דער פּרעמדער ליטוואַק אין דער „הפקר־וועלט" שטעלט אַקעגן צו די וואָלינער באַדינגונגען דעם אידעאַל־צושטאַנד, וואָס האָט כלומרשט געהערשט אין דער ליטע, וואו דער חסידיזם איז ניט געווען אַזוי פֿאַרשפּרייט. „נאָר ביי אייך אין וואָלין גילטן די נאַרישקייט; ביי אונדז ווייסט מען גאָר נישט, וואָס עס איז אַ רבי, וואָס איז עס אַ בעל־מופת; ביי אונדז זיינען גאָר חשוב לומדים, חכמים, אַזוי ווי פֿאַרציַיטן איז געווען... פֿאַרוואָס הערט מען נישט קיין רביים אין דער גאַנצער וועלט? איך בין געווען אין ארץ־ישראל, אין איטאַליע, אין אשכנז און נאָך אין כמה מדינות; מע ווייסט גאָר נישט, וואָס עס איז רביים, וואָס איז עס אָנשטעלן. עס איז דאָ גרויסע לומדים, גרויסע חכמים, אמתדיקע יידן מיט יראת־שמים, קאָנען אַמאָל שטיין פֿאַר אַ שררה, פֿאַר אַ מלך, ווען דער עולם באַדאַרף עפּעס אַ נייטיקן אינטערעס, קוקן אַמאָל אַריין אין קהלס זאַכן, דער געמיינער מאַן זאָל חס־ושלום ניט געקריוודעט ווערן, זיי גיבן אַכטונג, עס זאָל זיין ערלעך קהל, ערלעכע ראַטמאַנעס, ערלעכע טוערס, וואָס זאָלן עוסק זיין בצרכי צבור באמונה..."

דאָס איז לעווינזאָנס מיינונג וואָס שייך דער ראָל פֿון די רבנים. זוי באַוואוסט, שפּילן אין לעווינזאָנס רעפֿאָרם־פּלענער די רבנים און קרייז־רבנים, דאָס בית־דין, דיינים, מורא־הוראות, מגידים און מוכיחים — פּונקט אַזוי ווי די שולן און בתי־מדרשים — אַ וויכטיקע פּאָזיטיווע ראָל. ער פֿאָדערט בלויז פֿון זיי אַ פּוריטאַנישע רעפֿאָרם פֿון די מידות און אַ ביסל עלעמענטאַרע בילדונג. אין דער „הפקר־וועלט" שטעלט ער אַקעגן צו דער אָרנטלעכקייט פֿון די געלערנטע רבנים די שווינדלערישקייט פֿון די רביים: „ביי אונדז (אין דער ליטע—מ. וו.) האָבן די רבנים חרם געגעבן, מע זאָל גאָרנישט פּעקלען. דעם פּעקלמאַכער נעמט דער רב מיט קהל און זיינען אים מוסר צו דער פּאָליציע... אונדזערע רבנים האָבן נאָך געלערנט אין יורה־דעה, אַז עס איז אַ גרויסע מצווה אַ פּעקלמאַכער מוסר צו זיין צו מלכות, מע זאָל מיט אים פֿאַסטופּייען פּאָ זאַקאָנו, ווייל ער איז אַן עוכר־ישראל און איז גורם כלל־ישראל פֿיל שלעכטס." אויף דעם ענטפֿערט דער וואָלינער: „...מאריך ימים זיין זאָלן אייערע רבנים! ביי אונדז ליגן אָבער די לומדים גאָר אין דער ערד, מיינע שונאים. ביי אונדז פֿירן אָבער חסידישע רביים דאָס רעדל. זיי קוקן נישט אין תכלית אַריין, זיי זאָגן, זיי קוקן אין הימל אַריין. זייערע קינדער אַליין האָבן אָפּט שטעקן געלט אין פּעקל. סטייטש, אַ פּעקלמאַכער איז דאָך

---

* דאָס אייגענע וועלן מיר פֿעסטשטעלן שוין אויך אין דער אַנאָנימער פּיעסע „די גענאַרטע וועלט", וואָס איז אַנטשטאַנען אינעם צווייטן צענדליק 19טן י. ה.

ביי די רביים גאָר דאָס אייבערשטע פון דעם שטייסל. ווער גיט מער געלט דעם רבין ווי אַ פעקלמאַכער? ווער איז מער חשוב ביי זיי ווי אַ פעקלמאַכער?" אין דעם דאָזיקן רעזאָנירן האָבן מיר ניט בלויז די קלאָר פאָרמולירטע באַציאונג פון דער השכלה אין יענער צייט צום ראַביניזם און חסידיזם, נאָר אויך אַן אָנצוהערעניש אויף אַ טייל פון די מאָטיוון פאַר דער דאָזיקער באַציאונג...

די זעלבע דיפערענצירונג צווישן מתנגדישע „געלערנטע", רבנים־דיינים — און די חסידישע רביים געפינען מיר אויך ביי אַקסענפעלדן. די חסידישע רביים און זייערע „ביישפּילערס", „גבאים און אָנהענגערס" האָט ער פּיינט מיט אַ פאַרביסענער שנאה, די געלערנטע, „אָרנטלעכע", פרומע רבנים און דיינים באַהאַנדלט ער אַ סך מילדער און אַפילו מיט אַ געוויסער סימפּאַטיע, כאָטש טאַקע אַמאָל מיט אַ קאַפּ גוטמוטיקער איראָניע.*

מיט שאַרפער טעמפּעראַמענטפולער שנאה מאָלט אַקסענפעלד די רביים און די חסידים, אַלע זייערע האַנדלונגען, רייד, באַוועגונגען און האַוואַיעס. אַפילו וואו ער דערמאָנט זיי בלויז דרך־אגב, קאָן ער זיך ניט איינהאַלטן צו מאַכן וועגן זיי אַ שאַרפע באַמערקונג. „דער, וואָס ווייסט, נעבעך, גאָרנישט, מיינט, אַז דער רבי, דער גוטער־ייד, — וואָס זיי רופן גוטער־ייד, באמת אָבער זיינען די רביים, וואָס איך קען עטלעכע, ניט גוט און ניט ייד — ווייסט אַלץ..." („דער ערשטער יידישער רעקרוט", קיעווער אויסגאַבע פון אַקסענפעלדס ווערק, ב. 1, ז. 160); אָדער זייט 165: „אָט דעם געלט־נייזער (געמיינט איז דער באַרימטער חסידישער רבי ברוך פון מעזשבעזש—מ. וו.) האָב איך פאַרטריבן און רעכן דאָס מיר פאַר דער גרעסטער מצווה... וואָס דער נייזער האָט געקאָסט די שטאָט, איך זאָלט דאָס וועלן אויסגעבן אויף נייטיקערע זאַכן, וואָלט איך געהאַט אַ רב, עפּעס איין ערלעכן למדן אין שטאָט..."

מיט סאַרקאַסטישע שטריכן שילדערט אַקסענפעלד דעם ניט־באַוואוסטן רבין לייב שפּיצעניצער (אין „די גענאַרטע וועלט"), אָבער נאָך אַ סך בייזער און שאַרפער מאָלט ער דעם באַוואוסטן מאָטעלע טשערנאָבילער און זיינע גבאים און מקורבים (חיים פלוט, נוח דעם מגידס, ליפּע דער שוואַרצער א. אַז. וו.) אין „קבצן עושר־שפּיל", און די נאָך מער באַרימטע ברוך פון מעזש־

* למשל, ר' בעני דעם דיין פון דער „גענאַרטער וועלט", וואָס ווערט כאַראַקטעריזירט סיי אין פאַרשוין-צעטל, סיי אין פאַרלויף פון דער אַקציע, ווי אַ „זקן אַ למדן, ער איז אַ שדכן צומאָל אויך, ניט זייער קלוג, נאָר זייער פרום". דער דיין ר' גדליה אין „ערשטן יידישן רעקרוט" ווערט אַזוי כאַראַקטעריזירט: „אַ גרויסער שוטה... איטלעכער נאַר איז זיך קלוג, נאָר אַלע אַנדערע קער ער אָן אַ נאַר." מיט דייטלעכן דרך-ארץ און סימפּאַטיע מאָלט אַקסענפעלד די פיגור פונעם רב שלמה הכהן (אין דער פּיעסע „מאַן און ווייב"). דער רב און דער דיין דאַרפן העלפן אָפּהיטן די בירגערלעכע מאָראַל און דעם בירגערלעכן אויטאָריטעט.

בעזש (דעם בעל־שמס איי‌ניקל), יהושע העשל פון אַפּטע און יעקב־יוסף פון פּאָלאָנע (זע אין „דאָס שטערנטיכל", פאַרשיידענע ערטער)).

דעם באַגרינדער פון חסידיזם, ישראל בעל שם־טוב, כאַראַקטעריזירט אַקסענפעלד אויף אַזאַ שאַרפן אופן („דאָס שטערנטיכל", קאַפּיטל 18):

„אַ פּויליש פּריצל, ליפּינסקי, פון אַ קליין שטעטעלע ביי מאָהילעוו, איז פאַר עטלעכע יאָר אַנגעקומען צו פאָרן אין אַ רוסישער שטאָט אַריין. דאָ איז גראָד געווען אַ סוחר, וואָס האָט געקענט דעם ליפּינסקין פון דער היים. אַז דער סוחר הערט, די פאַקטוירים און אַלע, וואָס דרייען זיך אַרום דעם לי־פּינסקין, רופט אים אַלץ: „פּאַן גראַף", „פּאַן גראַף", פרעגט דער סוחר מיט אַ כעס אויף פּויליש לשון:

— סטייטש, ליפּינסקין קען איך דאָך זייער גוט פון דער היים, אַז ער איז בשום־אופן ניט קיין גראַף, אַפילו ניט קיין הינטער־חלק פון אַ גראַף?

„ענטפערט איינער פון די פּוילישע חן־מאַכער שליאַכטיטשעס, וואָס איז ליפּינסקיס לייב־מענטש, אויף פּויליש:

„— פּאַן ליפּינסקי יעסט פּאָדרוזשני גראַף"...

„...דער ליפּינסקי איז אין דער היים אַ פּראָסטער שלש־סעודות אַ פּריץ, נאָר אַז ער פאָרט אַרויס פון דער היים אויפן וועג, ווערט ער תמיד אַ וועג־גראַף..."

„.. מעזשבעזש איז אַן אַלטע יידישע שטאָט (אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסקער גובערניע). פון לאַנג אָן איז מעזשבעזש געווען אַ האַנדל־שטאָט. פיל גרויסע סוחרים, הורטאָווניקעס פון אַלערליי פּראָדוקטן און סחורות, גרויסע עשירים און געלט־קאַנטאָרן און גרויסע חלפנים האָט מען געפונען אין מעזשבעזש. אַ שטאָט כמעט פול מיט לומדים, עטלעכע גרויסע לומדים און באַלעבאַטים, וואָס האָבן געקענט לערנען.

„כאָטשע מעזשבעזש איז דאָך די ערשטע הויפּט־נעסט געווען, וואו חסידעריי האָט זיך פאַרפלאַדיעט פאַר אַ יאָר פופציק (פאַר תקע"ג) אין דער פּוילישער מדינה, — אין מעזשבעזש האָט דאָך געוואוינט דער רעב... [ישראל בעל שם־טוב], דער ערשטער חסידישער בעל־נס, דער חסידישער בעל־מופת, כמעט ווי מאַהאָמעט ביי די אַראַבער און ביי די טערקן..." — „כאָטשבע דער רעב... [ישראל] קומט אַרויס פון מעזשבעזש און האָט געוואוינט אין מעזשבעזש, געפינט מען עד־היום (תקע"ג) אין דער שטאָט מעזשבעזש ניט אַ מעשר מן המעשר* חסידישע זאַכן אָדער [אַ] רעכטע חסידאַרניע, — אַקעגן אַנדערע שטעט, וואו עס קישעט מיט חסידים.

„[עס] האָט אַ פּנים, אַז דער אייגענער תירוץ פון ליפּינסקיס שליאַכטיטש

* מעשר מן המעשר — אַ צענטל פון אַ צענטל, ד. ה. איין הונדערטסטל.

איז דאָ אויך. אין מעזשבעזש האָט ער (דאָס הייסט ישראל בעל שם־טוב— מ. וו.) געהייסן ישראל דער באָבעס..." „נאָר אויף דער מדינה האָבן אים די פּאַקטערלעך און די אַלע, וואָס האָבן זיך געשאָסטעט אַרום אים, געמאַכט חן און האָבן אים גערופן: — רעב... (ישראל) פּאַדרוזשני גראַף..."

אַקסענפעלד באַשרייבט די אויפגאַבעס פון דער השכלה (און טאַקע אויך די אויפגאַבעס פון זיין שרייבערישער טעטיקייט) אין אַ שמועס צווישן גבירישע משכילים אין ברעסלע („דאָס שטערנטיכל", קאַפּיטל 15):

„ר' גרשון מאַרגאָסין הייבט אָן צו דערציילן:

„— רבותי! איך זאָג אייך דעם אמת, אַז איך האָב [זיך] שוין לאַנג מייאיש געווען [פון] אונדזערע מדינה־יידן, זיי וועט שוין קיין זאַך ניט העלפן." מאַרגאָסין דערציילט אויספירלעך, ווי נאָך דעם ווי ס'איז קלאָר געוואָרן פאַר אַלע די נעבעכדיקע הילפלאָזיקייט פונעם באַרימטן רבין ר' ברוך, זיינען זיינע חסידים נאָך מער ווי פריער צו אים געפאָרן און האָבן אים נאָך מער ווי פריער פאַרערט. „פרעג איך אייך, רבותים, אויב פון אַזעלכע מענטשן, וואָס לייקענען אָפּ אַלץ, וואָס אַ מענטשלעכער שכל איז מחייב, אויב אַזעלכע מענטשן קאָנען בעסער ווערן? בשלמה איינער איז אַ נאַר, זאָגט מען: אָט וועל איך איינגעבן בעסערן שכל. מענטשן, וואָס זיינען קלוג, זייער קלוג און ווילן מיט גוואַלד דעם שכל צונישט מאַכן, נאָר נאַרעריי געפעלט זיי, — מיט וואָס קאָן מען אַזעלכע מענטשן העלפן?"...

„דאַווידזאָן טוט אַ הויכן לאַך:

„— ווייסט איר, וואָס פאַר אַ פּנים דאָס האָט? ווי מע זאָגט: ווייסט איר, וואָס אַ פּאָווערשער גיהנום וועט זיין? מע וועט דעם פּאָווער אַריינזעצן אין אַ קאַדקע פול מיט בראָנפן, און אייבער וועט דעם פּאָווער האַלטן ביי דער טשופּרינע, ער זאָל ניט קאָנען טרינקען ניט אַ קאַפּ פון דעם בראָנפן. אַזוי האַלטן די רביס די יידן ביי די פּאות, חלילה, אַ ייד זאָל עפּעס קענען אָדער עפּעס זיך אויסלערנען.

„— מיר זיינען די פּאָווערן, — זאָגט ר' אברהם לאַנדע, — [מיר] מוזן זען פאַר אונדז יידן מושלמים, יונגעלייט, וואָס קענען אַזויפיל און וואָלטן געגערן, אונדזערע קינדער זאָל אויך אַזוי זיין. האַלטן אונדז די מלאכי־חבלה, די רביס ביי דער טשופּרינע און לאָזן אונדז ניט. איך האַלט מיט ר' גרשון מאַרגאָסין, אַז צו אַזאַ מכה איז טאַקע ניטאָ קיין רפואה. ווי זאָגט איר, הייל־פּערין? ווי זאָגט איר, ר' חיים קרוין, און איר, בלומענפעלד? סיידן מיר וועלן אונדזערע קינדער אַהער שיקן קיין דייטשלאַנד.

„אַלע זאָגן:

„— טאַקע, טאַקע, נאָר אַהער פּעקלען.

„אַקסמאַן (אונטער דעם נאָמען פירט אַקסענפעלד זיך אַליין אַרויס אינעם ראָמאַן—מ. וו.) האָט אויסגעהערט און פרעגט:

„— זאָגט זשע איר, קלוגע לייט, וואָס האָט דאָס פאַר אַ מענטשלעכקייט? אַבי זיך, אַבי זיינע קינדער. און וויפיל הונדערטער טויזנטער יידישע קינ־דער זאָלן פאַרפאַלן ווערן? ניין, חלשות, פע! מיר דאַכט, מע קאָן אַלע העלפן, נאָר מיט אַ גרינגער רפואה. אַיאַ, אייך דאַכט זיך, ס'איז ניט צו העלפן? איך זאָג אייך אָבער, אַז נאָר דורך געשפעט מאַכן פון די חסידישע רבים איז פון זיי אַן עק [צו מאַכן]...״ (פון מיר אונטערגעשטראָכן—מ. וו.).

„... פאַרשטייט איר מיך, רבותים, — ציט אַקסמאַן־אַקסענפעלד ווייטער זיין געדאַנק, — מע מוז מיט כלים שפעטן פון זיי, טאַקע מיט זייערע כלים (פון מיר אונטערגעשטראָכן; באַטייט: מיט זייערע אייגענע מיטלען—מ. וו.), מיט זייערע פריסנע, ניט געהובליעוועטע תורה־זאָגעכצן, מיט זייערע פאַלשע גע־לעכטערלעך, מיט זייערע געקנייטשטע האָוואַיעס, זיי צו געשפעט מאַכן, אַז דער פראָסטער עולם זאָל אין די גאַסן פון זיי שפעטן, דענצמאָל וועלן זיי אויפ־הערן צו גילטן.* דערביי בעטן דעם קייסער, ער זאָל הייסן, ער זאָל געבן אַן אוקאַז, אַז אַ ייד מוז כאָטש גוט קאָנען שרייבן און לייענען, וועלן יידן לייענען פון די היינטיקע רוסישע יונגע וואוילע ביכער־שרייבערס זייערע חריצישע (געלונגענע, געראָטענע—מ. וו.) חיבורים, וועט גאָר ביי אונדז ווערן אַן אַנדער וועלט. מיט שטעקנס וועט מען טרייבן די חסידים מיט זייערע רבים. דאָס, האָף איך צו גאָט ברוך־הוא, וועט נאָך אין אַ פופציק יאָר ווערן אין גאַנץ רוסיש־פוילן (געמיינט איז אוקראַינע, ליטע, קרוין־פוילן—מ. וו.), אין אַלע שטעט ביי יידן ישועות ונחמות...״

די דאָזיקע לעצטע אַרויסזאָגונג אַקסמאַן־אַקסענפעלדס אַנטהאַלט אין זיך די וויכטיקסטע פונקטן פון זיין שרייבערישער פראָגראַם און אויך אירע געזעל־שאַפטלעכע מאָטיוון.

---

* ווי ענלעך קלינגען די דאָזיקע ווערטער צו די אַרויסזאָגונגען מאָליערס אין זיין ביטע צום קעניג לואי דעם פערצנטן, אַז מע זאָל דערלויבן שפילן „טאַרטיף״: „היות דער תכלית פון יעדער קאָמעדיע באַשטייט דערין, צו פאַריכטן די מענטשן, פאַרווײַלנדיק זיי, האָב איך גערעכנט, אַז לויט דעם כאַראַקטער פון מיין באַרוף איז דאָס בעסטע, וואָס איך קאָן טאָן — צו דעמאַסקירן אין לעכערלעכע שילדערונגען די חסרונות פון מיין דור. און היות די צבועקישקייט איז אָן ספק איינער פון די סאַמע פאַרשפרייטסטע, פון די סאַמע געפערלעכסטע חסרונות, וואָס מע קאָן פון זיי ניט אויסהאַלטן, האָט זיך מיר געדוכט... אַז איך וועל טאָן גאָרניט קיין קליינע טובה אַלע אָרנטלעכע מענטשן... אויב איך וועל אָנשרייבן אַ קאָמעדיע, וואָס וועט אָפּשפּעטן פון די צבועקעס און וועט, ווי ס'קער צו זיין, ווייזן אַלע איינגעחזרטע האַוואַיעס פון די דאָזיקע איבער דער מאָס פרומע מענטשן, אַלע פאַרבאָרגענע שווינד־לעריײַען פון די דאָזיקע פאַלשמינצער פון פרומקייט, וואָס באַמיען זיך אָפּצונאַרן אַנדערע מיט אַן אָנשטעל פון התלהבות און מיט נאָכגעמאַכטער גוטסקייט.״

מיט אַ רירנדיקער נאַאיווקייט האָט דער ניי־אויפקומענדיקער יידישער אינטעליגענט, אין גרויס התפעלות פאַרן „עלטערן ברודער" אין אייראָפּע, אויפריכטיק געגלייבט, אַז ס'איז גענוג, אויב די רביים וועלן „אויפהערן צו גילטן", אויב די יידן וועלן באַקומען אַ ביסל בילדונג (זאָל זיין מיט דער הילף פון אַ ניקאָלייאישן אוקאַז!), „וועט גאָר ביי אונדז ווערן אַן אַנדער וועלט", וועלן ווערן „אין אַלע שטעט ביי יידן ישועות ונחמות", וועלן שוין ממילא אויך אַלע סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן, רעקרוטשינע, נאַציאָנאַלע אונטער־דריקונג א. אַז. וו. פאַרשווינדן...

3. באַציאונג צו די פאָלקס־מאַסן

טיפן פון די האָרעפּאַשנע און אָרעמע שיכטן ווערן אין אָקסענפעלדס ווערק פאַרהעלטניסמעסיק ווייניק אַרויסגעפירט, כאָטש טאַקע אַ סך מער, איידער, למשל, טיפּן פון דער בורזשואַזיע. צו די דאָזיקע שיכטן געהערן קודם כל אָרעמע באַלמעלאָכעס (די מלאכה איז צו יענער צייט, באַזונדערס אין די קליינע אוקראַאינישע שטעטלעך, אַ שטאַרק דערגראַדירטע און פאַר־אָרעמטע), געזעלן, משרתים, בעלפערס, גאָר דריבנע הענדלערס, אָרעמע שענקערלעך, מאַרק־זיצערקעס, פאַרשיידענערליי „לופט־מענטשן", „ערב־ניקעס", „מומחים", קלעזמאָרים, באַלעגאָלעס, בעטלערס, דעקלאַסירטע, ליידיקגייערס א. אַז. וו. אין „דער ערשטער יידישער רעקרוט" שפּילן טיפן פון דער דאָזיקער מאַסע — אַ חוץ דער פיגור פונעם דעקלאַסירטן נחמן — אַ קליינע ראָל. עטלעכע ניט־געניי אויסגעמאָלטע געזעלן: שניידערס, שוסטערס און קירזשנערס ווערן אין „ערשטן יידישן רעקרוט" אַרויסגעפירט בלויז ווי סטאַטיסטן אויף אויסצוהערן נחמנס שפּאָט־לידער קעגן די שטעטל־דיקע באַלעבאַטים. עס האָט אַ פּנים, ווי אהרן, דער אויפגעקלערטער בורזשוּאַ, וואָס האָט די שפּאָט־לידער פאַר נחמנען פאַרפאַסט, וואָלט געזוכט צו הילף קעגן די פאַרהאַסטע פּאַטריאַרכאַליש־אָפּגעשטאַנענע באַלעבעסלעך גראָד די אָרעמסטע מאַסן, די געזעלן און די דעקלאַסירטע.

אין „מאַן און ווייב" ווערן שוין יאָ אַרויסגעפירט אַ גאַנצע ריי פיגורן פון דער פאָלקס־מאַסע און אין געניג אַקטיווע ראָלן: לייזער קריוואָשייע, „אַ שניידער פון יידישער אַרבעט"; די שטומע, זיין ווייב; דאָבריש, אַ „שאַמעסטע אין דער ווייבערשער שול, אַן אלמנה, אַן אַלטע יידענע"; נעסי די מומחהטע, „איר מאַן איז געוועזן אַ מומחה אין שטאָט און איז געשטאָרבן"; חיים קלאָפּ, „אַ מאַרשאַלעק אויף דער חתונה מיט זיין חברותא קלעזמער, וואָס שפּילן"; יצחק פאַרשיוועך, „דער שניידער־יונג", און די ניכפּעניצע, „אַ מויד, וואָס גייט אין די הייזער, אַ פּרעמדע, אונטערגעוואָרפענע קבצנטע". אין „קבצן

עושר־שפּיל״ איז געגעבן בלויז איין פיגור, וואָס געהער אין אייגנטלעכן זינען צו דער אָרעמשאַפט, ירחמיאל דער ערבניק; אָבער אין „שטערנטיכל״ פּירט אַקסענפעלד אַרויס אַ ריי פיגורן פון די אָרעמסטע שיכטן. מיר וועלן דאָ בלויז דערמאָנען די צענטראַלע פיגור, מיכל, אין זיין יוגנט־צייט, בעת ער איז נאָך געווען אַ בעלפער, און פיני די זיצערקע.

טיפּן פון באַלמעלאָכעס און פון סתם אָרעמשאַפט שילדערט אַקסענפעלד דורך־כלל אויף אַ וויניק־אויסגעשפּראָכענעם און גענוג איינגעהאַלטענעם אופן, אַמאָל אַ ביסל דעמאָקראַטיש באַפאַרבט, כאָטש ער ווייזט אַרויס צו זייער אָפּגעשטאַנענעם שטייגער אַ דייטלעכע סימפּאַטיע. אויף זיין שאַפן האָבן די סאָציאַלע שטרעבונגען פון די דאָזיקע מאַסן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג, אָבער די געשטאַלטן, וואָס אַקסענפעלד האָט געגעבן פונעם באַלמעלאָכע, למשל, זיינען ניט געמאָלט מיט באַזונדערער וואַרעמקייט, כאָטש די השכלה האָט לויט איר פּראָגראַם געוויינלעך פּראָפּאַגירט די מלאכה.*

אין זיינע שילדערונגען פונעם שטייגער ביי באַלמעלאָכעס און אָרעמשאַפט פילן מיר אין אַ היפּשער מאָס די קריטיש־פאַרשאַרפטע עטנאָגראַפישע ביי־געריקייט פון אַן אינטעליגענט, וואָס קוקט זיך איין אינעם לעבן פון אַן „עקזאָטישן״, שטאַרק־פאַרביקן, אָבער אין תוך פאַר אים וויניק־צוציענדיקן אָפּגעשטאַנענעם אָרעמען געסל.

די נאַטוראַליסטישע פּינקטלעכקייט אין זיינע בילדער פון אָרעמקייט און נויט (למשל, די ערשטע סצענע אין „מאַן און ווייב״, וואָס דערמאָנט מיט פאַרשיידענע פּרטים אין באַשטימטע קינסטלערישע שטריכן ביי מענדעלען) שטאַמט פון אַ מין אינטעליגענטישער „נייגעריקייט״, וואָס וויל „אַנטדעקן״ אונטער דער אייגענער נאָז עקזאָטישע ווינקלען און אַזוי אַרום דעם דאָרטיקן שטייגער איינגעהאַלטן קריטיקירן.

אַנדערש איז אַקסענפעלדס באַציאונג צום טיפּ פונעם דעקלאַסירטן, פונעם יורד. וויפיל מאָל אַקסענפעלד פירט אַרויס אין זיין שאַפן אַ דעקלאַסירטן,

---

* אין אַקסענפעלדס שאַפן פעלט אגב אינגאַנצן דער דאָזיקער פּראָגראַם-פּונקט פון דער השכלה, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל ביי די גאַליציַשע משכילים און צומטייל אויך אין דער רוסישער השכלה. אין בעסטן פאַל געפינען מיר בלויז די אָבליגאַטע געזעלשאַפטלעכע אַפּאָלאָגיע פון דער באַשעפטיקונג מיט מלאכה: „דאָס, וואָס ער איז אַ שניידער, איז ביי מיר קיין בושה ניט. איר ווייסט, רבי, אַז אונ-דזער תורה-הקדושה הייסט ליב האָבן די מלאכה. איר מיינט, ווייל אין פּוילן (געמיינט איז אוקראַינע, ליטע, פּוילן—מ. וו.) איז אַ באַלמעלאָכע מבוזה, אָבער אין יענע (מערב-אייראָפּייאישע—מ. וו.) מדינות זיינען באַלמעלאָכעס גרויסע לייט.״ און טאַקע באַלד ווערט אָנגעוויזן אויף שניידערס גרויסע גבירים אין יענע לענדער (פערטע סצענע פון „מאַן און ווייב״).

אַ יורד — און דאָס געשעט געגוג אָפט, — באַהאַנדלט ער אים מיט וואַרעמער האַרצלעכקייט.

וויפיל מאָל ער נעמט זיך אָן פאַר דער קריוודע פון דער אָרעמשאַפט, טוט ער דאָס דורך דער געשטאַלט פון אַ טיפּישן יורד.

דער „הויפּט־העלד" אין דער פּיעסע „דער ערשטער יידישער רעקרוט" (ניט די אידעאַל־פיגור!) איז אַזאַ דעקלאַסירטער, נחמן דער גרויסער. ער שטאַמט גראָד פון אַ „גוטער משפחה", ער איז אַ מיוחס, אַ זון פון מאַבלי, ישראליק אָקראַינערס צווייטן ווייב, ער איז אָבער „אין שטאַט אַ מה־יעשהניק, אַ צרה, אַ שיינער, קלוגער יונג, אַפילו מיט מעלות, נאָר ניט קיין לייט". אויך דער „שניידער־יונג" יצחק פאַרשיווער און די „אונטערגעוואָרפענע קבצנטע", די ניכפּעניצע („מאַן און ווייב"), פאַר וועמעס גורל דער מחבר ווייזט אַ וואַרעם מיטגעפיל, זיינען דעקלאַסירטע. דער הויפּט־העלד פון „שטערנטיכל" מיכל מאַציוווע (אין זיין פריערדיקער „באַהעלפערישער" סיטואַציע), פונקט ווי נוח ענגלענדער אין זיין פריערדיקער לאַגע אַלס וועלוול כאַליץ, פיגורן, וואָס אַקסענפעלד באַהאַנדלט זיי מיט דייטלעכער ליבע, זיינען אורשפּרינגלעך געווען דעקלאַסירטע.

אַקסענפעלד ווייזט אונדז דעם דעקלאַסירטן אין דער אויפגייענדיקער און אין דער אָפּגייענדיקער ליניע. למשל: מיכל מאַציוווע, וועלוול כאַליץ (אַלס נוח ענגלענדער) און נחמן דער גרויסער. אין ביידע פאַלן מיט האַרצלעכקייט און וואוילגענויגטקייט. דאָס דריקט זיך אויס אויך אין דעם נאַאיוון אופן, ווי אַקסענפעלד וויל באַווייזן, אַז די דעקלאַסירטע האָבן פּערספּעקטיוון זיך אומגעריכט ווידער אַרויפצוכאַפּן צו דער פּאָזיציע, וואָס זיי „געהער". אין דער ווירקלעכקייט זיינען די פּערספּעקטיוון געווען גאָר קליינע — מוז דער מחבר אָנקומען צו „אַוואַנטוריסטישע" פּאַסירונגען לויט דער פאָלקס־טימלעכער טראַדיציע, כדי פאַרט צו דערווייזן דאָס, וואָס ער וויל האָבן.

דער אָרעמער, פלינקער („חריצישער") צוקונפט־רייכער וואוילער־יונג (מיכל מאַציוווע פון „שטערנטיכל", ישראל שטשופּאַק פון דער „גענאַרטער וועלט" און אויך נחמן דער גרויסער פון „דער ערשטער יידישער רעקרוט" מיט אַ ריי שטריכן זיינע) איז דער אייגנטלעכער „העלד" פון אַקסענפעלדס שאַפן.

דער דאָזיקער „העלד" פאַרמאָגט געוויינלעך שטריכן פון פאָלקסטימלעכקייט און המונישער באַגאַבטקייט, ער ווערט אָבער אויפגעפּאַסט און געוויזן אַלס מענטש, וואָס שטרעבט צו ווערן אַ בורזשואַ און וואָס וועט דעם ציל דערגרייכן. די דאָזיקע כאַראַקטערן ווערן געשילדערט אַלס פּאָטענציעלע בורזשואַ. געוויינלעך זיינען זיי משכיליש אָנגעהויכט אָדער זיי געהערן צו די געפילמעסיק־בונטאַרישע קליינשטעטלדיקע אַפּיקורסים.

מיט דער פיגור און דעם גורל נחמנס האָט אַקסענפעלד אָן ספק געוואָלט געבן אָנצוהערן אויף דער גאַנצער אָרעמער פאָלקס־מאַסע. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס נחמן ווערט אַרויסגעפירט ווי אַ חבר פון די שוסטערשע, שניידערשע און קירזשנערשע געזעלן. עס איז אָבער אויך ניט קיין צופאַל, וואָס אַקסענפעלד פירט אַרויס ווי אַ הויפּט־העלד ניט איינעם פון די דאָזיקע געזעלן, נאָר גראָד אַ דעקלאַסירטן, אַ יורד, אַ מענטשן, וואָס „קומט אַרויס פון גרויסע לייט״. „זיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער עושר און אַ גרויסער חשוב ביי אַלע שררות, זיין פאָטער איז געווען דער גרעסטער מיוחס צווישן יידן. נחמן קען אויך לערנען און שרייבן.״ דורך זיין אומגליק ווערן אָנגערירט אויך די סימפּאַטיש־געשילדערטע, בכבודיקע, האַלב־אויפגעקלערטע באַלעבאַטים.

די משכּילישע אידעאָלאָגיע ווערט אין איר „קלאַסישער״ צייט באַהערשט פון די בורזשואַזע טענדענצן, אָבער עס איז אַ חילוק, ווי, אויף וואָסער אופן יעדער משכּיל באַזונדער רעפלעקטירט די דאָזיקע טענדענצן. ביי פאַרשיידענע משכּילישע שרייבער הערן מיר גאַנץ אָפט, ביי איינעם מער, ביי אַן אַנדערן ווייניקער, אויך די סאָציאַלע טענות און דעם סאָציאַלן ווילן פון די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן.

אין די פינף ווערק, וואָס האָבן זיך אָפּגעהיט פון אַקסענפעלדס רייכער ליטעראַרישער ירושה, הערן מיר ביי אים ניט אַזעלכע הייסע ווערטער, ווי די, מיט וועלכע לעווינזאָן נעמט זיך אָן אין דער „הפקר־וועלט״ פאַר דער קריוודע פון די אָרעמע פאָלקס־מאַסן. אַקסענפעלדס אַנטיפּאַטיע צום פאַרפינצטערטן שטייגער לאָזט אים אויך אָפט ביים שילדערן דאָס לעבן פון דער אָרעמשאַפט ניט געפינען יענע טענער פון דעמאָקראַטישקייט, וואָס מיר געפינען זיי אַרויס אין זיין גאַנצן שאַפן אַלס סך־הכּל. ווען ער האָט געמאָלט דאָס לעבן און דעם שטייגער פון דער אָרעמשאַפט (למשל, אין „מאַן און ווייב״), האָט אַקסענפעלד ניט שטענדיק אויף אַ דייטלעכן אופן אונטערגעשטראָכן דעם חילוק צווישן דער אָרעמשאַפט גופא, אַלס קרבן פון איר געזעלשאַפטלעכער לאַגע, און איר פאַרקריפּלטן שטייגער און פאַרפינצטערטן לעבן. זיין אויפקלערערישע אַנטיפּאַטיע צו דעם דאָזיקן לעבנשטייגער קאָן זיך אַמאָל אַזוי באַקומען, ווי זי וואָלט זיך אויך באַצויגן אויף די מאַסן גופא. ער חוזקט פון דעם דאָזיקן שטייגער אויף אַ גוטמוטיקן אופן. אָפט איז דאָס פּשוט אַ טראַדיציאָנעלער מאַניר, אַ שטייגערישע מאַניר פון פאָלקסטימלעכן זעלבסט־אָפּשפּאָט. פאַרן אָפּשאַצן זיין אמתדיקע באַציאונג צו די פאָלקס־מאַסן איז אַנטשיידנדיק ניט דער איראָנישער טאָן, ניט די אָדער יענע שילדערונג, נאָר דער געזעלשאַפטלעכער ציל און אינהאַלט פון זיין שאַפן, דאָס, וואָס ער איז אויסן געווען מיט זיין שאַפן בכלל.

ער איז אויסן געווען אויפצוקלערן די פאָלקס־מאַסן, זיי אויפצואוועקן פון

דער דורותדיקער פֿאַרדומפּנקייט, זיי אַרויסצופֿירן פֿון דער פֿינצטערניש. דאָס איז געווען אַ רעאַל־פּראָגרעסיוו, אַ טיף־דעמאָקראַטיש שטרעבן. אָבער וואוהין? דאָ מישט זיך שוין אַריין דאָס אילוזאָרישע אין זיין אויפֿקלערערישן שטרעבן. ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט די אַנטוויקלונג אַן ערך אַזוי: זאָלן נאָר אין רוסלאַנד זיגן די „איראָפּייאישע“ בורזשואַזע געזעלשאַפֿטלעכע און שטייגערישע פֿאָרמען, וועלן שוין מיט דער צייט מילא אויך די אָרעמע פֿאָלקס־מאַסן ווערן מיט לייטן גלייך.

אַקסענפֿעלד האָט געטראַכט מיט די השגות פֿונעם דעמאָלט אויפֿקומענדיקן בירגערטום. פֿון דאָרט האָט ער גענומען זיינע סאָציאַלע אידעאַלן. ער האָט זיי אויף זיין שטייגער נאָך מער פֿאַראיינפֿאַכט. זיינע געזעלשאַפֿטלעכע מיינונגען און זיין פּראָגראַם זיינען געווען פּונקט אַזוי פּרימיטיוו, ווי די פֿאָרם פֿון זיין שאַפֿן. די שטעטלדיקע פֿאָלקס־מאַסן דאַרפֿן זיך בלויז אַ ביסל איראָפּייאיזירן, זיך אויסלערנען שרייבן און לייענען די „הײנטיקע רוסישע יונגע, וואוילע ביכער־שרייבערס“, און ס׳וועלן זיין „ישועות און נחמות“ אויף אַלע יידן. ביי איר גאַנצער נאַאיווקייט טאָרן מיר זיך אָבער ניט גרינגשעציק, אַנטיהיסטאָריש באַציען צו זיין משכּילישער פּראָגראַם, מיר טאָרן זי ניט פֿאַרגלייכן מיט דער „קולטור־טרעגעריי“ פֿון די שפּעטערדיקע ליבעראַלן. מיר מוזן געדענקען, אַז אין אַ צייט, ווען די שטעטלדיקע יידישע פֿאָלקס־מאַסן האָבן געלעבט אין האַלב־לייבאייגנטימערישע פֿאַרהעלטענישן, פֿאַרקריפּלט און דערשלאָגן פֿון דורותדיקער פֿעאָדאַלישער אונטערדריקונג, פֿון דער קהלש־תקיפישער עקספּלואַטאַציע און קאָרופּציע, אין פֿאַנטאַסטישער אָרעמקייט און פֿינצטערניש, איז אַזאַ פּראָגראַם פֿאַר דער דאָזיקער סביבה און אין יענער צייט געווען די סאַמע אַקטועלסטע, סאַמע אומיטלאַבר נייטיקסטע.

ווער ס׳איז באַקאַנט מיט די דעמאָלטיקע פֿאַרהעלטענישן, ווייסט, אַז כדי צו פֿאַרשפּרייטן אַזעלכע מיינונגען, ווי אַקסענפֿעלדס, איז נייטיק געווען אמתדיקער מוט און שטאַנדהאַפֿטיקייט. די פּראָבלעם פֿון דערציען קינדער און פֿון אויפֿקלערן דערוואַקסענע איז געווען די ברענענדיקסטע. פֿאַר אַזאַ סביבה און צייט איז די אויפֿקלערערישע פּראָגראַם געווען אַ גוואַלדיקע פּראָגרעסיווע טאַטזאַך. זי האָט אַנטשפּראָכן צום געזעלשאַפֿטלעכן שטרעבן פֿון די מאַסן — אַלצאיינס ווי ווייט דאָס איז דורך די מאַסן פֿאַרבאַוואוסטזיניקט געוואָרן, צי ניט. און ס׳איז ניטאָ וואָס צו שמייכלען פֿון אויבן אַראָפּ איבער דער דאָזיקער פּראָגראַם. די אויפֿקלערונג פֿון די מאַסן איז געווען און האָט געמוזט זיין דער ערשטער שווערסטער טריט אויפֿן וועג צו געזעלשאַפֿטלעכער באַפֿרייאונג.

טאַקע דער שווערסטער טריט — דאָס וועט אונדז באַזונדערס קלאָר ווערן, אויב מיר וועלן נעמען אין אַכט דעם פֿאַקט, אַז ביי היינטיקן טאָג, כמעט

הונדערט יאָר נאָך אַקסענפעלדס שרייבערישער טעטיקייט, איז נאָך פאַראַן אין ליטע, רומעניע און אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אַ פּילמיליאַניקע מאַסע יידן, וואָס בנוגע צו זיי איז אַפילו די „נאַאיווע" באַשיידענע פּראָגראַם אַקסענ־פעלדס נאָך ניט פאַרווירקלעכט. און וואָס לעבן אין שטעט און שטעטלעך אין אַן עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און גייסטיקער לאַגע, אַ געגנט ענלעכער צו דער, וואָס אַקסענפעלד האָט געשילדערט און באַקעמפט. און אַקסענפעלד איז דאָך געווען טעטיק פאַר זיין פּראָגראַם אין דער צייט פון ניקאָליי פּאַלקין!

געווען משכילים אַ־לאַ נעוואַכאָוויטש, וואָס זייער אויפקלערעריי איז באַשטאַנען אין לאַקייאישער חניפה דעם צאַריזם. אַנדערע האָבן זייערע „שתדלנותן" אויסגענוצט קעגן די פאָלקס־מאַסן צוליב זייערע אייגענע בור־זשואַזע קלאַסן־אינטערעסן. ווידער אַנדערע, טאַקע מער דעמאָקראַטישע, האָבן אָבער ניט פאַרשטאַנען, אַז זיי דאַרפן זיך ווענדן צו די פאָלקס־מאַסן, און האָבן אויפגעקלערט כמעט אין דער לופט אַריין, האָבן געשריבן העברייאיש פאַרן ישיבה־בחור און קלויזניק, פאַרן טעאָלאָגיש־„געבילדעטן" באַלעבעסל. אַקסענפעלד האָט געהערט צו די ערשטע פון יענע דעמאָקראַטישע משכילים אין רוסלאַנד, וואָס האָבן געווענדט זייער אויפקלערערישע אויפמערקזאַמקייט אויף די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן און גערעדט צו זיי טאַקע אין זייער אייגענער, פון אַלעמען, אַפילו פון דער יידישער אינטעליגענץ, פאַראַכטעטער שפּראַך, כדי זיי אויפצוטרייסלען פון דער דורותדיקער פאַרגליווערטקייט און זיי אויפ־צוקלערן, ווי שרעקלעך און אומגעלומפּערט עס איז זייער לאַגע.

אַקסענפעלד האָט געהאַט אין אויג דער עיקר די לעבנשטייגערישע און גייסטיקע נויט פון די מאַסן. דאָס האָט אין זיך אַנטהאַלטן אויך זייערע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע נויטן, אָבער דאָס איז ניט דער דייטלעכער אינ־האַלט פון זיין שאַפן. די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע נויט פון די מאַסן ווערט דער דייטלעכער הויפּט־אינהאַלט ערשט אינעם שאַפן פונעם גרויסן שרייבער מענדעלע.

אַקסענפעלד האָט אויסגעדריקט די געזעלשאַפט־קריטיק פון די מאַסן, אַזוי ווי ער האָט זי, די געזעלשאַפט, באַנומען אין הסכם מיט זיינע בירגערלעך־אויפקלערערישע פאַרשטעלונגען און אידעאַלן, און די נויט פון די מאַסן אויך. צענדליקער יאָרן האָט ער מיט גרויס איבערגעגעבנקייט (דערמאָנען מיר זיך אין זיינע פיינפולע לאַנגיאָריקע אַנשטרענגונגען אָפּצודרוקן זיינע ווערק) אַלץ זיך באַמיט אַריינצופירן פרישערע לופט אין דער פאַרדומפּנקייט פונעם שטעטלדיקן געטאָ.

פון זיינע האַמעטנע, ווי פון האָלץ געשניטענע און ניט געשליפענע שאַפונגען שפּאַרט אַרויס דאָס געזונטע, טיף־אויפריכטיקע שטרעבן צו ברענגען ליכט, אַ פריי באַוואוסטזיין, אַ פריי לעבן פאַר די סאַמע ברייטסטע פאַר־

פינצטערטע און פאַראומערטע פֿאָלקס־מאַסן. ווי נאַאיוו און רוי זיין געדאַנק און בילד איז געווײנלעך, ווי שטאַרק זיי זיינען צומאָל באַהערשט פון די פֿאָר־שטעלונגען פונעם דעמאָלטיקן באַלעבעסלדיקן יידישן בירגער, הערן זיך פֿאָרט אין זיין שאַפן סיי די באַדערפעניש פון די פֿאָלקס־מאַסן, סיי דער טעמפּעראַמענט און די באַגאַבטקייט פון אַ פֿאָלקס־מענטשן. פון אונטער די גראָבלעכע, ניט־אָפּגעגלעטע פֿאָרמען שפּאַרט אַרויס אַ נאַטור־וואוקסיקע פייאיקייט (כאָטש טאַקע איבער די היסטאָרישע אומשטענדן ניט אינגאַנצן קיין רעאַליזירטע), באַשיינט פון אַ קרעפטיקן געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט. די פֿאָלקסטימלעכע עלעמענטן אין זיין אויפקלערעריי — דאָס איז פאַר אונדז דאָס אָנציענדיקע, טשיקאַווע און רייצפולע, דאָס, וואָס סע געפעלט אונדז אין אַקסענפעלדס שאַפן.

II. געזעלשאַפט־קריטיק און די דראַמאַטורגיע פון דער אויפקלערונג

1. אַקסענפעלדס פּיעסעס און די אויפקלערערישע דראַמאַטורגישע פּאָעטיק

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער בירגערלעכער אויפקלערונג, אַז זי האָט צוגעטיילט דעם טעאַטער אַ באַזונדערס וויכטיקע פונקציע. דאָס, וואָס ס'איז ניט דערלויבט געוואָרן אָדער וואָס איז שווער געווען אַרויסצוזאָגן אויף אַ טעאָרעטיש־פּראָגראַמאַטישן אופן, איז אָפטמאָל דערלויבט און גרינגער געוואָרן אַרויסצוזאָגן אויף דער בינע מיט סצענישע מיטלען. די סצענע איז געווען די טריבונע פון דעם שטרעבנדיקן „דריטן שטאַנד", וואו דער אויפקלערער האָט געקאָנט פּאַנאַנדערוויקלען זיין וועלט־באַנעם. ער האָט אויסגענוצט די רעלאַטיוו פרייהייט פונעם טעאַטער. אַ גרויסע ראָל האָט דאָ געשפּילט אויך די גרינגערע פאַרשפּרייטבאַרקייט פון געדאַנקען, די צוטריטלעכקייט פאַר גרויסע מאַסן, די שטאַרקע ווירקזאַמקייט פונעם סצענישן שמועס. אין דער פאָרם פון אַ פּיעסע זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן פּראָבלעמעס פאַר דער עפנטלעכער דיסקוסיע. אַ סך מאָל האָט דער סאָציאַלער אימפּולס געשטויסן גרויסע אויפקלערער צו דער בינע (וואָלטער, דידראָ, לעסינג א. אַז. וו.), כאָטש זייער „קינסטלערישער אינסטינקט" האָט אפשר דערצו געהאַט אַ קלענערע שייכות.

די יידישע השכלה האָט זיך פון אָנהייב אָן געווענדט צו דער פאָרם פון טעאַטער־שטיק (אייכל, וואָלפסזאָן, דער אַנאָנים פון „די גענאַרטע וועלט", עטינגער, פישלזאָן, אַקסענפעלד, גאָטלאָבער — ביז צו גאָלדפאַדענען און מענדעלען), כאָטש דער טעאַטער אָדער בכלל די שפּיל־מעגלעכקייטן זיינען געווען נאָך וויניקער אַנטוויקלט, איידער די דראַמאַטישע ליטעראַטור. לעווינזאָן שרייבט אַפילו זיין ריין געזעלשאַפט־קריטישע אָפּהאַנדלונג אין דער געשפּרעכאַרטיקער פאָרם. די צומאַליקע התנצלותן און אָנשטעלן, אַז עס גייט דאָ כלומרשט וועגן פאַרבייטן די האָמעטנע פורים־שפּילן דורך נוצלעכע מאָראַלישע ווערק (וואָלפסזאָן, דער אַנאָנים פון „די גענאַרטע וועלט" א. אַז. וו.), זיינען בלויז אַ פּאָפּולערער אויסרייד פאַר דער אין אָנהייב (אין דער יידישער סביבה) אומגעוויינלעכער קאָמעדישער פאָרם, און אפשר אויך אַן אָנצוהערעניש אויף די איינציקע שפּיל־מעגלעכקייטן, וועלכע די מחברים האָבן געהאַט אין אויג בשעתן שרייבן. יעדנפאַלס אָבער קאָן ניט דער מאָטיוו

עסטעטיש צו פאַרבעסערן דעם רעפּערטואַר פון די פּורים־שפּילן ערנסט גענומען ווערן. פאַר דער סצעניש־ער פאָרם פון די יידישע השכלה־ווערק איז דער עיקר געווען מאַסגעבנדיק די טראַדיציע פון דער אויפקלערונג צו ווירקן אויף ברייטערע מאַסן דורך סצעניש־טעאַטראַלע זשאַנרען.

אַ חוץ דעם אָבער האָט דאָ אפשר מיטגעווירקט דער פאַקט, וואָס אין באַשטימטע עטאַפּן פון ליטעראַרישער צוגעגרייטקייט איז דעם שרייבער גרינגער זיך אויסצודריקן אין אַ דראַמאַטישער, ריכטיקער, געשפּרעכמעסיקער פאָרם, איידער אין אַ פּראָזאַאישער. קיין יידישע פּראָזאַאישע טראַדיציעס זיינען נאָך דעמאָלט ניט געווען; אַקסענפעלד ברענגט דאָך דאָס ערשטע ווערק פון ליטעראַריש־קינסטלערישער בעלעטריסטישער פּראָזע („דאָס שטערנטיכל”). אין אַ נייער, ליטעראַריש ניט־צוגעגרייטער שפּראַך איז גרינגער זיך אַרויסצוזאָגן אויב ניט אין מעטריש־געבונדענער פאָרם, איז לפּחות אין געשפּרעך. עס איז גרינגער איבערצוגעבן אַן אידייע דורך דראַמאַטישע דיאַלאָגן,* איידער דורך עפּישער געשטאַלטונג און פּראָזע. די סצענישע פאָרם שפּילט דאָ אין אַ געוויסער מאָס די צוגרייטונג־ראָל פאַר דער קומענדיקער פּראָזע.

די געזעלשאַפט־קריטישע, פונעם שטייגער אָפּלאַכנדיקע קאָמעדיע גרייט צו דעם סאַטיריש־רעאַליסטישן ראָמאַן. די הויכע פּאַטעטיק פונעם ערנסטן עפּאָס אַפּאָטעאָזירט באַשטימט געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. אין דער קאָמישער עפּאָפּיע ווערט דער הערשנדיקער קלאַס אָנגעגריפן פון אַ נייאויפקומענדיקן, פונקט אַזוי ווי אינעם קאָמיש־סאַטירישן פּראָזע־ראָמאַן. שטענדיק איז דער פּראָזע־ראָמאַן אין אָנהייב פון זיין אַנטוויקלונג קאָמיש אָדער סאַטיריש־קריטיש. די קאָמעדיע אין אָנהייב פון אַ נייער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג איז שטייגעריש און געזעלשאַפט־קריטיש.

די אויפקלעריש־קריטישע פונקציע פון דער נייער ליטעראַטור מוז קודם־כל אַראָפּרייסן פון דער ווירקלעכקייט דעם שלייער פון דער פּסעוודאָקלאַסיק. דאָס ווערט אָפּגעטאָן מיט דער הילף פון דער קאָמישער אָדער סאַטירישער שטייגערישקייט אין דער מאַניר פון שילדערונג. די שטייגערישע קאָמעדיע אין אַלע אירע פאָרמען גרייט־צו די ברייטע לייוונטן פונעם קאָמישן אָדער סאַטירישן געזעלשאַפט־קריטישן ראָמאַן. די אויפקלערערישע אויפגאַבע דיקטירט אָבער ניט בלויז אָנגרייפן די אָפּגייענדיקע און באַרעכטיקן די אויפגייענדיקע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, אַנטקעגנשטעלן גוטע מוסטערן אַנטקעגן די שלעכטע, נאָר אויך קריטיקירן די שלעכטע זייטן אין דער אויפקומענדיקער געזעלשאַפט. אין רעזולטאַט באַקומט זיך די באַוואוסטע „לאַכנ־

---

* „לא תספיק לנו לשוננו הזאת כי אם לדברים ההמוניים ושיחות הפשוטות” (לעווינזאָן, „תעודה בישראל”) : די דאָזיקע שפּראַך אונדזערע (יידיש—מ. וו.) קלעקט אונדז בלויז פאַר המונישע ענינים און פּראָסטע שמועסן.”

דיקע טרער", דער מעלאָדראַמאַטישער סענטימענטאַליזם, וואָס איז כאַראַק־טעריסטיש פאַר דער קאָמישער ליטעראַטור אין באַשטימטע אויפקלערערישע פעריאָדן.

עס ליגט אינעם כאַראַקטער פונעם דאָזיקן ליטעראַרישן גאַנג, אַז די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דער בינע ווערט קאָנצענטרירט אויף דער אָפּ־לאַכערישער קאָמעדיע, וואָס ווערט דאַן מיט דער צייט דורך די מאַסן אידענטי־פיצירט מיט דעם באַגריף „טעאַטער" סתם. „טעאַטער" באַקומט דאַן דעם באַדייט פון „אָפּלאַכערישער קאָמעדיע" („טעיאַטער פון חסידים" הייסט אַ קאָמעדיע, אַ סאַטירע וועגן חסידים). „מאַכן פון עמעצן אַ טעיאַטער" באַטייט דאַן חוזק מאַכן פון עמעצן. „ס'איז אַ טעאַטער" באַטייט: „ס'איז קאָמיש." פונקט ווי מע פלעגט אַמאָל פריער זאָגן „ס'איז פורים", דאָס הייסט ס'איז קאָמיש, חוזק, ווי אין אַ פורים־שפּיל. „טעאַטער" איז געוואָרן דער באַגריף וועגן אַן אַרט און וועגן אַן אופן אויף „אָפּצוריכטן" (אָפּצוחוזקן) פון קלאַסן, שטאַנדן, מענטשן אָדער באַדינגונגען אין הסכם צו דער מיינונג פון דער אויפקלער־צייט וועגן טעאַטער אַלס אויפקלער־טריבונע.

* * *

אַקסענפעלדס פּיעסעס זיינען טיפּיש בירגערלעך טראַגי־קאָמישע אָדער סענטימענטאַלע פאַמיליען־שפּילן, לויטן געשמאַק און מיט אַ סך כאַראַק־טעריסטישע שטריכן פון דער „רירנדיקער דראַמע" אין דער עלטערער אויפ־קלערונג („מאַן און ווייב" ווערט אינעם רוסישן טיטל בפירוש באַצייכנט ווי אַ מעלאָדראַמע). זיין קינסטלערישער גאַנג איז אין זיינע פּיעסעס, ווי בכלל ביי דער יידישער השכלה, אָפּהענגיק געווען פון דער עלטערער אויפקלערערי־שער פראַנצויזישער און דייטשער פּאָעטיק. אַקסענפעלד האָט בלי־ספק געלעזן און באַוואונדערט די דראַמאַטישע ווערק פון לעסינג און שילער. ביי אַ משכיל פון יענער צייט איז דאָס אַנדערש גאָר ניט מעגלעך געווען. פונ־דעסטוועגן וועלן מיר אין זיינע פּיעסעס ניט געפינען קיין איין שטריך, וואָס זאָל קאָנען דערמאָנען אין דער געהויבענער טעמאַטיק און אין דעם הויך־פּאָעטישן, „הערצאַישן" נוסח פון לעסינגס „נתן דער חכם" אָדער פון שילערס דראַמעס. להיפוך צו דער העברייאישער ליטעראַטור פון יענער צייט געפינען מיר אויך ניט ביי אַקסענפעלדן, ווי בכלל ניט אין דער יידישער ליטעראַטור פון דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט — אַ חוץ געוויסע שפּורן אין עטלעכע לידער עטינגערס — קיין שום אָנצייכעניש פון ראָמאַנטיזם.

באַזונדערס פעסטשטעלן דאַרף מען דעם פאַקט, אַז אין דער יידישער ליטעראַטור פון יענער צייט פעלט לחלוטין יעדער שפּור פון נאַציאָנאַליזם אָדער פון נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק.

לויטן אַנטוויקלונגס־עטאַפּ און דעם געזעלשאַפטלעכן פּאָן פון דער שפּעט־

געקומענער יידישער השכלה איז אַקסענפעלד ניט אימשטאַנד געווען צו אַנטלייען השפּעות און קונסט־פּרינציפּן פון דער אָן אַ שיעור אַנטוויקלטערער (און צו אַנדערע באַדינגונגען אַנטשפּרעכנדיקער) נייעך קלאַסישער אָדער ראָמאַנטישער ליטעראַטור פון זיין צייט. ער האָט געקאָנט נעמען דראַמאַ־טורגישע פּרינציפּן נאָר פון אַן עלטערער מיט עטלעכע יאָרצענדליק ליטע־ראַרישער טראַדיציע, וואָס איז אַרויסגעקומען פון אַ געזעלשאַפטלעכער סיטואַציע, אין סך פּרטים (ניט אין אַלע) אַ מער ענלעכער צו דער סיטואַציע, וואָס אַקסענפעלד האָט ליטעראַריש אָפּגעשפּיגלט.

די דאָזיקע השפּעות האָט ער צוליב די פּרטים, מיט וועלכע עס אונטער־שיידן זיך פּאָרט שטאַרק די עפּאָכעס און ערטער (פון דער אייראָפּייאישער אויפקלערונג אין דער אַנדערער העלפט 18טן יאָרהונדערט און פון דער רוסיש־יידישער השכלה פון דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט), געמוזט פאַרבינדן מיט אַ נייעם, פון די אַנדערש־אַרטיקע באַדינגונגען אַנטוויקלטן סטיל־עלעמענט, מיט אַ שטאַרק שטייגערישן רעאַליזם ביים שילדערן די רייד און די דעטאַלישע פאַקטן. אָן דעם דאָזיקן נייעם סטיל־עלעמנט וואָלטן די איבערגענומענע דראַמאַטורגישע שטריכן פון דער עלטערער טראַדיציע ניט געקאָנט ווירקן.

דער אַנטוויקלטער נאַטור־וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג אין די פּראָגרע־סיווערע לענדער פאַרשטאַרקט אין דער ליטעראַטור דעם רעאַליסטישן נוסח און ווירקט אויך אויף די אָפּגעשטאַנענערע ליטעראַטורן, אַז זיי זאָלן גיין אין דער דאָזיקער ריכטונג. אַ טיפּיש־צייטמעסיקער שטריך אין דער ליטעראַטור (באַזונדערס אין דער פּראָזע) פונעם 19טן יאָרהונדערט איז דער שטייגערישער רעאַליזם. אין דעם פּרט געהער אַקסענפעלד צו זיין צייט, צום 19טן יאָר־הונדערט.

אָבער די הויפּט־שטריכן פון זיין דראַמאַטישן סטיל געהערן צו דער פּאָעטיק פון דער דראַמאַטורגיע פון דער אויפקלער־צייט, וואָס האָט געהערשט אין אייראָפּע פון דער מיט ביז צום סוף 18טן יאָרהונדערט, און ביי צוויט־און דריט־ראַנגיקע שרייבער — אַ היפּשע שטיק צייט לענגער.

דעריבער: אויב מיר ווילן דערקלערן אַקסענפעלדס דראַמאַטישע מאַניר, דאַרפן מיר דאָס טאָן אויפן פּאָן פון דער עלטערער מערב־אייראָפּייאישער דראַמאַטישער פּאָעטיק. און דאָ, אין דעם פּרט, איז קיין חילוק ניט, צי שטיצט זיך אַקסענפעלד טאַקע דירעקט אויף יענער פּאָעטיק און אירע ווערק, אָדער צי האָט ער געצויגן די השפּעות אומדירעקט פון שטאַרק פאַרשפּעטיקטע, ווייניק־ווערטיקע וואולגאַרע עפּיגאָנען, ביי דער „קאָצעביאַטינע״, ביי די רוסישע נאָכמאַכערס פון קאָצעבו און ביי אַנדערע טעאַטער־שמירער פונעם

ערשטן פערטל 19טן יאָרהונדערט, וואָס זיינען ניט ווערט זיין מינדסטן פינגער, כאָטש ער איז אפשר פֿון זיי געווען באַווירקט.

כדי אויפֿצודעקן דעם אָפּשטאַם פֿון זיינע דראַמאַטורגישע מיטלען, וועלן מיר מוזן צוריקגיין צו דער פּאָעטיק פֿון דער עלטערער אויפֿקלער־צייט. אָפּ־שטעלן זיך צוליב דעם צוועק אויף די עפּיגאָנישע טעאַטער־ווערק, וואָס האָבן זיך נאָך אַ לאַנגע צייט נאָך זייער אַקטועלקייט נאָכגעשלעפּט אויף די אייראָ־פּייאישע (און אויך רוסישע) פּראָווינץ־טעאַטערן, וואָלט דאָ ניט געבראַכט קיין באַזונדערע רעזולטאַטן, כאָטש די דאָזיקע עלטערע טראַדיציע איז אפשר גראָד דורך זייער פֿאַרמיטלונג אָנגעקומען צו אַקסענפעלדן. די דאָזיקע טראַדי־ציאָנעלע מיטלען האָבן אָבער אין די עפּיגאָנישע פּיעסעס שוין לאַנג פֿאַרלאָרן דעם אורשפּרינגלעכן זין און באַדייט. די דאָזיקע טעאַטער־שטיק האָבן בלויז עקזיסטירט אַלס פֿאַרווײַלונג פֿאַרן באַלעבעסל. דעריבער מוזן מיר זיך ווענדן צו דער אורשפּרינגלעכער מוסטער־צייט, ווען די דאָזיקע דראַמאַטישע פֿאָרמען פֿון דער אויפֿקלערונג האָבן געהאַט אַ דייטלעכן צוזאַמענהאַנג מיט דעם אויפֿ־קלערערישן אינהאַלט, כדי צו דערקלערן דעם סטיל פֿון אַקסענפעלדס טעאַטער־ווערק.

מיר פֿאַרמאָגן עטלעכע אַרויסזאָגונגען אַקסענפעלדס וועגן דראַמאַטורגיע און טעאַטער. זיי פֿאַלן אינגאַנצן צונויף מיט די אַנטשפּרעכנדיקע מיינונגען פֿון דער עלטערער אויפֿקלערערישער פּאָעטיק, כאָטש זיי ווערן ביי אַקסענ־פעלדן אַ ביסל נאַאיוו וואולגאַריזירט, פּונקט אַזוי ווי די קלאַסישע אויפֿקלער־אידעאָלאָגיע ווערט בכלל פֿאַראיינפֿאַכט אין דער השכלה, סיי אין דער העב־רייאישער, סיי אין דער יידישער, און ווייל דאָס האָט אַ שייכות ניט בלויז צו אַקסענפעלדס שאַפֿן, נאָר צו דער יידישער דראַמאַטורגיע אין משך פֿון עטלעכע צענדליק יאָרן אינעם 19טן יאָרהונדערט בכלל, איז כדאי זיך געניויער אָפּ־צושטעלן אויף דעם דאָזיקן ענין.

אַ פֿראַנצויזישער ליטעראַטור־טעאָרעטיקער פֿון דער מיט 18טן יאָר־הונדערט גיט איבער אין זיין פּאָלעמיק קעגן דער „וויינערלעכער קאָמעדיע“, ווי אַזוי עס איז דעמאָלט (1749) באַנומען געוואָרן דער מהות פֿון דער קאָמעדיע. „די קאָמעדיע איז דאָס געמעל פֿון אַקציעס אינעם געוויינלעכן וואָכעדיקן לעבן, אָדער אויב מע וויל בעסער זאָגן: די געוויינלעכע חסרונות און מעלות, וואָס פֿילן אויס דעם קרייז פֿונעם געוויינלעכן וואָכעדיקן לעבן. אין דער שילדערונג פֿון די גוטע און שלעכטע מידות באַשטייט דער אייגנטלעכער מהות פֿון דער קאָמעדיע. אויספֿירן די גרויסע אויפֿגאַבעס פֿון דער קונסט און פֿונעם קינסט־לער הייסט: אָנוואַרפֿן מיט פּינקטלעכקייט די פּאָרטרעטן פֿון די מענטשן, אויסדריקן די כּוונות און די נטיות פֿון זייער געמיט אויפֿן דייטלעכסטן אופֿן

און אָנווענדן דאָס אַלץ אויף צו פאַרבעסערן די מידות.* ס'איז באַקאַנט דידראָס זאָג: „די דיכטער דאַרפן אונדז בעסערן, בעסערן!"

דער דייטשער אויפקלערערישער ליטעראַטור־טעאָרעטיקער און דיכטער גאָטשעד דעפינירט די קאָמעדיע, ווי דאָס נאָכמאַכן פון אַ ניט־מאָראַלישער טואונג, וואָס מאַכט פריילעך דעם צוקוקער צוליב איר קאָמישן מהות און באַגלייך דערמיט דערציט עס אים מאָראַליש.** דער דיכטער און געלערנטער געלערט דערקלערט די פונקציעס פון די פאַרשיידענע פיגורן אין דער קאָמעדיע:

„די שילדערונג פון פעלערהאַפטיקע פאַרשוינען ווייזט אונדז בלויז דאָס אומגעלומפּערטע, דאָס פאַרקערטע און שענדלעכע; די שילדערונגען פון וואוילע פאַרשוינען ווייזט אונדז דאָס גערעכטע, דאָס שיינע און דאָס, וואָס מע דאַרף לויבן. יענע דאַרפן אונדז אָפּשרעקן פון די שלעכטע מעשים, די אָבער באַגייסטערן אונדז פאַר די גוטע מידות און מונטערן אויף דעם צוקוקער נאָכצוגיין נאָך זיי.*** עס ליגט אין דער אָפּשפּעטערישער טבע פון דער קאָמעדיע צו ברענגען מער נעגאַטיווע פיגורן, איידער פּאָזיטיווע, אָבער כדי דייטלעכער אונטערצושטרייכן די נעגאַטיווע, מוז מען אַנטקעגנשטעלן צו זיי אויך פּאָזיטיווע, זאָל זיין אַלס נעבן־פיגורן, מיט זייערע דרך־אַגבדיקע מאָראַלישע גלאָסן און הערות (שאַסיראַן). אינעם לעבן, זאָגט דער גרויסער בירגערלעכער אויפ־

---

* מ. ד. שאַסיראַן אין Réflexions sur le comique larmoyant
לויט לעסינגס אָפּהאַנדלונג: (1754)
.Von dem weinerlichen oder rührenden Lustspiel

** די דאָזיקע אַלע אַרויסזאָגונגען זיינען אין אמתן אַ פּאַראַפראַז פון מאָליערס באַהויפּטונגען: „. . . דער טעאַטער פאַרמאָגט אַ גרויסן כוח צו פאַרריכטן... די בעסטע מוסטערן פון ערנסטער מאָראַל האָבן געוויינלעך ווייניקער מאַכט, איידער די סאַטירע, און קיין זאַך ווירקט ניט אַזוי אויף דער מערהייט מענטשן, ווי די שילדערונגען פון זייערע פעלערן. די פעלערן באַקומען אַ שווערן קלאַפּ, ווען מיר שטעלן זיי אַרויס אַזוי, אַז אַלע זאָלן פון זיי קאָנען אָפּלאַכן. מענטשן קאָנען לייכט אַריבערטראָגן פאָרוואורפן, אָבער חוזק קאָנען זיי ניט אַריבערטראָגן. זיי קאָנען מסכים זיין מיט דער טענה, אַז זיי זיינען שלעכטע, אָבער זיין קאָמיש ווילן זיי בשום אופן ניט." (פון זיין פאָרוואָרט צו „טאַרטיף"). די אויפקלערער באַטאָנען דערביי, אַז ס'איז נייטיק צו שילדערן „דאָס וואָכעדיקע לעבן" (שטייגער). די דערציערישע פונקציע פון דער קאָמעדיע איז נאָך אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון אַריסטאָטעלן אין זיין „פּאָעטיק". די אויפקלערער, אָנגעהויבן פון אַזאַ פריאיקן אויפקלערער ווי מאָליער און אויסגעלאָזן מיט דעם שפּעטן אויפקלערער שילער, — האָבן אויפסניי אויפגענומען דעם דאָזיקן אַנטיקיש־ראַציאָנאַליסטישן טעזיס און אים אַלזייטיק באַאַרבעט.

*** אין זיין אָפּהאַנדלונג: Pro comoedia commovente (1751), ציטירט לויט לעסינגס אויבן־דערמאָנטער אָפּהאַנדלונג.

קלערער לעסינג, זיינען פאַראַן גוטע און שלעכטע מוסטערן. „די קאָמעדיע מאַכט נאָך די דאָזיקע דערשיינונגען און נאָר דורכן נאָכמאַכן דעם דאָזיקן פאַקט איז די קאָמעדיע פייאיק צו באַווייזן דעם פאָלק ניט בלויז דאָס, וואָס מע דאַרף אויסמיידן צו טאָן, און ניט בלויז דאָס, וואָס מע דאַרף יאָ טאָן, נאָר פאַרצושטעלןביידע צוגלייך אין אַזאַ שיין, אין וועלכער איינס ווערט אונטער־געשטראָכן דורכן צווייטן.״ *

ענלעכע מיינונגען וועגן טעאַטער און ענלעכע דראַמאַטורגישע פרינציפן געפינען מיר ביי אַקסענפעלדן ניט בלויז אין זיין שאַפן, נאָר אויך דאָרט, וואו ער זאָגט זיך אַרויס אין באַוואוסטזיניקע, כאָטש זייער פרימיטיוו־פאָרמולירטע באַטראַכטונגען.

אין „דאָס שטערנטיכל״ (קאַפיטל 14) פרעגט מיכל אַקסמאַנען: „נאָר וואָלט איך געוואָלט גערן: צו וואָס קומט צונויף דער טעאַטער מיט די אָנשטעלן?״

אַקסמאַן (אייגנטלעך—אַקסענפעלד) ענטפערט: „... אַנו, מאַך אַ חשבון פון די זעקס שטיק, וואָס דו האָסט מיט מיר געזען שפּילן אינעם טעאַטער (אין ברעסלע, אין יאָר 1813—מ. וו.), אויב איטלעכס שטיק איז ניט אַ מוסר פאַר דעם מענטש...** קומט דאָך דער טעאַטער צונויף בעסער פון אַ בעל־דרשנס מוסר־זאָגן. דאָ, אינעם טעאַטער, בשעת מע האָט הנאה פון די אָנ־שטעלן, ווי דו, מיכל, רופסט עס, — פעקלט מען אַריין איטלעכן, וואָס זעען און וואָס הערן, אין האַרצן אַריין מוסר, און אַ ראיה, אַז גוט איז ערלעך צו זיין, און גוטע לייט צו פאָלגן גייט תמיד אויס צום גוטן. פאַרקערט, ווידער, איז עס אַ ראיה, אַז אַ בעל־גאווה, אַ שלעכטער מענטש, אַ הולטאַי, כאָטשע עס דאַכט זיך אויף אַ קורצער צייט, ער לויכט, קומט ער דערנאָך צו בזיונות און צו אַלע צרות. פון אַ בעל־דרשן וויל ניט איטלעכער הערן, און אַז מע הערט יאָ אַפּילו, פאַרגעסט מען זיין דרשה און זיינע גוטע ווערטער מיט אַ שעה שפּעטער נאָך דער דרשה. די טעאַטער־שטיק הערט איטלעכער צו מיט חשק *** און הערט גוט איטלעכס וואָרט. בלייבט עס טאַקע אינעם האַרצן. אָט געדענקסטו אַוודאי אַלע שטיק — וועל איך מיך וועטן?

„— אמת, — טוט מיכל אַ זאָג, — איך וועל אייך אינדערהיים ווייזן. ביי מיר איז אויף יידיש אויפגעשריבן איטלעכס שטיק, מיטן נאָמען ווי עס הייסט,

---

* לעסינג, דאָרט.

** „... די באַשטימונג פון דער קאָמעדיע באַשטייט דערין, אַז זי זאָל פאַר־ריכטן די מענטשלעכע חסרונות...״ (פון מאָליערס פאָרוואָרט צו „טאַרטיף״.)

*** דערמאָנען מיר זיך אין מאָליערס ווערטער: „דער תכלית פון יעדער קאָמעדיע באַשטייט דערין צו פאַריכטן די מענטשן, פאַרוויילנדיק זיי...״

אַבי איך האָב נאָר דעם נאָמען פונעם שטיק, וועל איך שוין אויסנוייניק, אַפּילו אין לויהאָיעפּאָליע קאָנען דערציילן דאָס גאַנצע שטיק.״ (אגב: אַן אָנצוהערעניש אויף ליטעראַרישע ווירקונגען פונעם דייטשן פּראָווינץ־טעאַטער — מ. וו.)

אַקסענפעלד דערקלערט ווייטער דעם פּראָסטן לייענער־עולם, אַז טעאַטער איז ניט סתם בדחנות און קינדערשע אָנשטעלן, נאָר אַן ערנסטע זאַך. „דער, וואָס האָט ממציא געווען (אַנטדעקט—מ. וו.) דאָס ערשטע מאָל די זאַך פון אַ טעאַטער, האָט געהייסן אַריסטאָטעלעס * — אַפּילו פּראָסטע יידן זאָגן: קלוג נאָר ווי אַריסטאָטעלעס, — דאָס איז פאַר עטלעכע טויזנט יאָר געווען זייער אַ גרויסער וועלט־חכם אין אַלע חכמות פון דער וועלט. דער האָט געזאָגט: אַ טעאַטער איז אַ חדר, וואו מענטשן לערנען זיך גוט און פרום און ערלעך צו זיין („דאָס טעאַטער איז די שולע דער טוגענד״). אַצינדערט ווייסטו, מיכל, צו וואָס עס קומט צונוץ, אַיאָ?״ דער שמועס ענדיקט זיך מיט דער וויכטיקסטער טענדענץ אַקסענפעלדס, מיט אַן אָנגריף אויף רביים און חסידים.

אין זיין ווענדונג צום בילדונג־מיניסטער אין יאָר 1841 דערקלערט אַקסענפעלד: „עס איז אַלזאָ נייטיק געווען אָנווענדן אַן אַנדער מיטל (ווי פון די העברייאישע משכילים—מ. וו.) — שרייבן אויף אַזאַ שפּראַך, וואָס איז פאַרשטענדלעך דעם פּשוטן יידישן עולם, אַרויסגעפינען קאָמישע און צוגלייך באַלערנדיקע געשעענישן פון ווירקלעכן לעבן, צוציען דעם לעזער מיט אַ מעשה, אַזוי אַז אומעטום זאָל אַרויסטרעטן דער אמת, אָבער אין אַ פיינער פאָרם פון אַן אינטערעסאַנטער דערציילונג (געמיינט איז ניט דווקא פּראָזע, ער רעדט ווייטער אויך וועגן זיינע „דראַמעס״ און „קאָמעדיעס״—מ. וו.). אָט די שווערע אַרבעט האָב איך גענומען אויף זיך... די סאַטירע, דידאַקטיק און „דערציילונג״ מוזן זיין צונויפגעבונדן, דעם עולם וועט אַזוי־אַרום קלאָר ווערן זייער (די חסידימס—מ. וו.) ווילדע צביעות, ער וועט מוזן דערפילן אַ פאַראַכטונג צו דער גאַנצער חסידישער סעקטע, און דערמיט ווערט דערגרייכט מיין ציל.״

עטינגער באַטאָנט אין זיין פּראָספּעקט (זע ד״ר שלמה עטינגערס כתבים, באַנד 1, ז. XXVIII) אַלס מאָטיוו פאַר זיין שרייבן אין יידיש בלויז דעם פאַקט, אַז דאָס „געפעלט״ אי דעם פּראָסטן, אי דעם געבילדעטן לייענער — אַ ריין־עסטעטישער מאָמענט. אַקסענפעלד זאָגט אָבער קלאָר: „מיין ציל איז ניט געווען אַרויסצושטעלן זיך אַלס פאַרפאַסער (וואָרים איך וואָלט דאָך געקאָנט שרייבן אויף אַן אייראָפּייאישער שפּראַך), נאָר בלויז צו ברענגען נוצן מיינע ברידער, וואָס ליידן אונטערן יאָך פון אָבערגלויבן״ (1842).

* אַקסענפעלד וויל זאָגן, אַז אַריסטאָטעלעס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט באַאַרבעט די טעאָריע פון טעאַטער. אין טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן טעאַטער פאַררופט זיך די אויפקלערונג אָפט אויף דער „פּאָעטיק״ פון אַריסטאָטעלעס.

אויך זיינע צייט־חברים און לייענער האָבן אַזוי באַנומען און פאָרמולירט אַקסענפעלדס „ציל". מיר זעען דאָס פון טוגענהאָלדס בריוו פון יאָר 1840 צו אַקסענפעלדן און פון דער הקדמה, וואָס די אַרויסגעבער פון זיין ליטעראַרישער ירושה שרייבן צו הער „געגנאַרטער וועלט" (1869): „אומעטום זעען מיר, ווי דער מחבר לאַכט אויס די אַלע נאַרישע אַבערגלויבישע זאַכן אָדער מנהגים, וואָס האָבן זיך מאַותוויז צוגעקלעפּט מיט דער צייט צום ייִדישן פאָלק, אומעטום זעען מיר, ווי ער גיט צו פאַרשטיין אַלע פעלער און שלעכטע מידות, וואָס האָבן זיך ביי ייִדן מיט דער צייט איינגעקאָרעניעט." דאָס אייגענע חזרט איבער י. לערנער * זייער אויספירלעך, כאָטש טאָקע איבערגעטריבן, ווייל אין דער שיין פון דער נאַטוראַליסטישער, אוטיליטאַריסטישער טעאָריע פיסאַרעווס.

דער קאָמעדיע־זשאַנר איז, הייסט דאָס, ביי אַקסענפעלדן ניט בלויז אַ רעזולטאַט פון אַ „קינסטלערישער נטיה", נאָר ער האָט זיך אים אויך רע־קאָמענדירט אַלס באַזונדערס פּאַסיק פאַר זיין געזעלשאַפטלעכער טענדענץ. לויט די טראַדיציעס און דער פאָרמעלער צוגעגרייטקייט פון דער ייִדישער ליטעראַטור און שפּראַך האָט די קאָמעדיע געהערט צו די פּאַסיקסטע זשאַנרען פאַר געזעלשאַפט־קריטיק. זי האָט געהערט צו די פּאַסיקסטע אויפקלעריש־דערציערישע מיטלען, אַלצאיינס צי מע האָט זי געזען געשפּילט אָדער נאָר בלויז געהערט לייענען.

2. שטייגערישקייט און אינטריגע

אַקסענפעלדס פּיעסעס זיינען ניט קיין קאָמעדיעס פונעם פּאַטעטיש־געהויבענעם קלאַסישן אָדער פּסעוודאָ־קלאַסישן זשאַנר. זיי געהערן אייגנטלעך אויך ניט צו דעם זיסלעכן מין פון דער „וויינערלעכער קאָמעדיע", וואָס מישט אַריין אין די קאָמישע אויך גוזמאַדיק־פּאַטעטישע עלעמענטן. זיינע פּיעסעס פאַרמאָגן אָבער יענע דאָזע סענטימענטאַלישקייט, וואָס די אויפקלערערישע קאָמעדיע האָט לויט איר סאָציאַלער טענדענץ, לויט איר „דאַרשט נאָך בירגער־לעכער גערעכטיקייט" געמוזט האָבן. אַפילו אין דער טראַגעדיע, ריכטיקער—טראַגי־קאָמעדיע, „דער ערשטער ייִדישער רעקרוט" גייט אַקסענפעלד ניט נאָך הויכע קלאַסישע טראַגיש־פּאַטעטישע („העראָאישע") אָדער קאָמיש־וויינערלעכע מוסטערן. פון די אַלע סכנות — פאַר אַקסענפעלדן וואָלטן דאָס געווען סכנות — האָט אים געראַטעוועט זיין שטייגערישער רעאַליזם.

זיינע פּיעסעס געהערן צום מין „מעשטשאַנישע", רירנדיק־קאָמישע פאַמיליען־געמעלן אין טצענישער פאָרם. אַקסענפעלדס אוממיטלבאַרע ליטע־ראַרישע מוסטערן זיינען קאָנקרעט נאָך ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן. אָבער,

* אין זיין רוסישער בראָשור וועגן י. אַקסענפעלדס ווערק (אָדעס 1868).

ווי געזאָגט, מע וועט זיי דאַרפֿן זוכן ביי יענע צווייט־ און דריט־ראַנגיקע דייטשע, רוסישע און אפשר אויך פראַנצויזישע (איבערגעזעצטע) קאָמעדיעס־ און וואָדעוויל־שרייבער, וואָס פלעגן שטייגעריש שילדערן דאָס סוחרישע פאַמיליען־לעבן, ביי די שרייבער, וואָס ציען זייער טראַדיציע ווייניקער פון דער „קאָמעדיאַ ערודיטאַ" און מער, אַזוי צו זאָגן, פון דער „קאָמעדיאַ דעל אַרטע". עס האָט אַ פּנים, אַז דער קאָצעבו־„טעאַטער" האָט אויף אַקסענפעלדס שאַפן געהאַט אַ באַשטימטע ווירקונג. מע דאַרף אויך רעכענען, אַז ער איז געווען באַקאַנט מיט יידישע טעאַטער־שטיק און פובליציסטיש־דיאַלאָגישע ווערק, וואָס זיינען ביז אים און אויך אין זיין צייט געשריבן געוואָרן פון די משכּילים (ווי לעווינזאָנס „הפקר־וועלט", עטינגערס „סערקעלע", די אַנאָנימע „די געגנאַרטע וועלט", וואָס ווערט דאָך פון אים דערמאָנט), כאָטש עס פילט זיך גראָד פון זיי ניט קיין דייטלעכע השפּעה, סיידן אפשר אין ווייניקער וויכטיקע פּרטים.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַקסענפעלדן, ווי בכלל פאַר דער עלטערער השׂכּלה אין יידישער שפּראַך, אַז ער האָט קיין איין איינציק מאָל ניט געפּרוּווט געבן קיין „העלדישע" פיגורן, קיין פּאָעטיש־פּאָטעטישע טראַגעדיע, אָדער דאָס, וואָס די אַריסטאָטעלישע פּאָעטיק רופט אָן „פּאָטעטישע געשעענישן". דער יידישער השׂכּלה איז פרעמד די קלאַסיש־גרויסאַרטיקע העראָאישע, דער־הויבענע טעמע, פּונקט אַזוי איז איר אויך פרעמד די ביבלישע טעמע, וואָס איז געווען דער אויסדרוק פון קלאַסיציזם אין דער העברייאישער השׂכּלה.

דאָס הענגט ניט אָפּ פון דער טאַלאַנט־מדרגה. גרעסערע, אָבער אויך אַ סך קלענערע דיכטערישע טאַלאַנטן, איידער אַקסענפעלד, האָבן אין דער עלטערער און יינגערער העברייאישער השׂכּלה באַהאַנדלט דווקא פּאָטעטיש־קלאַסישע, לחלוטין ניט־שטייגערישע, געהויבענע טעמעס אין אַן אַנטשפּרעכי־קער דראַמאַטישער, פּאָעטישער, אָדער פּראָזאאישער פאָרם (פון ד. פ. מענדעס, נ. ה. וויזל, מענדל ברעסלע, שמואל ראָמאַנעלי, מ. לעטעריס — ביז צו די לעבענזאָנס, מאַפּו און ווייטער). דער זעלבער גאָטלאָבער, וואָס האָט געשריבן זיין יידישן „דעקטוך", האָט אויף העברייאיש געשריבן פּאָעטישע לידער און אַ פּסעוודאָ־קלאַסישע (לויט דער לוצאַטאָ־טראַדיציע) אַלעגאָריע („תּפארת לבני בינה"), וואָס וואָלטן אויף יידיש דעמאָלט ניט מעגלעך געווען; דער זעלבער לעווינזאָן, וואָס האָט געשריבן די „הפקר־וועלט" און „פּורים־שפּיל אויסגערופן אין שול", האָט אויף העברייאיש געשריבן מליצהדיקע, פּסעוודאָ־קלאַסיציסטישע לידער און היסטאָריש־אַלעגאָרישע ניט־רעאַליסטישע בילדער אין פּראָזע.

די סיבה ליגט דאָ ניט אין דער שפּראַך. צענדליקער יאָרן שפּעטער האָבן אַ סך קלענערע טאַלאַנטן ווי אַקסענפעלד באַהאַנדלט אין יידישע פּיעסעס גאָר

געהויבענע פּאָעטיש־פּאַטעטישע מאָטיוון (פון גאָלדפאַדן ביז גאָרדין און ווייטער).

דאָרט, וואו דער זעלבער לעווינזאָן נעמט זיך צו ערנסטער געזעלשאַפט־קריטיק, איז ער אויך אויף העברייאיש שטאַרק רעאַליסטיש. דאָרט הערן אויף אַלע מליצהדיקע חנדלעך. אַזוי איז, למשל, אין דעם ביז גאָר שאַרפן סאַטירישן פּאַסקוויל „תולדות פלוני אלמוני הכזבי" (1851), אין די סאַטירעס „עמק רפאים", „דברי צדיקים", אין דער ליד „בי כסא" א. אַז. וו.

דערביי דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז די דאָזיגע רעאַליסטיש־סאַטירישע ווערק זיינען אַפילו אין שפּראַכלעכן זינען אַ סך נעענטער צום יידישן שפּראַך־נוסח, איידער צו דער העברייאישער מליצה. אין „תולדות פלוני אלמוני הכזבי" קאָן לעווינזאָן ניט אויסקומען אָן אַ יידישן צוגאָב („פּורים־שפּיל אויס־גערופן אין שול"). „דברי צדיקים" איז געשריבן אין אַ מין יידיש־העברייאישן זשאַרגאָן, וואו עסווימלט פון יידישע ווערטער און זאַצן און וואו די העברייאישע זאַצן גופא זיינען וואָרט־ווערטלעך און אומגראַמאַטיקאַליש איבער־געזעצט דירעקט פון יידיש. אויף אַ „געבראָכענעם" חסידיש־העברייאיש ווערט איבערגעגעבן („דברי צדיקים" אין „ילקוט ריב"ל, ז"ז 144־149) אַ יידישער שמועס מיט אַלע קנייטשן און שטיק (ענלעך ווי אין „מגלה טמירין").

אגב, דאַרף מען אין דעם דאָזיקן סאַטיריש־פּאַראָדיסטישן העברייאישן נוסח פון דער פריאיקער השכלה זען די קוואַלן און די ליטעראַרישע טראַ־דיציעס פאַרן „מאָדערנעם" העברייאישן פּראָזע־סטיל, וואָס מענדעלע און נאָך אים ביאַליק האָבן געשאַפן. דאָס, וואָס ס'איז אורשפּרינגלעך געווען געמיינט פּאַראָדיסטיש, איז שפּעטער דורכסטיליזירט געוואָרן אויף אַן ערנסט...

ניט די שפּראַך האָט גורם געווען די שטייגערישקייט און די „וואָכע־דיקייט" פון אַקסענפעלדס טעמאַטיק און סטיל, נאָר פאַרקערט, דער כאַראַק־טער פון דער געזעלשאַפטלעכער טענדענץ האָט אָנגעוויזן דער יונגער־רוסיש־יידישער השכלה, אין וועלכער שפּראַך זי דאַרף שרייבן, נאָך וועלכע ליטעראַרישע טראַדיציעס און מאָנירן זי דאַרף נאָכגיין, אויב זי וויל רעאַליזירן איר געזעלשאַפטלעכן ווילן. די יידישע השכלה־ליטעראַטור האָט אָפּט אויס־געדריקט אַנדערע סאָציאַלע שיכטן און שטענדיק זיך געווענדט צו אַנדערע שיכטן, ווי די העברייאישע השכלה. לויט איר גאַנצן מהות האָט די השכלה אין דער יידישער שפּראַך געמוזט זיין וואַכיקער און פילבאַרער ביים קאָנ־טראָלירן די ווירקזאַמקייט פון אירע ליטעראַרישע מיטלען. דאָס שרייבן יידיש איז געווען דער אויסדרוק פונעם ווילן אַריינצוטראָגן די אויפקלערונג אין די פאָלקס־מאַסן. דאָס אַליין איז שוין געווען אַ טיף־רעאַליסטישער שטריך. דאָס אָנקומען צו העברייאיש איז שוין גופא געווען אַ ראָמאַנטישער שטריך, אַ מין אַנטלויפן פונעם לעבן.

לעווינזאָן דערקלערט וועגן יידיש: „... און די דאָזיקע שפּראַך, וואָס מיר רעדן אין דעם לאַנד, די אַזוי־גערופענע יידיש־דייטשע שפּראַך, וואָס מיר האָבן אַנטליען פון די דייטשן, איז אַ פאַרדאָרבענע ביז גאָר... דערצו נאָך קלעקט אונדז די דאָזיקע שפּראַך אונדזערע בלויז פאַר המונישע ענינים און פּראָסטע שמועסן. און אַזוי באַלד מיר ווילן אָנרופן אַ באַגריף פון די דערהויבענע זאַכן, ווערן מיר שטום. צי איז דאָס ניט אַזוי?" („תעודה בישראל", וואַרשע, 1878, ז"ז 33־34). עס איז אָבער קלאָר, אַז גראָד די דאָזיקע „באַגריפן פון די דערהויבענע זאַכן" זיינען אין יענער צייט און אין יענער סביבה געווען און האָבן געמוזט זיין „מליצות וועגן העכסט־בטלנישע זאַכן"; און גראָד דווקא „די המונישע זאַכן און די פּראָסטע שמועסן", למשל טאַקע אַפילו פון לעווינזאָנען גופא, אַשטייגער זיין „הפקר־וועלט", זיינען געווען דאָס סאַמע „דערהויבנסטע", פּאַרשריטלעכסטע, לעבעדיקסטע, אינטערעסאַנטסטע פון זיין גאַנצן שרייבן. אויף העברייאיש האָט מען געקאָנט מאַכן דערהויבענע, אָבער אומנוציקע האַוואַיעס, אויף יידיש האָט מען געקאָנט און געמוזט רעדן קלאָרע רייד וועגן ברענענדיקע ענינים.

אויף העברייאיש האָט מען נאָר געקאָנט פּסעוודאָ־הומאַניסטיש „קאָנסערווירן", „קולטיווירן", ווירקן צווישן אַ דינעם שיכט „אינטעליגענץ" פון קלויזניקעס, בטלנים, באַלעבעסלעך, צווישן מענטשן, וואָס זיינען שוואַך געווען פאַרבונדן מיטן פּראָדוקטיוון לעבן און מיט דער געזעלשאַפטלעכקייט. האָט מען דאָס געקאָנט טאָן אין דער פאָרם פון עפּיגאָנישער פּסעוודאָ־קלאַסיק אָדער ראָמאַנטיק.

די השכלה אין דער יידישער שפּראַך איז באַלד פון איר אָנהייב אָן געשטויסן געוואָרן דורך איר אויפגאַבע צו רעאַליסטישע פאָרמען און מאַנירן, צו קאָמיק און סאַטירע, צו וואָכעדיקער שטייגער־שילדערונג, סיי אין דער פּיעסע, סיי אינעם ליד און סיי אין דער פּראָזע.

* * *

די ליטעראַטור פון דער יידישער השכלה איז ראַציאָנאַליסטיש. אירע אידייען זיינען גראַדלייניק. זי האָט אַ קנאַפּן חוש פאַר פּסיכאָלאָגיע, פאַר אירראַציאָנאַלע געפילן. דעטערמינאַציע און טראַגיק איז איר פרעמד. דעריבער איז די יידישע השכלה־ליטעראַטור פרעמד געווען די אייגנטלעכע קלאַסישע טראַגעדיע, פּונקט אַזוי ווי ס'איז איר פרעמד געווען די כוונה צו וועלן אַנטוויקלען אינדיווידועלע, „שטאַרק־פּסיכאָלאָגישע" אָדער „העלדישע" כאַראַקטערן. זי איז אויסן געווען צו שילדערן כאַראַקטער־טיפּן, מוסטערן פון גאַנצע געזעלשאַפטלעכע גרופּעס, „שטאַנדן" (דידראָ) און זייער אויפפירונג אין אַ באַשטימטער סיטואַציע, ביי באַשטימטע באַדינגונגען.

אין די פּיעסעס פון די יידישע משכילים, פּונקט ווי בכלל אין דער

טיפּישער בירגערלעכער קאָמעדיע פון דער אויפקלערער־צייט, אַנטוויקלט זיך די סיטואַציע ניט דער עיקר פון די אינדיווידועלע כאַראַקטערן (ווי, למשל, אין די טראַגעדיעס פון שעקספּירשן טיפּ: „אָטעלאָ", „האַמלעט"), נאָר די כאַראַקטערן, וואָס פאַרמאָגן מער געזעלשאַפטלעכע טיפּישקייט, איידער אינדיווידועלע פּערזענלעכקייט, באַווייזן זיך ביי דער געלעגנהייט פון אַ סיטואַציע. דאָס אַנטשיידנדיקע איז דאָ די סיטואַציע, און ניט די פּערזענלעכקייט.

די בירגערלעכע געזעלשאַפט־קריטיק וויל אונטערשטרייכן די ראָל פון די באַדינגונגען, קעגן וועלכע זי קעמפט, און איז ניט פאַראינטערעסירט צו דעטערמינירן (ווי אין דער פּסיכאָלאָגישער כאַראַקטער־טראַגעדיע אָדער כאַראַקטער־קאָמעדיע) די טאָטן און פאַסירונגען פון אַ מענטשן דורך זיין פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער. אויפקלערער־פּעריאָדן לייגן אין דער ליטעראַטור מער דעם טראָפּ אויף דעם, וואָס עס ווערט געטאָן, און אויף דעם, וואָס עס פאַסירט (אויף דער אַקציע), איידער אויפן פּסיכאָלאָגישן „פאַרוואָס". די הויפּט־זאַך אין דער קאָמעדיע, — זאָגט דידראָ, — איז ביז איצט געווען דער כאַראַקטער; דער שטאַנד — אַ צופעליקע זאַך. איצט אָבער מוז דער שטאַנד ווערן די הויפּט־זאַך, און דער כאַראַקטער דאָס צופעליקע.*

אויך ביי אַקסענפעלדן ווערן שטאַרק באַטאָנט די פאַבול, די אַקציע, די סיטואַציע און די באַדינגונגען. די אויפקלערערישע ליטעראַטור־טעאָרעטיקער האָבן שטענדיק אונטערגעשטראָכן דעם פּרימאַט פון דער פאַבול און אַקציע (דידראָ, לעסינג). ביים אויפבוי פון דער פאַבול און דער אַקציע איז די אויפקלערערישע קאָמעדיע ניט געפּענטעט, פריי, אָבי זיי, די פאַבול און אַקציע, אַנטשפּרעכן כאָטש אויף אַ ווייטן אופן צו דער וואַרשיינלעכקייט און מעגלעכקייט. די אויפקלערערישע קאָמעדיע שעמט זיך ניט מיט די פאָלקסטימלעכע לוסטשפּיל־מיטלען: מיט די כל־מיני פאַרשטעלעניש, אָפּנאַרעניש, אומגעריכטע פאַסירונגען, צופעליקייטן, פאַרביטונגען, מיספאַרשטייעניש, דערקענונגען און אַפילו מיט וואָדעוויל־בופאָנישע איינפאַלן (די אַזוי־גערופענע Lazzi).

* * *

דאָס אַלץ וועלן מיר ביי אַקסענפעלדן געפינען אין אַ סך אַ ברייטערער מאָס, ווי ביי עטינגערן. ניט בלויז דערפאַר, ווייל ער איז געווען ווייניקער קינסטלעריש פּילבאַר און פּייאיק צו אַ געשמאַקפולן קאָנטראָל פון מיטלען (נאַאיווע וואולגאַריזירונגען פעלן טאַקע ניט ביי אַקסענפעלדן), נאָר אויך דערפאַר, ווייל עטינגער האָט זיך לויטן סאָציאַלן זין פון זיין שאַפונג מער ווי אַקסענפעלד געקאָנט אָריענטירן אויף די מוסטערן פון דער קלאַסישער

* אין די Entretiens צו זיין Le Fils Naturel (1757).

מאָליער־טראַדיציע, אַפילו ווען ער האָט זיין פּאַבול גענומען פון צווייט־ראַנגיקע קוואַלן. „סערקעלע“ אָריענטירט זיך סוף־כל־סוף אויף מאָליערס „טאַרטיף“, וואָס איז אין דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור שוין זייט לאַנג קאָמבינירט געוואָרן מיטן „בירגער אַלס אַדעליקער“ און אויסגענוצט געוואָרן אויף פּרויען־פיגורן: „דער פעטער פון אַמעריקע“ — אויף פּיקאַרס, מאָליערס אַ נאָכגייער, קאָמעדיע (וואָס שילער האָט איבערגעאַרבעט אונטערן טיטל „דער נעפּפע אַלס אָנקל“); אין זיינע לידער און משלים — אויף פאַרשיידענע קלאַסישע מוסטערן. לויט זיינע געזעלשאַפטלעכע כוונות, און מילא וואָס שייך דער מעגלעכקייט זיך אָפּצוגעבן צו קלאַסישע עסטעטישע פאָרמען, איז עטינגערס סיטואַציע געווען אַ סך נעענטער צו דער סיטואַציע פון די העברייאישע משכילים, איידער אַקסענפעלדס.

אין אַקסענפעלדס פּיעסעס איז די אַקציע דערפינדונגס־רייכער, קאָמבינירטער און טאַקע אויך נאַאיווער צוגעטראַכט, איידער ביי עטינגערן, וואו זי, די אַקציע, איז וויניקער אַ „זעלבסט־צוועק“ און מער אונטערגעוואָרפן דעם צוועק צו באַווייזן כאַראַקטערן. דאָ פילן זיך מער־אַנטוויקלטע בירגערלעכע פאַרהעלטענישן, מער־זיכערע און פעסטערע. עס הייבט זיך אָן צו באַווייזן אַ גרעסערע נטיה צו פּסיכאָלאָגישער כאַראַקטער־שילדערונג. די ליטעראַטור פּרוּווט זיך באַציִען מיט מער נאָכגעביקייט און מילדקייט אַפילו צו די קריטיקירטע נעגאַטיווע פיגורן.

ביי אַ באַשטימטן אַנטוויקלונגס־עטאַפּ פון בירגערטום, ווען עס ווערט אָפּגעשוואַכט די פריערדיקע קעמפערישע געזעלשאַפט־קריטיק, באַווייזט זיך אין דער ליטעראַטור אַ נטיה צו שילדערן דאָס לעבן כלומרשט „אַזוי ווי עס איז“, דאָס הייסט אָן דעם פאַרשאַרפטן אינטערעס עס איבערצומאַכן. פון אַזאַ מין נאָכגעביקייט און מילדקייט הייבן מיר אָן צו פילן באַשטימטע שטריכן ביי עטינגערן, דער אַקטיוו־קריטישער אימפּעט איז ביי אים אַ סך שוואַכער, איידער ביי אַקסענפעלדן. עטינגער איז שוין מער שילדערער, אַקסענפעלד — מער אַ דערוויזער. ער איז מער אויסן, ער דאַרף נאָך אַ סך דערווייזן, אַז די פאַקטן, אַז די באַדינגונגען, אַזוי ווי זיי זיינען און ווי זיי וואָלטן געדאַרפט זיין אַנדערש.

דעריבער ליגט אין זיין שאַפן דער טראָפּ אויף דער סיטואַציע, אויף די „באַדינגונגען (דידראָ: Les conditions). די פאַבול באַוועגט זיך ניט לויטן כאַראַקטער פון די פאַרשוינען, נאָר פאַרקערט, די אַקציע פון די פאַרשוינען ווערט באַוועגט לויט דער פאַבול, און די פאַסירונג — לויט די באַדינגונגען אין דער געזעלשאַפט. אין אַ געוויסער מאָס איז דערמיט פאַרבונדן די שוואַכע פּסיכאָלאָגישע צייכענונג פון זיינע פיגורן, וואָס פאַרוואַנדלען זיך אָפט אין כמעט האָמעטנע כאַראַקטער־מאַסקעס פאַר גאַנצע „שטאַנדן“.

אַט־די באַוואוסטזיניקע נטיה צו שילדערן די „באַדינגונגען" מוז אין אַ באַשטימטן אַנטוויקלונגס־עטאַפּ פירן צו דער שטייגערישער זשאַנר־מאַלעריי...

* * *

אָבער ווי רעאַליסטיש אַקסענפעלד איז אינעם שטייגערישן מאָלן, אַזוי ווייניק רעאַליסטיש איז ער וואָס שייך דער פאַבול און דער אינטריגע. דאָס איז אויך אַ שטריך פון דער פריאיקער בירגערלעכער דראַמע. אין דעם פּרט איז ניט פאַראַן קיין גאָר גרויסער חילוק צווישן עטינגערן און אַקסענפעלדן. די בירגערלעכע דראַמע (פון דער אויפקלער־צייט) באַמיט זיך ניט באַזונדערס אַרויסצוגעפינען „נאַטירלעכע" פּראָסטע פאַבולעס. פאַרקערט, זי באַנוצט שטענדיק אַ באַגרענעצטן קרייז פון באַשטימטע טראַפאַרעטיש צוגעטראַכטע, אָפּט צופעליקע און „אויסערגעוויינלעכע" פּאַסירונגען, וואָס זיינען פּאָפּולער אינעם „פּאָלקסטימלעכן" שפּיל, אָדער לויט דעם נוסח פונעם סטיליזירטן וואָדעוויל.* די אויסערגעוויינלעכקייט פון די פּאַסירונגען, וואָס דאַרפן אויפרייסן די געגליווערטע באַדינגונגען, פּאַסן צו די נאַאיווע דערוואַרטונגען און האָפענונגען אין אַ מאָמענט פון היסטאָרישן איבערבראָך, בעת די אויפשטרעבנדיקע סאָציאַלע שיכטן לעבן נאָך דערווייל אין באַגרענעצטער וואָכעדיקייט. פילנדיק דעם קומענדיקן איבערבראָך אין די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, ווייסן די נייע סאָציאַלע שיכטן נאָך ניט די רעאַלע גרענעצן פון די ענדערונגען, וואָס דאַרפן קומען, און שטעלן זיך גערן פאָר אומבאַגרענעצטע גליקלעכע (אָדער אומגליקלעכע) צופאַלן און פּאַסירונגען.

די פאַבול, די אינטריגע אין אַקסענפעלדס פּיעסעס איז ניט קיין „אוממעגלעכע", זי איז ניט דורכאויס אומוואַרשיינלעך. אַקסענפעלד באַמיט זיך זי צו מאַכן וואַרשיינלעך און מעגלעך. זיין פאַבול איז אָבער ניט גענומען פונעם פּראָסטן טיפּישן שטייגערישן לעבן. זי איז אויסערגעוויינלעך, בויט זיך אויף זעלטענע פּאַסירונגען. אין די ראַמען פון דער אַנטשפּרעכנדיקער טראַפּאַרעטישער „סוזשעטישקייט" זיינען די אינטריגעס אין אַקסענפעלדס פּיעסעס דערפינדונגס־רייך און פלינק אויסגעפירט.

בכלל אָבער זיינען זיי, די אינטריגעס, אין תוך ניט קיין טיפּישע פּאַסירונגען, נאָר צופעליקע, אומגעוויינלעכע. עס איז ניט טיפּיש, נאָר אַ „מעשה נורא", אַז אַ נחמן דער גרויסער זאָל זיך פון גרויס ליבע אַליין און פרייוויליק

---

* פאַרגלייך, אגב, די טעמע פון „מאַן און ווייב" מיט גריבאָיעדאָווס וואָדעוויל „קטאָ בראַט, קטאָ סעסטראַ", דער אינצעסטועזער (אינצעסט — בלוט־שאַנד, די פאַרבאָטענע חתונה צווישן נאָענטע קרובים) טראַגישער מאָטיוו פון דער אַנטיקע איז אין אייראָפּע שוין לאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָמעדישן און אַפילו וואָדעווילישן סוזשעט. אויף אַזאַ אופן ווערט די דאָזיקע טעמע אויסגענוצט אויך אין „שטערנטיכל".

אָפּגעבן אין סאָלדאַטן, און נאָך ווייניקער, אַז אַ פּרומעלע זאָל צוליב דעם שטאַרבן פון האַרצווייטיק א. אַז. וו. די אינטריגע אין דער „גענאַרטער וועלט" מיט דער פאַנטאַזיעפולער שדים־אָפּנאַרעריי האָט אינעם דעמאָלטיקן שטייגער שווערלעך געקאָנט פאַסירן. די קאָמפּליצירטע צופאַלן אין „מאַן און ווייב" זיינען כמעט אוואַנטוריסטיש א. אַז. וו.

די דאָזיקע „אינטריגעס" שטאַמען פונעם טריוויאַלן לוסט־שפּיל מיט זיינע אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן. די סכעמע איז: אַ ליבע ווערט געשטערט דורך די קרובים, איבער עקאָנאָמישע מאָטיוון, איבער יחוס, אָדער פון אַ זייטיקן פּרעטענדענט — איבער אייפערזוכט. כיטרע שטיק פון די פאַרליבטע און זייערע העלפער, אָדער אַ מעכטיקער קרוב, וואָס דערשיינט פּלוצים צו־פעליק און אומגעריכט פון דער פרעמד, לייזן און בינדן אויף די קאָמ־פּליקאַציעס, וואָס ענדיקן זיך ביי אַ קאָמעדיע (שוישפּיל) אויף אַ גליקלעכן אופן, ביי אַ דראַמע אָדער מעלאָדראַמע און טראַגי־קאָמעדיע — טרויעריק. די אומגעהאָפטע, אומגעריכטע גליקלעכע צופאַלן און פאַסירונגען באַטייטן אָבער אין דער „בירגערלעכער" פּיעסע גאָר עפּעס אַנדערש ווי אין פריערדיקן עלטערן פאָלקסטימלעכן פאַרס. דאָרט איז דאָס אַ שפּיל פון דער פאַנטאַזיע, אַ וואונטש, וואָס האָט ניט קיין אויסזיכטן פאַרווירקלעכט צו ווערן, ווי פאַנ־טאַסטישע גליקלעכע פאַסירונגען אין דער פאָלקס־מעשה. דאָ אָבער האָט די אוואַנטוריסטישקייט גאָר אַן אַנדער באַדייט. נייע סאָציאַלע קלאַסן הייבן אָן צו באַקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן די מעגלעכקייטן, וואָס עפענען זיך פאַר זיי, און זיינען דערוויל אויף אַ נאַאיוון אופן מגזם, וואַרטנדיק אומגעריכטע גליקן.

3. קאָמפּאָזיציע און פאַבול

די קאָמפּאָזיציאָנעלע סטרוקטור פון אָקסענפעלדס פּיעסעס ווייזט אומעטום ביי אַ באַשטימטן פּונקט אַן אייגנאַרטיקן שאַרפן איבערבראָך דאָרט, וואו עס הייבט זיך אָן די אייגנטימלעכע „פּעריפּעטיע". ביז צו דעם דאָזיקן פּונקט האַלט די קאָמפּאָזיציע אין איין אָנוואַקסן, ביי דעם פּונקט אָבער ברעכט זי זיך איבער, און עס הייבט זיך אָן אַ דערציילן אויף צוריק, רעטראָספּעקטיוו. די אַקציע, וואָס קומט דאַן נאָך פאַר, איז בלויז אַ פינאַלישע, זי אַנטוויקלט מער גאַרנישט. די קאָמפּאָזיציע שטראָמט אויס ביז צום סאַמע סוף, אין דער מיט ברעכט זיך די קאָנסטרוקציע קונציק איבער. דער הויך־פּונקט ווערט ניט געוויזן — ער ווערט איבערגעהיפּט און אין אַ קומענדיק בילד צוריק־קוקנדיק דערציילט און פאַרענדיקט מיט אַ פינאַל פון אַן עפּילאָגישן כאַראַקטער.

אַקסענפעלד הייבט אָן זיינע פּיעסעס מיט ברייטע זשאַנר־שילדערונגען אין אַ שטייגער־קריטישער פּלאַן, זיי דאַרפן דינען ווי אַ פאָן פאַרן סוזשעט און דער אינטריגע. אָבער דאָרט, וואו דער סוזשעט הייבט זיך אָן צעוויקלען, הערט פּלוצים אויף דער גלייכער שטראָם און ברעכט זיך איבער. דער דידאַקטישער מאָמענט פון דער אינטריגע רייסט אויף דעם סטרוקטורעלן גאַנג. די סטרוקטור ברעכט זיך דאָרט, וואו דער שטייגער ווערט אַרונטער־געריסן דורך דער אומגעוויינלעכער אינטריגע.

אין „ערשטן יידישן רעקרוט" וואַקסט אָן די אַקציע ביז צום אַכטן בילד, אין אַכטן בילד אָבער ברעכט זיך די דירעקטע אַקציע און זי ווערט דערציילט (דורך כאַנציין) אויף צוריק. דער טראַגישער פונקט (פרומעלעס טויט) איז דאָ ניט קיין רעזולטאַט, וואָס איז אָנגעוואַקסן אין משך פון דער גאַנצער קאָמ־פּאָזיציע (פרומעלע קומט פריער אין דער פּיעסע ניט פאָר), נאָר אָן עפּי־לאָגישער צוגאָב (כאָטש דאָס איז טאַקע לויטן מחברס כוונה אַ צענטראַלער מאָמענט).

אין דער „געגנאַרטער וועלט" גייט דער קאָמפּאָזיציאָנעלער אָנוואוקס ביז צום אַכטן סצענישן קאַפּיטל. פונדאַנען און ווייטער הייבט זיך שוין אָן דער רעטראָספּעקטיווער באַריכט, כאָטש טאַקע אויך סצעניש פּלינק אַראַנזשירט.

אין „מאַן און ווייב" גייט דער אָנוואוקס ביז צו דער פערטער סצענע פון צווייטן אַקט, אין „קבצן עושר־שפּיל" נאָר ביז צום צווייטן אַקט — און דערנאָך אַ רעטראָספּעקטיווער און לייזנדיקער באַריכט. דאָס אייגענע זעען מיר אַפילו אינעם פּראָזאַאישן „שטערנטיכל" (פונעם קאַפּיטל צען אָן).

אַקסענפעלד פאַרקירצט דורך דער רעטראָספּעקטיווער מאַניר. ער וויל איבערראַשן, אָבער די אומגעוויינלעכע צופעליקייטן וויל ער ניט ברענגען בהדרגהדיק און דירעקט. דעם רעאַליסט (ווי פּרימיטיוו זיין רעאַליזם זאָל ניט זיין) איז מער ניהא געשפּרעכמעסיק צו דערציילן וועגן די אומגעוויינלעכע פּאַסירונגען, איידער זיי דירעקט צו אַנטוויקלען. אין דער דערציילונג קאָן מען זיי פּראָסטער און וואַרשיינלעכער מאַכן.* באַקומען זיך בלויז די רעזול־טאַטן פון די אומגעוויינלעכע פּאַסירונגען. אין דער אומדירעקטער פאָרם פון באַריכט פאַרלירן זיי אַ סך פון זייער האַמעטנעם כאַראַקטער, און פאָרט בלייבט דאָס, וואָס אַקסענפעלד דאַרף נייטיק האָבן: די שפּאַנונג און די איבערראַשונג, דער לייענער אָדער צוקוקער זאָל פאַרחידושט ווערן. ער טאָר ניט וויסן פון אָנהייב, וואָס ווייטער וועט זיין. מע מוז אים אָפּט פאַרחידושן און אַזוי־אַרום

---

* די איינטיילונג פון זיינע פּיעסעס באַהאַנדלט אַקסענפעלד פריי, אַמאָל סתם אין בילדער און „חלקים", אַמאָל אין אַקטן, אָבער דורכאויס „אומקלאַסיש" — אין צ ו ו י י אַקטן.

אים אַרויסרייסן פון די צוגעוואוינטע שטייגערישע פאָרשטעלונגען און געדאַנקענגענג.

* * *

י. לערנער, וואָס טייטשט אויס אַקסענפעלדס רעאַליזם ווי נאַטוראַליזם, מוז זען אין דער פאַבול און אינטריגע פון אַקסענפעלדס פיעסעס אַן אָפּווייכונג, אַ הנחה צום ליטעראַרישן „צייט־געשמאַק" און צו דעם געשמאַק פון די פרימיטיווע לייענער. לערנער זאָגט: „. . . די ווערק פון ה. אַקסענפעלד צייכענען זיך אויס אויך דערמיט, וואָס ניט נאָר זיי אונטערהאַלטן דעם לייענער פון דער ערשטער זייט אָן און שפּאַנען זיין נייגעריקייט און זיין באַגער צו וויסן, נאָר זיי האַלטן אים אויך אין אַזאַ געשפּאַנטן צושטאַנד ביז צום סאַמע סוף, ווי אַן ערבות אויף דער געהאָפטער לייזונג. אין אַלע זיינע בעלעטריס־טישע און דראַמאַטישע ווערק פילט זיך אַ באַזונדערע באַמיאונג איבערצוגעבן די פאַקטן אויף אַזאַ אופן, אַז נאָר דער סוף זאָל קאָנען דערקלערן דעם מהות פונעם גאַנצן ענין און צונישט מאַכן די טרעפענישן פונעם חריפותדיקן לייענער. מע מוז מודה זיין, אַז דאָס דערגייט ביי אים אַמאָל ביז צו אומ־וואַרשיינלעכקייט פון די פאַסירונגען; אָבער מיר קאָנען אים פאַרטיידיקן דערמיט, וואָס אין דער צייט פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט האָט די דאָזיקע מאַניר געהערשט כמעט אין אַלע אייראָפּייאישע ליטעראַטורן. נאָך ריכטיקער וועט זיין צו זאָגן, אַז וויל ער האָט באַשטימט זיינע ווערק אויסשליסלעך פאַר די מאַסן, האָט ער זיך באַמיט אויסצונוצן זייער נייגעריקייט און אויסצו־באַהאַלטן די אינטערעסאַנטע לייזונג, כדי זיי זאָלן אַזוי־אַרום דורכלייענען אַלעס פריערדיקע מיט אויפמערקזאַמקייט און זיך מער צוקוקן צו דער הויפּט־אידייע." („קריטישעסקי ראַזבאָר" א. אַז. וו., ז. 13.)

לערנערס מיינונג, אַז די שפּאַנענדיקע פאַבול האָט אין דער צייט פון אַקסענפעלדס ליטעראַרישער טעטיקייט (אַן ערך זייט די צוואַנציקער ביז די פופציקער יאָרן!) געהערשט אין אַלע אייראָפּייאישע ליטעראַטורן, איז אין אַזאַ פאָרמולירונג ניט ריכטיק. און אַפילו ווען מע זאָל דעם זאַץ באַגרענעצן בלויז אין באַצוג צו דער דעמאָלטיקער אייראָפּייאישער קאָמעדיע, ריכטיקער— צוויט־ און דריט־ראַנגיקער אייראָפּייאישער קאָמעדיע, וועט מען פאָרט מוזן געדענקען, אַז די אייגנטלעכע ליטעראַרישע שעפערישקייט פון יענער צייט האָט זיך שוין דעמאָלט אין אייראָפּע דורכאויס ניט קאָנצענטרירט אויף דער סצענע און אירע זשאַנרען. ניט דער עיקר אין דער דראַמאַטישער פאָרם האָבן זיך דעמאָלט ליטעראַריש אויסגעדריקט די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען אין אייראָפּע, און אַוודאי ניט דער עיקר אין דער קאָמעדיע. לערנער וואָלט גערעכט געווען, ווען ער זאָל זאָגן, אַז דער דאָזיקער אופן בויען די פאַבול, וואָס שטאַמט אורשפּרינגלעך פונעם אַלטן איטאַליענישן, שפּאַנישן, פראַנ־

צוויזישן א. אַז. וו. פּאַרס, האָט געהערשט עטלעכע יאָרצענדליקער פריער אין דער אייראָפּייאישער אויפקלערעריש־בירגערלעכער ליטעראַטור (און אויך קאָמעדיע). אַקסענפעלד האָט די דאָזיקע עלטערע טראַדיציע איבערגענומען דורך דער פאַרמיטלונג פונעם אייראָפּייאישן און רוסישן „טאָג־שרייבער" פאַר דער בינע, וואָס האָט אין אַקסענפעלדס צייט און אַפילו אַ סך שפּעטער נאָך עפּיגאָניש אויסגענוצט דעם פאַרוויל־מאָמענט פון דער דאָזיקער מאַניר. ער האָט די דאָזיקע עלטערע טראַדיציע אויפגענומען לויט איר אורשפּרינגלעכן סאָציאַלן זין, צוליב זיינע צוועקן, און זי אָרגאַניש פאַרבונדן מיט זיין פּרימיטיוון רעאַליזם.

דער דיכטער געלערט, אַ באַגרינדער פונעם בירגערלעכן טעאַטער אין דייטשלאַנד, דערקלערט, אַז אין דער קאָמעדיע דאַרף מען די „דערוואַרטונג אי אויפרייצן, אי פאַרוויילן. די דערוואַרטונג מוז אויף גאָר אַן אַנדער אופן באַפרידיקט ווערן, איידער עס האָט זיך אויסגעוויזן אין אָנהייב פון אַ פּיעסע; דערביי אָבער מוזן גענוי אָפּגעהיט ווערן אַלע פּרינציפּן פון וואַרשיינלעכקייט." אַ פּיעסע דאַרף, לויט זיין מיינונג, ווירקן און פאַרוויילן דורך דער אומ־געריכטקייט פון דער פאַבול, וואָרים „ניט נאָר צוליב דעם געפעלט אַ קאָמעדיע, ווייל זי שילדערט אומגעלומפּערטע און לעכערלעכע טועכצן... דאָס טוט אויף סיי־ווי יעדע גוטע סאַטירע, נאָר אויך ווייל זי באַהאַנדלט אַ פּראָסטע און פאַר זיך אָנגענעמע געשעעניש אויף אַזאַ אופן, אַז זי אַמוזירט אומעטום די דער־וואַרטונג פונעם צוקוקער און רופט דעריבער אַרויס זיין פאַרגעניגן און ממילא זיין הסכמה." די אויפקלעריש־בירגערלעכע קאָמעדיע וויל עפּעס דערווייזן און זי באַנוצט אי די פאַרוויילונג, אי די איבעררעאַשונג פאַר די צוועקן, וואָס זי איז אויסן. דאָס זיינען אַן ערך די טראַדיציעס, נאָך וועלכע אַקסענפעלד איז דאָ נאָכגעגאַנגען (אַלצאיינס, פונוואַנען ער האָט זיי אוממיטלבאַר באַקומען). די אומגעריכטע „אַוואַנטוריסטישע" פאַבול האָט געווירקט, ווייל זי האָט גע־פּאַסט צו דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפטלעכער שטימונג, צו דעם געפיל וועגן אומאויסגעשעפּטע מעגלעכקייטן, וואָס דאַרפן אָנקומען.

אַקסענפעלד בויט זיין פאַבול אַזוי, ווי ער דאַרף זי האָבן. עס וואָלט געווען וואַרשיינלעך און נאַטוראַליסטיש, אַז נאָכן אָפּגענאַרטן נחמנען, למשל, זאָל קיין האָן ניט קרייען, די פאַבול וואָלט דאַן באַקומען איר נאַטירלעכן הויך־פּונקט אין דער סצענישער שילדערונג, ווי נחמן גיט זיך איבער צו די סאָלדאַטן און דערוויסט זיך, אַז מע האָט אים אָפּגענאַרט. דאָס אַליין וואָלט אָבער ניט אַנטהאַלטן גענוג רירנדיקע עלעמענטן, ס'וואָלט געווען צו ווייניק ווירקזאַם. דאָ איז נייטיק געווען אַ פאַרשטאַרקונג פון דער טראַגיק דורך פּרומעלעס ליבע. ערשט אַזוי איז נחמנס טראַגיק געוואָרן „פאַרטיפט", ד. ה. צוטריטלעך פאַר יעדערן, דערשיטערנדיק און ווירקזאַם.

עס וואָלט געווען נאַטוראַליסטיש, ווען פרומעלע זאָל טאַקע אָפּלאָכן פון נחמנען. אַזאַ פאַבול וואָלט באַפרידיקט דעם פּיסאַרעוו־תּלמיד לערנער. זי האָט אָבער ניט אַנטשפּראָכן צו די אילוזאָרישע פאָרשטעלונגען, וואָס דער אויפקלערער אַקסענפעלד האָט געהאַט וועגן דעם בירגערס כאַראַקטער.

עס וואָלט געווען אידיליש־סענטימענטאַל און זיסלעך־רירנדיק, ווען פרומעלע און נחמן דערגרייכן, וואָס זיי ווילן, און האָבן טאַקע חתונה. דאָס וואָלט אָבער ניט געטויגט פאַר די דערציערישע קריטישע טענדענצן אַקסענפעלדס. ער בויט זיין פאַבול אַזוי, ווי ער דאַרף זי האָבן.

* * *

און דערפאַר אויך לייגט ער, למשל, אין דער טראַגי־קאָמעדיע „דער ערשטער רעקרוט" דעם טראָפּ אויפן טראַגישן, ווייל די קריטיק ווענדט זיך קעגן אַ שטאַרקערן כּוח: קעגן דעם אופן, ווי ס'ווערט דורכגעפירט דער מלוכהשער רעקרוטן־געזעץ, קעגן דעם מעכטיקן שטאָט־גביר, וואָס אַקסענפעלד אַנערקענט זיין אויטאָריטעט. אַקסענפעלד קאָן זיך ניט ביז צום סוף סאָלידאַריזירן ניט מיט דער „רעקרוטשינע", מיט דעם באַרבאַרישן מאָסמיטל פון ניקאָלאַי פאַלקין קעגן דער יידישער אָרעמשאַפט, און ניט מיט די מאַכי־נאַציעס פונעם אויפקומענדיקן בורזשואַ. אַקעגן דעם פעאָדאַליסטישן צאַריזם און קעגן דעם פעאָדאַליש־קאַפּיטאַליסטישן נייעם תּקיף פילט זיך אַקסענפעלד שוואַך און פאַרלוירן. ער קאָן דאָ בלויז שטראָפן, איינגעהאַלטן מוסרן, דעריבער ווערט דאָ דער זשאַנר טראַגיש. דאָס גיט אַן אָנצוהערעניש אויף אַ באַשטימטער סתּירה, וועלכע דער מחבר קאָן ניט לייזן. אין „די גענאַרטע וועלט", „מאַן און ווייב" און „קבצן עושר־שפּיל" ווענדט זיך די קריטיק (פונקט ווי אין „שטערנטיכל") קעגן געזעלשאַפטלעכע כּוחות, וואָס אַקסענ־פעלד האָט צו זיי אַ קלאָרע, אַנטשלאָסענע, קעמפערישע שטעלונג, — ליגט דאָ דעריבער דער טראָפּ אויפן קאָמישן עלעמענט. אין דער דאָזיקער קעגנער־שאַפט פילט זיך דאָ אַקסענפעלד זיכער און שטאַרק. די לייזונג קאָן זיך אויף אַ קאָמעדישן אופן אויסלאָזן צום גוטן. נאָכדעם ווי מע האָט פון די נעגאַטיווע פיגורן גענוג אָפּגעשפּעט און זיי אַ ביסל באַשטראָפט, קאָן מען זיי לסוף גוט־מוטיק שענקען די איבעריקע שטראָף, זיי זאָלן ניט שטערן די פּיליסטערישע האַרמאָניע פון „סוף גוט, איז אַלץ גוט".

עס איז, אַלזאָ, ניט נייטיק צו דערקלערן אַקסענפעלדס פאַבול פון אַ „נאַטוראַליסטישן" שטאַנדפּונקט, וואָס פּאַסט ניט צו זיינע כּוונות. אַ סך ריכטיקער איז פעסטצושטעלן, אַז אין די ראַמען און גרענעצן פון אַ באַשטימטן טראַדיציאָנעלן נוסח איז זיין פאַבול, אַפילו ווען זי גייט ווייט אַרויס פונעם שטייגעריש־געוויינלעכן גדר, פאָרט לכל־הפּחות מעגלעך און גלויבלעך. קיין אומעגלעכע אָדער לחלוטין ניט־צוגעגרייטע פּאַסירונגען קומען ביי אים ניט

פּאַר. אַזויפיל און ניט מער פאַרלאַנגט פון אים זיין פּרימיטיווער און נאַאיווער רעאַליזם און די עסטעטיק פון דער בירגערלעך־אויפקלערערישער טראַדיציע. „. . . אַן אמתע אָדער אַן אויסגעטראַכטע געשעעניש, ווי וואונדערלעך מאָדנע זי זאָל ניט זיין אינעם לעבן, אויב זי זאָל ווערן דערוועקן אויף דער ביגע אַ באַשטימטן פאַרגעניגן, מוז זי אויך זיין וואַרשיינלעך" (געלערט). די „וואַרשיינלעכקייט" דאַרף מען אָבער פאַרשטיין רעלאַטיוו. ניט „וויסנשאַפטלעך"־נאַטוראַליסטיש, נאָר דאָס, וואָס די פּראָסטע, געוויינלעכע מיינונג האַלט פאַר וואַרשיינלעך, דאָס, וואָס סע צעשטערט ניט די אילוזיע פון מעגלעכקייט.

דאָס איז שייך ניט בלויז צו דער פאַבול, נאָר אויך צו דער כאַראַקטעריזירונג פונעם טיפּאַזש. „די וואַרשיינלעכקייט מעסט מען דאָ ניט לויט דעם אמת פון דער זאַך גופא, נאָר לויט דער געוויינלעכער מיינונג. ס'איז ניט קיין חילוק, צי איז טאַקע פאַראַן, און אין אַזאַ צאָל, אַזעלכע פיינע, וואוילע מענטשן; עס קלעקט, אויב אַ סך מענטשן האָבן אַזאַ אויסזען און עס דוכט זיך, אַז זיי זיינען טאַקע אַזוי, ווי זיי זעען אויס. דאָס אייגענע ביי נעגאַטיווע פּאַרשוינען, זיי הערן ניט אויף צו געפעלן (אַלס טיפּאַזש—מ. וו.), כאָטש זייערע חסרונות שטייגן אַריבער די מוסטערן פוןווירקלעכן לעבן." (געלערט).

4. קאָנקרעטע היסטאָרישקייט פון די געשטאַלטן

אַמאָל פלעג די אַנטיקע גריכישע קאָמעדיע פּאַמפלעטיש שילדערן אויך לעבעדיקע מענטשן פון דער סביבה און זיי אַפילו אָנרופן ביים ווירקלעכן נאָמען. דאָס איז געלעגן אין דער געזעלשאַפט־קריטישער טבע פון דעם זשאַנר. מיט דער צייט אָבער און וואָס מער די קאָמעדיע האָט זיך אַנטוויקלט, אַלץ מער זיינען די ווירקלעכע און היסטאָריש־קאָנקרעטע פּאָרטרעטן און נעמען פאַרביטן געוואָרן דורך אַ צוגעטראַכטן סינטעטיש־טיפּישן פּערסאָנאַזש. דער אורשפּרינגלעכער קאָנקרעט־פּאַמפלעטישער כאַראַקטער פון דעם זשאַנר ווייזט זיך אַמאָל אין באַשטימטע שטריכן פון שפּעטערדיקע פּרימיטיווע קאָמעדיעס פון אַזאַ שרייבער, ווי אַקסענפעלד. בכלל קלייבט ער זיך אויס אַזעלכע לעבעדיקע מאָדעלן, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ גאַנצער געזעלשאַפטלעכער גרופּע. ער האָט אָבער אַ נאַאיווע נטיה צו באַטאָנען די קאָנקרעטע ווירקלעכקייט פון די פּאַרשוינען (וועלכע ער רופט אַמאָל אָן ביים ווירקלעכן נאָמען), פון די פּאַסירונגען, פונעם קאָנקרעטן אָרט און אַפילו אָנצוגעבן די פּינקטלעכע קאָנקרעטע צייט פון דער געשעעניש.

אַקסענפעלד נוצט אויס די קאָנקרעטע רעאַלע פאַקטן דורכאויס אין הסכם מיט דער אויפקלערערישער פּאָעטיק, וואָס האַלט, פאַררופנדיק זיך אויפן אַריסטאָטעלישן פּרינציפּ, אַז דער דראַמאַטורג „באַנוצט זיך מיט אַ פאַקטישער

מעשה ניט דערפאַר, ווייל זי האָט טאַקע פּאַסירט, נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט פּאַסירט אויף אַזאַ אופן, אַז ער וואָלט דאָס, וואָס ער דאַרף האָבן צו זיינע צוועקן, ניט געקאָנט בעסער צוטראַכטן. געפינט ער די דאָזיקע פּאַסיקייט אין אַווירקלעכער פּאַסירונג, איז אים די דאָזיקע פּאַסירונג זייער אָנגעלייגט״...*

אָבער איבער דעם לייענערס און דער אייגענער ליטעראַרישער נאַאיוויקייט באַטאָנט אַקסענפעלד אומעטום, סיי אין די ווערק גופא, סיי דאָרט, וואו ער רעדט וועגן זיי, אַז די מענטשן און די פּאַסירונגען זיינען קאָנקרעט־באַשטימטע, פאַקטיש געגומענע פונעם לעבן. דאָס האָט אים ניט געשטערט צו שילדערן דאָס סינטעטיש־טיפּישע, וועלכעס ער האָט געדאַרפט האָבן צוליב זיינע געזעלשאַפטלעכע טענדענצן. ס׳ברענגט אָבער אַריין אין זיינע ווערק שטריכן פון פּרימיטיווער נאַאיוויקייט, דאָס, וואָס קאָן אַמאָל אויף אונדז ערטערווייז ווירקן ווי אַ ניט־קינסטלערישער מאָמענט. כאָטש מע דאַרף זאָגן, אַז אַ לייענער מיט נטיות צו היסטאָריע וועט אים דערפאַר זייער דאַנקבאַר זיין. דער כראָניקאַלישער אמת איז געווען פאַר זיינע לייענער אַ מעלה און אַ וויכטיקע פאַר־הנחה פאַר דער ווירקזאַמקייט.

דער פּרימיטיווער לייענער פאַרלאַנגט, אַז דאָס, וואָס מע שילדערט אים, זאָל זיך טאַקע אמתדיק קאָנקרעט האָבן געטראָפן, אויב עס זאָל פאַר אים האָבן וואָסער ס׳זאָל ניט זיין באַווייז־כוח. בלויז די אמתע „מעשה״ ווירקט אויפן נאַאיווען לייענער. דער פאָלקס־דערציילער באַטאָנט שטענדיק, אַז די מעשה, וואָס ער דערציילט, איז אַן „אמתע״ (אפילו נאָך א. מ. דיק). די קלערי־קאַלע קעגנער פון דער פאָלקס־מעשה האָבן שטענדיק אַרגומענטירט, אַז דאָס, וואָס זי דערציילט, איז אַ ליגן. מיט דער הילף פון אָט דעם אַרגומענט האָבן די יידישע קלעריקאַלן געקעמפט קעגן די מעשה־ביכער, און די קריסטלעכע מאָנאַכן קעגן די באַשטימטע פּראָטאָטיפּן פון די מעשה־ביכער — קעגן די ווערק פון די „שפּילמענער״ און קעגן די פאָלקס־מעשה־ביכער אין פּראָזע.

אַקסענפעלד האָט געוואָלט ווירקן און דערוויזן, און דערוויזן קאָן מען אַן אַפּגעשטאַנענעם עולם צום בעסטן מיט ווירקלעכע אמתע פּאַסירונגען. דעם מהות פון דער דאָזיקער „היסטאָרישער קאָנקרעטקייט״ אין זיינע ווערק קאָנען מיר כאַראַקטעריזירן מיט איינער אַ פאָרמולירונג לעסינגס: „דער היסטאָרישער אמת איז ניט קיין צוועק, נאָר דאָס מיטל צו זיין צוועק. ער וויל אונדז איינרעדן און דורכן איינרעדן — ווירקן.״ **

זייער מעגלעך, אַז אויך אַקסענפעלד גופא האָט געהאַט אַ פּרימיטיוו־ראַציאָנאַליסטישע באַדערפעניש צו פאַרשטאַרקן זיין אַרגומענטאַציע דורך דעם

---

* לעסינג — Hamburgische Dramaturgie, 19 Stück (אויך 11 Stück און 89). זע אויך אַריסטאָטעלעס „פּאָעטיק״, קאַפּ. 9.

** לעסינג, דראַמ. 11 Stück.

מאָמענט פון היסטאָרישער קאָנקרעטקייט. אין זיינע אַריינפיר־ווערטער צום „רייסטער“ פון זיינע ווערק שרייבט ער וועגן זיי: „אַ טייל זיינען אמתע מעשיות (פון מיר אונטערגעשטראָכן—מ. וו.), גוט דערציילט, אַ טייל זיינען פון הולטאַיעס, שווינדלער אָפּגעריכט און פון זייער שוואַרצן סוף, וואָס זיי האָבן געהאַט. די מענטשן, וואָס וועלן די ספרים לייענען לאַכנדיק, וועלן זיי אין איינוועגס הערן מוסר און דרך־ארץ און טאַקע אַלערליי גענייטיקטע וויסנשאַפטן אויך.“

די אַרויסגעבער פון זיינע ווערק שטרייכן אונטער דעם פאַקט (אין דער הקדמה צו דער „געגנאַרטער וועלט“): „אין זיינע טעאַטער־שטיק זעען מיר מעשיות, וואָס האָבן זיך באמת געטראָפן (פון מיר אונטערגעשטראָכן—מ. וו.), אָדער וואָס קאָנען זיך טרעפן ביי יידן. אין אַלע זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען (געמיינט זיינען אויך טעאַטער־שטיק—מ. וו.) באַגעגענען מיר מענטשן, וואָס האָבןווירקלעך געלעבט, אָדער וואָס געפינען זיך נאָך אַצינד אונטער יידן.“

גאָטלאָבער דערציילט („יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק“, 1, 1888): „איך האָב כמעט אַלע שריפטן (אַקסענפעלדס—מ. וו.) געלעזן געשריבענערהייט. באַזונדערס מערקווירדיק איז „מיכל אויזערקעס“,* אַ וואָרע פערזאָן מיט דעם

* דאָס בוך הייסט „מיכל דער אויזערקעס, אַ יידישער זשיל־בלאַז“. עס איז כדאי אין דעם צוזאַמענהאַנג צו דערמאָנען, אַז וו. ט. נאַרעזשני האָט נאָך אין יאָר 1814 אַרויסגעגבען זיין בוך: „ראָסיסקי זשילבלאַז אילי פּאָכאָזשדעניאַ קניאַזאַ גאַווריליִ סימאָנאָוויטשאַ טשיסטיאַקאָוואַ“.

די שותפותדיקייט פון דער זשיל־בלאַז־טעמע איז דאָ אפשר ניט קיין צופאַל. באַשטימטע שטריכן אין אַקסענפעלדס כאַראַקטער, ביאָגראַפיע און גורל דערמאָנען אָן ענלעכע שטריכן ביי דעם דאָזיקן פּאָרגייער גאָגאָלס (נאַרעזשני איז געבוירן געוואָרן אין אוקראַינע [1825—1870]. אַ גרויסער טייל פון זיינע ווערק איז ביז צום היינטיקן טאָג געבליבן ניט געדרוקט א. אַז. וו.). וויכטיקער אָבער איז, אַז פאַרן אייגנאַרטיקן צונויפשטעל פון שטאַרק־דעטאַלישער פּרימיטיוו־רעאַליסטישער שטייגער־שילדעריי מיט שטייגער־קריטישער רעזאָניאָרישקייט, סענטימענטאַליזם, נאַאיווער אינטריגע, סאַטירישער פּאַראָדיסטיק און געמיטלעכן הומאָר אין אַקסענפעלדס פּראָזע קאָן מען געפינען אַ באַשטימטע אַנאַלאָגיע אין נאַרעזשנים רעאַליסטיש ווערק.

מיר דאַרפן דאָ אפשר זוכן די אייגנטלעכע ליטעראַרישע טראַדיציעס פאַר אַקסענפעלדס פּראָזע. אין נאַרעזשנים „רוסישן זשיל־בלאַז“ איז די איינציקע פּאָזיטיווע פיגור אַ ייד, דער שענקער יאַנקאָ. דאָס האָט אפשר נאָענט געמאַכט דאָס ווערק און בכלל דעם רעאַליסטישן טייל פון נאַרעזשנים שאַפן (ניט דעם היסטאָריש־ראָמאַנטישן) פאַר אַ משכיל, וואָס האָט ווי אַקסענפעלד געקאָנט און געלייענט רוסיש. אַן אויספאָרשונג אין דער ריכטונג וועט דאָ אפשר ברענגען אינטערעסאַנטע רעזולטאַטן. אגב, איז אין די דרייסיקער יאָרן די שטייגער־קריטישע באַהאַנדלטע זשיל־בלאַז־טעמע אין דער רוסישער ליטעראַטור געווען אויסערגעוויינלעך פּאָפּולער און פאַר-

אייגענעם נאָמען. איך האָב דעם מענטשן אַליין געקענט אין אָדעס. ער איז אַליין געווען פון מאָהיליעוו־פּאָדאָלסק..." א. צעדערבוים דערקלערט (אין זיין נעקראָלאָג אויף אַקסענפעלדן, אין „קול מבשר"), אַז „אַלע זיינע ראָמאַנען און טעאַטער (־שטיק—מ. וו.) זיינען אמתע מעשיות, און די האַראַקטערע דרביען געשילדערט פון מענטשן, וואָס מע האָט זיי געקענט, נאָר, נאַטירלעך, אַזוי אויסגעשטעלט, עס זאָל פּאַסן, אַז יעדער זאָל דרינען געפינען אַ מוסר און דערקענען די פעלער פון גאַנצע קלאַסן (פון מיר אונטערגעשטראָכן—מ. וו.) ענלעכע מענטשן."

די דאָזיקע באַהויפּטונג איז דורכאויס טרעפלעך: כאָטש אַקסענפעלד מאָלט אָפט קאָנקרעט־לעבעדיקע פיגורן * און רופט זיי אַמאָל אַפילו אָן ביי די נעמען, סינטעזירט ער אָבער אין זיי די אייגנשאַפטן „פון גאַנצע קלאַסן ענלעכע מענטשן", לויט דעם פּרינציפּ פון דער אויפקלערערישער פּאָעטיק.

אַקסענפעלד כאַראַקטעריזירט די „אמתדיקייט" פון זיין „שטערנטיכל" אויף אַזאַ אופן:

„... פּאָרט איז עס אַ מעשה אַ ציקאַוועסט, און עס איז דווקא עפּעס דראָן.
אויב דער באַשרייבער פון דער מעשה האָט זיך דאָס אויסגעטראַכט,
איז עס נאָך מער ציקאַווע, ווי אַזוי ער האָט אַזעלכעס געמאַכט.
נאָר אַז מע וועט אויסלייענען אינגאַנצן גאָר,
וועלן אַלע מודה זיין, אַז אַלץ, וואָס שטייט, איז וואָר."
(„דאָס שטערנטיכל", הקדמה-ליד)

שפּריוט. דער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער פון אַקסענפעלדס שטאַרק דעטאַלישער און אַפּלאַכערישער שטייגער-שילדערונג אין דער פּראָזע קאָן, ווי מיר דוכט, ניט גיין דער עיקר פון דייטשע ליטעראַטור-ווירקונגען. עס פילט זיך אין אַקסענפעלדס שטייגער-שילדערונג דער הויך און כאַראַקטער פון דער רוסישער שטייגער-פּראָזע, כאָטש טאַקע אין אַ פּראָסטערער פאָרמאַציע.

ס'איז דאָ, אגב, כדאי צו דערמאָנען, אַז שוין אַקסענפעלד האָט זיך, פונקט אַזוי ווי שפּעטער מענדעלע, אינטערעסירט מיט דער דאָן-קיכאָט-טעמע. זיין ערשטן בוך „ספר חסידים" (אַ סאַטירישע אַנטי-חסידישע דערציילונג, וואָס איז פאַרלאָרן גע-גאַנגען) כאַראַקטעריזירט ער אַליין אַלס אַ פּעריפראַזע פון דאָן-קיכאָט.

* למשל, די חסידישע רביים מאָטעלע פון טשערנאָביל אין „קבצן עושר-שפּיל" (אגב ,פונקט ווי „דאָס שטערנטיכל", איינער פון די ביז גאָר זעלטענע היסטאָרישע דאָקומענטן, וואָס מיר פאַרמאָגן פון אַ קעגנער וועגן דעם אינעווייניקסטן לעבן פון דער חסידישער סעקטע אין יענער צייט), ברוך פון מעזשבעזש („שטערנטיכל"), ישראל בעל שם-טוב (דערמאָנט אין דער „גענאַרטער וועלט", אין „שטערנטיכל"), די משכילים דילאָן, נעוואַכאָוויטש און אַנדערע („שטערנטיכל"), שענפעלד („די גענאַרטע וועלט"), דער אַוואַנטוריסט אויזערקעס (אינעם פאַרלאָרענעם ראָמאַן), די אויטאָפּאָרטרעטישע פיגור אָקסמאַן („שטערנטיכל"), אהרן און פּערעלע („דער ערשטער יידישער רעקרוט" און „קבצן עושר-שפּיל") זיינען בלי-ספק קאָנקרעטע פיגורן פונעם לעבן א. אַז. וו., א. אַז. וו.

5. לייען־דראַמע אָדער פאַר דער בינע?

ס׳קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז אַקסענפעלדס פּיעסעס זיינען אויפגעבויט „בינע־מעסיק“, און דעריבער געהערן זיי ניט צום זשאַנר „לייען־דראַמעס“, ווי אַ טייל ליטעראַטור־קריטיקער ווילן האָבן.

„לייען־דראַמע“ באַטייט — אַ דראַמע, וואָס איז לויט איר גאַנצער סטרוקטור ניט סצעניש, ניט פּייאיק געשפּילט צו ווערן, ווייל זי איז פון אָנהייב אָן ניט אויסגערעכנט געוואָרן פאַר די מעגלעכקייטן און נויטווענדיקייטן פון דער בינע. אין דער לייען־דראַמע (באַזונדערס רייך אין לייען־דראַמעס איז די ראָמאַנטיק) באַנוצט זיך דער מחבר בלויז מיט דער דראַמאַטיש־געשפּרעכמעסיקער פאָרם, בלויז מיט באַשטימטע און ניט מיט אַלע מאַנירן פון דער דראַמע. ער בויט אָבער פון אָנהייב אָן זיין ווערק אַזוי — בכיוון אָדער ניט־בכיוון — אַז עס איז גאָר ניט מעגלעך, עס זאָל געשטעלט ווערן, אָדער אַז עס וועט לחלוטין ניט אַרויסרופן קיין ספּעציפיש טעאַטראַלע ווירקונג. עס איז אַ „געמישטער זשאַנר“, אַן ערך ווי אַ פּאָעמע אין דראַמאַטישער פאָרם, פּונקט אַזוי ווי ס׳איז פאַראַן „פּאָעמעס“ אין פּראָזאַאישער פאָרם.

די לייען־דראַמע האַלט זיך ניט ביי די פּרינציפּן פון דער דראַמאַטורגיע. קאָן מען דאָס זאָגן וועגן אַקסענפעלדס פּיעסעס? און נאָר אין דעם פאַל וואָלט מען געקאָנט אָנרופן אַקסענפעלדס פּיעסעס לייען־דראַמעס אין אייגנטלעכן זינען פון דעם טערמין. אַ חוץ י. לערנערס שטעלונג פון דער „געגנאַרטער וועלט“, זיינען, אַפּנים, זיינע פּיעסעס נאָך עטלעכע מאָל געשטעלט געוואָרן דורך ליבהאָבערס. אָבער בלויז אַליין דער פאַקט, וואָס אַקסענפעלדס פּיעסעס זיינען צוליב סיבות, וואָס האָבן ניט קיין שייכות צו זייער „בינע־מעסיקייט“, זייער ווייניק געשפּילט און דער עיקר נאָר געלייענט געוואָרן, קאָן ניט דינען פאַר אַ סימן ביי דער פעסטשטעלונג פון זייער זשאַנר.

אַקסענפעלד האָט גוט געוואוסט, אַז זיינע פּיעסעס וועט מען דער עיקר לייענען, דעריבער האָט ער זיי באַוואָרנט מיט אַ סך מאָלנדיקע רעמאַרקעס. מיר ווייסן ניט, ווי וויט אַקסענפעלד האָט געהאַלטן פאַר מעגלעך, אַז זיינע פּיעסעס וועלן אויך געשפּילט ווערן (לפּחות דער שפּיל־שטייגער פון פּורים־שפּילן איז דאָך דעמאָלט געווען גענוג פאַרשפּרייט און אויספּירבאַר!). מעגלעך, אַז ער האָט ווייניק געהאָפט אויף זייער שטעלונג. פונדאַנען איז אָבער נאָך ווייט ניט קיין ראיה, אַז זיי זיינען לייען־דראַמעס. אויב מיר שטעלן פעסט, אַז די פּיעסעס זיינען קאָנסטרואירט מיט דער פולער מעגלעכקייט געשטעלט און געשפּילט צו ווערן, אַז זיי קאָנען אָדער וואָלטן דעמאָלט געקאָנט אַרויסרופן די ספּעציפישע דראַמאַטישע ווירקונג, מוז מען זיי צורעכענען צו טיפּישע „שפּיל־דראַמעס“, כאָטש זיי זיינען פאַרמשפּט געוואָרן פון דער געשיכטע, אַז

מע זאָל זיי דער עיקר לייענען. דער זשאַנר פון אַ ווערק ווערט ניט באַשטימט דורך זיין היסטאָרישן גורל, נאָר דורך זייןווירקלעכן מהות.

אמת איז, מיר געפינען ביי אַקסענפעלדן אַזאַ דערקלערונג, ווי:

„... דערצו האָב איך עס ווי אַ טעאַטער־שטיק געמאַכט
אויף צו לייענען אין אַ קאָמפּאַניע אין אַ ווינטער־נאַכט..."

אין די פאַרשויך־צעטלען ווערט אומעטום גערעדט פון די מענטשן, וואָס קערן צו דער „מעשה". אַ פּיעסע ווערט אויפן טיטל־בלאַט אָנגערופן „דער ערשטער יידישער רעקרוט... אָדער אַ מעשה פון אַ קלאָמערשט חתן־כלה", און אויפן דייטשן טיטל־בלאַט: „קאָמיש־טראַגישער ראָמאַן" (מיטן וואָרט „ראָמאַן" איז אפשר געמיינט צו זאָגן: ליבע־געשיכטע). אינעם הקדמה־ליד צו דער "געגנאַרטער וועלט" לייענען מיר:

„... דאָס דאָ איז אַן אמתע מ ע ש ה גאָרניט פאַרשטעלט,
ס'איז אָבער תמיד נאָר אַ סדר ה מ ע ש ה, וואָס געפעלט,
דעריבער האָב איך עס כסדר אין ,ביין ח ל ק י ם געשטעלט..."

אַזעלכע און ענלעכע באַצייכענונגען אַקסענפעלדס זיינען אָבער פאַר אונדזער זשאַנר־פעסטשטעלונג ניט מאַסגעבנדיק. אַ זשאַנר ווערט באַשטימט ניט דורך דער כאַראַקטעריסטיק, וואָס דער מחבר גיט זיין ווערק, נאָר דורך דעם ווערק גופא. אַקסענפעלד האָט דעם המונישן לייענער רעקאָמענדירט זיינע פּיעסעס מיט דער פאָלקסטימלעכער און פּאָפּולערער זשאַנר־באַצייכענונג — מעשה. פונקט אַזוי רופט ער אָן זיין ראָמאַן „שטערנטיכל" — „מעשה", אַ מעשה אַ ציקאַוועסט" און אַפילו „מעשה־ביכל" (אינעם הקדמה־ליד צום „שטערנטיכל" און אויך אין קאַפּ. 18). ער רופט עס אַזוי אָן, כאָטש ס'איז אים גאַנץ קלאָר דער גרויסער חילוק צווישן די פאָלקלאָרישע מעשה־ביכלעך און זיין ראָמאַן — דעם ערשטן, וואָס מיר פאַרמאָגן אין דער נייער יידישער שפּראַך. צו „מעשיות" און מעשה־ביכלעך איז דער עולם צוגעוואוינט געווען, און דערמיט האָט זיך אַקסענפעלד גערעכנט.

צו דער באַצייכענונג „מעשה" וועלן מיר קאָנען אַקעגנשטעלן אַ גאַנצע ריי ערטער, וואו אַקסענפעלד כאַראַקטעריזירט זיינע פּיעסעס אַלס דראַמאַטישע ווערק. די „געגנאַרטע וועלט" ווערט אָנגערופן אויפן טיטל־בלאַט „דראַמאַטישע סצענען"; „מאַן און ווייב" — „אַן אמתע מעשה באַאַרבעט אין אַ טעאַטער־שטיק אין צוויי אַקטן" (רוסיש: „מעלאָדראַמאַ וו דוואוך דעיסטוויאַך"); „קבצן עושר־שפּיל" — „אַ דראַמע אין צוויי אַקטן". אין זיין צוואה־בריוול צו גאָט־לאָבערן שרייבט ער: „אַ טייל ספרים זיינען קאָמעדיעס." ער טיילט אַפילו פאַנאַנדער צווישן די זשאַנרען דראַמע און קאָמעדיע. אין זיין ווענדונג צום בילדונגס־מיניסטער שרייבט ער: „אויף דער זעלבער שפּראַך האָב איך אָנ־

געשריבן אויך עטלעכע דראַמעס און קאָמעדיעס; דאָ איז דער לעבנשטייגער פון די חסידים פאַרגעשטעלט אין סצענישע האַנדלונגען, און ניט געקוקט אויף די גרויסע שוועריקייטן — דער פּשוטער ייד האָט ניט אַפילו קיין מינדסטן באַגריף וועגן טעאַטער, אַקטן און סצענעס, — האָב איך פונדעסטוועגן זוכה געווען, אַז אַלע אָדעסער געבילדעטע יידן האָבן געלויבט מיינע ווערק."

ווען אַקסענפעלד זאָל טאַקע האַלטן, אַז יעדע שפּיל־מעגלעכקייט איז להלוטין אויסגעשלאָסן, וואָלט ער אפשר די דראַמאַטישע פאָרם, דעמאָלט דערווייל נאָך אַ ווייניק־פּאָפּולערע ביים יידישן לייענער־עולם, ניט אויסגעקליבן. פאַר די „אָדעסער געבילדעטע יידן", וואָס האָבן געלויבט זיינע ווערק, האָט ער, דער פאָלקסטימלעכער משכיל, מיט זיין שטאַרקן אַגיטאַטאָרישן טעמפּעראַמענט, אין דער אמתן זיינע ווערק אין דער יידישער שפּראַך ניט געשריבן.

* * *

אַקסענפעלדס פּיעסעס זיינען טאַקע לויט זייער גאַנצער סטרוקטור ניט ווייניקער סצעניש, ווי למשל, דער דורכשניטלעכער „קאַצעבו־טעאַטער". ניט בלויז די סטרוקטור פון די פּיעסעס און דער כאַראַקטער פון די דיאַלאָגן, נאָר אויך אַסך דעטאַלן ווייזן, אַז ער האָט פאָרט געהאַט פאַר די אויגן די בינע. מיר זעען דאָס אַפילו פון באַשטימטע רעמאַרקעס. עטלעכע ביישפּילן: „ביידע גייען אַריין אין קרעטשמע אַריין, און מע הערט, ווייל די טיר איז אָפן פון אינעווייניק, וואָס דער יידל פּעקלמאַכער זאָגט" („גענאַרטע וועלט", אַקסענפעלדס ווערק, באַנד 1, ז. 291). אַקסענפעלד האַלט, אַפּנים, אַז אַ טייל בינע איז פאַרנומען מיט דער קרעטשמע, וואָס איז מיט איר אינטעריער אָפן צום צוקוקער, און אויפן איבעריקן טייל פון דער בינע איז פאָרגעשטעלט דער אינדרויסן פון דער קרעטשמע; אָדער: „פון אינעווייניק קאַם וואָס מע הערט" (ז. 288); „פון אינעווייניק מיט אַ קאַם צו הערנדיק קול"; אַזאַ אויסגערעכענט בילד פון האַנדלונגס־קאָמיק (Lazzi) ווי אין „ערשטן יידישן רעקרוט" (ז. 155), ווען נאָך וועלוול גיליוואַטע שלעפּט זיך נאָך דער טישטעך, פון וועלכן ער קאָן זיך ניט אַרויספּלאָנטערן, און מוז אַזוי, פאַרפּלאָנטערטערהייט, זאָגן זיין רעפּליקע, האָט נאָר דעמאָלט אַ זין, ווען עס ווערט געוויזן פון דער סצענע. די קופּלעטן אין „ערשטן יידישן רעקרוט" און אין „קבצן עושר־שפּיל"* קאָנען באַרעכטיקט ווערן נאָר דורך זינגען אויף דער סצענע (די

* אגב: דער מחבר פון די קופּלעטן אין ביידע פּיעסעס איז כלומרשט אהרן, וואָס קומט אויך פאָר אין ביידע. אַ סברה, אַז דאָ ווערט איבערגעגעבן אַ ווירקלעכער שטריך פונעם לעבעדיקן פּראָטאָטיפּ, זיין נטיה צו פאַרפאַסן פאָלקסלידערישע קופּלעטן. אין דעם קאָנען מיר זען אַן אָנצוהערעניש אויף דעם פאַקט, אַז אָפּט זיינען די שעפערס פון פאָלקסליד, באַזונדערס פונעם אַנטי־חסידישן פאָלקסליד, געווען

באַגיטיקונגען נאָך יעדן אָפּזאַץ פון נחמנס ליד ווערן דאָך רעפּרעזענטאַטיק אַרויסגעשריגן אין כאָר פון אַלע בייזייענדיקע אין שענק). אַזעלכע שמועסן ווי צווישן אַגאַפּאָן און זיין משרת (אגב, דאָס ערשטע מאָל, ווען עס ווערט אין דער יידישער ליטעראַטור איבערגעגעבן אַ שטייגערישער רוסישער שמועס — אין יידישער שפּראַך)), אַזעלכע בילדער ווי אין אָנהייב פון „ערשטן יידישן רעקרוט" אָדער נחמן אין שענק, די סצענע צווישן כאַנצין און ליפּשען, דער שמועס צווישן כאַנצין און נחמנען, דאָס אַריינפירן אין דעם דאָזיקן אָנגעצויגענעם „דראַמאַטישן" מאָמענט די בופאָנישע פיגור פונעם שיכורן גבריאל שד — ווייזן קלאָר, אַז זיי זיינען פאַרטראַכט געוואָרן סצעניש. נאָר צוליב דער סצענע איז נייטיק געווען, למשל, דורכפלעכטן די לענגערע דערציילונג יידל פּעקלמאַכערס („די געגנאַרטע וועלט", צווייטע סצענע) מיט שטייגעריש־אַריינגעוואָרפענע רעפּליקעס פונעם רבין, כדי עס זאָל אָפּגעהיט ווערן דער דיאַלאָגישער פּרינציפּ אַפילו ביי דעם דאָזיקן זייטיקן, אָבער שטאַרק כאַראַקטעריסטישן אַנעקדאָט. אויב אַ טייל פּיעסעס זיינען אויפגעבויט אויף אַ גאַנצער ריי „גלייכבאַרעכטיקטע" דראַמאַטישע בילדער, זיינען אַנדערע („מאַן און ווייב", „קבצן עושר־שפּיל") קאָנסטרואירט אין „אַקטן".

* * *

די „סענסאַציאָנעלע", ניט דורכאויס רעאַליסטישע, שפּאַנענדיקע אינטריגע איז ביי אַקסענפעלדן פאַרבונדן מיט די טראַדיציעס פון דער אויפקלערונג, פּונקט ווי די אומדייטלעכע פּסיכאָלאָגיע פון זיינע אַ ביסל האַמעטנע געצייכנטע פיגורן. בכלל אָבער וועט מען דאַרפן פעסטשטעלן, אַז אין די ראַמען פון דער אַנטשפּרעכנדיקער פּאָעטיק זיינען זיינע פּיעסעס אויסגעצייכנט געבויט. די אינטריגע איז פלינק צוגעטראַכט, דערפינדעריש און פאָרט אין גדר פון מעגלעכקייט. די זייטיקע דעטאַלן, וואָס ער דאַרף האָבן, זיינען פאַרווילנדיק איינגעפלאָכטן. געוויינלעך איז דער ערשטער טייל פון דער פּיעסע ביז צום הויך־פּונקט, וואו עס קומט פאָר דער אויבן־כאַראַקטעריזירטער איבערבראָך, ווייט קרעפטיקער און קינסטלעריש לעבעדיקער. די סענסאַציאָנעלע „פּעריפּעטיע" באַהערשט ער ניט אַזוי גוט ווי די רעאַליסטיש־געבראַכטע שטייגער־בילדער, וואָס ער גיט ביז צו דעם פּונקט. די פאַנטאַזיעפולע פּאַסירונגען מוזן אויסקומען בלאָסער ווי די שטייגערישע שילדערונגען.

אפשר טאַקע דערפאַר שטויסט אים אַמאָל זיין קינסטלערישער חוש ניט דירעקט צו אַנטוויקלען דאָס דאָזיקע איבערראַשנדיקע געשעעניש, נאָר בלויז

קליינשטעטלדיקע משכילים, וואָס האָבן אויף אַזאַ אופן אַריינגעטראָגן אין די מאַסן אויפקלערערישע אידייען (צומאָל דורך דער פאַרמיטלונג פונעם בדחן).

דורך שפּעטערדיקע אויספאָרשונגען האָט זיך די דאָזיקע השערה מיינע באַשטעטיקט אַלס פעסטגעשטעלטער פאַקט. (באַמערקונג צו דער איצטיקער אויסגאַבע.)

וועגן דעם אומדירעקט צו לאָזן דערציילן אין אַן עפּילאָגישער סצענע. דער איבעררֹאַשנדיקער מאָמענט איז „אומגעריכט“, כדי ער זאָל קאָנען שפּאַנען, ער איז אָבער קאָמפּאָזיציאָנעל פֿלינק צוגעגרייט. דער רעטראָספּעקטיווער באַריכט איז חנעוודיק צונויפגעשטעלט, כאָטש דער מחבר קוויקט זיך אַמאָל אין אַ צו־ברייטער אויספּירלעכקייט מיט דער איבעררֹאַשונג, וואָס ער ברענגט דעם לייענער (למשל, אין די סוף־סצענעס פון „די גענאַרטע וועלט“ און „מאַן און ווייב“). אויב מיר פֿאַרגלייכן זיינע פּיעסעס מיט ענלעכע פּיעסעס גאָלד־פֿאַדנס (וואָס איז פון אים באַווירקט געוואָרן), וועלן מיר מוזן זאָגן, אַז אַקסענ־פעלד איז אַן אַן ערך קרעפּטיקער און אָריגינעלער אינעם שטייגערישן געמעל און לחלוטין ניט וויניקער טעאַטער־פֿלינק ווי דער ווירקלעכער „גרינדער פונעם יידישן טעאַטער“.

III. פרימיטיוו־רעאַליסטישער סטיל

1. שילדערונגס־מאַניר ביי אַקסענפעלדן, עטינגערן און מענדעלען

פון אָנהייב אָן וויזט די אייראָפּייאישע אויפקלערונג אין דער ליטעראַטור (נאָך זייט דער אַנטשטייאונג פונעם אַזוי־גערופענעם שעלמען־ראָמאַן * און אין דער גאַנצער שפּעטערדיקער טראַדיציע פון דעם דאָזיקן רייכן זשאַנר) אַ טענדענץ צו שטייגערישן רעאַליזם. די אַקטיווע געזעלשאַפט־קריטיק פון די יונגע נייע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן וויל צערייסן דעם איינשלעפערנדיקן שיינקייט־נעפּל פון דער עפּיגאָנישער קלאַסיק. דידראָ באַטאָנט דעם פּרינציפּ וועגן דערווירקלעכער נאַטור — להיפּוך צו דער שיינער נאַטור; און די באַדייטנדיקסטע אויפקלערער זיינען מסכים מיט דעם זאָץ.

אינעם וויכטיקסטן ליטעראַרישן געווער פון יעדער אויפקלערונג, אין דער סאַטירע, ווערט מיט דער צייט אַנטוויקלט אַזאַ מדרגה פון רעאַליסטישער פּינקטלעכקייט אין דער שטייגער־שילדערונג (פונעם 18טן און 19טן י. ה.), ווי זי איז פריער בכלל נאָך קיינמאָל ניט געווען אין דער ליטעראַטור. די פּינקטלעכקייט פון שטייגערישן רעאַליזם זייט אָנהייב 19טן יאָרהונדערט איז ענג פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון די נייע קלאַסן, מיט דער קרעפטיקונג פונעם מאַטעריאַליסטישן געדאַנק, מיט דער אַנטוויקלונג פון די פּינקטלעכע מעטאָדן אין דער טעכניק, אין דער נאַטור־וויסנשאַפט און אין די געזעלשאַפט־לעכע וויסנשאַפטן.

די נייע קלאַסן זיינען בלוטיק פאַראינטערעסירט אויפצודעקן די געזעל־שאַפטלעכע באַדינגונגען, כדי זיי צו ענדערן. ביי דער סאַטירישער געזעל־שאַפט־קריטיק האָט זיך דער שרייבער אויסגעלערנט זיך פּינקטלעך און שאַרף צוקוקן צו דער שפע פון די פאַקטן. ער האָט זיך אויסגעלערנט און ליב באַקומען אָנשוילעך צו שילדערן דעטאַלן און שטייגערישע שטריכן סיי אין דער טענדענציעזער געזעלשאַפטלעכער קריטיק, סיי אין דער ניט־ווייניקער טענדענציעזער געזעלשאַפטלעכער זעלבסט־באַרעכטיקונג. דאָ, ביי

---

* שטייגער־מאָלעריי ביים קריטישן באַטראַכטן די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטע־נישן איז באַזונדערס ענג פאַרבונדן מיט דער אַ נ ט ש ט י י א ו נ ג און דער אַ נ ט װ י ק ל ו נ ג פונעם ראָמאַן־זשאַנר (אין פּראָזע) בכלל. אין דעם פּרט, ווי אין אַ סך אַנדערע וויכטיקע פּרטים, האָט דער שעלמען־ראָמאַן באַנייט די טראַדיציעס פונעם שפּעט־גריכישן און שפּעט־לאַטיינישן ראָמאַן (פון פּעטראָניוס, אַפּוליאוס, רעליאָדאָר, טאַטיוס, לאָנגוס א. אַ.).

דער זעלבסט־באַשטעטיקונג, האָט אָבער שוין ניט געקאָנט קלעקן דער רעאַליזם אַליין. דאָ האָט שוין דער בורזשואַ געמוזט אָנקומען צו די מיטלען פון סענטימענטאַליזם.

* * *

דער פּרימיטיווער רעאַליסט אַקסענפעלד מאָלט אַ פּאַקט, איבערגעבנדיק אַלע זיינע דעטאַלן, אויסרעכענענדיק פּינקטלעך און געוויסנהאַפטיק אַלע זיינע אויסערלעכע סימנים אַזוי ווייט ער דערזעט זיי, די וויכטיקע און אַמאָל אויך די ניט־וויכטיקע. ער רעפערירט פּאַמעלעך, בהדרגהדיק און אומבאַהאָלפן איינס נאָכן אַנדערן. אין רעזולטאַט מוז זיך סוף־כל־סוף באַקומען אַ באַ־שטימטער איינדרוק סיי פונעם דעטאַל, סיי פונעם גאַנצן.

„. . . אַז מע וועט אויסלייענען איינגאַנצן גאָר,
וועלן אַלע מודה זיין, אַז אַלץ, וואָס שטייט, איז וואָר.”
(„דאָס שטערנטיכל”, הקדמה־ליד)

ער פאַרלירט זיך אָבער אַמאָל אין דער שפע פון די פאַקטן: דעמאָלט באַקומט זיך, אַז ניט ער באַהערשט זיי, נאָר זיי באַהערשן אים. ער קוקט זיך שאַרף צו צו די דעטאַלן, ער הערט זיך אויפמערקזאַם צו צו די שמועסן פון זיינע פאַרשוינען און פאַרשרייבט, צייכנט נאָך געוויסנהאַפטיק אַ שטריך נאָך אַ שטריך, נאָכקוקנדיק נאָך אַלע, אַמאָל קליינלעכע, צופעליקייטן. זי האָט אפשר פאַרט עפעס צו זאָגן, די ידיעה, וואָס לעאָ וויִנער פאַרצייכנט אין זיין געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אינעם 19טן יאָרהונדערט, אַז אַקסענ־פעלד איז געווען באַווירקט פון זשאַן פאָל (פרידריך ריכטער), כאָטש דאָס קאָן זיך, לויט אונדזער מיינונג, נאָר באַציען אויף דער נטיה צו דעטאַל־מאָלעריי און אויף אַ ברייטער, מיט רעפלעקסיעס דורכגעמישטער שטייגער־שילדערונג. די וויכטיקע אייגנשאַפט פון קינסטלערישן רעאַליזם: דאָס דער־גרייכן מיט קאָנצענטרירטסטע מיטלען די גרעסטע רעזולטאַטן ביים אָפּ־שפּיגלען די ווירקלעכקייט, — קאָן מען אין אַ נאַאיוו־פּרימיטיוון רעאַליזם, ווי אַקסענפעלדס, נאָך ניט פעסטשטעלן.

להיפוך צום פּרימיטיוון רעאַליסט באַהערשט דער קינסטלעריש־אַנט־וויקלטער רעאַליסט די שטריכן פון זיינע דעטאַלן. ער האַלט זיי פעסט אין דער האַנט, פאַרלירט זיך ניט אין זייער שפע, פריי און מיט זיכערקייט פורעמט ער און געשטאַלטיקט זיי לויט זיינע אידייען און זיין קינסטלערישן ווילן. מיט געניטן קיצור, שפּאָרעוודיק, וויסנדיק די ווירקונג פון יעדער וואָרט־באַוועגונג, גיט ער בלויז די וועזנטלעכסטע שטריכן אָדער ווערטער — און עס וואַקסט פאַר־אונדז אויס, בולעט און שאַרף, דער מהות און די שטימונג פונעם דעטאַל, אין הסכם צו דער כוונה פונעם גאַנצן ווערק.

אַ קעגנשטעלונג פון דער פּאָרטרעט־מאָלעריי ביי אַקסענפעלדן און ביי מענדעלען וועט קלאָרער מאַכן דעם חילוק צווישן פּרימיטיוו־נאַאיוון (זשאַנר־מאָלערישן) און קינסטלערישן רעאַליזם.

אַקסענפעלד (אין „מאַן און ווייב"): „לייזער קריוואָשייע, אַ ייד, ניט הויך, ניט קליין, שוין גראָ, אַ לאַנגע באָרד מיט אַ קאָלטענע אינמיטן. די פּאות זיינען אויסגעקראַכן, און אַ לאַפּנמיצל, אַמאָל געווען אַ פוקסנס, נאָר מיט סאַמע פּליכעס. דער האַלדז אין דער קרום צו דער לינקער זייט, און אַ ברישליק געשטעפּט אויף קלאַטשע פון איבערגעניצעוועטן אַלטן קיטיי. די קלאַטשע זעט מען אַרויס פון דעם צעריסענעם שטעפּעכץ, צוגעגאַרטלט מיט אַן אַלט שטיקל גאַרטל. אַז דער קורצער ברישליק לאָזט זיך אויס, זעט מען לייוונטענע זאָקן מיט שיך." אָדער (אין „דאָס שטערנטיכל"): „דער ארץ־ישראל־משולח, אַ קליינער, אַ שוואַרצער געשטופּלטער ייד פון אַ יאָר פופציק, זייער אַ פעטער, מיט אַ גראָלעכער קאָלטענעוואַטער לאַנגער באָרד און צוויי דינע קורצע פּאות, אַ ווייסע יאַרמיקע פון אונטער דעם טערקיש־פאַרוויקלטן קאָפּ מיט אַ ווייסער פאַטשיילע, אָנגעטאָן פון ווייסער האָלידזיע, אויף טערקיש גענייט אַ לאַנגער דזיפּון (דאָס איז מיט פיל קליינע שמוקלערישע קנעפּלעך), מיט אַ ברייטן וואָלענעם בלאָען גאַרטל. אויף די פיס גייט ער אין טערקישע מעשטעס (טערקישע געלע פאַנטאָפל), און זאָקן זיינען אויך פון געלער לעדער" א. אַז. וו. אָדער אַפילו דער מער־געראָטענער און לעבעדיקער פּאָרטרעט פונעם קרעטשמער טאָדרעס לייבעווקער: „קומט אַריין אַ ברייטער ייד, אין אַ גע־שטעפּטן, לאַנגן ברישליק פון בלאָען קיטיי, צוגעגאַרטלט מיט אַ פאַווערשן, פאַסקעוואַטן גאַרטל, אין גראָבע יאַלעוויטשנע שיך, מיט וואָילאָקענע גראָבע זאָקן, אין אַ לאַפּנמיצל פון אַמאָל געוועזענעם פוקס. קיין באָרד האָט ער קיינ־מאָל ניט געהאַט, נאָר צוויי לאַנגע פלאַכטן הענגען ביז איבער די הענט־אַקסלען — דאָס זיינען זיינע פּאות. כאָטש ער איז אַלט אַ יאָר פופציק, איז ער זייער געזונט, ווי דאָס פּנים וויזט אויס, טאַקע אַ רעכטער קרעטשמער" („דאָס שטערנטיכל", קאַפּ. 21). מיר זעען: די דעטאַלן באַהערשן דעם שרייבער, זיי וואַלגערן זיך אָן, און איינער מעקט אויס און מאַכט צונישט דעם צווייטן.

ווי מאָלט דער קינסטלעריש הויך־אַנטוויקלטער רעאַליסט אַ פיגור פון דעם מין? „אַלטער יאַקנעהאַז איז אַ יאָדערדיק יידל, אַ געשפּיקעוועטער, מיט אַ דיק בייכל (ביי אַקסענפעלדן: „זייער אַ פעטער"—מ. וו.), זיין פּנים איז געדיכט באַוואַקסן מיט שמוציק־געלע האָר, פון וועלכע ס'איז גענוג אויף פּאות, אויף אַ באָרד און אויף וואָנצעס, אי פאַר זיך, איז פאַר נאָך עטלעכע יידן צו באַטיילן. אין דעם ים האָר ליגט אַ וויספּע — אַ ברייטע פליישיקע נאָז, וואָס איז דאָס רוב יאָר פאַרלייגט, אָן אַ שום התמנות (היסמאַנעס)" א. אַז. וו. („פישקע דער קרומער".)

דאָ זעען מיר, מיט וואָסער מייסטערישער געניטקייט מענדעלע באַהערשט די רעאַליסטיש איראָניזירנדיקע כאַראַקטעריזירונג, וועלכע אַקסענפּעלד איז פּונקט אַזוי אויסן ווי מענדעלע, אָבער נאָר ביי מענדעלען באַקומט זיך אמתדיקע אַנשוילעכקייט, וואָס הייבט אַרויס דאָס געמעל פון דער טריוויאַלער „זשאַנר־מאָלעריי". ניט בלויז מיר זעען, — מיר הערן שוין דעם פאַרשוין און די ווערטער, וואָס ער וועט זאָגן, בלויז פונעם פאַרטרעט אַליין.

אַן אַנדער ביישפּיל: מענדעלע מאָלט אין „פישקע דער קרומער" אַ מויד אַ גולם, די טאָכטער פון חיה־טריינע דער קרעטשמערקע: „אין שטוב דרייט זיך אַרום אַ דיקע, אַ ברייטע האַרעפּאַשנע מויד, מיט אַ פּאָר באַקן ווי די פּאַמפּושקעס; אויפן קאָפּ זייער ווייניק האָר און צוויי קליינע צעפּעלעך פון הינטן. די הענט האַלט זי ביז די עלנבויגנס שטייף צוביידע זייטן, די אָרעמס אויסגעשטרעקט גלייך פּאָרנט ווי צוויי האַלאַבליעס, צווישן וועלכע זי רוקט זיך, שליטלט זיך נישט צו הייבן קיין פיס, אַרויסשיקנדיק דעם קאָפּ אַ ביסל פריער פאַר איר, רוקט זיך גיך, טראָגנדיק אין די הענט אַ טישטעך מיט טעלער..." א. אז. וו. פאַרגלייכן מיר די בילדערישקייט און לעבעדיקע פּלאַסטיק פון דעם פאַרטרעט מיט אַקסענפּעלדס באַשרייבונג פון דער שטומער אין „מאַן און ווייב" (אגב, געהער עס צו אַקסענפּעלדס פּרימיטיוו־רעאַליסטישע שטריכן, אויב ער ברענגט אַזעלכע ברייטע פאַרטרעט־באַשרייבונגען ניט נאָר אין זיין פּראָזע־ווערק „דאָס שטערנטיכל", נאָר אויך אין די רעמאַרקעס פון זיינע פּיעסעס): „אַ הויכע יידענע אין אַ צעריסן ציצן קלייד, אַ וויסטל פון צווייערליי פאַרבן גרעדיטירט, אויך אַ ביסל צעריסן, אַ ברוסט־טיכל, אַ שפּאָגל־נייס פון רויטס דאַמאַשעק און אַ ווייס לייוונטן פאַרטעך, צעריסענע זאָקן מיט צעריסענע פּאַנטאָפל. דער שלייער איז אויך אַלט און צעריסן." פונקט און גענוי אַזוי פאַרטרעטירט אַקסענפּעלד זיינע פאַרשוינען אויך אין זיין „שטערנטיכל". „דאָס ווייב איז אַמאָל שיין געווען. אַ הויך־געוואַקסענע יידענע פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, נאָר שטאַרק אָפּגעהאָרעוועט. אָנגעטאָן אין אַ פּיצעלע שטערנטיכעלע, וואָס איז ווערט אפשר צוויי הונדערט גילדן, מיט אַ שלייער, אַן אַ סיטקע, אַ יופּע אויף ביידע אָרבל פון אַזאַ קיטיי ווי דעם מאַנס ברישליק, מיט ווייס האַזן־פוטער אונטער־געשלאָגן, אַ רויט גרעדיטירן אַלט ברוסטוך זעט מען אַרויס און אַן קאַנטענאַרן פאַרטעך" (קאַפּ. 12).

אָבער ניט בלויז וואָס שייך די געזעענע פאַקטן, אויך די רעפּראָדוקציע פון די אונטערגעהערטע רעפּליקעס איז ביי אַקסענפּעלדן אַ נאַאיוו־פּרימי־טיווע. אויב מע פאַרגלייכט זיי מיט ענלעכע רעפּליקעס ביי עטינגערן, קאָן מען גרינג באַמערקן, אַז עטינגערס רעפּליקעס זיינען ניט בלויז אין שפּראַכלעכן זינען, לויט זייער סטיליסטישער און גראַמאַטישער קאָנסטרוקציע, אַן אַן ערד

געשליפענער און דורכגעאַרבעטער, נאָר אויך וואָס שייך דער אָרגאַנישקייט פון זייער סטרוקטור אינעם לאָגיש־קאָמפּאָזיציאָנעלן זינען, וואָס שייך זייער כאַראַקטעריזיר־קראַפט א. אַז. וו.

אַקסענפעלד איז אַמאָל פּינקטלעכער און ביז צו קליינלעכקייט אויספירלעך אינעם אויפכאַפּן די רייד־תנועות פון זיינע פיגורן, נאָכמאַכנדיק אָן באַזונדערער דערפינדערישקייט און אויספורעמונג זייער אַרט רעדן. עטינגער שטייט אָבער אומפאַרגלייכלעך העכער פון אַקסענפעלדן וואָס שייך קינסטלערישער עכטקייט, קינסטלעריש געפורעמטער נאַטירלעכקייט, קאָנסטרוקטיווער און קאָמפּאָזיציאָנעלער אויסגעמאָסטנקייט. עטינגערס הומאָר איז שאַרף פּוענטירט (האָט אַ שאַרפן שפּיץ), אויסגעשליפן, טרעפלעך, פיין, מיט אַ געניטער, זיכערער האַנט אָרגאַניזירט, זיין וויץ איז גראַציעז און שפּילעוודיק. אַקסענפעלדס הומאָר קומט אויס אין פאַרגלייך מיט עטינגערס צעצויגן, בלאַס, פאַראָדירנדיק און האַמעטנע, מיטן טראָפּ דער עיקר אויף דער קאָמיק פון דער זשעסטיקולאַציע, און ניט אויף דער איידעלערער קאָמיק פון וואָרט. אַזעלכע גראַציעז־שפּילעוודיקע און פולקומע דיאַלאָגן, למשל, ווי ביי עטינגערן צווישן ר׳ זונדל און מנשה („דער פעטער פון אַמעריקע״, ווילנער אויסגאַבע, ב. 2, ז. 474 און ווייטער), אָדער צווישן סערקעלען און יוהנן שדכן („סערקעלע״), שטייען אָן אַ שיעור העכער פון אַקסענפעלדס קינסטלערישע מעגלעכקייטן.

עטינגערס רעפּליקעס פעדעמען שטענדיק איין און גרייטן צו די ווייטערדיקע אַקציע, זיי זיינען סטרוקטורעל אַ סך מער פאַרבונדן מיט דעם, וואָס ווייטער וועט קומען, איידער אַקסענפעלדס דיאַלאָגן, וואָס דינען אין בעסטן פאַל נאָר אויפן אָרט און פאַרן אוממיטלבאַרן „אָרטיקן״ צוועק. די קאָמפּאָזיציאָנעלע, כאַראַקטעריזירנדיקע און צוגרייטנדיקע באַציאונג פון יעדער באַזונדערער רעפּליקע צום גאַנצן ווערק איז ביי עטינגערן אָן אַ שיעור בוילעטער, איידער ביי אַקסענפעלדן. אַז מיר קוקן זיך צו, למשל, צום ערשטן בילד פון „סערקעלען״, צו חיים דעם משרתס מאָנאָלאָגן, האָבן מיר שוין תיכף דאָ, באַלד אין אָנהייב, אַ פלינקע צוגרייטונג צו דער אַקציע און צו דער כאַראַקטעריסטיק פון אַ גאַנצער ריי פיגורן, וואָס וועלן דורכגיין דורך דער גאַנצער פּיעסע: פון גבריאל, אַלטעלע, חוה, פונעם באַאיוון חיים גופא און פון סערקעלע. די אַקציע ווערט לויטן קלאַסישן אופן פיין צוגעגרייט, פון דער זייט, פון אַ נעבן־פיגור און פון אַ נעבן־געשעעניש, מיט אַ גרינגער האַנט און אויף אַ גראַציעזן אופן. „דער ערשטער יידישער רעקרוט״ הייבט זיך אויך אָן מיט דער רעפּליקע פון אַ משרתדיקער נעבן־פיגור (—גבריאל שד!), אָבער אָן צוגרייטערישע עלעמענטן. די פיגור רעדט דאָ גענוי מיט דער זעלבער זעלבסט־כאַראַקטעריזירנדיקער דייטלעכקייט ווי אין אַלע אַנדערע

ערטער פון דער פּיעסע, זי גרייט אָבער גאָרניט צו, האָט ניט קיין מעגלעכקייט אַנצואוואַקסן. די פּיעסע וואָלט זיך פּונקט אַזוי גוט געקאָנט אָנהייבן פון פּנחסעס אָדער שלמה פּסיאַכעס רעפּליקע אָדער מיטן „געשריי פון דרויסן״. די דיאַלאָגן זיינען דאָ צווישן זיך ווייניק געבונדן, זיי גיבן בלויז „סטאַטישע״ מאָמענטן פון דער אַקציע.

די אומבאַהאָלפנקייט פונעם פּרימיטיוון רעאַליסט באַווייזט זיך ניט בלויז אין יענע פאַלן, וואו אַקסענפּעלד איז אויספּירלעך ברייט, און עטיגער קורץ און צונויפגעזאַמלט, נאָר באַזונדערס בוילעט אויך דאָרט, וואו די קינסטלערישע נויטווענדיקייט דיקטירט עטינגערן אַ סך אַ גרעסערע אויספּירלעכקייט, איידער מיר געפינען זי אין אַנאַלאָגישע ערטער ביי אַקסענפּעלדן. קאָנצענטרירטקייט ווערט ניט פעסטגעשטעלט דורך דער צאָל שורות, וואָס אַ רעפּליקע פאַרנעמט; שפּאַרעוודיק זיין הייסט נאָך ניט שטענדיק זיין קאָנצענטרירט. שפּאַרעוודיקייט קאָן אַמאָל זיין, פּונקט אַזוי ווי צעצויגנקייט, אַ רעזולטאַט פון אומבאַהאָלפנ־קייט. זי קאָן אַמאָל באַטייטן, אַז דער מחבר איז אימשטאַנד איבערצוגעבן בלויז אַן ערך די סימנים פון אַ רעפּליקע, בלויז איר בערכדיקן אינהאַלט, און ניט די לעבעדיק־אויסגעבילדעטע פאָרם אירע. אַ גאָר קורצע רעפּליקע קאָן אַמאָל פאָרט צו לאַנג זיין, ווייל זי איז אינהאַלט־אָרעם, ניט דערפּינדעריש, ניט לעבעדיק אויסגעפורעמט און אויסגעשליפן; אַ סך אַ לענגערע רעפּליקע קאָן אַמאָל דווקא זיין קאָנצענטרירט און געפּרעסט לויט איר אינהאַלט, גע־שליפנקייט, אָנשווילעכקייט און כאַראַקטעריזירונג.

קלאָר צו מאַכן דאָס געזאָגטע דורך אַ קעגנשטעלונג פון מוסטער־רעפּליקעס איז ניט אַזוי גרינג ווי ביי דער קעגנשטעלונג פון פּאָרטרעטן, ווייל די ספּעציפישקייט פון דער טעמאַטיק ביי יעדן מחבר באַזונדער גיט ניט אינעם דיאַלאָג אַזעלכע אַנאַלאָגיעס ווי ביי דער פּאָרטרעט־מאָלעריי. אַ חוץ דעם וואָלט דאָס אונדז געצוואונגען ברענגען צו לאַנגע ציטאַטעס. אויב מיר וועלן דאָ פאָרט ברענגען איינע אַזאַ קעגנשטעלונג, טוען מיר דאָס מיטן באַ־וואוסטזיין, אַז ס'איז פאַראַן אַ סך בוילעטערע, וואָס וויזן טרעפלעכער דעם חילוק צווישן פּרימיטיוון און קינסטלערישן רעאַליזם אינעם דיאַלאָג. מיר האָבן אָבער אויסגעקליבן די דאָזיקע נאָר דערפאַר, ווייל זי געהער צו די זעלטענע ערטער מיט אַן אַנאַלאָגישן אינהאַלט ביי בײדע שרייבערס: די כאַראַקטעריסטישע שטיגערישע סיטואַציע, ווען די פּאַראַזיטישע פיגור פונעם שדכן טשעפּעט זיך צו מיט זיינע פּרעטענזיעס.

ביי אַקסענפּעלדן („די גענאַרטע וועלט״, ז. 295):

„צאַלי, סטייץ, און איך בין דען ניט קיין סאַדכן? פּאַסעט איז פּאַסעט. מיר מוזט איר באַזונדער געבן סאַדכאָנעס, מעסונע גאָר סאַדכאָנעס, גאָר מע־סונע סאַדכאָנעס.״ די מאָגערקייט פון דער אַרגומענטאַציע דאַרף קאָמפּענסירט

ווערן דורכן אַרעמען מיטל פון דריי מאָל איבערחזרן די הוילע פּרעטענזיע.

אין עטינגערס „סערקעלע" (ב. 2, ז"ז 448־449) ווערט דער דאַזיקער אויספיר אויף גאָר אַן אַנדער אופן און אַן אַ פאַרגלייך עכטער אַרויסגעבראַכט. די פּרעטענזיע ווערט קרעפטיקער צוגעגרייט און ממילא די קאָמיק פון דער פּרעטענזיע פיינער אונטערגעשטראָכן.

„ר' יוחנן (גיט דעם פרעמדן די האַנט): שלום־עליכם, ר' דוד! געלויבט צו גאָט, מע זעט זיך געזונטערהייט! כ'לעבן, זייער אַ גלייכער שידוך. איך האָב דעם שידוך נאָך אינזינען געהאַט, ווען מע האָט זיי מיט דעם שטריק צוזאַמענגעבונדן. נאָר קומט מיין שמועה אַפּיר, „כל עורב למינו" — שטייט ביי אונדז אין דער הייליקער תורה אָנגעשריבן: איר, מיין ליבער ר' דוד־לעבן, טוט איצט אַ שידוך אויף דייטשערישער מאָדע. ווייסט איר אָבער, מיט וועמען איר טוט? ווער אייערע מחותנים זיינען געווען? דאָס מוזט איר נאָר מיך, ר' יוחנן שדכן, פרעגן. איך קען דאָס דייטשעלע, ווי איר קוקט עס אָן, פון פּיטשלוויז אויף: איך האָב געקענט זיין כשרן טאַטן, עליו־השלום, און זיין מוטער די צנועה אויך. ער איז דאָך דאָס טאָקע ר' זלמן רעדלעכס זון פון פּראָג, טאָקע דער גרויסער פיינע בריה. על־כן, זאָג איך אייך אַפּריער, אַז מיר קומט אַ סך, אַ סך שדכנות." דאָ באַטייט שוין דער „אַ סך, אַ סך" דאָס טיפּישע דינגעניש אויף פריער ביי אַ פּרעטענזיע, וואָס דאַרף זיך אַליין צוגעבן העזה און מוט צוליב איר ניט־באַרעכטיקטקייט.

אַקסענפעלד איז טאָקע ניט אויסן צו שילדערן קיין „פּסיכאָלאָגישע" כאַראַקטערן. עס ליגט אָבער אין דער פּרימיטיווקייט פון זיין רעאַליזם (און אפשר אויך אין זיין משכילישן ראַציאָנאַליזם), אַז זיינע פאַרשוינען האָבן דאָס רוב ניט יענעם מינימום פּסיכאָלאָגיע, וואָס וואָלט פון זיי אַראָפּגענומען די שטריכן פון מאַסקנהאַפטיקער טיפּיזאַציע. די פיגורן אַנטוויקלען זיך ניט בהדרגה. גלייך פון אָנהייב אָן שטייען זיי שוין פאַר אונדז דאָס רוב ווי פאַר־טיקע פאַראַלגעמיינערטע און אַ ביסל האַמעטנע כאַראַקטער־טיפּן: דער אויפגעקלערטער גביר, דער אָפּגעשטאַנענער פּרנס־חודש, דער שיכורער לאַווטשע, אַ וואוילע יידישע טאָכטער א. אַז. וו., ניט בלויז דעמאָלט, ווען אַקסענפעלד כאַראַקטעריזירט, למשל, אַ פרוי „זייער שיין, און זייער קלוג, און זייער גוט", נאָר אַפילו ווען ער גיט איבער אַלע פּיזישע סימנים, וואָס זיין אויג האָט באַמערקט, און אין די רעפּליקעס אַלע טיפּישע רייד־תנועות, וואָס זיין אויער האָט אונטערגעהערט.

אויך די זאַכן־באַשרייבונגען הייבט אַקסענפעלד פּרימיטיווער רעאַליזם זעלטן אַמאָל אַרויס פון אַלגעמיינער באַשרייבערישקייט. אַזוי און אַזוי האָט דעמאָלט געווייגלעך אויסגעזען אַ „יידישע שטוב" ביי אַן אויפגעקלערטן גביר, ביי אַן אָפּגעשטאַנענעם פּרנס־חודש, ביי אַ שענקערקע, ביי אַ שניידער, ביי אַ

רבין א. אַז. וו. מיר געפינען ניט אין זיינע באַשרייבונגען פון „נאַטיור־מאָרט" דעם מינדסטן הויך פון אַן אויסטיילנדיקער און אייגנאַרטיקער „שטימונג".

וואָס שייך וועלטלעכער קולטור בכלל און פאָרם־קולטור בפרט, איז דער ניוואָ פון אַזעלכע שרייבערס „נאַטור־טאַלאַנטן", ווי אַקסענפעלד, אין פאַר־גלייך אַפילו מיט צווייט־ און דריט־ראַנגיקע שרייבער פון די אַנטוויקלטע ליטעראַטורן אין יענער צייט, פאַרט געווען אַ געצוג נידעריקער. אויב מיר וועלן אַקסענפעלדן פאַרגלייכן, למשל, מיט וו. נאַריעזשני, וועט אונדז גיך קלאָר ווערן, אויף וויפיל באַגרענעצטער און שמאָלער עס איז דער צוגאַנג, דער אינטערעסן־קרייז, די וועלט־אַנשויאונג און די קולטורעלע צוגרייטונג און אויסבילדונג אַקסענפעלדס. די פאָלקסטימלעכקייט איז ביי ביידע שרייבער אַ וויכטיקער עלעמענט פון זייער סטיל; ביי אַקסענפעלדן אָבער איז עס אָפט נאָך אַן אורשפּרינגלעך, קינסטלעריש ניט־באַאַרבעט שטיק פון זיין פערזענ־לעכקייט גופא. די קולטור־השפעות, די קינסטלעריש־פאָרמעלע טראַדיציעס ווערן ביי אַקסענפעלדן אָפט וואולגאַריזירט ביז כמעט צו אַ „לובאָקישער" מדרגה. אַ חוץ די מעלות האָט אַקסענפעלד אויך די חסרונות פון אַ קולטורעל ווייניק דיסציפּלינירטן „נאַטור־טאַלאַנט".

* * *

דער זייער אַלטער באַליבטער נאָוועלן־ און קאָמעדיעס־מאָטיוו וועגן אַ צוריקגעקומענעם רייך־געוואָרענעם סוחר, אַ מאָטיוו, וואָס שטאַמט * פון 15טן־16טן יאָרהונדערט און וואָס שפּיגלט דעמאָלט אָפּ די גליק־פאַנטאַזיעס פונעם בירגער אינעם פּעריאָד פון אָנהייבנדיקן גרויסן איבער־ים־האַנדל מיט אינדיע, אַמעריקע און פאַרשיידענע ווייטע געגנטן (מיר באַגעגענען אים אויך — אַלס טראַדיציע — אין מאָליערס פּיעסעס, למשל אין „דער קאַרגער", „סקאַפּענס שטיק" א. אַ.), ווערט באַנוצט אי פון עטינגערן („סערקעלע", „דער פעטער פון אַמעריקע"), אי פון אַקסענפעלדן („מאַן און ווייב"). די דאָזיקע פיגור פונעם צוריקגעקומענעם רייך־געוואָרענעם סוחר שפּילט די לייזנדיקע ראָל ביי ביידע אויטאָרן. ביי עטינגערן ווערט די אינטריגע אַרומגעשטעלט מיט אַ ביט־זייער געווינלעכער, אָבער פאָרט געצוג דורכזיכטיקער און שטיי־געריישער סוזשעטישער פאַרקניפּונג (גבריאלס גנבה, חשד אויף מאַרקוס און הינדע א. אַז. וו.). ביי אַקסענפעלדן ווערט דער אַלטער מאָטיוו קאָמפּליצירט דורך אַ חתונה צווישן ברודער און שוועסטער, מיט אַוואַנטורעס פון דעם סוחרס ווייב, פון זיין טאָכטער און זון א. אַז. וו. ביי עטינגערן וואָלט אַזאַ נאַאיוו־פּרימיטיווע אינטריגע ווי אין „ערשטן יידישן רעקרוט", וואָס איז גע־בויט אויף בחמנס פּריוויליקן גיין אין סאָלדאַטן (אַן אַן אויספירלעכער מאָטי־

* אורשפּרינגלעך קומט דער דאָזיקער מאָטיוו פון דער אַלט־אינדישער מעשה.

ווירונג) און אויף פּראָמעלעס שטאַרבן פון האַרצווייטיק, — ניט מעגלעך געווען, פּונקט ווי עס וואָלט ניט מעגלעך געווען אַזאַ קאָמפּליצירטע שפּיל, ווי די אָפּגענאַרטע חתונה אין אַקסענפעלדס „די גענאַרטע וועלט", וואָס גייט לויט דער טראַדיציע פון עלטערן פּאַרס.

2. עטנאָגראַפישקייט

די פּינקטלעכקייט פון אַקסענפעלדס זשאַנר־מאָלעריי דערגייט ממש ביז צו דער מדרגה פון קולטור־היסטאָרישע דאָקומענטן. מיט עקשנותדיקער געוויסנהאַפטיקייט פאַרשרייבט אַקסענפעלד די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און שטייגערישע פאַקטן. עס איז ניט פאַראַן קיין צווייטער שרייבער אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט דעם שטייגער פון זיין צייט אַזוי אויספירלעך און פּינקטלעך באַשריבן ווי אַקסענפעלד. ניט שטענדיק האָט זיך אים איינגעגעבן די שטייגער־באַשרייבונגען אונטערטעניק צו מאַכן צו זיין קינסטלערישער כוונה. אָפט שטאַרצן זיי אַרויס אין זייער הוילער געשטאַלט. עס איז דעריבער וויסנשאַפטלעך באַרעכטיקט, אויב היסטאָריקער און עטנאָגראַפן באַנוצן זיך מיט אַקסענפעלדס ווערק ווי מיט אַ היסטאָריש־דאָקומענטאַרישן קוואַל. זיי זיינען טאַקע אַן אמתדיקע ענציקלאָפּעדיע.

אין אַקסענפעלדס ווערק ווערט צום ערשטן מאָל מיט אַזאַ ברייטן פאַרנעם געמאָלט און באַשריבן דאָס קליינע שטעטל מיט יענעם גאַנצן טיפּאַזש, וואָס איז אויף אַ לאַנגער צייט געבליבן „קאַנאָניש" פאַר דער יידישער ליטעראַטור ביז מענדעלען, שלום־עליכמען און פּרצן. מיר זעען שוין דאָ די גאַנצע קליינשטעטלדיקע גאַלעריי: דעם שטאָט־גביר, דעם מיטעלן באַלעבאָס, די פּרנסים, די פּאַדריאַדטשיקעס, אַרענדאַטערס, שדכנים, דעם שטאָט־שיכור, דעם שטאָט־נאַר, דעם מה־יעשהניק, די צנועתדיקע „יידישע טאָכטער", די אשת־חיל, דעם רבין מיט זיינע גבאים און חסידים, רבנים, דיינים, דעם גאַראָדאָוואָי, משכילים, אַפּיקורסים, הענדלער, קרעמער, לופטמענטשן, באַל־מעלאָכעס א. אַז. וו. להיפוך צו עטינגערן, וואָס באַשרייבט דאָס אַ ביסל מער קולטורעלע, פון „אייראָפּייאישקייט" אָנגעהויכטע לעבן אין דער גרויסער אָדער גרעסערער שטאָט, באַשרייבט אַקסענפעלד, צום ערשטן מאָל אין דער יידישער ליטעראַטור, מיט אַזאַ שטייגערישער אויספירלעכקייט דאָס פּראָווינציעלע שטעטל און זיינע באַוואוינער. עטינגער האָט אויסגעטראָטן אַ וועג פאַר אַ שטאָטישן גאַנג אין דער ליטעראַטור; אַקסענפעלד ווענדט זיין קינסטלערישע אויפמערקזאַמקייט צום קליינעם שטעטל — צו דער סאַטיריש־עטנאָגראַפישער שאַרפקייט און מיליע־מאָלעריי, וואָס איז געבליבן כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין משך פון אַ סך צענדליקער יאָרן.

3. כאַראַקטער־שילדערונג

אויך די כאַראַקטערן שילדערט אַקסענפעלד מער „עטנאָגראַפיש“, איידער אינדיווידואַליזירט. טיפּן, וואָס גייען אַרויס פונעם „עטנאָגראַפישן“ גדר, באַקומען זיך ביי אים געוויינלעך בלאַסער. באַזונדערס איז דאָס שייך צו די נייע אויפקלערערישע געשטאַלטן. אַקסענפעלדס אידעאַל איז געווען דער אויפגעקלערטער בירגער. דער בירגער פונעם מער מאָדערנעם טיפּ האָט אָבער נאָך ניט געהאַט אין דער פּאַקטישערווירקלעכקייט קיין פעסט איינגעפונדעוועטע פאָרמען, האָט נאָך ניט פאַרמאָגט קיין אַנטוויקלט אינדיווידועל דיפערענצירטע כאַראַקטער־פיגורן. באַקומען זיך אָפּט ביים פּרימיטיווּ־רעאַליסטישן (דער עיקר עטנאָגראַפישן) אויסמאָלן סיי די נייע פיגורן, סיי די נייע פּאַקטן נאַאיוו און אַנעמיש, טראַפאַרעטיש און אומזיכער, מיט ווייניק אינדיווידועלן כאַראַקטער. אַשטייגער, דער מחבר גופא גלייבט ניט אינגאַנצן אויפריכטיק אין דער רעאַליטעט פון דעם, וואָס ער מאָלט (למשל, אהרן און זיין סביבה אין „ערשטן יידישן רעקרוט“, „דער ענגלענדער“ אין „מאַן און ווייב“, אַקסמאַן אין „שטערנטיכל“ א. אַז. וו.).

אַנדערש די אַלטע כאַראַקטערן און שטייגער־פאָרמען, וועלכע ווערן קריטיקירט און באַקעמפט. זיי זיינען דווקא יאָ דייטלעך אויסגעפורעמט און איינגעפונדעוועט אין דער רעאַליטעט. זייערע קאָנטורן און טיפּישע, זאָל זיין סטערעאָטיפּישע, שטריכן קאָן מען דעריבער גרינגער אַרומכאַפּן אַפילו מיט די ניט־געניטע מיטלען פונעם פרימיטיוון רעאַליזם.

די קינסטלערישע שילדערונג פון דער נייער, דערוויל נאָך ווייניק אויסגעפאָרמירטער, ווייניק „כאַראַקטערפּולער“ בירגערלעכער סביבה, באַקומט זיך אין אַנהייב פאַרן שרייבער גופא אַ ביסל „עקזאָטיש“. ער פאַרזיכערט זיך אַליין אַלץ כסדר וועגן דער „ווירקלעכקייט“ פון זיין שילדערונגס־אָביעקט דורך פינקטלעכסטער אָנוואַלגערונג פון סימנים און באַווייזן. אינעם נייעם טעמאַטישן געביט איז נאָך ניט פאַראַן קיין באַשרייב־טראַדיציעס און פאַרקירצטע פאָרמולעס, טאַפּט דער שרייבער אַרום די אויסגווייניקסטע קאָנטורן פון יעדן באַשריבענעם פאַקט און האָט מורא אַרויסצולאָזן אַ מינדסטן שטריך. ער איז אָבער נאָך ניט ביכולת אַריינצודרינגען אינעם „אינטימען“ מהות פונעם גע־שילדערטן, ווייל דעם נייעם שטייגער פעלט נאָך בכלל דערוויל אַ פעסט־אויסגעפורעמטער כאַראַקטער, און צום אַלטן, יאָ אויסגעפורעמטן שטייגער באַציט זיך זיין געזעלשאַפט־ קריטישע סאַטירע מיט שטאַרקן ביטול.

די קאָנטור־אַרטיקע צייכענונג גיט דאָ דעריבער גאַנץ אָפּט בלויז מאַסקעס, פּיליסטערישן אַפּאַטעאָז (פונעם אויפגעקלערטן באַלעבאָס) פון איין זייט, און גראָטעסקישן חוזק פון דער אַנדערער. די פּאָזיטיווע שילדערונגען

זיינען אַ גוזמא צום גוטן, די נעגאַטיווע — אַ גוזמא צום שלעכטן. מע מוז אָבער פעסטשטעלן, אַז די „גוזמא צום שלעכטן" אַנטהאַלט אין זיך אומפאַרגלייכלעך מער ווירקלעכקייט, ווי די „גוזמא צום גוטן", ווי דאָס אידעאַלע בילד פונעם אויפגעקלערטן בירגער.

דעריבער זיינען אין אַקסענפעלדס ווערק די נעגאַטיווע פיגורן, זייערע פיזיאָנאָמיעס, קליידער, שטוב־חפצים, זייערע טאַטן, רייד און זשעסטן אומפאַרגלייכלעך לעבעדיקער געשילדערט, איידער די פּאָזיטיווע פיגורן און געמעלן. אויך די נעגאַטיווע, קריטיקירטע פאַקטן און געשעענישן זיינען אַ סך וויניקער אויסגעטראַכט און רעאַלער, איידער די פּאָזיטיווע „איידעלע", פּאַטעטיש־סענטימענטאַלע האַנדלונגען.

אַזוי, למשל, איז דאָס ערשטע בילד אין „ערשטן יידישן רעקרוט" (די אסיפה ביים פרנס־חודש) אַן אַ ערך לעבעדיקער און עכטער, איידער דאָס צווייטע בילד (ביים נגיד ר' אהרן אין שטוב) א. אַז. וו. דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער יידישער ליטעראַטור אינעם השכלה־פּעריאָד און פון אַלע ליטעראַטורן אין פריאיקע בורזשואַזע אויפקלער־פּעריאָדן בכלל.*

---

* פונעם 18טן יאָרהונדערט, אַמאָל אויך אין אָנהייב 19טן יאָרהונדערט אין מערב-אייראָפּע. פאַרשטייט זיך, אַז צו די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגס-פּעריאָדן פון דער בורזשואַזער ליטעראַטור האָט דאָס קיין שייכות ניט.

געוויסע „קריטיקער" זיינען נאָכן ערשטן דערשיינען פון דער דאָזיקער אַרבעט מיט גרויס אימפּעט אַרויסגעטראָטן קעגן די אויבן-אַרויסגעזאָגטע מיינונגען. זיי האָבן בכיוון פאַרשמירט דעם פּשוטן חילוק צווישן דער פיואיקייט פון אַן אינדיווידועלן קינסטלער לעבעדיק צו שילדערן אַ פּאָזיטיווע געשטאַלט און דער פיואיקייט פון אַ קלאַס צו שאַפן אין דער קונסט אָביעקטיוו אמתדיקע פּאָזיטיווע העלדן, גענומען פון זייער אייגענער סביבה. ס'איז קלאָר, אַז די בורזשואַזע וועלט-אַנשויאונג איז ניט פיואיק אויסצובויען אין דער קונסט אַ בורזשואַזן טיפּ, וואָס זאָל אָביעקטיוו זיין אַן אמתער פּאָזיטיווער העלד אין אייגנטלעכן באַדייט פונעם וואָרט. דאָס שליסט אָבער בשום-אופן ניט אויס, אַז דער בורזשואַזער קינסטלער זאָל געבן לעבעדיקע געשטאַלטן פונעם בורזשואַ און פון בורזשואַזע פאַרהעלטענישן אַפילו דעמאָלט, ווען ער באַציט זיך צו זיין פּאָזיטיוו. אַן אַנדער פראַגע איז: וויפיל איז אין די דאָזיקע געשטאַלטן פאַראַן רעאַלע, אָביעקטיווע ווירקלעכקייט און וויפיל אידעאַליזאַציע.

באַהויפּטן, אַז אַלע פּאָזיטיווע געשטאַלטן פון בירגער, וואָס די בורזשואַזע ליטעראַטור האָט געשאַפן, זיינען סכעמאַטיש און ניט לעבעדיק, וואָלט דאָך באַשיינפּערלעך געווען אומגעלומפּערט. צי וועט עמעץ באַשטרייטן, אַז די געוויסע פּאָזיטיוו-געמיינטע בורזשואַזע כאַראַקטערן, למשל, שלום אַשס „שלמה נגיד" — כדי צו ברענגען אַ ביישפּיל פון דער יידישער בורזשואַזער ליטעראַטור — זיינען ניט לעבעדיק געמאָלט? זיי זיינען פאַלש געמאָלט, פון אַ פאַלשער פּערספּעקטיוו, פון דער פאַרקריפּלענדיקער בורזשואַזער פּערספּעקטיוו — אָבער לעבעדיק געמאָלט. די „אידעאַלן" פון שלמה נגיד זיינען אומפאַרגלייכלעך נידע-

די אויפקלערערישע געשטאַלטן אין די ווערק פון דער פריאיקער אויפקלערונג, די געשטאַלטן, וואָס האָבן די אויפגאַבע אַרויסצוזאָגן די אָנשויאונגען פונעם שרייבער, זיינען נאָך דערווייל דער עיקר רעזאָניאָרן, און ניט קיין לעבעדיקע פּערזענלעכקייטן. די דאָזיקע פיגורן גופא זיינען נאָך דערווייל ראַציאָנאַליס־טיש צוגעטראַכטע „מוסטער־מענטשן״, אויפגאַבעס, וואָס דאָס בירגערטום שטעלט זיך און וועלכע עס פאַרווירקלעכט קיינמאָל ניט. דעריבער באַשטייט די „לעבעדיקייט״ פון אַזעלכע פיגורן דער עיקר אינעם רעדן, זייערע טאַטן זיינען בלאָס און ניט דורכגעזאַפּט מיט ווירקלעכקייט. די דאָזיקע כאַראַקטערן זיינען בלויז אוטאָפּיש, זיי זיינען פאַראַן בלויז ווי פּאָסטולאַטן, דעריבער זיינען זיי אין דער ליטעראַטור רעדנעריש־דידאַקטיש און סכעמאַטיש.

דאָס שליסט אָבער, פאַרשטייט זיך, ניט אויס, אַז עס זאָלן זיך אין אַזאַ

ריקער, נישטיקער, ווי די אידעאַלן פון עטינגערס מאַרקוס — און פונדעסטוועגן איז מאַרקוס פאָרט אָן אָן ערך סכעמאַטישער, ווי שלמה נגיד.

די סיבה איז דאָ, וואָס מאַרקוס איז אין דער ווירקלעכקייט פון עטינגערס צייטן בכלל געווען נאָך ווייניק רעאַל. מער אַן אידעאַל-וואונטש פונעם משכיל — און טאַקע אָן דער מעגלעכקייט אינעם לעבן פול פאַרווירק־לעכט צו ווערן. אַפילו זאָל זיין אין אַזאַ פאָרם, ווי עטינגער האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, מיט זיין גאַנצער (אָביעקטיוו גענומען) באַגרענעצטקייט. שלמה נגיד האָט יאָ געלעבט אין דער ווירקלעכקייט. ער איז ניט קיין אויסגעטראַכטע פיגור, ער איז בלויז משונהדיק-פאַלש צוגעפּוצט. אַלץ אין דער געשטאַלט, וואָס שטאַמט פון אַשם באַציאונג צו איר, איז פאַלסיפיצירט, אָבער דער סאָציאַלער טיפּ גופא איז דאָך אַ רעאַלער. ער איז אַזוי ווייט רעאַל, אַז אַפילו ניט-ווילנדיק, מיינענדיק דעם פאַרשוין צו לויבן, ווערט צומאָל אָביעקטיוו, אַפילו דורך די אידעאַליזירטע שטריכן, אַנטבלויזט איר העסלעכקייט.

אין פריאיקע אויפקלער-פעריאָדן זיינען די פּאָזיטיווע פיגורן געוויינלעך (ניט שטענדיק) שוואַך געשילדערט, ווייניקער לעבעדיק, סכעמאַטישער ווי די נעגאַטיווע. אין שפּעטערדיקע פעריאָדן פון דער אַנטוויקלונג ווערן די בורזשואַזע פאָדערונגען צו אַ „העלד״ אָן אַן ערך קלענער. דער בורזשואַ איז אין לעבן „רעאַליזירט״ גע־וואָרן, ער איז פאַראַן. זיין שילדערונג האָט געקאָנט ווערן לעבעדיקער. —

דער „ליטעראַטור-היסטאָריקער״ דובילעט, וואָס אין זיינע שרייבעכצן האָט ער אַ טבע גאַנץ אָפט פשוט איבערצודערציילן אין אַ ביסל אַ געענדערטער און פאַר־שטעלטער פאָרם דאָס, וואָס ער האָט, אָן שום איבערקלייב, ביי אַנדערע אויטאָרן אַרויסגעליויענט, וווּסט אַפילו ניט, וואָסערע פּלאַגיאַטן ס'זיינען גלאַט אומאָנשטענדיק און וואָסערע שעדלעך. ער חזרט איבער ווילדע חקירות און שרייבט: „עטינגערס פּאָזיטיווער אידעאַל — אַן אידעאַל אַ היפּש פּיליסטערישער — האָט ניט געגעבן קיין רייכן שטאָף פאַר זיין קינסטלערישער ענערגיע אינעם שילדערן די פּאָזיטיווע פיגורן.״ אפנים, אַז אַשם פּאָזיטיווער אידעאַל האָט אים, אַשן, יאָ געגעבן רייכן שטאָף פאַר זיין קינסטלערישער ענערגיע? דאָ איז די וואולגאַריזאַציע דערפירט ביז צום אַבסורד.

פּעריאָד און אַפילו ביי פּרימיטיווע טאַלאַנטן * באַווייזן אָנהייבן פון אַ מער־לעבעדיקער אינדיווידואַליזירטער כאַראַקטער־צייכענונג. טאָקע דעמאָלט, ווען די פּאָזיטיווע פיגור איז געשילדערט ניט אויסשליסלעך אַלס אידעאַל־בילד, נאָר מער אַנטשפּרעכנדיק צו דער ווירקלעכקייט. למשל, אַן נחמנען, ישראל שטשופּאַקן (פון דער „גענאַרטער וועלט״), מיכל מאַציִיווע א. אַז. וו. געפינען מיר שוין אַזעלכע — כאָטש טאָקע דערוויי׳ל נאָך שוואַכע — אָנצייכענישן פון אַ לעבעדיקער כאַראַקטער־שילדערונג.

4. סאַטירישע טראַגי־קאָמיק

די סאַטירישע מיטלען אָקסענפעלדס האָבן אַ נאַטוראַליסטיש־באַשרייבע־רישן כאַראַקטער, אין זיין מיליע־מאָלעריי גופא פאַרווירקלעכט ער זיין קריטישע כוונה, אינעם געגנויעם באַשרייבן דערגרייכט ער זיין אָפּשפּעט־מיין. וואָרים זיין סאַטירישער שמייכל איז געווענדט קעגן דעם שטעטלדיקן אָפּ־געשטאַנענעם שטייגער בכלל. אָקסענפעלד נעמט אַזוי אויף דעם דאָזיקן שטייגער, אַז מע דאַרף אים נאָר בלויז פּינקטלעך באַשרייבן, כדי ער זאָל זיך באַקומען קאָמיש.

אויפן דייטשן שער־בלאַט פון „ערשטן יידישן רעקרוט״ ווערט דאָס בוך באַצייכנט ווי „איין קאָמיש־טראַגישער ראָמאַן״. עס קאָן ניט מיט זיכערקייט געזאָגט ווערן, אַז דאָס דאָזיקע טיטל־בלאַט שטאַמט פון אָקסענפעלדס האַנט; יעדנפאַלס, דאַרף די כאַראַקטעריזירונג עפּעס באַטייטן, לפחות אַזויפיל, אַז זיינע נאָענטע חברים, צו וועלכע, אויב ניט צו אים, דאָס דאָזיקע טיטל־בלאַט מוז האָבן אַ שייכות, האָבן אַזאַ כאַראַקטעריזירונג געהאַלטן פאַר ריכטיק. מילא, דאָס „טראַגישע״ אינעם ווערק איז קלאָר, אָבער, וואָס, אַשטייגער, האָט אין „ערשטן יידישן רעקרוט״ געקאָנט באַטראַכט ווערן פון אָקסענפעלדן אָדער פון זיינע נאָענטע, ווי „קאָמיש״? מיטן וואָרט „ראָמאַן״ איז מן־הסתם געמיינט די ליבע־געשיכטע אינעם ווערק, דאָס וואָרט „טראַגיש״ דאַרף פאַרבייטן די אויס־געמיטענע, צוליב וואָסערע סיבות ס׳זאָל ניט זיין, ריכטיקע זשאַנר־באַצייכענונג (טראַגעדיע!). אָבער אויף וועלכע מאָמענטן אין ווערק ווערט געגעבן אַן אָנ־צוהערעניש מיט דער באַצייכענונג „קאָמיש״?

קלאָר, אַז אויפן גאַנצן לעבנשטייגער, וועלכער ווערט דאָ געשילדערט. דער גאַנצער דעמאָלטיקער שטעטלדיקער שטייגער בכלל איז באַנומען געוואָרן ווי עפּעס קאָמישס — בעת מע האָט געדאַרפט כאַראַקטעריזירן אין דער

* אָפּגערעדט פון די קלאַסיקער פון דער פּריאיקער אויפקלערונג. מירן זיך דערמאָנען אין דער מייסטערישער כאַראַקטער־שילדערונג אין פילדינגס „טאָם דזשאָנס דע געפינלינג״ און אין אַנדערע ווערק זיינע.

דיסטאַנץ, וואָס באַקומט זיך פון דער איבערזעצונג (אויף דייטש), דעם מהות פונעם בוך. באַשרייבן געגוי דעם דאָזיקן שטייגער האָט שוין באַטייט פון אים אָפּלאַכן.

עס איז קיין ספק ניט: ניט בלויז די פיגור נחמן ווערט אויפגעפּאַסט פון דעם מחבר אי ווי טראַגיש צוליב זיין גורל, אי ווי קאָמיש צוליב זיין אָפּגעשטאַנענקייט, וואָס האָט אים דערפירט דערצו, אַז מע זאָל אים קאָנען אַזוי גרינג אָפּנאַרן, נאָר אויך דאָס גאַנצע דעמאָלטיקע יידישע לעבן (אַ חוץ פון די אהרנס און זייערע מקורבים), — ווי טראַגי־קאָמיש.

קאָמיש־טראַגיש — דאָס איז בכלל איינער פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן אינעם בירגערלעכן געזעלשאַפט־קריטישן רעאַליזם. מע באַשרייבט אויספירלעך, און אין דער פּינקטלעכקייט גופא ליגט שוין זייער אָפּט די „לאַכנדיקע טרער", וואָס דאַרף לויט די פאַרשיידענע כוונות פון די אויפקלערערישע אָדער שפּעטערדיקע בירגערלעכע טענדענצן אי קריטיקירן, אי פאַרגלעטן און אפּאָטעאָזירן. די „לאַכנדיקע טרער" וויל אָפּשטעלן די קריטיק ביי באַשטימטע פונקטן, באַזונדערס אָבער איז זי כאַראַקטעריסטיש אין דער ליטעראַטור פון אַ געזעלשאַפט, וועמעס אָפּגעשטאַנענע פאַרמען סע עקזיסטירן אין אַ צו־בוילעטער סתירה צו די אַנטוויקלטערע טענדענצן פון דער צייט.

5. דערציילערישער נוסח און שפּראַך־סטיל

וועלנדיק זיין דורכאויס רעאַליסטיש און נאָכמאָלן פּינקטלעך דאָסווירקלעכע לעבן, האָט זיך אַקסענפעלד געמוזט אָנשטויסן אויפן נאַטירלעכן רייד־נוסח פון די מאַסן. אויך אין פּרט פון שפּראַך־נוסח דערקענען מיר ביי אים דייטלעך די שטריכן פון נאַאיוו־פּרימיטיוון רעאַליזם.

בלי־ספק איז אין אַקסענפעלדס שפּראַך־נוסח פאַראַן אַ שטאַרקע פּאָזיטיווע טענדענץ צו דער געזונטער, פרישער, שעפערישער מאַסן־שפּראַך. אָבער אויך אַקסענפעלד הייבט שוין אָן אונטערשיידן צווישן די געזונטע, שעפערישע עלעמענטן פון דער פאָלקס־שפּראַך און יענע כלומרשט „פאָלקסטימלעכע", פאַרקריפּלטע עלעמענטן, וואָס פאַרמיסטיקן די פאָלקס־שפּראַך און וואָס שטאַמען ניט לויט זייער אורשפּרונג פונעם האַרעפּאַשניקס שעפערישקייט, נאָר זיינען אַ רעזולטאַט פון דורותדיקן פאַרקריפּלטן לעבן, פון דורותדיקער אונטערדריקונג און פינצטערקייט.

די אויפקלערונג האָט אַ נטיה צו כלערליי פאָלקסטימלעכע פאַרמען און עלעמענטן, באַזונדערס אין פּרט פון שפּראַך, צוליב דער גרעסערער צוטריטלעכקייט פון די דאָזיקע שפּראַך־עלעמענטן און דער עיקר, ווייל די בירגערלעכע אויפקלערונג נעמט אין אַ באַשטימטן צייט־פּונקט אַרום אין אַ קלענערער

אָדער גרעסערער מאָס אויך די שטרעבונגען פון ברייטערע מאַסן — „די גאַנצע מענטשהייט, אַ חוץ די פּריווילעגירטע", — כאָטש זי אָריענטירט זיך אויף די בורזשואַזע טענדענצן. דאָס איבערגיין פון אַ טייל משכּילים צו דער יידישער שפּראַך (און אויך צו דעם שפּראַך־נוסח פון די מאַסן), כאָטש טאַקע קעגן דער באַוואוסטזיניקער פּראָגראַם פון דער השׂכּלה (אַמאָל אַפילו מיטן צוועק, כּדי אַזוי־אַרום די דאָזיקע שפּראַך אַמבעסטן צו באַקעמפן!), איז אויך אַ רעזולטאַט פון די דאָזיקע ווידערשפּרעכיקע פאַקטאָרן אין דער השׂכּלה.

דאָס מוז אָבער אין דער ליטעראַטור ניט שטענדיק פירן צו דער לעבעדיקער פאָלקסטימלעכקייט פון ווירקלעכן רייד־נוסח.

אַ סך עלטערע יידישע אויפקלערער־שרייבער (אַפילו פון די ניט־דייטשע לענדער) באַנוצן זיך, ווען לענדיק זיין „פאָלקסטימלעך", מיט אַ קאָנווענציאָנעל־אַנגענומענער ליטעראַריש־טראַדיציאָנעלער „פאָלקס־שפּראַך", וואָס איז לחלוטין ניט אידענטיש מיטן ווירקלעכן גערעדטן נוסח. מיר זעען דאָס, למשל, אין אַזעלכע „פאָלקס־ביכער", ווי „לעבן־מיטל" („סמא דחיי") פון מנשה איליער, „ספר רפואות" פון משה מאַרקוזע, „ראָבינזאָן, די געשיכטע פון אַלטער־לעב" (אַנאָנים) א. אַ. וו. כּלומרשט זיינען די דאָזיקע און ענלעכע ביכער געשריבן געוואָרן אין דער „פאָלקס־שפּראַך", אין אמתן האָט אַזאַ יידיש אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן קיינמאָל ניט עקזיסטירט. דאָס איז אַ קאָנווענציאָנעלער, קונציק־צוגעטראַכטער „ליטעראַרישער" נוסח, אין וועלכן דאָס עלטערע ביכערישע, שוין לאַנג ניט־גערעדטע יידיש־טייטש איז אויסגעמישט געוואָרן מיט נייע דייטשמעריזמען אָדער מיט ווירקלעך עכטע פאָלקסטימלעכע תּנועות, ווערטער און זאַצן.

אַ שמאָלע ליניע פון דעם דאָזיקן רודימענטאַרן, און מיט דער צייט מאָדיפיצירטן דייטשמערישן בוך־יידיש האָט זיך געצויגן ביי אַ טייל שרייבער ביז צום סוף פון דער השׂכּלה (ביז צו דיקן און ווייטער). נאָכקלאַנגען פון דעם דאָזיקן נוסח זיינען געוועזן אין דער ליטעראַטור נאָך אין די ערשטע צוויי צענדליקער פון אונדזער יאָרהונדערט. די עלטערע משכּילים (אַפילו נאָך דער יונגער מענדעלע) פלעגן שרייבן זייערע פּריוואַטע בריוו אין אַ טראַדיציאָנעלן „טייטש", וואָס איז שוין ווייט געווען פון עלטערן יידיש, אָבער פּונקט אַזוי ווייט פון דער לעבעדיקער שפּראַך, אין וועלכער זיי גופא פלעגן רעדן.

עס ציט זיך אָבער זייט מענדל לעפין און דעם אַנאָנימען מחבר פון דער „גענאַרטער וועלט", זייט עטינגער, לעווינזאָן, אַקסענפעלד, גאָטלאָבער און אַנדערע — אַ צענטראַלע ליניע פון דער שפּראַך־אַנטוויקלונג, וואָס האָט זיך דערשלאָגן צו דעם אייגנטלעכן, ווירקלעך גערעדטן פאָלקסטימלעכן שפּראַך־נוסח. דער דאָזיקער נוסח האָט זיך באַפרייט פון דעם אומנאַטירלעכן כּלומרשט־יידיש, פון דעם שפּינוועבס, וואָס שטאַמט פון דער טייטש־טראַדיציע.

צו די וויכטיקסטע „שפּראַך־אַנטדעקער“ אין אָנהייב פון דעם דאָזיקן אַנט־וויקלונג־פּעריאָד געהער אַקסענפעלד. ער איז צוגעגאַנגען צום עכטן רייד־נוסח מיט אַ קלאָרער באַוואוסטזיניקייט, סיי וואָס שייך דעם געזעלשאַפטלעכן באַדייט פון דער לעבעדיקער עכטער שפּראַך, סיי וואָס שייך אירע קינסט־לערישע ליטעראַרישע מעגלעכקייטן. ער איז דער אויספירלעכסטער און ווערטפולסטער פאַרשרייבער פון דער ווירקלעך־גערעדטער שפּראַך אין אוקראַינע אין יענער צייט.

דער שפּראַך־נוסח אַקסענפעלדס ווערט באַהערשט פונעם רעאַליסטישן פּרינציפּ, אָבער אין דער פּרימיטיווקייט פון זיין רעאַליזם ליגן די גרענעצן פון זיינע שפּראַכלעכע אויפטוען. זיין שפּראַך־נוסח איז ניט דורכאויס נאַטור־ראַליסטיש. אַקסענפעלד אָרגאַניזירט אים לויט באַשטימטע פּרינציפּן, אָבער לויט פּרימיטיווע און נאַאיווע. למשל דער אופן, ווי ער פּרוווט ניואַנסירן די שפּראַך פון אַ פאַרשוין דורך אַ דיאַלעקטישער אויסשפּראַך פונעם „ש“, דורך אומגעלומפּערטער איבערחזרונג פון אַ רייד־תנועה („מעסובע“, „פּאָסעט איז פּאָסעט“) א. אַז. וו.

ס'פילט זיך אין אַקסענפעלדס שפּראַך־שטראָם די פרייד פון דער ניי־אַנטדעקטער גראָמקייט, שפּע און אייגנאַרט, וואָס באַווייזן זיך אים פלוצים אין דער שפּראַך. ער פאַרכלינעט זיך רעדנדיק. אַקסענפעלד פאַרמאָגט נאָך ניט אין דער שפּראַך קיין קינסטלערישע דיסציפּלין, כמעט קיין שום קינסטלערישן וועגווייזער און טראַדיציע. ס'איז נאָך ניט פאַראַן די צונויפגערעדטע באַ־דינגלעכקייט פון דער פאַרקירצטער וואָרט־פיגור, פונעם געזעצמעסיקן, האַר־מאָנישן, לאָגישן און וואוילקלינגעוודיקן זאַצבוי, פון שיינער געשליפענער סינטאַקסיס. פּונקט אַזוי ווי ער מוז נאָכגיין, ניט האָבנדיק די טראַדיציע פונעם פאַרקירצטן בילד, אומבאַהאָלפן און אומגעניט, פּונקט אַזוי נאַאיוו, זאָרגעוודיק און אומבאַהאָלפן מוז ער נאָכגיין נאָך דער לעבעדיקער שפּראַך גופא, נאָך אַלע אירע חנדלעך, דריידלעך, שטיק און צופעליקייטן. אַפילו עטינגער, וואָס האָט זיך מיט דער צייט אויסגעבויט זיין אויסגעצייכנטן שפּראַך־סטיל, וואָס אין אָנהייב פון זיין שאַפן, ווי מיר זעען דאָס פון זיין עלטערן סערקעלע־וואַריאַנט (די יאָהאַניסבורגער אויסגאַבע), אויך געשריבן אַ סך רויער און פּרימיטיווער.

אַקסענפעלד שרייבט, „אַזוי ווי מע רעדט“, כאָטש מיר קאָנען אויך ביי אים געפינען באַשטימטע, זאָל זיין קוים אָנזעעוודיקע, אָנהייבן און פּרוואוון פון אַ סטיל־שטרעבן. בכלל איז זיין שפּראַך גענוג רוי, זיין סטיליסטיק פאָרמ־לאָז, די זאַץ־קאָנסטרוקציע אַ צופעליקע, סטיכייאישע, און אַפילו די גראַמאַטי־קאַלישע לאָגיק פון זיין זאַץ הענגט אויך דער עיקר אָפּ פון „אינסטינקט“ און צופאַל. אין דער אויסגאַבע פון אַקסענפעלדס ווערק האָב איך אַריינגעשטעלט

אין אַקסענפֿעלדס טעקסטן מיינע אָפּשטעל־צייכנס, דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַ באַשטימטע אָרדענונג אין דער סינטאַקסיס. דאָס טאָר אָבער ניט פֿאַרשטעלן דעם פֿאַקט, אַז אַקסענפֿעלדס שפּראַך־סטיל איז רוי און גראַמאַטיקאַליש צעשויבערט.

עטלעכע ביישפּילן (מיט דער אינטערפּונקטואַציע פֿונעם אָריגינאַל־דרוק):

„דער ערשטער יידישער רעקרוט אין רוסלאַנד, בשנת התקפ״ז דענצמאָל איז דער אוקאַז אָנגעקומען״ (טיטל)... „די שטוב איז אַ נייע ערשט נאָך דער שׂרפֿה אויסגעבויט אַ שטרויענעם דאַך, מיט פֿריזבעס, און ווייס פֿון דרויסן אָפּגעשמירט״ (אין אונדזער אויסגאַבע — ז. 149). „דער אונטערשלאַק בלאָער קיטיי זעט מען אומעטום אַרויס, און דער אונטערשלאַק האַלט דאָס גאַנצע מלבוש, ניט צוגעגאָרטלט: אַן ארבע־כּנפֿות פֿון ווייסער פּיקע נאָר זייער קויטיק, אין איין אַלטער פֿליסענער יאַרמיקע פֿול מיט פֿעדערן״... (ז. 149). „דאָס פּנים איז שוואַרצלעך און אַ ביסל נאָר געקאָרטשעט אונטערגעשוירן די וואָנצעס, האָט אַ פּנים ווי ער לאַכט. אַ לאַנגע נאָז, און שוואַרצע גרויסע אויגן אין אַ גאַנצן קיטיינעם קאַפּטן אַ ביסל אַ צעגאַנגענעם מיט אַ ברייטער סטראָקע אָן אויזערעס. אַ זיידענעם גאָרטל און מע זעט אַרויס, אַז דער אונטערגאָרטל איז אַ לעדערן בייגאָרטעלע. אַ נייעם הויכן ספּאָדעק אַ גוטן ער האַלט ביידע הענט אין גאָרטל״ (ז״ז 149־150). „...די שטיוועלעך מיט שפּיצן, געוועקסלטע, וואָס סקריפּען ווי אויף אַ פֿראָסט אַז מע גייט אינעם שניי, אין אַ גוט סויבלען היטל אויפֿן קאָפּ, קאָם־קאָם שיט זיך אַ בערדל און קליינע געגרייזלטע פּאהלעך, און אַ זיידן פֿאַטשיילעכן אַ רויטס שטעקט אַרויס פֿון דער זייטן־קעשענע״ („שטערנטיכל״, קאַפּ. 20). „דאָ הענגט אַ גרויסער שפּיגל און אַ קאָמאָדע מיט אַ שיינער קאַנאַפּע און זעקס שיינע פֿיינע בענקלעך״... („שטערנטיכל, קאַפּ. 13). „אַז מיכל איז מאָנטיק אינדערפֿרי געקומען צו אָקסמאַנען, האָט ער אים געטראָפֿן ווי ער איז געזעסן ביים שרייבן: אַז מיכל האָט געזען אַ שיין פֿריצעלע אַריינברענגען אויף אַ טאַץ קאַווע כּלים מיט קאַווע, דערביי זאָגט זי גוט מאָרגן. דערווייל ווי אָקסמאַן לייגט אַוועק דאָס שרייבן און נעמט זיך קאַווע צו טרינקען מיט אַ וויז דעם שיינעם יונגן פֿריצעלע אויף זיין בעט אין אַלקער אַריין (זי זאָל איבערציען דאָס בעטגעוואַנט)״ („שטערנטיכל״, דאָרט). „עס איז שוין שפּעט געווען ביינאַכט, דערצו איז אָקסמאַנס עסק, אַז מען מוז צום שפּיטאָל פֿאַרטראַכטן אַלץ מיטן טאָג גלייך איבערצוגעבן אויף די קעכן ביי די קראַנקע סאָלדאַטן, זאָלן האָבן וואָס צו קאָכן, האָט געמוזט בלייבן אויף אַכט טאָג שפּעטער, זאָל מען זיך צונויפֿקומען ביי ר׳ גרשון מאַר־גאָסין, דאָרטן וועט אָקסמאַן דערציילן די מעשׂה פֿון דעם ליפּע לעוויט מיט דעם פֿאַלשן שטערנטיכל״ („שטערנטיכל״, קאַפּ. 16).)

אַזעלכע, סיי גראַמאַטיקאַליש, סיי סטיליסטיש צעשויבערטע זאַצן קומען

פאַר ניט גאָר אָפּט, אָבער גענוג אָפּט אויף פעסטצושטעלן, אַז די גראַמאַטיקאַליש־סטיליסטישע גערעכטיקייט פון אַ זאַץ איז ביי אַקסענפעלדן מער אָפּהענגיק פון צופאַל, איידער פון באַוואוסטזיניקער אַרבעט.* דערצו פאַסט טאַקע דער פאַקט, אַז אין די רעפּליקעס (אַלצאיינס צי אין די פּיעסעס אָדער אין „שטערנטיכל״) זיינען די זאַצן ניט בלויז סטיליסטיש, נאָר אויך גראַמאַטיקאַליש פעסטער און גערעכטער געבויט, איידער דאָרט, וואו ער מאָלט און באַשרייבט. וואָרים אויך אינעם ווירקלעכן רעדן פאַרמאָגט אַן איבערגעגעבענער געשפּרעך מער גראַמאַטיקאַלישע לאָגיק, איידער די באַשרייבונג און שילדערונג אין אַ מעשה. אַ רעפּליקע דינט אינעם לעבן מער אוממיטלבאַר דעם צוועק זיך צונויפצורעדן און צו איבערצייגן, איידער אַ ווייניקער־קאָנקרעט פאַראינטערעסירטער און מער „אָביעקטיווער״ מעשה־באַריכט. פונדאַנען טאַקע נעמט זיך, אַז פאַר אָנהייבנדיקע ליטעראַטור־שפּראַכן איז אַמאָל גרינגער איבערצוגעבן דיאַלאָגן, איידער אויסצומאָלן זאַכן און געשעענישן.

* * *

אויב מיר זאָגן, אַז אַקסענפעלדס שפּראַך איז דער עיקר אַ „סטיכייאישע״, „אַזוי ווי ס׳רעדט זיך״, איז קלאָר, אַז מען קאָן בשום־אופן ניט כאַראַקטעריזירן אויפן זעלבן אופן אויך מענדעלעס און שלום־עליכמס שפּראַך־נוסח. עס איז גענוג צו פאַרגלייכן די שפּראַך פון די דאָזיקע צוויי קלאַסיקער מיט אַן עלטערן עטאַפּ פון דער ליטעראַטור־שפּראַך, למשל, מיט אַקסענפעלדס נוסח אָדער גאָר מיט דעם נוסח פון דער אַנאָנימער „גענאַרטער וועלט״, כדי איינצוזען, אַז די דאָזיקע כאַראַקטעריזירונג איז פאַר מענדעלעס און שלום־עליכמס שפּראַך דורכאויס ניט פּאַסיק, אַז די שפּראַך איז דורכגעגאַנגען אַ גוואַלדיקע אַנטוויקלונג און ליטעראַריזירונג, ביז זי האָט דערגרייכט דעם נוסח פון די דערמאָנטע מייסטערס.

זייער שפּראַך איז לחלוטין ניט קיין „סטיכייאישע״. דאָס איז אַ „פאָנעטישער טעות״. פאַרקערט, זייער שפּראַך איז ראַפינירט דורכסטיליזירט און אַמאָל אַפילו — אינעם פּאָזיטיוון זינען — שטאַרק „קינסטלעך״. פאַרשטייט זיך, אויך דער הויך־אַנטוויקלטער רעאַליזם אָריענטירט זיך אויף דער נאַטירלעכער רייד־שפּראַך. מע קאָן אָבער ניט זאָגן, אַז ער איז אַ קאָפּיע פון דער

---

* מיר געפינען אויך זאַכלעכע לאַפּסוסן און אומפּינקטלעכקייטן, וואָס ווייזן אָן אויף אַ ניט־גענויער קינסטלערישער דורכאַרבעטונג. למשל: „זינט פּריטיק אָן ווייגען אַלע מאַמעס, וואָס האָבן קינדער״ (אַקסענפעלדס ווערק, ב. 1, ז. 191). ס׳האָט אָבער געדאַרפט שטיין „פון שבת אָן״, ווייל שבת איז אָנגעקומען דער אוקאַז. מעגלעך, אַז דאָ איז שטיין געבליבן אַ וואָרט, דאָס ווייזט אויף אַ פריערדיקן, אַנדערן פּלאַן. אַקסענפעלד האָט זיינע ווערק, אַפּנים, גענוג גרינטלעך פאַרטראַכט, אָבער שפּעטער ווייניק דורכגעשליפן.

סטיכייאישער רייד־שפּראַך. ער נעמט פון דער רייד־שפּראַך באַשטאַנד־טיילן און עלעמענטן, די „רעאַליאַ“, אָבער די אָרגאַניזירונג פונעם זאַץ, זיין אויפבוי, צוזאַמענשטעל, זיין פאַרקירצונג אָדער צעציאונג, די קינסטלערישע דערפינדונג און גרופּירונג פון די פאַרשיידענע זאַצן זיינען דער אויפטו פונעם סינטעטיזירנדיקן קינסטלערישן שפּראַך־סטיליסט.

ווי נאַטירלעך עס זאָל ניט קלינגען מענדעלעס אָדער שלום־עליכמס נוסח — פאַקטיש איז ער אין לעבן, דורכאויס אין אַזאַ פאָרם, קיינמאָל ניט געווען. זייער „באַרעדעוודיקייט“ איז שטאַרק ענלעך צו דער ווירקלעכער „באַרעדעוודיקייט“, זי שפּיגלט זי אָפּ, ווייל זי איז רעאַליסטיש, געשעפּט פונעם ווירקלעכן לעבן; זי איז אָבער מיט איר ניט אידענטיש, זי איז ניט די „סטיכייאישע“, ניט איבערגעגעבן נאַטוראַליסטיש, „אַזוי ווי אין לעבן“. דער דאָזיקער נוסח איז אויף אַ ראַפינירטן אופן קינסטלעריש דורכסטיליזירט, באַשטימטע ניואַנסן זיינען אין אים גוזמאדיק פאַרשטאַרקט אָדער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, די גרופּירונג איז אַ בכיוונדיקע א. אַז. וו. דער לייענער האָט געלאַכט ביים לייענען שלום־עליכמס ווערק, ווייל ער האָט דווקא אין דעם דורכסטיליזירטן געוועב פון קינסטלעריש־איבערגעטריבענער קאָמיק זיך און זיין רעדן זייער דייטלעך דערקענט. מענדעלע און שלום־עליכם זיינען שוין גאָר ווייט אַוועק פונעם סטיכייאישן רייד־שטראָם. די ליטעראַטור־שפּראַך איז שוין ביז צו זיי דורכגעגאַנגען דעם געדריידלטן וועג: פון דער סטיליזירטער יידיש־טייטשער און דייטשמערישער בוך־שפּראַך צו דער נאַטירלעכער סטיכייאישער מאַסן־שפּראַך און פונדאַנען — צו דער ליטעראַטור־שפּראַך, וואָס האָט דערגרייכט אין זייערע און אין פּרצעס ווערק אַ העכסטע פאָרם פון קינסטלערישער באַאַרבעטונג פון דער לעבעדיקער פאָלקס־שפּראַך.

נאָך אין יענער צייט, ווען אַקסענפעלד האָט געשריבן זיין נאַאיוו־סטיכייאישן שפּראַך־נוסח, האָט זיך שוין אָנגעהויבן באַווייזן אַ באַוואוסטזיניקע סטיליסטישע קינסטלעריש־שלייפנדיקע אַרבעט איבער דער שפּראַך — אין עטינגערס ווערק. דאָ גייט ניט בלויז אין דעם, וואָס עטינגער האָט זיך גוט איינגעהערט און אויסגעצייכנט איבערגעגעבן די לעבעדיקע שפּראַך, נאָר אין דעם, אַז ער האָט דערהערט און קינסטלעריש אָרגאַניזירט די עכטערע, פיינערע ניואַנסן און שאַטירונגען ביי די פאַרשיידענע טיפּן, פון וועלכע ער לאַכט אָפּ, אינדיווידואַליזירנדיק זייער רייד־שטייגער. ביי אַקסענפעלדן זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע פּרואוון. זיי זיינען אָבער ביז גאָר נאַאיוו און אומבאַהאָלפן. לויטן גאַנצן כאַראַקטער פון זיין קינסטלערישן אינטערעס איז ער ניט אויסן צו מאָלן די פיגורן דער עיקר מיט דער הילף פון זייער אינדיווידועלן רייד־נוסח. ער לייגט ניט, ווי עטינגער, דעם טראָפּ אויף דעם אופן און שטייגער ווי זיי רעדן, נאָר דער עיקר אויף דעם, וואָס זיי רעדן. אין פאַרגלייך

מיט דעם אינהאַלט פון זייערע רייד און מיטן רעזולטאַט, וואָס באַקומט זיך פונעם דאָזיקן אינהאַלט פאַר דער אַקציע און פאַר די געשעענישן, בלייבט די שפּראַכלעכע פאָרם ביי אַקסענפעלדן אַ נעבן־זאַך.

* * *

די כמעט עטנאָגראַפישע גענויקייט אינעם פאַרשרייבן די לעבעדיקע שפּראַך גיט צו אַקסענפעלדס שפּראַך־רעגיסטראַציע (פּונקט ווי זיינע שטייגער־באַשרייבונגען) אַ חוץ ליטעראַרישן באַדייט אויך אַ באַזונדערס גרויסן שפּראַך־היסטאָרישן ווערט. זיינע ווערק זיינען אַ וויכטיקער דאָקומענט פאַר דער שפּראַך־געשיכטע פון יענער צייט.

דאָס הייסט אָבער פאָרט ניט, אַז אַקסענפעלד פּורעמט לחלוטין ניט איבער, טראַכט ניט צו און קאָנצענטרירט ניט לויט אַ באַשטימטן קינסטלערישן ווילן די שפּראַך פון זיינע רעפּליקעס און פון זיין דערציילן, אַז ס׳איז אין זיי ניטאָ קיין שום עלעמענטן פון אַ ליטעראַרישן שפּראַך־סטיל.

פּרוּוון אין דער ריכטונג באַמערקן מיר ביי אַקסענפעלדן יאָ. זיי זיינען נאָר זייער פּרימיטיוו און אומבאַהאָלפן. אַזוי, למשל, איז זיין פּרוּוו אויסצוטיילן די פיגורן לויט באַשטימטע סימנים פון רייד־שטייגער זייער פּראָסט און אַמאָל אַפילו אַנגעצויגן און האַמעטנע. זיינע שפּראַכלעכע דיפערענציר־מיטלען זיינען דאָס רוב איבערפלעכלעך און רוי, באַקומט זיך אָפט סכעמאַטישע פּאַראָדיסטיק, וואָס דערגייט אַמאָל ביז צו אַ ניט־געוואָלטן פּרימיטיוון גראָטעסק. אַקסענפעלד האָט ליב אָנצובינדן דער שפּראַך פון זיינע נעגאַטיווע פיגורן כאַראַקטעריסטישע מומים, פּונקט אַזוי ווי ער בינדט די דאָזיקע פיגורן אָן קערפּערלעכע מומים: אַ גוליע, אַ פּליך, אַ פאַרעך, שטאַמלעניש („שיפּע־ליאָווע"), שטומקייט, טויבקייט א. אַז. וו. אַזעלכע כאַראַקטעריזיר־מיטלען, ווי למשל: דאָס פאַרבייטן „ש" אויף „ס", דאָס אָפטע איבערחזרן אַ פּוסטע און אומבאַטייטיקע פראַזע („פאַסעט איז פאַסעט", „מעסונע" א. אַז. וו.), אָנגעוואַלגערטע קללות און ווערטלעך (ברכה, וועלוול גיליוואַטע א. אַ.) נוצט אַקסענפעלד אויס (להיפּוך צו עטינגערן) אויף גאָר אַ פּרימיטיוון און נאַאיוון אופן. אַמאָל לאָזט ער אַ פיגור באַנוצן בילדער פון זיין פּראָפעסיע (למשל, דער אַקסן־הענדלער ייסראַליק אַקראַינער פאַרגלייכט די קהילה מיט די אָביעקטן פון זיין האַנדל (באַנד 1, ז. 162). עס פעלט אים אָבער די מיטלען אויסצושלייפן אַזאַ דעטאַל און אים געהעריק אונטערצושטרייכן. דאָס כאַראַקטעריזירן דעם מה־יעשהניק דורך דעם אומגעלומפּערטן איבערחזרן „פרומעלע פיין, פרומעלע שיין", דעם משוגענעם פאַרצווייפלטן צושטאַנד פון ציפּרען (ב. 1, ז. 193) — דורך איבערחזרן די ניט־מאָטיווירטע אומעכטע פראַזע — „אַ מיידעלע זאָל גיין אין חדר אַריין" א. אַז. וו. ווייזט אונדז, ווי שוואַך עס זיינען געווען אַקסענפעלדס שפּראַכלעכע כאַראַקטעריזיר־מיטלען.

אַקסענפעלד האָט זיך אָבער פּינקטלעך איינגעהערט צו די פאַרשיידענע רייד־שטייגערס פון די פאַרשיידענע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פּראָפעסיאָנעלע שיכטן און גרופּעס און האָט זיי מיט פּינקטלעכקייט פאַרפיקסירט. זיין שפּראַך־נוסח איז „עטנאָגראַפיש" דיפערענצירט לויט גאַנצע שטייגער־גרופּעס און געגנטן, און ניט לויט קאָנקרעטע אינדיווידועלע כאַראַקטער־פיגורן. דער אַנטוויקלטער רעאַליזם דיפערענצירט דעם שפּראַך־נוסח טאָפּלט: לויטן סאָציאַלן שיכט, און אינעם סאָציאַלן שיכט גופא — לויטן קאָנקרעטן אינדיווידועלן כאַראַקטער און לויט דער קאָנקרעטער סיטואַציע. אַקסענפעלד באַנוגנט זיך מיטן ערשטן עטאַפּ. אין אַקסענפעלדס ווערק פאַרמאָגן מיר דאָקומענטן וועגן דער דעמאָלטיקער שפּראַך פון אַן אָפּגעשטאַנענעם קרעמער, פון אַ שענקערקע, אַ רבין, אַ חסיד, פון אַ פרומלעכער שדכנטע, פון אַ גבאי, אַ שמוגלער, אַ מילנער, פון אַ משכילישן וואוילן־יונג (ישראל שטשופּאַק), פון אַ פאַרשייטער חסידישער טאָכטער, פון אַ נאַאיוו צניעותדיק מיידל, פון אַ תמימותדיקן דיין און אַפילו פון אַ פאַרשיכורטן רוסישן אָפיצער און יאַמ־שטשיק (זייער רוסיש ווערט געווענוג פלינק איבערגעגעבן אין דער יידישער שפּראַך), אָבער אַ קינסטלעריש־ניואַנסירטע פערזענלעכע שפּראַך וועלן מיר אין זיינע רעפּליקעס ניט געפינען. די שפּראַך פון די פיגורן, וואָס געהערן צו איין שטייגערישער גרופּע, דיפערענצירט זיך ביי אַקסענפעלדן דער עיקר „כמותדיק" און זייער זעלטן אויך לויטן „איכות". אָבער קיינמאָל גייט זי ניט אַרויס פון אַ זייער אַלגעמיינעם טיפּישן גדר.

* * *

די זעלבע סיבות, וואָס רופן אַרויס די אַנטשטייאונג פון אַ ליטעראַטור אין אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, דערפירן ביי אַ באַשטימטן צייט־פּונקט פון אַנט־וויקלונג אויך דערצו, אַז די שפּראַך זאָל זיין „רעאַליסטיש", דאָס הייסט די ווירקלעכע שפּראַך פון די מאַסן. דאָס באַטייט אָבער נאָך ניט, אַז דער שרייבער פון אַזאַ צייט מוז האָבן אַ דורכאויס פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער דאָזיקער שפּראַך בכלל אָדער צו אַלע אירע טיילן. פאַרקערט, ס'איז מעגלעך, אַז די גאַנצע שפּראַך בכלל אָדער באַשטימטע טיילן אירע וועלן אַריינגעצויגן ווי אָביעקטן פון דער קריטיק. עס טרעפט זיך, אַז אַ שרייבער נעמט זיך שרייבן אין דער פאָלקס־שפּראַך גראָד כדי צו אַגיטירן קעגן איר (און צו באַווייזן די נויטווענדיקייט איבערצוגיין אויף דער אַלגעמיינער לאַנד־שפּראַך), אָדער קעגן באַשטימטע טיילן אירע...

וואָס שייך אַקסענפעלדן, קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז ער באַווייזט אַ היפּש ביסל איראָניע צו דער גראָבער קללות־שפּראַך פון ברכה, צו וועלוול גילי־וואַטעס „למשלען", צו גבריאל שדס „משונהוועץ", צו דער פרומלעכער גע־קנייטשטער שפּראַך פון די רביים און זייערע אָנהענגער, צו כאַנציס יאַכנישן

נוסח. עס פילט זיך דייטלעך אין זייערע רעפּליקעס אַ פּאַראַדיסטישער טאָן, אַ באַכשפּעטערישע אינטאָנאַציע און אַ נאָכקרימעניש פון זייער מימיק. אין די דאָזיקע עלעמענטן דערלאַנגט אַקסענפעלד אַ היפּשן טייל פון יענער קאָמיק, וואָס ווערט צוגעזאָגט אינעם דייטשן טיטל פונעם „ערשטן יידישן רעקרוט״. פון באַשטימטע שטריכן אין דער שטייגער־שפּראַך האָט אַקסענפעלד געגוג דייטלעך אָפּגעלאָכט. דאָס האָט אַנטשפּראָכן צו זיין חוזק איבער דער שטעטלדיק־פּעדאַלישער אָפּגעשטאַנענקייט.

אין דער אייגענער צייט מוז אָבער פעסטגעשטעלט ווערן, אַז געוויסע שטריכן פון בירגערלעכן „אַריסטאָקראַטיזם״, וואָס פילן זיך אַמאָל אינעם אופן, ווי עטינגער שפּעט אָפּ פון דער שפּראַך פון באַשטימטע טיפּן, פעלן אינגאַנצן ביי אַקסענפעלדן. אויך אין דעם פּרט פילן מיר אין אַקסענפעלדס שאַפן דייטלעכער די ווירקונג פון די ברייטע מאַסן, איידער ביי עטינגערן.

אַקסענפעלד * האָט אַ קלאָרן באַגריף וועגן דעם ווערט און די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס ליגן דווקא אין דער ניט־אָפּגעניצטער, פרישער, געדיכטער מאַסן־שפּראַך. ער קוויקט זיך אָפּטמאָל אפילו מיט אַ האַמעטנע וואָרט; אַפילו ווען ער איראָניזירט איבער דעם, האָט ער אַמאָל דערצו אַ צווייענדיקע באַציאונג.

אַ חוץ דעם בירגערלעך־אויפקלערערישן אינטערעס, דערקענען מיר אין אַקסענפעלדס באַציאונג צו דער שפּראַך אַ טיף דעמאָקראַטישן שטריך. ער האַלט פאַר מעגלעך אַרויסצוזאָגן אַלע זיינע געדאַנקען וועגן געזעלשאַפטלעכע ענינים אינגאַנצן בלויז אינעם „פּראָסטן״ לשון, אָן הילף פון דייטשמעריזמען, אויסקומענדיק מיט די געוויינלעכע בילדער און באַגריפן פון דער מאַסן־שפּראַך — און דאָס איז דעמאָלט גאָר ניט אַזוי גרינג געווען.** מען קאָן דאָס אייגענע זאָגן אויך וועגן עטינגערן. מע מוז אָבער געדענקען, אַז עטינגערס ווערק אַנטהאַלטן ניט אַזאַ ברייטן געזעלשאַפטלעכן „אני־מאמין״, ווי אַקסענפעלדס, אַז עטינגער האָט ניט אַרומגעכאַפּט אַזויפיל געזעלשאַפטלעכע פראַגן און האָט זיך ניט אַזוי אויספירלעך וועגן זיי אַרויסגעזאָגט. אַקסענפעלדס געדיכטער און פעטער נאַטירלעכער שפּראַך־שטראָם, וואָס פּאַסט אַזוי גוט צו זיינע פּראָסטע, נאַאיווע, אַ ביסל אידילישע (ביי דער גאַנצער שאַרפער געזעלשאַפט־קריטיק) און פאַרביקע געמעלן, האָט פאַר אונדז אַ באַזונדערן חן. מיר פילן אין זיין ניט־געהובלעוועטער שפּראַך קרעפטיקע פאָלקסטימלעכע זאַפטן, אין זיין סאַטירישן שפּראַך־נוסח — דעם המונישן חוזק איבער דער פאַרקריפּלטער קלעריקאַלישער ווילדקייט.

---

* דאָס האָט אויך אַ שייכות צו עטינגערן.

** זע אויבן, זייט 105, לעווינזאָנס מיינונג וועגן יידיש.

דאָס כאַראַקטעריזירן אַקסענפעלדן אַלס „נאַאיוו־פּרימיטיוון רעאַליסט" טאָר ניט פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ סך־הכלדיקע ווערט־אָפּשאַצונג, נאָר ווי אַ פעסטשטעלונג פון זיינע היסטאָריש־באַדינגטע פאָרם־מיטלען. עס איז ניט געדרונגען, אַז אַ פּרימיטיווער רעאַליסט מוז שטענדיק און אין אַלע פּרטים לויט זיין סך־הכלדיקן קינסטלערישן ווערט נידעריקער שטיין, איידער אַ שרייבער מיט מער אַנטוויקלטע פאָרם־מיטלען. עס קאָן פאָרקומען, אַז אין פּרט פון קינסטלערישן און אידייאישן טעמפּעראַמענט, אין פּרט פון אויסדרוק און ווירקונג־כוח, פון ברייטקייט אינעם פאַרנעם, פון געשטאַלטיקונג און פון ממשותדיקער לעבעדיקייט אין דער קינסטלערישער אָפּשפּיגלונג זאָל גראָד אַמאָל אַ פּרימיטיווער רעאַליסט העכער שטיין, איידער דער אָדער יענער פאָרמעל־קינסטלעריש מער פולקומער שרייבער. עטינגער איז, למשל, אין פאָרמעל־טעכנישן זינען אומפאַרגלייכלעך באַדייטנדיקער, איידער אַקסענפעלד. אָבער אין עטלעכע פון די פּרטים, וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס דערמאָנט, שטייט ער נידעריקער, איידער אַקסענפעלד. וואָס שייך די דאָזיקע פּרטים, געפינט זיך אַקסענפעלד נעענטער צו די קלאַסישע אויפטוען פון דער יידישער ליטעראַטור (אין די ווערק מענדעלעס און שלום־עליכמס), איידער עטינגער.

אַקסענפעלדס „פּרימיטיווקייט און נאַאיווקייט" אין דער מאַניר איז באַדינגט ניט בלויז דורך דער אומבאַהאָלפנקייט פון אַ שוואַכער, ניט צוגעגרייטער פאָרם־אַנטוויקלונג. אַקסענפעלד האָט זיך באַמיט: „...אַרויסגעפינען קאָמישע און צוגלייך באַלערנדיקע געשעענישן פונעם ווירקלעכן לעבן... אַז דער עולם וועט זיך דורשטיק אָנכאַפּן אָן דעם אינהאַלט פון דעם ווערק... ער וועט מוזן דערפילן אַ פאַראַכטונג צו דער גאַנצער הסידישער סעקטע און דערמיט ווערט דערגרייכט מיין ציל." די נאַאיווע „עכטקייט" (וואָס טאָר ניט פאַרביטן ווערן מיט „טענדענצלאָזן" נאַטוראַליזם) איז אויסן פאַרשטאַרקטע סוגעסטיווע ווירקונג פון דער קריטישער סאַטירע אויפן פּראָסטן לייענער. פאַר דער דאָזיקער אויפגאַבע וואָלט, למשל, דער ראַפינירטער רעאַליזם מענדעלעס (און אַפילו עטינגערס) ניט געווען פּאַסיק — ער וואָלט דעמאָלט פּשוט ניט דערגאַנגען צום לייענער און ניט דערגרייכט דעם צוועק.

6. אַקסענפעלד באַדייטונג

עס איז נייטיק נאָכצוגיין נאָך די „פאָלקיסטישע" רעאַקציאָנערע גוזמאות וועגן דעם כוח, וועגן דער „בשמהדיקייט און זאַפטיקייט" פונעם פּרימיטיוו, כדי צו דערקלערן די ספּעציפישע מעלות פון אַקסענפעלדס ווערק. זייערע מעלות ליגן דער עיקר ניט אין דער פּרימיטיווקייט, זיי זיינען פאַראַן טראָץ דער פּרימיטיווקייט, ניט אין דער פורעמלאָזער סטיכייאישקייט, נאָר גראָד אין דער אָנשטרענגונג צו פורעמען און אַרויסצוהייבן זיין אַגיטאַטאָריש וואָרט

פון הוילער און רויער פרימיטיווקייט; אויף וויפיל עס איז אים געראָטן, אַז די פרימיטיווקייט פון דער מאַניר זאָל ניט פאַרשטעלן די לעבעדיקייט פון זיינע בילדער.

זיין קרעפטיק־פּאָבולירנדיקער קינסטלערישער טעמפּעראַמענט היט אים דרך־כּלל אָפּ פון לאַנגווייליקע, באַטראַכטערישע אָדער לירישע אָפּנויגן, פון פּוסטע איבערחזרונגען און ליידיקע ערטער, וואָס כאַראַקטעריזירן געוויינלעך אַ צו־נאַאיוון, צו־אָנהייבערישן רעאַליזם מיט אַ שטאַרק אויסגעשפּראָכענער טענדענץ. די אַקציע שטרעבט ביי אים — אָן זייטיקע גענג, אָן באַריידעוודיקע אָפּנויגן — פאָראויס צו דער לייזונג. אַזוי, למשל, געפינען מיר ניט אין זיינע פּיעסעס קיין שום מאָנאָלאָגן (סיידן — דער זייער לעבעדיקער מאָנאָלאָג פונעם שיכּורן גבריאל); אין עטינגערס „סערקעלע״ זיינען יאָ פאַראַן צוויי מאָנאָלאָגן, כאָטש טאַקע לויט קלאַסישע מוסטערן זייער פלינק קאָמפּאָנירטע.

אויפמערקזאַם און וואַכיק רופט זיך אַקסענפעלד אָפּ כמעט אויף אַלע וויכטיקסטע פראַגעס פון זיין געזעלשאַפטלעכער סביבה אין זיין צייט. זיינע שילדערונגען זיינען פאַרביק און בוילעט, פון לעבן דורכגעדרונגען, פונקט ווי זיינע ווערטער. זיין קאָמפּאָזיציע איז דורכגעפירט מיט קאָנסטרוקטיווער פאַרשטאַנדיקייט און פאַרהעלטניסמעסיק קאָנצענטרירט (אַ חוץ דער לייזונג, ביי וועלכער ער האַלט זיך אַמאָל צו לאַנג אויף און פּאַסמאַקעוועט אַ ביסל צו אויספירלעך די המצאות פון דער איבערראַשונג.) כאָטש זיין פּאַבול און סוזשעט זיינען באַווירקט פון אַ ווייט ניט־ערשטראַנגיקן צייט־געשמאַק, זיינען פונדעסטוועגן די אויסגעבויטע סיטואַציעס גענוג דערפינדעריש און לעבעדיק.

איז פאַראַן ביי אים עפּעס־וואָס פון סענטימענטאַליזם, ווי ביי יעדן אויפקלערערישן זשאַנר־מאָלער, אָבער זיין סענטעמענטאַליזם איז איינגעהאַלטן, אָן זיסלעכקייט אָדער גאָר וויינעוודיקייט. און כאָטש „דער ערשטער יידישער רעקרוט״, למשל, איז אַ טיפּיש „ריר־שטיק״ (אַ באַגריף, וועלכן דידראָ האָט דער ערשטער אַרויסגעשיילט פון דער בירגערלעכער דראַמע), איז עס אָבער לחלוטין ניט קיין Comédie larmoyante. זיין באַאָבאַכטונג־פעיִקייט איז שאַרף, די שילדערונג — לעבעדיק און פאַרביק.

באַזונדערס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן די אָפּטימיסטישע שטימונג פון זיין שאַפן. מיר פילן אין אַקסענפעלדס ווערק דעם גלויבן אינעם פּאָר־שריט פון דער געשיכטע. פונדאַנען שטאַמט די העלקייט, די ציכטיקייט פון געפילן אין זיין שאַפן. פאַראַן שרייבער, און אַפילו גאָר באַדייטנדיקע, וואָס זייערע ווערק מאַכן אויף אונדז אַ דריקנדיקן איינדרוק, זיי פאַרקלעמען אונדז דאָס האַרץ, זיי סטימולירן ניט צו קיין טאַט, די בילדער זיינען ביי זיי דורכ־געזאַפּט מיט האָפענונגסלאָזע אָנשויאונגען, און ווי פאַרהילט דאָס זאָל ניט זיין, ווירקט דאָס קלעמענדיק אויפן געמיט פונעם לייענער. אַנדערע שרייבער,

פון אַ העלערן, ליכטיקערן מין, רופן מיט זייערע ווערק אַרויס אַ באַפרייענ־דיקע, לעבנס־פריידיקע שטימונג, אַפילו ווען זיי שרייבן טראַגעדיעס, אַפילו ווען זיי שילדערן טרויעריקע, שווערע לעבנס־צושטאַנדן. די וועלט־אָנשויאונג פון דער אויפקלערונג בכלל האָט פאַרמאָגט זייער אַ סך פונעם גלויבן אינעם פאָרשריטלעכן גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע, פונעם גלויבן אינעם פאָלק, אין זיין שעפערישקייט. דאָס האָט געגעבן די שרייבער פון דער אויפ־קלערונג — אַפילו יענע, וואָס זיינען אַלס קינסטלער ניט געווען פון ערשטן ראַנג, — דעם מונטערן גרונט־טאָן, די העלקייט פון דער שטימונג. דעם דאָזיקן גלויבן, די דאָזיקע שטימונג האָט אויך פאַרמאָגט דער אויפקלערער אַקסענפעלד. ער דערציילט וועגן טרויעריקע געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן — אָבער אומעטום שלאָגט זיך דורך זיין אָפּטימיזם, זיין קאַמף־פריידיקייט. דאָס היט אָפּ זיין סאַטירע פון צו שאַפן אַזעלכע טריוויאַלע שאַרזשן, ווי מיר זעען זיי, למשל, ביי גאָטלאָבערן („דעקטוך"). דאָס גיט אַקסענפעלדן אַ ציכטיקן חן. ניטאָ ביי אַקסענפעלדן קיין שום וואַקלונגען בנוגע זיינע אויפקלערערישע אָנשויאונגען. מיר פאַרמאָגן מוסטערן פון זיין שאַפן כמעט פערציק יאָר. פאַר אָט דער גאַנצער צייט בלייבט אַקסענפעלד קאָנסעקווענט ביי זיינע אויפקלערערישע אָנשויאונגען. ניטאָ ביי אים אַזעלכע וואַקלונגען און צומאָל פרומאַקישע טענות, ווי ביי גאָטלאָבערן, זיין סאַטירע איז אַמאָל ניט גענוג טיף, אָבער מיר וועלן ביי אים ניט געפינען קיין וואולגאַרע אָדער גאָר ציניש ערטער, ווי ביי אַנדערע משכילים. מיר וועלן ביי אים ניט געפינען קיין ישיבה־בחורשע חכמות. זיין שאַפן רופט אומעטום אַרויס דעם איינדרוק פון אידייאישער ציכטיקייט און זויבערקייט.

זיין רעאַליזם איז ניט טרוקן, ניט „סאַטיריש ביטער". עס רייסט זיך ביי אים דורך אַ „געמיטלעכער" פריילעכער הומאָר (אַלס ביישפּיל: ווען דער גוטער־ייד אין דער „גענאַרטער וועלט" ווערט געוואויר, אַז יחיאליק האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָלט זינדיקן, לאָזט אים אַקסענפעלד זיך בייזערן: „אוי, אין מיין ווינקל זאָל זיך אַזעלכס טרעפן, זאָל זיך אַזעלכס טרעפן"... און נאָך אַ לאַנגער טיראַדע ענדיקן: „...קודשא בריך הוא, איך בין עס מקבל באהבה!" אָדער די הומאָרפולע סצענעס צווישן וואָדקין און פּאָמאַ: „צאַר סאָלאָמאָן איז דאָך אַ ייד געוועזן, כאָטש ער איז געווען איבער אַלע רוחות אַ צאַר, איז ער פּאַרט נאָר אַ ייד געוועזן, און איך בין אַ שטאַבס־קאַפּיטאַן, אָן אָפיצער..." א. אַז. וו.); דער שמועס צווישן ליפשע דער מויד און כאַנציק, דער מאָנאָלאָג פונעם שיכורן גבריאל־שד א. אַז. וו.

די טענדענץ איז ביי אים דאָס רוב גענוג אָרגאַניש אַריינגעוועבט אין דער אַקציע, ער קומט אויס אין זיינע פּיעסעס מיט פאַרהעלטניסמעסיק וויניק רעזאָניאָרישע רעפּליקעס, עס זיינען פאַראַן ערטער אין זיינע פּיעסעס, וואָס

דערהייבן זיך ביז צו דער מדרגה פון אמת קינסטלערישן רעאַליזם. אַזוי, למשל: אין באַשטימטע טיילן פון דער ערשטער סצענע אין „ערשטן יידישן רעקרוט“; אינעם שמועס כאַנציס מיט דער שענקערקע און דערנאָך מיט נחמנען, וואָס ווערט פלינק קאָנטראַפּונקטירט מיט דעם שיכורן גבריאל שדס מאָנאָלאָגן; אינעם שלוס-בילד; אינעם „מענדעלישן“ בילד פון דער ערשטער סצענע אין „מאַן און ווייב“ א. אַז. וו., א. אַז. וו. באַשטימטע פיגורן, וואָס אַקסענפעלד האָט געשאַפן, בעטן זיך באַטראַכט צו ווערן ווי פּראָטאָטיפּן פאַר שפּעטערדיקע קלאַסישע געשטאַלטן. אויב מע רעדט, למשל, וועגן אַ „שלום-עליכם-הומאָר פאַר שלום-עליכמען“, וואָלט מען געקאָנט זייער פּאַסיק אָנווייזן אויף דער פיגור פון וועלוול גיליוואַטע.

דער אינטערעס פאַרן האַלב-דאָרפישן פּעאָדאַלישן קליינעם שטעטל,* וואָס הייבט זיך אָן אין דער יידישער ליטעראַטור זייט אַקסענפעלדן, איז גאָר ניט אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער, סטיכייאישער, ווי מע וואָלט געקאָנט מיינען. ביז צו אַקסענפעלדן איז די יידישע ליטעראַטור לויט אירע טעמעס געווען אַ שטאָטישע. אַקסענפעלד ברענגט אין דעם פּרט אַ באַוואוסטזיניקן איבערבראָך, אַ קער פון דער דייטש-יידישער און גאַליציש-פּוילישער טראַדיציע (צו וועלכער עס געהער אויך עטינגער). דאָס איז, פאַרשטייט זיך, דער עיקר אַ רעזולטאַט פון די ספּעציפישע באַדינגונגען פון די יידן אין אוקראַינע און פון די אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען אין רוסלאַנד פון יענער צייט, אָבער אין אַ געוויסער מאָס אויך פון דער השפּעה, וואָס האָט אָנגעהויבן אַריינקומען פון דער רוסישער ליטעראַטור אין דער יידישער. אַקסענפעלד איז דער ערשטער יידישער בעלעטריסט, ביי וועלכן עס איז קענטלעך אַ ווירקונג פון דער רוסישער ליטעראַטור, כאָטש ער איז בלי-ספק באַווירקט געוואָרן אויך פון דער דייטשער. אין דעם פּרט איז אַקסענפעלד אַן ערשטער.

מיט אַקסענפעלדן הייבט זיך אָן אַ ריי דורות „רוסיש-יידישע“ (צום גרעסטן טייל אוקראַינישע) שרייבער, וואָס זיינען פאַרבונדן אַמאָל מער, אַמאָל וויניקער אָדער גאָר דער עיקר מיט די טראַדיציעס פון דער רוסישער ליטעראַטור.

* * *

---

* אַקסענפעלדס דערציילונג „נאָך צוויי האָזן“ („זאַ דוואומיאַ זאַיצאַמי“), וואָס האָט זיך אָפּגעהיט בלויז אין דער רוסישער איבערזעצונג, געהער לויט באַשטימטע סימנים צו אַ שפּעטערן פּעריאָד, איידער אַלע זיינע איבעריקע אָפּגעהיטע ווערק. די דאָזיקע דערציילונג ווייזט שוין דווקא יאָ די געמישטע שטריכן פון גרויסשטאָטיש-קייט (אָדעס) און פּראָווינציעלישקייט, וועלכע מיר געפינען דערנאָך ביי שלום-עליכמען. אגב, דערמאָנען אויך אַנדערע פּרטים אין דער דערציילונג אין באַשטימטע שטריכן פון שלום-עליכמס שאַפן.

די קריטיק פונעם שטייגעריש זייער אייגנאַרטיקן און אָפּגעשטאַנענעם פּראָווינץ־לעבן פאַרשטאַרקט געוויינלעך די נטיה צו ברייטער שטייגער־שילדערונג.* וואָס ווערט בכלל באַדינגט דורך דער געזעלשאַפט־קריטישער טענדענץ. די מער פאַרשאַרפטע שטייגערישקייט, דאָס הייסט דאָ — די מער פאַרשאַרפטע געזעלשאַפט־קריטיק, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם ווילדן אַנאַכראָניזם פון לייב־אייגנטימערישער פעאָדאַלישקייט אין אַ פּעריאָד, ווען ס'הייבט זיך אָן אַנטוויקלען דער קאַפּיטאַליזם, האָט געגעבן אַקסענפעלדן קרעפטיקע, אייגנאַרטיקע שטריכן. ער האָט זיך גרינגער און גרינטלעכער, איידער עטינגער, געקאָנט באַפרייען פון קלאַסישע און פּסעוודאָ־קלאַסישע מוסטערן, וואָס האָבן געצוואונגען צו מער אָדער ווייניקער פולקומע און געראָטענע נאָכמאַכונגען. ערשט מיט אַקסענפעלדן הייבן זיך אָן אויסבילדן די אָריגינעלע, אייגנאַרטיקע שטריכן פון דער יידישער ליטעראַטור.

עס איז נאָך ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן דער גראַד פון אַקסענפעלדס ליטעראַרישער ווירקונג אויף דער אויספאָרמירונג פון דער יידישער ליטעראַטור. כאָטש מע קאָן שוין מיט אַ געוויער זיכערקייט פעסטשטעלן באַשטימטע ווירקונגען אויף מענדעלען, למשל.** אַקסענפעלד אַליין פאַר זיך האָט אָבער טאַלאַנטפול, מיט אַ קרעפטיקן ליטעראַרישן טעמפּעראַמענט, מיט דער פרישקייט פון אַ שרייבער, וואָס „אַנטדעקט" צום ערשטן מאָל קינסטלערישע רויערד, ברייט און פאַרביק פיקסירט גאַנצע ריזיקע שטיקער פונעם מאַטעריעלן, געזעלשאַפטלעכן און אידעאָלאָגישן לעבן אין זיין קאַנט און אין זיין צייט.

אַקסענפעלדס שאַפן איז געווען פאַרבונדן מיט די באַדערפענישן פון די פאָלקס־מאַסן נאָך ליכט און אויפקלערונג. ער איז געווען פאַרבונדן מיט דער שעפערישקייט פון די מאַסן. און אָט דאָס טאַקע מאַכט אים אונדז נאָענט און גיט אים ווערט און באַדייט אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור. דאָס האָט אים געמאַכט פאַר איינעם פון די גרונטלייגער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, פאַרן וויכטיקסטן פאָרגייער פון מענדעלען און שלום־עליכמען.

קיעוו, 1929.

---

* זשאַנר־מאַלעריי איז שטענדיק געווען מער פאַרבונדן מיט דער שילדערונג פון דער פּראָווינץ, איידער מיט שילדערונגען פונעם שטאָטישן אָדער גאָר הויפּט־שטאָטישן לעבן. אין דער פּראָווינץ איז דער שטייגער געדיכטער, סטאַבילער, מער פאַרגליווערט.

** אגב, דער מענדעלע־מוזיי אין אָדעס פאַרמאָגט אַן עקזעמפּליאַר פון „ערשטן יידישן רעקרוט", וואָס האָט געהערט צו מענדעלען. אויפן טיטל־בלאַט שטייט אָנגעשריבן: „צום אָנדענקען פיר הערן אַבראַמאָוויטש פאָן בעריש שער אין זשיטאָמיר, דען 23טען מאַרץ 1885."

די רעקרוטשינע אין דער שיינער ליטעראַטור פון דער השכלה

אין צוזאַמענהאַנג מיט י. אַקסענפעלדס
„דער ערשטער יידישער רעקרוט"

1. עטינגער, לעווינזאָן, דאָס פאָלקלאָר־ליד

דער אינהאַלט, די טעמע און דער סוזשעט פון אַקסענפעלדס פּיעסע „דער ערשטער יידישער רעקרוט" ווערן באַהערשט פון דער דעמאָלט שטאַרק אַקטועלער רעקרוטן־פּראָבלעם.* ביי איר שיין ווערט דאָ אין דער פּיעסע צום טייל אויספירלעך באַהאַנדלט, צום טייל נאָר אגב אָנגערירט כמעט דער גאַנצער קרייז פון דער השכלה־פּראָבלעמאַטיק. די באַזונדערס אכזריותדיקע שאַרפקייט פונעם רעקרוטן־געזעץ פאַר יידן, וואָס איז אַזוי דייטלעך געווען געווענדט קעגן דער יידישער אָרעמשאַפט, די אוממענטשלעכע רעזולטאַטן פון דעם דאָזיקן געזעץ האָבן פון אָנהייב אָן און די גאַנצע צייט פון זיין גילטיקייט שטאַרק אויפגערודערט דעם געזעלשאַפטלעכן געדאַנק. אינעם יידישן פאָלקלאָר־ליד פונעם 19טן יאָרהונדערט פאַרנעמט די טעמע זייער אַ וויכטיק אָרט. די ערשטע פּיעסע וועגן דער רעקרוטשינע איז אָנגעשריבן געוואָרן פון י. וויזנער** ניט אויף קיין סך שפּעטער פון 1828 יאָר, די לעצטע — פון מ. ווינטשעווסקי, איז פאַרענדיקט געוואָרן ערשט אין יאָר 1910. די דאָזיקע פּראָבלעם האָט ניט צורו געלאָזט די יידישע, רוסיש־יידישע און העברייאישע השכלה־שרייבער, זייט עטינגערן, לעווינזאָנען, יוסף וויזנערן, קאַמראַשן*** ביז דיקן, שמ"רן, מענדעלען און ווינטשעווסקין, ביז יוסף ראַבינאָוויטשן, באָגראָוון, ניקיטינען, ביז סמאָלענסקינען און י. ל. גאָרדאָנען. זי געהער צו די וויכטיקסטע פּונקטן פונעם משכילישן פּראָבלעמען־קרייז און איז באַהאַנדלט געוואָרן אין אָן אַ שיעור וואַריאַציעס, אויף פאַרשיידענע אופנים, אין הסכם צו די פאַרשיידנסטע טענדענצן.

עטינגער, למשל, פאַרהאַלט זיך קיל און „אָביעקטיוו" צו דער דאָזיקער פּראַגע. אַפילו ווען מע זאָל נעמען אין אַכט, אַז אין די פּוילישע גובערניעס איז רעקרוטשינע איינגעפירט געוואָרן אַ סך שפּעטער און איז דעריבער (זייט

* וועגן ליטעראַרישע טראַדיציעס פאַר דער דאָזיקער טעמע זע וויטער „אָנ־מערקונגען און עקסקורסיעס".

** זע „אָנמערקונגען און עקסקורסיעס".

*** זע „אָנמערקונגען און עקסקורסיעס".

1842) פֿאַרהעלטניסמעסיק ווייניקער האַרב און גרויזאַם דורכגעפֿירט געוואָרן, באַקומט זיך פֿאַרט כמעט ווי חוזק, אויב עטינגער גיט צו פֿאַרשטיין די קרבנות פֿונעם גזעזעץ, אַז:

מע וויל אייך, אָסור, נישט טאָן קיין שלעכטס,
מע גייט נאָר אוים אויף ענקער גוטן,
מע וויל אוים אייך מאַכן עפּעס רעכטס...

ער שטעלט אַקעגן צו זייער „ציווילער" נויט און צו זייער אָרעמען לעבן די מעלות און דעם שטייגער פֿונעם ניקאָלייאישן פֿינף־און־צוואַנציק־יאָריקן מיליטער־דינסט:

ווער, זאָגט מיר, צווישן אייך
איז דעם ערלעכן זעלנער גלייך?
ער דאַרף ניט צו לייען, צו באָרגן,
נישט צו טראַכטן און נישט צו זאָרגן,
און גייט אָנגעטאָן גאָר ווי אַ לייט,
און האָט זיין עסן צו דער צייט...

זיין איראָניע אויף די „שמאַטעס", די אָרעמעלייט, וואָס האַלטן זיך פֿאַר גאַנצע מיוחסים און פֿאַר צו פֿיין אויף צו ווערן זעלנער, פֿאַרענדיקט ער מיט דעם קאַלטהאַרציקן באַלעבאַטיש־נגידישן מוסר:

. . . פֿאָלג דו נאָר די אָפֿיצערן
און לערן פֿלייסיק דאָס מושטירן...
גאָר אָן ליאַרעם, אָן געשריי,
מיט דעם גאַנצן האַרץ געטריי,
גאָר מיט שמחה און פֿרייד
זיי נאָר תמיד אָנגעגרייט
צו לויפֿן אַפֿילו אין פֿייער אַראָן,
אויסצופֿירן דעם מלכס פּלאָן;
וואָרין די גוטע, וואָס גייען אין קרוינעו,
ווייסן שוין איטלעכן ווי צו באַלוינעו.

עס שטימט מיט זיין גזעזלשאַפֿטלעכער האַלטונג, אויב ער רעדט אין די „שמאַטעס":

לוסטיק און פֿריילעך
דינען זיי דעם מלך...*

און באַפֿרייט זיין אייגענעם זון פֿון מיליטער־דינסט.** עס פֿאַלט אים ניט

* ש. עטינגערס כתבים, ב. 1, ז"ז 194—240.
** דאָרט, ב. 2, ז. 578, בריוו, נומ. 13.

אין צו שטעלן די פראַגע, ווער עס וועט באַלוינט ווערן פון „די גוטע, וואָס גייען אין קרויבעץ" פאַר די פיין און מאַטערנישן פון די, וואָס ער רופט אין דעם ליד „שמאַטעס", פאַר די פיין און ליידן, וואָס קומען ביטער צום אויס־דרוק אין די באַוואוסטע פאָלקס־לידער וועגן דער רעקרוטשינע און וועגן דער קאַנטאָניסטן־סיסטעם:

. . . טרערן גיסן זיך אין די גאַסן,
אין קינדערשע בלוט קאָן מען זיך וואַשן.
געוואַלד! וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאָג,
צי דען וועט קיינמאָל ניט ווערן טאָג?
קליינע עופהלעך רייסט מען פון חדר;
מע טוט זיי אָן יווָנישע קליידער.
אונדזערע פרנסים, אונדזערע רבנים,
העלפן נאָך אָפּצוגעבן זיי פאַר יווָנים.
ביי זושע ראַקאָווער זייגען דאָ זיבן בנים,
איז פון זיי ניט איינער אין יווָנים;
נאָר לאה דער אלמנהס איינציקער קינד
איז אַ כפּרה פאַר קהלשע זינד.
עס איז אַ מצווה אָפּצוגעבן פּראָסטאַקעס,
שוסטער, שניידער זייגען דאָך ליידאַקעס;
קרעציקע באַציקלעך פון אַ משפחה אַ שיינער
טאָר ביי אונדז אַוועקגיין ניט איינער.*

אָדער אינעם ביטערן געזעגעניש פון אַ רעקרוט:

. . . זייט־זשע מיר געזונט, מיינע דעפּוטאַטן,
איך גיי זיך שוין אַוועק!
גאָט זאָל אייך געבן קרענק צום לעבן,
און מיר אַ גליקלעכן וועג.**

וועגן דער „שמחה און פרייד", מיט וועלכער די אָרעמשאַפט האָט זיך „אָנגעגרייט" אויסצופילן דעם מלכס פלאַן" צו דינען פינף־און־צוואַנציק יאָר ביי די אוממענטשלעכע ניקאָלאַיאישע באַדינגונגען, הערן מיר אין אַ פאָלקס־טימלעכן דאָקומענט פון יענער צייט (1836), אַן ערך פון דעמאָלט, ווען אַקסענ־פעלד האָט געשריבן זיין „ערשטן יידישן רעקרוט" *** (עטינגער האָט, אַפּנים, „די שמאַטעס" געשריבן אַרום 1842), גאָר אַנדערע טענער. אין אַ האַנט־געשריבענעם פאָלקלאָריסטישן, אין אַ סך פּרטים זייער אינטערעסאַנטן

---

* „יעווריעסקיע נאַראָדניע פּיעסני" א. אַז. וו., סט. פּעטערבורג, 1903, נום. 50.
** דאָרט, נום. 46.
*** 1834 אָדער אָנהייב 1835. זע וועגן דעם ווייטער „אָנמערקונגען און עקס־קורסיעס".

„בריוונשטעלער‟* געפֿינען מיר די איינציקע — און מן־הסתם טאַקע דאָס עלטסטע — „דאַטירטע‟ „פּריאָם־ליד,‟ וואָס פֿאַרמאָגט אינהאַלטלעך שוין אַלע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון דעם פֿאָלקסטימלעכן רעקרוטשינע־ליד. עס איז ניט קלאָר, ווער עס איז געווען ד'ער מחבר פֿון דעם ליד, יעדנפֿאַלס אָבער איז ער געשטאַנען גאָר נאָענט צו יענע שיכטן, וואָס האָבן צום מייניסטן געליטן פֿונעם רעקרוטן־געזעץ. דאָס ליד איז געשריבן — ווי שפּעטער אַ סך ענלעכע — לויטן שטייגער פֿון „קינות‟ (מיטן אלף־בית־אַקראָסטיק אין די ערשטע אותיות פֿון די סטראָפֿעס):

(ג) גרויס און קליין האָט מען אונדז געטאָן אין אייזן פֿאַרשליסן,
אָבער אונדזערע טרערן טוען זיך אין אַלע גאַסן פֿאַרגיסן.
איך האָב מיין פֿאָטער און מוטער געטאָן אַלע טאָג אין אַלע ערטער שיקן,
מחמת איך האָב געמיינט, אַז זיי וועלן מיך מיט איין בשורה־טובה דערקוויקן.
זיי זיינען געקומען און האָבן מיר געזאָגט:
מיין ליב קינד, מיר זיינען געווען, וואו דו האָסט געוואָלט און געגלוסט,
אָבער מע האָט אונדז געענטפֿערט, אַז מיר וויינען גאָר אומזיסט.
מיר זיינען געווען, וואו דו האָסט אונדז געטאָן שיקן,
אָבער מיר האָבן ניט מיט וואָס מיר זאָלן דיך דערקוויקן... (ז. 8)

(ת) תיכף ווי איך בין אין פּריאָם אַריינגעקומען,
אַזוי האָט מיר באַלד מיין לשון אָפּגענומען.
און דערביי ווי דער יאַדנעראַל האָט מיך דערזען,
אַזוי האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז מיר שוין איין גרויסע קלאָג געשען...
און אַז מע האָט מיך געפֿירט צו דער מאָס,
האָב איך אַ פֿרעג געטאָן מיין פֿאָטער און מוטער: וואָס באַטייט דאָס? **
זאָגט מיר מיין פֿאָטער און מוטער מיט איין גרויסן געוויין:
מיין ליבער זון, דו וועסט דערפֿון ניצול ווערן, אַז דו וועסט זיין אין דער מאָס קליין.
איך האָב געוואָלט זיך אָפּקויפֿן מיט מיין גוטס און האָב,

* דער בריוונשטעלער האָט געהערט דעם שרייב־לערער מאיר־לייב אַליצקי פֿון טשערנאָביל און איז איצט אין באַזיץ פֿון דער אוקראַאינישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע אין קיעוו. די דאַטעס און די בריוו פֿונעם בריוונשטעלער וויזן דאָס יאָר 1836. די וואַסער־צייכנס פֿונעם פּאַפּיר — 1835; דאָס הייסט, אַז דער בריוונשטעלער און דאָס ליד זיינען געשריבן געוואָרן ניין יאָר נאָכן אַרויסקומען פֿונעם רעקרוטן־געזעץ. עס איז, פֿאַרשטייט זיך, מעגלעך, אַז דאָס דאָזיקע ליד איז אַ נ ט ש ט אַ נ ע ן פֿריער ווי אין 1836. דאָס ליד איז ביז גאָר פּראָסט, נאַאיוו און פֿרומלעך, אָבער די קלאָג, וואָס ווערט דאָ אויסגעדריקט פֿון אַ מענטש פֿון די מאַסן, איז גאָר ניט „לוסטיק און פֿריילעך‟. די ביטערע סאָציאַלע נויט און פּיין קומען דאָ טיף־רירנדיק צום אויסדרוק. מיר ציטירן צוויי כאַראַקטעריסטישע סטראָפֿעס (די אותיות „ג‟ און „ת‟).

** פֿאַרגל. „יעוור. נאַראָדניע פּיעסני‟ א. אַז. וו., נום. 339, ז. 239:
. . . ווי מען האָט מיר אַרונטערגעשטעלט אונטערן מאָס,
האָב איך אַ געשריי געטאָן: מאַמינקע, וואָס איז דאָס?...

אָבער מע האָט ניט געהערט און מע האָט איין געשריי געטאָן: דאַי אילאַב! *
דערנאָך האָט מען מיך אַוועקגעפירט אין איין אַנדער חדר,
אַזוי האָט מען פון מיר תיכף אַראָפּגעריסן מיין פּאַטער און מוטערס קליידער.
דאָך, ליבער גאָט, זע און פּאַטער שוין מיט אונדז דעם צאָרן און פּיין,
אַז די יידן, וואָס זיינען געבליבן, זאָלן כאָטש ביי זייער געבאָט זיין.
ליבער גאָט, וואָרום האָסט אַזוי אויף מיר דעם גזר-דין אָנגעשריבן,
אַז מיין ווייב און קינדער זיינען, נעבעך, וויסט געבליבן? (ז. 12).

אין פאַרשיידנסטע זשאַנרען לידער האָבן די פאָלקס־מאַסן אויסגעגאָסן זייער קלאָג איבער די גרויזאַמע צרות פון דער רעקרוטשינע. אָנגעהויבן פון רעליגיעז־באַפאַרבטע קינות און אויסגעלאָזט מיט בייזע, שאַרפע קופּלעטן, אין לירישע ליבע־לידער און אין העזהדיקע בייזע פערזן, מיט אַ ביטער פאַרצווייפלטן הומאָר. פאַראַן אויך אויף דער דאָזיקער טעמע ניט ווייניק נאַאיוו־דערציילערישע פאָלקס־לידער, אין אַ באַלאַדע־מעסיקן טאָן. פון „לוסטיק און פריילעך דינען דעם מלך" — וועלן מיר דאָ קיין שפור ניט געפינען:

— — — — — — — — — — — — — —

איינער איז אַריין אין אַ שטוב זיך באַהאַלטן,
האָט ער געפונען אַ מאַן, אַן אַלטן.
— הערט צו, איך וועל אייך זאָגן אַ וואָרט,
אַז פאַר אייך אין שטוב איז ניט קיין זיכערער אָרט.
עס טוט דאָ אין שטוב פאַר אייך צו באַהאַלטן ניט טויגן,
ס'וועט אייך נאָך קאָנען דערזען זייטיקע אויגן.
ס'וועט ניט העלפן קיין יאָמערן און קיין קלאָגן,
זאַל מען נעמען עטלעכע רובל און די קהלס-לייט ניט זאָגן.
קומט אַרויס מיט מיר פון שטוב,
כ'וועל אייך ווייזן אַן אָרט אין אַ גרוב... —

---

* „דאַוואַי לאָב!" זע „קול מבשר" 1868, נום. 46. די אַנאָנימע דערציילונג „עטלעכע יאָר צוריק". זע אויך אָ. ראַבינאָוויטש „שטראַפנאָי", ערשטער באַנד פון זיינע ווערק, 1880, ז. 24: „קאַנדאַלי! אי לאָב, לאָב-לאָב!" אָדער „יעשטשע גאָר-טשע פלאַקאַלאַ אָנאַ . . . קאָגדאַ וו רעקרוטסקאָם פּריסוסטוויאַי ראַזדאַלאָס: „לאָב!" דאָס וואָרט „לאָב" האָט באַטייט: טויג צום מיליטער-דינסט. דעם, וואָס האָט ניט געטויגט, האָט מען געזאָגט: „זאַטילאָק!" (זע וו. ניקיטינס „וועק פּערעזשיט ניע פּאָלע פּערעיטי"). דאָס וואָרט שטאַמט פון אַן אוראַלטן פּריאָמישן מנהג צו „צייכענען" די אָנגענומענע רעקרוטן דורך אָפּגאָלן די האָר איבערן שטערן. זע אויך י. ל. גאָרדן: „העצמות היבשות" (כל כתבי י. ל. גאָרדאָן, אָדעס, 1889, ז. 6) „אותו גלחו בקרחתו — ואותי בגבחתי".

איז ער אַרויס פון שטוב מיטן אַלטן,
האָט ער געזען אַ גוטע גרוב זיך צו באַהאַלטן.
ווי ער איז אין גרוב אַראָפּגעקראָכן,
איז אים אַ שקרוך איבערן לייב אַריבערגעלאָפן.
איז ער דאָרטן אָפּגעלעגן דריי מעת-לעת,
האָט ער שוין אויסגעוויזן ווי אַ מת.

האָט מען אָן אים דאָרט גאָר פאַרגעסן,
און מ'האָט אים ניט געגעבן ניט טרינקען און ניט עסן.
וואָס וועט ער זיך אַליין פאַרדאַרבן? —
קיינער וועט ניט וויסן, אַז ער וועט שטאַרבן?
איז ער פון גרוב אַרויסגעקראָכן,
האָט ער דערזען די באַלעבאָסטינקע ראָבען.

— באַלעבאָסטינקע, באַלעבאָסטינקע, וואָס'ט איר אין מיר פאַרגעסן?
דריי מעת-לעת ט'איר מיר ניט געגעבן טרינקען און עסן...
זי האָט געגעבן אַ קוק, אַז ער איז טויט,
האָט זי אויפן טיש אַנידערגעלייגט אַ לעבעלע ברויט.

נעמט ער די קענדל און וויל זיך גיין וואַשן,
דוכט זיך אים, אַז די באַפּערס גייען אַרום אין די גאַסן.
גייט ער צו צום האַנטעך זיך ווישן,
דוכט זיך אים — די קייטן צו שליסן.

גייט ער צו די ברויט און וויל „המוציא" מאַכן,
דוכט זיך אים, אַז מע טוט די שטוב פאַרוואַכן.
ווי ער האָט גענומען דעם ערשטן וואָרט בענטשן,
זיינען אַריינגעקומען אַ פולע שטוב מענטשן.

— יידן, כ'וויים, איר זייט געקומען ניט נאָך ווייץ און ניט נאָך קאָרן, —
איר זייט דאָך געקומען נאָך מיינע יונגע יאָרן!
כ'האָב ניט קיין געלט פון אייך זיך אויסצוקויפן,
די וועגן ט'יר מיר פאַרשטעלט, כ'האָב ניט וואו צו אַנטלויפן...

מ'האָט אים אַוועקגעלייגט אויף דר'ערד אין קייטן צו שליסן,
די לעצטע קאָפּאָטקע האָט מען אים 'ף ברעקלעך צעריסן.
מ'האָט אים אין וואָגן אַריינגעהייבן,
דעסיאַטניקעס האָבן זיך אַרומגעזעצט ווי בערן און ווי לייבן.
מ'האָט אים שוין אין שטאָט געבראַכט צו פירן, —
אַ גליד פון יסורים האָט ער ניט געקאָנט רירן.

די מוטער איז צו קהלס-לייט גלייך געלאָפן,
האָט זי פאַר צרות די טיר ניט געטראָפן.

— וואָס האָט איר אַ גאַנצע אָטשערעד צונויפגעקליבן
און מיין איינציקעס קינד * צו פיר ברידער צוגעשריבן ?
וואָסי דאָס פאַר אַזאַ וועלט,
אַז מ'נעמט אָן אַן איינציקעס קינד און מ'פאַרקויפט פאַר געלט !...

— ווייבל, ווייבל, זאָלסט ניט מאַכן קיין ליאַרעם אויף דער וועלט,
שווייג שטיל וועסט קריגן אַ סך געלט...**

נאָך יאָרן שפּעטער דערמאָנט זיך אַן אַנאָנימער משכּילישער מחבר אין אַ רעטראָספּעקטיווער דערציילונג („עטלעכע יאָר צוריק", „קול מבשר" 1868, נומ. 42—51) מיט שרעק און גרוילעניש אין די פאַקטן פון דער רעקרוטשינע. „אַ נאַבאָר !... דאָס האַרץ הייבט אָן צו בלוטן, אַז מע דערמאָנט זיך נאָר אין דעם, וואָס פלעגט זיך פריער טאָן ביי אַ נאַבאָר. קינדער זיינען געווען ווי שאָף, וואָס מע פלעגט זיי כאַפּן און פאַרשפּאַרן, מענטשן זיינען געווען ווי ווילדע חיות, וואָס פלעגן אָן רחמנות צעררייסן זייער אייגן פלייש און בלוט... אמת, עס איז אַמאָל אַ יידן זייער שלעכט געווען אַ סאָלדאַט זיין ! *** פינף און צוואַנציק יאָר צו דינען אָן האָפענונג, אָן אַ צוועק אויסשטיין כל השלעק, און דערנאָך... נאָר וואָס פלעג זיך אָבער טאָן דעמאָלט !... גאַנצע שטעטלעך פלעגן ווערן פּוסט, אַלע ייִנגלעך און יונגעלייט פון צען ביז דרייסיק פלעגן ליגן אין די קעלערס און ברונעמס און מילן באַהאַלטן... מען פלעגט זיך האַקן פינגער, ברעכן הענט און פיס, אַ קאַליקע צו ווערן. און ניט נאָר די, וואָס אויף זיי איז געווען דער אָטשערעד, — פאַרקערט, זיי פלעגן ס'רוב דאָס אָננעמען באהבה און בלייבן — ניין ! די איבעריקע בן־יחידים, דוואָיניקעס,

* איינציקע קינדער זיינען פריי געווען פון רעקרוטן-דינסט. פלעגן די קהלשע שמשים און כאַפּערס פאַרברעכעריש „צושרייבן" די איינציקע קינדער פון אָרעמע עלטערן צו פיל-נפשותדיקע משפּחות, זיי אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן, באַפרייען אַזוי אָרום די קינדער פון די פאַרמעגלעכע משפּחות.

** „יעוור. נאַראָדניע פּיעסני" א. אַז. וו., ז. 44.

*** פאַרגלייך די נאָטיצן, וואָס א. אי. הערצען האָט פאַרשריבן אין „בילאָיע אי דומי" וועגן אַ באַגעגעניש (1835) מיט יידן-קאַנטאָניסטן אַרום וויאַטקאַ און וועגן דעם שוידערלעכן איינדרוק, וואָס עס האָט אויף אים געמאַכט זייער שרעקלעכע לאַגע. זע אויך כ. קאָראָבקאָוו „יעווריעיסקאַיאַ רעקרוטשינאַ" א. אַז. וו. אין „יעוו-רעיסקאַיאַ סטאַרינאַ", 1913, ז"ז 233—238, און דעם באַריכט קאַבילינס וועגן דער רעקרוטן-פליכט אין דער קיעווער גובערניע, ציטירט ביי אי. אָרשאַנסקי „יעוו-רעיאי וו ראָסיאי", ז. 61 און ווייטער. „באַזונדערס פאַרניכטנדיק איז פאַר די מינדעריעריקע יידן (רעקרוטן—מ. וו.) געווען דאָס, וואָס מע האָט זיי ווינטער-צייט אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ אין גאַנצע פאַרטיעס צום אָרט, וואוהין זיי זיינען באַשטימט געוואָרן." די דאָזיקע ראָטעס פון קינדער (דער עיקר 8—12-יאָריקע) זיינען הונ-דערטער- און טויזנטערווייז אויסגעשטאָרבן אָפּט נאָך איידער זיי זיינען אָנגעקומען אויפן אָרט, וואָס איז פאַר זיי געווען באַשטימט."

וואָס האָבן ערשט אַ ברודער, אַ טאַטן אים לעצטן יאָר אַוועקגעגעבן (ד. ה. אַזעלכע, וואָס האָבן לויטן געזעץ גאָר ניט געדאַרפֿט גיין דינען—מ. וו.), אַזוינע פֿלעגן מוזן אַנטלויפֿן...״

*   *   *

גאָר אַנדערש, ווי עטינגער, שטעלט זיך צו דער דאָזיקער פֿראַגע, למשל, לעווינזאָן. פּונקט ווי אינעם דערמאָנטן פֿאָלקסליד „...טרערן גיסן זיך״ א. אַז. וו. (וואָס איז, אגב, מן־הסתם פֿאַרפֿאַסט געוואָרן פֿון אַ משכּילישן שרייבער), באַטאָנט ער באַזונדערס ניט אַזוי די האַרבקייט און שווערקייט פֿונעם מיליטער־דינסט גופֿא (ווי מיר זעען דאָס, אַשטייגער, אין דער פּריזיווּר־קינה, אין אַ. ראַבינאָוויטשעס „שטראַפֿנאָי״, אין באַגראָווס „פּאָימאַניק״, אין פֿאַרשיידענע פֿאָלקס־לידער פֿון דעם מין*, נאָר ווי דער מחבר פֿון דער דערציילונג אין „קול־מבשר״ אָדער ווי קאַמראַש אין „קהל אין שטעטל״ — דאָס סאָציאַלע אומרעכט ביים אויספֿירן** דעם געזעץ.

„...דער איבעריקער געמיינער עולם דער ליגט דאָך אין דער אדמה ביי אונדז: ער איז כּלל ביים נגיד אַן עבד כּנעני, וואָרים נאָר עפּעס — אָט שטעלט מען אים שוין אַריין צען זעלנער צו האָדעווען... אָט נעמט מען אים גאָר זיין קינד, אַ בן־יחיד, אַוועק פֿאַר אַ רעקרוט; די מוזן שוין אַלץ טאָן, וואָס דער נגיד אָדער קהל הייסט. — האַ?... אין דער אמתן, זינט מען נעמט רעקרוטן, האָט מען נאָך ניט אַוועקגעגעבן אַן עושרס אַ קינד, קיין שום תּקיפֿס קינד, קיין שום פֿאַקטערס קינד, קיין שום בית־מדרש־בחור, נאָר אָרעמעלייטס קינדער, נעבעך, ערלעכע באַלמעלאָכעס קינדער, וואָס העלפֿן זייערע עלטערן אַרבעטן, ערלעכע משרתים, ערלעכע באַהעלפֿערס.״***

א. מ. דיק, וואָס באַווייזט אין „דער ערסטער נאַבאָר, וואָס וואַר אין דעם יאַהר תקפ״ח״ (1828), ווילנע תרל״ב (1871), אַ גענוג סתירהדיקע באַציאונג צום רעקרוטן־געזעץ, דערציילט גאַנץ נאַאיוו די שרעקלעכע ווירקונג פֿון דעם געזעץ, באַזונדערס וואָס שייך דער אָרעמער באַפֿעלקערונג: „באַלד נאָך איסרו־חג האָט מען געמאַכט זעקסטלעך און צוגענומען (אין ווילנע—מ. וו.) אַ זעכצן שטיק פֿון דער גאַנץ נידעריקער קלאַסע.״ און כאָטש דיק כאַראַקטעריזירט לויטן אָפֿיציעלן אופֿן די דאָזיקע קלאַסן־קרבנות אַלס מענטשן

* זע „יעוור. נאַראָדניע פּיעסני״ א. אַז. וו., נומ. 43—54, 331—348. נומ. 338 איז ווי דאָס אויבן־געבראַכטע „קינה-ליד״ געבויט לויטן אלף-בית-אַקראָסטיק. זע ווײַטער „אַנמערקונגען און עקסקורסיעס״.

** דער געזעץ גופֿא איז לויט לעווינזאָנס מיינונג יושרדיק: „דאַרף מען בעסער, ווי דער קייסער, זאָל מאריך־ימים זיין, האָט אַזוי געטראַכט פֿאַרן יושר ביי רעקרוטן-נעמען, אַז עס זאָל אַלץ ערלעך צוגיין?״ נאָר די, וואָס פֿירן עס אויס, פֿאַרקריפּלען דעם גוטן געזעץ...

*** „די הפקר-וועלט״, ז״ז 32-33.

„פון די עפנטלעכע הייזער, פּיסקאַלן, קיסעניקעס, מאַנכע אויסגעלאַסענע דראַנסקאָוויקעס, וואָס וואַרן ווירקלעך צו שאַנדע פון אונדזערער יידישע וויל־נער געמיינדע" (קורץ, די „מה־יעשהניק"־ווערסיע), פאַרענדיקט ער פונדעסט־וועגן: „די רעקרוטן האָבן אויסגעזעצן, ווי הייליקע קרבנות, וואָס מע האָט זיי מקריב געווען לטובת הכלל." כאָטש ער דערציילט, אַז „דער, וואָס וואַר איין קריפּל (קאַליקע), וואַר איין געהאַלפענער, אַ בן־יחיד וואַר איין גליק, [איין] איין־אויגיקער, אַ הינקענדיקער, אַ האַרבעוואַטער וואַר איין מיוחס, אַ שבר וואַר איין מיוחס" א. אַז. וו. — האָט ער פונדעסטוועגן פאַריבל אויפן „פעבל", וואָס האָט זיך דעם ענין אַזוי שטאַרק גענומען צום האַרצן. ער באַ־רעכטיקט דעם געזעץ, ער פאַרענדיקט אָבער זיין ביכל: „מיר, יידן, האָבן קיין שיינע ראַליע געשפּילט אין די פאַבריקע נאַבאַרן... מען האָט אָפּגעגעבן פּיל בן־יחידים גאַר אָן רחמנות." וועגן אַט־די אַלע עוולות זאָגט ער, אַז זיי „וועלן בלייבן צום אייביקן שאַנדפלעק אויף אונדזער יידנטום, וואָס דער שטראָם דער צייט וועט דאָס ניט אויסוואַשן".

מיר זעען: די באַזונדערע ניואַנסן אין דער באַציאונג פון יעדן משכילישן שרייבער צו דער רעקרוטן־פּראָבלעם איז גאַר ניט קיין שלעכטער פּרוּוושטיין אויף אַרויסצוגעפינען די באַזונדערע שאַטירונג פון זיין סאָציאַלן שטאַנדפּונקט, וואָס באַווייזט זיך דאָ בוילעטער, ווי ביי אַנדערע פּראָבלעמעס.

עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס גראָד דער „ערשטער יידישער רעקרוט" איז די איינציקע „טראַגעדיע" — כאָטש טאַקע כלומרשט „קאָמיש" באַאַרבעט — ניט בלויז צווישן אַקסענפעלדס ווערק, נאָר אין דער גאַנצער יידישער געדרוקטער ליטעראַטור אין משך פון צענדליקער יאָרן. די יידישע השכלה־ליטעראַטור איז געוויינלעך, ניט געקוקט אויף איר צומאַליקער סאַטירישער ביטערקייט, אין תוך אַ לאַכנדיקע, אַ חוזק־שטיפערישע, זי איז זייער ווייט פון טראַגיק און פון אַ „טראַגישן וועלט־באַנעם". ס'הערשט אין איר דער געזעלשאַפטלעכער אָפּטימיזם, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אויפקלער־צייט, כאָטש אין אַ ביסל אַ יידישלעך־פּראָווינציעלער פאָרם. ערשט אַ סך שפּעטער, ווען די השכלה ווערט אָפּהענטיק און קאָן ניט פאַרטיק ווערן מיט די ווידערשפּרוכן פונעם נייעם קאַפּיטאַליסטישן פּעריאָד, באַקומט איר געזעל־שאַפט־קריטיק טראַגישע טענער (למשל ביי מענדעלען, פּונקט ווי אין די העברייאישע ווערק פון י. ל. גאָרדאָן, סמאָלענסקין א. אַ.). דער איבעררּאַשנ־דיק־טראַגישער כאַראַקטער פון אַקסענפעלדס פּיעסע גיט אונדז אָנצוהערן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַזאַ קאָמפּליצירטער פּראָבלעם, מיט אַזאַ איבער־פלעכט פון ווידערשפּרוכן, אויף וועלכע די פּריאיקע השכלה האָט ניט געקאָנט אַזוי פּראָסט, איינדייטיק און קיילעכיק אָפּענטפערן, ווי געוויינלעך אויף אַלע אַנדערע פראַגן.

2. צו דער געשיכטע פון דער אַנטשטייאונג פון דער רעקרוטשינע

דער אכזריותדיק צונויפגעשטעלטער רעקרוטן־געזעץ מיט זיין שאַרפן קלאַסן־כאַראַקטער (פון די אָרעמע שיכטן האָט ניקאָלאַי דער ערשטער בפירוש געהייסן נעמען אַ גרעסערן קאָנטינגענט) איז ניט געווען, ווי אַ טייל בורזשואזע היסטאָריקער באַהויפּטן, אַ רעזולטאַט בלויז פון רעליגיעזער שנאה, פון מיסיאָנערישע כוונות און פון פּריוואַטער אַנטיפּאַטיע מצד ניקאָלאַי דעם ערשטן צו די יידן, אָדער פון זיינע פּאָליטישע שטימונגען און קאַפּריזן.*

אין אמתן האָט דאָ אין דעם ענין דער דעספּאָטישער פּריוואַט־כאַראַקטער פון ניקאָלאַי דעם ערשטן ניט געשפּילט קיין אַנטשיידנדיקע ראָל. דער „גוטער" אַלעקסאַנדער איז נאָר דורך זיין טויט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַ געזעץ, וואָס וואָלט געווען ענלעך צו ניקאָלאַיס געזעץ פון 1827. רעליגיעזע שנאה אָדער מיסיאָנערישקייט אַלס אויסשליסלעכע מאָטיוון שטייען אין אַזאַ סתירה צו אַ גאַנצער ריי אַנדערע פאַקטן, וואָס שלאָגן אין די אויגן, אַז מע מוז זיך אַזש העלפן מיט אַ דערקלערונג דורך שטימונגען און קאַפּריזן, וואָס דערקלערן ערשט רעכט זייער ווייניק. ניקאָלאַי דער ערשטער קאָן פּלוצים, דעמאָלט, ווען עס לוינט אים, זאָגן: איך וויל, אַז אין מיין מלוכה זאָל מען אַכטן די פריייהייט פון פאַרשיידענע רעליגיעס מיט זייערע באַזונדערע מנהגים, און דערקלער בפירוש, אַז איך שאַץ אַלע מיינע אונטערטאַנען אַלצאיינס, צו וועלכער רעליגיע זיי געהערן.** דער אמתער כאַראַקטער פונעם קאָנפעסיאָנאַליזם ביי אַבסאָלוטיסטיש־מיליטאַריסטישע מאָנאַרכיעס איז שוין לאַנג און גרינטלעך דערקלערט געוואָרן. דער דאָזיקער צבועקישער אויסרייד האָט אָבער געטויגט ניט בלויז פאַרן דעספּאָטישן מיליטאַריזם, נאָר טויג „צופּעליק" אויך פאַר דער קאָנצעפּציע פון רעאַקציאָנערע היסטאָריקער.

נאָך אין די צייטן פונעם „גוטן" אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, וואָס איז כלומרשט אויסן געווען מיט זיינע געזעצלעכע מאָסמיטלען בנוגע יידן בלויז

---

* זע למשל:
Prof. Dr. Martin Philipsohn: Neueste Geschichte des jüdischen Volkes,
ב. 1 (1911), ז. 12 און 7. זע אויך ב. 3, ז. 361, 137 (1907) און א. טשעריקאָווער: „פון די רוסישע אַרכיוון", היסטאָרישע שריפטן, וואַרשע (1929), ז. 780: „דאָס, וואָס מע האָט אָנגעהויבן צום ערשטן מאָל נעמען יידן אין מיליטער (1827), וואָלט אַליין פאַר זיך נאָך קיין גזירה ניט געווען... דער אומגליק איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די רעגירונג האָט געוואָלט דורך דער קאַזאַרמע פירן יידישע קינדער צום שמד און צווינגען זיי אָפּזאָגן זיך פון זייער שעדלעכער רעליגיע..." כ. קאָראָבקאָוו (זע „יעװר. רעקרוטשינאַ" א. אַז. וו. אין „יעװר. סטאַרינאַ", 1913, ז. 343) און אויך אַנדערע היסטאָריקער רעדן וועגן דעם דאָזיקן מאָטיוו גענוג איינגעהאַלטן.

** פיליפּזאָן, דאָרט, ב. 3, ז"ז 4—10.

רעליגיעזע מאָטיוון, זאָגט דער פינאַנץ־מיניסטער קאַנקרין: „פון גייסטלעכן שטאַנדפונקט איז געוואונטשן, אַז די יידן זאָלן זיך שמדן, אָבער פון פּאָליטישן איז עס ניט צוועקמעסיק — אויב עס וועט זיך ניט בייטן די באַשעפטיקונג און דער גייסט פון די יידן.‟ דער עיקר איז פאַר אים וויכטיק, זיי זאָלן בייטן דעם אופן, ווי זיי געפינען זייער דערנערונג, „כדי זיי זאָלן ניט זיין שעדלעך פאַר דער קריסטלעכער געזעלשאַפט‟. וועלכער טייל פון דער קריסטלעכער געזעלשאַפט טאָר אין קיין פאַל ניט „געשעדיקט‟ ווערן און וועלכער טייל יידן טאָרן ניט שעדיקן, איז קלאָר.

נאָך אַן אויספאָרשונג פון דער לאַגע אין די מערבדיקע גובערניעס אינעם יאָר 1807 דריקט אויס דער סענאַטאָר אַלעקסייעוו אין זיין ראַפּאָרט זיין מיינונג בנוגע דעם אַריבערפירן יידן פון די דערפער אין די שטעט, אַז סתם און בלויז פאַבריק־ און ערד־אַרבעטער קאָנען דאָ ניט קלעקן אויף צו לייזן די פּראָבלעם. דעריבער איז נייטיק צו געפינען אַן אַנדערן אויסוועג. „ניט האָבנדיק קיין אַנדער פאַרמינערונג אַ חוץ דער נאָרמאַלער שטערבלעכקייט, פאַרמערן זיי זיך אומאויפהערלעך, און דערמיט פאַרמינערן זיי אַלץ מער די אויסהאַלטמיטלען און וועלן זיי וואָס וייטער אַלץ מער פאַרמינערן.‟ דעריבער לייגט ער פאָר צו שאַפן אַ פאַרמינערונג „אַ חוץ דער נאָרמאַלער שטערבלעכקייט‟: „צוליב אַ זיכערן און דערפאָלגרייכן אויסגאַנג פון דעם דאָזיקן אומאויפהערלעך זיך פאַרמערנדיקן פאָלק (געמיינט זיינען, פאַרשטייט זיך, ווי ס׳איז קלאָר פונעם צוזאַמענהאַנג, די אָרעמע מאַסן—מ. וו.), קאָן מען, דאַכט זיך, זאָל זיין ווי אַ פּרואוו און פאַר אַ באַשטימטער צייט, איינאָרדענען דאָס אָפּנעמען רעקרוטן אין נאַטור.‟ מע דאַרף נעמען די „פאַרדאָרבענע און פאַרברעכערישע‟ יידן אין רעקרוטן, כדי אַזוי־אַרום צוציען „די אָרעמע און ליידיק־גייערס‟ צו דער ערד־אַרבעט און צו די מלוכהשע פאַבריקן.

אַן ענלעכן פאָרשלאָג לויטן זעלבן געדאַנקענגאַנג האָט אין 1810 געמאַכט אַלעקסאַנדער דעם ערשטן — וו. שעמיאָט, דער שפּעטערדיקער יעקאַטערינאָסלאַווער גובערנאַטאָר: „איך רעכן, אַז אין באַשטימטע פּרטים קאָנען מיר תיכף נאָכגיין נאָכן ביישפּיל פון עסטרייך, ד. ה. נעמען יידן אין רעקרוטן.‟ * דער יידישער גרויס־קאַפּיטאַליסט נאָטע שקלאָווער עצהט דער רעגירונג (1797, 1800, 1803) צוציען די יידן צו פאַבריק־ און ערד־אַרבעט (אין קאָלאָניעס). פון 1811 האָט זיך אָפּגעהיט אַן אַנאָנימער פאָרשלאָג צו נעמען פון די יידן רעקרוטן פאַר די מלוכהשע פאַבריקן א. אַז. וו. ס׳איז טאַקע כאַראַקטעריסטיש, אַז מיט דער יידישער רעקרוטן־פראַגע האָט זיך צומיינסט אינ־

---

* פאַרגלייך ש. באָראָוואָי: „יעווריעסקאַיאַ זעמלעדעלטשעסקאַיאַ קאָלאָניזאַציאַ וו סטאַראָי ראָסיאי‟, מאָסקווע 1928, ז״ז 34-35.

טערעסירט ניט דאָס קריגס־מיניסטעריום, נאָר דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום. דער פינאַנץ־מיניסטער קאַנקרין לייגט פאָר, אַז די העלפט פון די יידישע רעקרוטן זאָל מען אָפּגעבן אין סאָלדאַטן, און די אַנדערע העלפט — אין די פאַבריקן. דאָס אַלץ באַטייט, אַז מיט די באַוואוסטע גזעצלעכע מאָסמיטלען איז מען ניט אויסן געווען סתּם רעליגיעזע גזירות, נאָר אַז זיי, די מאָסמיטלען, זיינען בלויז אַמאָל איינגעהילט געוואָרן אין דעם דאָזיקן מענטעלע פון קאָנ־פעסיאָנאַליזם לויט די אינטערעסן און דער פּאָליטיק פונעם פעאָדאַלישן צאַריזם.

די „רעקרוטשינע" איז לויט דער אויסערלעכער פאָרם אַ מיליטאַריסטיש מאָסמיטל, — דער אַבסאָלוטיסטישער מיליטאַריזם פון יענער צייט האָט דעם גזעץ געגעבן זיין אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. אָבער דער אינערלעכער באַדייט פונעם געזעץ ליגט ניט אין מיליטאַריסטישע צילן, ער דאַרף דערקלערט ווערן דורך דעם צענטראַלסטן פּונקט אין דער פּאָליטיק פון יענער צייט, דורך דער לייבאייגנטום־פראַגע. אויב די צאָל יידישע רעקרוטן האָט אין אַ געוויסער מאָס געקאָנט פאַרמינערן דעם רעקרוטישן קאָנטינגענט־עול, וואָס דער פּריץ האָט געדאַרפט אָפּגעבן פון זיינע לייבאייגענע פּויערים, האָט דאָס פאַר דער אַנטשטייאונג פונעם געזעץ ניט געשפּילט קיין ראָל. די רעגירונג האָט זיך פון אָנהייב אָן און די גאַנצע צייט סקעפּטיש באַצויגן צו די יידישע רעקרוטן, ווי צו אַ סאָלדאַטישן מאַטעריאַל.

אַ שטאַרקע אַרמיי האָט זיך לויט די דעמאָלטיקע באַדינגונגען געקאָנט בויען נאָר אויף דער סיסטעם פון לייבאייגנטום. היות עס הייבן זיך שוין דעמאָלט אָן באַווייזן סתירות בנוגע דעם לייבאייגנטום צווישן די אינטערעסן פונעם אינדוסטריע־קאַפּיטאַל און די אינטערעסן פון די גרויס־אַדעליקע אַגראַריער און דער אַרמיי, דעריבער מוז זיך די רעגירונג כלומרשט נאָך „אויפמערקזאַמער" צוהערן צו באַשטימטע טענות פונעם פּויערטום.

די סתירהדיקייט פון די אינטערעסן האָט געפירט צו פאַרשיידענע סתירהדיקע פּרוואוון און „רעפאָרם־פּלענער" אויף כלומרשט צו „פאַרבעסערן די לאַגע פון די פּויערים". אין באַשטימטע שווערע מאָמענטן פון אומ־גערעכטענישן און עפּידעמיעס אין דאַרף האָבן זיך די דאָזיקע ווידערשפּרוכן געקאָנט אָנזאַמלען און פאַרוואַנדלען אין אַ געפערלעכן צינד־מאַטעריאַל. אין איר שטרעבן „עפּעס פאַרן פּויער צו טאָן" אָריענטירט זיך די צאַרישע רעגירונג, פאַרשטייט זיך, ניט אויפן פּויערטום, נאָר אויף די הערשנדיקע כוחות־פאַרהעלטענישן.

די קאָנצעפּציע וועגן רוסלאַנד אַלס אַ וועלט־ברויט־קאַמער האָט שוין זייט אַ צייט געוועגדט די אויפמערקזאַמקייט פון דער צאַרישער רעגירונג אויף יענער געגנט, וואָס האָט געהאַט די פּאַסיקסטע ערד פאַר ווייץ־פּאַרזיי, אויף

די אוקראַינישע גובערניעס, און גראָד דאָרט האָט געלעבט באַזונדערס געדיכט די יידישע באַפעלקערונג. די עקזיסטענץ פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועמעס אָרעמער טייל איז ביז איצט, אין פאַרגלייך מיט ענלעכע, ניט־יידישע געזעלשאַפטלעכע גרופּעס, אין באַשטימטע פּרטים (למשל, וואָס שייך מיליטער־דינסט — אגב, פּונקט ווי די מערהייט אַנדערע „אינאָראָדצעס“, — וואָס שייך לייבאייגנטום, רעליגיעזער געריכטבאַרקייט) געווען, מישטיינס געזאָגט „פּריווילעגירט“, האָט געמוזט דייטלעך באַמערקט ווערן.

די מלוכהשע אויספאָרשערס פון דער פּויערשער לאַגע, צו וועלכע עס האָט אויך געהערט ניקאָלאַי גופא (אַלס קרוין־פּרינץ), האָבן אַ סך מאָל אָנגעוויזן, ווי שווער עס רופט זיך כלומרשט אָפּ אויף דער לאַגע פון די פּויערים ניט די אינסטיטוציע פון לייבאייגנטום, נאָר די עקאָנאָמישע ראָל פון די יידן אינעם דאָרף. דאָס, וואָס דער ייד אינעם דאָרף איז אַליין געשטאַנען אונטער אַן אומגעווייגלעכן שווערן דרוק פונעם פּריץ און אַז דער ייד איז אַליין געווען עפּעס אַזוינס, ווי אַ מין האַלבער לייבאייגענער דעם פּריצס, — דאָס איז די „אויספאָרשערס“ אינגאַנצן ניט אָנגעגאַנגען. איז טאַקע מעגלעך געוואָרן צו פאַרבייגיין דעם אינטערעס, וואָס דער קליינער אַדעליקער האָט געהאַט פאַר זיין יידישן קרעטשמער, פאַקטער און אַרענדאַטער, צוליב דעם ברייטערן אינטערעס, דורך גרויזאַמע מאָסמיטלען קעגן דעם אָרעמען טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג איינצורעדן דעם לייבאייגענעם פּויער, אַז דאָ ווערט עפּעס געטאָן צוליב זיין טובה...

דערצו קומט דער פאַקט, אַז די בייטיקייט פונעם יידנס עקאָנאָמישער פונקציע אין דאָרף איז איבער באַשטימטע ענדערונגען אין די פּראָדוציר־כוחות און איבערן וואוקס פונעם עקספּאָרט טיילווייז און אין באַשטימטע ערטער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די אויפקומענדיקע אינדוסטריע, די אָנהייבנדיקע ענדערונגען אינעם פּראָדוציר־אופן פון תבואה (די אָנהייבנדיקע אַגראַרע מאַשיניזירונג א. אַז. וו.) האָבן ערטערווייז אונטערגעריסן די פאַרפונדעוועטקייט פון דער עקאָנאָמיק פון די יידן אין דאָרף, וואָס איז דעמאָלט געווען פאַרבונדן ניט בלויז מיט דער פעאָדאַל־פּאַטריאַרכאַלער סיסטעם, נאָר אויך מיט פּרימיטיווסטע פּראָדוציר־פאָרמען. די טיילווייזע „מאַשיניזירונג“ און פאַרבעסערונג פון דער אַגריקולטור האָט בייטיק געמאַכט גרעסערן קאַפּיטאַל־באַזיץ. די קאָנקורענץ איז גרויס געוואָרן, תבואה — וואָלוול. אינאיינעם מיטן קליינעם פּריץ און ניט־רייכן גרונט־באַזיצער איז אָפּט אויך רואינירט און איבעריק געוואָרן זיין יידישער פאַכטער, קרעטשמער, פאַקטער א. אַז. וו. אינעם דאָרף און שטעטל. די מאַשיניזירונג פון דער בראָנפן־אינדוסטריע האָט אָפּטמאָל אַרויסגענומען די פּראָדוקציע פונעם קלענערן יידישן בראָנפן־ברענערס הענט, און צום טייל אויך דעם האַנדל מיט בראָנפן — פונעם יידישן

דאָרף־שענקערס הענט. קורץ: די יידן אין דאָרף זיינען ערטערווייז אין אַ געוויסער מאָס איבעריק געוואָרן, אַזוי אַז עס האָט זיך דאָ באַוויזן אַ מעגלעכקייט אויפן חשבון פון דער דאָזיקער עקאָנאָמישער גרופּע כלומרשט עפּעס צו טאָן „לטובת די פּויערים‟ און זיי אין אמתן גאָרניט צו געבן.

די רעגירונג האָט ניט אין זינען געהאַט צו טשעפּען דעם רייכן יידישן פּאַדריאַדטשיק, דעם ציווילן אָדער מיליטערישן. זי האָט זיי געדאַרפט האָבן. אויך ניט דעם הויפּט־פּראָפּינאַטער, דעם גענעראַלן פּאַכטער פון אַקציז, צוליב די הכנסות, וואָס זיי האָבן געבראַכט דעם פיסק און דעם גרויסן גרונט־באַזיצער, און אויך ניט דעם גרויסן יידישן האַנדל מיט אויסלאַנד (פּרייסן, עסטרייך א. אַז. וו.), וואָס האָט אַרויסגעפירט רוי־מאַטעריאַלן, תבואה, פּי און אַרייַנגעבראַכט אויסגעאַרבעטע סחורות און לוקסוס־אַרטיקלען. דער יידישער עקספּאָרט און אימפּאָרט האָט געהאַט אַ באַשטימטע באַדייטונג פאַר דער עקאָנאָמיק פונעם לאַנד. אויב באַנוצן די יידן אַלס „בליץ־אַפּוּוענדער‟, האָט מען עס געקאָנט אַמבאַקוועמסטן טאָן נאָר אויפן חשבון פונעם יידישן קליינעם באַלעבאָס און פון דער אָרעמשאַפט אין דאָרף און אינעם שטעטל, אויפן חשבון פונעם באַלמעלאָכע, קליינקרעמער, קליינעם אויפקויפער פון תבואה און פּראָדוקטן, פונעם וואַנדערנדיקן הענדלער, פונעם מילנער, מילכיקער, שענקער, קרעטשמער, באַלעגאָלע, פּריקאַזטשיק, קליינעם ברויז־אַרענדאַטער און פון כלערליי לופט־מענטשן.

די וואַקסנדיקע סתירות פון דער לייב־אייגנטימערישער סיסטעם האָבן שטאַרק געווירקט אויף דער אַנטשטייאונג פון די פאַרשיידענע געזעצן קעגן די יידן. דאָ ליגט איינע אַ הויפּט־סיבה פאַרן פאַרענגערן דעם וואוין־תחום, פאַרן פאַרטרייבן די יידן פון דערפער און שטעט אין אַ גאַנצער רייי גובערניעס, און אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אויך — פאַרן רעקרוטן־געזעץ פון 1827. דאָס פאַרשמעלערן וואוין־רעכט און די רעקרוטשינע פאַר יידן זיינען אין אַ באַשטימטער מאָס אַ טייל פון די דעמאָלטיקע כלומרשטע „פּויערים־רעפאָרמעס‟. דאָס „גראָמער מאַכן‟ אין די דערפער האָט געמוזט דערגאַנצט ווערן דורך אַ גראָמער מאַכן אין יענע שטעט, וואו די איבערוואַנדערער פלעגן אַרייַנשטראָמען. סתם פאַרטרייבן איז אָבער ניט געווען קיין ערנסטע לייזונג. עס האָט געמוזט דערגאַנצט ווערן דורך אַ געזעץ, וואָס זאָל „רעדוצירן‟ די אָרעמשאַפט־מאַסע.

אַ השפּעה אויף די דאָזיקע מאָסמיטלען בנוגע יידן האָט אויך געהאַט די פּראָבלעם: „יידן אין די גרענעץ־תחומען‟. אָרעמקייט און געדיכטע קאָנקורענץ האָט געשטויסן אַ טייל קליינע הענדלער (ניט בלויז יידישע, נאָר אויך ניט־יידישע) פון דער גרענעץ־געגנט אויסצומיידן די גרענעץ־אָפּצאָל דורך שמוגלעריי. די עטנישע אָפּגעזונדערטקייט פון די יידן, זייער אַבסאָלוטע

רעכטלאָזיקייט, זייער אויסערגעווייגלעכע אָרעמקייט און דערצו נאָך זייער רעליגיעזע פאַרבינדונג מיט יידן פון יענער זייט גרענעץ האָט אויף זיי גע־וואָרפן אַ חשד וואָס שייך זייער פּאָליטישער פאַרלאָזלעכקייט אין צייטן פון מלחמה. די לאָיאַלע און מיינסטנס אַפילו פּאַטריאָטישע אויפפירונג פון די דאָזיקע מאַסן אין דער צייט פון דער נאַפּאָלעאָנישער מלחמה האָט די ניקאָ־לאַיאישע רעגירונג ניט געהאַלטן פאַר אַ גאַראַנטיע אויף דער צוקונפט. די ניקאָלאַיאישע רעגירונג האָט בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג געהאַט אַ שלעכט געוויסן. דער אומצוטרוי פון דער רעגירונג האָט זיך אויסגעדריקט ניט בלויז אינעם אַוועקטרייבן די יידן אויף אַ ווייטן מהלך פון דער גרענעץ, נאָר אויך אין מאַסמיטלען קעגן די ברייטערע אָרעמע מאַסן אַפילו אין די מער אינערלעכע קאַנטן און געגנטן. דאָ האָבן מיר נאָך אַ מאָטיוו פאַר דער רעקרוטשינע. דער מיליטאַריסטישער אומצוטרוי האָט געדאַרפט געלייזט ווערן טאַקע דורך דעם הויפּט־מאַסמיטל פון יענער צייט: דורך מיליטאַרי־זירונג גופא.

אין דעם דאָזיקן מאָטיוו וועלן מיר אויך געפינען איינע פון די סיבות פאַרן מיסיאָנערישן אָנשטעל, וואָס די רעגירונג פלעג אַמאָל האַלטן פאַר נייטיק צו מאַכן בנוגע יידן און אויסצונוצן צו דעם צוועק די רעקרוטשינע. וואַקסנ־דיקע סתירות צווישן די פּראָדוציר־כוחות און דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג פירן צו פאַרשטאַרקטער צבֿועקישקייט מצד די הערשנדיקע שיכטן אין דער געזעלשאַפט. דאָס שטרעבן פון אַן אַבסאָלוטיסטיש־מיליטאַריסטי־שער דעספּאָטיע צו רעליגיעזער „ביוועלירונג“, איר קריגערישער קאָנפעסיאָ־נאַליזם איז אויסן ריין פּאָליטישע צוועקן. דער פּאָליטיש־מיליטאַריסטישער אומצוטרוי צו אַן עטניש און רעליגיעז־אָפּגעגרענעצטער באַפעלקערונג־גרופּע האָט זיך אָפטמאָל געמוזט ווענדן קעגן יענעם פאַקטאָר, וואָס האָט אַמדייט־לעכסטן קאָנסערווירט די דאָזיקע פּאָלקישע אָפּגעזונדערטקייט. די רעקרו־טשינע און די פּראַוואָסלאַוויש־מיסיאָנערישע שטיק, צו וועלכע זי איז אין אַ געוויסער מאָס אויסגענוצט געוואָרן, האָבן אויך געדאַרפט דינען אויף צו דערציען געטריישאַפט צו דעם זעלבן ניקאָלאַיאישן צאַריזם, וואָס האָט אַזוי גרויזאַם פאַרפאָלגט די אָרעמע יידישע מאַסן.

די שטאַרקע פאַרמערונג ביי די אָרעמע שיכטן יידישע באַפעלקערונג האָט שוין דעמאָלט באַאומרואיקט ניט בלויז די רעגירונג, נאָר אויך באַשטימטע קרייזן פון דער יידישער בורזשואַזיע גופא. די דאָזיקע מאַסע זייער פאַר־אָרעמטע באַלמעלאָכעס, אויפקויפערס, קליינע הענדלערלעך, לופט־מענטשן א. אַז. וו. האָט ניט בלויז אַליין ניט געקאָנט צאָלן קיין שום שטייערן, נאָר זי איז נאָך אָפטמאָל געפאַלן ווי אַן עול אויף קהל און האָט אַזוי־אַרום געמינערט זיין שטייער־פייאיקייט. מיט דעם דאָזיקן עלעמענט איז ניט געוווען וואָס זיך

צערעמאָניען; אויב די דאָזיקע מאַסע האָט געדאַרפט „פאַרקלענערט“ ווערן, האָט דאָ געקאָנט זייער גוט נוצן די נאַטוראַלע רעקרוטן־סיסטעם מיט איר שווערן פינף־און־צוואַנציק־יאָריקן דינסט. אגב: אַ ריי פאָרשלאָגן בנוגע קאָלאָניזאַציע און פאַבריק־אַרבעט פאַר יידן שטאַמען דווקא פון יידישע גרויס־בורזשואַזע קרייזן און זייערע טעאָרעטישע וואָרטזאָגערס (הירשאָוויטש — נאָך אין פוילן, — נאָטע שקלאָווער, מאַרקעוויטש, יעקב הירש, אליהו פראַנק, אברהם פערעץ, לייב נעוואַכאָוויטש, ב. ראָזענטאַל און אַנדערע).

עס האָט עפּעס צו זאָגן, אויב אַ טייל קהילות האָבן אַ ביסל שפּעטער, נאָכן אַרויסקומען פונעם רעקרוטן־געזעץ אין די דרייסיקער יאָרן, אַליין פאַרגעלייגט צושטעלן יידישע רעקרוטן איבער דער נאָרמע אַנשטאָט די שטייער־חובות. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אַ חוץ די יידישע קאַפּיטאַליסטן (גילדע־ניקעס) און דעם יידישן קלערוס זיינען באַפרייט געווען פון דער רעקרוטן־פליכט אויך: קוואַליפיצירטע אַרבעטער פון די פאַבריקן, קאָלאָניסטן און די, וואָס האָבן געענדיקט מלוכהשע שולן. דאָס באַטייט, אַז דער רעקרוטן־געזעץ האָט אַ חוץ אַלעמען אויך געדאַרפט זיין אַ סטימול פאַר ערד־אַרבעט, פאַר פּראָלעטאַריזאַציע און פאַרן באַשאַפן אַ בירגערלעכע אינטעליגענץ.

און לסוף: ס׳האָט כלומרשט מיטן רעקרוטן־געזעץ אויך פאַר דער יידישער באַפעלקערונג „עפּעס גוטס“ געדאַרפט געטאָן ווערן. די רעגירונג האָט געדאַרפט טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל פאָרט אויסזען ווי אַ „פאָטערלעכער“ זשעסט * בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג און דעם „אויפגעקלערטן געווויסן“. דאָס האָט זיך געדאַרפט אויסדריקן אין „רעפאָרמעס“ פאַר די יידן לויטן מוסטער פון דער אויפגעקלערטער מערב־אייראָפּע. דאָרט איז מיליטער־פליכט געווען אָן אַנואָג אויף „עמאַנציפּאַציע“, אויף בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג. יעדנפאַלס האָט מען דערוויל געקאָנט איינפירן די „פליכטן“, וואָס די „עמאַנציפּאַציע“ פאָדערט פון דער אָרעמער באַפעלקערונג, און אָפּלייגן די בירגערלעכע רעכט אויף שפּעטער. —

3. דער יידישער בורזשואַ און די רעקרוטשינע

אין „ערשטן יידישן רעקרוט“ שילדערט אַקסענפעלד, ווי אומרואיק און שטאַרק אויפגערעגט די מאַסן האָבן אויפגענומען דעם דאָזיקן געזעץ. בעת דער גביר אהרן קלוגער קוויקט זיך בהרחבהדיק אין זיין רייכן פאַמיליע־גליק און רעזאָנירט בלויז קאַלטבלוטיק, אַז „די זאַך מעג מען אַנדערש פאַרשטיין: אונדזער קייזער ירום־הודו, ווי איך מיין, וויל אין זיין מדינה אַלע

* „דער רעקרוטן-נאַבאָר איז אַ טובה פאַרן יידישן פאָלק“ (זש. מ. וו. ד., 14, 1846), ציטירט נאָך דער „יעווריסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ“, ב. 9, ז. 243.

אומות, וואָס וואוינען אין זיין אימפּעריע, גלייך מאַכן, און איטלעכער זאָל גלייך אַ רעכט האָבן צו וואוינען אָדער צו האַנדלען אומעטום, ניט אַזוי ווי ביז אַהער איז געווען, אַז אין פּופּצן גובערניעס נאָר האָבן יידן געמעגט וואוינען און האַנדלען." „פאַרשטייט זיך, — זאָגט דער דאָזיקער אהרן ווייטער, — אַז דער, וואָס וויל גלייך רעכט האָבן ווי יענער, מוז נושא בעול המדינה זיין גלייך ווי יענער. הײנט גיבן יידן אָבער נישט קיין רעקרוטן. דעריבער הייסט דער קייזער, אַז יידן זאָלן אויך געבן רעקרוטן, וועט שוין אַ רעכט זיין, אַז זיי זאָלן מעגן גלייך מיט יענעם אומעטום וואוינען און אומעטום האַנדלען. אַז דו קויפסט זיך אַ שטאָט אין שול, צאָלסטו פריער געלט, דענסטמאָל האָסטו אַ רעכט צו זיצן און צו שטיין אויף דיין שטאָט. מיר דאַרפן און מוזן גלייבן אונדזער קייזער ירום־הודו, אַז דורך דעם, וואָס יידן וועלן געבן רעקרוטן, וועט ער זיי גלייך מיט אַלע געבן אַ פּראַווע צו האַנדלען און צו וואוינען אומעטום. דאָס דאַרף אַ מענטש פאַרשטיין אַליין."* דער דאָזיקער בורזשואַ קאָן גאָרניט האָבן קעגן דעם געזעץ. זיינס גלייכן האָט שוין ביז איצט, כאָטש מיט באַשטימטע אומבאַקוועמלעכקייטן, פאָרט געקאָנט פאָרן אין די האַפּן־שטעט, אויף די גרויסן יאַרידן פון מאָסקווע, ניזשני־נאָווגאָראָד און ריגע און „וואוינען און האַנדלען" זאָל זיין אַפילו אין פּעטערבורג (פאַר די רעליגיעזע באַדערפענישן דער עיקר פון די יידישע סוחרים איז דאָרט דערלויבט געוואָרן ניט נאָר בויען אַ שול, נאָר אַפילו אַ בית־הקברות).

אַ סך פאָרזיכטיקער און וויניקער זיכער זאָגט זיך אַרויס אין „ערשטן

---

* העכער פיר יאָרצענדליק נאָכן אַרויסקומען פונעם רעקרוטן־אוקאַז האָט אי. אָרשאַנסקי, דער טאַלאַנטפולער בירגערלעכער פּובליציסט און יידישער היסטאָריקער, אַ מין „ווייסער ראַב" צווישן די יידישע ליבעראַלן, מיט כעס און אויפגעבראַכטקייט געמאַכט אַ סך־הכל פון די דאָזיקע האָפענונגען און פאָרשטעלונגען פון די אהרנס: „אַזוי לאַנג ווי די יידן וועלן ביי אונדז ניט געניסן די פולע בירגערלעכע גלייכהייט, האָט רוסלאַנד ניט דאָס רעכט פון זיי צו פאָדערן אַ געוויסנהאַפטיקע אויספילונג פון אַלע בירגערלעכע פליכטן" (אינעם אויבן־דערמאָנטן בוך, ז. 59). ס'איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַרן ליבעראַל, אַז כאָטש ער שטעלט שוין סוף 60ער יאָרן אַזעלכע פראַגן: „צי קאָן מען אַ לאַנד, וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע שרעקלעכע עקספּלואַטאַטאָרס פון אַרבעטערשער מי, ווי פּוזיטש (אַ פיגור פון פּיסעמסקיס „טעסלער־אַרטעל"), האַלטן פאַר אַ פּאַטריאַרכאַלישם אין פּרט פון עקאָנאָמישע באַציאונגען?" (ז. 145), כאָטש ער ווייסט שוין דעמאָלט, אַז „אונדזער איצטיקער געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע סטרוקטור איז ביז גאָר גינסטיק פאַר דער עקספּלואַטאַציע פון דער אַרבעט דורכן קאַפּיטאַל און פּראָפיט", זעט ער פונדעסטוועגן פאָרט ניט קיין אַנדער פּראָגראַם אין דער „יידן־פראַגע", ווי אהרן קלוגער צוריק מיט עטלעכע און פערציק יאָר. „די איינציקע לייזונג פון פאַרבעסערן די לאַגע פון דער יידישער מאַסע „אַן גראַן" איז אויסצושפּרייטן זייער וואוינרעכט אויף דער גאַנצער אימפּעריע" (ז. 137).

יידישן רעקרוט״ אַ פּאַרשטייער פון אַ ביסל אַ נידעריקערער געזעלשאַפטלעכער גרופּע, וואָס איז טאַקע פאַרבונדן מיטן דאָזיקן גביר, אָבער אין אַ באַשטימטן זינען, סיי פּאַקטיש, סיי יורידיש (וואָס שייך סאָלידאַרישער אחריות מיטן גאַנצן קהל) אויך מיט ברייטערע מאַסן. פּנחס דער רויטער האָט ניט קיין פעסטע אייגענע מיינונג וועגן דעם געזעץ, ער פאַררופט זיך בפירוש אויף דעם, וואָס די „גרעסטע לייט זאָגן״. „מיר מיינען, דאָס איז אַ גזירה, אַנדערע גרעסטע לייט זאָגן, אַז דער קייזער האָט דערמיט יידן אַ חסד געטאָן, כדי יידן זאָלן האָבן דערמיט גלייך רעכט און אַ חזקה אין דער מדינה, יידן זאָלן ניט זיין ווי גרים אין דער מדינה.״ ער גיט אָבער פאַרזיכטיק און איינגעהאַלטן צו: „מיר ווייסן נאָך לעת־עתה גאַרניט, וואָס דערפון וועט ווערן.״ דאָ הערשט ניט די זיכערקייט אינעם קייזערס חסד ווי ביי אהרנען. דער דאָזיקער מיטעלער באַלעבאָס — אין תוך זאָגט ער אַרויס אַקסענפעלדס שטאַנדפּונקט — איז ניט אַזוי פעסט איבערצייגט ווי דער גרויס־בורזשואַ אהרן, אַז ס׳וועט דאָ אַרויס אַ טובה פון דעם געזעץ. ער ווייזט בלויז אָן, אַז די מלוכה איז שטאַרקער, און אויב זי הייסט, מוז מען פאָלגן. „נאָר סיי־ווי־סיי טאָרן מיר ניט זיין אַקעגן רצון האַקייזער ירום־הודו... חס־וחלילה, אַז איר וועט מיט אייער עקשנות ניט וועלן געבן קיין רעקרוטן, וועט איר מיט גוואַלד געבן.״

אין אהרנס און פּנחסעס ווערטער בנוגע דער רעקרוטשינע פאַרמאָגן מיר אַ שטייגערישן דאָקומענט וועגן דער שטעלונג פונעם יידישן בורזשואַ און מיטלבירגער צו דער דאָזיקער פראַגע. פון אַלעם, וואָס מיר ווייסן אַ חוץ דעם, איז קלאָר, אַז שוין תיכף אין אָנהייב האָט, לפחות דער יידישער גרויס־בורזשואַ, אויף אַן אמת גאָר ניט געקאָנט האָבן קעגן דעם דאָזיקן און ענלעכע געזעצלעכע מאַסמיטלען.

אויב עס זיינען פאַראַן פאַלן אין דער געשיכטע, ווען מע מעג אורטיילן אויף צוריק, „פונעם שפּעטערדיקן אויפן פריערדיקן״, פונעם סוף אויפן אָנהייב, איז דאָס באַזונדערס שייך צו די אויספירן, וואָס מע קאָן מאַכן פון די מאַטעריאַלן, וועלכע ווערן געבראַכט אין די „היסטאָרישע שריפטן״, וואַרשע, 1929 (ב. 1, ז. 773 און ווייטער: „פון די רוסישע אַרכיוון״). אין יאָר 1852 און דערנאָך איבערחזרנדיק אין יאָר 1854, ד. ה. קורץ פאַר דער אָפּשאַפונג פון רעקרוטשינע פאַר מינדעריעריקע (אָנגעהויבן פון 1856, האָט מען גענומען רעקרוטן נאָר אינעם עלטער פון זיבעצן ביז צוואַנציק יאָר, פריער אָבער — אָפיציעל אָנגעהויבן פון צוועלף יאָר, פאַקטיש — פון אַכט ביז ניין יאָר), ווענדן זיך עלף יידישע סוחרים פון דער ערשטער גילדע און „ערן־בירגער״, אָנגעפירט דורכן באַוואוסטן „גביר און שתדלן״ יויזל גינזבורג (דעם שפּעטער־דיקן באַראָן), מיט אַ מעמאָראַנדום צו דער רעגירונג, אין וועלכן זיי באַמיען זיך צו באַוואָרענען, אַז די שטאַרקע פאַרגרעסערונג פון דער רעקרוטן־נאָרמע

אינעם יאָר 1852 זאָל גיין דער עיקר אויפן חשבון פון דער אָרעמשאַפט. זיי אונטערשטיצן אין זייער בקשה דעם פּרינציפּ פון „ראַזריאַדן" — טאַקע דאָס, וואָס די מאַסן האָבן אָנגערופן „גזירות־ראַזריאַדן", — לויט וועלכע די „אומ־נוצלעכע און שעדלעכע" בירגער, ד. ה. די אָרעמשאַפט, דאַרף באַזונדערס שאַרף אויסגעטיילט ווערן פאַר די רעקרוטישע און קאַנטאָניסטישע לאַסטן (זיי האָבן געדאַרפט צושטעלן רעקרוטן פינף מאָל מער ווי די איבעריקע יידישע באַפעלקערונג). „רעקרוטשינע" דאַרף לויט דעם מעמאָראַנדום מיט גרעסערער אויסשליסלעכקייט אַרויפגעוואָרפן ווערן אויף די „אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן" (פון קאַפּיטאַליסטישן שטאַנדפּונקט). אַפילו דער בירגערלעכער היסטאָריקער, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט די דאָזיקע דאָקומענטן, מוז דאָס טייטשן: אויף די יידישע „אָרעמע קלאַסן".

מיט אַ באַשטימטן „היתכון"־טאָן שטעלט ער פעסט, אַז די ביטע איז געווען געווענדט קעגן די אינטערעסן פון „כלל". ער חידושט זיך „באַאיור": „וואָס האָט אייגנטלעך גינזבורג באַצוועקט מיט זיין ווענדונג, איז ניט אינ־גאַנצן קלאָר, מחמת פאַקטיש האָבן פון דער רעקרוטשינע די רייכע יידן נישט געליטן; סיי דער געזעץ, סיי באַזונדערס די פּראַקטיק האָט זיי געגעבן די פולע מעגלעכקייט צו באַפרייען זיך..." (דאָרט, ז. 788). פאַר גינזבורגן אָבער און זיינע מיט־שתדלנים איז דאָס, וואָס זיי האָבן „באַצוועקט", געווען „אינ־גאַנצן קלאָר" און קאָנסעקווענט. און פּונקט אַזוי איז אויך פאַר אונדז קיין ספק ניט, אַז אין די דאָזיקע „שתדלנישע" מעמאָראַנדומס איז דאָקומענטירט און שפּיגלט זיך אָפּ די קאָנסעקווענטע באַציאונג פון די יידישע בורזשואַזע קרייזן צו דער רעקרוטשינע און צו דער קאַנטאָניסטן־סיסטעם פאַר דער גאַנצער ציים, זייט דעם אַרויסקומען פון דעם דאָזיקן געזעץ, און אפשר אַפילו נאָך זייט אַ שטיקל צייט פריער, נאָך איידער דער געזעץ איז אַרויסגעקומען...

אין די דאָזיקע דאָקומענטן ווערט מיט צינישער דייטלעכקייט פאָרמולירט די באַציאונג פון די יידישע בורזשואַזע קרייזן בנוגע אָט דעם אויסער־געוויינלעכן האַרבן און גרויזאַמען מאַסמיטל. די יידישע קאַפּיטאַליסטישע איניציאַטאָרס פון דער „פּראָדוקטיוויזאַציע" פון דער יידישער אָרעמשאַפט, וואָס האָבן זייט נאָטקינען (1797, 1800, 1803 א. אַז. וו.) אונטערגעזאָגט דער רעגירונג, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דער יידישער אָרעמשאַפט און זי צו עקספּלואַטירן, האָבן פּונקט אַזוי גוט, ווי זייערע מלוכהשע „פּראָטעקטאָרס", פאַרשטאַנען דעם ווערט פון דער רעקרוטשינע אַלס סטימוליר־מיטל פאַר פּראָלעטאַריזאַציע און אַלס מיטל פון „רעדוקציע".

וואָס שייך אָבער דעם מעמאָראַנדום פון גינזבורג און זיין חבריה מוז מען יעדנפאַלס זאָגן, אַז דאָ האָט שוין דער מער „אַנטוויקלטער" יידישער בורזשואַ אין פּרט פון דייטלעכקייט געמאַכט באַדייטנדיקע פאָרשריטן. „מיר

וואַלטן געהאַלטן, — רעדט זיך דאָרט, — אַ השתדלות פאַר די טויגעניכטסן פון אונדזער נאַציע פאַר אַ פאַרראַט קעגן אייך (קעגן ניקאָלאַי!!) און קעגן די אינטערעסן פון אונדזער פאָלק גופא"; „אויב אַ גרעסערע צאָל רעקרוטן וועט גענומען ווערן נאָר פון די ליידיקגייערס (די דעשיפרירונג פון דעם טערמין איז אַפילו דעם בירגערלעכן היסטאָריקער קלאָר—מ. וו.), וועלן אַלע לאָיאַלע און פאַרמעגלעכע יידן, וועלכע שרעקן זיך אַליין פאַרן וואוקס פון אַזאַ קלאַס מענטשן, מיט אַ האַרציקן דאַנק באַגעגענען ניט נאָר דעם טריט, נאָר אויך, ניט געקוקט אויף די רעליגיעזע פאָראורטיילן, יעדן אַנדערן פאַסיקן שריט פון דער רעגירונג אַרויפצולייגן אויף די דאָזיקע מענטשן אַ צוים" (ז. 786).

דאָ באַגעגענען מיר שוין גאָר אַ גראָבע אָנצוהערעניש פון הסכמה אויף פּראָיעקטירטע מאָסמיטלען פון אַ באַשטימטן מין. אַשטייגער ווי ס'האָט פאַרגעלייגט דער ווייסרוסישער גענעראַל-גובערנאַטאָר דיאַקאָוו (אין די פערציקער יאָרן) צו פאַרמינערן די „אומנוצלעכע" יידן (ד. ה. די אָרעמשאַפט—מ. וו.) דורך צוואַנגמעסיקע סאָלדאַטיש-אַרבעטערישע ראָטעס, אָדער גאָר אויף די מאָסמיטלען, וואָס אוואַראָוו האָט, ווי ס'איז דייטלעך צו זען, אין זינען געהאַט מיט זיין אָנמערקונג אויפן מעמאָראַנדום פון אַ באַוואוסטן ווילנער „גביר און שתדלן" ראָזענטאַל (1842) וועגן קאַמף קעגן דער יידישער אָרעמשאַפט דורך צוציען צו פאַבריק- און ערד-אַרבעט — אַז: „מיט פאַבריקן און ערד-באַאַרבעטנדיקע קאָלאָניעס וועט ניט געלייזט ווערן די יידן-פראַגע. דער פרינציפ ליגט העכער", ד. ה. אין דער פיזישער ליקווידאַציע פון די דאָזיקע שיכטן.* דער צוועק, וואָס גינזבורג און חבריה זיינען אויסן געווען מיט זייער מעמאָראַנדום, איז קלאָר. די הימלשרייענדיקע און אוממענטשלעכע כאַפּערס-אינסטיטוציע, די ווילדע, אַלע גרענעצן-איבערשטייגנדיקע קאָרופּציע האָט צופיל פאַרבויגן און פאַרקריפּלט דעם „זיך" פון דעם געזעץ. אונטערוועלטיש-קולאַקישע גרופּעס אין דער יידישער סביבה, פאַרגרעבטע שענקערס, קאָנטראַבאַנדיסטן א. אַז. וו., וועלכע גופא די רעגירונג איז צום טייל אויך אויסן געווען מיטן געזעץ, האָבן דעם דאָזיקן געזעץ, ווערנדיק „כאַפּערס" און באַלעבאַטים איבערן געזעץ, געגעבן אַזאַ ווענדונג, וואָס האָט אָנגעהויבן אומבאַקוועם ווערן דעם יידישן בורזשואַ גופא. דאָס מאָסמיטל האָט שטאַרק „דעגענערירט". דער מיין פונעם מעמאָראַנדום איז צו קאָרעגירן און צוריק צו פירן די רעקרוטשינע און די קאַנטאָניסטן-סיסטעם צום אורשפּרינגלעכן צוועק: אַלס סטימוליר-מיטלען פאַר פּראָלעטאַריזאַציע פון דער אָרעמשאַפט

---

* זע ש. באָראָוואָי: „יעווריעסקאַיאַ זעמלעדעלטשעסקאַיאַ קאָלאָניזאַציאַ וו סטאַראָי ראָסיאי", מאָסקווע, 1928, ז"ז 184 און 189-190.

(צוליב קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע) און אַלס מיטלען זי, די אָרעמ־שאַפט, צו „רעדוצירן". די סאָציאַלע ווירקונג־גרענעצן פון די דאָזיקע מאַס־מיטלען האָבן געמוזט נאָך דייטלעכער אויפגעשטעלט און אונטערגעשטראָכן ווערן. כדי עס זאָל ניט אָנרירן די גרופּעס, וועלכע דער געזעץ טאָר ניט אויסן זיין, האָט מען געמוזט פאַרפינקטלעכן זיין ווירקונג־געביט, אַזוי אַז „די שולדיקע, זעענדיק דאָס, זאָלן באַקומען נאָך אַ שטאַרקערן סטימול צו ווערן בעסער".

דער רעקרוטן־געזעץ פון 1827 יאָר איז, הייסט עס, געווען דיקטירט ניט בלויז דורך קלאַסעווע מאָטיוון פון אַן אַלגעמיינעם מאַסשטאַב, נאָר עס האָט אויך אין אַ באַשטימטן זינען געדאַרפט זיין אַ „חסד", אַ געשאַנק אויף צו „פאַר־בעסערן" די לאַגע פון די ברייטערע מאַסן אָרעמע יידישע באַפעלקערונג; דאָס האָט געדאַרפט זיין אויך אַ „רעפאָרמע" און אַ פּרוואוו אכזריותדיק צו לייזן די „יידן־פראַגע" אויף אַזאַ אופן, וואָס האָט גראַד — מיר ווייסן ניט פינקטלעך, ווי ווייט דאָס איז געשען „צופעליק" אָדער ניט — אַנטשפּראָכן צו די אינטערעסן פון באַשטימטע יידישע בורזשואַזע קרייזן.

4. די אָרעמשאַפט און די רעקרוטשינע

ווי איז אויפגענומען געוואָרן דער רעקרוטן־אוקאַז פון יענעם טייל באַ־פעלקערונג, קעגן וועלכן ער איז געווען געווענדט?

דער דעטאַל, וואָס אַקסענפעלד דערציילט אין „ערשטן יידישן רעקרוט" וועגן דער מיינונג פון די פאַרזאַמלטע אויף דער אסיפה, אַז פון קהלס חתימה איז אָפּהענגיק דער געזעץ, — איז ניט קיין אויסגעטראַכטער און ניט קיין גוזמא. ביים איבערדערציילן געזעלשאַפטלעכע פאַקטן האַלט זיך אַקסענ־פעלד, ווי מיר ווייסן, ביים היסטאָרישן אמת. די דאָזיקע מיינונג פון דער מאַסע האָט אָבער געהאַט אַ סך אַ רעאַלערן באָדן, איידער אַן אַנדערע, אַ היסטאָריש־באַגלויבטע מיינונג אירע, אַ רעזולטאַט פון איר פאַנאַטישער אָפּ־געשטאַנענקייט, אַז כל־זמן דער גוטער־ייד, דער רבי, האָט ניט מסכים געווען מיט דעם געזעץ, וועט ער ניט ווערן אויסגעפירט.

א. מ. דיק דערציילט אויך אין „דער ערסטער נאָבאָר", אַז „...די רייסישע און חסידישע רביים ... האָבן דעם עולם פאַרזיכערט אויף געוויס, דאָס מען וועט פון יידן קיינע רעקרוטן נעמען" (ז. 9). איבער דעם האָט דאָס אַרויס־קומען פונעם געזעץ נאָך מער איבערראַשט און צעטומלט די מאַסן, וואָס האָבן אין אָנהייב אינעם געזעץ ניט געוואָלט גלייבן. אָבער אויך די דאָזיקע פאַרשטעלונג פון דער אָפּגעשטאַנענער מאַסע איז ניט אינגאַנצן סתם פון דער לופט גענומען. זי שטייט בלי־ספק אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פאַקט,

וואָס די חסידישע רביים האָבן ענערגיש אָרגאַניזירט די געלט־זאַמלונגען פאַר די „שתדלנותן" אין פעטערבורג (מיט דער הילף פון פאַרשיידענע תקנות, ווי למשל, דורך אַלגעמיינע תעניתים, וואָס האָבן געדאַרפט ברענגען אָפּגעשפּאָרטע סומעס). דעריבער שטייט ביי דיקן דער צוזאָג פון די רביים אין פאַרבינדונג מיט דער טעטיקייט פון די „שתדלנים".*

די דאָזיקע שתדלנישע זשעסטן פון די רביים און די באַמיאונגען פון די „יידישע אַגענטן" אין פעטערבורג אונטערצוקויפן די מלוכה־מענטשן (וועגן „השתדלותן" האָבן די בורזשואַזע היסטאָריקער ליב באַזונדערס אויספירלעך און פאַטעטיש צו דערציילן) טאָרן אונדז ניט אָפּנאַרן מכוח דער אייגנטלעכער באַציאונג צום רעקרוטן־געזעץ פון יענע געזעלשאַפטלעכע גרופּעס, צו וועלכע די „שתדלנים" האָבן געהערט. און אויך ניט וועגן דעם אייגנטלעכן תוך פון די דאָזיקע „השתדלותן". צו אָט־די גרופּעס גופא האָט דער רעקרוטן־געזעץ קיין שייכות ניט געהאַט. די שתדלנים זיינען געווייינלעך געווען, — אַ חוץ די זעלטענע פאַלן, ווען מע האָט מיטגעשיקט מיט זיי צוליב „קאָנטראָל" אַן אומבאַהאָלפענעם נאַאיוון רב אַלס „פאַרטרויטן" פון די מאַסן, כדי זיי צו באַרואיקן, — רייכע סוחרים, וואָס זיינען געפאָרן אין דער הויפּט־שטאָט צוליב זייערע אייגענע געשעפטן און האָבן דערביי איבערגענומען נאָך אַ „געשעפט". ביי שתדלנים און השתדלותן טאָרן מיר קיינמאָל ניט אַרויסלאָזן פון אויג דעם פאַקט, אַז אַ חוץ אויסנאַמען — און אַזעלכע זיינען געווען! — איז דער דאָזיקער ענין סיי פאַר די געלט־זאַמלערס, סיי פאַר די אוממיטלבאַרע „אַגענטן", וואָס פלעגן אָפּקויפן די מלוכה־מענטשן, געווען אַ לויִנעוודיקער און ווייניק קאָנטראָלירטער געשעפט. ניט אומזיסט מיינט מענדעלע מוכר־ספרים, אַז די קרבנות פון דער רעקרוטשינע וואָלטן גערן געזאָגט: „ניט קיין כאַפּערס און ניט קיין באַפרייער, ניט קיין מכה און ניט קיין רפואה..." „איז דען טאַקע ניטאָ ביי אונדז אַזוינע קבצנים, עזות־פּנימער, וואָס פאַרגעסנדיק דאָס גוטס, וועלכעס מע טוט זיי, טרעטן זיי אַרויס אַקעגן אונדזערע גבאים און יענע מיני בעל־טובות מיט אַ ליאַרעם, אַ געשריי: פיל גלייכער וואָלט געווען פאַר אונדז און פאַר כל־ישראל, אַז איר וואָלט גאָר ניט געבוירן געוואָרן !..." („דאָס ווינטשפינגערל", מענדעלע מוכר־ספרים, געזאַמלטע ווערק, מאָסקווע, 1937, ב. 5, טייל 2, ז. 150.)

לויט זיין גאַנצן מהות האָט דער „אוקאַז" קיינעם ניט געקאָנט אַריינפירן אין ספק צו מיינען, אַז די רעגירונג האָט אינזינען, ווי ס'זאָגט זיך דאָרט, „צו פאַרגלייכן אַלע שטאַנדן וואָס שייך מיליטער־פליכט" אָדער, אַז „די בילדונג און די פייאיקייטן, וואָס יידן וועלן באַקומען (אין דער ניקאָלאַיאישער קאַזאַר־

* זע אויך „יעווריעסקאַיאַ סטאַרינאַ", 1909, ז"ז 258—260, די זכרונות פונעם באַאַמטן ציפּרינוס.

מע !—מ. וו.) אין (פינף־און־צוואַנציק־יאָריקן—מ. וו.) **מיליטער־דינסט" זאָל** אַרײַנגעטראָגן ווערן נאָכן אָפּדינען אין די משפּחות, „כּדי דאָס זאָל צוגרונט קומען זייער אײַנגעזעסנקייט און זייער ווירטשאַפט".

לויטן „ספּעציעלן סטאַטוט פאַר יידן" מיט זײַנע 95 פּונקטן, וואָס זײַנען געווען באַזונדערס אַכזריותדיק קעגן דער אָרעמשאַפט, האָבן כּלומרשט געדאַרפט דינען אַלע טויגלעכע מענער נאָך אַ באַשטימטער ריי און אָרדענונג. קהל האָט אָבער געהאַט דאָס רעכט „אָפּצוגעבן אין יעדער צייט לויט זיין אײַנזען יעדן יידן, וואָס צאָלט ניט פּינקטלעך שטייערן, אָדער וואָס שלעפּט זיך אַרום און טוט אַנדערע ניט־דערלאָזבאַרע אומאָרנטלעכקייטן". **דעם דאָזיקן** געזעץ דײַטלעכן וואונק האָט די אָרעמשאַפט און די מאַסע „אומפּינקטלעכע שטייער־צאָלער", „שלעפּערס" („מה־יעשהניקעס") און „אומאָרנטלעכע" תיכּף געמוזט ריכטיק פאַרשטיין. אַז עס וועט ניט אָפּגעהיט ווערן אַפילו יענע הנחה, וואָס דער געזעץ האָט געמאַכט בנוגע אָרעמע אײנציקע זין (ווי ס'ווערט געשילדערט אין „ערשטן יידישן רעקרוט"), האָט מען זיך גיך איבערצייגט. פון מיליטער־חוב זײַנען יורידיש אָדער פאַקטיש באַפרייט געווען: גילדע־סוחרים, רבנים, רביים און כּלי־קודש, וועלכע די רעגירונג האָט געדאַרפט שאַנעווען לויט אירע קאָנפעסיאָנאַליסטישע פּרינציפּן; צעך־מייסטערס, ד. ה. קוואַליפיצירטע אַרבעטער, צוליב די אינטערעסן פון דער אינדוסטריע; קאָלאָניסטן (אַ סטימול אויף אַריבערפירן די אָרעמע יידן צו אַ מער אָדער ווייניקער ענלעכער לאַגע ווי פון די ניט־יידישע לײַבאייגענע פּויערים) און יידן מיט אַטעסטאַטן פון רוסישע שולן (אַלס געהילף־רעזערוון פאַר דער בורזשואַזיע).

כּמעט צו גלײַכער צייט מיטן אוקאַז, דריי חדשים שפּעטער, זײַנען אונטערגעשריבן געוואָרן צוויי באַפעלן אַרויסצוטרייבן יידן פון אַלע דערפער אין גראָדנער גובערניע און פון דער שטאָט קיעוו. דער קיעווער אַרויסטרייב — אַלצאיינס ווי ווייט מע האָט אים פאַקטיש אויסגעפירט — באַטייט אַן אָנהייב פון אַ נייער סיסטעם: די פאַרשמעלערונג פון וואוין־תחום אינעווייניק אינעם צונויפגעפּרעסטן תחום גופא. עס קומען דאַן אויך וואוין־באַגרענעצונגען פאַר באַשטימטע שטאָט־טיילן, אַפילו אין די דערלויבטע שטעט (דער אַלטער געטאָ־פּרינציפּ), ווי למשל, אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, קאָוונע, זשיטאָמיר. 1829 ווערן אַרויסגעשיקט די יידן פון די ברעג־קאַנטן בײַם באַלטישן ים און שוואַרצן ים. די רעגירונג באַפוילט אין קורלאַנד און ליפלאַנד אָנצונעמען מיטלען „אויף צו פאַרקלענערן די צאָל יידן". אין זעלבן יאָר ווערן יידן אַרויסגעשיקט פון סעוואַסטאָפּאָל און ניקאָלייעוו, 1830 — פון דער קיעווער גובערניע. 1835 קומט אַרויס דער געזעץ וועגן נײַע שטאַרקע באַגרענעצונגען פונעם וואוין־תחום א. אַז. וו. פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלעמאָל האָט זיך אײַנגעגעבן די דאָזיקע געזעצן פאַקטיש און אינגאַנצן דורכפירן אין לעבן. יעדנ־

פאַלט אָבער האָבן די אָרעמע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט פון די נײַ־פאַרבאַטענע קאַנטן, נאָך ענגער און געדיכטער געמאַכט דעם דערלויבטן תחום. דער צאָלמעסיק קלײנער רײַכער יידישער בורזשואַזער שיכט האָט זיך פון די דאָזיקע געזעצן ניט געלאָזט אויף אַן ערנסט באַגרענעצן. עס האָט זיך דעם יידישן גביר געווײנלעך אײַנגעגעבן צו באַקומען די נייטיקע צײַטווײַליקע אָדער גאָר שטענדיקע אויסנאַם־דערלויבעניש. האָט מאַקע ניט געקאָנט בלײַבן קײן ספק, אַז דער רעקרוטן־געזעץ איז ניט קײן אָנזאָג פאַר ברייטערע רעכט פון די מיטעלע שיכטן און איז שוין אַוודאי גאָרניט אויסן די טובה פון די ברייטערע אָרעמע מאַסן.

די דאָזיקע מאַסן האָבן תיכף פאַרשטאַנען, אַז דער גאַנצער עול פון רעקרוטן־געזעץ וועט פאַלן אויף זײ, אויף די באַזיצלאָזע. די צאָל יידישע קאַלאַניסטן און קוואַליפיצירטע אַרבעטער אין פאַבריקן, — כאָטש זי איז טאַקע געווען גרעסער, ווי מע מײנט געווײנלעך, — איז פאַרט אין פאַרהעלטעניש צו דער גאַנצער מאַסע באַזיצלאָזע געווען גאָר אַ קלײנע. די גרויסע מאַסע איז באַשטאַנען פון דריבנע אַלײן־פּראָדוצירער, באַלמעלאָכעס, געזעלן און משרתים, באַלעגאָלעס, כלערלײ לופט־מענטשן, דעקלאַסירטע און קלײנינקע הענדלערס. די דאָזיקע מאַסע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ גײט וועגן פיזישער „רעדוקציע". ניט אומזיסט שטעלט זי טאַקע דעם געזעץ אין צוזאַמענהאַנג צו די עלטערע פּוילישע רעדוקציע־פּראָיעקטן. (זע אַקסענפעלדס ווערק, ב. 1, „דער ערשטער יידישער רעקרוט", ז. 195.)

אמת, עס איז באַפוילן געוואָרן דער גובערניאַלער אויבערמאַכט אַכטונג צו געבן, אַז ביים איבערגעבן רעקרוטן אויסער דער רײ (כלומרשט האָבן אַלע דינסט־פייאיקע געדאַרפט דינען נאָך אַ באַשטימטער רײ; אויסער דער רײ האָט מען געמעגט אָפּגעבן בלויז די דערמאָנטע אומפּינקטלעכע שטײַער־צאָלער, שלעפּערס און אומלײַטישע אָדער „פרײַוויליקע") זאָלן ניט באַוואָלהט ווערן אָרעמע און לײַטישע מענטשן, אויף וועלכע קהל האָט אַ האַרץ בלויז צוליב באַשטימטע מעשים קעגן דעם יידישן אָבערגלויבן און קעגן מיטברודער בײַ יידן. געמײנט זײַנען מיט דעם באַפעל דער עיקר די קלײנשטעטלדיקע „משכילים" און „ביאור־אַפּיקורסים", וואָס פלעגן אַמאָל שיקן האַרצרײַסנדיקע „פּראָשעניעס" צו דער רעגירונג און אויפדעקן די העסלעכע מעשים פון קהל, און די „שטאָט־מוסרים", וואָס די רעגירונג האָט זײ אַמאָל פּראָטעזשירט, כדי דורך זײ געוואויר צו ווערן די „סודות" פון קהל. פאַקטיש איז דאָס איבערגעבן אין רעקרוטן אויסער דער רײ גראָד „אָרעמע און לײַטישע מענטשן" געווען דאָס נאָרמאַלע. אין „ערשטן יידישן רעקרוט" זעען מיר, ווי דער קאַפּיטאַן־איספּראַווניק פּרוּאווט זיך אָפּצורעדן נחמן דעם גרויסן, ער זאָל זיך ניט אָפּגעבן אין סאָלדאַטן (ז. 192), גראָד ווײַל ער האָט על־פּי טעות געמײנט, אַז

ער געהער צו די פּאַרמעגלעכע קלאַסן. אַז קהלשע מאַכערס האָבן זיך לחלוטין ניט אָפּגעשטעלט אָפּילו פאַר אָפּגעבן אָרעמע איינציקע זין, ווערט באַשטעטיקט אין אַן אַ שיעור דאָקומענטן און אויך אין אַ סך בעלעטריסטישע ווערק פון יענער און פון אַ שפּעטערער צייט (אין לעווינזאָנס „הפקר־וועלט", אין קאַמ־ראַשס פּיעסע, אין א. מ. דיקס „דער ערסטער נאַבאָר", אין דער אַנאָנימער דערציילונג „עטלעכע יאָר צוריק [„קול מבשר", 1868, נומ. 42—51], אין די באַוואוסטע פאָלקס־לידער, אין „ערשטן יידישן רעקרוט", ביי לעסקאָוון א. אַז. וו.).

די אָרעמשאַפט האָט טאַקע תיכף באַנומען, וועלכע ראָל קהל שפּילט אין דעם ענין, וואָס וועט אים געבן די מעגלעכקייט: פּטור צו ווערן פון באַ־שטימטע שטייער־אָפּצאָלן, פון פילאַנטראָפּישע פליכטן און זיך נוקם צו זיין אין אַלע, וואָס בונטעווען קעגן זיין באַרייסערישן אויטאָריטעט (נישט אומזיסט האָט אהרן פּראָוואָצירט נחמן דעם גרויסן, ער זאָל אָפּחוזקן אין זיין ליד פון קהל און זיינע אָנפירער, כדי אים אַזוי־אַרום נאָך פּאַסיקער צו מאַכן פאַר אַ „פּריוווילעקן" רעקרוט — אויסער דער ריי). ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, דער געזעץ איז אַזוי שטאַרק צונויפגעפאַלן מיט געוויסע אינטערעסן פון קהל, אַז ערטערוויז האָבן די מאַסן געמוזט מיינען, אַז קהל גופא פירט איין אָדער קלייבט אויס לויטן פרייען ווילן דאָס נאַטוראַלע רעקרוטן־סיסטעם אַנשטאָט דעם רעקרוטן־אָפּצאָל. עטלעכע יאָר שפּעטער זיינען דאָך טאַקע געקומען פאָרשלאָגן פון קהל צו געבן רעקרוטן איבער דער נאָרמע אַנשטאָט אָפּצאָלן די שטייער־חובות...

אויב ס׳איז ביי דער אָפּצאָל־סיסטעם געווען אַ באַשטימטע „שותפותדיקע אחריות" בנוגע דער אָפּצאָל־סומע, ווייל סוף כל סוף האָט דאָס געמוזט באַ־צאָלט ווערן פון דעם גאַנצן קהל „סאָלידאַריש" (אין יורידישן זינען) — איז איצט, ביי דער נאַטוראַלער רעקרוטן־סיסטעם דער קאַמף געוואָרן אָנרחמנות־דיק. עמעצער האָט דאָך פיזיש געמוזט גיין, האָט זיך שוין דאָס ממילא געמוזט אויסלאָזן צום עקאָנאָמיש און סאָציאַל שוואַכסטן. די שיכטן אין דער יידישער סביבה האָבן זיך איבער דעם אָנגעהויבן דייטלעכער צו דיפערענצירן. דער מיטעלער שיכט בנוגע דעם סאַמע אָרעמסטן, אַקעגן וועלכן עס זיינען איצט געווען בלוטיק פאַראינטערעסירט אַלע פאַרמעגלעכערע. דער געזעץ האָט זיי דאָך אַ חוץ אַלעם באַפרייט פון פריערדיקן אָפּצאָל. „...אַז עס איז נישט געווען די רעקרוטן, פלעגט אַמאָל קהל דאָס קדחת האָבן אַזוי גראָב דעם אָרעמאַן צו באַרייסן, מע האָט טאַקע פאָרט מורא געהאַט. דער געמיינער עולם פלעגט זיך טאַקע אַמאָל אַרויפכאַפּן אויף זיי און זיי גוט אָנזידלען, און האָבן זיך טאַקע אַמאָל געקלאָגט פאַר אַ גובערנאַטאָר: דער פּחד איז ניט אַזוי גרויס געווען. היינט, זינט מע נעמט רעקרוטן, ציטערט, נעבעך, דער

געמיינער עולם דאָס מויל צו עפענען. הכלל, ער איז גאָר פאַרקויפט ביים עושר ווי איין עבד־כנעני. ווי זאָגט אַן ערל: אי ביע, אי פּלאַקאַטי ניע דאַיע...״* ניט קיין וואונדער, וואָס די אָרעמשאַפט האָט געמיינט, אַז קהל האָט אַ השפעה אויפן אַרויסקומען אָדער אויף דער גילטיקייט פונעם געזעץ.

פונדאַנען נעמט זיך, וואָס די מאַסע האָט אין אַ סך ערטער אַקטיוו פּראָ־טעסטירט קעגן דעם אונטערשרייבן די קבלה פונעם אוקאַז. די געשיכטע ווייסט פון עטלעכע אַזעלכע פאַקטן. אַזוי, למשל, איז געווען אין אַלט־קאָנסטאַנטין. דער פּאָליציי־באַאַמטער האָט ניט געטראָפן די ראשי־קהל אין קהל־שטיבל — אפשר האָבן זיי זיך באַהאַלטן פון מורא פאַר די מאַסן, — האָט ער אַוועקגעטראָגן דעם אוקאַז צום רב. די מענטשן, וואָס זיינען גראָד דאָרט געווען, און מן־הסתם ניט צופעליק געווען, האָבן געהאַלטן, אַז פון דער קבלה־אונטערשריפט איז אָפּהענגיק דער גאַנצער געזעץ, און האָבן שאַרף געפאָדערט, די קהילה־לייט זאָלן ניט אונטערשרייבן דעם פּאַפּיר. דערנאָך האָט דער עולם, פאַרשטייט זיך, דער אָרעמער המון, פון כעס אויפן קהל און אויף די גבירים באַוואָרפן זייערע הייזער מיט שטיינער. דאָס דאָזיקע געשעעניש איז אינעם פאָרטראַג פונעם זשאַנדאַרם־שעף פאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן כאַראַקטעריזירט געוואָרן ווי אַ בונט, אַזוי אַז דער קייסער האָט באַפוילן איבערגעבן די שולדיקע אין אַזעלכע פאַלן צום מיליטער־געריכט. אַן ענלעכער צוזאַמענשטויס איז אויך פאָרגעקומען אין בערשאַד. נאָכן באַקאַנט־מאַכן דעם אוקאַז האָט דער אָרעמער המון אויסגעשלאָגן די פענצטער פון די גבירים און פּרנסים. זיי האָבן געהאַט טענות, הלמאי האָט מען זיי ניט גערופן, בעת ס׳איז אָנגעקומען דער פּאַפּיר (ד. ה. זיי וואָלטן ניט דערלאָזט, מע זאָל אים אָננעמען), און פאַרוואָס ווערן זיי בכלל ניט צוגעצויגן צו די ענינים פונעם קהל. דאָס אייגענע איז פאָרגעקומען אויך אין מינסק און מן־הסתם אויך אין אַנדערע ערטער.

אַן ענלעכע סיטואַציע שילדערט אַקסענפעלד אינעם ערשטן בילד פון

---

* „די הפקר־וועלט“, וואַרשע, 1902, ז. 38. אגב, די דאָזיקע גוטע באַקאַנטשאַפט מיט דער סיטואַציע, וואָס דער געזעץ האָט געשאַפן, דערלויבט ניט צו דאַטירן „די הפקר־וועלט“ מיטן יאָר 1828. דער אוקאַז איז אַרויסגעקומען אין 1827. דער ערשטער נאַבאָר איז פאָרגעקומען אין 1828. עס איז ניט מעגלעך, אַז אין זעלבן יאָר האָט זיך שוין אויסגעבילדעט אַזאַ סיטואַציע, וואָס ווערט באַשריבן פון לעווינזאָנען. וועגן דער צייט, ווען עס זיינען „נישט געווען קיין רעקרוטן“, רעדט לעווינזאָן ווי וועגן אַ גענוג לאַנג פאַרגאַנגענער. אַ חוץ דעם האָבן זיך די פאַר־שיידענע מאַניפּולאַציעס און שווינדלעריען, וועגן וועלכע לעווינזאָן דערציילט (ז. 33), געקאָנט אויסאַרבעטן ערשט מיט דער צייט, נאָך עטלעכע יאָר. מע דאַרף דעריבער רעכענען, אַז „די הפקר־וועלט“ איז געשריבן געוואָרן ניט פריער ווי אַרום העלפט דרייסיקער יאָרן, ד. ה. אַן ערך דעמאָלט, ווען אַקסענפעלד האָט געשריבן זיין „ערשטן ייִדישן רעקרוט“.

זיין „ערשטן יידישן רעקרוט“. עס דערגייט דאָ ניט ביז צו אַן אַקטיוון פּראָטעסט. די לאָיאַלקייט אַקסענפעלדס האָט דערצו ניט דערלאָזט. דעריבער האָט ער געמוזט אויסמאָלן די סיטואַציע אין אַ קאַריקאַטוריסטיש־קאָמישער באַלויכטונג. ער האָט געמוזט אַפּאָלאָגעטיש צונישט מאַכן די באַשולדיקונג אין אַ מלוכהשן „בונט“, וואָס האָט מיט אַ צייט פריער אָנגעמאַכט אַ ליאַרעם אין באַשטימטע רעגירונגס־קרייזן. אַ חוץ דעם שטייט דאָ אין דעם פּרט אַקסענפעלד, ניט געקוקט אויף זיין מיטגעפיל, דורכאויס ניט אינגאַנצן אויף דער זייט פונעם המון, וואָס פּראָטעסטירט קעגן דעם גזעזץ. אַקסענפעלד פירט דאָ אַרויס אַלס פּראָטעסטירנדיקע קעגן דעם גזעזץ יענע אומוויסנדיקע, אָפּגעשטאַנענע קליינקרעמערישע שיכטן, צו וועלכע ער פילט בכלל אַ קנאַפּע סימפּאַטיע. אָבער ניט געקוקט אויף דער קאַריקאַטוריסטישער באַלויכטונג, פילט זיך אין דער סיטואַציע, וואָס ער מאָלט, פאָרט די גאַנצע אָנגעשטרענגטקייט, וואָס האָט ערטערוויז דערפירט די דעמאָלט שטאַרק־דערשלאָגענע און זייניק־בונטאַרישע מאַסן כמעט צו אַ בונטאַרישער אַקציע.

אַלץ, אויף וואָס די פאָלקס־מאַסן האָבן זיך געקאָנט פון דעם אוקאַז ריכטן, איז מקויים געוואָרן. צענדליקער יאָרן שפּעטער האָט זיך א. מ. דיק, וואָס איז דרך־כלל איבערצייגט געווען אין דער נייטיקייט און ריכטיקייט פון דעם גזעזץ, אין „דער ערסטער נאַבאָר“ פאָרט ניט געקאָנט איינהאַלטן פאַרענדיקן זיינע זכרונות מיט זייער ביטערע ווערטער וועגן די קהלשע רעדלפירער.

נאָך שאַרפער דריקט זיך אויס וועגן דער ראָל פון די קהלשע תקיפים „אין די פאָריקע נאַבאָרן“ דער אַנאָנימער מחבר פון דער דערציילונג „עטלעכע יאָר צוריק“ („קול מבשר“, 1868, נומ. 42—51). „נאָר ווען יידן געדענקען די צרות, וואָס זיי זיינען אַמאָל אויסגעשטאַנען פון רוצחים, מערדער . . . דאַרפן זיי זיך תמיד דערמאָנען אין דער פינצטערער צייט און זיך שלאָגן אַ גרויסן על־חטא אויף זייערע אייגענע זינד קעגן זייערע אייגענע ברידער... ניט קיינער, נאָר יידן אַליין, זיינען שולדיק געווען ביי די שרעקלעכע זאַכן.“ (נומ. 46).

5. די השכלה־שרייבער און די רעקרוטשינע

ווי האָט זיך די השכלה באַצויגן צו דער „רעקרוטשינע“ ?

קיין אויסדריקלעכע קעגנערשאַפט צום ניקאָלייאישן גזעזץ גופא וועלן מיר אין די געדרוקטע דאָקומענטן ניט קאָנען געפינען. אויב ס'איז ביי עמעצן פון די משכילים געווען אַזאַ באַציאונג צום גזעזץ, האָט דאָס יעדנפאַלס ניט געקאָנט אויף אַזאַ דירעקטן אופן געדרוקט ווערן — די צענזור וואָלט עס ניט דורכגעלאָזט. די קעגנערישע באַציאונג צום גזעזץ האָט געקאָנט קומען צום

אויסדרוק נאָר אין דער פאָרם פון קריטיקירן און אָנקלאָגן דעם אופן, ווי דער געזעץ איז דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן.

דאָס באַטייט אָבער ניט, אַז יעדע קריטיק פון דער אויספירונג איז שוין גלייכצייטיק געווען אַ פּראָטעסט קעגן דעם געזעץ גופא. אָפט איז אַזאַ קריטיק באַגלייט געוואָרן מיט דער בפירושער דערקלערונג, אַז דער געזעץ איז נייטיק און ריכטיק. עטינגערס שטעלונג צו דער פראַגע איז אַן אייבדייטיקע, אַ פּאָזיטיווע, לעווינזאָנס — אַן ספק אַ שאַרף קעגנערישע.

וואָס לענגער דער געזעץ איז דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן, וואָס מער עס זיינען צוגעקומען האַרבע דעטאַלן צום געזעץ, אַלץ מער סתירהדיקייט איז אַריינגעקומען אין דער שטעלונג צו אים מצד דער השכלה.

אַ געוויסער טייל משכילים האָבן, ווי געוויסע אויפקלערעריש־געשטימטע רוסישע ליבעראַלן, געהאַלטן די צאַרישע רעגירונג פאַר אַ פאַרבינדעטן. די דאָזיקע ליבעראַלע משכילים האָבן געמיינט, אַז די צאַרישע רעגירונג קאָן אין אַ געוויסער מאָס העלפן פאַרווירקלעכן די משכילישע אידעאַלן. פאַר אַזאַ מין בלינדקייט זיינען געווען היסטאָרישע סיבות. אַ חוץ אַלעם שטייט די השכלה אין אַלגעמיין ניט אויף דער הויך פון דער רוסישער און מערב־אייראָפּייאישער אויפקלערונג. דאָס פּראָפּאַגירן מלוכהשע מאָסמיטלען איז גע־ווען אין דער פּראָגראַם פון דער השכלה (כאָטש טאָקע ניט אין אַלע פאַלן. אַזוי, למשל, געפינען מיר ניט, פאַרשטייט זיך, קיין איין משכיל, וואָס זאָל באַרעכטיקן און פּראָפּאַגירן די באַגרענעצונג פון וואוינרעכט). מיט דער צייט איז אָבער צו שטאַרק קלאָר געוואָרן, אַז די ניקאָלייאישע רעקרוטן־פליכט האָט פאָרט אַן אַנדער באַדייט ווי, למשל, אין פראַנקרייך, וואו זי האָט אַ חוץ אַלעם געדינט אויך ווי אַן אַדערויף אויף בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע.

דער געזעץ גופא האָט פון די משכילים אויך דאַן ניט געטאָרט אָנגערירט ווערן. די טענות פון דער מאַסע, וואָס האָבן זיך אויף אַ ווידערשפּרעכיקן אופן דורכגעריסן אין דער השכלה, האָבן געקאָנט געפינען אַן אויסדרוק בלויז אין איין דערלויבטער ריכטונג: קעגן דעם אופן, ווי דער געזעץ איז אָנ־געווענדט געוואָרן, כאָטש יעדער בלינדער האָט געקאָנט זען, אַז גראָד אין דער דאָזיקער קריטיקירטער אָנווענדונג איז געלעגן די אייגנטלעכע כוונה פונעם ניקאָלייאישן געזעץ. סוף כל סוף האָט די עלטערע השכלה אין אַלגעמיין ניט געפונען קיין קלאָרן אויסוועג פאַר דער סתירהדיקייט פון איר באַציאונג צו דעם סאָלדאַטישן געזעץ וועגן פינף־און־צוואַנציק־יאָריקן מיליטער־דינסט, אָנגעהויבן פון די קינדערשע יאָרן, און ביי די סאַמע אוממענטשלעכ־סטע באַדינגונגען.

אַ סך־הכלדיק בילד וועגן דער דורכשניטלעכער באַציאונג פון דער עלטערער יידישער השכלה צום רעקרוטן־געזעץ באַקומען מיר פון א. מ. דיקס

באַטראַכטונגען וועגן דעם דאָזיקן ענין. כאָטש זיין בוך „דער ערסטער נאַבאָר, וואָס וואָר אין דעם יאָר תקפ״ח (1828)״, ווילנע, תרל״ב (1871), איז געשריבן געוואָרן מיט מער ווי פיר יאָרצענדליק שפּעטער נאָכן אַרויסקומען פונעם געזעץ, באַשטעטיקט זיך פאָרט דער זעלבסט־לויב פונעם מחבר וועגן דער פּינקטלעכקייט פון זיין זכרון. די רעטראָספּעקטיווע אַרגומענטן און באַ־טראַכטונגען אין דעם בוך זיינען גיכער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שטעלונג פון דער עלטערער השכלה צו דער פראַגע, איידער פאַר דער שפּעטערדיקער השכלה פון די זיבעציקער יאָרן.

„יעדער ענין, זאָגט דיק (ז״ז 31־32), מוז באַטראַכט ווערן אויף צווייערליי אופנים. ערשטנס, ווי ער איז ווירקנד אויף אַנדערע ענינים (בעציגלעך אַנדערע געגנשטענדע)... נון פון דיזעם געזיכטספּונקט אויס (דאָס הייסט פון דיזעם מרכז) דאַרפן מיר אויך באַטראַכטן די יידישע נאַבאָרן. מען קען אַנדערש ניט זאָגן, דאָס בעצם איז עס קיין גוטע זאַך (דאָס האָט מען זיך גע־קאָנט דערלויבן צו זאָגן ערשט נאָך דער ליקווידאַציע פון דער אַלטער רעקרוטשינע—מ. וו.), אָבער בדרך כלל איז עס פאַר אונדז יידן אַ טובה.״ עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דיק הייבט ניט אָן מיט די מאָטיוון, וואָס אַקסענ־פעלד ברענגט אין „ערשטן יידישן רעקרוט״: „כדי יידן זאָלן דערמיט האָבן גלייכע רעכט און אַ חזקה אין דער מדינה. יידן זאָלן ניט זיין ווי גרים אין דער מדינה.״ „איטלעכער זאָל גלייך האָבן אַ רעכט צו וואוינען אָדער צו האַנדלען אומעטום״ (אַקסענפעלדס ווערק, ב. 1, ז״ז 154 און 161). די דאָזיקע אויסגעדראָשענע מאָטיווירונג איז שוין עטלעכע צענדליק יאָר נאָכן אַרויס־קומען פונעם געזעץ מער ניט מעגלעך געווען.

דיק הייבט אָן דווקא מיט יענעם מאָטיוו, וועלכן אַקסענפעלד וויל אומ־דירעקט אָפּלייקענען, מיטן מאָטיוו פון „רעדוקציע״, פון דער פיזישער פאַר־מינערונג פון דער אָרעמשאַפט. „ערשטנס, — זאָגט דיק, — האָבן די נאַבאָרן אויסגערייניקט פון אונדז זייער פיל שעדלעכע מענטשן און ליידיקגייער; צווייטנס, זיינען פיל אָפּגעגעבענע גאַנץ גליקלעך געוואָרן און אויך זיך פיל געבעסערט אין זייער אויפפירונג.״ פאַר דעם צווייטן מאָטיוו געפינען מיר אַנאַלאָגיעס שוין אין „ערשטן יידישן רעקרוט״. אויף זייט 175 דערציילט פּנחס דער רויטער וועגן זיין ווייב ציפּרע, וואָס האָט רחמנות אויף די רעקרוטן: „איך גיב איר צו פאַרשטיין און רעד איר אויס, אַז אין איטלעכן שטעטל געפינען זיך אַזעלכע יונגען, וואָס טויגן נאָר פאַר סאָלדאַטן״; אהרן זאָגט (ז. 176): „איך האָב אַ רעקרוט, וואָס זאָל זיך אַליין שטעלן, וועט דאָס שטעטל פּטור ווערן אַ הולטאַי און אָפּגעבן אַ רעקרוט״; און ווייטער (ז. 180): „איך זאָג אייך דעם אמת, אַז אפשר טוט מען אים אויך אַ טובה דערמיט.״ און פּנחס ענטפערט: „אוודאי אַ טובה.״

ווייטער רעכנט דיק אויס אַזעלכע מעלות פון דעם געזעץ: „דריטנס, האָבן די נאַבאָרן געמאַכט לויזער די יידישע שטעט, זאָנסט וואָלטן מיר געהאַט מיט נאָך עטלעכע הונדערט קרעמער מער אין יעדער שטאָט (דיק האָט אין זינען קליינקרעמער—מ. וו.), וואָס דער קאָנקורענץ איז שוין גענוג גרויס אָן זיי. פערטנס, זיינען מיר געוואָרן דורך דעם וואַרע בירגער דעם לאַנדעס (דער דאָזיקער צו דיקס צייטן ניט־אויפריכטיק געמיינטער מאָטיוו פיגורירט ערשט אויפן פערטן אָרט; ביי אַקסענפעלדן, וואָס האָט נאָך אין דעם פרט געקאָנט האָבן אילוזיעס, — אויפן ערשטן!—מ. וו.). פינפטנס, זיינען דאָ מענטשן אין אָרעמשטאַנד, וואָס לעבן זייער שלעכט. שטאַרבן פראָסט פון הונגער... פאַר אַזאַ איינעם, וואָס איז שלעכט אַ סאָלדאַט צו זיין? (עטינגערס מאָטיוו פון „די שמאַטעס"—מ. וו.)... זעקסטנס, ווי קאָן מען עס גאָר פאַרלאַנגען, דאָס גראַדע מיר יידן זאָלן מאַכן אַן אויסנאַם אין דיזער זאַכע, דאָס נאָר מיר זאָלן זיין פריי פון רעקרוטן?" בלויז, וואָס „מיר יידן האָבן קיינע שיינע ראָליע געשפילט אין די פאָריקע נאַבאָרן"... דאָס הייסט, דער אופן, ווי די קהילות האָבן אויסגעפירט דעם געזעץ, געפעלט דיקן ניט, און ער זעט אין דעם „אַן אייביקן שאַנדפלעק אויף אונדזער יידנטום, וואָס דער שטראָם דער צייט וועט דאָס ניט אויסוואַשן".

* * *

שפּעט־משכּילישע שרייבער שילדערן רעטראָספּעקטיוו די פאַקטן פון דער רעקרוטשינע און נעמען צו זיי אַ שטעלונג לויט ווי אָט די פאַקטן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט סוף 40ער, אָנהייב 50ער יאָרן, ווען דער געזעץ האָט שוין שטאַרק „דעגענערירט", ווען ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון די אור־שפּרינגלעך געמיינטע סאָציאַלע גרענעצן. דער געזעץ האָט שוין דעמאָלט, און ניט בלויז איבער דעם, אָנגעהויבן פאַרלירן זיין אייגנטלעכן זין און צוועק.

מע דאַרף געדענקען, אַז די בעלעטריסטישע ווערק,* וועגן וועלכע מיר רעדן איצט, זיינען אַלע געשריבן געוואָרן נאָכן בטל ווערן פון דער רעקרוטשינע פאַר מינדעריעריקע, נאָך 1856 (למשל: אָסיף ראַבינאָוויטשעס „שטראַפנאָי", 1859, באָגראָווס „פּאָימאַניק", 1873, זיין „פּאָכאָזשדעניאַ יע־רוכימאַ", נאָך שפּעטער — ניקיטינס „מנאָגאָסטראַדאַלניע", 1871, זיין „וועק פּערעזשיט ניע פּאָליע פּערעיטי", — געדרוקט אין 1876 א. אַז. וו.).

אָ. ראַבינאָוויטש באַווייזט אין זיין „שטראַפנאָי", אַז דער געזעץ רירט אָן אַ האַלב־משכּילישן לייטישן קהלס־מאַן, ווייל ער פירט זיך ביים רעקרוטן־ענין אָרענטלעכער ווי אַלע אַנדערע. ראַבינאָוויטש פאַרשווייגט ניט, אַז די קרבנות זיינען געוויינלעך פון דער אָרעמשאַפט און פון באַלמעלאָכעס (זע

* זע ווייטער „אָנמערקונגען און עקסקורסיעס".

זיינע ווערק, ב. 1, ז"ז 62־63), אָבער דער העלד פון זיין דערציילונג איז דער אַריינגעפאַלענער קהלס־מאַן.

באָגראָוו באַהאַנדלט די רעקרוטשינע־טעמע אין זיין „פּאַימאַניק" (אגב, לויט דער באַוואוסטער מעלאָדראַמאַטישער סכעמע וועגן דער אָרעמער וואוילער אונטערדריקטער יתומה, וואָס לעבט ביי שלעכטע פאַרברעכערישע קרובים, וועגן איר ליבע צו אַן אָרעמען משכילישן וואוילן בחור, וואָס ראַטעוועט זי און זיך אַרויס פון איר משפּחהס הענט) — שוין ניט טראַגיש. דער פאַרברעכערישער כאַפּער ווערט דאָ אַליין אָפּגענאַרט און באַשטראָפט. אין אָט דעם געמיטלעכן דערציילן איז שוין ניט פאַראַן קיין שאַרפקייט, דאָס איז שוין מער אַן „אָביעקטיווע" רעמיניסצענץ. ביטערע שאַרפקייט איז פאַראַן אין זיין „פּאָכאָזשדעניאַ יערוכימאַ". עס איז אָבער שוין פאָרט מעגלעך אויך אַ געמיטלעכערע באַהאַנדלונג פון דער טעמע. באָגראָוו קריטיקירט אומגעווינלעך שאַרף און אַמאָל אַפילו זייער האַמעטנע דעם יידישן שטייגער בכלל, אָבער וואָס שייך דער רעקרוטשינע דערקלערט ער („פּאַימאַניק", ז. 9): „מיר באַרעכטיקן ניט דעם באַרבאַריזם פון געוויסע יידן, אָבער באַשולדיקן איז שווער."* און אַפילו אין דער טרויעריקער, שטאַרק אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג „ניקיטינס געפינען מיר ניט קיין פּראָטעסט קעגן דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון דער רעקרוטשינע, קיין אָנצייכעניש פון דעם מין טענות, ווי אַשטייגער אין לעווינזאָנס „הפקר־וועלט".

ווידער אַנדערש איז דער טאָן פון י. ל. גאָרדאָנס דערציילונג וועגן דער רעקרוטשינע: „העצמות היבשות" („כל כתבי יהודה לייב גאָרדאָן", חלק ראשון, אָדעס, 1889). דער אויסגעצייכנטער דיכטער און סאַטיריקער איז דאָ דווקא „געמיטלעך". דאָ דערציילן זיך שוין „אין פריידן" די איבערגעקומענע ליידן פונעם געזעץ, וואָס ווערן באַנוצט ווי אַ פּאָבוליאַרישער מאַטעריאַל פאַר אַ כמעט אידילישער נאָוועלע לויט דער סכעמע פון געמיטלעכע זכרונות, אַשטייגער, ווי אַזוי געכאַפּטע קאַנטאָניסטן האָבן זיך דערשלאָגן צו ווערן בכבודיקע לייטישע גענעראַלן און טוען דערנאָך טובות זייער אָרעמער משפּחה. דער קאַנטאָניסט־גענעראַל, דער אַמאָליקער געכאַפּטער הערשל, איז מיט אַ ברייט האַרץ מוחל די כאַפּערס, וואָס האָבן אים אַריינגעפּירט אינעם אומגליק. דער געכאַפּטער ווערט, אַנטשפּרעכנדיק צוםווירקלעכן שטייגער, אָנגעגעבן אַלס אַ זון פון דער אָרעמשאַפט (זיין פאָטער איז אַן אָרעמער שניידער), ער גייט אַלס אַ קרבן פאַר אַ רייכן קרוב זיינעם; עס באַקומט זיך דאָ אָבער מער אַ משפּחה־קאָנפליקט אויפן באָדן פון רויער אָפּגעשטאַנענקייט.

* די סיבה פון דער אויסגעהאַלטנקייט איז געווען די מורא, זיינע באַשולדיקונגען זאָלן — אין אַ רוסיש געשריבענעם בוך — ניט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַנטיסעמיטיזם.

איידער אַ סאָציאַלער קאָנפליקט. דייטלעך ווערט אין דער דערציילונג אונטער־געשטראָכן דער פאַל, ווען אַ חסיד אַ פּרנס גיט איבער אין רעקרוטן אַ ייִנגל, יעקב קאַץ, ווייל עס דוכט זיך אים, אַז פון דעם קינד וועט אויסוואַקסן אַ משכיל, אַן אַפּיקורס...

פ. סמאָלענסקין באַנוצט די רעקרוטשינע־טעמע אַלס אַ פּאַסיקן מאָטיוו פאַר זיין משכּילישער דידאַקטיק. נאַאיוו דערקלערט דער טאַלאַנטפולער דער־ציילער, אַז די סיבה פון דעם געזעצלעכן מאַסמיטל איז געווען די אומ־געבילדעטקייט און אָפּגעשטאַנענקייט פון די יידן. איבער זייער אָפּגעשטאַנענ־קייט האָבן יידן פּרי התונה געמאַכט זייערע קינדער, און כּדי דאָס אָפּשטעלן, האָט די רעגירונג געמוזט איינפירן די רעקרוטשינע. מיט אַנדערע ווערטער: די קעגנערשאַפט צו דער השכלה האָט געבראַכט דער נאַציע דעם דאָזיקן אומגליק (פאַרגלייך „התועה בדרכי החיים", חלק שני, ווין, ז"ז 169־170). מע דאַרף אָבער פעסטשטעלן, ניט אַריינלאָזנדיק זיך אין אַן אויספירלעכערן אַנאַליז און אין אַ דערקלערונג פון דעם פאַקט, אַז ביי סמאָלענסקינען געפינען מיר שאַרפערע און מער סאָציאַלע טענער פון פּראָטעסט קעגן דער אויפ־פירונג פון די יידישע מאַכטהאָבער, איידער ביי די דערמאָנטע יידיש־רוסישע שרייבער און ווי ביי י. ל. גאָרדאָנען, כאָטש ער פאַרבינדט די דאָזיקע טענות מיט זיין קאַמף קעגן די קעגנער פון דער השכלה. באַגראָוו האַלט, אַז עס איז זייער שווער צו „באַשולדיקן", און גאָרדאָן לאָזט זיין העלד מוחל זיין די פאַר־ברעכערס, וואָס האָבן אים אַריינגעבראַכט אינעם אומגליק. סמאָלענסקין אָבער באַשולדיקט און איז ניט מוחל. „...אויך פּאַספּאָרטן האָבן גאָרניט גע־האָלפן די אָרעמע און די יתומים, וואָס האָבן ניט געהאַט, ווער עס זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען; וואָרים די כאַפּערס האָבן געראַבעוועט זייערע פּאַפּירן און פאַרברענט, און די מענטשן האָבן זיי פאַרקויפט... אַ סך האָבן געמאַכט אַ פאַרמעגן פונעם רויב ביי זייערע ברידער. אָט־דאָס זיינען עס געווען ביי מיין פאָלק די קעפּ און די פירער, די איינצוימער פון צוימען, און זיי האָבן דאָס מיט גרימצאָרן גערודפט יעדן, וואָס לערנט די שפּראַך פון זיין פאָלק (העברייאיש—מ. וו.) און וואָס קוקט אַריין אין טמא ביכער. דאָס זיינען עס געווען און זיינען נאָך איצט זיינע קעפּ און פירער, וואָס רעכטן זיין רעכט און וואָס היטן אָפּ זיין אָפּהיטונג, און פאַר זייער מי עסן זיי אויף דעם פאָלקס געלט און זיינע קינדער מיטן פולן מויל — און ווערן ניט באַשולדיקט." („התועה"... חלק שני, ז. 172). סמאָלענסקין איז זיך ניט משער, אַז ווען „די קעפּ און פירער" וואָלטן געווען געבילדעטע משכּילישע גבירים, וואָס רודפן ניט די „ביאור־אפּיקורסים", וואָלט דאָס אינעם רעקרוטשינע־ענין קיין שום ענדערונג ניט געבראַכט. עס וואָלטן בלויז צוגעקומען אַנדערע מיני צבועקישע אָנשטעלן פון דעם מין, ווי אַקסענפעלד שילדערט זיי ביי אהרן

קלוגער. אָבער ווי ס׳זאָל ניט זיין, האָט סמאָלענסקין זיך פּאַרט דייטלעכער אַרויסגעזאָגט וועגן דער שולד פון די „קעפּ און פירער״, איידער די דערמאָנטע רוסישע און העברייאישע שרייבער.

מענדעלע באַהאַנדלט די רעקרוטשינע־טעמע, אין די 70ער יאָרן און שפּעטער, מיט „עפּישער״ געלאַסנקייט. אויך ער דערלאָזט שוין אין דער „אינטריגע״ אַ גליקלעכן, ניט־טראַגישן אויסגאַנג. אָפּגערעדט פון „מסעות״, וואו דער דאָזיקער מאָטיוו קומט צוליב אַ טראַגי־קאָמישן עפעקט, טראָגט דער דאָזיקער מאָטיוו אויך אין צווייטן טייל „ווינטשפינגערל״ מער דעם כאַראַקטער פון אַ פּאַבוליאַרישן אַקסעסואַר אויף צו קאָמפּליצירן די אינטריגע. אויף אַזויפיל איז שוין אַפילו ביי מענדעלען, וואָס איז געווען אַזוי אויסערגעוויינלעך פילבאַר צו אַלע סאָציאַלע נויטן פון די מאַסן, די דאָזיקע היסטאָריש־געזעל־שאַפטלעכע וואונד געוווען פאַרהיילט. אָבער שטאַרקן, טיף־עכטן מיטגעפיל צו די קרבנות פון אָט די מאָסמיטלען — און טאַקע אַלס סאָציאַלע קרבנות גענומען — וויזן זיינע סאַרקאַסטיש־ביטערע, כאָטש לויטן סטיל באַרעדעוו־דיק־זאָגערישע, באַטראַכטונגען מער איידער אַלע רוסיש־יידישע און העב־רייאישע אויפקלערער־בעלעטריסטן, וואָס האָבן אין יענעם פּעריאָד באַהאַנדלט די דאָזיקע טעמע. זיי הערן זיך, ווי די קלאָג פון די פאָלקס־לידער: „וויפיל טייכן טרערן, אוי, רבונו־של־עולם, האָבן זיך אין יענע צייטן אַריינגעגאָסן אין דיין לאָגל, טרערן פון אָרעמינקע עלטערן, ביי וועלכע מע האָט אַוועקגענומען זייערע קליינע קינדערלעך, נעבעך, בשעת שלאָפנדיק ביינאַכט אין די בעטלעך און זעענדיק גוטע חלומות; טרערן פון מאַמעס, ביי וועלכע מע האָט אַוועק־גענומען זייער בני־יחידים, טרערן פון וויסטע אלמנות, טרויערדיקע אויף זייערע אַוועקגענומענע קינדער, יתומים, דאָס איינציקע טרייסט, דאָס איינציקע אָנהאַלטעניש זייערע אין לעבן!... און פונדעסטוועגן, נישקשה, האָט מען אויסגעהאַלטן. געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, שהחינו, וואָס האָט געלאָזט אונדזערע דאָזיקע קבצנים לעבן, וקימנו, והגיענו, און געלאָזט זיי דערלעבן ערגערע, נייע צייטן, צוצוזען ווידער דאָס אַוועקנעמען ביי זיי די איבעריקע קינדער.״ * (מענדעלע מוכר־ספרים, געזאַמלטע ווערק, מאָסקווע 1937, ב. 5, צווייטער טייל, ז. 125.)

---

* פאַרגלייך אויך: מענדעלע מוכר־ספרים, געזאַמלטע ווערק, מאָסקווע 1935, ב. 6, ז. 375. דעם אָנווייז א. ראַסקינס אויף דער צוגאָב וועגן דער רעקרוטשינע, וואָס מענדעלע האָט צוגעגעבן אין זיין העברייאישער אויסגאַבע פון „שלמה ר׳ חיימס״.

ש. ווינטשעווסקי, וואָס דער סוזשעט פון דער פּיעסע „דער לעצטער נאַבאָר״ האָט אים, ווי ער שרייבט, באַשעפטיקט זיין „גאַנץ לעבן״ (אָנגעהויבן אַרבעטן איבער דער טעמע 1885 און פאַרענדיקט ערשט נאָך 1910), האָט אויף אַ מערקווירדיקן אופן פולשטענדיק פאַרזען דעם אייגנטלעכן סאָציאַלן תוך פון דער רעקרוטשינע.

6. אַקסענפעלד און די רעקרוטשינע־טעמע

איצט קאָנען מיר רעזומירן די גרונט־טענדענצן אין „ערשטן יידישן רעקרוט".

לויטן סוזשעט וואָלט דער מיין פון דער פיעסע געקאָנט, אויף אַ באַנאַלן אופן, אַזוי פאָרמולירט ווערן: קלוגע מענטשן טראַכטן צו מיט שכל, קומט אָבער די ליבע און מאַכט צו נישט זייערע עצות, וואָס ברענגען גאָר אומגעריכטע אומגליקן. דער „קלוגער און גוטער" אהרן זאָגט: „איך האָב געטאָן נאָר מיט שכל, איך האָב פאַרגעסן, אַז דאָרטן, וואו דאָס האַרץ פילט, הערט אויף דער שכל" (ז. 194). דער דאָזיקער ליבע־סוזשעט האָט דאָ אָבער ניט דעם צענטראַלן באַדייט. אַקסענפעלד האָט מיט דעם סוזשעט געוואָלט פאַרפעסטיקן „דאָס רעכט אויף ליבע" אינעם יידישן שטייגער — און אין דער יידישער ליטעראַטור. ווייטער וועלן מיר נאָך וועגן דעם אויספירלעכער רעדן. אָבער די הויפּט־אידייע פון דער דאָזיקער פיעסע ליגט אויף אַן אַנדער פלאַך.

אַקסענפעלד וויל אויף אַ סענטימענטאַלן אופן מוסרן די רייכע יידישע בורזשואַזיע, זיי זאָלן דעם רעקרוטן־געזעץ אָנווענדן אויף אַ „ריכטיקן" אופן. צום געזעץ גופא באַציט זיך אַקסענפעלד סקעפּטיש־לאָיאַל. ער שטייט אין דעם פּרט אַן ערך אין דער מיט צווישן דער הורא־פּראָפּאַגאַנדע פון עטינגערן און זיין קאַלטהאַרציקער באַציאונג צו דער אָרעמשאַפט („לוסטיק און פריילעך דינען זיי דעם מלך!") און צווישן דער אָנגעשטרענגטער, איינגעהאַלטענער הסכמה פון לעווינזאָנען און זיין שאַרפער קריטיק פון דעם אופן, ווי מע האָט דעם געזעץ אָנגעווענדט בנוגע דער אָרעמשאַפט („סדום איז נאָך אַ הונט געווען קעגן אייער קהל מיט אייערע אָטדאָוויטשיקעס מיט זייערע רציחות וגנבות"... און „באָך וויסאָקע, פאַן דאַלעקע").* אַקסענפעלד זעט אייך די

ער באַהאַנדלט זי אויסשליסלעך פון אַ נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט און אינעם סטיל פון דער נעבעכדיקער „מאָדערנע", כמעט סימבאָליסטיש. דער קרבן פון דער רעק-רוטשינע איז אין זיין פיעסע אַ זיידן אײדעמל אַ למדן, אַ שטיקל משכיל; זיין אומקום (קורץ פאַרן אָפּשאַפן די רעקרוטשינע) ווערט געשילדערט אַלס אַ טראַגיש מיספאַרשטייעניש, אַלס אַ באַשערטע זאַך, אַ ג ו ר ל. ווינטשעווסקי לאָזט זיין העלד, דעם שפּעטערדיקן קרבן פון דער רעקרוטשינע, זאָגן: „די בהלה-צייט (ד. ה. דער רעקרוטשינע-פּעריאָד—מ. וו.) וועט בלייבן אין אונדזער פאָלק עפּעס ווי אַ וואונד אין האַרצן..." „ווי אַ פאַרשטעלטע וואונד, אַ באַהאַלטענע מכה, וואָס קיין פּען קאָן ניט באַשרייבן, קיין מויל קאָן ניט שילדערן. דו הייבסט אָן צו רעדן, און די ווערטער שטעלן זיך דיר, ווי ביינער, אין האַלדז, און דו קאָנסט זיי ניט אַרויסברענגען, ניט אַרונטערשלינגען..." אָבער אין דער גאַנצער פיעסע איז ניטאָ די מינדסטע אָנצוהערעניש אויפן אייגנטלעכן תוך פון דער רעקרוטשינע.

* אין „די הפקר-וועלט" און אין „תולדות פלוני אלמוני הכזבי". זע ווייטער „אָנמערקונגען און עקסקורסיעס".

„מלוכהשע גויטהעוונדיקייט" פון דער רעקרוטשינע. ער באַציט זיך אָבער סקעפּטיש צו דעם „חסד". דאָס באַווייזט דער סך־הכלדיקער אינהאַלט פון דער פּיעסע.

פון דער אַנדערער זייט, האָט ער אָבער פּאָרט געהאַלטן פאַר מעגלעך, אַז דאָס זאָל זיין אַן אָנהייב פון „עמאַנציפּאַציע" פון דער יידישער באַפעלקערונג. פונדאַנען שטאַמט די מערקווירדיקע סתירהדיקייט, וואָס באַווייזט זיך אין אַקסענפעלדס באַציאונג צו די אהרנס פון איין זייט און צו די נחמנס פון דער אַנדערער זייט, און אויך אין אַ ריי סענטימענטאַלע טיראַדעס (פּערעלעס ווערטער, ז"ז 161, 174, 176 ; ציפּרעס — ז. 175 און אהרנס — ז"ז 159—163). ווי לעווינזאָן, קריטיקירט אויך אַקסענפעלד דעם אופן, ווי דער געזעץ ווערט אָנגעווענדט דורכן קהל, ער איז אָבער אין דעם פּרט אַ סך אייגגע־האַלטענער פון לעווינזאָנען, וואָס זאָגט זייער אָפענע און שאַרפע ווערטער קעגן די קהלשע מאַכערס און נעמט זיך קלאָר און שאַרף אָן פאַר דער קריוודע פון דער אָרעמשאַפט. פונקט ווי לעווינזאָן, האָט ער פיינט קהל, וואַרפט אויף אים די שולד, אָבער דעם גרויסן גביר, וואָס דרייט אויסנווייניק מיטן קהל, דעם „אויפגעקלערטן" גביר, צו וועלכן ער באַציט זיך מיט יראת־הכבוד, מאַכט ער בלויז אַ שטילן איינגעהאַלטענעם אויסרייד. ער קלערט אים בלויז אויף זיין טעות. די פּיעסע איז געבויט לויט דער מאָראַלישער סכעמע „די שולד און איר באַשטראָפונג". אָבער באַשטראָפט ווערט ניט דער אייגנטלעכער שולדיקער, אהרן.

אויף פּערעלעס דערווידערונגען „...דאָס איז דאָך אַוודאי אַ ביטערע גזירה ?" און „דערווייל איז דאָך אָבער זייער שלעכט דער מאַמע מיטן טאַטן, אַז מען נעמט ביי זיי אַוועק אַ קינד", לאָזט אַקסענפעלד ענטפערן אהרנען מיט אַ ברייטער דערקלערונג וועגן דעם באַדייט פון רעקרוטן־געזעץ פאַר דער עמאַנציפּאַציע פונעם יידישן בירגער (ז"ז 161־162), און ער פאַרענדיקט די טיראַדע : „הייבט פאַרשטייסטו, אַז די מאַמע מיטן טאַטן דאַרפן בשעת־מעשה, אַז מע נעמט ביי זיי אַוועק אַ קינד פאַר אַ סאָלדאַט, וויסן, אַז דאָס קינד גייט טאַקע פאַר זיי, אַז ניט וואָלטן רק אַלע געמוזט גיין אין מלחמה אַריין." דאָס דערמאָנט אַ ביסל עטינגערס „לוסטיק און פריילעך". ס'איז אָבער ניט דאָס אייגענע. אַקסענפעלד פילט דייטלעך, אַז אַזאַ מין פאַרטיילן די ראָלן צווישן אָרעמע און רייכע, ווען די ערשטע דאַרפן אָפּהיטן דאָס פאַרמעגן פון די צווייטע, איז ניט קיין גענוגנדיקער ענטפער אויף דער פראַגע : „דערווייל איז דאָך אָבער זייער שלעכט דער מאַמע מיטן טאַטן", און ער דער־לויבט זיין רעזאָנאָר זיך אויסדרייען מיט אַ פוילן אויסרייד : „דאָס איבעריקע וועל איך מיט דיר אַן אַנדערש מאָל איבעררעדן..." כאָטש ער קערט זיך קיינ־

מאָל ניט מער צוריק צו דער צוגעזאָגטער טעמע. אַקסענפעלד אַליין לאָזט די פראַגע אָפן.

*   *   *

מיט דער גאַנצער פיעסע גופא באַווייזט אָבער אַקסענפעלד, להיפוך צו זיין אהרנס דערקלערונג, אַז די רעזולטאַטן פונעם געזעץ זיינען, ווי דיק זאָגט: „שלעכטער פון אַלע אומגליקן אין דער וועלט"; ער באַווייזט מיט דער פיעסע, אַז דער אויסרייד: „ס'איז פאַראַן אין יעדער שטאָט הולטאַיעס, וואָס שטאָט וועט זיך צונוצקומען, ווען זי וועט פון זיי פטור ווערן", איז אַ ליגן, אַז גראָד פונעם אָוועקגעבן אַזאַ „הולטאַי" איז אַרויס דווקא אַן אומגליק. עס באַקומט זיך, אַז זיין אידעאַל-פיגור אהרן, די „סימפּאַטישע" פאַרשוינען פנחס און ישראליק האָבן אָפּגעטאָן אַ העסלעכע זאַך. אַלע סימפּאַטיעס פונעם לייענער מוזן זיך ווענדן צו נחמנען און צו זיין וואַרעמער מענטשלעכקייט, כאָטש ער איז און בלייבט אין דער פיעסע דער עזותדיקער מה־יעשהניק. אַקסענפעלדס אָפּשיי פאַרן אויפגעקלערטן בורזשואַ אהרן פאַרמינערט זיך ניט, אָבער די העסלעכקייט פון זיין טאַט דעקט ער ניט צו מיט גאָרניט.

כדי צו פאַרשטאַרקן די סימפּאַטיעס צו נחמנען, דערציילט אונדז אַקסענפעלד לסוף, אַז דאָס איז ניט גלאַט אַ מה־יעשהניק, נאָר אַ מיוחס, וואָס שטאַמט פון גרויסע לייט, געלערנטע און גבירים און קען אַליין אויך „לערנען און שרייבן". דער בלבול, וואָס די גבירישע צבואַקעס האָבן אויף אים אויסגעטראַכט, אַז ער האָט זיך שלעכט אויפגעפירט מיט זיין מוסר, כדי אים פּאַסיק צו מאַכן פאַר אַ קרבן, מאַכט אַקסענפעלד צונישט דורך דער מוטערס איינדרוקפולן און טראַגישן טרויער נאָכן אומגליק און דורך איר עדות־זאָגן, אַז ער איז געווען אַ „פאַרשייטער יונג, אָבער אַ גוטער יונג, אַ שיינענדיקער זון". פונקט ווי פרומעלע זאָגט פריער: „דאָס איז פון יונגע מענטשן אַ קאָטאָוועסל, אָבער אַן ערלעכער גוטער יונג איז ער דאָך, אָבער קיין שלעכטס, חלילה, האָט מען פון אים קיינמאָל ניט געזען און ניט געהערט. ער איז פאַרשאַרט..." און ווי כדי אונטערצושטרייכן דעם פּראָוואָצירנדיקן כאַראַקטער פון אהרנס טאַט, לאָזט דער מחבר אים, אהרנען, שרייבן פאַר נחמנען דאָס שפּאָט-ליד אויף קהלס-לייט,* וואָס האָט נחמנען ערשט רעכט געמאַכט פאַר צוגעהעריק צו דער קאַטעגאָריע „הולטאַיעס" און פאַר אַן אָביעקט פון קהלס שנאה. אַקסענפעלד ווייזט, אַז אהרן האָט באַשטימטע סימפּאַטיעס צו נחמנען, און פּאָרט פאַרניכטעט ער אים; ער לאָזט נחמנען גלייבן, אַז אהרן וויל פון

---

* מע דאַרף רעכענען, אַז צווישן די מחברים פון פאָלקס-לידער מיט אַ שאַרפן געזעלשאַפטלעכן אינהאַלט האָבן צו יענער צייט געהערט אַ חוץ פאָלקס-מענטשן, בדחנים און קליינשטעטלדיקע משכילים, אויך גראָד אַזעלכע בונטאַרישע טיפּן פון ערב-משכילים, ווי נחמן.

אים אַ „מענטשן מאַכן" (ז. 173), און דערמיט וויל אַקסענפעלד מוסרן אהרנען, אַז דאָס וואָלט טאַקע געווען זיין חוב. ניט אומזיסט רוקט אַקסענפעלד אַרויס אַן אַנדערן בן־יחיד — די פיגור פון הערש־לייב נאַר, דעם דעפעקטיוון זון פונעם פּרנס־חודש שלמה פּסאַיאַכע. אַקסענפעלד לאָזט נחמנען וועגן אים זאָגן: „מיר ביידע זיינען אַ פּאָר בני־יחידים, אָבער גוט געראָטן; נאָר ווי זאָגט מען „פּיאַניצאַ פּערעספּיטסיאַ, אַ דוראַק ניקאָגדאַ". דערמיט גיט אַקסענ־פעלד אַן אָנצוהערעניש, ווען מע האָט, לויט זיין מיינונג, געדאַרפט אָפּגעבן פּאָר אַ רעקרוט. ניט נחמנען, נאָר דעם זון פונעם פאַרגרעבטן פּרנס־חודש.

אין דער דאָזיקער פּיעסע הערן מיר ניט קיין דירעקטע טענות וועגן די עוולות, וואָס מע טוט „אָרעמעלייטס קינדער, נעבעך, ערלעכע באַלמעלאָכעס קינדער"... „ערלעכע משרתים, ערלעכע באַהעלפערס" (לעווינזאָן). שטרענג גענומען, האָבן מיר אין דער פּיעסע אייגנטלעך ניט בלויז די טראַגעדיע פון די נחמנס, נאָר אויך פון יענע פיינע, מער אויפגעקלערטע באַלעבאַטים, וואָס ווערן מיטגעצויגן אין נחמנס אומגליק. ס׳זעט אויס, ווי נחמנס פּערזענלעכקייט וואָלט ניט געווען גענוג וואָגיק, אַז בלויז זיין אומגליק זאָל קאָנען טראָגן דעם טראַגישן שווערפּונקט. אינעם הקדמה־ליד, וואו עס ווערן אַרויסגעהויבן עטלעכע טעמאַטיש וויכטיקע פּונקטן פון דער פּיעסע, ווי למשל, דער ליבע־מאָטיוו („און אויף דער גאַס איז אָפּגעשמועסט פון ליבע", ד. ה. אויף דער גאַס ווערט געשמועסט פון ליבע — אַן אָנצוהערעניש אויף כאַנציס שמועס מיט נחמנען), הערן מיר וועגן דעם הויכפּונקט פון דער טראַגעדיע בלויז: „דער עק (פון דער פּיעסע—מ. וו.) איז ביי דער כלה גאָר ניט לוסטיק"; פונעם „חתן", פון נחמנען, וועמענס „עק" עס איז אויך גאָר ווייניק לוסטיק, ווערט דאָ ניט דערמאָנט.

פון דער אַנדערער זייט אָבער איז נחמנס גורל געשילדערט מיט זייער אַ טיפן מיטגעפיל און סימפּאַטיע. ווי אומבאַהאָלפן און סתירהדיק ס׳איז ניט געווען אַקסענפעלדס שטעלונג צו דער דאָזיקער פּראָבלעם, ווי זי איז ניט באַווירקט און באַגרענעצט פון בורזשואַזע אָנשויאונגען, האָט אָבער אַקסענ־פעלד פּאָרט אין דער שילדערונג פון דער נחמן־געשטאַלט און פון זיין גורל באַוויזן, אַז ער פילט טיף און סע גייט אים בלוטיק אָן די נויט פון די מאַסן.

* * *

אַרום דער הויפּט־טענדענץ, וואָס גיט זיך אָנצוהערן שוין אינעם טיטל פונעם „ערשטן יידישן רעקרוט", ווערן אין דער פּיעסע גרופּירט, מער אָדער ווייניקער אויספירלעך, פאַרשיידענע אַנדערע פּראָבלעמעס פון אַקסענפעלדס וועלט־אָנשויאונג. מיר וועלן אָנווייזן אויף די סאַמע כאַראַקטעריסטישע פון זיי.

אין קיין איין ווערק אַקסענפעלדס קומט ניט אַזוי דייטלעך צום אויסדרוק זיין קעגנערשאַפט צו דער אינסטיטוציע פון קהל, ווי אין „ערשטן יידישן רעקרוט". אמת, טאַקע ניט אַזוי בפירוש ווי אין לעווינזאָנס „הפקר־וועלט", אָבער קינסטלעריש אין אַ סך אַ מער ווירקזאַמער פאָרם, איידער אין לעווינזאָנס פובליציסטיש־פּראָגראַמאַטישן דיאַלאָג און אַפילו ווי אין זיין „פורים־שפיל אויסגערופן אין שול".

פאַר דער אויפקלערערישער געזעלשאַפט־קריטיק אין דער יידישער סביבה איז די אינסטיטוציע פון קהל געווען זייער אַ פּאַסיק אָרט אויף צו געבן קלעפּ דער פעאָדאַלישער אָפּגעשטאַנענקייט בכלל. די שולדיקע אין נחמנס אומגליק זיינען אין דער פּיעסע דאָ "סימפּאַטישע" פּאָזיטיווע פיגורן, אָבער אָפּגעלאָכט ווערט דווקא פון קהל, פון זיין הילפלאָזיקייט און גראָבער אָפּגעשטאַנענקייט. די אָפיציעלע פירער פון קהל ווערן גראָטעסק־קאַריקאַטוריש געמאָלט, און גאַנץ קהל ווערט כאַראַקטעריזירט ווי די „גאַנצע האָלאָטע".

אַן אַנדערער הויפּט־פּונקט פון דער משכילישער און אויך אַקסענפעלדס פּראָגראַם, דער קאַמף קעגן חסידיזם, באַווייזט זיך אין „ערשטן יידישן רעקרוט" בלויז אגבדיק, דעמאָלט, ווען אַקסענפעלד לאַכט אָפּ דורך פּנחסעס שאַרפע ווערטער פון די „גלאַטע בהמות", וואָס גלייבן, אַז אַזוי לאַנג דער רבי, דער גוטער־ייד, האָט ניט „אָנגענומען" דעם אוקאַז, איז דער געזעץ קיין געזעץ ניט, און אין די אגבדיקע באַמערקונגען, ז. 160 און ז. 165. אין דער „גע־נאַרטער וועלט", אין „קבצן עושר־שפּיל" און אין „שטערנטיכל" איז דער קאַמף קעגן חסידיזם די הויפּט־טענדענץ, אָבער אין „ערשטן יידישן רעקרוט" ליגט דער טראָפּ אויף אַן אַנדער פּראָבלעם. דייטלעכער, ווי דער חסידיזם, ווערט אין „ערשטן יידישן רעקרוט" קריטיקירט די לייכטגלייביקייט און דער אָבערגלויבן פון דער אָפּגעשטאַנענער מאַסע אינעם אַריינגעפלאָכטענעם אַנעקדאָט, וואָס פּנחס דער רויטער דערציילט פון זיין פאַמיליען־לעבן (ז. 177 ביז ז. 178). די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען דאַרפן לויט אַקסענ־פעלדן אויך באַנומען ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ניסים־ און שדים־גלויבן פון דער חסידישער סעקטע.

אויך בלויז אגבדיק ווערט אָנגערירט די פּראָבלעם פון קינדער־דערציאונג. אין איין אָרט (ז. 180) זאָגט פּנחס וועגן נחמנען, אַז „ער איז דעריבער אַזאַ הולטאַי געוואָרן, ווייל די נאַרישע מאַמע האָט אים פאַרצויגן און האָט אים אַלץ נאָכגעגעבן... אוי, מאַמעס, גייט זעט, וואָס פון פאַרציען, וואָס פון נאָכגעבן קינדער קומט אַרויס, מע הרגעט דאָס קינד און מע טוט אַ רעה דער וועלט..." (זע אויך ז. 172). נחמנס אומגליק איז, הייסט עס, אויך אַ רעזולטאַט פון אַן אומגעראָטענער דערציאונג. דאָס איז אַ טראַדיציאָנעלער השכלה־געדאַנק (זינט דעם „יידישן ראָבינזאָן אָדער די געשיכטע פון אַלטער־לעב" — ביז צו

מענדעלעס „דאָס קליינע מענטשעלע“ א. אַ.). אין אמתן אָבער ווערט פון דער גאַנצער פיעסע קלאָר, אַז אַקסענפעלד גיט דאָ אין דעם פאַל דעם דאָזיקן מאָמענט אַ קליינעם באַדייט.

אויך אויף דער פּראָפּאַגאַנדע פון בילדונג, אַ וויכטיקער הויפּט־פּונקט פון דער השכלה, וואָס האָט, ווי געוויינלעך די אויפקלערונג, געהאַלטן, אַז די אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן שכל איז די לעצטע סיבה פון דער היסטאָרישער באַוועגונג, האָבן מיר אין „ערשטן יידישן רעקרוט“ נאָר אומדירעקטע אָנ־צוהערענישן, ווי דעם פאַקט, למשל, וואָס וועגן אַלע „סימפּאַטישע“ פיגורן — אַפילו פון נחמנען — ווערט באַטאָנט, אַז זיי קענען לייענען און שרייבן.

עס איז אינטערעסאַנט פעסטצושטעלן, אַז אין „ערשטן יידישן רעקרוט“, פּונקט ווי אין די איבעריקע פּיעסעס אַקסענפעלדס,* געפינען מיר ניט קיין איין וואָרט, וואָס זאָל פּראָפּאַגירן מלאכה צווישן יידן — להיפּוך צו אַנדערע משכילים, באַזונדערס פון דער גאַליצישער שול. די מלאכה איז צו יענער צייט און אין יענע געגנטן געווען פאַרשפּרייט און דערביי עקאָנאָמיש זייער דעגראַדירט. דאָס פּראָפּאַגירן ערד־אַרבעט אין קאָלאָניעס פעלט אויך אין אַקסענפעלדס ווערק, לפּחות אין די ווערק, וואָס האָבן זיך אָפּגעהיט ביז היינט.

זייער דייטלעך קומט צום אויסדרוק אין „ערשטן יידישן רעקרוט“, פּונקט ווי אין אַלע איבעריקע ווערק אַקסענפעלדס, די קעגנערשאַפט פון דער השכלה צום יידישלעכן לעבנס־שטייגער, אָנגעהויבן פון דער יידישלעכער קליידונג און אויסגעלאָזט מיטן שטייגער רעדן. סיי די רעגירונג, סיי די משכילים האָבן אין דער באַזונדערס־בוילעטער עטנישער ספּעציפיק געזען אַ שווערן אָפּהאַלט פאַר דער עקאָנאָמישער אַסימילאַציע. אַ חוץ דעם פלעג דאָ נאָך מיטווירקן אַ זייער אַלטער, באַקאַנטער עקאָנאָמישער מאָטיוו, וואָס איז פאַר דער סביבה, וואָס אַקסענפעלד מאָלט, שוין ניט געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש ווי אַמאָל, און גיכער בלויז אַן אויסרייד: דער מאָטיוו, אַז די יידישלעכע קליידונג, באַזונדערס פון פרויען, איז צו רייך, אַ שווערער עול פאַר דער יידישער עקאָ־נאָמיק, און רופט אַרויס די קנאה־שנאה פון דער ניט־יידישער באַפעלקערונג. פון פריערדיקע יאָרהונדערטער אין מערב־אייראָפּע און פון 18טן יאָרהונדערט אין פוילן זיינען באַקאַנט געזעצן (און פאָרשלאָגן מצד יידישע שתדלנים), וואָס ווילן רעגולירן די יידישע קליידונג צוליב פאַרשיידענע טעמים. אַמאָל כדי אָפּצושוואַכן די רייבונגען צווישן דעם רייכן יידישן וואָכער־בירגער און דער קריסטלעכער מעשטשאַנסטווע; אַמאָל, פאַרקערט, כדי אָפּצוהאַלטן די שטייגערישע מימיקעריי פונעם רייכן יידישן בירגערטום; אַמאָל ווידער, ווי

* אַ חוץ אַן אגבדיקער זייטיקער באַמערקונג אין „מאַן און ווייב“.

אין די פוילישע געזעץ־פּראָיעקטן סוף 18טן יאָרהונדערט,* כדי צו פאַרגרינגערן די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אַסימילאַציע פון די ייִדן.

אינעם אויפקלערערס אינטערעס פאַר עטנאָגראַפיע געפינען מיר אָפּט אַ פּינטלעכע איראָניע, ווי צו די אומבאַהאָלפענע תנועות פון אַ קינד. אין אַקסענפעלדס עטנאָגראַפישן אינטערעס פילט זיך אַ חוץ אַלעם אויך דער אומרו פון אַ כראָניקיאָר, וואָס האַלט דעם דור און שטייגער, וועלכן ער מאָלט, פאַר אַ פאַראורטיילטן צום אָפּגאַנג און וויל אים דעריבער פּינקטלעך פיקסירן פאַר שפּעטערדיקע דורות. דאָס אַליין קאָן אָבער ניט דערקלערן די (אָפּטמאָל אַ ביסל קאַריקאַטוריסטישע) פּינקטלעכקייט, מיט וועלכער אַקסענפעלד מאָלט דעם אויסזען און די קליידונג פון זיינע נעגאַטיווע פיגורן, זייער שטייגער רעדן, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט קללות, מיט ניט־פּאַסיקע משלים און מיט גוזמאדיק־אָנגעוואַלגערטער פראַזעאָלאָגיע. דער „סוזשעט" פונעם „שטערנטיכל" דרייט זיך דאָך, זאָל זיין דרך־אגב און כלומרשט, אַרום דעם אָפּשפּאָט פון אַ ייִדישער פרוי, וואָס וויל זיך דערשלאָגן צו אַ רייך שטערנטיכל — דעם אויך עטינגערס משל „דאָס שטערנטיכל"; אָדער לעווינזאָן: „...ווי מיר בוילעטסטן ספּעציפיקום פון דער דעמאָלטיקער ייִדישער פרויען־קליידונג (זע זעען, לײדער, אין דער עני־שבעניים, דער גרעסטער אָרעמאַן, באַקליידט זיינע זענע און טעכטער ווי איינער פון די נגידים, און באמת זעט מען, אַז דער לוקסוס פירט צו דער גרעסטער פאַרדאָרבנקייט").** דעם דאָזיקן ייִדישן לעבנשטייגער ווילן טרעפן די ווערטער: „אין די קליינע שטעטלעך זיינען אונדזערע ייִדעלעך גלאַטע בהמות" (ז. 162). און אַנטקעגנאיבער דעם שטייגער ווערט אַוועקגעשטעלט, ווי אַן אידעאַל, דעם אויפגעקלערטן גביר אהרנס לעבנשטייגער, וועמעס וואוינונג, קליידער און רייד ווערן געשילדערט מיט באַשיינפערלעכער סימפּאַטיע.

ביי די משכילים פון די ערשטע צוויי דריטל 19טן יאָרהונדערט געפינען מיר נאָר זעלטן אָנווייזן אויף דער עקאָנאָמישער נויט פון די אָרעמע מאַסן. עטינגער און אַפילו אַזעלכע שרייבער ווי לעווינזאָן, אַקסענפעלד און גאָטלאָבער דערמאָנען אין זייערע קינסטלערישע ווערק ניט מיט קיין איין וואָרט

---

* זע Władysław Smoleński: Ostatni rok sejmu wielkiego, Kraków, 1896 — ז״ז 432—451. די פאַרשטייער פון ייִדישן קאַפּיטאַל (למשל הירש הירשאָוויטש) האָבן גענומען אַ גרויסן אָנטייל ביים אויסאַרבעטן די דאָזיקע פּראָיעקטן.

** לויט ב. נאַטאַנזאָנס „לעבנסבאַשרייבונג פון ריב"ל", „די הפקר-וועלט", וואַרשע, 1902, ז. 14. זע אויך די אַנאָנימע „גענאַרטע וועלט" און אַנדערע השכלה-ליטעראַטור פון יענער צייט. די השכלה גייט, ווי אין פאַרשיידענע אַנדערע פּונקטן, אויך אין דעם פּרט נאָך נאָך דעם פּראָיעקט, וואָס די דעפּוטאַטן און הירשאָוויטש האָבן נאָך אין יאָר 1791 לויט מערב-אייראָפּייאישע מוסטערן דערלאַנגט דעם פוילישן סיים. זע ווייטער „אָנמערקונגען און עקסקורסיעס".

די יאָגענישן פון שטעט און דערפער. אין „ערשטן יידישן רעקרוט" געפינען מיר בלויז דעם זאַץ „אַז אין 15 גובערניעס נאָר האָבן יידן געמעגט וואוינען און האַנדלען" (ז. 161). אַקסענפעלד, וואָס רופט זיך געווינלעך שטאַרק אָפּ אויף די געשעענישן פון זיין צייט, שווייגט וואָס שייך דעם פּרט.* צענזור־שוועריקייטן זיינען דאָ ניט קיין אויסשעפּנדיקע דערקלערונג. אַקסענפעלד האָט זיך, ניט געקוקט אויף דער „דעליקאַטקייט" פון דער רעקרוטשינע־טעמע, פּאָרט וועגן דער רעקרוטשינע אויף זיין שטייגער אַרויסגעזאָגט. קיינער פון די משכילים דערמאָנט ניט די סתירה צווישן דעם רעקרוטן־געזעץ און די נייע יאָגענישן פון די ניי־פאַרבאָטענע געגנטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אָנשטאָט דער געהאָפטער עפענונג פון נייע קאַנטן פאַר יידישער איינוואַנדערונג. דריי חדשים נאָכן אַרויסקומען פונעם רעקרוטן־געזעץ שיקט לעווינזאָן דעם כתב־יד פון „תעודה בישראל" צום רעאַקציאָנערן בילדונגס־מיניסטער שישקאָוו מיט דער בקשה, ער זאָל אים העלפן אַרויסגעבן זיין בוך, היות דער מחבר באַווייזט דערין דעם נוץ פון בילדונג און ערד־אַרבעט, „פלאַנצט ליב־שאַפט צום קייזער און צום פאָלק (ד. ה. צו די ניט־יידן), מיט וועלכן מיר זיינען באַהעפט, און ווייזט, וויפיל טובות אָן אַ שיעור מיר האָבן פון זיי".

דרך־אגב הערן מיר אין „ערשטן יידישן רעקרוט" עטלעכע אויפ־קלערערישע פאַטריאָטישע ווערטער וועגן די פליכטן פון אַ בירגער צו דער מלוכה. די משכילים האָבן, ווי געזאָגט, צומאָל אידענטיפיצירט זייער השכלה־פּראָגראַם מיט דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג בנוגע יידן. אין אַ געוויסער מאָס ווערט דאָך אין דער פּיעסע אַגיטירט און אויפגעקלערט די ריכטיקייט און נייטיקייט פונעם רעקרוטן־געזעץ.

מיטן רעקרוטן־געזעץ און זיינע „רעדוקציע"־טענדענצן איז פאַרבונדן דאָס רעזאָניאָריש־אויפקלערערישע אָרט, וואו אַקסענפעלד טרעט אַרויס, ווי אַ סך אַנדערע משכילים, קעגן די יונגע חתונות און דערקלערט דעם באַדייט און די ריכטיקייט פון דער געזעצלעכער באַגרענעצונג פונעם חתונה־עלטער. דער דאָזיקער געזעץ (1835) איז אויך איבערגענומען געוואָרן פון מערבֿ־אייראָפּע אין פּוילן. דאָס צו יונגע חתונה־האָבן האָט אין אַ סך פאַלן געווירקט אויך ווי אַ שטערונג ביים אָפּגעבן אין רעקרוטן. ס'איז ניט באַקוועם געווען איבערצוגעבן אין רעקרוטן אַ באַווייבטן, וואָס האָט איבערגעלאָזט זיין ווייב און אַמאָל אויך זיינע קינדער אויף דער פילאַנטראָפּיע פון קהל. אין דער

* סיידן אומדירעקט אין אהרנס האָפענונג אויף אַ געזעץ, אַז יידן וועלן מעגן . . . „אומעטום וואוינען און אומעטום האַנדלען" (ז. 161). אפשר האָט דערין דער פריוער משכיל ניט אײנגעזען קיין אויסנאַם־כאַראַקטער. זיינע יעקאַטערינעס צייטן פלעג מען אויך רוסישע הענדלער (צוליב פאַרשיידענע סיבות) טרייבן פון דערפער און שטעט.

באַפעלקערונג איז געווען איינגעוואָרצלט די פאָרשטעלונג, אַז עס איז אַ באַ־זונדערס גרויסע עוולה אָפּצוגעבן אַ באַווייבטן. לויטן דעקרעט פון 1816 יאָר זיינען די, וואָס האָבן חתונה געהאַט ביז צו זייער צוואַנציקסטן יאָר, באַפרייט געווען פון מיליטער־דינסט (דעמאָלט נאָך ניט „באַטוראַלן"). ערשט ווען מע האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, אַז אויב אַזוי, וועלן אַלע יידן זיין פריי פון מיליטער, איז אַרויס אַ באַזונדערער דעקרעט, אַז חתונה־האָבן באַפרייט ניט פון מיליטער־דינסט.

נאָכן אַרויסקומען פונעם רעקרוטן־אוקאַז אין 1827 יאָר איז נייטיק געוואָרן אַ געזעצלעכע באַגרענעצונג פונעם חתונה־עלטער. די ידיעות וועגן אַזאַ געזעץ־מאָסמיטל האָבן שטענדיק אַרויסגערופן אַ פּאַניק אין דער יידישער באַפעלקערונג, די אַזוי־גערופענע „חתונה־בהלות". מע האָט אויף גיך „חתונה־געמאַכט" קליינע קינדער, כדי צו פאַרכאַפּן, איידער דער געזעץ קומט אַרויס. און ניט בלויז צוליב די יינגלעך; די באַפעלקערונג האָט זיך דעם „רעדוקציע־מיטל" פון דער רעקרוטשינע ניט געקאָנט אויסמאָלן אָן אַ דער־גאַנצונג אין פרט פון מיידלעך און אויסגעטייטשט (אפשר ניט איינגאַנצן אומ־גערעכט, אויפן יסוד פון געזעץ־פּראָיעקטן, וואָס זיינען אונדז ניט באַקאַנט), אַז מיידלעך וועט מען נעמען אין פאַבריקן.

אינאיינעם מיטן פּראָפּאַגירן דעם רעקרוטן־געזעץ (עטינגער „די שמאַטעס", אַקסענפעלד „דער ערשטער יידישער רעקרוט" א. אַז. וו.) איז די השכלה אַרויסגעטראָטן קעגן דער פּאַניק בנוגע דער געזעצלעכער באַגרענעצונג פון חתונה־עלטער. שוין לאַנג האָבן די משכילים און די רעגירונג (די פּוילישע, למשל) געזען אין די יונגע חתונות איינע פון די הויפּט־סיבות פון דער אָרעמקייט און פון דער אָפּגעשטאַנענקייט פון די ברייטערע מאַסן.* אין דער „גענאַרטער וועלט" (דורך דער געשטאַלט פון יחיאליק) שילדערט אַקסענפעלד די שלעכטע רעזולטאַטן פון יונגע חתונות.

לסוף וועלן מיר נאָך דערמאָנען דעם שטאַרק באַטאָנטן ליבע־מאָטיוו, וואָס אַקסענפעלד באַמיט זיך דאָ, פּונקט ווי אין דער „גענאַרטער וועלט" (ישראל שטשופּאַק און פעסי), אין „קבצן־עושר־שפּיל" (אהרן און פּערעלע), אין זיין ראָמאַן „דאָס שטערנטיכל" (מיכל און שיינצע), אָרגאַניש אַריינצופירן אין דער יידישער ליטעראַטור. ניט די אַבסטראַקט־פּאַטעטישע ליבע, וואָס די העברייאישע משכילים טראָגן אַריבער אין זייערע סוזשעטן פון ביבלישער אָדער כמו־ביבלישער פאַרגאַנגענהייט, און ניט די טראַפּאַרעטיש־ליטעראַרישע, בלאַסע ליבע, ווי אין עטינגערס „סערקעלע" אָדער אין דער אַנאָנימער „גע־נאַרטער וועלט", נאָר אַן ערדישע, ליידנשאַפטלעכע, רעאַליסטישע, כאָטש

* זע די אַנאָנימע „גענאַרטע וועלט", לעווינזאָן אין אַ סך ערטער א. אַ. זע אויך וויטער „אָנמערקונגען און עקסקורסיעס".

טאַקע אַ ביסל סענטימענטאַל־געפאַרבטע. דער דאָזיקער ליבע־מאָטיוו שפּילט דאָ ביי אַקסענפעלדן אין דער טראַגעדיע אַ שטאַרק אונטערגעשטראָכענע ראָל, מיט דעם דאָזיקן מאָטיוו וויל אַקסענפעלד עפּעס באַזונדערס זאָגן.

אין דער יידישער פּאַטריאַרכאַלער סביבה איז די חתונה אינגאַנצן געווען באַשטימט פון עקאָנאָמישע מאָטיוון. בלויז ביי די באַזיצלאָזע שיכטן האָבן די עקאָנאָמישע מאָמענטן אינעם „שידוך" געהאַט אַ קלענערן באַדייט. ווי יעדעס אַנדער געשעפט, ווערט אויך דאָס חתונה־געשעפט ביי די רייכערע שיכטן געלייזט דורך דער מיטהילף פונעם מעקלער, דעם שדכן. די השכלה באַמיט זיך אַריינצוברענגען אין דעם ענין אַ ביסל מער נאַטירלעכקייט. ניט אומזיסט פאַרפאָלגט זי מיט כעס (דאָס אייגענע זעען מיר אויך אינעם פאָלקס־ליד) די פיגור פונעם שדכן: וואָלפסזאָן אין „לייכטזין און פרעממעלייא", דער אַנאָנימער מחבר אין דער „גענאַרטער וועלט", עטינגער אין „סערקעלע", אַקסענפעלד אין „ערשטן יידישן רעקרוט" און אין זיין „גענאַרטער וועלט" א. אַז. וו.

אַקסענפעלד וויל דערוויזן די באַרעכטיקונג פון דער ליבע צווישן דעם אָרעמען דעקלאַסירטן מה־יעשהניק און דעם פאַרמעגלעכן מיידל פרומעלע, צווישן די ניט־פאַרמעגלעכע ישראל שטשופּאַק („די גענאַרטע וועלט"), אהרן („קבצן עושר־שפּיל") און זייערע פאַרמעגלעכערע געליבטע. לויטן שטייגע־ריש־רעאַליסטישן אמת זיינען דעמאָלט — און ניט בלויז דעמאָלט — אויפ־ריכטיקע, עכטע ליבע־באַציאונגען אַלס פאַר־הנחות פאַר חתונה פאַרגעקומען נאָר ביי די נידעריקערע קלאַסן. אמתדיק ליידנשאַפטלעכע טענער פילן זיך בלויז אין דער באַציאונג צווישן נחמנען און פרומעלען. נאָר אַ המון־מענטש, וואָס איז ניט געוואוינט צו דערוואַרטן עקאָנאָמישן אינטערעס פון זיין חתונה, האָט זיך געקאָנט פאַרגינען „אמתע ליבע", נאָר אין די פאָלקס־לידער פון יענע ציַיטן הערן מיר אויפריכטיקע טענער פון ליבע צווישן געשלעכטער. ס'איז קלאָר, וואָס אַקסענפעלד איז אויסן מיט דעם דאָזיקן מאָטיוו: צו זאָגן, אַז ליבע און פערזענלעכע מעלות זיינען אַ סך מער ווערט ווי גינסטיקע עקאָ־נאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען.

קיעוו, 1929.

וועגן י. אַקסענפעלדס פּראָזע

1. דער ערשטער ראָמאַן אין דער נייער יידישער ליטעראַטור

אין „דאָס שטערנטיכל" ווערט דערציילט, ווי אַזוי אַן אָרעמער, פּייאיקער יונגער מענטש, וואָס שטאַמט פון די פאָלקס־מאַסן, רייסט זיך אַרויס, אין אַ צייט, ווען ס'זיינען פאָרגעקומען גרויסע היסטאָרישע געשעענישן (1812־1813), פון די דריקנדיקע אומשטענדן און חסידישע השגות. אין תוך ווערט דאָ געוויזן דער אַנטוויקלונגס־וועג פון איינעם אַן אָרעמען יונגנמאַן — צום בורזשואַ.

די השכלה איז, אין אַלגעמיין גערעדט, פּונקט ווי די קלאַסישע מערבדיקע אויפקלערונג, די אידעאָלאָגיע פונעם דעמאָלטיקן מיטלבירגער אין זיין איבער־גאַנגס־עטאַפּ צום בורזשואַ — כאָטש זי מיינט דעמאָלט צו רעפּרעזענטירן, און רעפּרעזענטירט טאַקע אין אַ באַשטימטער מאָס, אַלע אונטערדריקטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. אַקסענפעלד איז געווען באַהערשט פון די משכילישע אַנשויאונגען, און די ליזונג פון דער משונהדיק־שווערער לאַגע פון די פאָלקס־מאַסן האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אין איינקלאַנג מיט די אידייען פון דער השכלה. אין זיין שאַפן ליגט אָבער דער טראָפּ נישט אויף דער דאָזיקער „ליזונג", וואָס באַקומט זיך ביי אים גענוג אומבאַשטימט, אומזיכער און עפּעס גאָר באַזונדערס נאַאיוו, נאָר אויף דער שילדערונג פון דער גייסטיקער, קול־טורעלער און לעבנשטייגערישער נויט פון די מאַסן, אויפן קאַמף קעגן דער ווילדער מיטלאַלטערלעך־פאַרקריפּלטער אָפּגעשטאַנענקייט, אין וועלכער זיי לעבן. ביים רעאַליזירן דעם דאָזיקן הויפּט־מיין פון זיין שאַפן ווירקט אַקסענ־פעלד מיט גרויסער באַשטימטקייט, פעסטקייט און קלאָרקייט, ווייל ער צילט דאָ אויף ווירקלעכע פאַקטן אין דער געזעלשאַפט און קעמפט דאָ פאַר היס־טאָריש־רעאַלע, פּראָגרעסיווע באַדערפענישן: פאַר דער אויפקלערונג פון די מוחות. אינעם דאָזיקן הויפּט־מיין פון זיין שאַפן דריקט אַקסענפעלד אויס אמתדיקע באַדערפענישן פון די פאָלקס־מאַסן, הייסט דאָס, זייערע טענדענצן, כאָטש די פאָלקס־מאַסן גופא האָבן דעמאָלט נאָך ווייניק באַזיניקט די דאָזיקע באַדערפענישן און טענדענצן.

„דאָס שטערנטיכל" איז אַ ראָמאַן. די פאַרשיידענע שטייגער־שילדערונגען אַנטוויקלען זיך אַרום דער ליבע־געשיכטע פון אַ בעלפער, מיכל מאַציוּוע. ס'ווערן דאָ דורך פאַרשיידענע סיטואַציעס דעמאַסקירט די חסידישע זיטן, די מקורבים פונעם רבין, פאַרשיידענע כלי־קודש, גבאים, שמשים, חסידים, אַ

ירושלמי; ס'ווערט אַרויסגעפירט די אין דער דעמאָלטיקער יידישער סביבה כאַראַקטעריסטישע שטייגער־געשטאַלט פון אַן עגונה, פון פאַרגרעבטע דאָרפישע אַרענדאַרעס, פון אַ מאַרק־זיצערקע, פון אַ זיידענעם איידעמל א. אַז. וו., א. אַז. וו. דאָס אַלץ ווערט באַגלייט פון פאַרשיידענע „פּובליציסטישע" באַטראַכטונגען (למשל: וועגן די באַציאונגען צווישן דעם פּריץ — און דעם שטעטל, וועגן דעם חילוק צווישן די רוסישע און פּוילישע פּריצים, וועגן די יידישע מהיפּיתניקעס און קאָמיסיאָנערן, וועגן חסידיזם, וועגן דער נויט־ווענדיקייט פון בילדונג א. אַז. וו.), פון אַ מענגע עטנאָגראַפיש־היסטאָרישע באַשרייבונגען, פון פאַרשיידענערליי אַנעקדאָטן און מעשיות (למשל וועגן דעם פּוילישן „פּאָדרוזשני גראַף", וועגן דעם שווינדלער ליפּע לעוויט א. אַז. וו.), פון גלייכווערטלעך, שפּריכווערטער א. אַז. וו. אַקסענפעלד פירט אַרויס און דערמאָנט אינעם „שטערנטיכל" אַ גאַנצע ריי פיגורן, וואָס האָבןווירקלעך עקזיסטירט: באַוואוסטע חסידישע רביים, גבירים, תקיפים, שתדלנים, משכילים, פּאָדריאַטשיקעס, אָפיצערן פון דער רוסישער אַרמיי — און זיך אַליין — אין דער געשטאַלט פון אָקסמאַן (אויך אין דער געשיכטע מיכלס זיינען פאַראַן עלעמענטן פון אַקסענפעלדס ביאָגראַפיע). ס'ווערן דאָ געגעבן שילדערונגען פון פאַרשיידענע קליינע שטעטלעך און גרעסערע שטעט (ווי למשל, באַרדיטשעוו). אַקסענפעלד גיט איבער די שמועסן פונעם המון אויף דער גאַס, פון חסידים, פון רביים, פון קהלס־לייט, פון אויפגעקלערטע סוחרים. דאָס ווערק אַנטהאַלט אַ ריזיקן סכום לעבנס־קענטעניש און באַאָבאַכטונגען, געזעענס און געהערטס, און דאָס אַלץ ווערט דערציילט מיט אַן אויס־געשפּראָכענעם געפיל פאַר צייט־געשיכטע, מיט אַ דייטלעכן באַוואוסטזיין, אַז דאָס אַלץ, כּמעט ס'עקזיסטירט נאָך אין סאַמע מיטן „בלי", געהערט עס פאָרט צו דער פאַרגאַנגענהייט און מוז אָפּגיין און לאָזן אָרט פאַר אַ נייעם שטייגער.

דער סוזשעט פונעם ראָמאַן אַנטוויקלט זיך אַרום דער מעשה מיטן שטערנ־טיכל. מיכלס כלה ווערט פאַרבלענדט פונעם צוזאָג, אַז זי וועט באַקומען אַ טייער גרויס שטערנטיכל, זי ווערט איבער דעם אומגעטריי איר חתן מיכל און איז גרייט חתונה האָבן מיט אַ טויגעניכטס. ווען מיכל קומט צוריק פון זיין נסיעה, ברענגט ער מיט זיך אַ שטערנטיכל פון פאַלשע, נאָכגעמאַכטע שטיינער, ווייל פאַר אַן עכט שטערנטיכל פון אַזאַ גרייס קלעקט ניט זיין פאַרמעגן. מיכל מאַכט חוזק ביי זיך אין האַרצן איבער דעם ווילדן שטייגער פון די יידישע פרויען, וואָס זייענדיק אָרעם און אָפּגעריסן, מוזן זיי פונ־דעסטוועגן טראָגן אויפן קאָפּ אַ שטערנטיכל, וואָס קאָסט אַ גאַנץ פאַרמעגן און וואָס אַפילו די פּריצטעס טראָגן עס ניט. אָבער ווייל ער ווייסט, ווי שטאַרק עס גלוסט זיך זיין געליבטער צו האָבן אַזאַ שטערנטיכל, טוט ער איר צוליב

איר ווילן. און ווייל דער דאָזיקער ווילן איז ניט קיין שכלדיקער און ניט קיין גערעכטער, נעמט ער זיך דאָס רעכט זי אָפּצונאַרן און אויסצוגעבן פאַלשע שטיינער פאַר עכטע. אגב, האָט ער זיך דורך דעם שטערנטיכל געשאַפן גרויס אָנזען ביים רבין און די חסידים, ווייל דאָס באַזיץ פון אַזאַ ווערטפולער זאַך זאָגט עדות וועגן אַ גרויס פאַרמעגן. און דאָס האָט אים מעגלעך געמאַכט אומבאַשטראָפט אָפּצושפּעטן פונעם רבין און, דער עיקר, טאַקע דורכצופירן זיין וואונטש און חתונה האָבן מיט זיין כלה. מיכל באַטאָנט דייטלעך, אַז קעגן די אָפּנאַרערס און פאָלקס-פאַרפינצטערער איז דערלויבט צו קעמפן מיט זייערע אייגענע מיטלען, אַז אַמבעסטן ווערן זיי דעמאַסקירט דורך דעם, וואָס מע נאַרט אָפּ די אָפּנאַרערס. אַקסענפעלד ווענדט אָפּ אָן דעם דאָזיקן וואָדע־ווילישן מאָטיוו („דער אָפּגענאַרטער אָפּנאַרער״), וואָס געהערט צו די טראַ־דיציעס פון דער עלטסטער רעאַליסטישער געזעלשאַפט-קריטיק און וואָס האָט זיינע וואָרצלען אין דער פאָלקלאָרישער מעשה (למשל, אין אַזעלכע מעשיות ווי וועגן דעם פּויער, וואָס איז כלומרשט אַ תם און נאַרט פונדעסטוועגן אָפּ דעם כיטרען טייוול, ווייל די גערעכטע קלוגשאַפט זיגט איבער דער אומ־גערעכטער כיטרעקייט).

אינעם קאַמף קעגן דעם אַלטן לעבנשטייגער האָבן געשפּילט אַ ראָל אויך די טראַדיציאָנעלע משכילישע אַרויסטרעטונגען קעגן דער משונה-קאָנסערוואַ־טיווער יידישער קליידונג, קעגן דעם זינלאָזן לוקסוס, וואָס איז אַנגעווענדט געוואָרן בנוגע איינצלנע טיילן פון דער קליידונג, בעת אַלע איבעריקע זיינען געווען אָפּגעריסן, קויטיק און לויט דער פאָרם אַ רעשט און אַ סימן פון געטאָ־קנעכטשאַפט. אויף דעם-דאָזיקן זייטיקן פּונקט פון דער טראַדיציאָנעלער משכילישער פּראָגראַם האָט דאָ אַקסענפעלד געבויט זיין סוזשעט און אַרום אים אַנטוויקלט אַ ברייטע קריטישע שילדערונג פון די אָפּגעשטאַנענע אומ־שטענדן און פונעם שטייגער אין דער יידישער סביבה. צו קיין באַוואוסט־זיניקער קריטיק פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן איז אַקסענפעלדס פּרימי־טיווער רעאַליזם ניט דערגאַנגען. אָבער אויף אַן אומיטלבאַרן, נאַאיוון אופן האָט אַקסענפעלד געפילט די מאַסן, זייער גורל איז אים געווען נאָענט צום האַרצן, און ער האָט זיך באַמיט זיי צו העלפן דורך דעם, וואָס ער האָט זיי געוויזן די אָפּגעשטאַנענקייט און פאַרקריפּלטקייט פון זייער לעבן.

2. די אַנטשטייאונגס-צייט פון „דאָס שטערנטיכל״

„דאָס שטערנטיכל״ איז, אַפּנים, אַנטשטאַנען ניט שפּעטער ווי אין די 20ער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. מעגלעך אַפילו, אַז אין דער ערשטער העלפט פון די 20ער יאָרן. קיין פעסטע אָנווייזן פאַר אַזאַ דאַטירונג האָבן

מיר ניט, אָבער באַשטימטע סמנים זײַנען פֿאַראַן. אַקסענפעלד געדענקט דאָ אין דעם בוך צו גענוי פאַרשײדענע דעטאַלן פון די יאָרן 1812־1813. אַזוי למשל, אַז די יידישע דאַטע פינף טאָג אין כסלו תקע״ג איז אויסגעפאַלן אינעם 18טן נאָוועמבער 1813. אין דעם בוך געפינט זיך אַן אויספירלעכע פאָפולערע פּראָגראַמאַטישע דערקלערונג פון זיין מעטאָד צו קעמפן קעגן דעם חסידיזם. דערין זעען מיר אַ שטיקל אַנווייז, אַז דאָס דאָזיקע װערק געהערט צו די ערשטע, וואָס ער האָט געשריבן. אין די שפּעטערדיקע ווערק וואָלט אַזאַ דער־קלערונג ניט נייטיק געווען. אויף דעם ווייזט אפשר אויך אַן דער פאַקט, וואָס דער שפּראַך־סטיל (באַזונדערס דער זאַצבוי) פון דעם בוך איז נאָך מער פרימיטיוו, רוי, נאָך ווייניקער אויסגעאַרבעט, איידער אין די פּיעסעס. אַ שטיקל סימן זעען מיר אויך אין דעם אומשטאַנד, וואָס פון אַלע זיינע פּראָ־זאַאישע ווערק האָט אַקסענפעלד גראָד דאָס אויסגעקליבן אויף צוערשט אָפּצודרוקן (זיין נאָך־פריער אָנגעשריבענער „ספר חסידים״ איז אפשר געווען צו שאַרף דעמאַסקירנדיק). וואָגיקער פון די דאָזיקע סימנים זיינען די, אויף וועלכע דער היסטאָריקער אַ. מאַרגאַליס האָט מיך אויפמערקזאַם געמאַכט. די גאַנצע האָפערדיק־אָפּטימיסטישע שטימונג, וואָס הערשט אין דעם ווערק, לאָזט זיך ניט פאַראייניקן מיט דער שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין די קרייזן פון די אויפקלערער נאָכן יאָר 1827, נאָך דעם ווי ס׳איז דערשינען און אויסגעפירט געוואָרן דער אוקאַז וועגן דער רעקרוטשינע פאַר יידן. כאָטש אַקסענפעלד דאַטירט די געשעענישן פון זיין ראָמאַן מיט די יאָרן 1812־1813, וואָלט ער, ווען ער זאָל שוין געווען וויסן וועגן די פאַקטן פון דער רעקרו־טשינע בשעתן שרייבן, פאָרט זיך ערגעצוואו אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט וועגן דעם, באַזונדערס דאָרט, וואו ער דערציילט וועגן דעם אַרענדאַרס זון נאַפטאַלקע, וואָס האָט זיך פרייוויליק פאַרוועדבירט אין סאָלדאַטן בלויז צוליב דעם, כדי צו ווערן אַ באַראַבאַנשטשיק. נאָכן 1827 וואָלט אַקסענפעלד גאָר אַנדערש גערעדט וועגן אַזאַ פאַקט. אַקסענפעלד באַטראַכט אין דעם בוך די באַציאונגען צווישן די יידן און די פּוילישע פּריצים. ווען דאָס וואָלט גע־שריבן געוואָרן נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד פון יאָר 1831, וואָלט אַקסענפעלד ביי דער טעמע „פּוילישע פּריצים״ ניט אויסגעמיטן אָנצורירן די איבער־לעבונגען פונעם אויפשטאַנד־יאָר, אָדער כאָטש וועגן זיי צו געבן אָנצוהערן. אַזוינס איז אָבער אינעם ווערק ניט פאַראַן. פון דעם אַלעם דרינגען מיר, אַז דאָס ווערק איז אָנגעשריבן געוואָרן יעדנפאַלס ביז צום יאָר 1827.

אָבער כאָטש אַקסענפעלד באַשרייבט אין דעם בוך אומשטענדן פון 1812־1813 און כאָטש געשריבן איז דאָס געוואָרן נאָך שפּעטער, אין די 20ער יאָרן, שילדערט ער דאָ פאַקטיש דער עיקר די יידישע סביבה אין אוקראַינע פון סוף 18טן יאָרהונדערט לויט די איינדרוקן פון זיינע קינדער־יאָרן. און אַזוי

ווי דער שטייגער און דאָס לעבן פון די יידן אין אוקראַינע האָט זיך דעמאָלט אין משך פון יאָרצענדליקער און מער ווייניק־וואָס געביטן, קאָנען מיר אין אַקסענפעלדס „דאָס שטערנטיכל“ זען אַ שילדערונג פונעם יידישן לעבן אין אוקראַינע ניט בלויז אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, נאָר מיט ניט ווייניקער רעכט — פונעם 18טן יאָרהונדערט בכלל. דאָס האָט אויך אַ שייכות צו דער שפּראַך אַקסענפעלדס אין דעם בוך: דאָס איז די יידישע שטייגער־שפּראַך פון אוקראַינע אינעם 18טן יאָרהונדערט, וואָרים נאָכן ערשטן יאָרצענדליק פונעם 19טן יאָרהונדערט איז אַקסענפעלד שוין אַוועק פונעם אוקראַינישן שטעטל און האָט שוין דאָרט קיינמאָל מער ניט דויערנדיק געלעבט. מעגלעך, אַז אַקסענפעלד האָט בשעת ער האָט געוואוינט אין בראָד אויפגענומען באַשטימטע עלעמענטן פונעם גאַליצישן יידיש, זיי זיינען אָבער אין זיין סטיל ווייניק אָנזעעוודיק. ס'איז ניט וואַרשיינלעך, אַז זיין שפּראַך־פאַרמעגן האָט זיך באַדייטנדיק באַרייכערט, זייט ער האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין אָדעס, פונעם דעמאָלטיקן אָדעסער יידיש. קיין שפּראַכלעכע השפּעות פון דייטש אין דער פאָרם פון דייטשמעריזמען זעען מיר ניט אין אַקסענפעלדס סטיל, כאָטש ס'איז געווען פאַרשפּרייט אַ מין דייטשמערישער זשאַרגאָן צווישן באַשטימטע קרייזן משכילים און אויפגעקלערטע געשעפטסלייט, באַזונדערס אין אָדעס, וואו אַקסענפעלד האָט געלעבט כמעט פיר יאָרצענדליק. הייסט דאָס, אַז אין זיינע ווערק זיינען אויך פאַרפיקסירט גרויסע פלאַסטן פון דער שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אינעם 18טן יאָרהונדערט.

3. עטנאָגראַפישע באַשרייבערישקייט

אין זיין שאַפן בכלל און אין „דאָס שטערנטיכל“ בפרט „רעפּראָדוצירט“ אַקסענפעלד נאַקעט און פּינקטלעך די ווירקלעכקייט אין דער דעמאָלטיקער יידישער סביבה, מע קאָן זאָגן, מיט אַ מין רעפּאָרטיאָרישער גענויקייט. אין דעם פּרט דערנעענטערט זיך זיין פּרימיטיווער רעאַליזם צו דעם סטיל, וואָס מיר רופן אָן נאַטוראַליזם. זיין נטיה צו באַשרייבן אַזעלכע פיגורן, וואָס האָבן היסטאָריש ווירקלעך עקזיסטירט, זיין שטענדיק באַטאָנען וועגן דער פּאָבול פון זיין ווערק, אַז דאָס זיינען ווירקלעכע פּאַסירונגען, זיין אָפטער אָנווייז אויף דעם, אַז דאָס, וואָס ער שרייבט, איז אמת אין סאַמע דירעקטן זינען, דאַרף דערקלערט ווערן ניט בלויז מיט דער פּרימיטיווקייט פונעם לייענער, צו וועלכן אַקסענפעלד האָט זיך געווענדט און וואָס גלייבט נאָר אין „אמתדיקע מעשיות“, אין אוממיטלבאַרן פּראָסטן באַדייט פונעם וואָרט. אַקסענפעלד געהערט צו יענע שרייבער, וואָס זייער שעפערישע פאַרשטעלונג צינדט זיך אָן נאָר דעמאָלט, ווען זי קומט אין באַרירונג מיט ווירקלעך פּאַסירטע, געזעענע

אָדער געהערטע געשעענישן און פאַקטן פון זיין צייט און וואָס ס'איז זיי פרעמד די אויסטראַכטערישע פאַנטאַזיע. אַ חוץ דער ליידנשאַפט צו דעמאַסקירן, אויפצוקלערן און צו דערציען, שטעלן מיר פעסט אין זיין שאַפן אויך אַן אַנדערע ליידנשאַפט — כראָניקיאָריש צו פיקסירן דיווירקלעכקייט, די צייט־געשיכטלעך צו באַשרייבן. אין דעם פרט דערנעענטערן זיך אַ סך ערטער אין זיינע ווערק צו דעם ליטעראַרישן זשאַנר, וואָס מיר רופן פובליציסטישע פאַרצייכענונג, אָדער בעלעטריסטישער רעפּאָרטאַזש — צו צייט־געשיכטע. די סיבות פאַר די דאָזיקע סטיליסטישע שטריכן ליגן סיי אין דער ליידנשאַפטלעך־אַגיטאַטאָרישער אָנצילונג פון זיין שאַפן און סיי אין דער היסטאָריש־באַדינגטער פרימיטיווקייט פון זיין רעאַליזם.

די דאָזיקע שטריכן זיינען גאַנץ אָפט אויך אַ רעזולטאַט פונעם נאַאיוון איבערגעטריבן ראַציאָנאַליסטישן באַנעמען די געזעלשאַפטלעכע פאַקטן. פון אַ באַנעם, וואָס וויל די געשיכטע זען נאָר אויף איצט און פאָראויס און קאָן ניט פאַרטיפן דאָס פאַרשטענדעניש פאַר קעגנוואַרט און צוקונפט דורך היסטאָרישע דערקלערונגען. דעריבער האַלט זיך אַזאַ באַנעם אַזוי ציטעריק האַרט ביי דער ערד, ביי דער „אמתדיקער פאַסירונג", ביים „אמתדיקן" פאַקט און דעטאַל. דערמיט איז פאַרבונדן אַ באַשטימטע האַמעטנעקייט פון אַקסענפעלדס בילדער, די אָפט איבערגעטריבענע שרייערישע פאַרבן, און אויך דער פאַקט, וואָס אין זיין סאַטירישן דראַנג צו דעמאַסקירן שילדערט ער און דערקלערט אויף אַ גענוג פאַראיינפאַכטן אופן סאָציאַל־היסטאָריש זייער קאָמפּליצירטע ענינים. זיינע שילדערונגען זיינען צומאָל נאַקעט אַנטבלויזט ביז צו גראָבקייט. אַלס בעסטע קעגנווירקונג קעגן די ראָמאַנטיש־פאַרהערלעכנדיקע חסידישע סיפורי־מעשיות האַלט אַקסענפעלד דאָס גענויע, פּינקטלעכע דעטאַלישע באַשרייבן די ווירקלעכקייט. דערין זעט ער דאָס ווירקזאַמסטע קאַמף־מיטל קעגן פינצטערניש און אָפּגעשטאַנענקייט. אָבער דעטאַלישע גענויקייט אָן דער פאַרטיפונג דורך אַ היסטאָרישן באַנעם פירט צומאָל, ערשטנס, צו אויסערלעכקייט אינעם באַשרייבן און צווייטנס — טאַקע אויך צו גוזמות. דורך בלויזן אָנוואַלגערן פון אויסערלעכע דעטאַלן, אַפילו ווען מע „באַשרייבט" אַלץ און יעדערן „מיט אַלע פּיטשעווקעס" און אַפילו ווען מע באַגלייט דאָס מיט פובליציסטיש־דערקלערנדיקע באַטראַכטונגען, האָט ניט געקאָנט פולקום דערגרייכט ווערן דאָס, וואָס אַקסענפעלד האָט געוואָלט: געבן אַ שפּיגל פון דער קעגנוואַרט, אין וועלכן די לייענער זאָלן זיך און זייער סביבה זען ווירקלעך אַזוי, ווי זיי זיינען. דערצו וואָלט נייטיק געווען אַ טיפערער באַנעם פון דער ווירקלעכקייט, איידער אַקסענפעלד האָט אים פאַרמאָגט.

אָבער די דאָזיקע קינסטלערישע חסרונות קאָנען ניט פאַרשטעלן דעם גרויסן ווערט, וואָס אַקסענפעלדס פּינקטלעכע און זאַכלעכע פאַרשרייבונגען

האָבן אַלס דאָקומענטאַרישע מאַטעריאַלן, כדי זיך באַקענען מיט דעם לעבן און שטייגער פון יענער צייט — אויב מע נעמט אָראָפּ אויף אַ פאַרשטאַנדיקן אופן די גוזמא. ער האָט ניט געקאָנט געבן קיין טיפע סינטעטישע בילדער, ער האָט זיך שטרענג געהאַלטן ביים דעטאַל. אָבער מיר האָבן דאָ אין אַקסענ־פעלדס ווערק צום ערשטן מאָל באַקומען אַן אויסערגעוויינלעך רייכן היס־טאָרישן מאַטעריאַל וועגן דעם אינעווייניקסטן לעבן און דעם אינטימסטן שטייגער פון יענער צייט, געוויסנהאַפטיק באַשריבן, מיט פּעדאַנטישער, כמעט וויסנשאַפטלעכער אויספירלעכקייט, און ניט געשאַנעוועט קיינעם. שפּעטער באַקומען מיר אַן ענלעך רייכן מאַטעריאַל ביי לינעצקין און אין די גרויסע קינסטלערישע ווערק מענדעלעס. אָבער אַקסענפעלד שילדערט דעם אַכצנטן יאָרהונדערט (און צום טייל אויך דעם אָנהייב 19טן יאָרהונדערט), לינעצקי און מענדעלע — דעם נייַנצנטן. אַקסענפעלד האָט אין דעם פּרט געשאַפן די טראַדיציע פאַר דיקן, פאַר לינעצקין און, אין אַ געוויסער מאָס, אַפילו פאַר מענדעלען אויך.

באַזונדערס וויכטיק זיינען אַקסענפעלדס ווערק אַלס מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער חסידישער סעקטע — און דאָס באַטייט אַ היפּש קאַפּיטל צו דער געשיכטע פון די יידן אין אוקראַאינע אין יענער צייט. וועגן דעם חסידיזם זיינען פאַראַן פאַרשיידענערליי היסטאָרישע מאַטעריאַלן: יורידיש־אַדמיניסטראַטיווע מלוכהשע דאָקומענטן; פּאַנעגירישע, ראָמאַנטיש־פאַנטאַס־טישע חסידישע מעשיות; קעגנערישע אַרויסטרעטונגען, פלוגבלעטלעך און פאַמפלעטן מצד די אָרטאָדאָקסישע מתנגדים און פּובליציסטישע סאַטירעס, פאַמפלעטן, פּאַראָדיעס פון די משכילים. קינסטלערישע מער אָדער ווייניקער אָביעקטיווע באַשרייבונגען וועגן דעם אינעווייניקסטן לעבן און שטייגער פון די חסידישע מאַסן זיינען פון יענער צייט פאַראַן זייער ווייניק, אַמאָל בלויז איינצלנע שורות ביי ניט־יידישע שרייבערס, וואָס זיינען מיט דעם דאָזיקן לעבן געווען זייער ווייניק באַקאַנט. שלמה מיימאָן דערציילט אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע עטלעכע אינטערעסאַנטע שטייגער־מאָמענטן פונעם חסידיזם אינעם 18טן יאָרהונדערט. אָבער טאַקע נאָר עטלעכע שטייגערישע שטריכן. דער עיקר אָבער באַהאַנדלט ער מאָמענטן פון דער חסידישער טעאָריע. אויס־פירלעכע מאַטעריאַלן גיט גאַטלאָבער אין זיינע מעמואַרן, זיי שטאַמען אָבער פון אַ שפּעטערדיקער צייט. י. פּערל אין זיין „מגלה טמירין" גיט אויסגע־צייכנטע סאַטירישע באַשרייבונגען פונעם חסידישן לעבן, אָבער דער זשאַנער פון בריוו־פאַראָדיעס האָט באַגרענעצט די פרייע אַנטוויקלונג אינעם דערציילן. אין אַקסענפעלדס ווערק פאַרמאָגן מיר דעם רייכסטן קוואַל אויף זיך צו באַ־קענען מיטן אינטים־אינעווייניקסטן לעבן פון די חסידישע מאַסן און מיט די שטיק פון די רביים „הינטער די קוליסן" — אין 18טן און אָנהייב 19טן יאָר־

הונדערט, געשריבן פון אַ מענטשן, וואָס איז אין דער דאָזיקער סביבה אויס־געוואַקסן און וואָס איז געווען אויסגעקאָכט אין איר שטייגער. מיר קאָנען פון זיינע ניכטערע זשאַנר־בילדער שעפּן שטרענגע ווערטפולע קאָרעקטיוון צו די ראָמאַנטישע אידעאַליזירונגען פון פאַרשיידענע „קאַנאָנישע" קוואַלן.

* * *

די דירעקטע ליטעראַרישע קוואַלן, פון וועלכע אַקסענפעלדס פּראָזע איז באַווירקט געוואָרן, דאַרפן מיר זוכן ניט הויפּטזאַכלעך אין דער אייראָפּייאישער קלאַסישער טראַדיציע. די ליטעראַרישע ווירקונגען אויף אַקסענפעלדס פּראָזע שטאַמען דער עיקר פון באַשטימטע צווייט־ און דריט־ראַנגיקע רוסישע שטייגער־שילדערער און זשאַנר־שרייבער, ווי למשל נאַריעזשני א. אַ. מיר קאָנען אויך מיט אַ באַשטימטער וואַרשיינלעכקייט פעסטשטעלן ווירקונגען, וואָס שטאַמען דירעקט צי אומדירעקט פון אַזעלכע מער באַדייטנדיקע שטייגער־שילדערער, ווי וועלטמאַן א. אַ. אַקסענפעלדס דראַמאַטיש שאַפן איז באַווירקט פון דער קאָצעבו־שול. אויב עטינגער גייט אין זיין שאַפן נאָך אייראָפּייאישע קלאַסישע טראַדיציעס (מאָליער, לאַפאָנטען, לעסינג, שילער א. אַ.), וואָס ווערן ביי אים קאָמבינירט מיט שטריכן פון זשאַנרישער שטייגערישקייט, האָט אַקסענפעלד פאַר זיין פּראָזע געלאָזט אין אַ זייט די אייראָפּייאישע קלאַסישע טראַדיציעס, כאָטש ער איז אָן ספק געווען באַקאַנט מיט די ווערק פון באַשטימטע דייטשע קלאַסיקער.* קיין ווירקונגען פון די רוסישע קלאַסיקער, פון פּאָגוויזין, גריבאָיעדאָוו, גאָגאָל א. אַ., וועלן מיר אין זיינע ווערק אויך ניט געפינען, כאָטש ער האָט זייערע ווערק מן־הסתם געקענט. ער האָט זיך געהאַלטן ביי פיל פּראָסטערע, פּרימיטיווערע ליטעראַרישע מוסטערן.

וואָס שייך דער אויסערגעוויינלעכער עטנאָגראַפישקייט פון זיין דערציילסטיל, דאַרף מען רעכענען, אַז דאָס איז דער עיקר אַ רעזולטאַט פון דער פּרימיטיווקייט פון זיין רעאַליזם גופא. אויך אין דער רוסישער פּראָזע פון דער ערשטער העלפט יאָרהונדערט איז פאַראַן אַ סך שטריכן פון עטנאָגראַפישקייט, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער טענדענץ צו קריטיקירן די געזעלשאַפט, אָבער ווייט ניט אין אַזאַ איבערגעטריבענער מאָס, ווי ביי אַקסענפעלדן, ווייט

---

* אַפילו ווען די אומזיכערע ידיעות, וואָס לעאָ ווינער ברענגט, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, וועגן זשאַן פּאָלס ווירקונגען אויף אַקסענפעלדן, וואָלטן געווען סאָלידער, וואָלט מען פאָרט געקאָנט רעדן העכסטנס וועגן „ווירקונגען" אין אַ זייער אַלגעמיינעם זינען, וועגן ווירקונגען אויף אַקסענפעלדס בילדונג, געשמאַק א. אַז. וו. די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון זשאַן פּאָלס סטיל וועלן מיר אין אַקסענפעלדס ווערק, אין זייער גאַנצן כאַראַקטער און סטיל ניט געפינען (גיכער ביי מענדעלען!). זשאַן פּאָלס ראָמאַנטישער באַרעדעוודיק-רעפלעקסירנדיקער „אָרנאַמענטאַלער" נוסח און אויך זיין לעבנס-באַנעם זיינען ווייט און פרעמד פון אַקסענפעלדס שאַפן.

ניט אין אַזאַ פּעדאַנטישער אויספירלעכקייט און פּרימיטיווער אַנטבלויזטקייט. ביי אַקסענפעלדן איז אַ חוץ דעם ווילן צו דעמאַסקירן געווען אויך דאָס שטאַרקע באַדערפעניש היסטאָריש־כראָניקאַריש צו פיקסירן דעם שטייגער, וועגן וועלכן ער האָט געהאַט די פעסטע איבערצייגונג, אַז ער וועט און מוז אינגיכן אָפּגיין און פאַרשווינדן. ער האָט געהאַט דאָס באַדערפעניש ניט בלויז פון געזעלשאַפט־קריטיק, נאָר אויך פון אַ צייט־היסטאָריקער, צו פאַרצייכענען דעם אָפּגייענדיקן לעבנשטייגער פאַר די קומענדיקע דורות וועגן. און גראָד דאָס דאָזיקע שטרעבן מאַכט פאַר אונדז אַזוי משיקאָווע זיינע ווערק. אַז מיר עפענען זיינס אַ בוך, האָבן מיר שטענדיק דעם איינדרוק, ווי סע וואָלט זיך פאַר אונדז געעפנט אַ פענצטער אין אַ יידישער שטוב אין אוקראַינע פון צוריק מיט הונדערט, הונדערט פופציק יאָר.

4. דער שפּראַך־סטיל פון אַקסענפעלדס פּראָזע

פאַר דער געשיכטע פון דער נייער יידישער ליטעראַטור איז כאַראַק־טעריסטיש, אַז באַלד פון איר אָנהייבן אָן אין די מזרח־אייראָפּיאישע לענדער איז זי געווען אויסגעשפּראָכן רעאַליסטיש און שטייגער־באַשרייבעריש מיט אַ געזעלשאַפט־קריטישער אָנצילונג, — אין קעגנזאַץ צו דער העברעיִשער ליטעראַטור, וואָס איז זייט דעם מיטלאַלטער ביז אין ניינצנטן יאָרהונדערט אַריין, ביז צו די זעכציקער יאָרן געווען שטאַרק ראָמאַנטיש באַפאַרבט אָדער זי האָט זיך אָריענטירט אויף קלאַסיציסטישע טראַדיציעס. די זעלבע סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן די אַנטשטייאונג פון דער נייער יידישער ליטעראַטור אין דער שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, האָבן אויך באַדינגט איר רעאַליסטישן סטיל.

אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך אין פאַרלויף פון איר אַנט־וויקלונג אָפּגעשפּיגלט די פאַרשיידנסטע קלאַסן־טענדענצן. ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז פּונקט אַזוי ווי אַלע באַציאָנאַלע ליטעראַטורן אין פּעריאָד פון אַנט־שטייאונג און אָנהייב, איז דעמאָלט אויך איר פאַרבינדונג מיט די פאָלקס־מאַסן און מיט דער פאָלקסטימלעכקייט געווען באַזונדערס דייטלעך. ס'איז אַ פאַקט, אַז צו יענער צייט האָט די יידישע ליטעראַטור, ניט געקוקט אויף קלענערע און גרעסערע קלאַסן־ווירקונגען פון פאַרשיידנסטן מין, געהאַט אַ גענוג אויס־געשפּראָכענעם המונישן כאַראַקטער. ס'איז דעריבער ניט קיין חידוש, וואָס זי קניפּט דעמאָלט אָן — באַוואוסטזיניק צי ניט — ביי די טראַדיציעס, וואָס גייען דירעקט און אומדירעקט, אָפט טאָקע דורך זייער געדריידלטע וועגן, פונעם פּריאיקן פאָלקסטימלעכן, שטייגערישן רעאַליזם, ווי ער איז געקומען צום אויסדרוק אינעם אַזוי־גערופענעם שעלמען־ראָמאַן (אינעם אַנאָנימען „לאַזאַ־

רילי פונעם ברעג טאָרמעס״, אין די ווערק פון עספינעל, סקאַראָן, לעסאַזש, גרימעלסהאַוזען א. אַ., און אין רוסלאַנד: אין די ווערק פון פאַרשיידענע פאָלקסטימלעכע שרייבער און אויך פון וועלטמאַן, נאַריעזשני א. אַ.). ס׳איז ניט קיין צופאַל, וואָס אַקסענפעלד האָט אָנגעשריבן אַ ווערק: „דער יידישער זשיל־בלאַז״. אויך „דאָס שטערנטיכל״ פאַרמאָגט זייער אַ סך וועזנטלעכע שטריכן פונעם אַזוי־גערופענעם שעלמען־ראָמאַן. דער פריאיקער פרימי־טיווער רעאַליזם שטרייכט אומעטום אונטער אויך אין אייראָפּע זיין אָריענ־טאַציע אויף די פאָלקס־מאַסן, רייסט אומעטום באַוואוסטזיניק איין מיט די איינגעשטעלטע קלאַסיציסטישע געזעצן, רעדט אַזוי, ווי עס לייגט זיך אויף דער צונג, שטרעבט צו פּראָסטקייט און נאַטירלעכקייט, צום פאָלקס־וואָרט, צום פאָלקסטימלעכן בילד, צו פאַרשיידענערליי פאָלקסטימלעכע פאָרמען. ביי אַזאַ פריאיקן רעאַליסט, ווי אַקסענפעלד, זיינען די אַלע אייגנשאַפטן געווען נאָך דייטלעכער און אַפילו צומאָל רוי איבערגעטריבן, ווייל ער האָט אין דער יידישער ליטעראַטור ניט געהאַט גובר צו זיין איינגעשטעלטע קלאַסיציסטישע טראַדיציעס. וויפיל סע זאָל צומאָל ניט זיין אין די ווערק פונעם פריאיקן רעאַליזם גוטמוטיקער שפּאָט איבערן עטנאָגראַפישן שטייגער פון די פאָלקס־מאַסן און אַפילו איבער זייער אופן רעדן און איבער דעם גאַנצן פאָלקלאָר, — זיינען זיי געוויינלעך פאָרט לויט זייער גאַנצן כאַראַקטער מער אָדער ווייניקער נאָענט צום פאָלקלאָרישן שאַפן. דאָס אייגענע קאָן מען זאָגן וועגן אַקסענפעלדס ווערק. וויפיל ער זאָל ניט שפּעטן איבער דער אָפּגעשטאַנענקייט פון דער שטעטלדיקער באַפעלקערונג, איבער איר שטייגער, איר אופן טראַכטן און רעדן, דערנענטערט אָבער זיינע ווערק די טיף פאָלקסטימלעכע אָנצילונג, דער פּראָסטער, קרעפטיקער, אוממיטלבאַרער, ניט־געקינצלטער דערצייל־און רייד־סטיל, דער מונטערער טאָן, די געזונטע נאַאיווקייט — צום פאָלק־לאָרישן שאַפן. גאַנץ אָפט זיינען זיינע ווערק גופא אַ מין שטיק פאָלקלאָר, מעשיות, פאַרשריבענע פון אַ פאָלקס־מענטש. אַקסענפעלד שילדערט אין זיינע ווערק אָן אומגעוויינלעכע טרויעריקע קעגנוואָרט: דאָס פאַרקריפּלטע לעבן פון האַלב־לייבאייגענע מאַסן אונטער דער הערשאַפט פון די באַרבאַרישע רוסישע זעלבסטהערשער. און פאָרט פאַרלאָזט אים אינערגעץ ניט אַ טיפע, אָפט נאַאיווע פאַרגלייבטקייט אין דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון דער געשיכטע. זיין שאַפן איז דורכגעדרונגען מיט לעבנספרייד, מיט אַ געזונטן אָפּטימיזם, מיט גרויסע האָפענונגען אויף דער צוקונפט.

אַקסענפעלדס שפּראַך־סטיל איז געניג רוי אין „דאָס שטערנטיכל״, אַפילו נאָך מער ווי אין די פּיעסעס. באַזונדערס רוי איז ביי אים דער זאַצ־בוי. ס׳טרעפט זיך צומאָל, אַז ער הייבט אָן אַ זאַץ און פאַרענדיקט אים ניט. פאַרגעסט ביים סוף פונעם זאַץ דעם אָנהייב, פּלאָנטערט דעם סוביעקט מיטן

אָביעקט. אַזעלכע ווילדע זאַצן, ווי: „דעם גרויסן עושר ר׳ גבריאל גיטעלעס (זי האָט מען גערופן גיטעלע ר׳ גבריאלס, און אים — גבריאל גיטעלעס, ווייל ער איז אַן אויפגעקומענער עושר, האָט ער ניט קיין טאַטע־מאַמע, און ניט קיין שווער־שוויגער, צו הייסן נאָך עמעצן פון זיי), — ווייל זייַנוועלע האָט מיט אהרן שמש אָפּגעשמועסט, מע זאָל ביי אים, ביי גבריאל גיטעלעס, איינלייגן דעם נדן זעקס הונדערט רענדלעך, — האָט אים ר׳ טוביה אַליין אויך געבראַכט אַהער צו די תנאים.״ („דאָס שטערנטיכל״, מאָסקווע, 1938, ז״ז 76—78), — זיינען אין זיינע ווערק ניט קיין זעלטנהייט. ער רעפּראָדוצירט דעם נאַטירלעכן רייד־שטראָם און לייגט ווייניק אַכט אויף זיין ליטעראַריש־קינסטלערישער באַאַרבעטונג. אין אַ באַשטימטן זינען קאָן מען זיינע ווערק, באַזונדערס זיין פּראָזע, באַטראַכטן ווי אוממיטלבאַרע פאַרשרייבונגען פונעם פאָלקס־מויל. און גראָד דעריבער זיינען זיינע ווערק זייער אַ רייכער קוואַל פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער מאַסן־שפּראַך אין 18טן, אָנהייב 19טן יאָרהונדערט. ער האָט פּינקטלעך פאַרפיקסירט דעם דעמאָלטיקן שפּראַך־נוסח פון פאַרשיידענע שיכטן אין דער יידישער באַפעלקערונג.

דאָס אַלטע מערב־אייראָפּייאישע יידיש־טייטש האָט שוין זייט יאָר־הונדערטער פאַרמאָגט ליטעראַריש־אויסגעאַרבעטע שפּראַכלעכע קאַנאָנס. אינעם מזרח־אייראָפּייאישן נייעם יידיש זיינען ליטעראַטור־שפּראַכלעכע טראַדיציעס געווען נאָר אויפן געביט פון דער רעליגיעזער און מוסר־ליטעראַטור, וואָס האָט פון דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט אַריינגענומען אינעם קרייז פון איר אויפמערקזאַמקייט אַ שמאָל־באַגרענעצטן און אָרעמען מאַטעריאַל, און וואָס איז אַ חוץ אַלעם געווען געפּענטעט פון די אַלטע יידיש־טייטשע טראַדיציעס און האָט זיך דעריבער געהאַלטן ווייט פון דער לעבעדיקער רייד־שפּראַך. די וואַכעדיקע לעבעדיקע נייע יידישע שפּראַך פונעם פאָלק איז אין קונסט־ווערק ביז דעמאָלט נאָך ניט געווען פאַרשריבן. וועגן טראַדיציעס פון קינסטלערישער שפּראַך האָט דעמאָלט בכלל ניט געקאָנט זיין קיין רייד. אַזעלכע טראַדיציעס האָט דער ערשטער געפּרוּווט שאַפן עטינגער. אַקסענפעלד האָט דער ערשטער רייך און אויספירלעך אין דער יידישער ליטעראַטור פאַרפיקסירט די נאַטירלעכע רייד־שפּראַך פון זיין צייט און קאַנט. ס׳וועט ניט ריכטיק זיין צו זאָגן, אַז אַקסענפעלד האָט בכלל ניט געלייגט קיין שום אַכט אויף דער ליטעראַריש־קינסטלערישער דיסציפּלינירונג פון זיין שפּראַך־מאַטעריאַל. באַשטימטע אָנשטרענגונגען אין דעם פּרט קאָנען מיר ביי אים יאָ פעסטשטעלן. אָבער די אָנשטרענגונגען און זייער רעזולטאַט זיינען געווען קליינע, באַזונדערס אויב מע פאַרגלייכט זיי מיט די גאָר באַדייטנדיקע שפּראַך־סטיליסטישע אויפטוען עטינגערס. די אויפגאַבע סטיליסטיש שטרענג דורכצואַרבעטן זיין שפּראַך־מאַטעריאַל איז געווען פרעמד צו אַקסענפעלדס

נאַאיווער פאַרשטעלונג וועגן דער אמתדיקייט ביים קינסטלערישן אָפּשפּיגלען דיווירקלעכקייט, צו זיין נאַטוראַליסטיש־פּרימיטיוון רעאַליזם, ווייל סיי דער עולם, צו וועלכן ער האָט זיך געווענדעט, און סיי ער גופא זיינען נאָך ניט געווען דערצו צוגעגרייט. ווען ער פאַרכלינעט זיך מיט דער שפע פון זיין שטאָף, מיט דער מענגע פאַקטן, וואָס ער וויל דערציילן, אויפגערעגט פון דעם שטרעבן אומעטום צו באַלערן און אויפצוקלערן, קומט אים ניט צו הילף די אָרדנענדיקע קראַפט פון דער ליטעראַריש־אויסגעאַרבעטער שפּראַך־פאָרם, פאַרלירט ער אָפט ביים בויען אַ זאַץ דעם גראַמאַטיקאַלישן פאָדעם, הייבט ער אָן אַ נייעם זאַץ, איידער ס'איז פאַרענדיקט דער ערשטער, וואַלגערט ער אָן בייזאַצן און שטעלט זיי ניט אויס אין אַ פאַרענדיקטן זאַצבוי. אָבער ווי ווייניק ליטעראַריש, ווי ווייניק קינסטלעריש געפורעמט אַקסענפעלדס שפּראַך זאָל ניט זיין, פאַרמאָגן אָבער זייגע ניט־געהובליעוועטע זאַצן אַן אייגנאַרטיקן גרויסן חן, וואָס שטאַמט פון זייער נאַטירלעכקייט און פאָלקסטימלעכקייט.

5. „נאָך צוויי האָזן“

די נאָוועלע „נאָך צוויי האָזן“ האָט אַקסענפעלד אָנגעשריבן, אַפּנים, אין סוף 50ער אָדער אָנהייב 60ער יאָרן. צווישן „דאָס שטערנטיכל“ און דער דאָזיקער נאָוועלע זיינען פאַרביי ווייניקסטנס דריי יאָרצענדליק, אויב ניט פיר. דאָ ווערט שוין געשילדערט אַן אַנדער צייט און גאָר אַנדערע פאַרהעלטענישן. ניט דאָס פאָדאָליער שטעטל אין 18טן אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, נאָר די אייגנאַרטיקע פאַרשוינען, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אויפן באָדן פון דער נייער קאַפּיטאַליסטישער שטאָט אָדעס, וועלכע איז צו יענער צייט אויסגעוואַקסן אין אַ מאָדערנעם, רייכן צענטער פון עקספּאָרט און אימפּאָרט און וואוהין ס'האָבן געהאַלטן אין איין אַריינוואַנדערן יידן, פאַרמעגלעכע און אָרעמע, פון די פאַרשיידנסטע קאַנטן אין רוסלאַנד און אפילו פון עסטרייכישן גאַליציע (באַזונדערס פון בראָד). די אַטמאָספער אין אָדעס איז אין יענע יאָרן געווען אַ „גרינדערישע“. אַרום די גרויסע עקספּאָרט־געשעפטן, אַרום דער בירזשע האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו באַווייזן יענע אייגנאַרטיקע געשטאַלטן פון ספּעקולאַנטן און פּראָזשעקטאָרן, נאַאיווע און שווינדלערישע, וואָס האָבן סוף נייַנצנטן יאָרהונדערט דערגרייכט זייער פולע צעבליאונג און וואָס שלום־עליכם האָט זיי אַזוי מייסטעריש געשילדערט. דאָס וועזן און דער כאַראַקטער פון די איינגעוואַנדערטע שטעטלדיקע גבירים, לופט־מענטשן און קליינ־קרעמערס האָט דאָ גיך דורכגעמאַכט אַ מערקווירדיקע מעטאַמאָרפאָזע. דער שטעטלדיקער ייד האָט דאָ געווייגלעך גענוג גיך אַראָפּגעוואָרפן דעם שטעטל־דיקן הילוך, די משונהדיקע יידישע קליידער און זיך אויסערלעך פאַרשאַפט

אַן „אײראָפּײאיש“ אויסזען, אָפּט אַפּילו אויף אַ קאָמיש־איבערגעטריבענעם אופן. דער אַלטער פּאַטריאַרכאַלישער שטייגער איז פֿאַרביטן געוואָרן מיט אַ נייעם, באַלעבאַטיש־קרעמערישן פֿון אַן אייגנאַרטיקן שניט. די שטעטלדיקע אומבאַהאָלפֿנקייט האָט זיך אין די סוחרישע שיכטן פֿאַרוואַנדלט אין אַ גרויס־שטאָטישער געניטער פֿלינקייט און צופּאַסונג־פֿײאיקייט; די פֿינצטערע, אָבער נאַאיווע פֿרומקייט — אין געניסערישער וואוילערישקייט אָדער אין אויסגעשפּראָכענער צביעות פֿון יענעם מין, וואָס ביי די „רעפֿאָרמירטע“ כאָר־שול־יידן און ביי דעם אַ סך שפּעטער־אויפֿגעקומענעם טיפּ „פֿראַנקפֿורטער אָרטאָדאָקסן“. די שטעטלדיקע השגות וועגן מאָראַל און זיטן זיינען גיך פֿאַרשוואונדן און ס'זיינען אויפֿגעקומען נייע, אַנטשפּרעכנדיקע צו דער הערשנדיקער געשעפֿטלעך־ספּעקולאַנטישער און פּאַרוועניואישער אַטמאָספֿער. באַלעבאַטיש־גבֿירישע באַגרענעצטקייט האָט זיך מערקווירדיק אויסגעמישט מיט שטריכן פֿון צינישער „פֿרייזיניקייט“. אין דער אַטמאָספֿער פֿון רייכקייט און וואוילשטאַנד, פֿון טומל און גרינדערישער ספּעקולאַציע, האָבנדיק פֿאַר די אויגן ניט ווייניק פֿאַלן פֿון גיך רייך־ווערן, האָבן דאָ אויך ברייטערע קרייזן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אָנגעהויבן צו גלייבן אין אַ גליקלעכער באַגענטער צוקונפֿט. אין די פֿרייערע פֿאַרהעלטענישן, וואָס האָבן געהערשט אין דער דאָזיקער נייער האַנדל־שטאָט, איז אויך מעגלעך געוואָרן אַ לעבעדיקערע טעטיקייט פֿון די פֿאַרשיידענע יידישע געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס און פֿאַראייניקונגען. פֿון דער אַנדערער זייט ווידער, האָט דאָ דאָס בילדונגס־וועזן איבער אַ ריי ספּעציפֿישע און גינסטיקע באַדינגונגען באַקומען גרעסערע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן, איידער אין די איבעריקע קאַנטן פֿונעם דעמאָלטיקן רוסלאַנד, פּונקט אַזוי ווי דער בילדונגס־ניוואָ און די שטייגערישע וועלט־קענטעניש איז ביים אָדעסער ייד געווען אומפֿאַרגלייכלעך העכער, איידער ביים שטעטלדיקן יידישן אײנוואוינער. דאָ זיינען אויך אַנטשטאַנען היפּשע קרייזן יידישע אינטעליגענץ, צו וועלכער סע האָט געהערט אַקסענפֿעלד אַליין און שפּעטער אַ גאַנצע ריי באַדייטנדיקע יידישע שרייבער, ווי ליניעצקי, מענדעלע א. אַ.

די דאָזיקע פֿאַרהעלטענישן אין אָדעס, וואָס האָבן אין די 50ער יאָרן שוין באַקומען גענוג אויסגעשפּראָכענע קאָנטורן, האָט דאָס אַקסענפֿעלד געפּרוּווט שילדערן אין זיין נאָוועלע „נאָך צווײ האָזן“. מיר זעען דאָ געשילדערט די ערשטע שפּראָצונגען פֿון די שלום־עליכמשע געשטאַלטן. אין דער דאָזיקער נאָוועלע זעען מיר עפּעס אַזוינס, ווי אַ ווערק פֿון אַ פּרימיטיוון שלום־עליכם — פֿאַר שלום־עליכמען. אַקסענפֿעלדס ווערק זיינען בכלל דורכגעדרונגען מיט הומאָריסטישע שטריכן, אָבער אין די פֿריערדיקע ווערק הערט זיך פֿאָרט דייטלעכער דער סאַטירישער גרונט־טאָן, די סאַטירישע טענדענץ. ניט אַזוי

ווייט די קאָמיק, ווי דער חוזק. אין דער דאָזיקער נאָוועלע האָבן מיר אַ טיפּישע הומאָרעסקע, געבויט לויט אַ וואָדעווילישער אינטריגע. אגב, זעען מיר דאָ דייטלעכער, איידער אין די איבעריקע ווערק, שטריכן פונעם פעליעטאָן און פון דער פאַרצייכענונג. מעגלעך, אַז דאָס האָט זיך אַזוי באַקומען ערשט אין דער איבערזעצונג פון יידיש אויף רוסיש — און די דאָזיקע רוסישע איבערזעצונג, אין וועלכער ס'האָט זיך אָפּגעהיט אַקסענפעלדס נאָוועלע, איז — איידל גערעדט — זייער אַ מיטלמעסיקע. מעגלעך, אַז דער רוסישער איבערזעצער האָט אַ סך פון אַקסענפעלדס אייגנאַרטיקן דערציייל־נוסח צוליב דער שווועריקייט דאָס איבערצוזעצן — פּשוט אַרויסגעוואָרפן און אַזוי אַרום דעם סטיל פאַרפּראָסטערט. דער דערציייל־נוסח אונטערשיידט זיך דאָ טאַקע געגנוג שטאַרק פון דעם, וואָס מיר זעען אין אַלע איבעריקע ווערק אַקסענפעלדס. ס'איז אָבער אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז אַקסענפעלד אַליין האָט זיך אויף דער עלטער געפּרואווט אָנצושרייבן די נאָוועלע אויף רוסיש, אַז דער רוסישער טעקסט איז ניט קיין איבערזעצונג, נאָר אַקסענפעלדס אָריגינאַל. דאָס אָפּווייכן פון זיין געוויינלעכן דערציייל־סטיל קאָן דאַן דערקלערט ווערן מיט די שוועריקייטן, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַרן אַלטן יידישן שרייבער, ווען ער האָט זיך גענומען שרייבן אין דער שפּראַך, צו וועלכער ער איז אין זיין קינסטלערישן שאַפן ניט געווען צוגעוואוינט.

אָבער ווי עס זאָל ניט זיין, געפינען מיר דאָ אין דער נאָוועלע וויציקע שילדערונגען פון די פאַרשיידענע טיפּן סוחרישע באַלעבאַטים. מיט אַן איראָניע, אַ ביסל אַ גראָבלעכער, ווערט באַשריבן די „פילאָסאָפיע“ פונעם סוחר כאַפּערלאַפּ, וואָס באַשטייט דערין, אַז יעדער מענטש מוז גנבענען, און אויב ער האָט נאָך ניט געגנבעט און גנבעט ניט, וועט ער מן־הסתם שפּעטער גנבענען. און אויב אַ מענטש פירט זיך צופיל ערלעך, איז ער נאָך מער פאַרדעכטיק, ווי יעדער אַנדערער. ביים דערציילן וועגן סאָרקינס ניט־געלונגענעם פּרואוו צו טאָן אַ שידוך מיט אַ רייכער כלה שילדערט אַקסענפעלד דעם געוויסנלאָזן ספּעקולאַנט, שווינדלער און צבועק, וואָס איז אין איינעם פון זיינע שווינדלערישע שטיק דורכגעפאַלן, וואָס וועט זיך אָבער פריער אָדער שפּעטער מן־הסתם פאָרט דערשלאָגן צו זיין ציל, צו ווערן אַ רייכער, אָנגעזעענער אָדעסער באַלעבאָס. אַקסענפעלד איראָניזירט סיי פון דער כלומרשטער פיליסטערישער „אויפגעקלערטקייט“ סאָרקינס און פון דער משפּחה שמאַטקין און סיי פון דער „ביימאָדישער“ צבואַקישער פרומקייט פון דער משפּחה קוימען, אַ פרומקייט פון דעם מין, ווי ביי די שפּעטערדיקע פראַנקפורטער אָרטאָדאָקסן: אי צו גאָט, אי צו לייט, אי תורה, אי סחורה. ער איראָניזירט איבער זייער גאַנצן שטייגער. דער פיגור פונעם אָדעסער זשוליק סאָרקין שטעלט אַקסענפעלד אַנטקעגן די לעבנס־באַשרייבונג פון זיין

נאַאיוון אָרעמען פּאָטער אינעם שטעטל — צוליב קאָנטראַסט. די נאָוועלע איז גענוג פּרימיטיוו. זי איז אָבער אינטערעסאַנט אַלס אַ זשאַנר־בילד פון דער דעמאָלטיקער אָדעסער באַלעבאַטישער סביבה און אַלס אַ באַשטעטיקונג פאַר דער באַהויפּטונג, אַז געוויסע שלום־עליכמשע מאָטיוון זיינען נאָך לאַנג פאַר שלום־עליכמען באַמערקט געוואָרן פון איינצלנע זיינע פאָרגייערס אין דער יידישער ליטעראַטור.

מאָסקווע, 1936.

שלמה עטינגער
זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור

(ביבליאָגראַפישער און ליטעראַטור־היסטאָרישער עטיוד)

1. אַ פּיליסטערישע באַלויכטונג פון עטינגערס ווערק

די ליטעראַטור־געשיכטע האָט עטינגערס ווערק, וואָס זיינען אַן אינטערעסאַנטער וווערטפולער אָריענטיר־פּונקט ביים אויספאָרשן די יידישע ליטעראַטור אין דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט, ניט געקאָנט דערלערנען און אָפּשאַצן, פּינקטלעך באַשטימען זייער באַדייט און זייער השפּעה, אַזוי לאַנג עס איז ניט געווען די עלעמענטאַרסטע פאָר־הנחה פאַר אַזאַ אַרבעט — צוטריטלעכע, ד. ה. געדרוקטע טעקסטן פון אַלע זיינע ווערק. עטינגערס ווערק זיינען געווען אַ מין ליטעראַטור־געשיכטלעכע לעגענדע. די אַלטע אויסגאַבעס פון עטינגערס שאַפונגען זיינען שוין לאַנג ביבליאָגראַפישע זעלטנקייטן און אַפילו — אוניקאַ. ידיעות וועגן זיי האָט געוויינלעך איין קריטיקער איבערגעשריבן ביים צווייטן ניט־געזעענערהייט. אָפּגערעדט פונעם גרויסן שאָדן פאַרן לייענער, וואָס האָט זיך ניט געקאָנט באַקענען מיטן שאַפן פון דעם באַדייטנדיקן קינסטלער און סטיליסט אינעם ביז־מענדעלע־פּעריאָד, איז אויך דעם פאָרשער ניט מעגלעך געווען צו באַקומען אַ ריכטיקן באַגריף וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין יענער צייט. די אויסגאַבע פון אַלע שריפטן עטינגערס, וואָס איז דערשינען אין ווילנע,* איז צונויפגעזאַמלט מיט אַ סך פלייס. אין דער אויסגאַבע גייען אַריין „סערקעלע“, דראַמאַטישע פראַגמענטן, אַלע לידער, משלים, קליינע מעשהלעך און קאַטאָוועסלעך (עפּיגראַמעס), געלעגנהייטס־לידער, פראַגמענטן און אַנדערע הוספות; אַ ביאָגראַפיע, ביבליאָגראַפיע, בריוו, דאָקומענטן צו עטינגערס ביאָגראַפיע, הערות א. אַז. וו. אַ טייל פון די טעקסטן ווערט דאָ בכלל צום ערשטן מאָל געבראַכט. איצט האָט יעדערער די מעגלעכקייט צו לייענען און אויסצופאָרשן עטינגערס ווערק.

יעדע אַרבעט, ווי זי זאָל ניט זיין, גוט אָדער שלעכט, אויב זי איז נאָר אַן ערשטע אויף אַ באַשטימטן געביט — ווי דאָ אויפן געביט פון וויסנשאַפטלעכער עדיציע פון עלטערע יידישע טעקסטן, — דינט זי אָפּט אַלס לערע, ווי מע דאַרף אַזאַ מין אַרבעט מאַכן, אָדער ווי מע טאָר זי ניט מאַכן. זי עפנט פּראָבלעמעס. די שלאָגווערטער, מיט וועלכע אַן עלטערער טעקסט

---

* דר. שלמה עטינגערס כתבים, אַרויסגעגעבן לויט די מאַנוסקריפּטן, מיט אַ ביאָגראַפישן אַריינפיר און מיט הערות פון דר. מאַקס ווײַנרייך, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין; 1925, באַנד 1, ז. LXIV+286; באַנד 2, ז. 286—616.

ווערט אַרומגעשטעלט, האָבן אַ טבע, אַז זיי שלעפּן זיך נאָך און ווערן גאַנץ אָפּט אַ לאַנגע צייט אומרעווידירטערהייט איבערגעחזרט.

אַריינפֿירן צו טעקסטן, וואָס דינען ווי אַ ליטעראַטור־געשיכטלעכער פּאָן פּאַר די טעקסטן גופא, שפּילן נאָך דערוויל אַ וויכטיקע ראָל אין דער יידישער ליטעראַטור־קענטעניש. קיין וויסנשאַפטלעכע, צוזאַמענהענגענדיקע געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט איז נאָך ניט פֿאַראַן. איר בילד שטעלט זיך דערוויל צונויף, ווי געווינלעך אין אַזעלכע סיטואַציעס, פֿון אַריינפֿירן, ביאָגראַפֿיעס און מאָנאָגראַפֿישע אָפּהאַנדלונגען, וואָס ווערן דערנאָך די באַזע פֿאַר אַ ליטעראַטור־היסטאָרישער קאָנצעפּציע. דעריבער איז נייטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דעם פּרינציפּיעלן צוגאַנג ווײַנרײַכס צו עטינגערס ביאָגראַפֿיע און ווערק („אַריינפֿיר פֿון מאַקס ווײַנרײַך, ב. 1, XIII—XLIV). ווייטער וועלן אויך באַהאַנדלט ווערן פֿאַרשיידענע דעטאַלן אין דער דאָזיקער אויסגאַבע.

מ. ווײַנרײַכס אידייאישע שטעלונג צו זיין טעמע וואַקסט אַרויס פֿון זיין באַציאונג צו דער יידישער ליטעראַטור ווי צו אַ טייל פֿון די יידישיסטישע ענינים. ווײַנרײַך שטייט אויף אַ באַלעבעסלדיק־יידישיסטישן שטאַנדפּונקט. דאָס ווירקט באַשטימענדיק אויף זיין אופן גרופּירן פֿאַקטן און זיי אונטער־צושטרייכן. פֿונדאַנען נעמט זיך אויך דער זיסלעך־בוימלדיקער, פּרומלעכער טאָן, מיט וועלכן ער דערציילט און שאַצט אָפּ באַשטימטע פֿאַקטן, וואָס קאָנען שטיצן זיין באַלעבעסלדיק־יידישיסטישע קאָנצעפּציע.

למשל: באַלד אין אָנהייב באַגעגענען מיר אַזאַ פֿראַזע (ב. 1, ז. XIII): „ער (עטינגער) איז געוואַקסן פֿון אַ יחוסדיקער משפּחה, אין וועלכער ס'איז געווען הימיש אי תורה, אי סחורה." ווײַנרײַך איז אַזוי פֿאַרכאַפּט פֿונעם יחוסדיקן פֿאַקט, וועגן וועלכן ער דערציילט, אַז ער פֿילט, אָפּנים, ניט די באַנאַליטעט און געשמאַקלאָזיקייט פֿון זיין „אי תורה, אי סחורה".

אין דעם פּרט איז שוין אַפֿילו דער טיטל, וואָס ווײַנרײַך האָט דער אויס־גאַבע געגעבן, כאַראַקטעריסטיש: „דאָקטאָר" — „כתבים", — באַלעבאַטיש־קייט און יידישלעכקייט. ביי מעדיצינישע אָדער סתם פֿאַך־וויסנשאַפֿטלעכע ווערק וואָלט דער „ד"ר" פֿאַרשטענדלעך געווען, אַזוי אָבער קלינגט עס געשמאַקלאָז, אַשטייגער ווי „ד"ר היינריך היינעס ווערק", אָדער „פּראָפֿעסאָר פֿרידריך שילערס ווערק". און פֿאַרוואָס „כתבים" און ניט שריפֿטן, אָדער ווערק?

ש. עטינגערס „אויפֿגעקלערטקייט" איז ניט געווען קיין ליידנשאַפֿטלעך־צעשטערערישע. ער איז טאַקע בכלל ניט געווען קיין ליידנשאַפֿטלעך־קעמפֿערישע נאַטור. זיינע געזעלשאַפֿטלעכע אינטערעסן זיינען ניט געווען אַזוי ברייט ווי, למשל, ביי מענדל לעפֿין, יוסף פּערל, ביי לעווינזאָנען אָדער

אַקסענפעלדן. זיינע אָנשויאונגען זיינען באַגרענעצטער, באַלעבעסלדיקער. וואָס שייך אַזעלכע פונקטן אין דער השכלה, ווי למשל, פאַראורטיילונג פון מיטלאַלטערלעכער פרומלעכקייט און צבועקישקייט, קאַמף פאַר איראָפּייאיש־קייט און בילדונג — האָט עטינגער זיך צווישן די משכילים פון זיין פּעריאָד און סביבה ניט גאָר באַזונדערס אויסגעטיילט. אָבער מיט וואָסער טאָן און אָפּשאַצונג באַמיט זיך וויינרייך פעסטצושטעלן, אַז עטינגער איז ניט געווען קיין „פּורץ גדר", קיין „צוימענברעכער". צו דער קאָנסטאַטירונג גופא — ווי ווייט זי איז אמת — קאָן מען, פאַרשטייט זיך, קיין טענות ניט האָבן. ס'איז אָבער משונהדיק און לעכערלעך, ווי וויינרייך קוויקט זיך דאָס מיטן פאַקט, וואָס מע גיט אים איבער, אַז דאָס בית־דין האָט באַגלייט עטינגערס לוויה „און געטראָגן דעם אָרון ביזן בית־עולם". „דאָס, — זאָגט וויינרייך, — איז געווען אַ גוואַלדיקער כבוד, אַ ראיה אויף דעם, ווי שטאַרק דאָס שטעטל האָט פון אים געהאַלטן... עטינגער איז טאַקע נישט געווען קיין פּורץ גדר, קיין שטורעמער פון דער יידישער טראַדיציע... און שטאָט האָט אויך וועגן אים געהאַט אַזאַ מיינונג..." וויינרייך רעזומירט: „דאָס בילד פון אָט דעם ריינעם, ציכטיקן פּשוטן יידן שטייט פאָרט קלאָר פאַר אונדזערע אויגן. ווייניקער פאַר אַלץ איז ער געווען אַ צוימענברעכער."

דעם פאַקטישן מאַטעריאַל, אַזוי ווייט ער איז וויסנשאַפטלעך פעסט־געשטעלט, טאָר דער ביאָגראַף בשום־אופן ניט פאַרשווייגן. עס גייט אָבער וועגן דעם, ווי ס'ווערן גרופּירט די פאַקטן, אין וואָסער טאָן עס ווערט דער־ציילט וועגן זיי, ווי אַזוי מע סומירט זיי צו אַ בילד פון אַ פּאַרשוין אָדער פון אַ געשיכטלעכער סיטואַציע. דער שטאָטס מיינונג דרינגט וויינרייך אַרויס פון עטינגערס לוויה און פון אַ מעשה מיט אַ רבין און רבנים (די קוואַלן וועגן דעם גיט וויינרייך נישט). עס דאַרף זיך באַקומען, אַז קיין שום אַנטאַגאָניזם צווישן עטינגערן און די קלעריקאַלע קרייזן איז נישט געווען. מיר וויסן אָבער, אַז אין עטינגערס ווערק (און צום טייל אויך אין זיין לעבנסגאַנג), וועלכע ער האָט נישט באַהאַלטן און נישט פאַרשוויגן, קומט צום אויסדרוק אַ היפּשער טייל פון די וויכטיקסטע פונקטן אין דער משכילישער פּראָגראַם: פּראָפּאַגאַנדע קעגן אָבערגלויבן, צבועקישקייט, קהל־ווירטשאַפט און פאַר וועלטלעכער בילדונג, פאַר איראָפּייאישקייט, פאַר פּראָדוקטיווער אַרבעט (אויף ערד, למשל) א. אַז. וו. שוין־זשע האָט דער קלערוס אַזוי אידיליש מסכים געווען מיט אַזעלכע מיינונגען און מיט זייער פאַרשפּרייטונג? וויינרייך ווייסט גאָרניט וועגן דעם צו זאָגן. גוט! אָבער צי קלעקט דאָס, כדי צו מאַכן פון עטינגערן אַ פרומלעכן יידן? וואָס פאַר אַ משונהדיקע באַלויכטונג וועט זיך באַקומען פאַר דער ביאָגראַפיע פון אַ סך באַדייטנדיקע אויפקלערער, אויב מיר וועלן זי באַטראַכטן דורכן אַספּעקט פון די פאַקטן אויף זייער לוויה!

מיט וואָסער פיליסטערישער התפעלות דערציילט ווײַנרײַך, אַז „אין זשדאַנאָוו גופא האָבן „עטינגערס" (מע דאַרף זיין אַ מבין אויפן טעם פונעם בגידישן לשון־רבים!) * געהאַט פינף פייגע צימערן. טיילמאָל פלעגן קומען צו זיי געסט, און חשובע: געווען אַמאָל אַ גענעראַל, אַן אינזשענער (!), איינמאָל אַפילו דער גובערנאַטאָר אַליין (!). אַן אַנדער מאָל זיינען אַריינגעפאָרן צו זיי פיר רבנים, צווישן זיי דער טישעוויצער, דער זאַמאָשטשער און דער ביישטעטישער" (I, XLII). מע פילט ממש ווי אַ באַלעבאַטיש האַרץ קוועלט אָן מיט שטאָלץ פון אָט־די מעשיות. עס איז קלאָר, אַז ווײַנרײַך וויל, מע זאָל באַנעמען עטינגערן ווי אַן עלטער־זיידן ניט בלויז פון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר פונעם גאַנצן באַלעבעסלדיק־יידישיסטן נוסח אין לעבן און אינעם טראַכטן.

„אין דער טאָלעראַנטער שטוב פונעם פאָטער האָט דער יונגער שלמה געזען, אַז תורה און חכמה זיינען ניט דווקא קעמפנדיקע עלעמענטן (!), און דאָ איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר זיין שפּעטערדיקן גאַנג: אַז מע קאָן זיין אַ געבילדעטער, אַן אויפגעקלערטער מענטש און פונדעסטוועגן ניט אָפּרייסן זיך פון דעם טראַדיציאָנעלן יידישן שטייגער־לעבן." ווי ווייט דאָס איז געווען דער „גרונטשטיין" פון עטינגערס „שפּעטערדיקן גאַנג", איז דורכאויס ניט באַוויזן, — העכסטנס בלויז, אַז דאָס איז דער „וויסנשאַפטלעכער" גרונטשטיין פון ווײַנרײַכס „פאָרשונג".

* * *

מ. ווײַנרײַך גיט אַ באַשטימטן פאַקטן־מאַטעריאַל, אָבער וואו דער מאַטעריאַל קאָן אויסגענוצט ווערן פאַר זיין פיליסטעריש־יידישלעכער קאָנצעפּציע, ווערט ווײַנרײַך זיסלעך און סענטימענטאַל, פאַנטאַזירט אין וואָלוולפעליטאַניסטישן נוסח גאַנצע מעשיות, נייגט אַפילו ערטערווייז אָפּ פונעם קוואַלן־מאַטעריאַל, גלייך ער וואָלט אַליין ביי די געשעענישן געשטאַנען.** דאָס דאַרף כלומרשט „לעבעדיקער" מאַכן די טעמע; אין אמתן אָבער ווערט זי, דורך דער וואָלוועלער ראָמאַנהאַפטיקייט אַ־לאַ שמ"ר, דערפירט צו באַנאַליטעט.

„דער יונגער בחור (עטינגער אין זיין יוגנט), וואָס איז נאָך דערצו (?) געווען אַ וואויל־לערנער מיט אַ פלינק קעפּל, האָט זייער אויסגענומען ביי די שדכנים (!). אָבער ר' מענדל (זיין פאָטער) האָט ניט געוואָלט אַוועקגעבן דעם

* די באַמערקונגען אין די קלאַמערן שטאַמען אומעטום פון מיר—מ. וו.

** זע, למשל, די וואָלוועלע אומוויסנשאַפטלעכע „ראָמאַנהאַפטיקייט" לויט פאַרשיידענע צווייפלהאַפטיקע קוואַלן אין „שטורעמווינט, בילדער פון דער יידישער געשיכטע אין 17טן יאָרהונדערט", ווילנע, 1927, ז"ז 8—11, 82—85, 97—102, 111—116 א. אַז. וו., א. אַז. וו.

ברודערן־זון פאַר אַבי־וועמען, ער האָט זיך געמעגט פאַרגינען צו זיין אַן איבער־
קלייבער, ביז וואַנען עס האָט אים ענדלעך אָפּגעגאָלטן צו געפינען אַ פּאַסיקן
זיווג (!): ער האָט „געטאָן“ מיט דעם זאַמאָשטשער גביר יהודה־לייב וואָלף
(„וואָלף“ — אַפּנים אַ דרוקפעלער; ס׳דאַרף הייסן „גאָלד“), וועלכער האָט
געוואָלט האָבן דעם מושלם פאַר זיין ייִנגסטער טאָכטער גאָלדען. שלמה האָט
צו מזל חתונה געהאַט (!)... יעדער איינער האָט אים מקנא געווען אויף דעם
גליק, וואָס האָט אים געטראָפן“... א. אַז. וו. (ב. 1, ז. XIV). אין אַזאַ
כלומרשט „פאָלקסטימלעכן“ שמשטע־סטיל פאַלט וויינרייך אומעטום אַריין,
וואו ער וויל איבערגעבן יידישלעכן אָדער באַלעבאַטישן שטייגער.

זייער „דראַמאַטיש“ און אויספירלעך „מאָלט“ וויינרייך דעם באַשלוס פון
עטינגערס פריינט אין אָדעס אים צו שיקן קיין לעמבערג צו שטודירן מעדיצין,
און די אינעווייניקסטע קאַמפן, וואָס עטינגער האָט כלומרשט מיט זיך אַליין
געדאַרפט פירן ביים פאַרבייטן שטריימל און קאַפּטן אויף הוט און ראָק
(באַנד 1, ז. XVIII—XX). דאָס פּאַסט גראָד צום בילד, וואָס וויינרייך וויל
געבן וועגן עטינגערן. דאָס גאַנצע אָרט איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר וויינ־
רייכס „שיינשרייבערישן“ שטייגער, אַז מיר מוזן אים, ווי ווייניק אינטערעסאַנט
ער זאָל ניט זיין, גענויער באַהאַנדלען. די „קוואַלן“ צו דעם אָרט זיינען די
בריוו נומ. 1—2 (באַנד 2, ז״ז 559—567). אין זיי ווערט די סיטואַציע צוויי
מאָל באריכות און אין אַ מליצהדיק־פלוידערדיקן סטיל (אגב, אין אַ זייער
גרייזיק דייטשמעריש) פון עטינגערן דערציילט. אינעם ערשטן, אויספירלעכן,
מער ערנסטן בריוו צו א. צעדערבוים איז דער געוויסנס־קאַמף וועגן
„שטריימל“ בכלל ניט דערמאָנט. עטינגער דערציילט דאָ בלויז וועגן זיינע
דאגות, פון וואָס ווייב און קינדער וועלן אין דער לאַנגער צייט פון זיין שטודיום
לעבן,* און ווי זיין אויפגעבראַכט ווייב וועט אויפנעמען זיין באַשלוס צו

* וויינרייך חזרט איבער עטינגערס מליצהדיקע גוזמא („איידער צוזען, ווי
די פאַמיליע גייט אוים פון נויט“); כאָטש אין אמתן איז עטינגערס פאַמיליע
ווייט געווען פון נויט, און זיין ווייב מיט די קינדער האָבן זיך מפרנס געווען
אַ סך יאָרן אָן אים. ס׳איז בכלל פּראָבלעמאַטיש, צי איז עטינגער טאַקע צוליב
פרנסה געפאָרן שטודירן. זיין ווייב האָט געהאַט אַ קראָם, צו וועלכער עטינגער
האָט, אַפּנים, נישט געוואָלט האָבן קיין שייכות, און בכלל איז זי אויך שפּעטער
געווען פאַרמעגלעך. די הויפּט-הכנסה האָט זייער אָפּט נישט עטינגער, נישט זיין
דאָקטעריי אַריינגעבראַכט אין שטוב. מיר ווייסן, אַז זיינע חברים, די זאַמאָשטשער
משכילים האָב אים שוין אַ סך פריער געעצהט פאָרן שטודירן; דאָס איז דאָך
געווען דער טיפּישער אידעאַל פון אַ יונגן משכיל. יעדנפאַלס איז „פאַרדעכטיק“,
וואָס עטינגער האַלט פאַר נייטיק זיך צוויי מאָל צו פאַרטיידיקן און אונטערצושטרייכן
(אין בריוו 1 און 2) „דאס נאָטה די אורזאַכע וואַהר, אום דערענטוויללען איך
מיך נאך אָדעס בעגאַב“.

פאַרן קיין לעמבערג און דאָרט צו שטודירן מעדיצין, אַ שטודיום, וואָס מע וועט אפשר האַלטן פאַר „ניכט אַנשטענדיק גענוג". דער צוויטער, ווייניק ערנסטער בריוו, וואָס איז, לויט ווײַנרײַכן, געשריבן אַ האַלב יאָר שפּעטער צו זיין געשוועסטערקינד חנה־רויזע, איז אינגאַנצן אויסגערעכנט ניט אַזוי פאַרן אַדרעסאַט, ווי פאַרן אייגענעם ווייב, וואָס האָט אים אויסגעוואָרפן זיין „דייטשע טראַכט" (קליידונג), ווייל זי האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט צו איר (און איר משפחה אין זאַמאָשטש, פון וועלכער זי איז מאַטעריעל אָפּהענגיק געווען) צוליב דעם פאַרפרעמדט ווערן. דער גרויסער, באַרעדעוודיקער בריוו דאַרף, אייגנטלעך, „דינען" — „צור פאַרטהיידיגונג מיינער יעצטיגען טראַכט" (ד. ה. דייטשע קליידונג) (באַנד 2, ז"ז 564—566). און דאָ ערשט, אַ האַלב יאָר שפּעטער, באַקומען מיר צום ערשטן מאָל צו הערן וועגן די שטריימלשע געוויסנס־קאַמפן! די זאַכלעך־אויסגעקליבענע פאַקטן פון ביידע בריוו * קאָנען צונויפגעשטעלט ווערן אין טרוקענע 6—10 שורות. טויג אָבער גראָד דער ענין (אַ משפּחה־באַשלוס אין אַ באַלעבאַטישער סביבה, געוויסנס־קאַמף פונעם נישט־צוימערברעכער צוליב דעם שטריימל) פאַר ווײַנרײַכס קאָנצעפּציע, פאַר זיין ראָמאַנהאַפטיקער באַשרייבערײַ, — און עס ווערט דערפון אַ ברייטלעך־אויסגעמאָלטע „דראַמאַטישע סיטואַציע".

אויב ווײַנרײַך באַשרייבט אַזוי אויספירלעך אַזעלכע אין תוך ווייניק־וויכטיקע סיטואַציעס, פרעגט זיך, פאַרוואָס מערקט ער ניט אָן, זאָל זיין כאָטש אין אַלגעמיינע שטריכן, פון וואָסערע גוזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען שטאַמט עטינגערס שאַפן, צו וועמען, צו וועלכע קרייזן און שיכטן האָט ער זיך געווענדט מיט זיינע ווערק; וואָס איז דער געזעלשאַפטלעכער און היס־טאָרישער באַדייט פון עטינגערס שרייבן אין דער יידישער שפּראַך? ס'איז דאָך אפשר דאָס ערשטע מאָל, אַז אַ יידישער שרייבער (אין רוסלאַנד־פּוילן) שטעלט זיך אויך ריין־קינסטלערישע צילן און נעמט זיך באַוואוסטזיניק פיר צוצוגרייטן און פאַסיק צו מאַכן די שפּראַך פאַר אַ קומענדיקער ליטעראַטור. אָט־דער גאַנצער פּראָבלעם־קאָמפּלעקס ווערט אין ווײַנרײַכס אַריינפיר מיט קיין איין וואָרט נישט באַרירט, כאָטש ער האַלט פאַר נייטיק אויספירלעך צו דער־ציילן וועגן דער „שטאַטס" (געמיינט איז דאָך יענער טייל פון שטאַט, וואָס האָט געהאַט גאָר אַ קנאַפּן שייכות צו עטינגערס שאַפן!) מיינונג וועגן עטינ־גערן און אַנדערע לחלוטין ניט־וויכטיקע דעטאַלן. מיט דער „שטאַטס" מיינונג און מיט דער דערציילונג וועגן עטינגערס פילאַנטראָפּישער טעטיקייט ווערט

---

* פאַרשטייט זיך: די בריוו גופא זיינען דווקא יאָ אינטערעסאַנט, און קאָנען פון אַ ביאָגראַף אויף פאַרשיידענע אופנים אויסגענוצט ווערן, נאָר ניט אויף דעם אופן, ווי ווײַנרײַך טוט עס.

אויסגעשעפּט אינעם אַריינפיר דער געזעלשאַפטלעכער באַדייט פון דעם שרייבער.

ווי דער פריער־אַנגעוויזענער בוימלדיק־פרומלעכער נוסח, איז אויך דאָס גוזמאדיקע צעשמירן ניט־וויכטיקע דעטאַלן פּאַרוואָרצלט אין ווייניקס יידישיסטיש־פּיליסטערישער קאָנצעפּציע, לויט וועלכער עס קלעקט טאַקע אָפּ־צואווייזן אויף דער באַציאונג פון „שטאָט" און בית־דין צו זיין לוויה אָדער אויף עפּעס אַ באַזוך פון רבנים און פונעם גובערנאַטאָר, כדי אויסצושעפּן דעם געזעלשאַפטלעכן באַדייט פון אַזאַ שרייבער ווי עטינגער.

2. די קוואַלן פאַר דער יידישיסטישער כאַראַקטעריסטיק פון עטינגערן

די קוואַלן פאַר אַזאַ זיסלעכער כאַראַקטעריזירונג פון עטינגערן ווערן ניט געבראַכט און ניט (איבערצייגנדיק) אָנגעוויזן ניט פון ווײַנרײַכן און ניט פון די, נאָך וועמען ווײַנרײַך שרייבט זיי איבער. עס איז אינטערעסאַנט נאָכ־צושפּירן, פונוואַנען די דאָזיקע „ליטעראַטור־היסטאָרישע טראַדיציע" שטאַמט, פעסטצושטעלן, ווי ווייט זי שטימט מיט דעם, וואָס מיר קאָנען אַרויס־לייענען פון עטינגערס ווערק, און אַזוי־אַרום קלאָר צו מאַכן, וואָס פאַר אַ ווערט אַזעלכע „טראַדיציעס" קאָנען האָבן, אַזוי לאַנג מיר זעען ניט געדרוקט די ווירקלעכע דאָקומענטן, אויף וועלכע זיי בויען זיך. נישט ווייל עס לוינט זיך ערנסט צו נעמען די מיינונגען פון די שרייבער, וועלכע מיר וועלן אַרומ־רעדן, נאָר ווייל גראָד די דאָזיקע מיינונגען, וואָס זיינען דערווייל אָן ערך אַליך, וואָס מיר פאַרמאָגן „אָריגינעלס" וועגן עטינגערן, האָבן געשאַפן אַזאַ פעסטע טראַדיציע, ריכטיקער, אַזאַ פּאַראורטייל, אַז דאָס ווירקט, באַוואוסט־זיניק צי ניט, אויף אַלע, וואָס רירן זיך צו צו דער טעמע עטינגער. עס וועט אונדז אַזוי־אַרום אויך קלאָר ווערן, ווי ווייניק מע קאָן זיך פאַרלאָזן אויף די „וויסנשאַפטלעכע" ליטעראַטור־היסטאָרישע פּאַראַרבעטן, וואָס שטאַמען פונעם מוסנעם יידישיסטישן קוואַל, און ווי ערנסט עס שטייט די אויפגאַבע פאַר דער ליטעראַטור־פאָרשונג קודם־כל אָפּצוראַמען די פוילע קלעטער־געשטעלן, וואָס די יידישיסטן האָבן אָנגעוואָלגערט פאַרן געביי פון אַ צוקונפטיקער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע.

אין ב. גאָרינס געשיכטע פון יידישן טעאַטער, ב. 1, ז. 115, געפינען מיר אַזאַ מין פעסטשטעלונג: „גאָטלאָבער איז געווען דער היפּוך פון עטינגער און אַקסענפעלד. די לעצטע צווי האָבן ניט געהאַט צו שאַרפן קיין מעסערס קעגן וועלכער עס איז פּאַרטיע און האָבן געלעבט בשלום מיט פרומע און מיט געבילדעטע. זיי האָבן זיך געחברט מיט אַלעמען און זיינען געווען אויס־

געמישט מיט אַלעמען. זיי האָבן ניט געהאַט מיט קיינעם קיין חשבונות און ניט געהאַט קיין שום פאַרביטערטקייט קעגן קיינעם. און אויב זיי האָבן פאַר־שפרייט אַרום זיך השכלה, איז דאָס געטאָן געוואָרן אויף אַ רואיקן אופן.״ מילא, ווי קאָמיש און לעכערלעך די דאָזיקע פעסטשטעלונג איז בנוגע אַקסענ־פעלדן, איז קלאָר יעדערן, וואָס האָט כאָטש איין מאָל בלויז געכאַפּט אַ קוק אין אַקסענפעלדס ווערק, למשל אין „שטערנטיכל״ אָדער אין „געגנאַרטע וועלט״. דערצו איז ניט נייטיק זיך צו פאַררופן אויף אַקסענפעלדס אייגענעם עדות־זאָגן וועגן דעם, אַז קאַמף קעגן חסידות און אַבערגלויבן איז די הויפּט־טענדענץ פון זיין ליטעראַרישן שאַפן. דערצו איז אויך ניט ערשט נייטיק אָנצואווייזן, אַז גראָד דער דאָזיקער קאַמף אַקסענפעלדס איז געווען די סיבה, פאַרוואָס ער האָט זיינע ווערק ניט געקאָנט דרוקן. אָבער אויך בנוגע עטינגערן איז די דאָזיקע זיסלעכע כאַראַקטעריזירונג פאַלש.

דער „אורקוואַל״ פון דער דאָזיקער קאָנצעפּציע וועגן עטינגערן, ווי וועגן אַ שרייבער, וואָס איז געווען „אויסגעמישט מיט אַלעמען״ און וואָס האָט „ניט געהאַט קיין שום פאַרביטערטקייט״ קעגן „וועלכער עס איז פּאַרטיע״, איז דער אַרטיקל א. קאַפּעלס אין ווילנער „פנקס״ (תרע״ב). דאָס דאָזיקע אַרטיקל דערקלערט ווײַנרייך פאַר אַן „ערשטע גרונטיקע (פון מיר אונטערגעשטראָכן —מ. וו.) אַרבעט וועגן עטינגערן״, און אין אים געפינט ז. רייזען אַ „גרינטלעכן אַנאַליז״ פון „סערקעלע״. דאָס איז דער הויפּט־קוואַל, פון וועלכן עס שעפּן סיי גאָרין און ז. רייזען, סיי ווײַנרייך. דעריבער איז נייטיק זיך אויף דעם אַרטיקל אַ ביסל אָפּצושטעלן, כאָטש טאַקע ניט גענוג אויספירלעך, אויף צו באַווייזן אַלע אַבסורדן, וואָס געפינען זיך דאָרט.

א. קאַפּעל דערציילט: „עטינגער איז געווען אפשר דער איינציקער משכיל אין זיין צייט, וואָס האָט ניט געשלעפּט דעם פראַק אויף די אַלטע פּלייצעס פון זיין שטעטל (אַ דעפיניציע וועגן די אויפגאַבעס פון דער השכלה!). ער איז געווען דער איינציקער משכיל, וואָס האָט געפילט די אמתע ריינע ליבע צו די אַלטע פאָרמעס פונעם יידישן לעבן (באַווייזן ווערן אפילו אין דעם „אורקוואַל״ ניט געבראַכט!—מ. וו.). ער האָט קיינעם ניט געמוסרט (?), ניט אויסגעלאַכט (?) און האָט זיך קיינמאָל ניט געוואָלט אַרויסשטעלן פאַר אַ לערער און פריידיקער...״ „דאָס יידישע לעבן אין דער אַלטער פאָרם איז אים געווען ליב און טייער. ער האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַר אייגעם פון די אַלטע...״ ער האָט „געלעבט און געאָטעמט מיט דער לופט פון דער אַלטער יידישקייט...״ „קיין קאָנפליקטן מיט די פרומע יידן פון זאַמאָשטש״ האָט עטינגער „ניט גע־האַט״, און אַזוי ווייטער אין דעם ערך און אין דעם טאָן.

צי איז דאָס טאַקע ריכטיק און צי איז אַזאַ פאָרמולירונג אמת? וואָס

באַטייטן אָבער די שאַרפע עפּיגראַמעס עטינגערס קעגן פאַרשיידענע אָנפירנ־דיקע פאַרשוינען פונעם קהל אין זיין שטאָט?

פאַרוואָס האָט א. צעדערבוים, וועלכער האָט עטינגערן און זיין שאַפן פאָרט בעסער באַנומען און געקענט, איידער קאַפּעל, געהאַלטן פאַר נייטיק צו רעקאָמענדירן, אַז פון דער אויסגאַבע, וואָס ער לייגט פאָר עטינגערס יורשים, זאָלן ניט געדרוקט ווערן אַ טייל לידער און עפּיגראַמעס: „די ניט פּאַססענדע, וואָס ער האָט ביי מאַנכע געלעגנהייטן געשריבן צום שפּאַס"* („קול מבשר", 1869, נומ. 23)? מיר ווייסן, אַז דער דאָזיקער אָנזאָג צעדער־בוימס האָט נאָך געווירקט אַפילו אין וויינרייכס אויסגאַבע (זע ווייטער), כאָטש מיר ווייסן ניט גענוי, אין וואָסער מאָס; אַזוי־אַרום איז שוין פון אָנהייב אָן געווען די טענדענץ צו פאַרשמירן דעם כאַראַקטער פון עטינגערס שאַפן. אָבער אויך אין די ווערק, וואָס זיינען יאָ געדרוקט געוואָרן, האָבן מיר גענוג ביי־שפּילן פון שאַרפע אַרויסטרעטונגען קעגן חסידות, קעגן קלעריקאַליזם און לפּחות קעגן באַשטימטע קהלשע אָנפירער, — גענוג ביישפּילן כדי צו דער־ווייזן, אַז ער האָט יאָ „געשאַרפט מעסערס" קעגן אַ באַשטימטער „פּאַרטיע" און אַז ער האָט ניט געלעבט אין אַזאַ אידילישן שלום מיט קהל, חסידים און דעם קלעריקאַליזם.**

---

* די דערקלערונג, וואָס צעדערבוים גיט, אַז די דאָזיקע עפּיגראַמעס זיינען גע־שריבן, בלויז כדי „צו צייגן, אַז מען קען אַלעס אַרויסברענגען אים יודישן מיט געשמאַק", קאָן ניט, פאַרשטייט זיך, ערנסט גענומען ווערן.

** פאַרשטייט זיך: דאָס באַטייט נאָך ווייט ניט, אַז עטינגער איז אין זיין פּריוואַטן לעבן געווען אויך פּ ר אַ ק ט י ש אַנטי-רעליגיעז. אַפילו אין דער אייראָפּייאישער אויפקלערונג אין איר קלאַסישער צייט איז נאָר אַ טייל פון די ראַדיקאַלסטע בעסטע פאַרשטייער אירע געווען אין דעם פּרט אויסגעהאַלטן. אַ סך אָפּטער אָבער האָט זיך די בורזשואַזע אויפקלערונג געווענדט נאָר קעגן באַשטימטע סאָציאַל-פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּרעטענזיעס פון קירכע און קלערוס; זעלטענער — קעגן דעם תוך פון דער רעליגיע גופא. די מערהייט יידישע משכילים — אַ חוץ אויסנאַמען ווי י. מיזעס, שאָר, אברהם קראָכמאַל, גייגער, קאָוונער א. אַ. — געהערן צו יענעם טייל אויפקלערער, וואָס זיינען אין דעם פּרט געווען וויניק קאָנסעקווענט. קריטיקירן קלערוס און רעליגיע און אַליין זי אָפּהיטן איז „זייט מענדעלסאָן ביז מענדעלען" געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג.

עטינגער איז אין פּ ר אַ ק ט י ש ן לעבן, נאָך אַלעם, וואָס מיר ווייסן וועגן אים, בלי-ספק ניט געווען מער רעליגיעז, איידער, למשל, מענדעלסאָן, לעווינזאָן און אַפילו גאָטלאָבער אָדער מענדעלע. עס איז אַ סברה, אַז דער שטאַרק-וועלטלעכער לעבנס-פרוילעכער „לוסטיגע זאַלאָמאָ", ווי מע האָט אים אַ צייט לאַנג גערופן, איז אין דעם פּרט געווען אַפילו אַ „קל", פרייער, איידער די דערמאָנטע משכילים, באַזונדערס אין זיין יוגנט-צייט. דעריבער איז עס אַן אַבסורד, ווען די יידישיסטישע ביאָגראַפן ווילן דווקא פון אים מאַכן אַ מין פרומאַק.

עטלעכע מוסטערן:

. . . וואָס, מיינט איר דען, זוכן דאָרט
יענע שטאָט-גבאים?
איך ווייס דאָך שוין איטלעכעס וואָרט,
זיי זוכן נאָך חטאים.
איך וועל מיך אָבער מיט זיי וועטן:
די חטאים זיינען אין זייערע אייגענע [בעטן]
אַסוסע!

וואָס פייניקט זיך דאָרטן דער ייד
גאָר גאַנצע טעג און נעכט?
ער פאַסט און פאַסט, ווערט ניט מיד,
איז ער דען אַזוי שלעכט?
ניין, ער איז אָסור גאָר קיין חוטא,
נאָר ער איז נעבעך אַ גרויסער [שוטה]
אַסוסע!

ווער איז דער אין טלית און תפילין
מיט דער גרויסער בריל?
פאַר אים ליגט אָפן די גמרא חולין,
און ער לערנט שטיל.
דאָס איז דאָך, דאַכט מיר, ר' נחום,
וואָס רייסט ביי די אָרעמע אַ סך [רווחים] *
אַסוסע!

. . . אַ גרויסן פדיון גיבן מענטשן
דעם רבין פאַר אַ ברכה,
ער זאָל זיי אַ גאַנץ סך בענטשן,
זיי זאָלן האָבן הצלחה.
איך האַלט עס אַפילו פאַר אַ גרויסן יושר;
דער רבי באַדאַרפט דאָך צו ווערן [אַן עושר]
אַסוסע! **

דאָס מעשהלע עטינגערס, אויף וועלכן קאַפּעל און גאָרין בויען אפשר זייער כאַראַקטעריסטיק: „דער הולך רכיל" (ב. 1, ז"ז 246—251), איז גראָד פול

* ר ו ו ח י ם — פּראָצענטן.

** פונעם ליד „אַסוסע", ז"ז 269—274. זע אויך די סאַרקאַסטישע אַנטי-צדיקישע עפּיגראַמע, וואָס מיר ציטירן ווייטער (ז. 235) און וואָס ווינערייך האָט זיך געשעמט אַריינגעמען אין זיין אויסגאַבע. ס'איז אַ סברה, אַז די דאָזיקע עפּי-גראַמע איז אַ לעצט רעשטל, וואָס איז געבליבן פון דעם מין. אויב „וויסנשאַפטלעכע" עדיטאָרן באַציִען זיך אַזוי צו דעם בלעטל פון עטינגערס שאַפן, איז דאָך שוין קלאָר, ווי אַנדערע אַפּהיטערס פון זיין ירושה האָבן זיך געדאַרפט באַציִען צו אַלע מאָמענטן פון זיין שאַפן, וואָס האָבן געקאָנט „וואַרפן אַ שאָטן" אויף דער באַשטימטער קאָנ-צעפּציע וועגן עטינגערס פערזענלעכקייט.

מיט ביטול, שפּאָט און סאַרקאַסטישע שטעכווערטער בנוגע דעם צדיקיזם. פונעם צדיק ווערט אין דער מעשה סיי־ווי־סיי שאַרף אָפּגעלאַכט. כאָטש עטינ־גער איז ניט מסכים צו באַשטימטע שטיפעריייען פון די שטעטלדיקע משכילים בנוגע די רביים. די פיגור פון רבין ווערט דאָך אויסגעמאָלט ווי אַ נעבעכדיקע און באַטריגערישע.

עטלעכע מוסטערן פון זיינע שטעכיקע עפּיגראַמעס קעגן קהלס־לייט האָבן זיך דווקא יאָ אָפּגעהיט:

רבי שמערל לימענטאַל
איז געווען אַ ראש-הקהל
אין זיין שטאָט, מער ווי צוואַנציק יאָר,
האָט געהאַט צו טאָן מיט די האָר
פון אָרעמע אלמנות צו רייסן.
איז ער נישט געווען קיין כעסן,
עשירים פלעגט ער צו פאַרשוינען;
זיי פלעגן אים דערפאַר באַלוינען.
ער פלעגט נישט צו נעמען מתנות
פון אָרעמעלייט און אלמנות;
האָבן זיי נאָר זיין ווייב באַלוינט,
האָט ער זיי טאָקע פאַרשוינט.
ער איז געווען קהלס-מאַן אַ יאָר זיבן
און איז פאָרט אַן עושר געבליבן.*

די דאָזיקע עפּיגראַמעס זיינען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט און זיינען געווען אַ „שאַרף מעסער" קעגן קהל. אין איינעם אַ סאַטירישן ליד שפּיגלען זיך אָפּ באַשטימטע פאַקטישע מאָמענטן פון זיין קאַמף קעגן קהלס־לייט:

נו? בין איך מיר אויך אַמאָל
אַ מאַשטשישקער** ראש-הקהל.
איך גיב מיר מיט דעם... אַ דריי
און דעם גאַנץ גרויסן געשריי;
איך לאָז קיינעם קיין רו;
צו איטלעכן זאָג איך דו...
דעם—אין דער קאָנסקריפּציע (רעקרוטן—מ. ו.) אריינשרייבן,
דעם הייס איך אויס דער שטאָט אַרויסטרייבן,
דעם הייס איך אַרויסטרייבן אויס דער דירה,
אויף דעם זאָג איך מיר אַ שטיקל מסירה,
דעם אַ סך נתינה שטעלן;
נו, זאָל איך ניט קווען?... אַ. אַז. וו.***

* ז. 544.
** אַ פּנים, זאַמאָשטשער.
*** „דער ראש-הקהל", ב. 2, ז"ז 541—558.

מע דאַרף האַלטן, אַז די אַנצוהערעניש וועגן „אַ שטיקל מסירה“ האָט אַ שייכות צו עטינגערס ביאָגראַפֿיע. דער דאָזיקער ראַש־הקהל מאַקע האָט דאָס אפשר עטינגערן געמסרט, אַז ער פּראַקטיקירט אַלס דאָקטאָר אָן אַ געהעריקן דיפּלאָם. קאַפּעל וויל אָבער דווקא, אַז דאָס זאָל ניט באַטראַכט ווערן, ווי עס זאָגט די ריכטיקע טראַדיציע, אַלס אַ נקמה־אַקט פֿון די אַנטי־משכּילישע אָבסקוראַנטן („מורדי־אור“), און ער קאָרעגירט די דאָזיקע ידיעה, אַז „געמסרט האָבן אים ניט, ווי מע מיינט, די „מורדי־אור“, נאָר אַ באַלעבאָס, וואָס האָט געהאַט אַ האַרץ אויף אים איבער אַן עליה“. פֿונוואַנען קאַפּעל ווייסט דאָס, זאָגט ער אונדז ניט אויס. אפשר דורכן רוח־הקודש. מעגלעך, אַז ער טייטשט אויס אַן אומוויכטיקן עפּיזאָד אינעם ליד ווי אַ הויפּט־מאָטיוו, כאָטש דאָס גאַנצע ליד זאָגט, פּונקט קאַפּויר, עדות קעגן קאַפּעלס באַהויפּטונג.

נאָכאַמאָל: עטינגערס קעגנערישע באַציאונג צו קהל, צום קלעריקאַליזם א. אַז. וו. איז ניט געווען אַזוי שטאַרק דורכגעדרונגען מיט סאָציאַלן אינהאַלט, ווי למשל, לעווינזאָנס אַרויסטרעטונגען. אָבער אָפּלייקענען זי בכלל הייסט: שטעלן זיך אין אַ סתירה צו די פֿאַקטישע ידיעות און ווערק, וואָס מיר האָבן פֿון עטינגערן ביז איצט, הייסט: פֿעלשן זיין ליטעראַריש־געזעלשאַפֿטלעכן כאַראַקטער. קודם־כּל דאַרף אָט־די פֿוילע טראַדיציע אָפּגעשאַפֿט ווערן, כּדי די פֿאָרשונג זאָל קאָנען אויפֿשטעלן אַן אָביעקטיוו בילד פֿון עטינגערן. אַזעלכע סאַטירישע ווערק ווי „די פֿרומע בערן“ און „וויטעלע“,* וואָס זיינען געווענדט קעגן קלעריקאַליזם און צבֿועקישקייט, אַזעלכע סקעפּטישע לידער ווי „באמנה־וידוי“, „דאָס שטערנטיכל“ און די „מורא“; די ספֿקות אין די עיקרים פֿון דער רעליגיע, וואָס קומען אין זיי צום אויסדרוק, האָבן אַוודאי ניט געקאָנט האָבן די כּוונה און די ווירקונג „צו פֿאַרפֿעסטיקן די אַלטע פֿאָרמעס פֿונעם יידישן לעבן“. די בוילעטע „אַנטי־צבֿועקישע“ טענדענצן פֿון „סערקעלע“ און פֿון אַ סך לידער און עפּיגראַמעס עטינגערס דערלויבט בשום־אופֿן ניט אָנצונעמען די באַהויפּטונג, אַז ער „האָט קיינעם ניט געמוסרט, ניט אויסגעלאַכט און האָט זיך קיינמאָל ניט געוואָלט אַרויסשטעלן פֿאַר אַ לערער און פּריידיקער“. כּדי דאָס צו באַשטעטיקן, רעווידירט קאַפּעל די ריכטיקע מיינונג, אַז „סערקעלע“ איז געבויט אויפֿן טאַרטיף־מאָטיוו. פֿאַר קאַפּעלן טויג דאָס ניט. ער האַלט, אַז עטינגער איז אין דעם ווערק אויסן געווען גאָר עפּעס אַנדערש. דהיינו, וואָס? צו באַקעמפֿן „דאָס ניט־נאָרמאַלע אין יידישן לעבן פֿון יענער

---

* אין דעם צוזאַמענהאַנג איז ניט וויכטיק, וואָס די ווערק זיינען ניט קיין אָריגינעלע, נאָר נאָכמאַכונגען פֿון אַנדערע שפּראַכן. וועגן „די פֿרומע בערן“ האָט שוין לאַנג אַ קריטיקער געזאָגט, אַז „לשוננו צחה והבקרת עמוקה היא ורחבה“ („די שפּראַך איז לויטער און די ק ר י ט י ק איז טיף און ברייט“) הנץ: בראש הומיות, „הצפירה“, 1888, נומ. 14 (ציטירט נאָך וויינרייכן).

צייט... די דאָ ניט לאַנג פאַרגאַנגענע מאַטריאַרכאַטס־תקופה ביי יידן". און קאַפּעל פאַרזיכערט, אַז „דאָס איז די טענדענץ פון דער גאַנצער קאָמעדיע, און אומזיסט באַמיען זיך אייניקע אויסצוזוכן עכט־משכילישע טענדענצן אין דער קאָמעדיע „סערקעלע". אַ סברה, אַז די דאָזיקע „אייניקע", צו וועלכע עס געהערט אויך א. צעדערבוים* און עטינגער גופא,** זיינען ניט געווען אַזוי גוט באַהאַוונט אין די פּרטים פון דער יידישער מאַטריאַרכאַטס־תקופה", וואָס האָט זיך, אַפּנים, אויף אַזויפיל טויזנטער יאָרן שפּעטער ווי ביי אַנדערע פעלקער פאַרענדיקט ביי יידן ערשט „דאָ ניט לאַנג".

ניט קאַפּעל און ניט די, וואָס שרייבן אים נאָך, זאָגן קלאָר, אויף וואָס זיי באַזירן די כאַראַקטעריסטיק פון עטינגערן. עס זיינען בלויז פאַראַן אָנצו־הערענישן, אַז דרך־כלל האָבן זיי זיך באַנוצט אויך מיט ידיעות פון זיין משפחה. אַז די כאַראַקטעריסטיק פון עטינגערן שטאַמט פון דעם קוואַל, זאָגן זיי ניט. אָבער אַפילו ווען דאָס וואָלט אַזוי געווען, דאַרף מען זיך צו כאַראַק־טעריסטיקעס, וואָס ווערן געגעבן פון אייגענע, און בפרט נאָך אַזויפיל צענדליקער יאָרן, באַציען מיט גרויס פאָרזיכט. זייער אָפט באַקומען מיר אין אַזעלכע פאַלן גיכער די כאַראַקטעריסטיק פון די קרובים גופא. דורך עטינגערס ווערק — און דאָס איז דער עיקר — און דורך די דאָקומענטן, וואָס ווינרייך ברענגט יאָ, ווערט די כאַראַקטעריסטיק ניט באַרעכטיקט. פון עלטערע שרייבער, וואָס האָבן עטינגערן געקענט פערזענלעך און האָבן וועגן אים געשריבן, איז זי ניט גענומען געוואָרן.***

---

* „סערקעלע אשה עלולה לכל תועבה ומסוה הצניעות ויראת שמים על פניה" — סערקעלע איז אַ פרוי, וואָס איז פעיאיק צו טאָן יעדע געמיינהייט און זי טראָגט אַ מאַסקע פון צניעות און גאָטספאָרכטיקייט אויף איר פּנים.

** זע די מאָטאָ, וואָס עטינגער גיט זיין „סערקעלען" פון שעקספּירס „סוחר פון ווענעציע", ב. 2, ז. 289.

*** סיידן עס זאָל מיט גוואַלד און פאַלש אויסגעטייטשט ווערן אַ באַשטימטער אָבזאַץ אין צעדערבוימס אַרטיקל „ד"ר שלמה עטינגער", „המליץ", 1889, נומ. 86, אגב: דאָס אינהאַלטסרייכסטע, וואָס איז ביז איצט (1929) — ווינרייכס אַריינפיר אײנגעשלאָסן — געשריבן געוואָרן וועגן עטינגערן. צעדערבוים שטרייכט אונטער מיט אַ באַזונדערער התפּעלות דעם פאַקט, אַז אַן אַקאַדעמיש־געבילדעטער מענטש ווי עטינגער, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט ניט־יידישע אינטעליגענטן, האָט זיך ניט אָפּגעריסן פון דער יידישער געזעלשאַפט און סביבה, איז געבליבן נאָענט צו איר, האָט אין איר אויפקלעריש געווירקט, געשריבן דווקא אין דער פאָלקסטימ־לעכער „צעקאַליעטשעטער" פאַראַכטעטער יידישער שפּראַך און זיך געמיט זי „צו מאַכן פאַר אַ לייט". צעדערבוים האָט פאַר די אויגן יענע קרייזן פון דער גרויס־בורזשואַזיע אין זיין צייט, וואָס פלעגן זיך אינגאַנצן דערווייטערן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט צוליב באַשטימטע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אינטערעסן און

אין עטינגערס ווערק און פּערזענלעכקייט זיינען בלי־ספק פֿאַראַן געוויסע שטריכן פֿון פּיליסטערישקייט. עס איז אָבער גאָר אַ גרויסער חילוק צווישן דעם מהות פֿון זיין (פֿאָרט אויפֿקלערערישער) פּיליסטערישקייט און דער מאַנירירטער קליינלעכער באַלעבעסלדיקייט פֿון זיינע רעאַקציאָנערע אויספֿאָרשער און ביאָגראַפֿן, אין וועלכער זיי ווילן אויך אים מיט גוואַלד איינהילן. ביי עטינגערן, דעם משכּיל, פֿון אָנהייב ביז מיט 19טן יאָרהונדערט פֿילט זיך אַ הויך פֿון בירגערלעך־אויפֿקלערערישן שטרעבן, וואָס באַמיט זיך צו געפֿינען, אויסצופֿורעמען, צו באַרעכטיקן און צו באַזיניקן אַ נייעם לעבנס־סטיל אַנטקעגן דעם פֿעאָדאַלישן ווילד־אָפּגעשטאַנענעם שטייגער.

די יידישע בורזשואַ זיינען אַ טייל פֿונעם אַלגעמיינעם ניט־יידישן בירגערטום. אינאיינעם מיט זיי באַטאָנען זיי אין דער צייט פֿון זייער אויפֿגאַנג (אין מזרח־אייראָפּע, און בפֿרט אין דער יידישער סביבֿה, שפּעטער ווי אין מערבֿ־אייראָפּע) — קעגן דעם קלאַס, וואָס האָט ביז איצט דער עיקר געהערשט, קעגן דעם אַדל, קעגן דעם פּריץ און אויך קעגן דעם פֿעאָדאַליש־פּאַטריאַרכאַלישן גבֿיר און תּקיף — דעם ווערט און דעם באַדייט פֿון זייער אייגענעם נייעם לעבנס־נוסח. עפּעס פֿון דעם דאָזיקן שטרעבן פֿילט זיך אַפֿילו אין עטינגערס „סטילפֿולער“ באַלעבאַטישקייט און פּיליסטערישקייט.

גאָר אַן אַנדער זאַך איז די קליינלעך־מאַנירירטע געשמאַקלאָזע „יידישיסטישע“ פּיליסטערישקייט פֿון דער הייַנטיקער צייט. דאָס באַלעבעסל, נעבעכדיק און נישטיק ביזן ביין, דראַפּעט זיך אויף גלייכע ווענט, כּדי עקלעקטיש אַרויסצוסטיליזירן עפּעס אַן „אור־אייגענעם נוסח“. כאַפּט מען זיך אָן (מיט אויסגעטראַכט־זיסלעכער ראָמאַנטיק) אָן היסטאָרישע דערמאָנונגען, כּדי זיי איבערצומאַכן לויט דער אייגענער געשטאַלט און זיי צוצופּאַסן פֿאַר די אייגענע באַדערפֿענישן. דאָס איז טאַקע דער אייגנטלעכער באַדייט פֿון דער זיסלעכער איינשטעלונג פֿון דער גאַנצער „יידישיסטישער“ וויסנשאַפֿט.

וואָכ פֿלעגן אונטערשטרייכן דעם אָפּרייס אַפֿילו דורך אַ „רעליגיעזער איבער־רעגיסטרירונג“, אַריבערגייענדיק צו דער קריסטלעכער רעליגיע. דעם דאָזיקן טייל בורזשואַזע אינטעליגענץ האָט ער אינזינען, ווען ער שטעלט אַרויס עטינגערן פֿאַר אַ מוסטער און זאָגט: „...ואם באמת ובתמים יאבו להשאר אמונים לעמם ואמונתם (אומעטום פֿון מיר אונטערגעשטראָכן — מ. וו.) לא יעמדו להם לשטנה לא למודי החול, שהם יעמלו להשתלם בהם, ולא התערבותם עם הבריות בני עמים שונים ואמונות אחרות.“ דאָ האָבן מיר דאָס אָרט, וואו ס׳רעדט זיך וועגן דעם, אַז עטינגער איז געווען „אויסגעמישט מיט מענטשן“, אָבער דווקא — מיט ניט־יידן. דרינגען פֿון דעם זאַץ, אַז ער איז געווען אַ נאָענטער מענטש צו די פּרומאַקעס, אַז ער האָט ניט געהאַט קעגן זיי קיין אויפֿקלערערישע פּאָזיציע, אָדער אַז ער איז גאָר געווען אַליין אַ שטיקל פּרומאַק — איז מער ווי אומגעלומפּערט.

3. באַמערקונגען צו עטינגערס ביאָגראַפיע

און איצט וועלן מיר אַריבערגיין צו דעטאַלן. נאָכגייענדיק נאָכן סדר פון די צוויי בענדער, וועלן מיר זיך צוערשט אָפּאָפּטערן ביאָגראַפישע דאַטעס: וועגן עטינגערס געבורט־יאָר און וועגן דעם יאָר, ווען ער איז געקומען קיין זאַמאָשטש. ניט סתם פון ליבהאָבעריי צו גריבלענישן אין דאַטעס, נאָר כדי אַרויסצובאַקומען, וואו, אין וועלכער געזעלשאַפטלעכער סביבה, אין וועלכן קולטור־קרייז האָט עטינגער באַקומען זיין משכּילישע דער־ציאונג און די באַשטימענדיקע השפעה אויפן גאַנג פון זיין בילדונג. ס'איז אַ חילוק, צי האָט עטינגער, איידער ער איז געפאָרן קיין לעמבערג, געלעבט אין זאַמאָשטש אינעם קרייז פון די דאָרטיקע משכּילים — און דער קרייז איז געווען אַ באַדייטנדיקער — סך־הכל קנאַפּע צוויי יאָר, ווי ס'קומט אויס לויט ווײַנרייכן, אָדער ווי מיר וועלן פעסטשטעלן, ווײַניקסטנס זיבן יאָר. דער זאַמאָשטשער יוגנט־פעריאָד וועט דאָן באַקומען פאַר עטינגערס ביאָגראַפיע, פאַר דער געשיכטע פון זיין בילדונגס־גאַנג און פאַר באַשטימטע שטריכן אין זיין געזעלשאַפטלעכער פיזיאָנאָמיע אַ מער וואָגיקן באַדייט, איידער עס באַקומט זיך פון ווײַנרייכס דאַטעס.

בנוגע עטינגערס געבורט־יאָר גיבן פאַרשיידענע ביאָגראַפן פאַרשיידענע דאַטעס: 1799, 1800, 1801. ווײַנרייך מיינט, אַז וואַרשיינלעך 1803. זיין השערה קאָן אָבער ניט אויסהאַלטן קיין קריטיק. אינעם עקסקורס וועגן דעם פּרט (ב. 2, ז. 585) געפינען מיר נישט קיין אײן ערנסטע באַשטעטיקונג פאַר דער דאָזיקער דאַטע. די באַווייזן זיינען סך־הכל: דער פאַקט, וואָס עטינגערס טאָכטער האָט אויף זיין פּראַגע, ווי אַלט איר פאָטער איז געווען, ווען ער איז געשטאָרבן, צוערשט געזאָגט, אַז 56 יאָר, דערנאָך אָבער האָט זי זיך געכאַפּט און געזאָגט, אַז 53 יאָר; און אַזוי ווי דאָס יאָר פון טויט איז פעסטגעשטעלט 1856, קומט אויס, אַז עטינגער איז געבוירן געוואָרן 1800 אָדער 1803. ווײַנ־רייך האַלט, אַז גיכער פאַר אַלץ 1803. אַ סמך פאַר אָט־דער מיינונג געפינט ווײַנרייך אַ חוץ דער קווענקלעניש פון עטינגערס טאָכטער נאָך אין אַן אַנדערן פאַקט: דאָס איינציקע בילד עטינגערס, געמאָלט 1829, „ווייזט אים אין עלטער פון 25—26 יאָר". אין אמתן איז דאָס זייער אַ סוביעקטיווע מיינונג, אַן אַנדערער קאָן האַלטן, און וועט ניט ווײַניקער גערעכט זיין, אַז דאָס בילד ווייזט אַ מענטשן אין עלטער פון 29—30 יאָר. די קאָמבינאַציע ווײַנרייכס בנוגע דער עפּיגראַמע, וואָס עטינגער האָט, לויט אַ ידיעה פון גאָטלאָבערן, געשריבן אין אָדעס צו זיין אייגענעם פופציקסטן געבורטסטאָג, הענגט אין דער לופט. דאָס איז דאָך ווײַנרייך אַליין מודה. ערשטנס, דאַרף ווײַנרייך צו־ליב דער קאָמבינאַציע קאָרעגירן דעם בפירושן טעקסט „פופציק יאָר" אויף „דריי און פערציק יאָר", כדי עס זאָל זיך צופּאַסן צו עטינגערן אָדעסער נסיעה

פון 1846. צווייטנס, איז פון ערגעץ ניט געדרונגען, אַז מיר ווייסן פון אַלע נסיעות עטינגערס קיין אָדעס. זייער מעגלעך, אַז ער איז פונקט צו פופציק יאָר אויך געווען אין אָדעס און האָט דאָרט איבערגעחזרט אין אַ וואַריאַציע די עפּיגראַמע „ביי מיין געבורטסטאָג" (ב. 1, ז. 277), וואָס איז טאַקע אור־שפּרינגלעך פאַרפאַסט געוואָרן צו זיין 43טן געבורטסטאָג און איז אגב טאָפּלט אַזוי לאַנג און אַנדערש געבויט, ווי די עפּיגראַמע, וועלכע גאָטלאָבער גיט איבער.

עטינגער פלעג מיט אַן אַנצוהערעניש אויף הייגעס אַ ווערטל זאָגן, אַז נאָך היינען איז ער דער ערשטער מענטש פונעם יאָרהונדערט. הייגע האָט מיט זיין ווערטל געוואָלט זאָגן, אַז ער איז געבוירן געוואָרן 1800 אָדער דעם ערשטן טאָג פון 1801. און דאָס אייגענע האָט עטינגער געוואָלט זאָגן מיטן זעלבן ווערטל. ס'איז ניט פאַראַן קיין שום באַזונדערע נייטיקייט צו צווייפלען אין דער גאַנצער דאַטע. סיידן בנוגע דעם טאָג (דער ערשטער טאָג פונעם יאָר). דאָס פּאַסט צו דער ערשטער ווערסיע פון עטינגערס טאָכטער, אַז עטינגער איז געשטאָרבן צו 56 יאָר. ס'איז פּסיכאָלאָגיש ניט וואַרשיינלעך, אַז עטינגער, אויב ער איז געבוירן געוואָרן 1803, האָט זיך געזאָלט צוליב אַ ווערטל עלטער מאַכן אויף דריי יאָר. הייגע, וואָס איז אין אמתן געבוירן געוואָרן 1797, האָט טאַקע צוליב אַ ווערטל, אָבער דער עיקר כדי זיך יינגער צו מאַכן, געזאָגט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין 1800 אָדער אָנהייב 1801— פאַרוואָס זאָלן מיר עטינגערן גופא ווייניקער גלייבן, ווי דעם אומזיכערן קווענקלעניש פון זיין ניט־פּינקטלעך געדענקענדיקער טאָכטער?

דער דאָקומענט פון זאַמאָשטשער דיסטריקט פון יאָר 1835 (ב. 2, ז. 586) באַווייזט גיכער פאַר אַלץ — אויב ער באַווייזט בכלל עפּעס — די ריכטיקייט פון אונדזער דאַטע. דאָרט ווערט געזאָגט וועגן עטינגערן dwadzieścia lat pięć liczący. קלאָר, אַז דאָס איז אַ טעות, אָבער וואָס פאַראַ? פּשוט אַ לאַפּסוס, אַ פּליטת־הקולמס אויף קיילעכיקע צען יאָר. אויפן אָרט פון trzydzieści pięć האָט זיך דער שרייבער, ווי עס טרעפט זיך, טועה געווען, און געשריבן dwadzieścia pięć. יעדער אַנדערער צופעליקער טעות, למשל, ווי ס'קומט אויס לויט ווײַנרייכן, אויף 7 יאָר, לייגט זיך אַ סך ווייניקער אויפן שכל. וואָרים, אויף וויפיל וועגן עטינגערס ווייב ווערט דאָרט געזאָגט, אַז זי איז אַלט trzydzieści trzy lat, ד. ה. אַז זי איז געבוירן געוואָרן 1802, וואָלט זי, לויט ווײַנרייכס השערה, עלטער געווען פון איר מאַן מיט אַ יאָר, אַ זאַך, וואָס איז ניט זייער וואַרשיינלעך, אויב מע נעמט אין אַכט דעם שטייגער פון דער צייט און אַז עטינגער איז געווען פון אַ „יחוסדיקער משפחה און אַ מושלם". אויב אָבער מיר פאַרריכטן dwadzieścia pięć אויף trzydzieścia pięć, באַקומען מיר די געבורט־דאַטע, וואָס עטינגער אַליין

פלעג זיך געבן, אַזוי אַז ער איז עלטער געווען פון זיין ווייב מיט צוויי יאָר: די „נאָרמאַלע" פּראָפּאָרץ אין עלטער פון מאַן און ווייב אין יענע יאָרן און אין אַזעלכע קרייזן.

דעריבער קאָנען מיר אָננעמען, אַז עטינגער איז געבוירן געוואָרן יעדנ־פאַלס ניט שפּעטער ווי אָנהייב 1801 יאָר.

* * *

עס איז ניט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס וויינרייך וויל האָבן, אַז עטינגער האָט חתונה געהאַט און איז אָנגעקומען קיין זאַמאָשטש ערשט בערך 1823, ד. ה. לויט וויינרייכן צו 20 יאָר, און לויט אונדזער חשבון צו 23 יאָר און האָט אַזוי־אַרום, לויט דעם חשבון, אָפּגעלעבט דאָרט בלויז קנאַפּע 2 יאָר. אַזאַ עלטער — זאָל זיין אַפילו פון 20 יאָר — איז פאַר אַ חתן אַ „מושלם" פון אַ „גביריש־למדנישער" פאַרמעגלעכער משפחה אין יענער צייט ניט וואַר־שיינלעך. די העכסטע עלטער פאַר אַ חתן איז געווען 18 יאָר. שפּעטער האָט ער זיך שוין גערעכנט פאַר אַן „אַלטן בחור".* דאָס אייגענע דאַרף מען זאָגן וועגן זיין כלה, וואָס וואָלט אין 1823 אַלט געווען 21 יאָר, אַן אומוואַרשיינלעכע זאַך ביי אַ פאַרמעגלעכער משפחה אין יענער צייט. עטינגער איז, אויב נישט יינגער, בלי־ספק ניט עלטער געווען פון 18 יאָר צו דער חתונה,** דאָס באַטייט, לויט דער געבורט־דאַטע 1800—1801, אַז ער איז געקומען קיין זאַמאָשטש יעדנפאַלס ניט שפּעטער ווי אַן ערך 1818 און האָט דאָרט אָפּגעלעבט אויף קעסט, אין קלויז און אינעם קרייז פון די אָרטיקע משכילים וויניקסטנס זיבן יאָר (אויב ניט מער), איידער ער איז געפאָרן קיין אָדעס זוכן גליקן. עס וואָלטן אויך ניט וואַרשיינלעך געווען פאַר יענער צייט און ביי יענע אומ־שטענדן, אַז אַן איידעם אַן „עילוי, אַ מושלם א. אַ. וו." זאָל נאָך צוויי יאָר קעסט ביי אַ פאַרמעגלעכן שווער מוזן פאָרן „אין דער וועלט אַריין" זוכן גליקן. אגב, האָט אין דער קעסט־צייט עטינגערס ווייב געהאַט אַ קראַם פון גלאַזוואַרג. שוין־זשע האָט דאָס געקאָנט זיין אין די ערשטע צוויי יאָר פון דער קעסט־צייט, און שוין־זשע האָט זיי נאָך די ערשטע צוויי יאָר*** אַזוי די נויט גע־

---

* אַפילו דער אויפגעקלערטער מחבר פון דער אַנאָנימער „די גענאַרטע וועלט", וואָס טרעט אַרויס קעגן די פריאיקע חתונות, האַלט אַז צו 18 יאָר דאַרף אַ מאַנס־פּאַרשוין חתונה האָבן.

** לויט באַשטימטע ידיעות האָט עטינגער חתונה געהאַט צו 15 יאָר (זע ב. 1, ז. XIV), און דאָס איז אַ וואַרשיינלעכע דאַטע.

*** איך ווייס ניט, פונוואַנען וויינרייך נעמט, אַז אַוועקפאָרנדיק פון זאַמאָשטש, האָט עטינגער איבערגעלאָזט זיין פרוי מיט א י י ן קינד. אין בריוו 1, ב. 2, ז״ז 561, 10, און 562, 6—12 רעדט זיך וועגן קינדער אין מערצאָל. אין שורה 13 (562), וואו עטינגער רעדט וועגן דעם „קליינעם שיינעם אומשולדיקן קינד" אין איינצאָל, מיינט ער איינס פון זיינע קינדער, וואָס איז ניט לאַנג געבוירן געוואָרן.

דריקט, אַז ער האָט געמוזט אָװעקפאָרן זוכן פּרנסה ?

און אַזוי דאַרפן מיר באַדײַטנדיק בײַטן די אומשטענדן פון עטינגערס יוגנט־ביאָגראַפּיע. ביסט שפּעטער, ווי 1818 איז עטינגער געקומען קיין זאַ־מאָשטש און האָט דאָרט אין משך פון ווײַניקסטנס 7 יאָר באַקומען זײַן אַנט־שיידנדיקע אַנטוויקלונג אינעם קרײַז פון די זאַמאָשטשער משכּילים.

4. צו עטינגערס משלים

אין די הערות פון מאַקס ווײַנרײַך (באַנד 2, ז״ז 597—601) ווערן פאַר־צײַכנט, לויט עטינגערס אָנמערקונגען — בײַיע משלים, און לויט ווײַנרײַכס אײגענער השערה — נאָך איין משל, סך־הכל צען משלים, ווי „נאָכגעמאַכטע״ אָדער איבערזעצונגען. אין זײַן אָפּהאַנדלונג וועגן עטינגערן („בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע״, ווילנע, 1928) ברענגט ווײַנרײַך ידיעות, לויט אַ געפונענעם צעטל עטינגערס, וועגן דעם מקור פון נאָך אַנדערע עלף משלים, קלײנע מעשהלעך און קאַטאָװעסלעך.

דערצו דאַרף מען אָבער נאָך צוגעבן פאָלגנדיקע משלים, וועגן וועלכע ניט עטינגער און ניט ווײַנרײַך דערמאָנען, אַז זיי זײַנען „נאָכגעמאַכטע״.

1. דער גרויסער שײנער און שאַרף־סאַטירישער משל, ריכטיקער, מעשהלע, „וויטעלע״ (ב. 1, ז״ז 238—246) איז איבערגעזעצט אָדער „נאָכ־געמאַכט״ לויט געלערטס „די בעטשוועסטער״.* פונעם נאָמען בעאַטע אין געלערטס אָריגינאַל האָט עטינגער געמאַכט וויטע—וויטעלע. געלערטס משל הײבט זיך אָן אַזוי :

Die frömmste Frau in unserer Stadt,
In Kleidern fromm und fromm in Mienen,
Die stets den Mund voll Andacht hat,
Wird diese nicht ein Lied verdienen?
Wie lehrreich ist ihr Lebenslauf!
Kaum steht die Fromme von ihrem Lager auf;
Kaum tönt der Klang vom achten Stundenschlage,
So sucht sie das Gebet zu dem vorhandenen Tage.
Und ob sie gleich den Schritt in Sechzig schon getan:
So ruft sie doch den Herren noch um Keuschheit an etc. etc.

* C. F. Gellerts sämtliche Fabeln und Erzählungen ,1795, ז. 21. אין דער דאָזיקער פאַבל, אָדער אין דעם מעשהלע, דערצײלט געלערט אין פּערזיפיצירטער פאָרם דעם אינהאַלט פון זײַן קאָמעדיע, וואָס האָט דעם אײגענעם נאָמען („די בעט־שוועסטער״, 1745). מיר האָבן דאָ, אין דער פאַבל, הייסט עס, אַ סערקעלע־מאָטיוו אין מיניאַטור.

פאַרגלייכן מיר דאָס מיטן אָנהייב פון וויטעלע:

וױ אַזױ קאָן איך הײסן דער גוטער שרײבער,
אַז איך װעל די פּרומסטע פֿון די װײבער,
װיטעלען די צנועה, נישט באַזינגען?...
. . . אינדערפרי איז װיטעלע אויפגעשטאַנען,
זי האָט זיך פון שלאָף נאָך ניט רעכט דערמאַנט,
גיסט זי זיך שוין אָפּ דריי מאָל איטלעכע האַנט,
און תיכף איז איר ערשטע מלאכה,
זי זאָגט זיך די גרויסע ברכה,
און כאָטש זי איז שוין אַלט זעכציק יאָר
און האָט אויף איין אויג די שטאָר,
האָט זי זיך פאָרט פיינט צו סטראָיען,
כדי זי זאָל, חלילה, נישט קומען לידי נסיון א. אַז. וו.

2. אין די הוספות געפינען מיר אַ לענגערן פראַגמענט, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „די ערשטע, וואָס האָט אַ שטערנטיכל אויסגעטראַכט״.

דער דאָזיקער פראַגמענט איז נאָכגעמאַכט נאָך געלערטס פאַבל — ריכ־טיקער, פאַראַבאָלישער אַלעגאָריע: „די געשיכטע פאָם הוט.* אין איר ווערט באַהאַנדלט די אויפקלערערישע טאָלעראַנץ־אַלעגאָריע, ווי מיר זעען זי אינעם אַנעקדאָט וועגן די דריי רינגען—דריי רעליגיעס (לעסינג), וואָס שטאַמט פון זייער אַלטע אַראַבישע קוואַלן און איז אין אייראָפּע שוין זייט דעם 10טן יאָרהונדערט באַקאַנט געווען (באַזונדערס אין דער אויפגעקלערטער סביבה פון פרידריך דעם צווייטן), און איז אויך פון באָקאַטשאָ (פונקט ווי פריער אין אַנדערע נאָוועלעס) אין איינער פון זיינע נאָוועלן באַאַרבעט געוואָרן. מיט דער דאָזיקער פאַבל פלעגן אין עלטסטן מיטלאַלטער די שפּאַנישע יידן ווערטל־דיק אָפּענטפערן אויף אומבאַקוועמע רעליגיעזע פראַגעס מצד די קאַטוילישע אָדער אַראַבישע מאַכטהאָבער. פון דעם קוואַל, אַפנים, האָט די פאַבל „אריינ־געוואַנדערט״ אין די „געסטאַ ראָמאַנאָרום״, פון וואַנען באָקאַטשאָ האָט זי איבערגענומען. לעסינג האָט זי גענומען פונעם דעקאַמעראָן. סוויפט האָט די דאָזיקע טעמע אַ ביסל איבערגעאַנדערשט: לויט אַ פאָטערס צוואה מוזן זיינע דריי זין און יורשים טראָגן אַלצאיינע קליידער. אָבער מיט דער צייט בייט זיך צוביסלעך ביי איטלעכן אַלץ מער די פאָרם פון די קליידער, ביז מע קאָן שוין ניט מער דערקענען די אורשפּרינגלעכע פאָרם. נאָך דעם מאָטיוו סוויפטס גייט געלערטס משל אין זיין „געשיכטע פונעם הוט״, וואָס ווערט דאָ ביי עטינגערן איבערגעביטן אויף אַ ווייבערש שטערנטיכל (אַזוי אַרום מאַכט עטינגער אין איינוועגס אויך חוזק פונעם שטערנטיכל, דעם ספּעציפישן טייל

---

* דאָרט, זייט 6.

פונעם יידישלעכן אָנטאָן, פונקט ווי דאָס האָבן געטאָן אַקסענפעלד און אַנדערע משכּילים). ביי געלערטן הייבט זיך די פֿאַבל אָן אַזוי:

Der erste, der mit kluger Hand
Der Männer Schmuck, den Hut, erfand,
Trug seinen Hut unaufgeschlagen:
Die Krempen hingen flach herab:
Und dennoch wusst er ihn zu tragen,
Dass ihm der Hut ein Ansehn gab.
　　Er starb und liess bei seinem Sterben
　　Den runden Hut dem nächsten Erben

Der Erbe weiss den runden Hut
Nicht recht gemächlich anzugreifen;
Er sinnt und wagt es kurz und gut,
Er wagts zwo Krempen aufzusteifen.
Drauf lässt er sich dem Volke sehn;
Das Volk bleibt vor Verwundrung stehn,
Und schreit: Nun lässt der Hut erst schön!
　　Er starb und liess bei seinem Sterben
　　Den aufgesteiften Hut seinen Erben etc.

און אַזוי גייט עס ווייטער: יעדער פון די יורשים בייט אַ ביסל דעם הוט, ביז ער ווערט איינגאַנצן אַן אַנדערער, כאָטש ער בלייבט נאָך אַלץ אַ הוט און כאָטש דער עולם זאָגט יעדעס מאָל, אַז נאָר אַזאַ הוט איז גוט. דער מוסר־השכל איז באַקאַנט. ביי עטינגערן הייבט זיך דער משל אַזוי אָן:

די ערשטע, וואָס האָט אַ שטערנטיכל אויסגעטראַכט
און פאַר שיינע ווייבער אַ שיין צירונג געמאַכט,
וואָס האָט געהאַפטן פּלאַטשיק, לאַנג און ברייט,
דימענטן און פּערל זייער צעשפּרייט,
און איז דערינען אַזוי געגאַנגען,
אויףביידע באַקן אַנגעהאַנגען,
גאַנץ פּאַרצייטיש,
אָבער לייטיש.
　　באַלד נאָך דעם טויט פון דער קלוגער אישה
　　האָט עס די טאָכטער געקריגן בירושה.

די טאָכטער האָט עס מער אַרויפגעצויגן,
עס זאָל נישט ליגן אַזוי אין די אויגן,
און אַנגענייט שטיק און שפּיצן,
עס זאָל מער גלאַנצן און בליצן.

אוי, שרייען די ווייבער, דאָס איז שיין!
קוקט עץ, אַזוי דאַרף מען טאָקע צו גיין.
באַלד נאָך דעם טויט פון דער קלוגער אישה
האָט עס די טאָכטער געקריגן בירושה. א. אַז. וו.

3. „די צוויי הענער" (ב. 1, ז. 231) איז אַ פּאַראַפראַזע פון געלערטס „דיביידען וועכטער",* וואו ס'ווערט דערציילט וועגן די צוויי נאַכט־שומרים, וואָס שלאָגן זיך ביז בלוט מחמת זייערע חילוקי־דעות וועגן דעם נוסח, ווי מע דאַרף אויסרופן:

Verwahrt des Feuer und das Licht

אָדער:

Bewahrt das Feuer und das Licht

די נאַכט־שומרים פאַרוואַנדלט עטינגער יידישלעך (דער האָן ווי אַ נאַכט־וועקער!) אין צוויי הענער, וואָס קעמפן צווישן זיך צוליב דעם נוסח פון קרייען: קיקערעקי אָדער קוקורעקו. דער מוסר־השכל איז ביי געלערטן:

Die Wächter, hör ich viele schrein,
Verfolgten sich um solche Kleinigkeiten?
Das mussten grosse Narren sein...
Wüsst ihr den nichts von so vielen grossen Leuten,
Die in gelehrten Streitigkeiten
Um Silben, die gleich viel bedeuten,
Sich mit der grössten Wut entzweiten?

ביי עטינגערן:

צווישן אונדזערע לומדים, רבנים,
טרעפט מען אַמאָל אויך אַזעלכע נאַראָנים,
וואָס רייסן זיך שיער נישט ביי די האָר,
און קריגן זיך אויך לאַנגע יאָר,
און זידלען זיך אויך לאַנגע צייטן
איבער אַן אות, וואָס קאָן עס באַטייטן...

4. עטינגערס משל „דאָס קאַטשקעלע" (ב. 1, ז. 150) איז אפשר אַ פרייע פּאַראַפראַזע נאָך געלערטס משל: „די יונגע ענטע".**

Die Henne führt der Jungen Schaar,
Worunter auch ein Entchen war,
Dass sie zugleich ausgebrütet...

* דאָרט, ז. 90.
** דאָרט, ז. 72.

עטינגער:

א היין האָט אַרומגעפּירט אירע הינדעלעך,
אירע טעבטערלעך און אירע זינדעלעך,
איטלעכס שיין נאָר ווי אַ טשאַטשקעלע;
און דער צווישן איז געווען אַ קאַטשקעלע...

ווייטער אָבער אַנטוויקלט עטינגער די סיטואַציע אַנדערש, ווי ביי געלערטן, און דרינגט אויך אַרויס אַן אַנדערן מוסר־השכל. ביי געלערטן: די נאַטור גיט יעדן באַשעפעניש דעם נייטיקן מוט צו די סכנות, וואָס זיינען אים באַשערט לויט זיין טבע; ביי עטינגערן: מע טאָר נישט קיין קינד צווינגען און דערציען צו אַן עניין, צו וועלכן עס האָט נישט קיין טאַלאַנט.

5. „דאָס זעקל" (ב. 1, ז. 139) איז פּונקט אַזוי ווי דער משל, וואָס קומט באַלד דערנאָך („די קינדער", ב. 1, ז. 141), אַ פּאַראַפראַזע פון קראַשיצקיס קורצן משל „וואָרקי",* וועלכן עטינגער האָט, ווי שטענדיק, אויף אַ זייער גערעטענעם אופן ברייט און שטיגעריש מאַלנדיק צעצויגן. ביי קראַשיצקין הייבט זיך דער משל אַזוי אָן:

Nie patrzajmy na wzorki:
Zeszły się raz dwa worki,
pozłacany
i skórzany...

די טעמע איז איןביידע משלים: דער קריג צווישן דעם טייערן און וואָלוועלן זעקל (עושר און אָרעמאַן). דער מוסר־השכל איז אין ביידע דער זעלבער: יחוס א. אַז. וו. איז נישט וויכטיק:

„ניע טען דאָברי צאָ בלישטשי" . . .

און ביי עטינגערן:

הער מיך צו, ברודער! קוק נישט אויף געלט;
יחוס-עצמו איז דאָס בעסטע אויף דער וועלט.

* * *

אין אַ קומענדיקער אויסגאַבע דאַרף ביי יעדן משל אויפן אָרט אָנגעמערקט ווערן, פונוואַנען ער שטאַמט. אין דער נייער רשימה נאָכגעמאַכטע משלים, וואָס וויינרייך ברענגט אין זיין בוך „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע", זיינען בלויז פאַרצייכנט די אויטאָרן און נישט די ווערק גופא,

* Dzieła poetyckie Ig. Krasickiego, tom II, Bajki i przypowieści, 1804, ז. 86

וועלכע עטינגער האָט איבערגעזעצט אָדער פּאַראַפראַזירט. עטלעכע פון זיי קאָן איך גענויער באַצייכענען:

„די שדים“ (ב. 1, ז. 256) איז נאָכגעמאַכט געלערטס „דאַס געשפּענסט“,* „פּילאָקס“ (ב. 1, ז. 20) — נאָך געלערטס „דער הונד“,** „די בין מיט דער הון“ (ב. 1, ז. 299) — נאָך געלערטס „די ביענע אונד די הענע“,*** „דער בעל־הלוואה“ — נאָך געלערטס „דער וואוכערער“,**** „דאָס פּאַרזעעניש“ — נאָך געלערטס „די מיסגעבורט“,***** דער השייריק“ — נאָך לאַפאָנטענס „לאַ ציגאַל עט לאַ פורמי“,****** „די קינדער“ — נאָך קראַשיצקיס „דזשיע־טשיע אי אָיטשיעץ“,******* „די פליג“ — נאָך קראַשיצקיס „פורמאַן אי מאָטיל“.********

דער מאָטיוו פונעם שיינעם סאָציאַל־היסטאָרישן משל „די פרומע בערן“, וואָס עטינגער האָט, לויט דער נייער ידיעה וויינרייכס, איבערגעאַרבעט פונעם פראַנצויזישן משל־שרייבער פלאָריאַן, שטאַמט אורשפּרינגלעך פון מיטל־אַלטערלעכע לאַטייניש דרשות און איז דאָרט אויסן צו מוסרן די גלוביקע, אַז זיי דערשאַצן ניט די גרויסע זינד פון די גרויסע לייט און שאַצן איבער די קליינע זינד פון די קליינע לייט. דער דאָזיקער מאָטיוו האָט שפּעטער, ביי דער רעפאָרמאַציע און די פויערים־מלחמות, געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין די אַגיטאַטאָרישע אַרויסטרעטונגען; מיר געפינען דעם דאָזיקן מאָטיוו ביי טאָמאַס מינצערן, ביי לוטערן א. אַ. לאַפאָנטען באַנוצט דעם דאָזיקן מאָטיוו אין זיין באַרימטער פאַבל Les animaux malades de la peste********* שוין ניט מער אין קירכלעכן זינען, נאָר ווי אַ סאַטירע קעגן דער פעאָדאַלישער יוסטיק. וועגן לאַפאָנטענס פאַבל זאָגן די עלטערע קאָמענטאַטאָרן קאָטש און טאַמפאָר, אַז זי איז: “presque l’histoire de toute societé********** humaine” („כמעט די געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשלעכער געזעל־שאַפט“). פלאָריאַן האָט דעם דאָזיקן משל איבערגענומען פון לאַפאָנטענען:

* C. F. Gellerts sämtliche Fabeln etc. ז. 19.

** דאָרט, ז. 25.

*** דאָרט, ז. 45.

**** דאָרט, ז. 106.

***** דאָרט, ז. 101.

****** ז. 3, ב. 1. Fables de la Fontaine, 1819, st. Petersbourg.

******* ז. 30 Bajki etc.

******** דאָרט, ז. 30, שטאַמט פון לאַפאָנטענס משל: Le coche et la mouche.

********* דאָרט, Notes et les remarques choisies de Coste et de Chamfort ב. 2, ז. 71; זע אויך לאַפאָנטענס פאַבלען־אויסגאַבע פון 1904, L. Clement, Paris די הערות, ז. 212.

********** דאָרט. אַזוי, אָן ערך, האָט אויך די יידישע קריטיק אויפגענומען און פאַרשטאַנען „די פרומע בערן“, זע אויבן, ז. 219, הערה.

פון לאַפאָנטענס וועלף האָט ער געמאַכט בערן (ביי קרילאָוון אין אַן ענלעכן משל איז עס אַ לייב), פונקט ווי לעסינג אין זיין קורצער פאַבל, וואָס הייבט זיך אָן מיט זייער שאַרפע ווערטער:

Den Bären glückt es nun schon seit geraumer Zeit,
Mit Brummen, plumpen Ernst und stolzer Frömmigkeit
Das Sittenrichteramt bei allen schwächeren Tieren,
Aus angemassteř Macht, gleich Wütrichen zu führen...

לאַפאָנטען פאַרענדיקט דעם משל זייער דייטלעך:

Selon que vous serez puissant ou misérable
Les jugements de cour vous rendront blanc ou noir.

לעסינג גיט בלויז אָן אַנצוהערעניש אויפן מוסר־השכל:

Ich kann mich diesmal bei der Moral nicht verweilen.

אַזוי ווי עטינגער:

דאָס משל מיט די פרומע בערן
באַדאַרף מען אייך ניט צו דערקלערן...*

* אגב: פון לאַפאָנטען האָט עטינגער גאָר ווייניק איבערגעזעצט — איינעם אָדער העכסטנס צוויי משלים. אַ סברה, אַז ער האָט בכלל נישט איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש, און אויך „די פרומע בערן" נישט, נאָר פון אַ דייטשער איבערזעצונג פון פלאָריאַנס משלים; אַנדערש וואָלט געווען אַ חידוש, פאַרוואָס אַזוי ווייניק. אויך פון קראַשיצקין האָט עטינגער איבערגעזעצט נאָר דריי קליינע משלים. הייסט עס — דער עיקר פון דייטשע דיכטער, וואָרים פון אַלע פרעמדע שפּראַכן איז אים די דייטשע געווען אַמבעסטן באַקאַנט און היימיש. פון קרילאָוון האָט עטינגער ק י י ן א י י נ צ י ק ן מ ש ל נישט איבערגעזעצט. אינעם נאָכוואָרט צו דער אויסגאַבע פון די משלים (וואַרשע, 1920, ז. 138) ווערט איבערגעחזרט אַ טעות, אַז „עטינגערס משלים זיינען אויך אַ סך מאָל איבערזעצונגען פון קרילאָוון". דאָס איז אָבער ניט ריכטיק. עטלעכע — זייער ווייניק — מ אָ ט י ו ו ן זיינען ביי קרילאָוון און עטינגערן שותפותדיקע, ווי למשל: „וואָלק אי יאַגניאָנאָק" — „דער וואָלף און דאָס ציקעלע"; „לזשעץ" — „דאָס פיקסל מיט דעם בער"; „מעשאָק" — „דאָס זעקל"; „מאָר זווערעי" — „די פרומע בערן". פון אָט־דער ענלעכקייט טאָר מען זיך אָבער ניט לאָזן פאַרפירן. פון די „פרומע בערן" ווייסן מיר דאָך איצט באַשטימט, אַז זיי זיינען נאָכגעמאַכט דעם פראַנצויזישן משלים־דיכטער פלאָריאַן (זע וויינריך, „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטורגעשיכטע", ז. 285). און די איבעריקע מאָטיוון האָבן ביי קרילאָוון אַ דורכאויס אַנדערן כאַראַקטער ווי ביי עטינגערן. אין בעסטן פאַל האָבן זיי ביידע גענומען פון אַ שותפותדיקן קוואַל, כאָטש דאָס איז אויך ניט זיכער. קלאָר איז, אַז פון קרילאָוון האָט עטינגער ניט איבערגעזעצט. אגב: אין אייזנבוימס השתדלות פון 1843 (ב. 2, ז. 588) ווערן דערמאָנט די פּאָעטן קאַשיצקי, לאַפאָנטען, געלערט. שוין־זשע וואָלט אייזנבוים ניט אָנגעוויזן אויף איבערזעצונגען פון קרילאָוון?

אַ היפּשע צאָל פון עטינגערס משלים זיינען עכטע קליינע מייסטערווערק און געהערן צום שענסטן אין דעם דאַזיקן זשאַנר. זיי זיינען טרעפלעך געבויט, מיט אַ געניט־מייסטערישער האַנט, אָנגעזאַפּט מיט לעבן און שטייגער, מיט פאָלקלאָרישע עלעמענטן, מיט אַ פיינעם הומאָר און אָפט מיט שלאָגנדיקער סאַטירע.

ווי אַלע קלאַסישע משלים־שרייבער, האָט אויך עטינגער, ווי מיר זעען, אַ באַדייטנדיקן טייל פון זיינע משלים — ביז איצט פעסטגעשטעלט העכער אַ דריטל — נישט ביי געשאַפן, נאָר נאָכגעמאַכט נאָך עלטערע מוסטערן. דאָס ליגט אין דער טבע פונעם משלים־שרייבער, פונעם באַהאַלטן־רמזימדיקן שטייגער, אַז מע שטעלט אויפן אָרט פון מענטשן — חיות, אָנשטאָט אינדיווי־דועלע געשעענישן דערציילט מען טיפּיש־טראַפּאַרעטישע, קאָנאָניזירטע, אָנ־שטאָט אויסצוטראַכטן נייע פאַבל־טעמעס, בויט מען איבער און מע פּאַראַ־פראַזירט אַלטע. משלים זיינען אין דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור אַ טיפּישער, צומאָל אַ ביסל אַ פיליסטערישער, זשאַנר פון דער שאַריענדיקער אויפקלערונג. זיי זיינען צוטריטלעך פאַר די מאַסן און זיינען פאַרוואָרצלט אין דער פאָלקסטימלעכער פאָלקלאָרישער טראַדיציע. עטינגער איז אין זיינע משלים שטייגערישער, איידער לאַפאָנטען, געלערט, לעסינג און אפילו ווי דער שטאַרק־שטייגערישער האָגעדאָרן (וועמעס משלים דערזשאַווין האָט צוליב דעם איבערגעזעצט). עטינגער באַאַרבעט זיינע מאָטיוון פריי און געשמאַקפול, צוגעפּאַסט צו דער שפּראַך און צו דער סביבה פון זיינע לייענער. אין זיינע משלים זיינען פאַראַן אין אַ היפּשער מאָס „קאַנאָנישע״ עלעמענטן פונעם משל־זשאַנר, דעריבער קאָן מען ניט אָן אַ גענויער פעסטשטעלונג בנוגע די השפּעות,

---

עטינגער גופא וואָלט דאָס אַוודאי אויך ניט פאַרשוויגן — און פאַרט געפינט זיך אין עטינגערס רשימה, וואָס וויינרייך ברענגט אין זיין בוך „בילדער״ א. אַז. וו. ניט קרילאָווס נאָמען ניט אין די כתב־ידן, וואָס וויינרייך האָט געזען, און ניט עס איז בכלל אַ סברה, אַז עטינגער האָט געהאַט אַ קנאַפּע ידיעה אין דער רוסישער ליטעראַטור און אפשר אַפילו אין דער רוסישער שפּראַך. זיין ביטע צום רוסישן מיניסטער (אַפּנים צום בילדונגס־מיניסטער), ב. 2, ז. 572, שרייבט עטינגער אין דייטשער שפּראַך (אינעם יאָר 1847). א. צעדערבוים רעכנט אויס די שפּראַכן, וואָס עטינגער האָט געקענט, און דערמאָנט בלויז „עברית, אשכנזית, פולנית״. די משלים לויבט ער: „בהם משלי מוסר מחיי עולם העשיה אשר לא נופלים הם בערכם ממשלי קרילוב ודמהו״; זאָל זיך פונדאַנען נעמען דער טעות, אַז עטינגער האָט איבערגעזעצט פון קרילאָוון? ס'איז דאָך כאַראַקטעריסטיש פאַר דער בילדונגס־געשיכטע פון יענער צייט: די משכילים, בפרט נאָך פון גאַליציע, פוילן און ליטע, האָבן געצויגן חיונה פון דער דייטשער ליטעראַטור, די רוסישע האָבן זיי בכלל ניט געקענט אָדער זעלטן און ווייניק געקענט. אַקסענפעלד איז אפשר געווען דער ערשטער, וואָס האָט אין דעם פרט געבראָכן מיט דער דאָזיקער טראַדיציע.

איבערזעצונגען און נאָכמאַכונגען ריכטיק אָפּשאַצן די שעפערישע אויפ־טוערישקייט אין זיינע משלים, וואָס געהערן דאָך צו די וויכטיקסטע און כאַראַקטעריסטישסטע טיילן אין זיין שאַפן בכלל. און ס'איז ניט קיין חידוש: פאַר געוויסע אָנהייב־פעריאָדן איז דער משל אַ פאַרגייער פון דער בירגער־לעכער דראַמע, פונעם סאַטירישן עפּאָס און פון דער דערציילערישער פּראָזע.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר עטינגערס אָפּקלייב־פּרינציפּ, אַז פון די 143 פאַבלען פונעם קלאַסישן דייטשן משלים־שרייבער געלערט האָט עטינגער צום „נאָכמאַכן" אויסגעקליבן אַזעלכע 10 משלים, וואָס האָבן אַ סאָציאַל־סאַטירישן שטייגער־קריטישן אינהאַלט, און קיין איינציקע ניט פון יענע, וואָס גיבן בלויז אַ באַלעבאַטישע געזונט־שכלדיקע עצה־טובה. אויך ניט פון די מיטאָלאָגישע אָדער ראָקאָקאָ־בוקאָלישע פאַבלען מיט פאַסטעכער־ראָמאַנטיק וועגן „דאַמאָן, פילינע און דאָרינדע", וואָס געלערט האָט געשריבן אין אַ יינגערער צייט. דאָס אייגענע קאָן מען אויך זאָגן וועגן די משלים, וואָס עטינגער האָט איבערגעאַרבעט פון אַנדערע שפּראַכן.

5. מעשהלעך, עפּיגראַמעס און סענטענצן

פאַר די „קליינע מעשהלעך און קאַטאָוועסלעך" גיט ווינערייך אַ באַזונדערע אָפּטיילונג. אייניקע זאַכן פון דער אָפּטיילונג זיינען אָבער, ווי מיר וויסן איצט, איבערזעצונגען פון געלערטס „פאַבלען אונד ערצעהלונגען" (למשל, „וויטעלע" און „די שדים"). געלערט אַליין מאַכט ניט קיין שום חילוק צווישן חיה־פאַבלען און מענטשן־מעשהלעך, ביידע זיינען אינעם בוך אויסגעמישט. לויטן מוסטער פון געלערטס בוך האָט עטינגער אַליין מסתם געמיינט צונויפמישן ביידע מינים אונטערן זעלבן בוך־טיטל ווי געלערטס. אגב, איז דאָך אויך אין דער אָפּטיילונג משלים פאַראַן פון יענעם מין „מענטשן־מעשהלע", למשל (ב. 1, ז. 135) „דאָס פאַרזעעניש" (נאָך געלערט), אָדער „די קנאה" (ב. 1, ז. 152). פאַרוואָס זאָל אַ טייל פון די מעשהלעך גיין אין אַ באַזונדערער אָפּטיילונג (זע I, LIX)? אין אַ קומענדיקער אויסגאַבע דאַרפן פאָלגנדיקע משלים אַריין אין דער משלים־אָפּטיילונג: „וויטעלע", „די שדים", „דער הולך־רכיל", דער „קאַרגער", „דער חלום". אַ חוץ דעם אויך די משלים־פראַגמענטן און גאַנצע מעשהלעך פון די „הוספות": „דער וואָלף לערנט לשונות" (ב. 2, ז. 537), „דער ראש־הקהל" (ב. 2, ז. 538), „דאָס שטערנטיכל" (ב. 1, ז. 152). פאַרוואָס זאָל אַ טייל פון די מעשהלעך גיין אין אַ באַזונדערער דאַרף זיך ערשט אָנהייבן מיט די „קאַטאָוועסלעך" (ריכטיקער: עפּיגראַמעס און סענטענצן, וואָרים, למשל: ב. 1, ז. 282, „אַ שטומער שונא"; ב. 1, ז. 280, „פריינט און שונאים" זיינען סענטענצן, און נישט קאַטאָוועסלעך) —

פון די „פּאַרקערטע וועלט" אָן (ב. 1, ז. 259). אויב אַזוי, באַקומען מיר אינ־גאַנצן 63 „משלים און קליינע מעשהלעך" אָדער אינאיינעם מיט די משלים פון די „הוספות" — 67. פון אָט די זיינען ביז איצט 18 אידענטיפיצירט געוואָרן ווי איבערזעצונגען; דאַרף מען נאָך צוגעבן 5, וועלכע מיר האָבן אויבן פאַרצייכנט, וועלן אינאיינעם אַזוינע באַטרעפן דערווייל 23, — העכער אַ דריטל. דערווייל, וואָרים בלי־ספק וועלן נאָך ווייטערדיקע משלים פריער אָדער שפּעטער פעסטגעשטעלט ווערן ווי איבערזעצונגען.*

* * *

עס וואָלט כדאי געווען, אַז עטינגערס עטלעכע און זיבעציק עפּיגראַמעס (און סענטענצן), די גרעסטע און שענסטע זאַמלונג פון דעם דאָזיקן קלאַסישן זשאַנר אין דער יידישער ליטעראַטור, זאָל געבראַכט ווערן אונטער אַ באַזונדער קעפּל אין אַ באַזונדער אָפּטיילונג. לעסינג האָט זיינע 144 עפּיגראַמעס געגעבן אין אַ באַזונדער בוך און אָנגעשריבן אַן אָפּהאַנדלונג פון מער ווי 100 זייטן וועגן דער עפּיגראַמע און די עפּיגראַמאַטיקער. אַזוי שטאַרק האָט לעסינג

* צום באַדויערן, האָב איך ניט געקאָנט נאָכקוקן די משלים פון פאָלגנדיקע אויטאָרן, וועלכע איך האָב נישט צו דער האַנט: האַגעדאָרן, ליכטווער, גליים, בלומ־אויער, און פון דעם פראַנצויזישן שרייבער פלאָריאַן. אַזוי, למשל, רעכן איך, אַז „אַסוסע" (ב. 1, ז. 269) איז אַ פּאַראַפראַזע. וועגן „די אסיפה" (ב. 1, ז. 185) זאָגט א. צעדערבוים, אַז זי „איז איינע נאָכמאַכונג פון איינער אַלטן פאַבל אים דייטשען, נאָר הערלעך צוגעפּאַסט צו יידישע פאַרהעלטניסע" („קול מבשר", 1869, נומ. 3). אויך פון די „לירישע און עפּישע לידער" וועט זיך מסתם מיט דער צייט נאָך אַ ווייטערדיקער טייל אַרויסווייזן ווי איבערזעצונגען אָדער פּאַראַפראַזעס. אַזוי למשל, איז „דאָס לויב פון דעם אַצלעם (עצלות)", ב. 1, ז. 53, איבערגעזעצט פון לעסינגס „לאָב דער פאולהייט", וואָס הייבט זיך אָן:

Faulheit jetzo will ich dir
Auch ein kleines Loblied singen...

אגב: דאָס ליד „נאמנה-ווידוי" (ב. 1, ז. 75), וואָס איז איבערגעזעצט נאָך אַלאָיס בלומאַוער, הייסט אינעם אָריגינאַל „גלאַובענסבעקענטעניס איינעס נאָך וואָר־הייט רינגענדען". דער דאָזיקער איצט-פאַרגעסענער דיכטער, אַ ס ק ע פּ ט י ק ע ר און אויפקלערער מיט אַ נטיה צו שטייגערישן גראָטעסק, איז צו יענער צייט געווען פּאָפּולער און באַוואוסט אויך אין רוסלאַנד. דעם אוקראַינישן דיכטערס קאָטליאַרעוו־סקיס „ענעאידע" איז פּאַראַפראַזירט נאָך בלאַומערס אַ פּאָעמע. די ערשטע סטראָפע פון „נאמנה-ווידוי" איז אין אָריגינאַל אַזוי:

Zwo Kräfte sind es, die den Menschen lenken,
Sie leiten ihn—bald süd—bald mordenwärts;
Natur gab ihm Verstand, um recht zu denken,
Um recht zu handlen gab sie ihm das Herz...

געהאַלטן פון דעם זשאַנר. עטינגערס עפּיגראַמעס זיינען בלי־ספק אַנטשטאַנען אונטער לעטינגס השפּעה (עס וואָלט מעגלעך געווען נאָכצואווייזן, אַז עטינגער האָט זיך אַריינגעלייענט אין לעסינגס טעאָרעטישער אָפּהאַנדלונג, נאָר ניט דאָ איז דאָס אָרט דערפון). צו די עפּיגראַמעס * אין ב. 2 דאַרפן צוקומען: די עפּיגראַמע פון די „הוספות" — „ר' שמערל" (ב. 2, ז. 544); די עפּיגראַמע, וואָס געפינט זיך אין „הצפירה", 1888, נומ. 19, „פּראַנץ" (I, LXII); ווייטער די עפּיגראַמע „גאָר קיין וואונדער", וואָס שטייט אין דער פּעטער־בורגער משלים־אויסגאַבע, ז. 244, און איז צוליב „פאַרשטענדלעכע" סיבות ניט אַריין אין ווײַנרײַכס אויסגאַבע:

דעם אַלטן צדיק איז אַ גרויס וואונדער,
פאַרוואָס זיין יונג ווייב האָט ניט קיין קינדער!
איך האָב שוין דעריבער זייער געלאַכט,
ווער הייסט זי אים אַלץ היטן טאָג און נאַכט?

די פּעטערבורגער צענזור האָט דאָס ליד דורכגעלאָזט. ווייַנרייַכס פּרי־וואַטע צענזור האָט עס נישט געקאָנט טאָן. אויב די אַנטי־צדיקישע עפּיגראַמע געהער צו דער קאַטעגאָריע, וואָס צוליב איר „גליטשיקן אינהאַלט" פאַלט זי אַרונטער אונטער דער „געוויסער גרענעץ", מוזן מיר שוין טאַקע זייער באַ־דויערן, וואָס מיר האָבן ניט די מעגלעכקייט צו פאַרעפנטלעכן יענע איבעריקע עפּיגראַמעס, וועלכע ווייַנרייך האָט אַרויסגעוואָרפן לויט זיין געשמאַק. זיי פּאַסן, אַפנים, ניט צו דער ביאָגראַפישער קאָנצעפּציע וועגן עטינגערן ווי אַ ציכטיק־פרומלעכן באַלעבאָס. זייט מאַרציאַל, דעם אַנטיקן קלאַסיקער פון דער עפּיגראַמע, איז דער זשאַנר פון שטענדיק אָן געווען אַ ביסל פאַרשייט; און קיינער וועט ניט קאָנען זאָגן, אַז די ציטירטע אַנטי־חסידישע עפּיגראַמע גייט אַרויס פון די „אָנשטענדיקע גרענעצן", וועגן וועלכע דער צניעותדיקער ווייַנ־רייך גיט אָן אָנצוהערעניש.

דערפאַר אָבער האָט ווייַנרייך געהאַלטן פאַר נייטיק „אָפּצוהיטן" עטלעכע אַנדערע „דיכטערישע" דאָקומענטן עטינגערס, וואָס ברענגען עטינגערן גאָר ווייניק כבוד. למשל, דאָס פּוסט־נאַרישע קייזער־ליד (ב. 2, ז. 536) אין „דייטשער" שפּראַך, מיט זיין אומגעלומפּערטן אינהאַלט און מיט די משונה־דיקע גרייזן, אָדער דאָס שלעכטע געלעגנהייטס־ליד: „ערלאַובע, דאָס איך דיר זאַגע" (ב. 2, ז. 535) א. אַז. וו.

אגב: אַ חוץ „דאָן מיט די פּאות" איז אויך „דאָס חידוש" (ב. 1, ז. 263)

---

* עטינגער איבערזעצט עפּיגראַמעס — „כתבות'לעך" — קאַטאָוועסלעך, מיט זייער אַ געראָטענער אָנצוהערעניש אויפן אורשפּרינגלעכן באַדייט פונעם וואָרט עפּיגראַמע: קורצע אויפשריפט אויף אַ דענקמאָל.

נאָכגעמאַכט דער זעלבער עפּיגראַמע לעסינגס „אויף די גאַלאַטהעע". דאָס קאַטאָוועסל „קורחס מצבה" (ב. 1, ז. 266) איז נאָכגעמאַכט לעסינגס עפּיגראַמע „אויף לורקינס גראַב" (זינגעדיכטע, 27).

6. די טעקסטן פון „סערקעלע"

וויינרייך ברענגט דעם „סערקעלע"-טעקסט לויט אַ מאַנוסקריפּט פון עטינגערס אייגענער האַנט (מאַנוסקריפּט 3) און פאַרצייכנט וואַריאַנטן פון אַ צווייטן * מאַנוסקריפּט (מאַנוסקריפּט 2). אין אַ נייער אויסגאַבע פון עטינגערס ווערק דאַרפן אומבאַדינגט אויסגענוצט ווערן אויך די איבעריקע פאַראַנענע דריי מאַנוסקריפּטן, באַזונדערס דער ניו־יאָרקער (מאַנוסקריפּט 5), אין וועלכן „דער טעקסט איז אָפּטמאָל אַנדערש, ווי אין אַלע געדרוקטע אויסגאַבן, אָפילו שטאַרק אַנדערש" (ב. 1, ז. XLVI).

די עטלעכע געדרוקטע אויסגאַבעס פון „סערקעלע" ** האָט וויינרייך ניט גענומען אין אַכט, „מחמת זיי האָבן צו עטינגערס שאַפן קיין שייכות ניט". וויינרייך זאָגט אָבער אַליין, אַז ער האָט דעם יאָהאַניסבורגער דרוק קיינמאָל ניט געזען און אַז ער ווייסט פון אים בלויז לויט שטיינשניידערס נאָטיץ אין „העברייאישע ביבליאָגראַפיע", 1862, ז. 85, און לויט דעם פּראָטאָקאָל פונעם וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט *** פון 18טן יוני, 1862 (ב. 1, ז. LV—LVI). די היפּאָטעטישע לעמבערגער אויסגאַבע האָט וויינרייך, פאַרשטייט זיך, אויך ניט געזען. פון דער וואַרשעווער אויסגאַבע אָבער קאָן מען יעדנפאַלס בשום־אופן ניט אורטיילן וועגן דער יאָהאַניסבורגער, כאָטש די וואַרשעווער ווערט אָנגעגעבן ווי אַן איבערדרוק פון דער יאָהאַניסבורגער. אויב קאָפּעלס „ניט גאָר זיכערע ידיעות זיינען ריכטיקע — און וויינרייך גיט זיי דאָך באַשיינפּערלעך צו אַ סך וואָג, — איז — „סערקעלע" אָנגעקומען צו דעם וואַרשעווער פאַרלעגער אַלס געגנבעטע סחורה. דער כתב־יד פון „סערקעלע", וואָס איז

---

* ניט קלאָר, פאַרוואָס וויינרייך רעדט (LXI ,I) וועגן דריי פאַרגליכענע טעקסטן, כאָטש ער באַצייכנט עטלעכע שורות פריער בלויז צוויי.

** וויינרייך רעדט פון דריי געדרוקטע אויסגאַבעס: וועגן דער יאָהאַניסבורגער פון 1861, דער וואַרשעווער פון 1875 און וועגן אַ היפּאָטעטישער לעמבערגער אויסגאַבע, וואָס ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט און וועלכע וויינרייך רעגיסטרירט בלויז אויפן סמך פון אַ וואַרשעווער בוכהענדלערס אַ ידיעה.

*** און פון דער וואַרשעווער אויסגאַבע, וואו ס'איז דאָך אָנגעגעבן, אַז זי איז איבערגעדרוקט פון דער יאָהאַניסבורגער? (אויפן טיטל־בלאַט שטייט בפירוש: „נאָוואָיע איזדאַניע יאָהאַניסבורגסקאָוואָ איזדאַניאַ, 1861 יאָר"). אגב: אין דעם דאָזיקן צענזור־פּראָטאָקאָל, וועלכן וויינרייך דערמאָנט (זע ב. 2, ז. 590), ווערט מיט קיין וואָרט ניט געזאָגט, אַז עטינגערס זין האָבן טענות צום יאָהאַניסבורגער טעקסט. זיי רוקן בלויז אַרויס מאַטעריעלע טענות.

אומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, איז פּשוט איבערגעשריבן געוואָרן פון אַן עם־הארץ און פאַרקויפט געוואָרן דעם פאַרלעגער... דער פאַרלעגער האָט זי נאָך געגעבן איינעם „אויסבעסערן״, און אָט די פרעמדע און אומגעניטע האַנט האָט אינגאַנצן פאַרחושכט דעם אויסזען פון דער אמתער סערקעלע״ („דער פּנקס״, תרע״ב, ז. 43). דאָס וואָלט געהייסן, אַז דער וואַרשעווער דרוק קאָן כלל ניט באַטראַכט ווערן ווי אַן איבערדרוק פון דער יאָהאַניסבורגער און האָט צו אים אַ קנאַפּן שייכות. וועגן דער יאָהאַניסבורגער אויסגאַבע איז אָבער פאַראַן אַן עדות, אַ מער באַגלייבטער, וואָס זאָגט, אַז זי „איז בגנבה אָפּגעדרוקט געוואָרן אין פּרייסן פון אַ שפּעקולאַנט אָן ערלויבניס פון די יורשים, ניט פונעם רעכטן אָריגינאַל, נאָר פון אַ פעלערהאַפטער קאָפּיע און פול מיט גרייזן, אַז מע קען פיל זעצע ניט פאַרשטיין. מיר, וואָס האָבן דאָס אָריגינאַל גוט געקענט, איז אונדז ניט מעגלעך געוועזן עס צו דערקענען״ (א. צעדערבוים, „קול מבשר״, 1869, נומ. 23). קאָן מען זיך טאַקע, זאָל זיין אויף דעם דאָזיקן אַ סך ערנסטערן עדות, ניט־געזעצנערהייט פאַרלאָזן און סומאַריש זאָגן, אַז אַלע „דריי״ געדרוקטע אויסגאַבעס „האָבן צו עטינגערס שאַפן קיין שייכות ניט״? צי איז דאָס שוין טאַקע אַזוי קלאָר, וואָס צעדערבוים מיינט מיט די ווערטער „פונעם רעכטן אָריגינאַל״ און „פעלערהאַפטע קאָפּיע״? צעדערבוים גופא דערציילט אונדז, אַז עטינגער פלעג געבן זיין „סערקעלע״ און די לידער „לאנשים בטוחים להעתיקם, ויש אשר כבד הוא את מיודעיו בכתב ידו. וכה נתפרסם שמו וחבוריו ברוסיא ופולין בלי מחבש הדפוס...״ („...פאַרלאָזלעכע מענטשן אויף איבערצושרייבן, און ס׳פלעג זיך טרעפן, אַז ער האָט זיינע באַקאַנטע מכבד געווען מיט זיינע האַנטשריפטלעכע קאָפּיעס. און אַזוי זיינען זיין נאָמען און זיינע ווערק באַוואוסט געוואָרן אין רוסלאַנד און אין פּוילן אויך אָן דער הילף פון דרוק״) („המליץ״, 1889, נומ. 110). עטינגער האָט זיין „סערקעלע״ אָן אַ שיעור מאָל איבערגעשריבן און כסדר געבעסערט און פאַריכט. אויב צעדערבוימען האָט געאַרט צו זען, אַז מע האָט אָפּגעדרוקט ניט דעם בעסטן וואַריאַנט, נאָר אפשר אַ פריערדיקן, ווייניקער אויסגעבעסערטן, איז דאָס זייער פאַרשטענדלעך. ער וויל, אַז „סערקעלע״ זאָל געדרוקט ווערן „נאָך דער לעצטן פאַרבעסערטן בעאַרבייטונג פונעם פאַרפאַסער, יעצט ווירד עס ערשט פוראָר מאַכן („קול מבשר״, 1869, נומ. 23). דערפון אָבער קאָן די קריטישע פאָרשונג, איידער זי איבערצייגט זיך ניט מיט אייגענע אויגן, ניט דרינגען, אַז די יאָהאַניסבורגער אויסגאַבע האָט קיין שום שייכות ניט צו עטינגערס שאַפן.

מע קאָן אָבער מיט זיכערקייט זאָגן, אַז די יאָהאַניסבורגער אויסגאַבע*

* דאָס בוך האָט 110 זייטן, פאָרמאַט 12×20. אַן עקזעמפּלאַר איז פאַראַן אין דער ביבליאָטעק פון דער אוקראַאינישער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע אין קיעוו.

האָט דווקא יאָ אַ זייער וויכטיקע שייכות צו עטינגערס שאַפֿן און אַז זי דאַרף גענומען ווערן אין אַכט אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים ביי אַ נייער אויסגאַבע פֿון עטינגערס ווערק.

אמת איז, אַז דער טעקסט איז פֿאַרגרייזט און קאָרומפּירט דורך מיס־פֿאַרשטייעניש און טעותן פֿונעם זעצער און אפֿשר אויך דורך באַוואוסטזיניקע קליינע קירצונגען.. אויב מע זאָל אָננעמען, אַז דאָס זיינען טאַקע אַ פֿרעמדנס קירצונגען (דערוויי״ל בין איך דערין שטאַרק מסופּק; עס איז זייער מעגלעך, אַז אַזוי און נישט אַנדערש, אַ חוץ די גרייזן, האָט אויסגעזען עטינגערס אַ פֿריערדיקער וואַריאַנט פֿון „סערקעלע״), וועט מען דאַרפֿן זאָגן, אַז געווײנלעך ווערן געקירצט איבערגעחזרטע ווערטער, סינאָנימען, אַדיעקטיוון, רייד־תנועות און צו־אויספֿירלעכע זאַצן, וואָס ציען און האַלטן אויף דעם גאַנג פֿונעם זאַכלעכן פֿאָרטראָג. ס׳וועט דאַן אויסקומען, אַז די דיאַלעקטישע ברייט־לעכקייט און צעצויגענע אויספֿירלעכקייט פֿון עטינגערס פּויליש־גאַליצישן נוסח איז דעם זעצער אָדער „רעדאַקטער״ ניט געווען צום האַרצן. דער כאַראַק־טער פֿון די גרייזן ווייזט קלאָר, אַז דעם, וואָס האָט די גרייזן געמאַכט, איז דער דיאַלעקט עטינגערס געווען ניט נאָר פֿרעמדלעך, נאָר ערטערווייז טאַקע אומפֿאַרשטענדלעך. בשום־אופֿן באַמערקט זיך ניט קיין כוונה עטינגערן צו פֿאַרריכטן אָדער „אויסצובעסערן״. פֿאַרקערט, אין גאָר אַ סך דיאַלעקטישע פּרטים איז די יאָאַג (ד. ה. יאָהאַניסבורגער אויסגאַבע) אויסגעהאַלטענער פֿון ווײַנרייכס אויסגאַבע.* אַ היפּשע מערהייט גרייזן (אויב ניט כמעט אַלע) זיינען, לויט מיין מיינונג, פּשוט טעותן פֿון יענער צייט. אַ טייל איבער־געהיפּערטס (צו איין אָדער צו צוויי ווערטער) געהער באַשטימט צו דער קאַטעגאָריע לאַפּסוסן. זיי זיינען ניט געמאַכט געוואָרן אויף צו פֿלייס. באַ־שטימטע וואָרט־איבערחזרונגען האָט אפֿשר דער אַנדערש־דיאַלעקטישער זעצער באַטראַכט ווי אַן אומבאַהאָלפֿנקייט פֿון אויסדרוק, וועלכע מעגן אַרויס־פֿאַלן צוליב שפּאָרעוודיקייט פֿון הוצאות. וואָרט־קירצונגען ביי זאַכלעך איינ־האַלטפֿולע זאַצן האָב איך ניט באַמערקט. נאָך וויניקער — צוגאָבן פֿון אַ פֿרעמדן כאַראַקטער אָדער גאָר „גאַנצע דיאַלאָגן״, ווי קאַפּעל „שטעלט פֿעסט״ ביי דער וואַרשעווער אויסגאַבע.

עס איז אָבער פֿאַראַן אין דער יאָאַג (אויב מע זאָל זי פֿאַרגלייכן מיט דעם כתב־יד־טעקסט, וואָס ווײַנרייך ברענגט) זייער אַ סך אָפּווייכונגען אַזעלכע, וואָס מע קאָן זיי בשום־אופֿן ניט צושרייבן אַ פֿרעמדער האַנט. איך מיין יענע

---

* למשל, אַפֿילו אין אַזעלכע קלייניקייטן ווי: עהם—אים, פֿאַרציילן—דער־ציילן, עך—איך, אויסְפֿאַרשטן—אויספֿאָרשן (זע ב. 2, ז. 606) א. אַז. וו.

אָפּווייכונגען, וואָס שייך דעם וואָרט־סדר, די איבערשטעלונגען אין דער סטיליסטישער און סינטאַקסישער אויספאָרמירונג פונעם זאַץ, די אָפּטע ענדערונגען אין דער לעקסיק, און באַזונדערס, די איינצלנע צוגעגעבענע זאַצן, וואָס פעלן אין וויינרייכס כתב־יד. לויט אַלע סימנים און לויט דעם סטיל־ און דיאַלעקט־כאַראַקטער פון די דאָזיקע ענדערונגען און צוגאָב־זאַצן קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז זיי שטאַמען ניט פון קיין פרעמדער האַנט, נאָר פון עטינגערס אַ כתב־יד־וואַריאַנט. דאָס וואַרפט זיך דייטלעך אין די אויגן. למשל, אין יאָאג ז. 85 געפינען מיר אַזאַ צוגאָב: נאָך די ווערטער „וויטאַמי פּאַניע דאָבראָדזעיו, יאַק שיע יאַשניע וועלמאָזשני פּאַן מאַ“ — דעם זאַץ: „טשי זדראָוו פּאַן?“ דער דאָזיקער זאַץ פעלט אין וויינרייכס אויסגאַבע (ז. 417). עס איז שווער צו דערלאָזן, אַז אַזאַ זאַץ האָט זיך דער פאַרריכטער אויסגעטראַכט. עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז ער שטאַמט פון עטינגערס האַנט, כאָטש ער האָט אים שפּעטער צוליב קינסטלערישע מאָטיוון אויסגעמעקט. אויב ס׳איז פאַראַן גרייזן און פאַרדרייאונגען מחמת שלעכט פאַרשטאַנענעם גרייזיקן לייענען און זעצן, און אפשר אויך אַן אָפּטמאָל באַוואוסטזיניקע טענדענץ צו קירצן „איבעריקע“ ווערטער — פילט זיך אָבער בשום־אופן ניט קיין טענדענץ צו פאַרריכטן דעם טעקסט, אים צו „פּראַווען“ אָדער עפּעס צוצוגעבן. די איבערשטעלונגען אינעם זאַץ, די לעקסישע דיפערענצן און דער עיקר די זאַצן, וואָס געפינען זיך אין יאָאג און אינעם כתב־יד ניט, שטאַמען אַלע, לויט מיין מיינונג, פון עטינגערס האַנט. פאַר מיר איז קיין ספק ניט, אַז די יאָאג דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ פאַרגרייזטער און ניט זייער גוט אָפּגעהיטער, אָבער פאָרט עכטער און זייער ווערטפולער וואַריאַנט פון עטינגערס „סערקעלע“ אין אַ פריערן, ניט ענדגילטיקן און נאָך אַ ביסל אומבאַהאָלפענעם צושטאַנד.

עטלעכע ביישפּילן: *

יאָאג. ז. 21.	„סערקעלע“ לויט וויינרייכס אויסגאַבע. ז. 315.
אַז איך בין נאָר עפּעס אומפּאַס געווען (אומפּאַס זיין — זיך פילן ניט איינגאַנצן געזונט. גאַל. פוילישער דיאַלעקט. הויכדייטש — unpässlich).	אַז איך בין נור עפּעס שלאַף געווען.

---

* טראַנסקריבירט אין אונדזער אָרטאָגראַפיע, אָבער אָפּגעהיט אַלע קלאַנגען, באַזונדערס די קאָנסאָנאַנטישע.

יאַאג. ז. 33.
קיין יידיש קלויסטער איז נישט דאָ, מילא, וועט איר דעך מוזן אַמאָל חתונה מאַכן. פשידזשע טען גלופי, צאָ טען טאָוואַר קופי (Przyjdzie ten glupi co ten towar kupi) (ס׳וועט שוין קומען דער שוטה, וואָס וועט די סחורה קויפן).

דאָרט, ז. 333.
קיין יידיש קלויסטער איז דאָך נישטאָ, מילא, וועט איר דאָך איר מוזן אַמאָל חתונה מאַכן אויך.

יאַאג. ז. 99.
לאָזט עם נאָך די הענט, עס וועט נישט אַנטלויפן, פילנעווועץ עם גור.

דאָרט, ז. 441.
לאָזט אים נאָך די הענט, ער וועט נישט אַנטלויפן.

יאַאג. ז. 21.
מיינסט אפשר דיך? זאָג מיר, איך בעט דיך, באַשייד (באַשייד—פּתרון, די לייזונג פון אַ רעטעניש, לויטן פויל, גאַל, דיאַלעקט. הויכדייטש— (Bescheid.

דאָרט, ז. 316.
איך ווייס נישט — מיינסטו אפשר דיך?

יאַאג. ז. 33.
און טויג, אָסור, נישט, אַ הונט אויסן אויוון אַרויסצוטרייבן.*

דאָרט, ז. 333.
וואָס טויג, אָסור, נישט אַ הונט אויס דער גרוב אַרויסצוטרייבן (גרוב — הרובע).

יאַאג. ז. 64.
וואָרין ביי אַזוי [אַן] אינטערעס איז דאָס בעסטע, פון איטלעכן הערץ און דאָס זייניקע טון.
(אַ באַקאַנטע רעדנסאַרט).

דאָרט, ז. 384.
וואָרין ביי אַזוי אַן אינטערעס איז דאָס בעסטע, אַז מען טוט נור נאָך זיין אייגענעם שכל.
(דאָ ווערט געבראַכט בלויז דער זין פון דער רעדנסאַרט).

יאַאג. ז. 65.
עס האָט דאָך אייך פאַרט נאָך עפּעס געמוזט איבערבלייבן? און ווי איז מען דאָס אַזוי נישט פאַרזיכטיק צו זיין?

דאָרט, ז. 386.
עס האָט דאָך אייך פאַרט נאָך עפּעס געמוזט בלייבן.

---

* אין דער אַנאָנימער „די גענאַרטע וועלט״ ווערט די רעדנסאַרט געבראַכט אין אַזאַ פאָרם: „און טויג נישט אפילו אַ קאַץ אויס דעם אויוון אַרויסצוטרייבן״ (ז. י״ז).

יאָאג. ז. 26.
אוי, ביין, ביטע, לאָזט געמאַכט, איך בין גאַנץ געזונט, עס פעלט מיר גאָרנישט (ער וויל זיך אויפשטעלן און קאָן נישט). נור יוי, שוין לאַנג זענט איר ביי מיר אין שטוב? אוי, איך ציטער ווי אַ פיש, ווי מיינט איר? איך בין, מיינ'עך, קראַנק. גלייבט מיר, איך גיי קאַם אַרום. אוי, די דאגות, די דאגות לאָזן מיך נישט רוען. איך קען משוגע ווערן פאַר זאָרג.

דאָרט, ז. 324.
אוי! ביין, ביטע, ביטע, לאָזט געמאַך, איך בין גאַנץ געזונט, עס פעלט מיר גאָרנישט (ער וויל זיך אויפשטעלן און קען נישט). נאָר — יאָ—זענט איר שוין לאַנג דאָ ביי מיר אין שטוב? אוי, איך ציטער ווי אַ פיש, נישט וואָהר? איך בין קראַנק, זייער קראַנק; איך גיי קוים אַרום. די דאגות, די דאגות לאָזן מיך נישט רוען.

דער סטיל פון דער יאָאג איז רויער, פרימיטיווער, פאָלקסטימלעכער און יאָדערדיקער; אינעם כתב־יד (מאַנוסקריפּט 3) איז ער סטיליסטיש אויסגעשליפענער, מער קאָנצענטרירט. עס לאָזט זיך אויך באַמערקן, אַז די אומבאַהאָלפענע רעמאַרקעס פון דער יאָאג ווערן אינעם כתב־יד איבערגעאַרבעט און פּינקטלעכער צוגעפּאַסט פאַר דער בינע. למשל:

יאָאג. ז. 100.
ר' משה (נאָך הינטער דער טיר) מיין דוד? א. אַז. ו.

דאָרט, ז. 442.
ר' משה (מע הערט זיין קול נאָך פון ווייט) מיין דוד... א. אַז. ו.

די סצענע קומט פאַר אויף דער גאַס, לעבן שמעלקע טרוניקס גאַסטהויז, דעריבער ווערט פאַרריכט אינעם כתב־יד די ניט־פּאַסיקע טראַדיציאָנעלע רעמאַרקע „נאָך הינטער דער טיר". אָדער:

יאָאג. ז. 62.
... (ער בייגט זיך אַוועק און מאַכט פון [איר] חוזק). ניט וואָהר, שיין?

„סערק". וויינר. ז. 331.
... (ער בייגט זיך אַוועק פון אַלטעלען און מאַכט חוזק אויס איר און לאַכט).
(„ניט וואָהר, שיין?" פעלט. דערפאַר אָבער ווערט אין דער רעמאַרקע דערקלערט, אויף וואָסער אופן ער מאַכט פון איר חוזק: „און לאַכט". מיין הערה—מ. ו.)

יאַג. ז. 44.	דאָרט, ז״ז 351־352.
ענדע 2טע אַקט.	סוף פון דעם ערשטן אויפצי.
צווישן דער 2טע און 3טע אַקט איז 4 שעה פאַרכאַי [פאַרביי ?]. מע האָט גבריאלן געבעטן אויף מיטאָג. אַלע שלאָפן נאָך דעם עסן, און ר׳ גבריאל אַליין ליגט אויף דער קאַנאַפּע העלפּט אויסגעטאָן.	דריטער אויפצי. עס קומט פאָר די אייגענע שטוב ווי ביי דעם ערשטן אויפצי.
3טע אַקט.	ערשטער אַריינקום
1טע סצענע.	
ר׳ גבריאל אַליין.	ר׳ גבריאל אַליין.
ר׳ גבריאל (ווי ער ליגט אויף דער קאַנאַפּע זאָגט ער) אַ משכן זאָל מען פאַרזעצן א. אַז. וו.	(ער ליגט אויף דער קאַנאַפּע האַלב אויסגעטאָן) אַ משכן זאָל מען פאַר־זעצן א. אַז. וו.

אַזעלכע דיפערענצן געפינען מיר אויף יעדן זייטל. שוין פון די פאָר ביישפּילן איז אפשר קלאָר געוואָרן, אַז די אָפּווייכונגען שטאַמען פון אַ פריערדיקן, רויערן וואַריאַנט עטינגערס. עטינגער האָט דאָך זיין „סערקעלע״ זייער אַ סך מאָל איבערגעשריבן, און ווי מיר זעען אַפילו ביי די כתב־ידן, נישט מעכאַניש. ער האָט דאָס ווערק, לויט זיין קינסטלערישער טבע, שטענדיק איבערגעאַרבעט.

עטינגער איז אין דער נייער יידישער ליטעראַטור דער ערשטער קינסט־לערישער סטיליסט ביז מענדעלען. וועט דעריבער נייטיק און אינטערעסאַנט זיין צו דערלערנען דורכן פאַרגלייכן דעם וואַריאַנט, וואָס מיר האָבן אין דער יאַג, מיט די שפּעטערדיקע כתב־ידן, דעם אופן און די פּרינציפּן פון עטינ־גערס אַרבעט איבער זיין קינסטלערישן סטיל. עס וועט אינטערעסאַנט זיין פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער סטיליסטיק, גראַמאַטיק, דיאַלעקטאָ־לאָגיע * און לעקסיקאָלאָגיע. אין אַ נייער וויסנשאַפטלעכער אויסגאַבע פון

* אַזוי, למשל, וועט וויינרייכס טעזיס, אַז עטינגערס שפּראַך איז אַ טיפּיש דיאַלעקטישע, דאַן אפשר אָפּגעפרעגט ווערן דורך דעם בוילעטן פאַקט, וואָס עטינגער באַמיט זיך צו פאַרגלעטן און אָפּצושלייפן און אַמאָל אויך אויסצומעקן צו שטאַרק לאָקאַלע אויסדרוקן און תנועות. צי דאַרף מען ניט אין דעם זען אַ שטרעבן צו אַ מער אינטערדיאַלעקטישן (ליטעראַרישן) נוסח? עס פאַרשטייט זיך, אַז שרייבער פון אַזאַ שפּראַך־פעריאָד קאָנען זיך באַזירן נאָר אויף זייער אייגענעם דיאַ־לעקט, אָבער דאָס שטרעבן צו אינטערדיאַלעקטישקייט — מער קאָן איז אַזאַ פעריאָד ניט זיין — פאַרוועָרט ממילא, אַז מע זאָל אַזאַ שפּראַך כאַראַקטעריזירן ווי אַ טיפּיש דיאַלעקטישע.

עטינגערס ווערק וועט מען, אַ חוץ די איבעריקע ניט־באַנוצטע כתב־ידן, אויך די יאָהאַניסבורגער אויסגאַבע מוזן נעמען אין אַכט.*

* * *

און איצט עטלעכע ווערטער וועגן דער וואַרשעווער אויסגאַבע פון „סערקעלע אָדער דיא פאַלשע יאָהרצייט קאָמעדיא אין פינף אַקטען געשעהן אין לעמבערג", וואַרשע, תרל"ו (80 זייטן). א. קאַפּעל קאָן „לויט די ניט גאָר זיכערע ידיעות", וואָס ער האָט „צוזאַמענגעקליבן וועגן דער וואַרשעווער אויס־גאַבע", פונדעסטוועגן דווקא „גאַנץ זיכער זאָגן, אַז סערקעלע איז אָנגעקומען צו דעם וואַרשעווער פאַרלעגער אַלס געגנבעטע סחורה". ניט אַזוי ווי עס שטייט בפירוש אויפן שער־בלאַט „גאָוואָיע איזדאַניע איז יאָהאַניסבורגסקאַוואָ איזדאַניע, 1861 יאָר", נאָר ווי אַ כתב־יד, „וואָס איז אומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, איז פשוט איבערגעשריבן געוואָרן פון אַן עם־הארץ און פאַרקויפט געוואָרן דעם פאַרלעגער". מיט דער זעלבער זיכערקייט ווייסט קאַפּעל, אַז „דערמיט האָבן זיך נאָך ניט געענדיקט די עינויים פון סערקעלע. דער פאַר־לעגער האָט זי נאָך געגעבן איינעם „אויסבעסערן", און אָט די פרעמדע גראָבע און אומגעניטע האַנט האָט אינגאַנצן פאַרחושכט דעם אויסזען פון דער אמתער סערקעלע". די דאָזיקע „ניט גאָר זיכערע ידיעות" קאָנען אָבער בשום־אופן ניט באַרעכטיקן די דורכאויס זיכער אָפּגעלאָזענע באַציאונג ווײַנרייכס, זאָל זײַן כאָטש צו דעם דאָזיקן איינעם געדרוקטן טעקסט פון „סערקעלע", וועלכן

---

* אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן וואַריאַנט געפינען מיר אין דער יאָאַג צו דעם שמועס צווישן דעם פרעמדן און שמעלקען (ב. 1, ז. 424). וועגן „מאָסינגען צום אַקערן, צום זייען און צום מלאָצען" שטייט דאָרט גאָרנישט. עטינגער האָט דאָס ערשט שפּעטער צוגעשריבן. אין דער יאָאַג רעדט זיך פון אַן אַנדערער וויכטיקער ענדערונג. נאָך די ווערטער „אַ גרויסע ברכה אין דער מדינה" זאָגט שמעלקע אין דער יאָאַג: „עס איז זיך געוועזן גרויסע סערירעת (שעררוריות?), גרויסע מלחמות און דאָס קאָרצעלע תבואה איז זעך געוועזן יקרות. האָט דער פּריץ געהאַט אַ ביסל ווייץ און קאָרן, האָט מען עס מיט רויטע רענדלעך אָפּגעוואויגן. דעמאָלט איז טאַקע געוועזן אַ תענוג. דער פּריץ האָט זיך גאָר ניט געסטויסן, אַז דער גוטער סמעלקע האָט עס אין די כעסבן צוויי מאָל טאָפּל אויסגעטריבן. אי דער פּריץ, איז דער גוטער סמעלקע האָט זיך עפּעס געהאַט. אָבער אַצינד איז זיך, בעוונותינו הרבים, טאַקע אַ צרה. עס איז זעך סאָלעם אין דער מדינה. תבואות איז זעך דאָ ווי מיסט, און וואָס גאָר צום ערגסטן איז זעך? דער פּריץ קען זעך כ'לעבן כעס־בענען אויך" (ז. 89). פון דעם דאָזיקן וואַריאַנט ווערט נאָך פאַרשטענדלעכער, פאַרוואָס עטינגער האָט אַזויפיל מאָל פאַרריכט און געענדערט דעם דאָזיקן שמועס שמעלקעס (זע ב. 2, ז. 606, דעם וואַריאַנט אין מאַנוסקריפּט 2) און פאַרוואָס דער דאָזיקער גאַנצער דיאַלאָג פעלט בכלל אין דער וואַרשעווער אויסגאַבע.

ער האָט געהאַט אָדער געקאָנט האָבן צו דער האַנט. ער האָט זיך ניט געגומען די מי פעסטצושטעלן, צי איז טאַקע אמת, אַז די וואַרשעווער „סערקעלע" איז „פאַרגרייזט, פאַרפּלאַכט און וואַנדאַליסטיש צעקאַליעטשעט, פאַרקריפּלט", „ניט שלמה עטינגערס סערקעלע, נאָר אַ סערקעלע פון די עם־הארצישע שמירערס פון יענער צייט" (א. קאַפּעל).

אין אמתן אָבער איז די וואַרשעווער אויסגאַבע כמעט אידענטיש מיט דער יאָאג. דאָס הייסט, אַז מיר האָבן דאָ דאָס אייגענע, וואָס אין דער יאָאג, אַ פריערדיקן וואַריאַנט פון „סערקעלע". קאַפּעלס מעשה מיט די אַריינגעשטעלטע גאַנצע דיאַלאָגן, וואָס האָבן קיין טעם און קיין ריח ניט, איז סיי וואָס שייך דער יאָאג, סיי וואָס שייך דער וואַרשעווער אויסגאַבע פּשוט אויסגעטראַכט. דער וויכטיקסטער חילוק צווישן דער יאָאג און דער וואַרשעווער אויסגאַבע איז, אַז אין איין אָרט פעלט דווקא אַ גאַנצער דיאַלאָג (אפשר צוליב צענזור־סיבות): דער היסטאָריש זייער אינטערעסאַנטער „עקאָנאָמישער" שמועס צווישן דעם פרעמדן און שמעלקען (ב. 2, ז"ז 423—424). פאַלש איז אויך קאַפּעלס באַהויפּטונג, אַז די וואַרשעווער אויסגאַבע „איז ענלעך צו אַ תחינה אָדער אַנדערע רומל־ספרים; קיין קאָמע, קיין פּונקט און קיין אָפּשטעלצייכן". דער קאָרעקטאָר פון דער וואַרשעווער אויסגאַבע האָט דאָס בוך, וואָס זעט אויס, ווי אַלע יידישע ביכער פון יענער צייט, גראָד אין די פּרטים, וואָס קאַפּעל רעכנט אויס, טאַקע פאַרריכט און ניט „פאַרחושכט". ער האָט אַריינגעשטעלט אָפּשטעל־צייכנס, מיט אויפמערקזאַמקייט קאָרעגירט אַ טייל דרוקגרייזן, אויסגעטיילט דורך קלאַמערן די רעמאַרקעס, וואָס זיינען אין דער יאָאג ניט אָפּגעטיילט פונעם טעקסט, ליטעראַרישער געמאַכט דעם אויסלייג א. אַז. וו.

מיר זאָגן, אַז די וואַרשעווער אויסגאַבע איז כמעט און ניט אַבסאָלוט אידענטיש מיט דער יאָאג, ווייל אַ חוץ דעם פעלנדיקן דיאַלאָג געפינען מיר אין איר ניט נאָר באַשטימטע נייע דרוק־גרייזן, נאָר אויך קליינע, אפשר באַוואוסטזיניקע וואָרט־ענדערונגען לגבי דער פאָרלאַגע (דער יאָאג) דאָרט, וואו דער אַנדערש־דיאַלעקטישער קאָרעקטאָר אָדער זעצער (אפשר אַ ליטוואַק) האָט ניט פאַרשטאַנען אַ דיאַלעקט־אייגנאַרטיקייט פון עטינגערס אַ וואָרט און עס געהאַלטן פאַר אַ דרוק־גרייז. למשל: יאָאג, ז. 5: „אַ־וואַ כ'לעבן אַ רייניש מינץ", אין דער וואַרש. אויסג. „אַזוי כ'לעבן" א. אַז .וו. יאָאג, ז. 45: „און דאָ, נאָר אַז ביי איר זאָל ליגן דער סילוק אָנגעלייגט"; אין דער וואַרש. אויסג. פעלט דאָס וואָרט „דאָ" (אַ דיאַלעקטישער ניואַנס, וואָס דאַרף פאַרשטאַרקן דעם אויסדרוק פון פאַרלעגנהייט.) יאָאג, ז. 45: „ער שפּעט איר נאָך ווי זי שמועסט", וואַרש. אויסג. ז. 34: אָנשטאָט „שפּעט" — „רעדט"; זייער אָפט פאַרריכט וואַרש. אויסג. אָנשטאָט „נישט" — ניט, און ענלעכע קלייניקייטן.

7. די ליטעראַטור־היסטאָרישע באַדייטונג פון עטינגערס קאָמעדיע

עטינגערס קאָמעדיע „סערקעלע" געהער צום טיפּ בירגערלעכן פאַמיליען־שוישפּיל, וואָס איז געווען פּאָפּולער זייט לילאָ, דידראָ, לעסינג אין דער ליטעראַטור פון די אויפקלערער. אַרום דער קריטיק פונעם משפּחה־שטייגער ווערט גרופּירט די אויפקלערערישע געזעלשאַפט־קריטיק. די פּיעסע איז שטאַרק שטייגעריש, אָבער ניט „עטנאָגראַפיש". עטינגער איז ניט זשעדנע נאָך שטייגערישע באַשרייבונגען. ער שעפּט שטייגער מיט אַ פולער האַנט, מיט געשמאַק, מיט פיינעם קונסט־פאַרשטאַנד. ער ווייסט אָבער אויך דעם סוד פון שפּאַרעוודיקייט, פון קיצור. ער פאַרכלינעט זיך ניט מיט „עטנאָגראַפיע" ווי אַקסענפעלד. די שטייגער־שילדערונג איז ביי אים אויסגעאיידלט דורך ווירקונגען פון די בעסטע קלאַסישע טראַדיציעס אינעם קאָמעדישן זשאַנר. עטינגער איז זייער ווייט פון דער פרימיטיווקייט, וואָס אין אַן אַנ־הייבערישער ליטעראַטור. פאַרקערט, ער איז אַ סובטילער, זייער קולטורעלער קינסטלער.

„סערקעלע" איז אויסגעצייכנט געבויט, לויט אַלע געזעצן פונעם זשאַנר. די פּיעסע איז אין אַלע אירע טיילן שטרענג דורכגעפּיילט. ס'איז פּשוט צום שטוינען, ווי אַזוי ס'איז מעגלעך געווען צו שאַפן אַזאַ דורכגעפורעמט און רייף ווערק אין אַ צייט, ווען די שפּראַך איז נאָך געווען אַזוי ווייניק צוגעגרייט און די ליטעראַטור האָט נאָך פאַרמאָגט אַזוי ווייניק נייע קינסטלערישע טראַדיציעס.

די פּיעסע האָט ניט קיין פוסטע ערטער, וואָס באַקומען זיך ביי אומ־באַהאָלפענע אויטאָרן ביים צונויפבינדן די איינצלנע געשעענישן. די האַנדלונג אַנטוויקלט זיך אָרגאַניש און לעבעדיק. די פּיעסע איז כמעט אומעטום אָנ־געזאַפּט מיט לעבן. אַן אויסנאַם זיינען בלויז יענע ווייניקע ערטער, וואו מאַרקוס און דער פרעמדער „רעזאָנירן" עטינגערס געדאַנקען אויף אַ דירעקטן „רעטאָרישן" אופן. דאָ קומען צו מאָל פאַר אַ ביסל „סכעמאַטישע" רעפּליקעס (באַזונדערס די דייטשמערישע), וואו די טענדענץ ווערט אויף אַ צו אַנטבלויזטן אופן אַרויסגעזאָגט. די זעלבע געדאַנקען קומען אין דער האַנדלונג און אין די שטייגעריש־לעבעדיקע רעפּליקעס אומפאַרגלייכלעך שטאַרקער און איבער־צייגנדיקער צום אויסדרוק. אין די אומדירעקטע בילדער איז עטינגער טאַקע קליגער, דורך זיי זאָגט ער טרעפלעכער אַרויס זיינע משכילישע געדאַנקען, איידער אין די רעטאָרישע טיראַדעס.

די פּיעסע פאַרמאָגט אַ פיינעם, קלוגן הומאָר, אַן איבעריקער סענטי־מענטאַליטעט — אַ חוץ די ערטער, וואו ס'רעדט זיך וועגן ליבע. דאָ האָט מען זיך דעמאָלט אין אַ יידיש־געשריבענעם ווערק נאָך ניט געקאָנט באַגיין

אָן אַ טראָפּן סענטימענטאַליטעט. אַניט וואָלט דער דעמאָלטיקער לייענער אינ־גאַנצן ניט געוואָלט אויפנעמען דעם ענין פון „ליב־שמיב". מע האָט עס געדאַרפט געבן צו פאַרשטיין אויף אַ סענטימענטאַלן אופן.

עטינגערס פּיעסע איז געווענדט קעגן דער פּאַטריאַרכאַליש־פעאָדאַלישער אָפּגעשטאַנענקייט אין דער יידישער סביבה — פון אַן אויפגעקלערט־בירגער־לעכן שטאַנדפּונקט. ער לאַכט אָפּ פון די פעאָדאַליש־פּאַטריאַרכאַלישע טיפּן, סיי פון די גבירישע (סערקעלע, גבריאל הענדלער), סיי פון די באַלעבאַטישע ביז אַראָפּ צום בעל־אכסניה און שדכן. ער שפּעט פונעם אָפּגעשטאַנענעם שטייגער. אָבער געמיטלעכער, רואיקער, מיט ווינציקער לײדנשאַפט, ווי אַקסענפעלד. מיט מער גוטמוטיקן הומאָר, מיט מער „אָביעקטיווקייט". אין באַשטימטע פּרטים איז ער דערפאַר בלאַסער, ווי אַקסענפעלד. ער פאַרגלעט די צו־שאַרפע קאַנטן. מיר באַקומען ביי אים ניט אַזאַ שפע מיט מאַטעריאַל וועגן דעם לעבן פון יענער צייט, ווי אין אַקסענפעלדס ווערק. זיינע בילדער האָבן ניט אַזעלכע שאַרפע איינדרייטיקע קאָנטורן. זיין אָנגריף קעגן דעם מיטל־אַלטערלעכן שטייגער איז אַ סך באַלעבאַטישער, איינגעהאַלטענער. זיין אָנגריף איז ניט קיין פראָנטאַלער, ער קלייבט זיך אויס אַ ווינקל פונעם דעמאָלטיקן לעבן און עקבערט זיך דאָרט איין.

דערפאַר אָבער איז דער דאָזיקער אָנגריף זייער סאָליד צוגעגרייט און זייער קונציק דורכגעפירט. די בילדער, וואָס עטינגער גיט, קאָן מען ניט טשעפּען אויף קיין האָר. דאָ איז ניטאָ קיין גוזמא, קיין ברעקל אומעכטקייט (אַ חוץ, ווי געזאָגט, ביי די געשטאַלטן און די רייד פון די אויפגעקלערטע), קיין שום נאַאיווקייט, קיין שום פּרימיטיווקייט, קיין שום שאַרזש אָדער גראָטעסק. זיין פּיעסע פאַרמאָגט ניט די סאַטירישע שאַרפקייט און דעם ליידנ־שאַפטלעכן חוזק אַקסענפעלדס, וואָס גיבן זיינע ווערק, טראָץ דער גוזמא, טראָץ דעם שאַרזש — אַ ברייטן פאַרנעם און אַ רייכע שפע פון ווירקלעכקייט. עטינגערס פאַרנעם איז שמעלער. אין עטינגערס אָנגריף איז אויך ניטאָ אַקסענפעלדס געזעלשאַפטלעכע דרייסטקייט, זיין געזעלשאַפטלעכער מוט און אימפּעט. מיט קאַמף קעגן צביעות, למשל, האָט אין דער יידישער סביבה פּרינציפּיעל יעדערער געקאָנט מסכים זיין. מיט פאַרניכטנדיקן קאַמף קעגן חסידיזם — ווייט ניט יעדערער. דער „שטאָף" אין עטינגערס פּיעסע איז אַ טראַדיציאָנעלער און ניט אָריגינעלער. די שאַרף איז געווענדט קעגן געוויסע סאָציאַלע כאַראַקטערן, וואָס זיינען סיי־ווי ניט געווען פּאָפּולער אין די ברייטע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דערפאַר אָבער זיינען די בילדער, וואָס עטינגער גיט פון די דאָזיקע כאַראַקטערן, אויסשעפּנדיק און פולקום. זיי פאַרסך־הכּלען אַלץ, וואָס דאָס פאָלק האָט וועגן די דאָזיקע געשטאַלטן געטראַכט. ווער ס'האָט זיך שפּעטער

נאָך עטינגערן ניט געזאָלט צורירן צום שילדערן אַ טייל פון די דאָזיקע כאַראַקטערן, האָט זיי ניט געקאָנט בעסער מאָלן. וועגן סערקעלען, יוחנן שדכן, שמעלקע טרויניקס, חיים (פּונקט ווי וועגן זונדל און מנשה אינעם פראַגמענט „דער פעטער פון אַמעריקע״) וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז זיי שטייען אויף דער הייך פון שלום־עליכמס געשטאַלטן־מאָלערײַ.

עטינגער צייכנט זיינע כאַראַקטערן זייער דיפערענצירט. די שפּראַך פון יעדער געשטאַלט זיינער איז מייסטעריש אינדיווידואַליזירט, דורכאויס עכט, שטייגעריש און דערביי אָבער אויך פּערזענלעך ניואַנסירט. אַפילו ווען עטינ־גער באַנוצט אַמאָל דעם פּרימיטיוון אופן צו כאַראַקטעריזירן אַ מענטשן דורך זיין דיאַלעקט (שמעלקע טרויניקס רעדט אין ליטווישן דיאַלעקט), מאַכט ער דאָס אָן אַ שיעור פיינער און עכטער ווי אַקסענפעלד. די הויפּט־ווירקונג פון דער קאָמיק ליגט דאָ ניט אינעם דיאַלעקט, נאָר אינעם אינהאַלט פון די ווערטער, וואָס ווערן געזאָגט אין דעם דאָזיקן דיאַלעקט (ביי אַקסענפעלדן דאַרף אין אַזעלכע פאַלן דער דיאַלעקט גופא דינען אַלס הויפּט־מיטל פון דער קאָמיק).

וואו מע זאָל ניט אויפמישן אין „סערקעלע״, איז עס אָנגעשטאָפּט מיט לעבעדיקע בילדער, מיט לעבעדיקער, מחיהדיקער שפּראַך. עטינגער פאַר־מאָגט אַ גרויסע שפע פון שפּראַך, ער איז אָבער אויך דאָ ניט סתם „עטנאָ־גראַפיש״. ער דיסציפּלינירט זיין שפּראַך ווי אַ מייסטער. ער איז זייער פאָלקסטימלעך אין דער שפּראַך, ניט בלויז אין דער לעקסיק — ווי אַ טייל שרייבער — נאָר אויך אינעם זאַצבוי. און סיי די לעקסיק און סיי דעם זאַצ־בוי שלייפט ער מיט עכטער קינסטלערישער קולטור. ס׳פּילט זיך גראָד דאָ, אינעם זאַרגעוודיקן, עקשנותדיקן און פּאַרזיבטיקן שלייפן, דרך־ארץ און ליבע צום וואָרט פון די פאָלקס־מאַסן. עטינגער האָט זיך באַוואוסטזיניק געשטעלט די אויפגאַבע צוצוגרייטן די שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן פאַר אַ הויך־אַנט־וויקלטער קינסטלערישער ליטעראַטור. די העברייאיסטישע בעלי־דקדוק האָבן ליב געהאַט זיך צאַצקען מיטן וואָרט, עס אָן אַ שיעור צו פיילן און צו פוצן פון אַלע זייטן, ביז זיי האָבן דערפון אַראָפּגעשליפן און אַראָפּגעפוצט דאָס לעצטע ביסל חיות, וואָס עס האָט פאַרמאָגט. עטינגער האָט די דאָזיקע אומ־שעפעריש שפּילערישע ליבע שעפעריש און ערנסט איבערגעטראָגן אויפן לעבעדיקן, קרעפטיקן וואָרט פונעם פאָלק, האָט דאָס וואָרט דיסציפּלינירט און געצוימט און עס אַרויפגעהויבן אויף אַ העכערער מדרגה פון קולטור.

עטינגער האָט גוט געוואוסט, אַז דער לעבעדיקער קוואַל פון דער שפּראַך ליגט אינעם פאָלקסטימלעכן רעדן, אינעם פאָלקלאָרישן וואָרט. ער האָט אָבער אויך געוואוסט, ווי אַזוי זיך דערמיט צו באַנוצן, ווי אַזוי דערפון אָפּצוקלייבן, ווי אַזוי עס צו דיפערענצירן, ווי אַזוי עס אַריינצושטעלן, אַז עס זאָל פינקלען

אינעם פולן גלאַנץ, אין אַלע קאָלירן. עטינגער האָט געקאָנט אויסרעכענען אַ ווירקונג. ער האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנטן, באַוואוסטזיניקן געשמאַק (ניט בלויז אַ נאַטורוואוקסיקן, אַ סטיכייאישן — ווי אַקסענפעלד).

דער אופן, ווי עטינגער אַנטפּלעקט כאַראַקטערן דורך רייד, איז אַזוי מייסטעריש, ווי מיר האָבן עס אין דער ליטעראַטור נאָך אים ניט געהאַט ביז צו שלום-עליכמען. אין דער יידישער ליטעראַטור פונעם 19טן יאָרהונדערט האָט אַ סך יאָרצענדליקער דאָמינירט דער זשאַנר פון דראַמע (וועגן די סיבות — זע אויבן, ז. 94). ביז צו מענדעלען איז געווען אויף אַ סך מאָל מער פּיעסעס, אײדער פּראָזאַאישע ווערק, און אויך יעדערער פון אונדזערע קלאַסיקער האָט געשריבן דראַמאַטישע ווערק. אָבער וואָס שייך רייפע קינסט־לערישע מייסטערשאַפט וועט מען אַפילו אין מענדעלעס פּיעסעס („די טאַקסע", „דער פּריזיוו") געפינען ווייניק זייטלעך פון אַזאַ הויכן ניוואָ ווי עטינגערס „סערקעלע". אין דעם ווערק איז צום ערשטן מאָל אין דער יידישער ליטעראַ־טור אמתדיק קינסטלעריש געפורעמט געוואָרן דאָס לעבעדיקע סטיכייאישע וואָרט. אין דעם פּרט איז די ווירקונג פון דעם ווערק אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור געווען זייער אַ גרויסע. מע דאַרף רעכענען, אַז אַ גענויערע אויספאָרשונג וועט געפינען אַ צוזאַמענהאַנג פון טראַדיציע אַפילו דאָרט, וואו מע האָט זיך גאָרניט געריכט, ניט נאָר צווישן עטינגערן און פּרצן, צווישן עטינגערן און גאָטלאָבערן, צווישן עטינגערן און גאָלדפאַדענען, נאָר אויך, ניט געקוקט אויף דער פאַרשיידנקייט פון דער דיאַלעקט-באַזע, צווישן עטינגערן און מענדעלען, און ממילא אויך צווישן עטינגערן און שלום-עליכמען. עטינגערס „סערקעלע" געהער צו יענע קלאַסישע ווערק, וואָס האָבן פאַר דער אַנטוויקלונגס-געשיכטע פון דער ליטעראַטור אַ צענטראַלע באַדייטונג. קיין בעסערע קאָמעדיע איז זייט דעמאָלט אין דער יידישער ליטעראַטור ניט געשריבן געוואָרן.

8. עטינגערס פאָרגייער אין דער יידישער ליטעראַטור

ווי מיר האָבן שוין פעסטגעשטעלט, באַרירט וויינרייך ניט דעם היס־טאָריש-געזעלשאַפטלעכן פאָן, דעם געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער פון עטינגערס שאַפן. אַ חוץ די ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע ידיעות איז וויינרייך יוצא דערמיט, וואָס ער וויזט אָן (אין „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע", ז. 287 און ווייטער) אויף באַשטימטע ליטעראַרישע השפּעות, וועלכע האָבן געווירקט אָדער געקאָנט ווירקן אויף עטינגערן.

אָבער אַפילו די דאָזיקע פאַר זיך אינטערעסאַנטע דעטאַלן וועגן די סוזשעטישע און אַנדערע ליטעראַרישע אַנטלייאונגען עטינגערס, ד. ה. די

פראַגע וועגן די מוסטערן פאַר עטינגערס שאַפן, באַהאַנדלט וויינרייך אויף אַ זייער „צופעליקן" אופן.

וויינרייך שטעלט נישט מיט קיין איין וואָרט די פראַגע וועגן דער פיעסע פונעם אַנאָנימען מחבר „די גענאַרטע וועלט", וועלכע האָט לויט עטינגערס אייגענעם עדות־זאָגן געהאַט אַ באַשטימטע ווירקונג אויף זיין שרייבן יידיש בכלל * און אויף „סערקעלע" בפרט. ווי באַוואוסט, דערמאָנט אויך אַקסענפעלד די דאָזיקע פיעסע אין זיין הקדמה־ליד צו זיין אייגענער „די גענאַרטע וועלט" (זע אויבן, ז. 51).

ס'ווערט ניט קלאָר, צי האָט אַקסענפעלד די דאָזיקע אַנאָנימע „גענאַרטע וועלט" אַליין געזען און געלייענט אָדער בלויז וועגן איר געהערט. זיכער איז אָבער, אַז די אַנאָנימע „די גענאַרטע וועלט" (ווייטער וועלן מיר אומעטום

* דער רײן-אויפקלערערישער סאָציאַלער אימפּולס פאַר זיין שרייבן אין יידישער שפּראַך איז ביי עטינגערן אַ סך וויניקער דייטלעך ווי ביי לעווינזאָנען, אַקסענפעלדן אָדער ביים פריאיקן מענדעלע. אָן ספק האָבן דאָ מער אָדער וויניקער געווירקט אויך נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. עטינגער האָט אַ היפּש ביסל צייט געלעבט אינעם דעמאָלט עסטרייכישן לעמבערג. עס זיינען אפשר צו אים דערגאַנגען ידיעות וועגן די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען אויפן פּאָליטישן און קולטורעלן געביט מצד די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן אין עסטרייך און אויך וועגן דער גרינדונג פון ליטעראַטורן אין נאַציאָנאַלע שפּראַכן, וואָס האָבן קיין ליטעראַטורן ביז צו יענער צייט נאָך ניט פאַרמאָגט, אָדער וואָס די ליטעראַטור-אַנטוויקלונג האָט זיך ביי זיי זייט יאָרהונדערטער איבערגעריסן. די דאָזיקע פראַגן זיינען דעמאָלט דיסקוסירט געוואָרן דורך דער אינטעליגענץ פון די קלענערע פעלקער און פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין עסטרייך. גראָד אין לעמבערג, אַלס דער הויפּט-שטאָט פון מזרח-גאַליציע, וואו די עסטרייכישע רעגירונג האָט אונטערגעהאַלטן די נאַציאָנאַלע קעגנזאַצן צווישן פּאָליאַקן און אוקראַינער און האָט זיך באַמיט דאָס אויסצונוצן לטובת דער „מלוכהשער" דייטשער קולטור און שפּראַך, האָט ביי עטינגערן געקאָנט אויפקומען דער געדאַנק וועגן יידיש אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון די פאָלקס-מאַסן. אין אַזאַ אַספּעקט איז דאָך די פּראָבלעם פון יידיש געשטעלט געוואָרן פון ש. ביק. ווי ס'זאָל ניט זיין, האָט אָבער עטינגער אָן ספק געזען אין דער יידישער שפּראַך די מעגלעכקייט אויסגעבילדעט צו ווערן אין אַ קולטורעלער נאַציאָנאַלער שפּראַך.

פונדעסטוועגן איז דאָס הימל-ווייט פונעם היינטיקן באַלעבעסלדיקן יידישיזם. עטינגערס כוונות בנוגע יידיש האָבן פאַר זיין צייט באַטייט: אַריינפירן די יידישע באַפעלקערונג אין דער אייראָפּייאישער קולטור און ליטעראַטור, איינשליסן זיך אין דער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג פון זיין צייט. יידישיזם אָבער באַטייט: זיך אָפּגרענעצן און זיך אויסשליסן פון דער פּראָגרעסיווער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די פאָלקס-מאַסן אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַליסטישער אייגנאַרטיקייט.

שרייבן פאַרקירצט: אַגעווע), וואָס איז דערשינען אין גאַליציע („אינעם קאָר־דאָן“),* האָט געהאַט אַ וויכטיקע השפּעה אויף עטינגערס שאַפן.

אינעם דערמאָנטן פּראָספּעקט צו זיינע ווערק דערציילט עטינגער: „פאַר עטלעכע יאָר האָב איך געקריגן צו לייענען אין לעמבערג (אומעטום פון מיר אונטערגעשטראָכן—מ. וו.) צוויי ביכלעך: איינס האָט געהייסן „די גענאַרטע וועלט“, און דאָס אַנדערע „אַלטעלי“. ביידע ביכלעך זיינען איבערגעזעצט און גאָר איבערגעאַרבעט געוואָרן פון דייטש אויף יידיש. דאָס ערשטע הייסט אויף דייטש** „דער טאַרטיף“, און דאָס אַנדערע „ראָבינזאָן“. . . . אויב די ביכלעך זיינען יאָ אָדער נישט גוט געמאַכט געוואָרן, וויל איך מחמת כמה טעמים נישט זאָגן. נאָר דאָס וועט איטלעכער שוין אַליין איינזען, אַז ווייניקסטנס האָט מיר דער פּלאַן צו שרייבן אין פּראָסטע יידישן לשון געמוזט געפעלן, וואָרין עך האָב מיך תיכף געפּרואווט, אויב עס איז אין מיין כוח אויך עפּעס אין דעם שטייגער און אין דעם לשון צו שרייבן.“ מיר זעען, ווי וויכטיק עטינגער האָט געהאַלטן די ווירקונג פון די דאָזיקע צוויי ביכער פאַר זיין שאַפן, ניט בלויז וואָס שייך צו שרייבן „אין דעם לשון“, נאָר אויך וואָס שייך „דעם שטייגער“. דעם ראָבינזאָן־מאָטיוו געפינען מיר נישט אין עטינגערס ווערק (סיידן, אפשר דער פּראָזע־פראַגמענט „די צוויי נגידים“, ב. 2, ז. 533, זאָל זיין דער אָנהייב פון אַזאַ „גאָר איבערגעאַרבעטער“ ראָבינזאָן־געשיכטע). דעם מאָליערישן טאַרטיף־מאָטיוו געפינען מיר יאָ אין זיין שאַפן—אין „סערקעלע“. ווייניקער זוכט השפּעות פון פּאָנוויזינען און רעדט ניט וועגן די דייטלעכע השפּעות פון וואָלפסזאָנס „לייכטזין און פרעממעלייא“ (אַ חוץ דער אגבדיקער באַמערקונג אין „בילדער א. אַז. וו.“, אַז, פּונקט ווי ביי וואָלפסזאָנען, הייסט אויך ביי עטינגערן די משכּילישע אידעאַל־פיגור — מאַרקוס).

ווייניקער מאַכט ניט דעם מינדסטן פּרואוו אויסצוקלאָרן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן עטינגערן און זיינע פאָרגייערס אין דער יידישער ליטעראַטור. עס קומט כמעט אַזוי אויס, אַז עטינגער האָט אָנגעהויבן פונדאָסניי און אַז ער האָט בלויז געהאַט מוסטערן פון ניט־יידישע ליטעראַטורן, כאָטש עטינגער גופא ווייזט אַליין אָן אויף דעם רינגעלע אין דער קייט, וואָס צווישן זיין שאַפן און וואָלפסזאָנס פּיעסע: אויף דער אַנאָנימער „די גענאַרטע וועלט“.

---

* „אינעם קאָרדאָן“ באַטייט ניט „אויף יענער זייט גרענעץ“ סתם, נאָר ס'איז אַ סינאָנים פאַר עסטרייכיש־גאַליציע. זע דעם גלאָסאַר אין י. פּערלס „מגלה טמירין“ (אויסגאַבע לעמבערג, 1864, ז. ע"א) „קורדאָן — גאַליציען“, „קורדאָניר — אנשי גאַליציען“. זע אויך אין דער אַנאָנימער „גענאַרטע וועלט“ אין אַ סך ערטער.

** אַ שטיקל סימן, אַז עטינגער האָט געהאַט קנאַפּע ידיעות אין דער פראַנ־צויזישער שפּראַך און ליטעראַטור און אַז ער האָט זיך באַקענט מיט פראַנצויזישע ווערק נאָר דורך דייטשע איבערזעצונגען.

9. די ערשטע פיעסע אין דער נייער יידישער ליטעראַטור־שפּראַך

מיר קאָנען איצט מיט זיכערקייט זאָגן, אַז עטינגערס אַגוויין אויף דער אַגעווע אַלס אַ וויכטיקן מוסטער פאַר זיין שאַפן איז דורכאויס געווען באַרעכטיקט און אַז דאָס איז ניט גלאַט אַ דרך־אגבדיקע העפלעכקייט בנוגע אַ פריערדיקן שרייבער.

אַן עקזעמפּליאַר * פון דער דאָזיקער אַנאָנימער „די גענאַרטע וועלט" געפינט זיך איצט אין דער ביבליאָטעק פון דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין קיעוו. צוליב פאַרשיידענע טעמים ברענג איך דאָ דערווייל בלויז דעם טעקסט פונעם טיטל־בלאַט, עטלעכע קליינע אויסצוגן און אַ ריי באַצבאַכטונגען און פעסטשטעלונגען וועגן דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן דרוק.

די גענאַרטע וועלט

—אַ ווינדר שיין טעיאַטער שטוק עס אוז דר בעסטר שפּיגל און דר וועלט אַז מען קוקט דערונן גוט אַריין זעהט מען זייער קלאָר און ריין וואָס עס טוט זוך און יענעמס האַרץ און מען לערנט דר פון אַז מען טאָר זוך גושט תמיד פר לאָזון אויף דעם פנים. וואַרון אַמאָל אוז דאָס עפלו זייער שיין, און אונווייגוג זוצט אַ בייזער וואָרום:

לעמבערג

הובאַ לבי״הד ע״י הגגיד מוהר״ר צבי הירש ציקר נ״י

Genarte Welt

Lemberg

Druck von B. Leib Necheles

דאָס בוך האַלט 40 בלאַט (אין אָריגינאַל ע״ט זייטן), פאָרמאַט 12×20. פון דער הקדמה:

„... און ווער דאָס ביכל וועט לייענען, וועט דערפון גרויס תענוג האָבן. עס קאָן מעגלעך זיין, אַז מאַנכע מענטשן וועלן זיך בייזערן, ווען זיי וועלן דאָס ביכל לייענען. זיי וועל איך אָבער ענטפערן: ווער עס פילט זיך, דער מיינט זיך, ווּעמען עס בייסט, דער זאָל זיך קראַצן,** אַז מען עסט נישט קיין קנאָבל.

* דאָס בוך איז איינגעבונדן אינאיינעם מיט דער יאָהאַניסבורגער אויסגאַבע פון „סערקעלע".

**פאַרגלייך וואָלפסזאָנס הקדמה צו „לייכטזין אונד פרעממעלייא" („פאָרערינערונג"): „דער קראַטצע זיך, דער עס יוקט, וויר אַלע האַבען איינע רייגע הויט" (ז. רייזען: פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע, ז. 31). זע אויך עטינגערס „אַ וואָרט פריער" צו „סערקעלע" (ב. 2, ז. 291). דאָס טיטל-בלאַט ברענגען מיר אין דער אָרטאָגראַפיע פונעם אָריגינאַל. די איבעריקע טעקסטן — אין אונדזער אָרטאָגראַפיע, אָבער אָפּהיטנדיק די קלאַנגען, אויף וויפיל זיי ווערן דייטלעך אין דער אָריגינעלער אָרטאָגראַפיע.

שטינקט מען בישט. עץ [פּאַר] שטייט שוין, וואָס איך מיין."

„די מענטשן, וואָס קומען פאָר אין דעם ביכל, זיינען:

אַ גרויסער סוחר אין רוסלאַנד.
זיין איינציקער זון פון דעם ערשטן ווייב.
זיין אַנדער ווייב, אַ גרויסע מיוחסת.
זיין ברודערס טעכטערל, אַ יתומה.
זיין בוכהאַלטער פון עסטרייך.
איין מלמד, וואָס קנעלט ביי אים אין הויז.
אורי, דער הויז־יונג.
איין סופר, משרתים, שכנים, געסט.

די מעשה האָט זיך געטראָפן ביי דעם סוחר אין הויז. זי הייבט זיך אָן אסתר־תענית נאָך דער מגילה און לאָזט זיך [אויס] אום פורים ביי דער „סעודה"."*

מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ פאַרגרייזטן און אפשר אויך „איבערגעאַרבעטן" און געקירצטן** איבערדרוק פון אַ פריערדיקער אויסגאַבע, וואָס איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין זשאָלקעוו אין דער אַנדערער העלפט פונעם צווייטן יאָרצענדליק אינעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. בן־יעקב — דער איינציקער עלטערער ביבליאָגראַף, וואָס פאַרצייכנט דעם בוך, — רעגיסטרירט אין „אוצר הספרים" די פריערדיקע אויסגאַבע: „גינאַרטע וועלט" (דיא—) ספור לפורים*** בל"א יהודית ע"ד ההוה (דראַמע) המו"ד (זאָלקווא 80)", ד. ה. כאָטש עס פעלט אויפן טיטל־בלאַט דאָס אָרט און דאָס יאָר פון דרוק (המו"ד— חסר מקום ושנת דפוס), ווייסט ער פאָרט דאָס דרוק־אָרט: זשאָלקעוו אין גאַליציע. לויט פאַרשיידענע וויכטיקע סימנים דאַרף מען זאָגן, אַז דער אַנאָנימער מחבר געהער צו דער פוילישער, געגויער, גאַליצישער דיאַלעקט־געגנט. ער דאַרף זיין איינער פון די אַזוי־גערופענע „בראָדער משכילים",

---

* די א. ג. „איינהייט פון צייט" איז אויך אין „סערקעלע" לויט דעם מוסטער דורכגעפירט (אַלץ געשעט דאָרט אין דעם זעלבן יאָרצייט־טאָג).

** עטלעכע וויכטיקע סוזשעטישע דעטאַלן זיינען ניט גענוגנדיק אַנטוויקלט (למשל, אַ מאָטיוו מיט בילדער, וואָס דאַרף שפּילן אַ ראָל אין דער אינטריגע, ז. נ"ה). ערטערווייז פילט מען קלאָר, אַז דער טעקסט איז געקירצט.

*** בן־יעקב כאַראַקטעריזירט די „דראַמע" — אין אמתן איז עס אַ קאָמעדיע — ווי אַ „פורים־שפּיל". אין דעם פּרט גייט דער אַנאָנימער מחבר נאָך דער טראַדיציע פון וואָלפסזאָן, וואָס האָט זיין פּיעסע כלומרשט געשריבן, נאָר כדי צו פאַרבייטן די האַמעטנע פורים־שפּילן. אויך דעם צוועק פון דער פּיעסע „די גענאַרטע וועלט" ווייזט אָן די רעמאַרקע, אַז די אַקציע הייבט זיך אָן אסתר־תענית נאָך דער מגילה און לאָזט זיך אויס פורים ביי דער סעודה.

וואָס האָבן אפשר געלעבט אַ שטיק צייט אָדער שטענדיק, ווי אַ סך ענלעכע עמיגראַנטן, ערגעץ אין אוקראַינע. עס איז אויך מעגלעך, אַז דער מחבר האָט געלעבט אינעם גאַליצישן טאַרנאָפּאָל, וואָס האָט אַ שטיק צייט געהערט צו דער רוסישער אימפּעריע. די אַקציע קומט, אַפּנים, פאָר אין אַ גרעסערער שטאָט פון אוקראַינע אָדער אפשר אין טאַרנאָפּאָל. דער משכילישער רעזאָניאָר אין דער פּיעסע איז דער „בוכהאַלטער פון עסטרייך", געמיינט פון עסטרייכיש גאַליציע (אין דער פּיעסע ווערט ער אָנגערופן סתם „שרייבער"; פּונקט אַזוי פיגורירט אינעם טעקסט שטענדיק די פּרויען־פיגור, וואָס ווערט געבראַכט אין דער רשימה ווי דעם סוחרס „אַנדער ווייב, אַ גרויסע מיוחסת", אונטערן רופצייכן „פּיינע־בריהטע"; אויך דעם סוחרס „איינציקער זון פון דעם ערשטן ווייב" הייסט אינעם טעקסט סתם „בחורל").

באַשטימטע סימנים ווייזן, אַז דער אַנאָנים פון אַגעווע איז געווען באַקאַנט מיט לעפינס קהלת־איבערזעצונג.*

עס איז כמעט זיכער, אַז עטינגער איז אויך געווען באַקאַנט מיט וואָלפסזאָנס פּיעסע, און אויב ער דערמאָנט זי ניט ווי אַ מוסטער פאַר זיין שרייבן, קאָן דאָס דערקלערט ווערן דערמיט, וואָס וואָלפסזאָנס פּיעסע איז אַפילו אין די יידישע טיילן געשריבן אין אַ דיאַלעקט, וואָס איז עטינגערן פרעמד געווען. די אַגעווע איז אָבער די ערשטע פּיעסע, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן, און אינגאַנצן, אין דער נייער יידישער שפּראַך. פאַרשטענדלעך דעריבער, אַז נאָר די פּיעסע האָט אים געקאָנט אָנרעגן אָנצושרייבן עפּעס „אין דעם לשון".

אָבער אויך סוזשעטיש האָט עטינגער אַ סך גענומען פון דער אַגעווע.

---

* אונטערן טעקסט ווערן פאַרשיידענע אַריינגעבראַכטע פּסוקים פאַרטייטשט אויף אַזאַ אופן: הולך את חכמים יחכים ורוע כסילים ירע" — ווער עס האָט ליב חכמים, דער איז אַליין אויך אַ חכם, און ווער עס פּאַשעט נאַראָנים, ווערט מיט זיי פאַרשוואַרצט (ז. מ"ד); „ועל כל פשעים תכסה אהבה" — עס מעג זיך נאָך אַזויפיל קלוטנעם געפינען, דעקט אַלץ די ליבשאַפט צו; „אשת חיל עטרת בעלה וכרקב בעצמותיו מבישה" — אַ בריה אַ יידענע אַ געטרייע ווייב איז אַ קרוין צום מאַנס קאָפּ און אַ בייזע ברענט ווי אַ גאַשטשיץ אין זיינע גלידער (ז. מ"ד) א. אַז. וו.

אגב, איז כדאי אָנצואווייזן אויף דער ענלעכקייט אינעם טיטל פון לעווינזאָנס דיאַלאָג צום טיטל פון אַגעווע: די געגנאַרטע ו ו ע ל ט — די הפקר-ו ו ע ל ט. אין דער אַגעווע קומט פאָר אַזאַ זאַץ: „שרייבער (זיפצט) א י ז ד י פ אַ ר-ק ע ר ט ע ו ו ע ל ט; אין לעווינזאָנס הפקר-וועלט; „אורח: „נ אָ ר ע פּ ע ס אַ פ אַ ר ק ע ר ט ע ו ו ע ל ט". אונטער דעם טיטל „ד י פ אַ ר-ק ע ר ט ע ו ו ע ל ט" איז אויך פאַראַן אַן עפּיגראַמע פון עטינגערן (ב. 1, ז. 259). די רעדנסאַרט שטאַמט פון העברייאיש (עולם הפוך ראיתי א. אַז. וו.) און איז אויך פאַראַן אין דער דייטשער שפּראַך: „וואָ דענקען זי הין? דאַס ווערע יאַ די פערקעהרטע וועלט". קאָצעבוי: „דער ווירוואַר", רעקלאַם-אויסגאַבע, ז. 15. אגב האָט אויך גאָטלאָבער געשריבן אַ פּאָעמע: „די פאַרקערטע וועלט".

למשל: דעם מאָטיוו וועגן דער יחוס־איינרעדעניש ביי דער פרויען־פיגור (אַגעווע, ז. י״ט; „סערקעלע״, ז. 300 א. אַ. ערטער); די יתומה ביים פעטער (אַ מאָטיוו, וואָס חזרט זיך איבער ביז גאָלדפאַדענען) איז דער פּראָטאָטיפּ פון הינדען אין „סערקעלע״; דער „בוכהאַלטער פון עסטרייך״, דער „שרייבער״ האָט אַ שייכות צו עטינגערס רעזאָנירישער פיגור מאַרקוס; „די פיינע־בריהטע״, די גרויסע מיוחסת איז אַ פּראָטאָטיפּ פון סערקעלען: אורי דער משרת איז ענלעך צו די משרת־פיגורן ביי עטינגערן. אין „סערקעלע״ איז דער שטיפערישער, שייגעצוואָטער אורי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חוהן (צום טייל איז ער פאַראַן אין ירחמיאלן). אין עטינגערס דראַמאַטישן פראַגמענט „דער פעטער פון אַמעריקע״ דערקענען מיר אין מנשהס פיגור זייער דייטלעך אוריס שטריכן. בכלל איז די סצענע צווישן דעם טאַרטיף־מלמד ר׳ זונדל און דעם משרת מנשה אין דעם דערמאָנטן פראַגמענט עטינגערס (ב. 2, ז״ז 478—474) נאָכגעמאַכט לויט ענלעכע סצענעס צווישן דעם מלמד אורי אין דער אַגעווע.

באַזונדערס וויכטיק איז די השפּעה אין פּרט פון שפּראַך. זי דערגייט ביז צום איבערנעמען גאַנצע זאַצן. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער עיקר נעמט עטינגער איבער פון דער אַגעווע רעדנסאַרטן, ווערטלעך און שפּריכווערטלעך. די פּאַראַלעלן קומען צו אָפּט פאָר, אַז מע זאָל זיי קאָנען דערקלערן מיט אַ בלויזן צופאַל. אָט זיינען עטלעכע ביישפּילן:

אַגעווע, ז. מ״ז
אונדזער הער גאָט באַשערט אָבער תמיד דעם שפּינער זיין פלאַקס און דעם טרינקער זיין וויין.

סערקעלע, ז. 328
דער שענקער דאַרף זיין וויין און דער שפּינער זיין פלאַקס.

אַגעווע, ז. י״ט
ווי זאָגט מען עפּעס: אַז דער וואָגן פאַלט, זיינען די רעדער צו שווער.

סערקעלע, ז. 386
כ׳לעבן טאַקע אמת, אַז ווען דער וואָגן פאַלט, זיינען די רעדער צו שווער.

אַגעווע, ז. כ״ב
זי מוז חתונה האָבן, וואָרין עס איז נישט פאַראַן קיין יידיש קלויסטער. (קלויסטער — מאָנאַסטיר)

סערקעלע, ז. 333
קיין יידיש קלויסטער איז דאָך נישטאָ, מילא, וועט איר דאָך איר מוזן אַמאָל חתונה מאַכן אויך.

אַגעווע, ז. ל״ד
איך וועל דיר ווייזן, ווער עלטער איז.

סערקעלע, ז. 341
דיר וועל איך ווייזן, ווער עלטער איז.

סערקעלע, ז. 368
איך וועל דיר ווייזן . . . ווער עלטער איז.

אַגעווע, ז. י"ז
גייט אַרויס אַ געפּוצטע טאָק (ליאַל־קע—מ. וו.) און טויג נישט אַפילו אַ קאַץ אויס דעם אויוון אַרויס־צוטרייבן.

סערקעלע, ז. 333
אַט ליגט איבער מיר אַ גרויסע מויד, וואָס טויג, אָסור, נישט אַ הונט אויס דער גרוב אַרויסצוטרייבן.

אַגעווע, ז. כ"ב
דו ווייסט, אַז איך וואונטש מיר נישט קיין רייכטום, קיין גאָלד, קיין פּערל אָדער קייטן און דימענטן, נור דעם, וואָס מיין האַרץ ליבט און באַגערט.

סערקעלע, ז. 367
מעגע זיך גון די גאַנצע וועלט מיט פּערלען, דיאַמאַנטן אונד ווי דאָס צייג אַלעס הייסן מאַן באַרייכערן... איך האַבע דיך, מיינע ליבע הינ־דעלע, אונד האַבע פּערלען, דיאַ־מאַנטן און קליינאָדיען גענוג.

אַ פאַרגלייך פון די טעקסטן און די אויסקלאָרונג, אויף וויפיל עטינגער איז געווען אָפּהענגיק און באַווירקט פון דער אַגעווע, באַווייזט קלאָר די באַ־דייטנדיקע אָריגינעלקייט און קינסטלערישקייט עטינגערס. די אַגעווע איז, אַפילו ווען מע זאָל נעמען אין אַכט, אַז זי איז געקירצט און צעקאַליעטשעט, זייער פּרימיטיוו אָנגעשריבן. איר שפּראַך איז רייך און יאָדערדיק, אָבער רוי און האַמעטנע. קינסטלעריש איז די אַגעווע אין פאַרגלייך מיט וואָלפסזאָנס פּיעסע אַ רעגרעס.* „סערקעלע" איז אָבער נאָך ביז היינטיקן טאָג אפשר די בעסטע און קינסטלעריש־פולקומסטע פּיעסע אין דער יידישער ליטעראַטור.

10. „ראָבינזאָן" אויף יידיש

אויך וועגן דעם אַנדערן פון די צוויי „ביכלעך", וועלכע עטינגער דער־מאָנט אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין באַשלוס „צו שרייבין אין פּראָסטע יידישען לשון", וועגן דער ראָבינזאָן־איבערזעצונג „אַלטעלי", לוינט אויספירלעכער

* באַטש מע קאָן דאָס ניט זאָגן וואָס שייך דער שפּראַך. ס'איז דאָך די ערשטע פּיעסע אין דער נייער יידישער שפּראַך, אין וועלכער עס רעדן דורכאויס אַלע פּאַרשוינען, אויך יענע פּאָזיטיווע פיגורן, וואָס דריקן אויס דעם מחברס השכלה־געדאַנקען, אין אַ קרעפּטיקן ריינעם לשון. אין דעם פּרט ברעכט דער אַנאָנים די טראַדיציע און ברענגט אַ זייער וויכטיק נייס.

צו רעדן. ניט בלויז צוליב דער פּאָפּולערקייט פון דעם בוך אין יענער צייט („עך האָב צו געזעהן, אַז דיא ביכלעך זעניִן זייער אַ סך מענשין געפעלין״; אויך די פילע איבערדרוקן און אויסגאַבעס זאָגן וועגן דעם עדות), נאָר דער עיקר, ווייל עס איז אינטערעסאַנט נאָכצושפּירן, אויב און מיט וואָס דאָס דאַזיקע בוך האָט טאַקע — אַ חוץ דער פּאָפּולאַריטעט — געקאָנט ווירקן אויף עטינ־גערס צוגאַנג צום „פּראָסטן יידישן לשון״. די דאַזיקע ביידע ביכלעך געהערן דאָך צום ליטעראַריש־טראַדיציאָנעלן פאָן פון עטינגערס שאַפן.

די אויסגאַבע, וואָס מיר האָבן פאַר זיך * איז אויך אין דעם פאַל ניט די ערשטע, וועלכע עטינגער האָט געלייענט, נאָר אַ נאָכדרוק פון יאָר 1865 (עטינגער האָט דאָס בוך געלייענט נאָך „אין לעמבערג״, ד. ה. אין דער אַנדערער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן) אַ באַשרייבונג פון דעם בוך, אַ פּאָר אויסצוגן און עטלעכע באַמערקונגען צו די פּרטים, וואָס וואַרפן אַ שיין אויף עטינגערס שאַפן, וועלן אפשר ניט זיין איבעריק.

ראָבינזאָן
די געשיכטע פון אַלטער לעב
ערשטער טהייל
איינע וואָהרע אונד זאָנדערבאַרע געשיכטע צום אונטערהאַלט
אונד צור בעלעהרונג.
דיזע געשיכטע איזט איבערזעצט אין אַלע שפּראַכען פאָן דער וועלט
דאַרום האָט מאַן זיא יעצט איבערזעצט אין יודישן.

Robensohn (!)

Verlag v. S. Stricks & I. Rohatin.
Gedruckt bei M. F. Poremba in Lemberg, 1865.

ווי מיר זעען, איז ווייבריכס לייען־נוסח „אַלטעלי״ אַ טעותדיקער, עס דאַרף געלייענט ווערן: אַלטער־לעב.

דער צווייטער טייל האָט דאָס זעלבע טיטל־בלאַט מיט די צוגעגעבענע ווערטער „צווייטער טהייל״; פאַרלאַג, דרוק־אָרט און דרוק־יאָר פעלן אויפן טיטל־בלאַט פון צווייטן טייל. דער ערשטער טייל האַלט 23 בלאַט, דער צוויי־טער טייל — 39 בלאַט (נישט פּאַגינירט).

דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט אַ „פאָררעדע״, פון וועלכער מיר וועלן דאָ ברענגען (אין אונדזער אָרטאָגראַפיע) יענעם טייל, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער ווירקונג אויף עטינגערן צו שרייבן אין יידישער שפּראַך.

---

* אויף דער דאַזיקער אויסגאַבע האָט מיך אויפמערקזאַם געמאַכט ח' א. גור־שטיין, וואָס האָט זי געפונען אין דער יידישער אַקאַדעמישער ביבליאָטעק אין אָדעס.

„. . . ווער אָבער קען בעסער פאַרשטיין דעם וואָרן וועג, וואָס פירט אונדז מענטשן צום גליקלעכן לעבן, מער ווי דער, וואָס לערנט און לייענט ספרים, וואָס שאַרפן דעם שכל און פאַרבעסערן דאָס האַרץ? עס איזט קיין פאָלק אין דער וועלט פאַרהאַנדן, וואָס זיי זאָלן קענען באַשטיין אָן אַ לשון. איטלעכע אומה האָט איר אייגן לשון און איטלעכעס פאָלק האָט זיינע חכמים, וואָס שרייבן אין זייערע לשונות אַזעלכע נוצלעכע און שיינע ביכער, אַז אַפילו גאָר דער געמיינער עולם פאַרשטייט און לערנט גוטע מידות, שיינע מעלות, ווי מיט מענטשן צו לעבן און אויף ביידע וועלטן גליקלעך צו זיין. מיר אָבער זיינען אָן אַ לשון געבליבן, אונדזער קרוין איזט אונדז אַראָפּגעפאַלן. דאָס הייליקע לשון, וואָס גאָט און זיינע פרומע לייט האָבן גערעדט, פאַרשטייען מיר נישט אַזוי ווי מע דאַרף. אונדזער לשון, וואָס מיר שמועסן, איז צונויפּ־גענומען פון אַלערליי לשונות, וואָס מיר האָבן געלערנט פון פעלקער, וואָס מיר זיינען ביי זיי פאַרטריבן געוועזן, און מיר רעדן אַצינד געבראָכן דייטש פאַר־מישט מיט שפּאַנישע, איטאַליענישע, אַלטע און נייע דייטשע און פוילישע ווערטער.

„איין גרויסער פילאָסאָף האָט געזאָגט: איידער מענטשן לייטערן דאָס לשון, מאַכט דאָס לשון די מענטשן גיכער גליק[לעך], גוט, פרום, פאַרשטאַנדיק אין אַלעם. דורך דעם האָבן מיר אויף אונדז גענומען, פון דעם געמיינעם עולם וועגן, ראָבינזאָן אויף געבראָכן דייטש צו איבערזעצן, און מיר האָפן צו זיין ליבן נאָמען, אַז אַלע מענטשן וועלן אונדז פאַר דער מיהע און אַרבעט דאַנקען.

„קומט נאָר אַהער, מיינע ליבע פריינט! צו אייך, צום הייניטיקן דור רעדן מיר. מיר האָבן געזען, אַז די וועלט ווינטשט זיך און וויל פאַרשטיין צו לייענען און שרייבן, האָבן מיר פון אייערטוועגן אַזעלכע וואונדערבאַרע גע־שיכטע איבערזעצט און גיבן אייך איבער, אַז עך וועט אַליין מודה זיין, אַז זי איז קינסטלעך און געלערנט."

וועגן דעם מחבר (מיט נאָמען — אין ערגעץ נישט דערמאָנט) ווערט געזאָגט, אַז „דער הער, וואָס האָט זי („די מעשה"—מ. וו.) געמאַכט, האָט ערשט נישט לאַנג געלעבט" (דעפאָ איז געשטאָרבן אין יאָר 1731).

נאָך אַ דערקלערונג פונעם מוסר, וואָס מע קאָן זיך פון דעם בוך אַראָפּ־לערנען, ווענדט זיך דער איבערזעצער צו זיינע לייענער מיט אַזאַ מין בקשה:

„מיר גיבן אייך איבער די ביידע טיילן און בעטן, אַז מען זאָל נישט דער־פון אָפּרעכטן, שפּעטן און לאַכן, [ביז] מען וועט עס האָבן אינגאַנצן געלייענט. [גלויבט] קיינעם נישט, ביז אייערע אויגן וועלן האָבן געזען און אייערע אויערן וועלן [האָבן] געהערט. אַזוי ווי די שטילע נידעריקע צוקער־רויז,

וואָס וואַקסט פריש, [פרעגט נישט] נאָך דעם גרעסטן שטורעם־ווינט, פרעגט ניט נאָך דעם שטאַרקן דונער [ ] וואַקסט ווייטער, ווערט נאָך דערקוויקט און שמעקט נאָך זיסער און בעסער. [אַזוי פרעגן] מיר נישט נאָך נאַרישע שפּעטישע געלעכטערס, וואָס לייגן נאָר דעם נאַר אַר [ ] צו לאָזן דאָס מויל. קורץ: אונדזער כוונה איז נאָר דעם געמיינעם עולם צו געפעלן, ווייל זיי דאַרפן אַזעלכע ריינע און גוטע געדאַנקען..." (ערטערווייז איז דער ראַנד צע־שעדיקט און ניט לייענבאַר.)

דער אַריינפיר פונעם איבערזעצער צו דער דערציילונג גופא:

„איינמאָל איז געווען אין גאַליציען, נישט ווייט פון דער הויפּט־שטאָט לעמבערג, איין ערלעכער, אַלטער, קלוגער און פרומער סוחר. ער איז אין אַלעם, וואָס ער האָט געטאָן, אַ גרויסער מוצלח געווען. פון אבות־אבותיו האָט אים גאָט געבענטשט מיט אַלעם גוטן, מיט תורה, מיט גדולה, מיט פרומע קינדער און קינדס־קינדער. אויך פלעגן זיך ביי אים מערערע פריינט אין זיין הויז [צונויפקומען], כדי זיי זאָלן זיך פון אים אָפּלערנען, זיך אין זייער [פאַמיליע] ווי אַזוי צו דערציען." . . . דער דאָזיקער סוחר „פלעגט זיי שיינע נוצלעכע און קינסטלעכע געשיכטן צו דערציילן, ווייל פון דעם ווערט דער מענטש קליגער, פאַרשטענדיקער, געניט און געוואָרנט." . . . „די געשיכטע ראָבינסזאָהן (!) איז אויך איינע פון זיינע מעשיות. הערט צו, ליבע פריינט, און נעמט אייך די ראיה."

דערנאָך ערשט הייבט זיך אָן די אייגנטלעכע ראָבינזאָן־געשיכטע: „אין האַמבורג איז אַמאָל פאַרהאַנדן געווען אַ פּאָר אַלטע לייט. זיי האָבן געהאַט דריי זין. די צוויי עלטערע זיינען יונגערהייט געשטאָרבן, און דער דריטער, דער יינגער איז ביי זיי אַליין איין און איינציק איבערגעבליבן..." ראָבינזאָן ווערט אין דער איבערזעצונג אָנגערופן פאַריידישט — „אַלטער־לעב", לויטן יידישן שטייגער אָנצורופן מיט דעם דאָזיקן סגולה־נאָמען ציטעריקע קינדער, וואָס זיינען איינציקע געבליבן לעבן.

דער בוך איז נישט קיין איבערזעצונג, נאָר אַ באַאַרבעטונג פון דעפּאָס „ראָבינזאָן", מיט אַ סך צוגעגעבענע לידלעך, תפילות, מוסרדיקע און „אויפ־קלערערישע" קלייניקע עקסקורסיעס. למשל וועגן „עבודת האדמה"; „בנין"; „מדידה"; „באַקליידונג"; „חכמת הרפואה"; „חכמת הטבע"; „די קונסט צו רעדן"; „די קונסט צו שרייבן" (טייל 1, ז"ז 22—24); וועגן „הלבנת המתים"* (טייל 2, ז. 3); קעגן חסידישע גוטע יידן (טייל 2, ז. 13); וועגן דער נייטיקייט צו לערנען אַ מלאכה (טייל 2, ז. 41) א. אַז. וו. אַ חוץ דעם

* די טראַדיציאָנעלע משכילישע טענה, אַז געשטאָרבענע זאָל מען ניט תיכף באַגראָבן, נאָר איבערוואַרטן אַ טאָג אָדער עטלעכע, כדי אויסצומיידן די געפאַר, אַז ס'זאָלן ניט באַגראָבן ווערן לעבעדיקערהייט מענטשן, וואָס ליגן אין היגערפלעט.

ברענגט דער איבערזעצער אגדות פון תלמוד (טייל 1, ז. 35 און אין אַנדערע ערטער), אַנעקדאָטן, געאָגראַפישע באַמערקונגען און סתם רעליגיעזע שמועסן (אַלטער־לעב איז, פאַרשטייט זיך, אַ ייד, און זיינע רעליגיעזע באַטראַכטונגען זיינען גענומען פון דער יידישער רעליגיע). דער בוך פאַרענדיקט זיך דערמיט, וואָס דער אַלטער סוחר פון דער הקדמה דערציילט נאָכאַמאָל גאַנץ קורץ די געשיכטע „אויף דייטש": „עס וואַר איינמאָל איין טראַציגער, שטאַרזיניגער און שלעכטערצאָגענער קנאַבע. ער הייסט (!) ראָבינזאָן אָדער אַלטער־לעב. ני וואָלטע ער זיינע עלטערן געהאָרכען, אייטערטע איינע פירכטליכע בעגירדע נור די וועלט אויסצורייזן"... א. אַז. וו. דער צוועק פון דער פאַרסן־הכלענ־דיקער קורצער איבערחזרונג אויף צוויי און אַ האַלב זייטלעך אין „דייטשער שפּראַך" האָט מסתם געדאַרפט זיין, דער לייענער זאָל זיך צוגעוואוינען לייענען דייטש. זייענדיק באַקאַנט מיט דעם סיפור־המעשה, דאַרף דעם לייענער אָנ־קומען ניט שווער צו פאַרשטיין דעם קורצן „דייטשן" טעקסט. דער ווילדער אינדיאַנער, וואָס הייסט אינעם גאַנצן בוך „שבת", הייסט אין דער קורצער איבערחזרונג „פרייטאַג", ווי אינעם אָריגינאַל. דער טעקסט פון דער איבער־חזרונג איז פאַרקריפּלט, פון דער מיט איז אַ גאַנץ שטיק אַרויסגעפאַלן.

לויט פאַרשיידענע סימנים איז קלאָר, אַז דער אַנאָנימער איבערזעצער איז געווען אַ גאַליציאַנער. די פריערדיקע אויסגאַבע, לויט וועלכער די אויסגאַבע פונעם יאָר 1865 איז נאָכגעדרוקט געוואָרן, איז מסתם אויך דערשינען אין גאַליציע (עטינגער האָט דעם בוך „געקריגן צו לייענען אין לעמבערג") סוף ערשטן אָדער אָנהייב יאָרצענדליק פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.* צו דער ווילנער אויסגאַבע פון 1830 („קורץ געפאַסטער ראָבינזאָן, איבערגעזעצט נאָך הערדען קאַמפּע, בווילנא „סאָקראַשטשעני ראָבינזאָן, 1830 גאָדאַ. ווילנאָ וו' דרוקאַרני א. י. דוואָרצאָ"), פון וועלכן עס געפינט זיך אין לענינגראַדער אַזיאַטישן מוזיי אַן עקזעמפּליאַר, האָט אונדזער „ראָבינזאָן־געשיכטע פון אַלטער־לעב" קיין שום שייכות ניט. די אויסגאַבע פון 1830, איבערגעזעצט פון לעווין בער גאָמייזאַ, איז טאַקע אַ פאַרקירצטע אויסגאַבע פון קאַמפּעס איבעראַרבעטונג, געשריבן אין דייטשער שפּראַך, כאָטש געדרוקט מיט יידישע אותיות. בלויז אַ טייל דייטשע ווערטער זיינען פאַרביטן דורך העברייאיזמען. אין אַלגעמיין איז די שפּראַך פון דער דאָזיקער אויסגאַבע די דייטשע, צו־געמישט מיט יידיש־טייטשע אויסדרוקן. דאַרף מען, הייסט עס, רעכענען, אַז אונדזער „ראָבינזאָן, געשיכטע פון אַלטער־לעב" איז נאָכגעדרוקט נאָך אַן

* אין יאָר 1898 זיינעןביידע טיילן פון דעם דאָזיקן בוך איבערגעדרוקט געוואָרן דורך יוסף פישער אין קראָקע מיט צוגעגעבענע געמעלן (פאַרלאַג פון יעקב פאָגעלפאַנג אין טאַרנאָוו).

אַנדערער אויסגאַבע (אויף דעם ווייזט אָן די באַצייכענונג „געשיכטע פון אַלטער־לעב״, אַזוי ווי עטינגער רופט זי אין זיין פּראָספּעקט), וואָס איז אונדז דערוויל נאָך ניט באַקאַנט. מיר האָבן דאָ אין דער „געשיכטע פון אַלטער־לעב״ אַן איבערדרוק פון דער עלטסטער איבערזעצונג (ריכטיקער — איבער־אַרבעטונג) אין דער נייער יידישער שפּראַך און דערצו נאָך אין שפּראַכלעכן זינען אַ מערקווירדיק אינטערעסאַנטע איבעראַרבעטונג. וואָס שייך אַ דריטן ראָבינזאָן (וואָס געפינט זיך אין „אַזיאַטישן מוזיי״), ווייס איך בלויז דעם טיטל: קורץ געפאַסטער ראָבינזאָהן. איינע זאָנדערבאַרע היסטאָריע, וואָס האָט זיך פּאַסירט מיט דעם יונגן ראָבינזאָהן, וואָס מען האָט גערופן קרויזאָע״...* די דאָזיקע אויסגאַבע האָב איך ניט געזען.

עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס גראָד דער בוך געהער צו די סאַמע ערשטע בעלעטריסטישע איבערזעצונגען אין דער יידישער השכלה־ליטעראַטור פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט און איז, ווי מיר זעען פון עטינגערס ידיעה און פון די אָפטע אויסגאַבעס, אַזוי שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן.** עס וואָלט געווען ניט ריכטיק צו מיינען, אַז דאָס איז אַ צופעליקע דערשיינונג, אָפּהענגיק פון אַן איבערזעצערס פּערזענלעכן געשמאַק. פונקט ווי די טאַרטיף־טעמע (קעגן צביעות און פּאַרוועניזם־שיקייט), וואָס האָט אַזוי שטאַרק און לאַנג באַהערשט די יידישע ליטעראַטור זייט סוף 18טן אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, דאַרף אויך די ראָבינזאָניאַדע ניט דערקלערט ווערן בלויז דורך אַ מאָדע־קאַפּריז פון אַן איבערזעצער. אינעם יאָר 1719 איז דערשינען דאַניעל דעפאָס בוך: „לעבן און וואונדערלעכער גורל פון ראָבינזאָן קרוזאָ פון יאָרק״, און אַ קורצע צייט דערנאָך, און זייט דעמאָלט ביז היינט, איז עס אָן אַ שיעור מאָל איבערגעזעצט, איבערגעאַרבעט און נאָכגעמאַכט געוואָרן אין אַלע קולטור־שפּראַכן. די סיבות פון דער פּאָפּולאַריטעט זיינען געווען די ראַציאָנאַליסטיש־אויפקלערערישע טענדענצן אין דער מעשה פונעם פּאַרוואָגלטן יחיד, וואָס מוז זיך אויף אַן אינדזל, אינגאַנצן אַ פּאַראייניזאַמטער, מיט אייגענע כוחות אַליין העלפן. דער מיין פונעם בוך איז צו ווייזן, אַז דער מענטש האָט די מעגלעכקייט צו זיין באַלעבאָס איבער זיך, צו באַהערשן זיינע אינעווייניקסטע כוחות און אַז דורך אַזאַ זעלבסטבאַהערשונג קאָן ער דערגרייכן, וואָס ער וויל, אַפילו אין דער

* בן-יעקב („אוצר הספרים״) רעגיסטרירט אַ יידישן ראָבינזאָן, וואַרשע, 1840, און אַ העברייאישע, ברעסלע, 1824 (ראָבינזאָהן דער ייגגערע, נעתק לעברית ע״י ה״ר דוד זאַמושטש, ברעסלויא תקפ״ד). וו. צייטלין („קרית ספר״) רעגיסטרירט אַ חוץ דעם אַ העברייאישע אויסגאַבע, וואַרשע, 1849, פון ל. בלאָך.

** אגב, איז אין דעם צוזאַמענהאַנג כדאי אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף דער אינטערעסאַנטער און משונהדיקער ראָבינזאָניאַדע, וואָס גליקל האַמעלן דערציילט אין אירע מעמוארן (פון ז. 39 ביז ז. 57).

שווערסטער לאַגע. דעפּאָ אַליין פאָרמולירט דאָס אַזוי: „וואָרים דער, וואָס איז גובר זיינע ניט־פאַרשטאַנדיקע וואונטשן און פאַרמאָגט אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט איבער זיך, דער, וואָס דער שכל הערשט ביי אים איבער זיין ווילן, איז אַ גרעסערער מענטש איידער דער באַזיגער פון אַ מלוכה“ (ראָבינזאָן קרוזאָ, צווייטער טייל, פון ראָבינזאָנס שמועסן מיטן פאַרשיקטן פירשט אין סיביר). דאָ האָבן מיר די געוויינלעכע אויפקלערערישע פאַרהערלעכונג פונעם ראַציאָנאַליזם — אָבער אויפן געביט פון דער עטיק, פונעם פּראַקטישן לעבן... ביי דער געלעגנהייט איז באַוויזן געוואָרן, ווי אין אַ ביישפּיל, די קולטור־אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט זייט איר פּרימיטיוון צושטאַנד ביז צו דער אַנטוויקלטער געזעלשאַפט. אין תוך מיינט דאָס צו באַווייזן דעם ווערט און דעם באַדייט פונעם בירגערלעכן יחיד אין דער געזעלשאַפט. אין דעם דאָזיקן בוך קומט צום אויסדרוק דער אינטערעס פונעם יונגן בירגערטום צו דער פראַגע: ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען די מענטשלעכע געזעלשאַפט און איר מאַטעריעלע קולטור, ווער שאַפט זי און צוליב וואָס? אין דער ערשטער ריי איז דאָס באַנומען געוואָרן ווי אַ דערציאונג־פּראָבלעם, כאָטש אין תוך איז עס געווען אַ סך מער. דער העלד פון דעפּאָס דערציילערישע ווערק איז געווינלעך דער בירגער מיט זיין וואַקסנדיקן זעלבסטבאַוואוסטזיין. ניט אומזיסט איז דעפּאָ דער פאָרגייער פונעם בירגערלעכן רעאַליסטישן פאַמיליען־ראָמאַן אין ענגלאַנד. די בירגערלעך־אויפקלערערישע טענדענץ פון דעם בוך, זיין מונטערער, ענערגישער אינהאַלט, האָט עס פּאַסיק געמאַכט פאַר די צוועקן פון דער פּעדאַגאָגיק אין דער אויפקלערער־צייט (רוסאָ האָט אויף זיין שטייגער אין דעם בוך געזען אַ לויב־געזאַנג דעם נאַטירלעכן — ניט־ציוויליזירטן — לעבן, און דערפאַר האָט ער באַזונדערס אונטערגעשטראָכן דעם פּראַקטישן דערציאונגס־ווערט פון דעם דאָזיקן בוך. אין אמתן איז דער בוך אַ לויב־געזאַנג דער ציוויליזאַציע!). דער דייטש קאַמפּע האָט דעם בוך באַאַרבעט אויף אַ מוסרדיק־דידאַקטישן שטייגער (1779). לויט דער דאָזיקער פרומלעך־אויפקלעריש דידאַקטישער באַאַרבעטונג קאַמפּעס (זי איז געבליבן ביז אין די לעצטע יאָרן די פּאָפּולערסטע אין דער דייטשער יוגנט־ליטעראַטור) איז איבערגעאַרבעט געוואָרן די יידישע ווילנער אויסגאַבע פון 1830, און, אַפּנים, אויך אונדזער אויסגאַבע, וועלכע מיר האָבן אויבן באַשריבן.

אין דער שפּראַך פון אונדזער „ראָבינזאָן“ פילט זיך אַ באַשטימטע שטרעבונג צום פאָלקסטימלעכן רייד־נוסח סיי אין דער לעקסיק און פראַזעאָלאָגיע און סיי אינעם זאַצבוי. עטלעכע ביישפּילן: „געוויינט האָט ער... אַז עס איז זיך אַ גרויל אָנגעגאַנגען. ער האָט געשריגן: וויי צו מיר, צו מיינע יונגע יאָר“, טייל 2, ז. 49; „ער איז אַרומגעלאָפן ווי אַ פאַרסמטע מויז“, טייל 1, ז. 32; „עס איז אים די גרינע גאַל איבערגעגאַנגען“, טייל 2, ז. 10;

„כאַפּט ער די פּיס אויף די פּלייצעס, האָסטו נישט, לויפסטו נישט, ער האָט זיך געיאָגט, ווי דער פייל פון בויגן", דאָרט; „אַז עס קומט נאָר עפּעס דאָס מינדסטע, קריגן זיי תיכף די ניכפּה", טייל 2, ז. 9; „. . . איז אים פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן, דער הימל איז שוואַרץ געוועזן, עס האָט געגאָסן מיט ציבער", טייל 1, ז. 33; „עס האָט געהוזעט ווי אַ העליש פייער, עס האָט טשאַקנדיק געברענט, אַז עס זיינען אַלטער־לעבן די אויגן איבערגעגאַנגען פאַר גרויס שמחה", טייל 2, ז. 22; „ער האָט געמיינט, אַז עס קומט שוין זיין קאָניעץ", טייל 1, ז. 33; „אוי ווי מיר געשען, איך זע ערשט...", טייל 2, ז. 12; „אוי ווי מיר מיינע יאָר, ביטער און פינצטער איז מיין לעבן, וואָס פאַר אַ אומרעכט דאָס איז!"... טייל 2, ז. 49; „וועט ער ניט לאָזן אַלטער־לעבן... אַ האָר קרומען און נישט אַ נאָגל געשווירן", טייל 2, ז. 18.

דער דיאַלעקט־כאַראַקטער און דער שפּראַך־נוסח: פון אונדזער „ראַבינזאָן" איז אין אַ סך פּרטים שטאַרק ענלעך צום דיאַלעקט און נוסח פון עטינגערס שפּראַך (באַזונדערס אין דער יאָאג פון „סערקעלע"). די לעקסיק און די פאָרמען פון זאַצבוי זיינען רייך און אָפט גאָר אינטערעסאַנט. זיי זיינען אַ סך אָפּגעהיטער, „איינגעהאַלטענער" און ווייניקער „ווילד" ווי אין דער זייער רייכער, אָבער פרימיטיווער שפּראַך פון דער אַגעווע (אַזוי למשל, געפינען מיר אין „ראָבינזאָן" אַ סך ווייניקער סלאַוויזמען). עס פילט זיך אָבער אין דער שפּראַך פון דעם בוך, באַזונדערס וואָס שייך דער סינטאַקסיס, אַ דייטלעכער הויך פונעם טראַדיציאָנעל־ליטעראַרישן עלטערן יידיש, וואָס גיט דעם פרישערן שפּראַך־שטראָם אַן איינגאַרטיקע איינגעהאַלטענע באַפאַרבונג („ענטפעדער אויף דעם אופן, אָדער אויף אַנדערע אופנים", טייל 2, ז. 8); „די אונטער־טוהנען", טייל 2, ז. 19; „צוגעצויגן דאָס שיפל צום באָרטן", טייל 1, ז. 27; „האָבן זיי מיט דעם ביטערן נויט־שווייס געאַרבעט", דאָרטן; „דאָס האָט אים אַזוי באַהאַרצט געמאַכט", טייל 1, ז. 17; „צום בויען עפּעס איינזוואַרג", טייל 2, ז. 53 א. אַז. וו.). אַ חוץ דעם הערט זיך דייטלעך, באַזונדערס אין דער סינטאַקסיס, אַן אָפּהילך פון דער אָריגינאַל־שפּראַך (פון דייטש). גאָר אָפט ווייזט אונדז די סינטאַקסיס פּשוט די שוועריקייטן, מיט וועלכע דער איבער־זעצער האָט געהאַט צו קעמפן; און כאָטש ער היט זיך דרך כלל באַוואוסט־זיניק פאַר דייטשמעריזמען, האָט זיך אים, באַזונדערס אין דער סינטאַקסיס, ניט איינגעגעבן זיי אינגאַנצן אויסצומיידן. אין דער לעקסיק אָבער האָט ער זיי באַגרענעצט אויף אַ מינימום. אין יענע פאַלן, וואו עס פעלט אים אויס אַ יידישער אַדעקוואַט, ברענגט עס כמעט שטענדיק אויפן אָרט דעם יידישן טייטש אין אַ באַשרייבנדיקן אופן.

* * *

אין די דאָזיקע ביידע ביכער, אין דער אַגעווע און „אַלטער־לעבן", הערט

זיך אַן אָפּקלאַנג פֿון דער היציקער דיסקוסיע, וואָס איז געפֿירט געוואָרן אַרום דער יידישער משלי־איבערזעצונג פֿון מ. לעפֿין. אין דער אונטערגעשטראָכענער פֿאָלקסטימלעכקייט. אין דער שפּראַך פֿון דער אַגעווע דערקענען מיר כאַראַקטער־שטריכן פֿון לעפֿינס איבערזעץ־נוסח; אין דער הקדמה צו „ראָבינזאָן“ חזרט זיך איבער די טעאָרעטישע רעכטפֿאַרטיקונג פֿון דער יידישער שפּראַך, ווי מיר געפֿינען זי ביי לעפֿינס אָנהענגער. עטינגערן איז בלי־ספק די דאָזיקע דיסקוסיע גוט באַקאַנט געווען, עס איז אָבער פֿאַרשטענדלעך, אַז דער פּראַקטישער דערפֿאָלג פֿון דער דאָזיקער דיסקוסיע האָט אויף אים דייטלעכער געווירקט, איידער איר טעאָרעטישער אינהאַלט.

די דאָזיקע צוויי אינטערעסאַנטע ליטעראַטור־דאָקומענטן פֿון דער יידישער השכלה אין גאַליציע אָנהייב 19טן יאָרהונדערט זעען אַלס אידעאַל דעם אויפֿגעקלערטן בירגער. אין אַגעווע איז די פֿירנדיקע אידעאַל־פֿיגור דער אויפֿגעקלערטער רייכער סוחר; אויך אין „אַלטער־לעב“ ווערט דער אויפֿגעקלערטער רייכער סוחר, וואָס דערציילט די ראָבינזאָן־מעשה, אַוועקגעשטעלט אַלס דער אידעאַלער אויטאָריטעט. כאַראַקטעריסטיש איז אַן אָרט אין דעם דאָזיקן בוך, וואָס זאָגט אַרויס (אַגב, אין אַ פֿאַרשטעלטער קריטיק אויף די גוטע־יידן) דעם גאָאיון באַלעבעסלדיקן אידעאַל פֿונעם שרייבער־איבערזעצער:

„גאָט האָט אַפֿילו דעם תלמיד־חכם, דעם למדן פֿאַרבאָטן זיך אויס דער תורה אַ פּרנסה צו מאַכן. איז מיר נאָר קשה, פֿאַרוואָס מאַכט זיך דער פֿרומער אויס דער פֿרומקייט אַ פּרנסה? איז דען נישט יעדער מענטש מחויב פֿרום צו זיין, און הייסט דען דאָס גאָר פֿרום זיין, אַ מענטש, וואָס קומט ניט אין ערגעץ, וואָס הערט נישט און זעט נישט, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך? לאָז ער האַנדלען אַ משא־ומתן מיט גאמנות, לאָז ער דעם אַנדערן שענקען, לייען אַן פּראָצענט אָדער אַזוי העלפֿן, לאָז ער טובֿות טאָן, ווי איין פֿרומען מענטש אָנשטייט. ביין, דאָס ניט, און מאַכט זיך אויס דער פֿאַלשער פֿרומקייט אַ פּרנסה און לעבט דערפֿון. איך אָבער ווייס ערשט אַצינד דעם זיסן טעם פֿון אמת־פֿרומקייט און דערנער מיך פֿון מיין האַנט־אַרבעט“. (טייל 2, ז. 13.)

דער רייכער אויפֿגעקלערטער סוחר איז דער סאָציאַלער אידעאַל, אָבער פּאָרט ווערט געלויבט דער ווערט פֿון אַרבעט און עס ווערט אַגיטירט אויף אַ משכּילישן אופֿן פֿאַר מלאכה.

„וואָס מער זיי האָבן געאַרבעט... מער זיינען זיי געזונט געוואָרן. דאָס איז אַ באַווייז, אַז זיין ליבער נאָמען האָט אונדז נאָר באַשאַפֿן צום אַרבעטן, ווייל מיר זעען, וואָס דער מענטש רירט זיך און טוט עפּעס געשמאַק, מער ווערט ער געזונט אין גוף און נשמה און גליקלעכער אין גאַנצן לעבן“ (טייל 2, ז. 53). אָדער: „...איך שריי מיט אַלע כוחות: לערנט אייערע קינדער

פון יונגווייז אָן מלאכות און חכמות. געוויינט אייערע קינדער פון יונגווייז אָן גוטע מידות, שיינע מעלות. גוואַלד געשריגן! נעמט אייך פון מיר די ראיה, מע קאָן נישט וויסן, וואָס אויף זיי קען קומען. ערשט אַצינד פאַרשטיי איך, און זאָג עס אייך, אַז דאָס גרויסע אָרעמקייט און עלנטקייט, וואָס מע געפינט צווישן אונדזער אומה, איז גאָר, ווייל מיר זיינען מבזה אַלצדינג, וואָס איז אַ חכמה אָדער מלאכה" (טייל 1, ז. 41).

11. ווירקונגען פון דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור אין עטינגערס „סערקעלע"

אויפן יסוד פון ליטעראַרישע השפעות און באַזונדערס פון עטינגערס איבערזעצונגען קאָנציפירט ווײַנרייך (אין „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע", ז. 287 און ווייטער) די פאָרשטעלונג וועגן עטינגערס שאַפן ווי וועגן אַ „פענצטער קיין אייראָפּע". ענלעכס קאָן מען אָבער מער אָדער ווייניקער זאָגן פון אַלע השכלה־שרייבער. די פראַגע שטייט אַנדערש: וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר עטינגערס אייראָפּייאישקייט, וואָס איז דער חילוק צווישן איר און דער אייראָפּייאישקייט פון אַנדערע השכלה־שרייבער?

לויט אונדזער מיינונג איז ווײַנרייכס היפּאָטעזע וועגן דירעקטע ליטעראַרישע באַציאונגען צווישן עטינגערס „סערקעלע" און פאָנוויזינס קאָמעדיע „ניעדאָראָסל" אַ טעותדיקע. עטינגער געהער צו יענע יידישע שרייבער פון דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט, וואָס זיינען צוליב היסטאָרישע סיבות דערוויל נאָך אויסשליסלעך פאַרבונדן מיט די מערב־אייראָפּייאישע קולטור־טראַדיציעס. אין דעם פּרט איז ער ניט אַן „ערשטער", ווי ווײַנרייך מיינט, נאָר פאַר אַ גאַנצן פעריאָד איינער פון די לעצטע. אין אַ געוויסער מאָס (מע דאַרף דאָס פאַרשטיין cum grano salis) קאָן מען זאָגן, אַז ערשט פּרץ, אויך אַ פוילישער און פון זאַמאָשטש, נעמט ווידער אויף, אויף אַ מער דירעקטן אופן, אַקטועלע השפעות פון דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור אין זיין צייט, און גראָד פון דעם פונקט, וואו עטינגער איז שטיין געבליבן, — פון היינען אָן און ווייטער.*

* עטינגער איז באַקאַנט געווען מיט היינעס ווערק געוויס ניט ווייניקער ווי מיט לעסינגס. איז טאַקע אינטערעסאַנט פעסטצושטעלן, אַז פון לעסינגן, געלערטן און שילערן האָט עטינגער איבערגענומען ווירקונגען און אפילו אַנטלייאונגען, כאָטש זייער שאַפן האָט געהערט צו אַ פריערדיקן דור, אָבער פון אייגנטלעכע היינישע השפעות געפינען מיר גאָר ווייניק אין עטינגערס שאַפן, כאָטש היינע איז געווען זיין צייט־חבר און עטינגער האָט אים זייער ליב געהאַט. אין געלערטס „אומשולדיקע גראַמען האָט זיך געהערט אַן אָפּהילך פונעם ערשטן שטילן סאָציאַלן געוויטער, פונעם בירגערלעכן זעלבסטבאַוואוסטזיין" (פר. מערינג: „די לעסינג-

די פּראָבלעמאַטיק פּאַנוויזינס באַוועגט זיך דער עיקר אינעם קרייז פון זעלבסטהערשערישער מלוכה — פּריצים — לייב־אייגנטום. עטינגערן איז דער דאָזיקער פּראָבלעמען־קרייז פרעמד. זיינע אידייען שטאַמען פון גאָר אַן אַנדער געזעלשאַפטלעכער סביבה. מיט זיין קינסטלערישן שאַפן איז ער אויסן אויסצופורעמען און צו פאַרפעסטיקן די נייע בירגערלעכע פאָרמען אינעם שטייגער. קיין שאַרף־אַקטועלע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמאַטיק, ווי ביי פּאַנוויזינען, וועלן מיר אין זיין „סערקעלע“ ניט געפינען. ער טרעט בלויז אַרויס קעגן דעם פעאָדאַלִיש־אָפּגעשטאַנענעם פּסעוודאָ־בורזשואַ, דעם פּאַרוועניו (סערקעלע, איר טאָכטער, גבריאל הענדלער), קעגן אומבאַרעכטיקטע פּרעטענזיעס, וואָס באַזירן זיך אויף אַ ניט־גילטיקער פרומקייט (קעגן צבועקישקייט — טאַרטיף־מאָטיוו!) און קעגן אַ באַשטימטן טיפּ פעאָדאַליש־אָפּגעשטאַנענעם קליינבירגער (שמעלקע טרויניקס, יוחנן שדכן א. אַז. וו.). ער אידעאַליזירט דעם אויפגעקלערטן בורזשואַ און זיין צוקונפטיקן „געהילף“, דעם אינטעליגענט, דעם סטודענט. ווי מיר זעען, איז ניט פאַראַן קיין אינהאַלטלעכע באַריר־פּונקטן אין די ווערק פון די דאָזיקע צוויי שרייבער.

פּאַנוויזין געהער נאָך צו דער מאָליערישער שול. זיין „ביעדראָסל“ איז נאָך ניט קיין „בירגערלעכע קאָמעדיע“ פונעם נייעם שניט; עטינגערס „סער־

לעגענדע“). ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעפירט אין דייטשן טעאַטער דעם בירגערלעכן שטייגער; „זיין משלים־בוך האָט צום ערשטן מאָל געזאַמלט די בירגערלעכע קלאַסן אַרום אַ ליטעראַרישער פאָן“ (דאָרט). לעסינג, ווידער, איז דער קלאַסישער און קראַפטפולער פאָרקעמפער פון דער דייטשער בירגערלעכער אויפקלערונג. צוליב ענלעכע סיבות זיינען עטינגערן געווען צום האַרצן השפּעות פון שילערן. אין היינעס שאַפן אָבער ווייזן זיך שוין דייטלעך די סתירות, וואָס אין דער בירגערלעכער געזעלשאַפט, בליצט שוין דורך אַן אָנזאָג פון נייע קאַמפן פון אַ נייעם קלאַס — פונעם פּראָלעטאַריאַט. עטינגער האָט זיך געקאָנט קוויקן מיט היינעס דרייסטן שאַרפזין, דער אינעווייניקסטער דעמאָקראַטיש־רעוואָלוציאָנערער מהות פון היינעס „ראָמאַנטישער“ איראָניע איז אים געבליבן פרעמד.

ניט פרעמד זיינען אים געווען עלעמענטן פון ראָמאַנטיק. עטינגער איז אין זיינע משלים, אין „סערקעלע“, אין די דראַמאַטישע פראַגמענטן און אַפילו אין זיין פּאַראַפראַזע פון שילערס „די גלאָקע“ אַ רעאַליסט, אָבער אין אַ טייל פון זיינע לידער, סיי אָריגינעלע, סיי איבערזעצונגען און נאָכמאַכונגען — איז ער אַ ראָמאַנטיקער. דאָס זיינען אפשר די איינציקע ראָמאַנטישע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור ביז צו מאַקמאַנען און פּרצן.

עטינגער האָט געוואָלט באַפרייען דאָס יידישע ליד פון דער בדחנישער שטויגערישקייט און שאַפן אַ טראַדיציע פון אַ געהויבענער ליריק אויף יידיש. דעם וועג דערצו האָט ער געזען אין דער ראָמאַנטישער באַהאַנדלונג פון די דיכטערישע טעמעס. דער דאָזיקער וועג האָט אָבער אינערגעץ ניט געפירט, און דאָס רוב לידער זיינע (פאַרשטייט זיך: אַ חוץ „דאָס ליכט“, די משלים און עפּיגראַמעס) האָבן ניט קיין ערנסטע באַדייטונג.

קעלע״ (ער כאַראַקטעריזירט זי ווי אַ „פאַמיליען־געמעלדע״) איז אָבער אַ טיפּיש ווערק פון דעם זשאַנר.

*   *   *

אין פּאַנוויזינס קאָמעדיע זיינען טאַקע פאַראַן אַ סך סוזשעטישע מאָמענטן און פאַרשיידענע שטריכן, וועלכע מיר געפינען אויך אין „סערקעלע״. אָבער אַפילו ווײַנרייך גופא באַציט זיך איינגעהאַלטן צו זיין אייגענער היפּאָטעזע. עטינגער האָט, ווי עס זעט אויס, אָדער בכלל נישט אָדער זייער קנאַפּ געקענט די רוסישע שפּראַך. אמת, ער האָט געקענט זען די פּיעסע פּאַנוויזינס אין אַן אָדעסער טעאַטער. אָבער עס איז שווער צו גלייבן, אַז לעבנדיק אין לעמבערג, דעמאָלט אַ שטאָט מיט אַ היפּשער טעאַטער־קולטור אין דייטשער און פּוילישער שפּראַך, האָט זיך אים דווקא פאַרגעדענקט פּאַנוויזינס פּיעסע און דווקא זי האָט באַווירקט זיין שרייבן. ער האָט דאָך געהאַט אַ סך באַקוועמערע און מער צוטריטלעכע ליטעראַטור־קוואַלן פאַר דער טעמע און סוזשעט פון „סערקעלע״. מיר מוזן גאָר ניט גיין ביז צו פּאַנוויזינען, כדי צו געפינען ליטעראַרישע פּראָטאָטיפּן פאַר עטינגערס פּיעסע. יענע ליטעראַרישע קוואַלן, וואָס זיינען געווען פּראָטאָטיפּיש פאַר פּאַנוויזינען, זיינען אויך פאַר עטינגערן געווען צוטריטלעך. פּאַנוויזין, וועלכער האָט געקענט די פראַנצויזישע און דייטשע ליטעראַטור, האָט געבויט זיין ווערק לויט אַן ענלעכער טעמאַטישער סכעמע, ווי למשל, לעסינג זיין קאָמעדיע „דער אוצר״ („דער שאַץ״). לויט דער זעלבער סכעמע האָט אַ סך שפּעטער קאָצעבו געשריבן אַ פּיעסע,* צו וועלכער עטינגערס „סערקעלע״ איז ניט ווייניקער ענלעך איידער צו פּאַנוויזינס קאָמעדיע. אין קאָצעבוס קאָמעדיע זיינען אַפילו פאַראַן אַזעלכע מאָמענטן, וועלכע מיר געפינען אין „סערקעלע״ יאָ און אין „ביעדראָסל״ לחלוטין ניט. למשל, די (אַלטע קאָמעדישע און אין דער בירגערלעכער דראַמע פּאָפּולערע און שאַבלאָנישע) פיגור פונעם בעל־אכסניה (אין „סערקעלע״—שמעלקע טרויביקס). אַנדערע מאָמענטן פון „סערקעלע״, למשל, די פיגור פונעם שדכן און פונעם משרת, זיינען פאַראַן אין לעסינגס קאָמעדיע (אויך אין „לייכטזין אונד פרעמעלייא״ און אין אַגעווע) און פעלן ביי פּאַנוויזינען א. אַז. וו.

מיר וועלן דאָ פּרואוון קורץ סקיצירן די דייטלעכסטע סוזשעטישע אַנטלייאונגען, וואָס לאָזן זיך דערקענען אין עטינגערס „סערקעלע״.

קודם־כל דאַרף מען נעמען אין אַכט די ווירקונג פון וואָלפסזאָנס „לייכט־

---

* צום באַדויערן, האָב איך אונטער דער האַנט בלויז אַ רוסישע איבערזעצונג פון דער דאָזיקער פּיעסע קאָצעבוס: „ראָדסטוועניקי״ אין „טעאַטער א. פאָן קאָצעבו״. מאָסקווע, 1803. איך רעכן, אַז דאָס איז די פּיעסע, וואָס הייסט אין אָריגינאַל „אַרמוט אונד עדעלזין״, געשריבן 1796.

זין אונד פרעממעלייא".* וויכטיקער נאָך איז די אוממיטלבאַרע ווירקונג פון דער אַגעווע, אין וועלכער עטינגער האָט געפונען דעם ליטעראַרישן פּראָטאָטיפּ פון זיין סערקעלע־פיגור (די פיינע־בריהטע). לויט פּרצעס עדות־זאָגן, ווייסן מיר, אַז עטינגער האָט אַ חוץ דעם אויסגענוצט פאַר דער דאָזיקער פיגור אַ פּראָטאָטיפּ, אַ גענומענעם פונעם לעבן (די „קאַלטע מומע" פּרצעס). פאַר אַ קינסטלער פון עטינגערס ראַנג איז דאָס זעלבסטפאַרשטענדלעך. די בלאָסע סכעמעס פון די פריאיקע יידישע פּיעסעס האָט עטינגער אָנגעפילט מיט לעבן און ווירקלעכקייט.

וואָס שייך אַנטלייאונגען פון אַנדערשפּראַכיקע ליטעראַטורן, איז, ערשטנס, קלאָר, אַז עטינגער איז געווען באַקאַנט מיט מאָליערס „טאַרטיף" (זאָל זיין אין אַ דייטשער איבערזעצונג), וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער אין די אויפ־קלער־קרייזן. די פיגור סערקעלע איז אין אַ געוויסער מאָס אַ קאָמבינירטער סינטעז פון דער אַלטער „מאַדאַם פּערנעל", „מאַדאַם עלמירא" (אָרגאָנס מוטער און זיין פרוי אין מאָליערס „טאַרטיף"), דער „פיינער־בריהטע" פון אַגעווע און דעם פּראָטאָטיפּ, וואָס איז גענומען געוואָרן פון ווירקלעכן לעבן („די קאַלטע מומע").

די פּאָפּולערע טעמע וועגן דער כלומרשטער יתומה, וואָס לעבט ביי אַ פעטער און מומע, און וועגן דעם פעטער, וואָס איז אַוועק אין ווייטע לענדער צוליב זיינע געשעפטן, און צוריקקומענדיק לייזט ער אַלע פאַרוויקלונגען און אָנגעזאַמלטע אינטריגעס, קומט שוין פאָר אין לעסינגס אַ יוגנט־ווערק. אין דער קאָמעדיע „דער שאַץ" (1750). אין קורצן איז דער אינהאַלט פון דער דאָזיקער פּיעסע אַזאַ**: אַ פאָטער לאָזט זיך אַוועק אויף אַ סך יאָרן אין ווייטע לענדער, ער פאַרטרויט זון, טאָכטער און פאַרמעגן זיינעם אַ פריינט, פון וועלכן די גאַנצע שטאָט האַלט דערנאָך, אַז ער האָט ביי די קינדער, די יתומים, צוגענומען זייער פאַרמעגן. דער זון איז אַ ניט־געראָטענער הוליאַקע, די טאָכטער די יתומה האַלט מען אין שטאָט פאַר אַן אָרעמער. צוליב דעם קאָמפּליצירט זיך איר לעבנס־געשיכטע. אינעם וויכטיקסטן מאָמענט פון דער אינטריגע קומט פּלוצים, נאָך ניין יאָר, דער פאָטער אַהיים, צערעדט זיך אומ־דערקענטערהייט מיט אַ פרעמדן וועגן זיינע קינדער און וועגן זיין פריינט און צעבינדט לסוף די אָנגעזאַמלטע פאַרוויקלונגען. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די

* אגב, ווערט שוין אין וואָלפסזאָנס פּיעסע אָפּגעחוזקט פון די פאַרוועניו־שטריכן אין דער יידישער בירגערלעכער סביבה. דאָס איז דאָרט אַפילו איינער פון די הויפּט־מאָטיוון.

** פונעם אינהאַלט גיב איך בלויז איבער יענע סוזשעטישע שטריכן, וואָס האָבן אַן אינטערעס צום ענין, וועגן וועלכן מיר רעדן, און לאָז דורך אַלע אַנדערע מאָמענטן, וואָס האָבן ניט קיין שייכות צו אונדזער פראַגע. דאָס אייגענע ביים איבער־דערציילן קאַצעבוס פּיעסע.

קינדער זיינען רייך, און אַלעס ענדיקט זיך צום גוטן. די יתומים האָבן חתונה מיט די, וואָס זיי האָבן ליב, און די, וואָס האָבן שלעכט געהאַנדלט אַקעגן די קינדער, איז מען מוחל זייער זינד. אין דער דאָזיקער פּיעסע געפינען מיר שוין אַ גאַנצע ריי סוזשעטישע שטריכן און פיגורן פון „סערקעלע" (דער מאָטיוו פונעם פאַרשטעלטן פרעמדן חזרט זיך איבער אויך אין עטינגערס פראַגמענט „דער פעטער פון אַמעריקע"). עטינגער, ווי אַלע משכילים, האָט שטאַרק געהאַלטן פון דעם מחבר פון „נתן דער חכם", ער האָט דאָך אויך איבערגעזעצט עטלעכע זיינע משלים און עפּיגראַמעס. עס איז זייער מעגלעך און קרוב לאמת, אַז עטינגער איז געווען באַקאַנט מיט די שוואַכע פּיעסעס פון לעסינגס יינגערן פּעריאָד, צו וועלכע עס געהער: „דער פרייגייסט", „די יודען", „דער מיסאָגין" און אויך די פּיעסע, וועגן וועלכער מיר רעדן: „דער שאַץ". פאַראַן שטריכן אין „סערקעלע", וואָס קאָנען זיין אַן אָנצוהערעניש אויף ווירקונגען פון יענע פּיעסעס לעסינגס. למשל, די ראָל און דער כאַראַקטער פון די משרתים (חוה, חיים, ירחמיאל) זיינען אין „סערקעלע", ווי ביי לעסינגן, דיפערענצירט לויטן כאַראַקטער פון די באַלעבאַטים און פון די פּאַרשוינען, פון וועלכע זיי האַלטן. אין די הויפּט־אינטריגעס בעמען ביי לעסינגן די משרתים אַ וויכטיקן אָנטייל, און אַ חוץ דער הויפּט־ליניע אין דער סוזשעט־אַנטוויקלונג צווישן די הויפּט־פיגורן פירט זיך אויך געוויינלעך אַ נעבן־ליניע און אינטריגע צווישן די משרתים, וואָס ווערט געלייזט צום גוטן און ענדיקט זיך אויך מיט אַ חתונה. די דרייסט־שטיפערישע משרתים פון מאָליער און באָמאַרשע דיפערענצירן זיך ביי לעסינגן אין אײדל־סענטימענטאַלע און אין ביטרע־האַמעטנע פאַרשוינען. עס ווענדט זיך, ווער זייער באַלעבאָס איז. פאַר דער קלוגער אײדל־סענטימענטאַלער חוה האָט זיך געקענט געפינען אַ ליטעראַרישער פּראָטאָטיפּ אין דעם דינסט־מיידל ליזעט, וואָס פיגורירט אין עטלעכע קאָמעדיעס לעסינגס. דער נאָטאַר און שדכן סאָלביסט אין לעסינגס „מיסאָגין", וואָס רעדט אַזוי אייגנאַרטיק נאַריש און פּאַסט זיך שטענדיק צו צו דעם, מיט וועמען ער רעדט, האָט ביי עטינגערן געקאָנט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יוחנן־שדכן.*

* דעם שדכן-מאָטיוו האָט עטינגער געקאָנט אַרויסשיילן פון די סצענעס אין „לייכטזין" און אַגעווע, וואו דער מלמד טרעט אויף ווי אַ שדכן פאַר זיך אָדער אַנדערע, און באַווייזן דעם מאָטיוו אין אַ זעלבשטענדיקער שטייגער-פיגור. עס איז יעדנפאַלס כדאי אָנצואווייזן אויף די ערשטע פּראָטאָטיפּן אין יענער ליטעראַטור, פון וועלכער די דאָזיקע שרייבער האָבן זיך געשפּייזט. פאַר דער פיגור פון בעל-אכסניה, אַ ביטרע-גיריקן און אונטערטעניקן צו רייכע געסט (אין „סערקעלע": שמעלקע טרויניקס), קאָן מען אויך געפינען פּראָטאָטיפּן אין לעסינגס פּיעסעס, למשל, אין „מינאַ פאָן באַרנהעלם", און בכלל אין דער ליטעראַטור פון דער בירגער-לעכער אויפקלערונג.

אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון סערקעלען איז, וואָס זי, דער פאַר־וועניו, באַרימט זיך אָפט מיט איר פאַלשן יחוס. דער דאָזיקער שטריך שטאַמט אורשפּרינגלעך פון מאָליערס „בירגער אַלס אַדליקער“ (פון די פראַנצויזישע מאָליער־נאָכמאַכערס איז דער מאָטיוו פון „בורזשואַ־זשענטילהאָם“ שוין לאַנג אויסגענוצט געוואָרן פאַר פרויען־פיגורן). עטינגער האָט אָבער דעם דאָזיקן שטריך געקאָנט נעמען פון „לייכטזין אונד פרעממעלייא“ אָדער פון דער אַגעווע, וואו ער איז אויך דייטלעך פאַראַן. פאַר אַלטעלעס קוידעריש־„געבילדעטער“ שפּראַך האָט עטינגער געקאָנט געפינען אַ מוסטער אין שילערס „אינטריגע און ליבע“, וואו די נעגאַטיווע שפּראַך פונעם שטאָט־מוזיקאַנטס פרוי רעדט אין אַן ענלעכן משונהדיקן קוידעריש. אגב, דערמאָנט די טעמע פון עטינגערס פראַגמענט „דער פעטער פון אַמעריקע“ אין שילערס קאָמעדיע „דער נעפע אַלס אָנקל“.

עס איז אָבער אויך מעגלעך, אַז עטינגער האָט לעסינגס פּיעסע „דער שאַץ“ ניט געקענט, נאָר בלויז די פּיעסע, וואָס קאָצעבו * האָט נאָכגעמאַכט לויט לעסינגן (קאָצעבו פלעג שטענדיק גנבענען און איבערפלעכלעך נאָכ־מאַכן טעמעס פון לעסינג, געטע, שילער א. אַ.). די טעמע פון דער דאָזיקער פּיעסע קאָצעבוס איז: אַ יתומה לעבט ביים פאָטער; איר פאָטער איז אַוועק אין ווייטע לענדער; די מומע — אַ מין פראָסטאַקאָוואַ, מאַטערט זי; איר פעטער איז אַ שוואַכער כאַראַקטער. די יתומה איז פאַרליבט אין דעם פעטערס און דער מומעס זון, איר געשוויסטערקינד, וועלכן מע וויל צווינגען חתונה האָבן מיט אַן אַנדער מיידל, אַ מיאוסער אָבער אַ רייכער. נאָך אַן אינטריגע צווישן די קרובים קומט דער יתומהס פאָטער צוריק אַ רייכער, פּרוּווט אויס אינקאָגניטאָ זיינע אייגענע און בינדט אויף אַלע פאַרוויקלונגען. אינעם פאַר־לויף פון דער אַקציע דרינגט אַרויס דער מוסר־השכל: אַז דער אָרעמערער טייל פון דער דאָזיקער משפּחה איז זייער „איידל“, דער רייכערער טייל, דער פאַרוועניוהאַפטיקער, איז פאַלש און ניט־אויפריכטיק. קאָצעבוס פּיעסע (1795) האָט עטינגער געקאָנט לייענען און זען געשפּילט אין דער דייטשער שפּראַך אָדער אין אָדעס, אָדער אין לעמבערג.** אין דער דאָזיקער פּיעסע איז פאַראַן די פיגור פונעם בעל־אכסניה, פונקט אין דער זעלבער ראָל ווי שמעלקע

* ווי באַוואוסט, האָט קאָצעבו אויך אויף דער רוסישער דראַמאַטורגיע געהאַט אַ באַשטימטע השפּעה. צו זיינע איבערזעצערס געהער אַפילו זשוקאָווסקי.

** ביי קאָצעבו איז פאַראַן נאָך אַן אַנדער פּיעסע „ווירוואַר“, וואו די טעמע און די פיגורן זיינען כמעט אידענטיש מיט דער טעמע און די פיגורן פון „סער־קעלע“ און פון דער אַגעווע. די דאָזיקע פּיעסע איז אָבער אַ פאַרס און אַנטוויקלט זיך אין דער צווייטער העלפט לחלוטין אַנדערש ווי אונדזערע פּיעסעס, בופאָניש, מיט אַן אַ שיעור שפּאַסן און וואָדעווילישע שטיק.

טרויניקס אין „סערקעלע". ביי פּאַנוויזינען פעלט זי אינגאַנצן.

מיר זעען, אַז ס'איז ניט נייטיק אָנצוקומען צו דער אָנגעצויגענער השערה וועגן אַ השפּעה פון פּאַנוויזינען, וואָס לייגט זיך אַזוי וויינִיק אויפן שכל. אַ סך וואָרשיינלעכער זיינען די השפּעות פון מאָליער, לעסינג, שילער און קאָצעבו.

די וויכטיקסטע השפּעה, וואָס שייך דער טראַדיציע אין יידישער שפּראַך, האָט עטינגער געצויגן פון דער אַנאָנימער „גענאַרטע וועלט", דעם באַדייטנדיקן רינגעלע אין דער ליטעראַטור־היסטאָרישער קייט, וואָס ציט זיך פון אייכל און וואָלפסאָן איבער עטינגערן, אַקסענפעלדן („גענאַרטע וועלט", „מאַן און ווייב") און גאָטלאָבערן („דעקטוך") ביז צו גאָלדפאַדענען („מומע סאָסיע"), ווינטשעווסקין, שלום־עליכמען און ווייטער.

אין עטינגערס פּיעסע זיינען נאָך פאַראַן באַשטימטע מאָמענטן פון דער מאָליערישער כאַראַקטער־ און סיטואַציע־קאָמעדיע, כאָטש זי איז אַ „בירגערלעך" שוישפּיל לויטן נוסח, וואָס לעסינג האָט איינגעפירט אין דייטשלאַנד. זי איז סענטימענטאַל אינעם ליבע־מאָטיוו און זשאַנר־מאָליעריש. אַ חוץ דעם אָבער געפינען מיר אין דער פּיעסע אַ ביז גאָר וויכטיק נייס, וואָס הייבט די טראַדיציאָנעלע פיגורן אַרויס ביז צו קינסטלערישער אָריגינעלקייט; איך מיין דעם מאָמענט פון רעאַליסטישן שטייגער אינעם אופן ריידן. דאָס דאָזיקע נייס באַווייזט, ניט ווייניקער ווי די אויסגעצייכנטע קאָמפּאָזיציע, די מדרגה פון עטינגערס קינסטלערישקייט.

„סערקעלע" איז נאָך הייַנט לייענבאַרער, איידער לעסינגס יוגנט־קאָמעדיע „דער אוצר". קינסטלעריש שטייט זי געוויס ניט נידעריקער פון פּאַנוויזינס „ביעדראַאָסל" און אַ סך העכער פון קאָצעבוס נאָכמאַכעריי. ניט געקוקט אויף אַלע זעלבסטפאַרשטענדלעכע ליטעראַרישע השפּעות, איז „סערקעלע" אַן אָריגינעל קינסטלעריש ווערק, אין וועלכן עס ווערן צום ערשטן מאָל פיקסירט אין דער יידישער ליטעראַטור אַ ריי ספּעציפישע נאַציאָנאַלע פיגורן, וואָס האָבן זיך דאַן אין דער ליטעראַטור, און זעלטן ווען בוילעטער און קינסטלעריש שאַרפער, אַ סך מאָל איבערגעחזרט.

12. ביבליאָגראַפישע הערות. אויספיר

די „הוספות", וואָס ווערן צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט, זיינען בכלל אַ ווערטפולער צוגאָב צו דער אויסגאַבע. מיר געפינען אין זיי (ב. 2, ז. 517 און ווייטער) פאַרשיידענע אויסגעצייכנטע גאַנצע לידער, משלים, מעשהלעך און אויך פראַגמענטן. זיי געהערן אָבער צו פאַרשיידענע אָפּטיילונגען. אין אַ נייער אויסגאַבע דאַרפן זיי פאַרטיילט ווערן איבערן גאַנצן בוך, יעדע זאַך צו דער פּאַסיקער אָפּטיילונג: אַ היפּשן טייל — צו די לירישע און עפּישע

לידער (זיי וועלן דאָרט ניט געהערן צו די ערגסטע!), אַן אַנדערן טייל („דער וואָלף לערנט לשונות", „דאָס שטערנטיכל", „דער ראש־הקהל" און אפשר אויך „די לאַמפּערטעס", ב. 1, ז. 545) — צו די משלים; „ר' שמערל" — צו די עפּיגראַמעס א. אַז. וו.

וועגן דעם פּראָזאַאישן פראַגמענט, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין 1833 (ב. 2, ז. 547), דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ס'איז מסתם אַ הקדמה צו אַ מין יידישער און אַלגעמיינער מיטאָלאָגיע, וואָס איז אויסן צו בילדן די מאָסן, אַנטשפּרעכנדיק צו עטינגערס טענה אין בריוו נומ. 3 (ב. 2, ז. 567), אַז די „נאַציאָן" האָט נאָך ניט קיין „מיטאָלאָגיע,* וועלט־ און נאַטור־געשיכטע". די ווייטערדיקע פראַגמענטן פון ז"ז 548—553, ווערן דורך ווײַנרײַכן בלויז טיילווייז אידענטיפיצירט ווי איבערזעצונגען, אויף די איבעריקע שטעלט ווײַנרײַך דאָס קעפּל „פראַגמענט" סתם.

דערצו איז צו זאָגן: דער פראַגמענט נאָך דער איבערזעצונג פון „מה טובו", וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „איך רוף צו דיר" (ב. 2, ז. 551), איז די איבערזעצונג פון אַ תפילה, וואָס הייבט זיך אָן אינעם אָריגינאַל מיט די ווערטער „אני קראתיך כי תענני". דאָס איז ניט קיין באַשטימט קאַפּיטל פון תהילים, נאָר אַ „מאָזאַאיק", צונויפגעשטעלט פון פאַרשיידענע פסוקים פון תהילים. די תפילה געפינט זיך אין באַשטימטע סידורים באַלד אויף די ערשטע בלעטלעך (למשל, אין „סדר תפלת ישראל" פון יעקב ליסא, פראַנקפורטביים מיין, תר"א). תיכף נאָך אָט דער תפילה גייט געוויינלעך אין די דערמאָנטע סידורים אַן אַנדערע ענלעכע, אויך צונויפגעשטעלט פון פאַרשיידענע פסוקים, וואָס הייבט זיך אָן אין אָריגינאַל: „שיר המעלות לדוד שמחתי באומרים בית אדני נלך. שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב. הקשיבה" א. אַז. וו. באַלד נאָך דער אויבנדערמאָנטער גייט טאַקע אויך ביי עטינגערן די איבערזעצונג פון דער דאָזיקער תפילה, דער פראַגמענט: „אַ

---

* לויט דער טראַדיציאָנעלער, פון דער קלאַסיק באַווירקטער פּאָעטיק געהערן די בילדער און פיגורן פון דער מיטאָלאָגיע צו די אומבאַדינגט נויטווענדיקע באַשטאַנדטיילן פון דער פּאָעזיע, אָן וועלכע זי קאָן ניט אויסקומען, פונקט אַזוי ווי אָן אַלגעמיינע מעטאַפאָרן. ס'איז באַוואוסט, אַז קלאָפּשטאָק, למשל, פּרוּווט איינפירן אין דער דייטשער דיכטונג פיגורן פון דער סקאַנדינאַווישער מיטאָלאָגיע אַנשטאָט דער אַנטיקיש־גריכישער. עטינגער האָט אפשר געהאַט דעם זעלבן נאַאיוון מיין בנוגע דער יידישער פּאָעזיע: פעסטצושטעלן אַ קאַנאָן פון דער יידישער מיטאָלאָגיע, כדי זי אַריינצופירן אין דער ליטעראַטור, — ענלעך צו דעם, ווי ער האָט אויף אַ געלונגענעם אופן אַריינגעפירט אין דער דיכטונג ספּעציפיש־יידישן שטייגער. זע, למשל, יענע ערטער, וואו עטינגער פאַרבייט, אין די איבערזעצונגען, ניט־יידישן שטייגער און ניט־יידישע רייד־פיגורן מיט אַזעלכע, וואָס זיינען היימישער געווען דעם יידישן לייענער.

געזאַנג, וואָס עס גייט אַלע מאָל העכער" (ב. 2, ז. 552), אַט־די תפילה איז פאַרענדיקט מיטן ערשטן אַבזאַץ פונעם פראַגמענט, ז. 552, מיט די ווערטער: "...אין דער פאַרזאַמלונג" ("רגלי עמדה במישור במקהלים אברך אדני"). מיטן צווייטן אַבזאַץ אינעם פראַגמענט הייבט זיך אָן אַ "רשות"* פון שלמה בן גבירול: "שחר אבקשך" — "אינדערפרי זאָל איך צו דיר בעטן" א. אַז. וו. דער פראַגמענט, וואָס קומט דערנאָך (ב. 2, ז. 553), איז אויך אַן איבערזעצונג פון אַ "רשות" מיטן ריטם פונעם אָריגינאַל.

און איצט קאָנען מיר שוין גרינג דערקלערן דעם באַדייט פון אַט די אַלע פראַגמענטן. אין די דערמאָנטע סידורים גייען טאַקע די תפילות אין אַזאַ סדר: מה טובו, אני קראתיך, שיר המעלות, פונקט אַזוי ווי מיר זעען עס אינעם סדר פון די "פראַגמענטן" (ז"ז 551—552) ביי עטינגערן. דערנאָך גייט אין די סידורים "יגדל", וואָס איז אויך איבערגעזעצט פון עטינגערן (ז. 550), פאַרשיידענע "רשיות", דאָס תהילים־קאַפּיטל ס"ז, און פאַר אַלעם די לאַנגע העברייאישע תחינה "גאָט אונדזער האַר" (ב. 2, ז. 548).

פונדאַנען ווערט אינגאַנצן קלאָר, אַז עטינגער האָט געפּרואווט כסדר איבערזעצן אַ גאַנצן סידור לויטן טיפּ פון די עלטערע דייטשע סידורים. ס'איז דאָך כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ טייל משכילים, אַז צוגלייך מיט אויפגעקלערט־קייט ווילן זיי דעם "פאָלק" ברענגען אויף אַ "פאָלקסטימלעכן" אופן רעפאָר־מירטע רעליגיע. אַזוינס זעען מיר זייט מענדעלסאָן, איכל, פרידלענדער ביז צו דיק, לינעצקי (סידור) און מענדעלע (פרק שירה, זמירות א. אַז. וו.).

* * *

צו בריוו נומ. 4 (ב. 2, ז. 568). די זאַצן: אבל דבריך: "שלח ספרך וארבעים רובל לידי, ויהיה ספרך נדפס" — בל אבינה. כי להדפיס את ספרי עם התקונים, אשר תקנו בו אנשי כנסת הצענזור. חנם בל אחפוץ"... איבער־זעצט וויינרייך (ב. 1, ז. XXXV): "אָבער דיינע ווערטער: "שיק מיר צו דיין בוך מיט פערציק רובל, וועט דיין בוך געדרוקט ווערן", פאַרשטיי איך נישט; ווייל אָפּדרוקן דאָס בוך אָן געלט מיט די אויסבעסערונגען, וואָס די צענזור־לייט האָבן אויסגעבעסערט, וויל איך נישט." אַזאַ איבערזעצונג איז ניט ריכטיק און פאַרדרייט דעם זין פון עטינגערס ווערטער, מאַכט זיי זינלאָז. דאָס וואָלט באַטייט, אַז מע לייגט אים פאַר דרוקן זיין בוך "אָן געלט", בעת מע פאַרלאַנגט דאָך פון אים בפירוש 40 רובל (שלח ספרך וארבעים רובל" און ווייטער: "כמה יהיה מספר העקסעמפּלאַרע מחיר הארבעים רובל, אשר כתבת לשלות לך"). ריכטיק דאַרף איבערגעזעצט ווערן: "...וואָרים דרוקן

---

* רשות (רעשוס — אַרויספיר־געבעטס) — אַ זשאַנר פון דער רעליגיעזער דיכטונג.

מיין בוך מיט די אויסבעסערונגען פון דער צענזור וואָלט איך אַפילו אומזיסט נישט געוואָלט". דאָס הייסט, נישט בלויז נישט פאַר 40 רובל, ווי מע פאַרלאַנגט, נאָר אַפילו ווען מע זאָל עס טאָן אינגאַנצן אָן געלט — אויך נישט. דאָ האָבן מיר דאָך אַן אָנווייז, פאַרוואָס עטינגערס ווערק זיינען ערשט אַזוי שפּעט געדרוקט געוואָרן.* —

* * *

אין דער „ביבליאָגראַפיע" (ב. 1, ז. LX) דערקלערט וויינרייך פאַר „איבעריק צו ברענגען דאָ אַ רשימה, ווען און וואו די איינציקע ווערק עטינגערס זיינען געווען געדרוקט". דאָס וואָלט אָבער אין דער אמתן ווייט נית געווען איבעריק. אגב, וויל איך דאָ פאַרצייכענען, אַז אין גאָטלאָבערס ערשטן בוך „פּרחי האביב" (יוזעפאָוו, 1837, ז. 14) איז אָפּגעדרוקט אַ העברייאיש ליד פון עטינגערן, „שירת דודים מהדאָקטאָר המשכיל המפואר מה"רש עטינגער מזאמושץ", דאַטירט: „יום א כ"ב סיון פה זאַמושץ". טשיקאַווע איז דער פאַקט דערפאַר, ווייל ער וויזט די נאָענטע באַציאונג פון עטינגערן צום יונגן גאָטלאָבערן און אויך, ווי שוואַך עטינגער, וואָס האָט שוין דעמאָלט אָנגעשריבן „סערקעלע" און וואָס האָט, אגב, אויסגעצייכנט באַהערשט די העברייאישע שפּראַך אין פּראָזע, איז געווען אין דער העברייאישער דיכטערישער מליצה. (אגב, געפינט זיך אויך עטינגערס נאָמען צווישן די נעמען פון אַנדערע זאַמאָשטשער און שעברשינער משכילים אינעם פּרענומעראַנטןצעטל פון דעם בוך.)

אין אַן אַקעדעמישער אויסגאַבע האָבן אויף אַ באַשטימטן אופן געדאַרפט צוגעצויגן און אויסגענוצט ווערן די וואַריאַנטן פון עטינגערס לידער, וואָס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער „וואַרשויער יודישער צייטונג" (1867). מיר געפינען דאָרט אין נומ. 1 „דאָס שיפער־ליד" (ב. 1, ז. 103); און נומ. 12 „וויטעלע" (דאָרט: „די פרומע וויטעלע אין קראָקאָ", (ב. 1, ז. 238); אין נומ. 20 „דאָס קאַטשקעלע" (דאָרט: „די דריי קאַטשקעלעך", ב. 1, ז. 150); אין נומ. 24 „טעמערל" (ב. 1, ז. 119); אין נומ. 27 „דער האָן" (ב. 1, ז. 11). „דאָס שיפער־ליד" — אַנאָנים, די אַנדערע — „פאָן ד"ר עטינגער". דורך אַ פאַרגלייך מיט די דאָזיקע טעקסטן, וואָס זיינען מסתם עלטערע וואַריאַנטן ווי אין דער פּעטערבורגער אויסגאַבע פון עטינגערס „משלים" (1889) און ווי וויינרייכס פאַרלאַגן, קאָנען מיר באַקומען אַ דייטלעכע פאָרשטעלונג פונעם אופן, ווי עטינגער האָט איבערגעאַרבעט און איבערגעשליפן זיינע לידער. אין יעדן ליד זיינען פאַראַן אַ סך ענדערונגען סיי פון אידייאישן, סיי פון קינסט־

---

* וויטערדיקע טעקסט-קריטישע פאָרשלאָגן פאַר אַ נייער אויסגאַבע פון עטינגערס ווערק ווערן געבראַכט אין דער ערשטער אויסגאַבע פון מיין דאָזיקער אַרבעט.

לערישן כאַראַקטער. די וואַריאַנטן אין דער „וואַרשויער יודישע צייטונג" זיינען געוויינלעך שאַרפער אינעם אויסדרוק.

דאָס ווערטער־זוכצעטל (גלאָסאַר) וועט אין אַ נייער אויסגאַבע דאַרפן זיין אַ סך רייכער. עס זיינען נאָך געבליבן צענדליקער ווערטער, וואָס וועלן פאַר לייענער פון אַנדערע דיאַלעקט־קאַנטן זיין ווייניק פאַרשטענדלעך, למשל: רעמעטעל (472, רימענדל), חורש (485, שוויג־געלט, כאַבאַר), ווערן (496, פאַרוווערן), טונען גאָלד (467, Tonnen), שענדן (465, 503, היפוך פון לויבן, נאָכזאָגן עמעצן שלעכטס); רעדנסאַרטן, ווי: „וואָס איז באַשערט, איז טאַקע באַווערט" (467, באַווערט bewährt) א. אַז. וו.*

---

* בנוגע דעם כאַראַקטער פון עטינגערס שפּראַך בכלל געפינען מיר בלויז דעם אַלגעמיינעם זאַץ: „עטינגערס שפּראַך איז אַ טיפּיש דיאַלעקטישע." ס'וואָלט אָבער גראָד אינטערעסאַנט געווען נאָכצושפּירן נאָך דער שטרעבונג עטינגערס צו מאַכן זיין שפּראַך אינטערדיאַלעקטיש. אַזאַ שטרעבונג איז אין עטינגערס שפּראַך אַוודאי פאַראַן, כאָטש זי באַזירט זיך, געוויינלעך, אויף אַ דיאַלעקט. עטינגער, אַליין אַ פּוילישער, האָט זיך דאָך באַגעגנט אין אָדעס מיטן יידיש פון ליטווישע, אוקראַאינישע און בעסאַראַבער יידן, אין לעמבערג — מיטן מזרח־גאַליציאַנער דיאַלעקט. אַז ער האָט זיך צו די דיאַלעקטן צוגעהערט, באַווייזט די שפּראַך פון שמעלקע אין „סערקעלע".

אין אַ קומענדיקער אויסגאַבע דאַרף אין דער אָרטאָגראַפיע אָפּגעהיט ווערן עטינגערס דיאַלעקט־אויסשפּראַך נאָר אין די גראַם־ווערטער פון די לידער. דאָרט — אומבאַדינגט. אין די גראַם־ווערטער דאַרף מען מאַכן אַן אויסנאַם פון די אָנגענומענע אויסגלייך־פּרינציפּן פאַר יעדן שרייבער, וואָס געהער צו דער ליטעראַטור־געשיכטע. מעכאַנישע „קאָרעקטיוון" אין דער אָרטאָגראַפיע וועלן זיין אומגעלומפּערט. למשל:

„מע זעצט אַנידער אויף אַ ש ט ו ל,
דער קלעזמער גיט ווייַנענדיק אַ ש פּ י ל." (עטינגער).

„און די קלעזמאָרים שפּילן זיי צ ו,
שוין תיכּף זייגער צען א י נ ד ע ר פ ר י." (עטינגער).

אין אַלע ענלעכע פאַלן פאַרלירט זיך אינגאַנצן דער גראַם (למשל: „ליכט" — אָנשטאָט עטינגערס „לעכט" און „נעכט" א. אַז. וו.), און ס'באַקומט זיך משונהדיק. דאָס וואָלט באַטייט פאַרקריפּלען אַ טייל פון דער אָריגינעלער פאָרם. אַ ווייסרוסישער אָדער ליטווישער לייענער וועט לייענען špil—štul; fri—cu; licht—necht א. אַז. וו. די אָרטאָגראַפיע דאַרף דאָ זיין אַזאַ, אַז גראָד דער אַנדערש־דיאַלעקטישער לייענער זאָל פאַרשטיין עטינגערס גראַם. די אָפּווייכונגען קאָנען איין מאָל פאַר אַלע מאָל דערקלערט ווערן אין אַ הערה. די טענה, אַז ס'וועט אויסקומען אין איין און דער זעלבער ליד צו שרייבן דאָס זעלבע וואָרט פאַרשיידן, למשל: איין מאָל „ליכט" און איין מאָל „לעכט" — איז קיין טענה ניט. טאַקע יאָ: ביים גראַמוואָרט — „לעכט"! איז וואָס? צוליב דעם גראַם דערלויבט די פּאָעטיק, ווי באַוואוסט, אומפאַרגלייכלעך גרעסערע פרייקייטן, איידער אַ זינד קעגן ח' זאַרעצקיס גאָרניט

די ביבליאָגראַפיע 1, ז. LX ביז ז. LXIV איז ווייט ניט קיין אויסשעפּנ־דיקע. געננוג צו זאָגן, אַז עס פעלט, למשל, אַן אָנווייז אויף לעאָ ווינערס „די היסטאָרי אָוו יידיש ליטעראַטשור אין די ניינטינטה סענטשורי“, 1899, ז"ז 100—101.

* * *

אַט די אַלע דעטאַלע קריטישע אָנמערקונגען, וואָס דאַרפן אויפגענומען ווערן ווי פאָרשלאָגן פאַר אַ נייער אויסגאַבע, וואָלטן ניט אַזוי שטאַרק גע־מינערט דעם ווערט פון דער עדיציע, ווען זי וואָלט ניט געהאַט קיין אַנדערע גרונט־חסרונות, וועגן וועלכע איך האָב פריער גערעדט: דעם באַגרענעצט־רעאַקציאָנערן שטאַנדפּונקט ביי דער היסטאָרישער באַלייכטונג און די אומ־ווויסנשאַפטלעכע „שיינשרייבעריי“. „עטינגערס כתבים“ זיינען דער ערשטער פּרוּוו פון אַ טעקסטקריטישער אויסגאַבע פון אַן עלטערן יידישן שרייבער. דעטאַלע חסרונות און פעלערן זיינען אין אַזאַ פאַל פאַרשטענדלעך. אָבער סוף־כל־סוף האָבן דאָך די ווערק פון די שרייבער אין יענעם פעריאָד אַ חוץ אַלעם און אָפּט דער עיקר אַ ליטעראַטור־היסטאָרישן און בכלל היסטאָרישן באַדייט. איז שוין דווקא דעריבער ביז גאָר וויכטיק, אויף וואָסער אופן, פון וואָסער אידייאישן שטאַנדפּונקט און מיט וואָסערע אויספירן אַן אַרויסגעבער שטעלט אַרום און באַלייכט (אין אַריינפירן, הערות א. אַ.) אַזעלכע טעקסטן. פון אַ קרומער באַלייכטונג פאַלט אַ פאַלשע שיין אויך אויף די טעקסטן, וואָס ווערן דערפון געשעדיקט. עטינגערס טעקסטן זיינען וויכטיקע ליטעראַטור־היסטאָ־רישע דענקמעלער מיט אַ באַדייטנדיקן קינסטלערישן ווערט. פאַלשע רע־אַקציאָנערע קאָנצעפּציעס קאָנען, ווי אין דער דאָזיקער עטינגער־עדיציע, שעדיקן דעם ווערט פון אַ היסטאָרישן דאָקומענט.

קיעוו, 1929.

וואַזשנעם אָרטאָגראַפישן ווערטערבוך. בפרט, וואו ס'גייט סך־הכל וועגן רעפּראָדוצירן דעם דיאַלעקט פונעם שרייבער און וואו ס'ווערט דורך דער אומפּינקטלעכקייט גע־שטערט דער גראַם.

ביים אָפּקלייבן אײנעם פון די פאַראַנענע געדרוקטע טעקסטן דאַרף מען זיך אָריענטירן אויף עטינגערס דיאַלעקט, און ניט אויף די קאָרעקטיוון פונעם זעצער. אַזוי, למשל, האָט עטינגער, אָן ספק, געשריבן: „אַ באָך מיט טרערן“ (ווי אין דער ווילנער אויסגאַבע), און ניט ווי אין „יידישעס פאָלקסבלאַט“ — אַ טייך מיט טרערן „באָך“ (דייטש Bach) באַטייט אינעם עלטערן יידיש, און אויך אין עטינ־גערס דיאַלעקט — אַ טייך, און דאָס וואָרט „טייך“ באַטייט אין עטינגערס דיאַלעקט ניט קיין שטראָם, נאָר אַ שטייענדיק וואַסער. „צו טיש גרייטן“ איז אויטענטישער ווי „צום טיש גרייטן“ א. אַז. וו.

די ראָל פון שאַבלאָנישער פּראָזעאָלאָגיע אין דער ליטעראַטור פון דער השכּלה

(צו דער מאָנאָגראַפיע וועגן ש. עטינגער)

1. אַריינפיר. די פּראָבלעם־שטעלונג

אין שלמה עטינגערס ווערק, וואָס באַטייטן אַ ווענדפונקט אינעם איבער־גאַנג פון נאַאיוו־שטייגערישן רעאַליזם צום קינסטלערישן רעאַליסטישן סטיל, וואַרפט זיך אין די אויגן דער פאַקט, וואָס גראַד יענע פיגורן, צו וועלכע דער אויטאָר האָט אַ נעגאַטיווע באַציאונג, און כמעט נאָר אָט־די, למשל: סערקעלע, גבריאל הענדלער, יוחנן שדכן, שמעלקע טרויניקס א. אַז. וו., באַנוצן אין זייערע רעפּליקעס באַזונדערס פיל סטערעאָטיפּישע, פיקסירטע פּראָזעאָלאָגיע, זיי וואַלגערן אָן אין זייערע רעפּליקעס גוזמאדיק פיל שאַבלאָנישע רעדנס־אַרטן, שפּריכווערטער, גלייכווערטלעך, פאַרגלייכעכנישן* א. אַז. וו. (מיר זעען דאָס נישט בלויז אין „סערקעלע", נאָר אויך אין די „משלים" עטינגערס). ביי אָט־די געשטאַלטן זיינען פאַראַן רעפּליקעס, וואָס באַשטייען אייגנטלעך אינגאַנצן פון אַ קייט קונציק־צונויפגעפלאָכטענע סטערעאָטיפּישע פּראַזעס. געוויינלעך שטעלן מיר דאָס פעסט אין די רעפּליקעס פון יענע כאַראַקטערן, וואָס זיינען שטאַרק ספּעציפיש־עטנאָגראַפיש אויסגעפורעמט, פרומלעכע, הינטערשטעליקע, בייזוויליקע, פונעם „אַלטן דור", פון וועלכע עטינגער וויל מיט זיין איראָניע אָפּשפּעטן. די „אויפגעקלערטע", „געבילדעטע" פאַרשוינען און די אַנדערע פּאָזיטיווע פיגורן, למשל די משרתים, באַנוצן אַ סך זעלטענער און אַ סך פאַסיקער רעדנסאַרטלעכע פּראַזעס.

די דאָזיקע רעדנסאַרטלעכע פּראָזעאָלאָגיע אין דער ליטעראַטור איז אַ באַשטאַנד־טייל פונעם רעאַליסטישן נוסח. אין אָנהייב איז דער כאַראַקטער פון אַ נייער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור געוויינלעך רעאַליסטיש. די זעלבע סיבות, וואָס פירן אַריין אַ פאָלקס־שפּראַך אין דער ספערע פון בוך־ליטעראַטור, דער רעוואָלוציאָנערער דראַנג און די שטרעבונג פונעם פאָלק זיך אומאָפּ־הענגיק צו מאַכן פון די הערשנדיקע קלאַסן, פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע, — אָט־די זעלבע סיבות פירן ממילא אויך צום שטיי־

---

* זע ווייטער „צוגאָבן און אָנמערקונגען".

גערישן, כאָטש אָפּט דערווייל נאָך פּרימיטיוון רעאַליזם, ווי צו אַ מיטל אויף צו קריטיקירן דעם סאָציאַלן סדר. טאַקע אויך די זעלבע סיבות פירן צו אַ ליבעפולער באַציאונג בנוגע דער פאָלקסטימלעכער שפּראַך. נישט בלויז ווייל מע מוז אין אָנהייב שרייבן, אַזוי ווי מע רעדט און ווי די צונג לייגט זיך גראָד, כדי בכלל קאָנען שרייבן אין אַ ליטעראַריש נאָך נישט אָדער ווייניק אויס־פאָרמירטער שפּראַך, נאָר אויך צוליב דער בפירוש ליבעפולער באַציאונג צו אָט־דעם שפּראַכלעכן פאָלקס־האָב און פאַרמעגן. דאָס איז אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין אַלע ליטעראַטורן. זי אַנטשפּרעכט אויך צו דער באַציאונג פון דער אויפקלערונג צו די פאָלקס־מאַסן.

ווי נאָר אָבער דער פּרימיטיוו־שטייגערישער רעאַליזם אַנטוויקלט זיך צו אַ קינסטלערישן מער־באַהערשטן רעאַליסטישן סטיל, ווערט שוין די באַציאונג צו דער רעדנסאַרטלעכקייט אינעם שפּראַכלעכן אויסדרוק דיפערענצירט. שוין ביי אַקסענפעלדן זעען מיר לפּחות די טענדענץ אין געוויסע פאַלן אויסצומיידן סטערעאָטיפּישע פראַזעס אין די רעפּליקעס פון די פּאָזיטיווע געשטאַלטן.*

אָט דער פאַקט ווערט אין דער יידישער ליטעראַטור וואָס שפּעטער אַלץ דייטלעכער — ביז מענדעלען און אַפילו ביז שלום־עליכמען.** דעריבער

* פאַרגלייך, למשל, די רעפּליקעס פון אהרן קלוגער ,ישראל אוקראַינער, פּנחס דער רויטער מיט די רעפּליקעס פון הערש-לייב, שלמה פּסיאַכע, וועלוול גיליוואַטע, גבריאל שד א. אַז. וו. (אין „דער ערשטער יידישער רעקרוט").

** באַזונדערס ביים יונגן שלום-עליכם, זע, למשל, די שפּראַך פון די נעגאַטיווע כאַראַקטערן אין „יקנה"ז", פון מנחם-מענדל א. אַז. וו.

ביים ערשטן דערשיינען פון דער דאָזיקער אַרבעט האָט מען אַרויסגעזאָגט ספקות, צי איז טאַקע אויך שלום-עליכם, לויט דער אַלטער משכילישער טראַדיציע, אויסן געווען דורך אַנוואַלגערן פון רעדנסאַרטלעכקייט צו פאַרשטאַרקן דעם נעגאַטיוון איינ-דרוק פון אַ געשטאַלט. אָן שום ספק איז דאָס אָבער אַזוי געווען, באַזונדערס אין זיינע פריאיקע ווערק. און אָט איז אַ ביישפּיל: די סאַמע נעגאַטיווסטע געשטאַלט פונעם ע ל ט ע ר ן ד ו ר אין „סטעמפּעניו" איז פריידלס מוטער, צפּורה. און איר לשון איז אַזאַ: — „—אַ שיינער געניידעם, — זאָגט די שוויגער פון איר זייט מיט אַ שטאָך. — אַן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קאָן קיין שופר ניט בלאָזן! ביי לייטן אַ שוויגער האָט כבוד גלייך ווי אַן אייגענע מאַמע. ער זעט, דאַכט זיך, גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ כבוד איך האָב פון מיין טעכטערל. ווי זאָגט מען: שנייץ די נאָז און שמיר דאָס פּנים — און ער זאָל עס איר אַפילו איבערקערן די צונג. אויך מיר אַ מאַן, מישטיינס געזאָגט! אַבי געדרימפּלט אויפן פידל, איך פאַרשטיי דאָס גאָרניט, ווי אַזוי ווערט דאָס אים ניט נמאס, טאַטעניו! וואָס מיין טאָכטער נעמט זיך אַזוי איבער — ווייס איך ניט: אַז דאָס מזל גייט, קעלבט זיך אַן אָקס אויך. מע האָט שוין געזען אַזעלכע בריות ווי דו! דיין שווער איז אַמאָל געווען אַזאַ שיינער פידלער ווי דו, נאָר גאָרניט, ווי זאָגט מען: אַ נייער בעזעם קערט ריין. צו אַלצדינג דאַרף מען האָבן מזל, און אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם אויך. ברוגז, סטעמפּעניו, דאַרפסטו אויף מיר ניט זיין, וואָס איך זאָג דיר דעם ריינעם

לוינט נעמען פאַר אַ ביישפּיל אַ ווערק פון איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע צווישן די יידישע אויפקלערערישע שרייבער אינעם פעריאָד ביז צו דער רעפאָרם, „סערקעלע“ פון שלמה עטינגער, און דורך אַן אַנאַליז צו דערלערנען: ערשטנס, ווי דאַרף מען דערקלערן דעם פאַקט, וואָס גראָד די נעגאַטיווע פיגורן פון דעם ווערק באַנוצן אויסערגעוויינלעך פיל סטערעאָטיפּישע פראַזעאָלאָגיע אין זייערע רעפּליקעס; צווייטנס, אַריבערגייענדיק צו אַן אַלגעמיינער אָפּשאַצונג, וואָסערע איז געווען די פּאָזיטיווע, שעפערישע ראָל פון דער פאָלקסטימלעכער שפּראַך אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור פון דער אויפקלערונג.

2. די געשיכטע פון דער סטערעאָטיפּישער פראַזעאָלאָגיע

אַז אַ מענטש דאַרף אַרויסזאָגן אַ געדאַנק אָדער מיט רייד רעאַגירן אויף געשעענישן, וואָס זיינען צו קאָמפּליצירט פאַר די פאַראַנענע (אָדער פאַר זיינע פּערזענלעכע) דירעקטע אויסדרוק־מעגלעכקייטן, העלפט ער זיך צומאָל אַרויס מיט בילדערישע באַשרייבונגען * אָדער מיט בילדערישע אַפעקט־שפּרוכן.** אויב אַזאַ ווערטער־ריי, וואָס איז צום ערשטן מאָל געווען אַן אימפּראָוויזירטע, ווערט אָפט און אין פאַרשיידענע פאַלן באַנוצט, פאַרשטייפט זיך איר באַדייט; דער באַדייט ווערט קאָנזיסטענט. אָט־די ווערטער־ריי באַקומט אַן אונטערשטרייכנדיקע ווירקונג, און אויב זי איז אַ געראָטענע און ס'זיינען פאַראַן אויך אַנדערע גינסטיקע באַדינגונגען פאַר איר פאַרשפּרייטונג, ווערט זי אַריינגענומען אין אַלגעמיינעם געברויך. זי ווערט אַ „שטענדיקע רעדנסאַרט“. מ'באַנוצט זיך מיט איר וואָס אַמאָל אַלץ מער אויך אין אַזעלכע פאַלן, וואו זי פּאַסט ניט דורכאויסיק אין אַלע פּרטים צו דעם קאָנקרעטן מיין און איינהאַלט. זי ווערט אַלץ אָפטער אַריינגעצויגן אין געברויך, זאָל זיין צוליב אַ

אמת, און כאָטש יעדער הונט איז אַוודאי אַ באַלעבאָס אויף זיין שוועל, נאָר קיין פרעמדע בין איך דיר ניט, פאָרט אַ שוויגער, און אַז מע שפּילט זיך מיט דער קאַץ, נעמט מען פאַר ליב איר קראַץ... און צפּורה שיט מיט ווערטלעך ווי פון אַ זאַק, ווי איר שטייגער איז, אַז זי צערעדט זיך...“ (אַלע ווערק פון שלום־עליכם, 1925 „סטעמפּעניו“, ב. 9, ז. 253.)

אין די דאָזיקע צוויי צענדליק שורות זיינען פאַראַן מינדסטנס צוועלף רעדנסאַרטן און שפּריכווערטער.

* פאַרגלייכענישן, רעטענישן, שפּריכווערטער, ווערטלעך, מעטאַפאָרעס, אָפּשפּרעכענישן, רעדנסאַרטן א. אַז. וו.

** כדי אויסצודריקן שנאה, ליבע, פּראָטעסט, הסכמה א. אַז. וו. באַזונדערס אין פריערדיקע עטאַפּן פון דער קולטור־אַנטוויקלונג, דורך קללות, לויב־שפּרוכן, זידלערייען, ברכות, ווינטשענישן, רעליגיעזע אויסרופן און ווענדונגען א. אַז. וו.

טייל פון איר באַדייט, אָדער גאָר צוליב איר נעבנבאַדייט און אַפילו אַ טייל פון נעבנבאַדייט, וואָס דאַרף בוילעט מאַכן באַשטימטע אייגנשאַפטן פון קאָנקרעטע דערשיינונגען אָדער אונטערשטרייכן אַ געוויסן מיין. דורך אָפטן באַנוצן אין פאַלן, וואָס זיינען בלויז טיילווייז פאַסיק, ווערט די רעדנסאַרט אויסגעשליפן און צום טייל „פאַראַבסטראַהירט“. כדי עס זאָל באַנומען ווערן דער מיין און באַדייט פון אַ רעדנסאַרט, וואָס איז דאָס רוב בלויז טיילווייז פאַסיק צום קאָנקרעטן פאַל, מוז מען אָנקומען צו אַ ריי אויסטייטשנדיקע געדאַנקלעכע פראָצעסן: די רעדנסאַרט זאַפט זיך אָן מיט אַ מענגע פאַרשיידנאַרטיקע אַסאָציאַציעס. אַזוי־אַרום ווערט די רעדנסאַרט פייאיק אויסצודריקן די סאַמע קאָנקרעטסטע פאַלן. געבוירן פון נויט, וועט די רעדנסאַרט אַ שאַרף און פלאַסטיש אויסדרוק־מיטל.

סע טרעפט, אַז מע אימפראָוויזירט אַ וואַריאַציע פון אַ רעדנסאַרט אָדער מע גיט איר צו אַ שיין פון שפילערישן וויץ; אַזוי־אַרום פורעמט זיך פון דער רעדנסאַרט אַ גלייכווערטל. אויב עס פאַרשפיצט זיך אין איר דער באַלערעוודיקער מיין און עס פאַרסך־הכלט זיך אין איר אַ באַשטימטע לעבנסדערפאַרונג, וואַקסט דערפון אַרויס אַ שפריכוואָרט. זיין פונקציע איז: אויספורעמען די בעל־פה־חכמה און די דערפאַרונגען פונעם פאָלקס־לעבן אין קאָנצענטרירטע זאַצן. און ווידער: אויב אַן עמאָציע קומט צום אויסדרוק אין דעם רעדנסאַרט אין אַ באַשטימטער ריטמישער פאָרם און אין בילדער (געוויינלעך אַנטיטעטישע), ווערט דאָס דער פרימיטיווער אָנהייב פון אַ ליד.* אַריבערגייענדיק צו דער פאָרם פון אַ ווערטל, שפריכוואָרט אָדער לידאַרטיקן שפרוך, געהערט די רעדנסאַרטלעכע פראַזע שוין נישט מער צום פשוטן אויסדרוק־שטייגער, דעמאָלט ווערן זיי „רייד־פיגורן“, דיכטערישע שפראַך־צירונג. אין אַ העכערער סטאַדיע וואַקסט אַרויס פונעם ווערטל אָדער גלייכווערטל דורך ברייטערע צעוויקלונג פונעם געשילדערטן בילד און פונעם נמשלדיקן מיין — די פאַראַבל; פונעם שפריכוואָרט אַנטוויקלט זיך דורך צעציען און אונטערשטרייכן די דערציילערישע אילוסטראַציע — די פאַבל; פונעם ליד־שפרוך — די פאָעזיע אין אַלע אירע פאָרמען. מיר זעען: דער רעדנסאַרטלעכער זאַץ געהער פון אָנהייב אָן צו די ערשטע עלעמענטן פונעם דיכטערישן וואָרט. דאָס איז אַ גוואַלדיקער פאָלקס־שעפערישער אויפטו.

* די פרימיטיווע לירישע צוויי- ביז דריי-שורותדיקע סטראָפעס פון די נעגערס, די פרימיטיווע אַלטערטימלעכע שפרוך-ליריק (ביי גריכן און יידן) און אַפילו די יאַפאַנישע טאַנקעס (פינף-שורותדיקע סטראָפעס אין פרייע ריטמען) ווייזן זייער אָפשטאַמונג פון אָט-דעם שורש, די אַנטשטייאונג פונעם שפרוך, פון דער רעדנסאַרט. אַמאָל האָט דער שפרוך אַ רעליגיעז-מאַגישן צוועק: ווען די רעדנסאַרטלעכע פראַזע אַנטוויקלט זיך צו אַ מאַגישן כישוף-שפרוך.

דערווייל, אין אַן ערשטער אורשפּרינגלעכער סטאַדיע, דאַרף די רעדנס־אַרט דינען פאַר גאַנץ פּשוטע קאָנקרעטע אויסדרוק־באַדערפענישן. זי דאַרף קלאָר מאַכן, כאַראַקטעריזירן זאַכן און פאַקטן אויף אָט־דעם באַשרייבערישן אופן, ווייל עס פעלט נאָך אַ מער קאָנקרעטער, מער קאָנצענטרירטער, מער פּינקטלעכער שטייגער אָנצורופן די אָדער יענע זאַך, דעם אָדער יענעם פאַקט ביים נאָמען, איבערצוגעבן די כאַראַקטעריזירונג דורך אַ באַגריף. צעוואַקסט זיך די רעדנסאַרט אַלץ מער אין דער שפּראַך, זי פאַרנעמט אַלץ מער אָרט אין דער שפּראַך. אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, פון דער קולטור, ווערן די רעדנסאַרטלעכע עלעמענטן פאַרביטן מיט ניי־געפונענע און אויסגעאַרבעטע קאָנקרעטע נעמען, אייגנשאַפט־ווערטער און באַ־גריפן. דעמאָלט פאַרלירט דער רעדנסאַרטלעכער זאַץ אַ טייל פון זיין אור־ערשטן פונקציאָנעלן באַדייט.

אָבער ניט שטענדיק גייט די אַנטוויקלונגס־געשיכטע אין אַזאַ גראָדער ליניע. עס מאַכן זיך געשיכטלעכע סיטואַציעס, ווען די געזעלשאַפטלעכע פאָרמען בייטן און קאָמפּליצירן זיך, אָבער דער אַנטשיידנדיקער ווענדפּונקט, די רעוואָלוציאָנערע ענדערונג אין דער געזעלשאַפט, וואָס דאַרף ענדגילטיק איבערפורעמען אויך דעם געדאַנק און דאָס וואָרט, פאַרהאַלט זיך נאָך דער־ווייל איבער געוויסע סיבות. די באַדינגונגען זיינען שוין אין אַ וויכטיקן טייל פּרטים צייטיק, אָבער יענע באַפרייענדיקע ווירקונג אויפן געדאַנק און אויפן וואָרט, וואָס אַ רעוואָלוציאָנערע ענדערונג פון דער געזעלשאַפט וואָלט גע־בראַכט, פעלט נאָך דערווייל; הייבן אָן ביידע דעגענערירן, דער געדאַנק און דאָס וואָרט — איינאיינעם מיטן לעבן (למשל: די העברייאישע מליצה, די אַראַבישע און פּערסישע „ריטאָריק", דער „סעצענטיסטישער", מליצהדיקער שפּראַך־סטיל אין דער איטאַליענישער ליטעראַטור פונעם 17טן יאָרהונדערט א. אַז. וו.). די פאַרהעלטענישן זיינען שוין קאָמפּליצירטער, איידער די פאַראַנענע אויסדרוק־מעגלעכקייטן, וואָס זיינען לויט זייער מהות און פאַר־נעם אַרויסגעקומען פון אַ פּראָסטערער געזעלשאַפט־פאָרם און פון פּשוטערע באַדערפענישן. העלפט מען זיך אין דער שפּראַך מיט „קאָמבינאַציעס", מיט וואַריאירן די געווירשנטע רעדנסאַרטן, פּראַזעס, מליצות, ווערטלעך, אויסרופן, מע ניואַנסירט און ניצעוועט זיי איבער אָן אַן עק. עס איז שווער זיך צו רירן אין דער ענג־געוואָרענער שפּראַך, דערפירט דאָס צו אַ באַשטימטער ראַפי־נירטקייט, צו אַן אייגנאַרטיקן שפּראַך־חכמהנען און שפּראַך־וויצלען. צוליב עפּעס אַ ווייטער אָנצוהערעניש אָדער אויסערלעכער קוים־דערהערבאַרער קלאַנגען־ענלעכקייט, צוליב אַ פיינער, אָבער ווייניק פּרוכטבאַרער, אַסאָצי־אַציע, ציט מען צו גאַנצע פראַזעס, ווי אין אַ קאַלאַמבור. אין די איבעריקע טיילן פון אָט־דער פראַזע, וואָס געהערן ניט צום ענין, מוזן אַריינגעטייטשט

ווערן חריפותדיק צוגעטראַכטע באַציאונגען. אין דער דאָזיקער צונויפּ־געפּרעסטער, דורכאויסיקער וואָרט־שפּילערייִ פון אומגעהייערן מאַסשטאַב איז שוין זייער שווער צו געפינען רעשטן פון דער אַמאָליקער שעפּערישער אויסדרוק־פייאיקייט.

דאָס קאָן דערגיין אַזוי ווייט, אַז די שפּראַך זאָל שוין מער ניט אויסדריקן נאָרמאַל און זאַכלעך דאָס, וואָס דער רעדנדיקער וויל, נאָר, אַזוי צו זאָגן, דאָס, וואָס זי, די שפּראַך, וויל און קאָן.* ווען זי געפינט זיך אין דעם צושטאַנד, הערט זיך שוין פון איר אַרויס אַזאַ מין טאָן, אין וועלכן ס'איז פאַראַן אי פון טיפּשות, אי פון שגעון (למשל די שפּראַך פון די וועלוול גיליוואַטעס אין אַקסענפעלדס „דער ערשטער יידישער רעקרוט", פון יוחנן שדכן אין עטינגערס „סערקעלע", פונעם גלופּסקער לופט־מענטש, דעם „גלופּאָ־בעזיאַזיקאַ־קאַפּצאַנער", ווי מענדעלע כאַראַקטעריזירט אים, די שפּראַך פונעם קאַס־רילעווקער לופט־מענטש, די געשטאַלטן אַרום שלום־עליכמס יקנה"ז א. אַז. וו.).

דער דאָזיקער שפּראַך־נוסח וויקלט אַרום די לעבעדיקע פּערלען פון דער פאָלקלאָר־שפּראַך מיט אַ גיפטיקן וואַרגנדיקן שפּינוועבס. מיטן זינלאָזן, פאַר־קריפּלטן אופן פון געברויך דערשטיקט ער זייער אינעווייניק לעבן. אויב אַזאַ מין שפּראַך־נוסח איז פיקסירט אין אַ געשריבענעם דאָקומענט, קאָן דער־נאָך דער פאָרשער אַרויסגעפינען און אַרויספּרעפּאַרירן די אורשפּרינגלעך־לעבעדיקע און וואונדערלעכע, פאָלקלאָרישע זאַצן, אַזוי ווי אַ פּאַלעאָנטאָלאָג די לעבעדיק־געוועזענע באַשעפענישן פון דער פאַרשטיינערטער מאַסע. אויב ער נעמט דאַן אַרויס די איינצלנע פאָלקלאָרישע זאַצן פונעם טויטנדיקן צוזאַמענהאַנג און באַפרייט זיי פון דער וואָרט־סביבה, פון דער פאַרקריפּלענ־דיקער ווירקונג, וואָס קומט פונעם זינלאָזן געברויך, פונעם מיסברויך — הייבן

---

* דער אַרויסגעבער פון די „מיטטיילונגען פיר יידישע פאָלקסקונדע", דר. גרינ־וואַלד, האָט דערציילט, אַז פאַראינטערעסירט מיטן יידישן פאָלקלאָר האָט ער זיך צוליב אַזאַ צופאַל. אַרום אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט האָט ער אַמאָל אין האַמבורג געהערט רעדן אַן אַלטיטשקע יידישע פרוי, וואָס האָט נאָך גערעדט אינעם אַלטן יידיש־טייטש פון יענעם קאַנט. עס האָט אים פאַרחידושט, וואָס זי באַנוצט אין אירע רייד אָן אַ שיעור גלייכווערטלעך, רעדנסאַרטן, שפּריכווערטער. צוהערנדיק זיך גענויער צו אירע ווערטער, וועלכע ער האָט אין אָנהייב ווייניק פאַרשטאַנען, האָט ער באַמערקט, אַז אַלע אירע רייד זיינען כמעט דורכאויס א י י ן גרויסע קייט פון רעדנסאַרטן.

אַז ד ע ר מין רעדנסאַרטלעכער עשירות אין די רייד פון אַט־דער פרוי איז ניט געווען קיין סימן פון שפּראַך־אויפבלי און „פרישקייט", נאָר פאַרקערט, פון אָפּגאַנג, איז קלאָר. די דאָזיקע יידישע זקנה האָט דאָך געהערט צו די „לעצטע מאָהיקאַנער" פון יידיש (יידיש־טייטש) אין יענעם דייטשן קאַנט, און זינט דעמאָלט איז יידיש דאָרט שוין אינגאַנצן און אויף שטענדיק אָפּגעשטאָרבן.

זיי אָן צו שײַנען אין זייער אַמאָליקער אורשפּרינגלעכער פּראַכט, אַלס דענקמעלער פון דער אורשפּרינגלעכער פּאָלקסטימלעכער שעפערישקייט. אָבער אויך זייענדיק אין געפּענגעניש אינעם מויל פון וועלוול גילעוואַטע אָדער פונעם פרנס פסיאַכע, פון סערקעלע, פון גבריאל הענדלער, יוחנן שדכן, שמעלקע טרויביקס, בלישטשען זיי דורך דער גיפטיק־נעפּלדיקער וואָרט־סביבה. פונדאַנען נעמט זיך אונדזער צווייענדיקע, ווידערשפּרעכיקע באַציאונג צו אַזעלכע מיני טיראַדעס פון די אויבנדערמאָנטע פּאַרשוינען. די איינצלנע פּאָלקלאָרישע באַשטאַנד־טיילן זייערע רעדן צו אונדזער האַרץ און ציען אונדז צו. אָבער דער מיין, צוליב וועלכן די עכטע פּאָלקלאָרישע זאַצן ווערן אין די דאָזיקע טיראַדעס מיסברויכט, שטויסט אונדז אָפּ. דורך די פּאָלקלאָרישע באַשטאַנד־טיילן באַקומט דער דאָזיקער גאַנצער שפּראַך־נוסח אַ מין „פּאָספּאָרעסצירנדיק" געשפּענסטיש לעבן. אין אמתן אָבער ווערן דאָ, אין דעם דאָזיקן שפּראַך־נוסח, די לעבעדיקע פּאָלקסטימלעכע וואָרט־אוצרות פּאַרקריפּלט און מיסברויכט. דער דאָזיקער מין שפּראַך איז אין תוך, ניט געקוקט אויף זיין כלומרשטער שפע, סיי אויסגעשעפּט און מאָגער, וואָס שייך דעם געדאַנקלעכן תוך, וואָס מע איז אויסן, סיי איבער־ראַפינירט צוליב דער „געהויבענער" אָדער ווילד־צעוואַקסענער געקינצלטקייט, וואָס קאָן אַלץ ביז־גאָר „דיפערענצירט" אַרויסזאָגן, נאָר ניט דעם קלאָרן, פּראָסטן זין, וואָס איז נייטיק אין אַ געגעבענער סיטואַציע. אין דעם דאָזיקן דורכאויס־ווערטלדיקן אויסדרוק־אופן איז ניט פאַראַן קיין אמתדיקער, אָריגינעל־נייער שעפערישער שאַרפזין, נאָר אַ מין שמאָלקעפּיקע חריפותדיקייט.

און דאָ קומט ווידער אַרויס און באַווייזט זיך אויפסניי אַן אורשפּרינגלעכער מאָמענט אינעם רעדנסאַרטלעכן זאַץ — דער פאַקט, אַז אַנשטאָט אָנצורופן זאַכן ביי אַ נאָמען, אַנשטאָט צו כאַראַקטעריזירן דורך אַ פּינקטלעך אייגנשאַפט־וואָרט, האָט ער פון אָנהייב אָן בלויז באַשריבן אָדער אַרומגעשריבן די בילדער און באַגריפן. דער חילוק איז אָבער דער, וואָס דעמאָלט, אין דער צייט פון דער אַנטשטייאונג, איז דאָס געווען אַ גוואַלדיק שעפערישער אויפטו. דאָס האָט אויפגעריסן נייע אויסדרוק־פלאַסטן, דורכגעשלאָגן אַ וועג צו די נייע באַצייכענונגען. דאָ אָבער ווערט דער לעבעדיקער רעדנסאַרטלעכער זאַץ פאַרוואַנדלט אין אַ פּראַזעאָלאָגישן שאַבלאָן, זיין אומקאָנקרעטקייט ווערט איצט אויסגענוצט פון אַלע די, וואָס ווילן זייער געדאַנק דורך ווערטלעך, מליצות, סטערעאָטיפּישע פראַזעס און גאָרניט־באַדייטנדיקע שפּראַך־תנועות דווקא גיכער באַהאַלטן, איידער אַרויסזאָגן, באַרעדעוודיק רעדן און זיך נישט „אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט". אָט־די „וויציקע" ווערטלדיקייט אָדער פראַזעאָלאָגיע האָט אין דעם פאַזיס שוין קיין שייכות ניט מער צו „געזונטער פּשוטקייט", „פרישקייט" און „נאַאיווקייט". זי איז דווקא גאָר ווייט פון אמתדיקער

נאַאיווקייט. זי איז, למשל, אין באַשטימטע פאַלן אַ רעזולטאַט פון דורותדיקער
פעאָדאַלישער אונטערדריקונג, פונעם אוממענטשלעכן שווערן דרוק פונעם
לייבאייגנטום, אַ ביטערע נויטווענדיקייט, אַ רעזולטאַט פון דער טאָפּלטער
עקספּלואַטאַציע אין דער נייער צייט, סיי מצד דעם גוטבאַזיצער, סיי מצד דעם
קאַפּיטאַליסט, אַ רעזולטאַט פון „אַזעלכע לעבנס־באַדינגונגען, וואָס שאַפן
אומפאַרמיידלעך דערשלאָגנקייט און גערדריקטקייט" (זע לענינס ווערק, ב. 1,
ז. 149). די פאַרקריפּלטע געזעלשאַפטלעכע סיטואַציע האָט אַריינגעטראָגן
פאַרקריפּלענדיקע עלעמענטן אין דער שפּראַך. דער דאָזיקער שפּראַך־שטייגער
דינט אַמאָל אַלס „דיפּלאָמאַטיש" שוץ־מיטל פאַרן עקספּלואַטירטן פויער סיי
אַקעגן דעם פּריץ,* סיי אַקעגן דעם קולאַק, סיי אַקעגן דעם שטאָטישן קאַפּי־
טאַליסט.

יענע „כיטרע" שפּראַך, וואָס טאָלסטאָי כאַראַקטעריזירט זי אַזוי טרעפ־
לעך, ווייזט לויט אירע אינעווייניקסטע תּנועות און שטריכן אַ גרויסע
ענלעכקייט מיט דער שפּראַך פון די באַשטימטע אָפּגעשטאַנענע אָדער נעגאַ־
טיווע פיגורן ביי עטינגערן, אַקסענפעלדן, לינעצקין, מענדעלען און שלום־
עליכמען. ענלעכקייט געפינען מיר סיי אין די גאַרניט זאָגנדיקע, בכיוונדיק
פּילוואָרטיקע טיראַדעס, סיי אין דער בכיוונדיקער וואָרט־אָרעמקייט, וואָס
באַמערקט זיך אין יענע פאַלן, ווען עס פעלט אָט־די פיגורן זעלבסטזיכערקייט
און זיי באַהאַלטן זיך דערפאַר אונטער פילבאַדייטיקע, אין אמתן האַלב־שטומע
ווערטעלעך: „נו", „עס", „הם", „כ'ווייס פיל", „מאַלע־וואָס", „סטייטש", „ווי
געשיקט זיך", „וואָס שייך", „האַ־יאָ", „ווייס־איך" א. אַז. וו. איבערגעשפּיצט
און גרינטלעך אויסגעפּרואווט דורכן געברויך אין משך פון לאַנגע צייטן
אונטערדריקונג און אָפּגעשטאַנענקייט. איז אָט־דער פּראָזעאָלאָגיש ווילד־
באַוואַקסענער רייד־שטייגער אַן אינסטרומענט פון פאַרקריפּלטן האַנדל־וואַנדל,
פון זיך דינגען, אַ רייד־שטייגער ווי פאַר אַן אָפּמאַך. דער נעבעכדיקער קליינ־
הענדלער און דער אַזוי־גערופענער „לופט־מענטש" פון די פאַרוואָרפענע
פאָליטיש און עקאָנאָמיש פאַרקריפּלטע טונעיאַדעווקע, גלופּסק און קאַפּצאַנסק

---

* וועגן דעם דאָזיקן „כיטרען" שפּראַך־נוסח באַמערקט טאָלסטאָי (זע גאָרקיס
זכרונות וועגן טאָלסטאָי, קאַפּיטל 16):

„אין לעבן רעדן זיי נאַריש, אומגעלומפּערט — פאַרשטייסט ניט צום אָנהייב
וואָס ער איז אויסן צו זאָגן. דאָס ווערט געטאָן מיט אַ כוונה, — אונטער די נאַרישע
ווערטער איז פאַראַן אַ באַגער יענער זאָל זיך אַרויסזאָגן. אַ גוטער פויער וועט
לכתחילה ניט אַרויסווייזן זיין שכל — דאָס לוינט זיך אים ניט. ער ווייס, אַז צו
אַ נאַרישן מענטשן גייט מען צו פּשוט, אָן כיטראָסטש (אָן חכמות) — און דאָס דאַרף
ער טאַקע! איר שטייט פאַר אים אָפן — דערזעט ער גלייך אַלע אייערע שוואַכע זייטן.
ער איז אומצוטרוילעך, אַפילו דער ווייב האָט ער מורא אַרויסצוזאָגן זיינע באַ־
האַלטענע געדאַנקען."

באַמיט זיך חריפותדיק־נאַריש, איראָניזירנדיק פון זיך און פון דעם אַנדערן — וואָס קען די קונץ פונקט אַזוי־ווי ער, — מיט דער הילף פון זיין רייד־טאַקטיק, באַהאַלטנדיק זיך אונטער געגליוערטער ווערטלדיקייט, זיך דערשלאָגן צו וועלכע עס איז גינסטיקע פּאָזיציעס.

דערצו אָבער מוז מען נאָך צוגעבן: אויב דער עיקר־באַדייט פון אָט־דער ווילד־צעלאָזענער ווערטלדיקייט איז — זיך ניט אַרויסריידן מיט אַן איבעריק וואָרט, ניט אַרויסצולאָזן פון דער האַנט קיין קאָזירן, אויסצומיידן התחייבותן, זיך מיט גאָרניט צו בינדן, — זיינען אָבער פאַראַן אויך פאַלן, ווען אָט־די ווערטלדיקייט ווערט באַנוצט אָן אָן אוממיטלבאַר־דייטלעכן צוועק, דעמאָלט, ווען זי דאַרף באַפרידיקן אַ מין פּסעוודאָ־קינסטלערישע באַדערפעניש. מיר באַמערקן אַמאָל, ווי אַ מענטש ציקלט זיך שפּילעריש מיט אָרנאַמענטאַלע פראַזעס, קוויקט זיך מיט סתם־רייד און האָט משונה הנאה זיך צוצוהערן צו זיינע אייגענע צוועקלאָזע דריידלעך. מע מוז דערפאַר אויסטיילן צוויי קאַטעגאָריעס פון דעם מין ווערטלדיקייט: אַזאַ, וואָס האָט אַ צוועק אָדער אַ פּראַקטישע פונקציע, און אַ צוועקלאָזע, פּסעוודאָ־קינסטלערישע.

דער איבערגעשפּיצט־ווערטלדיקער רייד־נוסח איז אין דער יידישער סביבה אַנטשטאַנען אויפן באָדן פון דער קליינלעכער, הענדלערישער, פּעדאַליש־פאַרקריפּלטער עקאָנאָמיק. די איבערגעשפּיצטע ווערטלדיקייט פון דעם דאָזיקן שפּראַך־שטייגער איז לחלוטין ניט געווען דער קירצסטער וועג אויף אויסצודריקן פינקטלעך אַ געדאַנק. פאַרקערט, זי איז דער שאַרפזיניקסטער אויסוועג, ווי אַזוי זיך ניט אַרויסצוזאָגן איינדייטיק, ווי אַזוי זיך צו באַהאַלט אונטער שפּראַך־תנועות, פון וועלכע מע קאָן זיך, אויב ביייטיק, אַרויסדרייען און אָפּזאָגן מיטן פאַרשטענדלעכן אויסרייד, אַז „עס רעדט זיך אַזוי". און דאָ ווערט קלאָר דער באַדייט און די פונקציע פון אָט־דעם מין באַרעדעוודיקייט. אין איר האָט דער פּאָפּעריזירטער לופט־מענטש, וואָס האָט געלעבט אין דעמפּיקער געדיכטקייט, געפונען אַ פּאַסיק מיטל איינצוהילן דערינען דעם אימהדיק־לעכערלעכן, קליינלעכן, אָבער ביטערן „פּרנסה־קאַמף".

עטינגער וויל מיטן רעפּראָדוצירן דעם מין רייד־שטייגער ווייזן, אויף וואָסער אופן די נעגאַטיווע כאַראַקטערן באַהאַלטן זייער נישטיקייט אָדער צבועקישקייט אונטער דער ווערטלדיקער פּראָזעאָלאָגיע. מענדעלע מוכר־ספרים מאַכט גאַנץ אָפט אַן אָנשטעל, ווי ער וואָלט דעם אופן טראַכטן און ריידן פונעם טונעיאַדעווקער אָדער גלופּסקער בטלן ערנסט גענומען. אין מענדעלעס פּראָזע קומט זעלטן אַמאָל ש. י. אַבראַמאָוויטש מיט זיין אייגענעם רייד־שטייגער צום וואָרט. אין די דיאַלאָגן רעדן די פּאַרשוינען מיט זייער נוסח. יעדערער לויט זיין כאַראַקטער אינדיווידואַליזירט; אין די כראָניקאַליש באַריכטנדיקע שטעלן אָדער באַטראַכטערישע מאָנאָלאָגן רעדט דער פיקטיווער

מוכר־ספרים מיט זיין אייגענעם, ניט אַבראַמאָוויטשעס שפּראַך־נוסח.* אַבראַמאָוויטש נעמט נאָר אין יענע ערטער דאָס וואָרט, וואו ער אַנטוויקלט פּראָגראַמאַטישע געדאַנקען, וואו ער באַשרייבט פּאָזיטיווע פיגורן, קינדער, נאַטור און בכלל „פּאָזיטיווע" סיטואַציעס. דעמאָלט ווערט פלוצים מענדעלעס שפּראַך פּשוט, אויפריכטיק־האַרצלעך, אָן איבעריקער רעדנסאַרטלעכקייט, וואָס האָט שוין דאָס מאָל ניט מער קיין איראָנישע כוונה און איז שוין איצט אַ נאַטירלעכע, אַ לעבעדיקע, דערביי קינסטלעריש געפורעמטע. דאָס רוב פיקטיווע רעפלעקסיעס און לירישע חקירות, מיט וועלכע מענדלע הייבט געוויינלעך אָן זיינע ווערק, זיינע קאַפּיטלען, די שילדערונג פון געוויסע געשעענישן (זיי טרעפן זיך אויך אין באַשטימטע „אָפּרו־פונקטן" אינמיטן דער דערציילונג) ווערן געפירט אויף מענדעלעס, דעם פיקטיוון מוכר־ספרימס, שטייגער צו טראַכטן און צו ריידן, ווייל זייער מיין איז אַ סאַטיריש־איראָנישער, און ווי ביי יעדער איראָניע — אַ צווייענדיקער: חוזק און האַרציקע ליבע, צאָרנדיקער ווייטיק און צערטלעך מיטגעפיל.

מענדעלע בויט אַזוי די טונעיאַדעווקער חקירות, אַז פון איין זייט דוכט זיך, אַשטייגער, ווי דער „טיפערער באַדייט" וואָלט דאָ בלויז געווען אַ כלומרשטער, און פון דער אַנדערער זייט באַקומט זיך פלוצים, אַז אין אמתן איז גאָר דער חוזק בלויז אַ כלומרשטער, אַז דאָס איז אַ ביטערער ערנסט. דער אמתדיק טיפערער באַדייט איז איינגעוויקלט אין שטעכיקער איראָניע. אַזוי־אַרום ווערט די געשילדערטע לעכערלעכקייט בייסיקער, אומעטיקער ביז צו הויכער טראַגיק, ביז צו דער אַלגעמיינער טראַגיק פונעם מענטשן, וואָס ווערט געמאַטערט פון אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע. —

ביי עטינגערן איז סאַטירע און הומאָר פאַראַן בלויז אין דער פאָרם פון אַ כמעט גוטמוטיק שמייכלענדיקער איראָניע, וואָס הייבט זיך ערשט אָן צורירן צו געוויסע שטייגערישע דערשיינונגען, למשל, צו די פרומלעך־צבועקישע פיגורן. די אומגליקלעכע לאַגע פון די שטעטלדיקע מאַסן באַמערקט ער שוואַך. ער (להיפוך צו י. ב. לעווינזאָן) ווייזט די סיבה פון אַלע געזעלשאַפט־לעכע אומגליקן בלויז אין דער „אומגעבילדעטקייט", בלויז אין באַשטימטע איינצלנע פאַרשוינען און אין זייער פאַרדאָרבנקייט...** עטינגער האַלט ערשט

* אין אַ שפּעטן פּעריאָד נעמט אַבראַמאָוויטש אָן מענדעלע דעם מוכר-ספרימס נוסח אויך אַפילו פאַר זיין פּריוואַטן שפּראַך-געברויך. אַזוי, למשל, אין זיינע בריוו צו שלום-עליכמען א. אַז. וו.

** „לײדער װערדען דיעזעס אײנען שעלמעס װעגען מעהרערע (געמײנט איז „פילע" אָדער „די מערהײט", װײל „מעהרערע" אין אײגנטלעכן באַדײט — עטלעכע — האָט אין דעם צוזאַמענהאַנג קײן זינען ניט; אַזעלכע סטיליסטישע פעלערן אין עטינגערס דײטשע זאַצן קומען זײער אָפט פאָר — מ. װ.) עדל-דענקענדע יודען פאָן אַנדערע (ניט-יידן—מ. וו.) פעראַכטעט." („סערקעלע", ב. 2, ז. 424.)

ביים אָנהייב פון קינסטלערישער געזעלשאַפט־קריטיק, אָבער שוין אָט־דער אָנהייב דריקט זיך אויס אינעם סטיל אויף אַזאַ שטייגער, וואָס וועט שפּעטער, פאַרן ליטעראַרישן נוסח ביז שלום־עליכמען, זיין זייער כאַראַקטעריסטיש.

מיר ווייסן, וואָס פאַר אַ השפעה עס האָט אויף דער פורעמונג פונעם מענטשלעכן ריידן די שפּיל־נטיה, דאָס קינסטלעריש־שפּילערישע זיך צאַצקען מיטן וואָרט. שפּורן דערפון געפינען מיר אומעטום: אָנגעהויבן מיט די אָפּט ריין גלאָסאָלאַלישע * עלעמענטן פון זינלאָז צונויפגעשטעלטע אָנבאַדייטיקע ווערטער אין די אָנהייב־שורות פון אַלטע פרימיטיווע פאָלקס־לידער און קינדער־לידער, און אויסגעלאָזט מיט די ראַפינירטסטע ליד־פאָרמען בכלל און רעפרען־סטראָפעס בפרט. מע מוז אָבער פאַנאַנדערטיילן די וואָרט־שפּילערייען פון צווייערליי אַנטוויקלונגס־פאַזיסן. אָט די צוויי מינים וואָרט־שפּילן שטייען איינע צו דער אַנדערער אין דעמזעלבן פאַרהעלטעניש, ווי די צווייערליי באַדייטן פונעם וואָרט „שפּיל“, נעמלעך, ווי אַ קינסטלערישע טעטי־קייט צו אַ מער אָדער ווייניקער ניט־ערנסטער פאַרוויילונג. דער פרימיטיווער מענטש שפּילט אַמאָל, אינעם ערשטן באַדייט פונעם וואָרט, אויף יענע ווערטער, וואָס האָבן אים טייער געקאָסט, וואָס קלינגען אים אָנגענעם, ווייל זיי דער־מאָנען אים עפּעס ליבס, אָדער ווייל מיט די ווערטער שטרענגט זיך אָן אין אים אַ נייע שטימונג, אַ ניי געפיל, אַ נייער געדאַנק און ווילן צו געפינען אַן אויסדרוק (אַמאָל באַרימט ער זיך נאַאיוו מיט „מאַכטיקע“, „כּישופדיקע“, „וויכטיקע“ אָדער קלינגענדיקע ווערטער). אַזאַ „שפּיל“ איז שעפעריש און געהער צו די יסודות פון דער פרימיטיווער פּאָעזיע און וואָרט־קונסט. אַזעלכע עלעמענטן פונעם אורטימלעכן שפּראַך־פאָלקלאָר ווערן אין שפּעטערדיקע צייטן פון די ליטעראַרישע מייסטערס באַנוצט מיט אַ פּאָזיטיוון מיין, כדי לעבעדיק און קרעפטיק צו מאַכן דעם אויסדרוק און זיין בילדערישקייט.

אַנדערש איז די וואָרט־שפּילעריי פון אַ פעריאָד, ווען די שפּראַך־אויפגאַבן פון אַן אָפּגעלעבטער צייט, פון אָפּגעלעבטע לעבנס־פאָרמען זיינען שוין לאַנג איבער־רעאַליזירט און די שפּראַך ליידט שוין פון ווילדן איבערוואוקס. אָט

---

* גלאָסאָלאַליע — צונגען־רעדעניש (גריכיש; העברייאיש: „נבא“). אור־שפּרינגלעכער טייטש: אויפגערעגט עקסטאַטיש שטאַמלען ווערטער אָדער סטראָפן אָן אַ באַשטימטן באַדייט. די דאָזיקע ווערטער ווערן אויסגעטייטשט ווי אַ פאַר־הוילענע נבואה אין אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך. די זעלבע דערשיינונג איז באַקאַנט בנוגע קינדער־לידער און בכלל פאָלקסלידער, למשל:

ענאַ, בענאַ,
קאַטשקע שטענאַ,
ראָזאַ ליפּקאַ,
קאַטשקאַ שטיפּקאַ...

אָדער: ענטעלע,
פענטעלע,
שיקעלע שאַ א. אַז. וו.

די שפּילעריי קאָן דאָ שוין נישט מער פאַרגליכן ווערן מיטן כמעט אומבאַוואוסטזיניקן שפּילערישן צייכענען אין זאַמד, וואָס האָט אפשר אַמאָל דעם פּרימיטיוון מענטשן געהאָלפן דערפינדן די שריפט. פאַרגליכן ווערן קאָן די דאָזיקע שפּילעריי נאָר מיט דער געצאַצקעטער קאַליגראַפיע פון אַ פּוסטן מענטשן, וואָס האָט נית קיין געדאַנקען. אָט די וואָרט־שפּילעריי קומט נישט אַרויס פון דער אורשפּרינגלעכער שעפערישער הנאה פון שיינעם וואָרט, נאָר פון דעם חשק אויסצוסדרן צוועקלאָזע המצאות און דריידלעך, ווי אַ סוראָגאַט פאַר קאָנקרעטע געדאַנקען. אַן אויסדרוק־פאָרם, וואָס האָט שוין איבערגעווירן, ווערט פון דער געדאַנקען־אָרעמקייט אויסגענוצט, כדי מיט ווערטער מאַכן אַן אָנשטעל פון געדאַנק. עס פעלן דעם אָפּגעשטאַנענעם לעבן עכט־שעפערישע אימפּולסן. דאָס שטענדיקע מעכאַנישע אָנזאַמלען פון רעדנס־אַרטלעכע קאָמבינאַציעס און וואַריאַציעס דערפירט צו אַ שפּראַך־געשווילעכץ, צו אַ שאַבלאָניש־רעדנסאַרטלעכער „עלעפאַנטיאַזיס“ מיט גראָטעסקע פאָרמען.

3. בוך־פּראַזעאָלאָגיע אינעם רייד־שטייגער

די יידישע שפּראַך איז אין אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, דעמאָלט, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען די נייע יידישע ליטעראַטור, געווען אָנגעלאָדן נית בלויז מיט אייגענער אַלטער שפּראַך־טראַדיציע, נאָר אויך מיט אַ מענגע שפּראַך־מאַטעריאַל, פּראַזעאָלאָגיע, רעדנסאַרטן, שאַבלאָנען, סינטאַקסישע פאָרמען, וואָס האָבן אורשפּרינגלעך אָפּגעשטאַמט פון דער העברייִשער קולט־ און קולטור־טראַדיציע. ביז צום סוף 18טן יאָרהונדערט האָט זיך דאָס קולטורעלע יידישע לעבן דער עיקר (פאַרשטייט זיך: ווייט נית אויסשליסלעך) באַוועגט אין די פאָרמען פון רעליגיע, קולט און טעאָלאָגיע. הייסט עס, אין דער ליטעראַטור — דאָס רוב לויטן גייסט פון דער העברייִשער שריפט־שפּראַך. זינט דעם 15טן—16טן יאָרהונדערט ווערן קולטישע, טעאָלאָגישע און מוסר־ביכער — און אויך וועלטלעכע ביכער איבערגעזעצט אויף יידיש־טייטש. מיר ווייסן אָבער אויך פון אַלע ענלעכע פאַלן אין אַנדערע שפּראַכן, ווי גענוי עס האַלטן זיך די איבערזעצונגען פון רעליגיעזע ווערק ביים כאַראַקטער פון דער אָריגינאַל־שפּראַך, ווי שטאַרק עס ווערן אָפּגעהיט אירע תנועות, איר סינטאַקסיס און איר גאַנצער נוסח.* דער פרישערער

* די השפעה פון דער ביבל־איבערזעץ־שפּראַך אויף דער דייטשער, ענגלישער, קירכנסלאַווישער און אַנדערע שפּראַכן איז באַקאַנט. „צוליב דער הייליקייט, וואָס האָט אויף דעם בוך, אויף דער ביבל גערוט, האָבן די איבערזעצער מורא געהאַט צו פאַרמערן אָדער צו פאַרמינערן אַ וואָרט אין זייערע איבערזעצונגען (און אַפילו איבערצושטעלן דאָס מינדסטע אינעם סדר פון די ווערטער — מ. וו.). דערפאַר האָבן

שפּראַך־טאָן אין דער לפי־ערך ווייניקער רייכער וועלטלעכער ליטעראַטור אין אַלט־ייִדיש, — פון וועלכער עס האָבן זיך אָפּגעהיט דאָקומענטן פונקט פון אַזאַ עלטער ווי פון דער רעליגיעזער ליטעראַטור, — האָט ניט געקאָנט ביי־קומען אָט די אַרכיאיזירנדיקע איבערזעצונג־שפּראַך מיט איר קאַנאָניזירטן כאַראַקטער. די השפּעה פון דער רעליגיעזער ליטעראַטור אין דער ייִדישער שפּראַך איז געווען זייער אַ באַדייטנדיקע און האָט דערלאַנגט אַפילו ביז אינעם פאָלקסליד און ביז אין טאָג־טעגלעכן שמועס אַריין.

*　*　*

אַלטע און אַפילו הויך־קולטורעלע ליטעראַטור־שפּראַכן, וואָס ווערן ניט

זיי איבערגעזעצט וואָרט ביי וואָרט און האָבן ניט געקוקט אויף דער פּרעמדקייט און סתירה צווישן אַזאַ איבערזעץ־שטייגער און דעם כאַראַקטער פון דער שפּראַך, אויף וועלכער מע האָט איבערגעזעצט. אַזוי, למשל, די באַקאַנטע אַקילאַס־איבער־זעצונג, וואָס איז אין אַ סך ערטער אומפאַרשטענדלעך צוליב דער איבערגעטריבענער פּינקטלעכקייט. אויך אין דער איבערזעצונג פון דער וואולגאַטאַ אויף דייטש (פּונקט ווי אין דער אולפילאַס־ביבל, דער עלטסטער ביבל־איבערזעצונג אויף גאָטישער שפּראַך, וואָס גייט נאָך שקלאַפיש נאָך דער לאַטייִנישער איבערזעצונג—מ. וו.) זעען מיר דאָס אייגענע, אַז צוליב דער איבעריקער פּינקטלעכקייט זיינען אַ סך ערטער אומפאַרשטענדלעך (זע ביישפּילן אין גרינבאַומס בוך „מיש־שפּראַכן" א. אַז. וו."; „ווירכאָווס אַרכיוו"; אויך ביי וואָלטערן: „די ביבל־איבערזעצונג דעם מיטל־אַלטערס", אין שאַטט: „געש. דער דויטשען ביבל־איבערזעצונגען", ז. 10 און ביי נאָך אַנדערע). און אַפילו אַ שטיק צייט נאָך לוטערס איבערזעצונג זיינען גע־מאַכט געוואָרן אָט אַזעלכע פּינקטלעכע איבערזעצונגען, וואָס האָבן אַרויסגערופן געלעכטער צוליב זייער משונהדיקייט. למשל די באַוואוסטע איבערזעצונג פון זויבערט (1665)... (א. שולמאַן — „שפת יהודית אשכנזית וספרותה", ריגא, תרע"ג, ז. 7). און אַפילו דער זעלבער לוטער, וואָס האָט אַזוי אָפּגעשפּעט פון אָט־דער איבעריקער פּינקטלעכקייט, האָט אַליין אויך אַריינגעבראַכט אין דער דייטשער שפּראַך אָן אַ שיעור העברייאיסטישע עלעמענטן (לעקסישע און גראַמאַטיקאַליש־סינטאַקסישע), אומאָרגאַנישע און פרעמדע צו דער איבערזעץ־שפּראַך.

עטלעכע ביישפּילן פון דער ערשטער ייִדיש־טייטשער ביבל־איבערזעצונג (פון דער א. ג. קאָנסטאַנצער איבערזעצונג פון מיכאַעל אַדאַם, געדרוקט 1544): „טוב מאד" ווערט איבערגעזעצט „גוט זעהר"; „יום אחד" — „טאָג איין"; „בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ היתה"... — „איידען (ehe denn — אײדער) ער האָט דר שאַפן גוט די הימל אונ' די ערד. אונ' די ערד אַש (war-as-war) וואישט" א. אַז. וו. לויט דעם איבערזעצונגס־מיין האָט ריכטיק געדאַרפט זיין: „איידען גוט האָט דר שאַפן די הימל (אגב זע: „די הימל" ,מערצאָל, צוליב פּינקט־לעכקייט; השמים איז אין העברייאיש לשון רבים) און די ערד. אש די ערד וואישט" א. אַז. וו. דער איבערזעצער האַלט זיך אָבער פּינקטלעך ביים וואָרט־סדר פון אָריגינאַל. אַזאַ מין געגליווערטע פּינקטלעכקייט איז אין משך פון הונדערטער יאָרן געבליבן כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט־דער איבערזעץ־ליטעראַטור און האָט וועזנטלעך באַווירקט אויך די אויספורעמונג פון דער ייִדישער שפּראַך.

באַגייט דורך אימפּולסן פון רעוואָלוציע, וואָס ווערן ניט אַנטשיידנדיק באַווירקט און איבערגעאַנדערשט דורך פרישע איינפלוסן פון די ברייטסטע האָרעפּאַשנע מאַסן, באַקומען מיט דער צייט אַ שטאַרקע נטיה צו קאַנאַניש־פאַרגליווערטער פראַזעאָלאָגיע. יעדער אָפּנויג פון דער אויסגעטראָטענער מליצה קומט אָן דער ליטעראַטור־שפּראַך זייער שווער; ער ווערט באַטראַכט ווי אַ פאַשוועכונג פון סטיל און ווי אַ שעדיקונג פון דער שפּראַך. אָט די נטיה פאַראַליזירט די אוממיטלבאַרקייט פונעם אויסדרוק. די שפּראַך מאַכט זיך, אַזוי צו זאָגן, אוּמאָפּהענגיק פונעם לעבן און רעדט איצט שוין, אין זייער אַ גרויסער מאָס, בלויז מיט דער אָנגעזאַמלטער רייכקייט פון אַסאָציאַציעס און מיינען. אַזוי לאַנג עס ענדערט זיך ניט דער הויפּט־אינהאַלט פונעם געזעלשאַפטלעכן דענקען, אַזוי לאַנג קאָן זיך אויך די שפּראַך ניט ענדערן אויף אַן אַנטשיידנדיקן אופן. די אַלטע אינהאַלטן קאָנען ניט אויסגעדריקט ווערן אויף אַ ראַדיקאַלן נייעם שפּראַכלעכן שטייגער. אין אַזאַ היסטאָרישער סיטואַציע טיראַניזירן די געירשנטע שפּראַכלעכע פאָרמען אַזוי שטאַרק דעם אויסדרוק, אַז אַ טייל פּאָעטן, למשל יענע, וואָס געפינען ניט דעם וועג צום רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, נעמען זיך דאַן בכיוון קינסטלעך נאָכמאַכן כלומרשטע פּשטות און „פּרימיטיווקייט“ דורך געדרייטע, געקינצלטע, אומגעוואוינטע קרימענישן (למשל, די אַזוי־גערופענע פוטוריסטן, דאַדאַאיסטן אין מערב־אייראָפּע און די „זאַאום“־שרייבער אינעם ביז־אָקטאָבערישן רוסלאַנד א. אַז. וו.), כדי פּטור צו ווערן פון די ניט־געוואונטשענע מיטלקלינגענדיקע נעבן־באַדייטן פון די ווערטער און זאַצן. די דאָזיקע ריין־אויסערלעכע אָנשטרענגונגען האָבן, פאַרשטייט זיך, אויך אויפן געביט פון שפּראַך געמוזט בלייבן רעזולטאַטלאָז.

די העברייאישע ליטעראַטור־שפּראַך האָט אָנגעהויבן אַריין אין אַ גליווערפאַזיס נאָך צוריק מיט צוויי טויזנט יאָר, אויב ניט נאָך פריער. אַ סימן דערויף האָבן מיר אינעם מאָזאַאיק־סטיל, וועלכן מיר באַמערקן שוין אין געוויסע העברייאישע ליטעראַרישע דאָקומענטן פון צווייטן און ערשטן יאָרהונדערט פאַר אונדזער צייט־רעכענונג. זינט דעמאָלט האָט זיך די אָרגאַנישע אַנטוויקלונג פון דער העברייאישער שפּראַך כמעט ווי אָפּגעשטעלט. זייענדיק אַמאָל די שפּראַך פון אַן אַנטיקער, אויף שקלאַפן־אַרבעט געבויטער געזעלשאַפט, האָט זי ביים אונטערגאַנג פון אָט דעם געזעלשאַפט־אָרגאַניזם אויפגעהערט צו ווערן אַ רייד־שפּראַך. זינט דעמאָלט איז זי געבליבן בלויז אַ שרייב־שפּראַך פאַר אַ „וואַנדערנדיק“ פאָלק ביי לחלוטין געענדערטע באַדינגונגען. דער וויכטיקסטער קוואַל פון באַנייאונג, די רייד פון די פאָלקס־מאַסן, האָט געפעלט. דער שוואַכער הויך פון אָפּפרישונג, וואָס עס האָבן געבראַכט אין מיטלאַלטער די ערשטע נייע שטאָט־בירגערלעכע שפּראָצונגען אינעם מאַוריטאַנישן טייל פון שפּאַניע, דער ערשטער אַרויסזאָג פונעם בירגערלעכן הומאַניזם אין זיין

אַראַבישער פאַרמאַציע (10טן—12טן יאָרהונדערט) האָט אַפילו פאַר דער לעבע־דיקער אַראַבישער קולטור און שפּראַך ניט געקלעקט, כדי אײַנגאַנצן צו באַ־פרײַען די קולטור פון טעאָלאָגישן גליוועך, און די ליטעראַטור־שפּראַך — פון קאָראַנישע מאָזאַאיקן, און נאָך ווייניקער האָט עס געקאָנט קלעקן, כדי צו באַפרייען די העברייאישע שפּראַך פון די מאָזאַאיקן אויס ביבלישע און אַנדערע פסוקים. אויך די השכלה מיט אירע קינסטלעכע באַמיאונגען אויפ־צופרישן די העברייאישע שפּראַך האָט דאָך ניט געבראַכט די שפּראַך צו אַ מדרגה פון נאָרמאַלקייט. פאַרקערט, די סתירה, וואָס איז געלעגן צווישן אַט די באַמיאונגען און דיווירקלעכע באַדערפעניש פון לעבן, האָט דערפירט צו אַ נאָך גרעסערער מליצהדיקייט. די נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונגען פון זייט דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, וואָס האָבן זיך אויפסניי אָנגעהויבן באַמיען אַרום דער באַלעבונג פון דער העברייאישער שפּראַך, האָבן אין אמתן בלויז געקאָנט פאַרבייטן די עלטערע ביבלישע מליצות מיט יינגערע מליצות פון תלמוד, פּוסקים און אַנדערער רבנישער ליטעראַטור. און אַזוי איז די העברייאישע שפּראַך געבליבן אַ שרייב־שפּראַך, וואָס באַשטייט פון „פסוקים און שטיקלעך פּסוקים", אַ שפּראַך, וואָס קאָן זיך ביי דער קונציקסטער אָנ־שטרענגונג ניט באַפרייען פון מליצה, אַלצאייגס פון וועלכער צייט די מליצה ווערט אַנטליען, און פון דער אָדער יענער היסטאָרישער איבערגעלאָדנקייט,* ווייל עס האָט איר געפעלט די ווירקונג פונעם לעבעדיקן פאָלקס־וואָרט.

* * *

אויף וויפיל אָבער די יידישע שפּראַך איז געווען צוגעבונדן צו דער העברייאישער שרייב־שפּראַך און צו אירע השפעות יאָרהונדערטער לאַנג, האָט אויך די יידישע שפּראַך געגומען אַ באַשטימטן אָנטייל סיי אין איר ראַפינירטער קולטור און סיי אויך אין איר גליוועך. די השפעה איז געווען אַ טאָפּלטע: 1) אַ דירעקטע, דורך אַ שטענדיקן אַריבערשטראָמען פון רעליגיעזע, וועלט־לעכע, באַזונדערס אַבסטראַקטע, טערמינען, ווערטער, גאַנצע פראַזעס, ציטאַ־טעס, רעדנסאַרטן, שפּריכווערטער, קללות, ברכות א. אַז. וו. אין אָריגינעלער, גאָרנישט אָדער ווייניק איבערגעאַרבעטער, „פאַריידישטער" געשטאַלט; און 2) אַ ניט־דירעקטע, דורך דער באַדייטנדיקער איבערזעצונג־ליטעראַטור, וואָס האָט שקלאַפיש געגוי זיך „געהאַלטן ביים טעקסט", האָט איבערגענומען די

* אַ לערנביכל פון פיזיק אין דער העברייאישער שפּראַך שמעקט מיט דעם גע־הויבענעם געזעצגעבערישן פאַטאָס פון משנה־סטיל. אַן איבערזעצונג פונעם סטאָיקער מאַרק אורעליוס האָט, כאָטש עס איז באַשיינפערלעך אין איר אַריינגעלייגט געוואָרן אַ סך מי, דעם טעם פון „שבט מוסר" אָדער „חובת הלבבות": די שפּראַך קאָן ניט מער געבן, ווי דאָס, וואָס זי באַקומט פונעם ווירקלעכן לעבעדיקן לעבן.

אַרכאַאישע פאָרמען, דעם זאַצבוי און האָט אָפּגעהיט אין אַלע פּרטים דעם גראַמאַטיש־סטיליסטישן כאַראַקטער פונעם אָריגינאַל.

מיט דער עקשנות און ברייטקייט פון קאַנאָנישע פאָרמולעס האָבן אָט די עלעמענטן זיך צעוואַקסן אין דער יידישער שפּראַך. ביים אויפקום פון דער נייער יידישער ליטעראַטור סוף 18טן אַנהייב 19טן יאָרהונדערט האָבן זיי שטערנדיק געווירקט. עס איז נייטיק געוואָרן אַ קאַמף, וואָס איז ענלעך געווען צו דעם קאַמף פון דער רוסישער ליטעראַטור־שפּראַך אינעם 18טן יאָרהונדערט קעגן די אָפּהאַלטנדיקע השפּעות פון דער קירכנסלאַווישער שפּראַך אָדער צו די קאַמפן פון די אייראָפּייאישע נאַציאָנאַל־שפּראַכן אַקעגן דעם קירכלעכן לאַטיין און קעגן די עלטערע שפּראַך־טראַדיציעס. פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז געשטאַנען די אויפגאַבע צו באַפרייען די שפּראַך, פאָרזיכטיק, אַזוי אַז וויכטיקע טיילן אירע זאָלן ניט געשעדיקט ווערן, פונעם איבער־געלעבטן אייגענעם און העברייאישן שפּראַך־שאַבלאָן, פון וועלכן עס האָט אומנייטיק געווימלט אין דער רייד־ און שרייב־שפּראַך; ריכטיקער: גובר צו זיין, איינצונעמען אָט די עלעמענטן, זיי איבערצופורעמען, אַז ניט זיי זאָלן געוועלטיקן איבער דער שפּראַך, נאָר די שפּראַך איבער זיי.

די אויפגאַבע איז געווען אַ טאָפּלטע: ערשטנס, האָט מען געמוזט בייקומען די פייערלעכע פּאָמפּע, דעם פרומלעכן טאָן און דעם איבערגעשפּיצטן אַקצענט פון דער העברייאיזירנדיקער פּראָזע; צווייטנס, איז דאָך יידיש אַליין, אָפּגערעדט פון די העברייאישע השפּעות, געווען אין דער סיטואַציע פון אַן אַלטער ליטעראַטור־שפּראַך, מיט אַ היפּשער ליטעראַרישער טראַדיציע. און די אַלע עלעמענטן זיינען צום גרעסטן טייל ביז סוף 18טן יאָרהונדערט און אַפילו שפּעטער געווען פּאָפּולער און האָבן באַווירקט די שפּראַך מיט צוריק־פירנדיקע, אַרכאַאיסטישע טענדענצן, האָבן פאַרמינערט איר פּייאיקייט פּינקט־לעך און דייטלעך אויסצודריקן די נייע אויפקלערערישע אידייען. דערמיט האָט מען זיך געמוזט ליטעראַריש אָפּפאָרטיקן.

ווי מיר זעען, איז די יידישע שפּראַך דעמאָלט געווען אין אַ צווייפּאַכיקן צושטאַנד; פון איין זייט — אין דער סיטואַציע פון אַן אָנהייבנדיקער ליטעראַטור־שפּראַך, מיט אַלע מעלות און חסרונות פון ניט־פיקסירטער פּרימי־טיווקייט; און פון דער אַנדערער זייט ווידער — האָט זי פאָרט געהאַט רייכע ליטעראַרישע טראַדיציעס פון דער פאַרגאַנגנהייט, איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַ גרויסער ירושה פון בעל־פּה און געשריבנס. דערפאַר האָט די שפּראַך געהאַט צו קעמפן ניט בלויז מיט די שוועריקייטן פון אַ ליטעראַריש נאָך ניט פאַרפעסטיקטן אידיאָם, נאָר אויך מיט די שוועריקייטן, וואָס קומען פון אָפּ־געלעבטע איבערקולטיווירטע שפּראַך־טראַדיציעס פון פאַרשיידנערליי קוואַלן.

* * *

אין אָנהייב 19טן יאָרהונדערט האָט דער פאַראַרעמונג־פּראָצעס ביי די יידישע מאַסן דערגרייכט גאָר אַ הויכן גראַד.* די דיפערענצירונג פון די געזעלשאַפטלעכע שיכטן הייבט אָן ווערן דייטלעכער באַזונדערס פאַר יענע שרייבערס, וואָס האָבן אַריינגענומען אין זייער אויפקלער־פּראָגראַם אויך די פאָדערונגען פון די ברייטערע פאָלקס־מאַסן. אויך אין די פאַרוואָרפענע ווינקלען פונעם „יידישן תחום" איז געקומען די צייט פאַר דיווירקונגען פון דער אויפקלערונג. און אויב מע האָט געוואָלט מיט דער אויפקלערונג אָנ־קומען צום „איבריגן עולם", האָט מען געמוזט שרייבן דווקא אין דער שפּראַך פון דעם „איבריגן עולם", אין יידיש, און לויט זיין נוסח. אָנקומען צו יידיש איז געווען אָן אינעווייניקסטע קאָנסעקווענץ פאַר די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין דער השכלה־באַוועגונג.

אָביעקטיוו גענומען האָט „יידיש" דעמאָלט באַטייט: אויפקלערן די מאַסן, ברענגען צום אויסדרוק טאַקע די געזעלשאַפטלעכע אידייען און די פאָדע־רונגען פון די פאָלקס־מאַסן, ווי ווייניק זיי האָבן זיך דעמאָלט נאָך ניט געזאָלט אויספורעמען. די כוונה פון י. ב. לעווינזאָנס „הפקר־וועלט" איז געווען אַ רייך־אַגיטאַטאָרישע. ער האָט געוואָלט אויפקלערן, דערפאַר האָט ער געמוזט אויסמיידן אַלץ, וואָס וואָלט געקאָנט ווערן אַ מניעה אויפצונעמען זיינע ווער־טער. ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ ר׳ זרח און אַ ר׳ פייטל און זיי געלאָזט רעדן מיט זייער רייד־שטייגער און נוסח.** אָבי עס איז אַרויסגעקומען זיין טענדענץ. כדי בכלל אָנהייבן רעדן וועגן אַ געזעלשאַפטלעכן ענין אין יידיש, האָט מען דערוויל געמוזט רודערן מיט דער צונג, אַזוי ווי זי איז געוואוינט

* „ווער ס׳איז (1) נעביך איין ערליכער מאַן, (2) ליגט אין דער אדמה. וויפיל מיינט איר זיינען דען גאָר אָט די, (3) וואָס בלישצען אין שטאָט? דרייסיק אָדער פערציק פאַרשוין, דאָס איז (4) דער פער! דער כלל, ווער עס קען זיין עפּעס אַ טוער אין שטאָט, דער לעבט דער פון, דער איבריגער עולם האָריוועון, (5) רייסן קריעה, פאַרדינען (6) נעביך מיט דעם ביטערין שוויים זייער גראָשין; וואָס העלפט עס; זיי מוזן האָריוועון אויף פרעמדע ווייב און קינדער, זייער גאַנץ (7) דאָברעמאַזל (8) נעביך גייט אַריין אין די (9) פאַשמאָרדיריטע נגידים, זיי זויגן זיי אויס (10) טאָג און נאַכט..." י. ב. לעווינזאָן: „הפקר־וועלט", „ייד. פאָלקס־ביבליאָטעק", ב. 1, ז"ז 142—143. (אגב: אין עטלעכע דרוק־שורות — 10 רעדנסאַרטן!)

** אין דער „הפקר־וועלט" איז קיין דיפערענצירונג אינעם אופן באַנוצן רעדנס־אַרטן נאָך ניט פאַראַן: אַלע פאַרשוינען רעדן אָן שום אונטערשייד רעדנסאַרטן פונעם זעלבן כאַראַקטער. אַז מע פאַרגלייכט די „הפקר־וועלט" מיט עטינגערס „סערקעלע", ווערט בוילעט דער חילוק צווישן נאַאיוון און קינסטלערישן רעאַליזם, וואָס הייבט זיך שוין אָן צו באַווייזן אין עטינגערס ווערק, אַפילו אינעם אופן, ווי ער אינדיווידואַליזירט די רעדנסאַרטלעכקייט פון יעדן פאַרשוין באַזונדער.

געוועזן. אָבער תיכף האָבן זיך שוין די ערשטע שרייבער געמוזט אָנשטויסן אָן דער פּאַרוואָרלאָזטקייט פון דער שפּראַך. די שפּראַך פון די ר׳ זרחס און ר׳ פייטלס איז באַשטאַנען פון אַ קייט יידישע און העברייִשע ווערטלעך, שאַבלאָנישע רעדנסאַרטן און פראַזעס, איבערגעריסענע בלויז פון צווישנווערטער, וואָס האָבן אָט די פראַזעס געדאַרפט צונויפבינדן און פירן צו אַ באַשטימטן אויסדרוק־ציל.* די שפּראַך איז אין איר דעמאָלטיקן צושטאַנד דערווייל נאָך ניט אימשטאַנד געווען צו געבן אַ פּאַסיקן ליטעראַרישן און דערביי פאָלקסטימלעכן נוסח פאַרן שרייבערס אויפקלערערישן געדאַנק, סיידן אין אַזאַ פאָרם, ווי די ר׳ זרחס און ר׳ פייטלס האָבן דעם געדאַנק געגעבן.

אַ חוץ דעם האָט די שילדערונג פון די פאַרקריפּלטע באַדינגונגען צום בעסטן געקאָנט איבערגעגעבן ווערן דורך דעם רייד־שטייגער פון די געשילדערטע פאַרשוינען. אַז לעווינזאָן האָט געוואָלט אַרויסזאָגן זיינע מערקאָמפּליצירטע השכלה־געדאַנקען און טעאָריעס, איז ער אַוועק צו דער העברייִשער שפּראַך, — אַ פועל־יוצא פון די ווידערשפּרוכן אין דער השכלה אַלס אַ באַוועגונג פון בירגערטום קעגן די פעאָדאַלישע לעבנס־פאָרמען, אַלס

---

* ביישפּילן: „ר׳ פייטל: זאָגט־זשע אַזוי, (1) מיין לעבן, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש, (2) מאריך ימים זיין זאָלן אייערע רבנים! ביי אונדז אָבער (3) ליגן די לומדים, די רבנים גאָר אין דער ערד, (4) מיינע שונאים. ביי אונדז (5) פירן אָבער חסידישע רביים דאָס רעדל, (6) זיי קוקן נישט אין תכלית אַריין, זיי זאָגן זיי (7) קוקן אין הימל אַריין, זייערע קינדער אַליין (8) האָבן אָפּט שטעקן־געלט אין פּעקל; (9) סטייטש, אַ פּעקלמאַכער איז דאָך ביי די רביים גאָר (10) דאָס אויבערשטע פון דעם שטייסל...” („יוד. פאָלקס־ביבליאָטעק, ז. 135, „די הפקר־וועלט”.)

„ר׳ פייטל: (1) אַ געלעכטער, כ׳לעבן, מיט דעם ליטוואַק! (2) סטייטש, איך האָב געהאַט אַ ברירה ניט צו זאָגן ווי מע הייסט? מע וואָלט מיר (3) די שמד אַרויפגעלייגט, און מע וואָלט מיך (4) עוקר מן השורש געווען.” (דאָרט).

„ר׳ זרח: וואָס (1) כאַפּט איר זיך גראָד אָן אים אָן? ער איז שוין (2) דאָס הינטערשטע פונעם בענטשן, מע שמועסט אָבער (3) פון דער גילדערנער פאָן כלומרשט.” (דאָרט, ז. 142.)

„אורח: אוי (1) געשעדיקט זאָלט איר ווערן! (2) עס איז גאָר פורים מיט אייך...”

„ר׳ פייטל: עס איז אָבער אַלץ אמת, גלויבט מיר, עס איז פונקט אַזוי (3) עס פעלט נישט קיין האָר...” (ז. 145.)

פאַרגלייך אויך די שפּראַך פון וועלוול גילעוואַטע אין אַקסענפעלדס „דער ערשטער יידישער רעקרוט”.

אַ באַוועגונג, וואָס נעמט דעמאָלט נאָך אַרייַן אין איר פּראָגראַם אויך די פאָדערונגען פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן.

אַ ביסל אַנדערש שפּיגלט זיך אָפּ די דאָזיקע סתירה פון דער השכלה אין די ווערק פון שלמה עטינגער. עטינגער שטייט מיטביידע פיס אויפן באָדן פון בירגערטום. די סאָציאַלע ווידערשפּרוכן רירן אים אַ סך ווייניקער אָן, ווי למשל, לעווינזאָנען. דאָס איז די איין זייט פון דער איינשטעלונג. פון דער אַנדערער זייט אָבער זעט ער אין דער שפּראַך פון די מאַסן ניט בלויז אַ מיטל פאַר אַ צומאָליקער געלעגנטלעכער אויפקלער־אַגיטאַציע, ער זעט אין איר גרעסערע אויסדרוק־מעגלעכקייטן, איידער בלויז דעם נוסח פון ר׳ זרח און ר׳ פייטל. ער זעט די מעגלעכקייט קינסטלעריש אַרויסצוזאָגן אַלע זיינע אָנשויאונגען און געפילן אין דער שפּראַך פון די מאַסן — און ניט אומבאַדינגט אויף העברייאיש. דערין דאַרפן מיר אָן ספק זען אַ שטריך פון דעמאָקראַטיזם, אַ שטריך פון דעמאָקראַטישער „איראָפּייאישקייט“. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז מעגלעך און נייטיק צו שאַפן קונסט אין יידישער שפּראַך. צו יענער צייט איז דאָס געווען אַ פאָלקס־טימלעכער שטריך, אַ דעמאָקראַטישער. דאָ האָט געווירקט אַ גוטע טראַדיציע פון מערב. אין לעווינזאָנס פאַר יידישע פראַגמענטן פילט זיך, ביי דער גאַנצער דעמאָקראַטישקייט פון זייער אינהאַלט, אַז דער שרייבער „נידערט אַראָפּ“ צו די מאַסן, אָן איבעריקן דרך־ארץ צו זייער שפּראַך. אין עטינגערס שאַפן פילט זיך, ביי דער געוויסער פיליסטערישקייט פון זיינע אָנשויאונגען, פאַרט אַ דעמאָקראַטישער דרך־ארץ צו דער שפּראַך פון די מאַסן, כאָטש ער קריטיקירט באַוואוסטזיניק דעם נוסח פון די ר׳ פייטלס. ער האָט די נויטן פון די מאַסן ווייט ניט אַזוי טיף מיטגעפילט ווי לעווינזאָן, ער האָט אָבער די מאַסן גע־האַלטן פאַר ווערט זיי אויסצוקלערן איבער די פּראָבלעמעס פון דער צייט, אַזוי ווי ער האָט זיי פאַרשטאַנען, ניט בלויז זיך צו ווענדן צו זיי ביי אַ געלעגנהייט מיט פאַרפראָסטעטער, „לובאָקישער“ אויפקלערערישער אַגיטאַציע. דאָס איז דער אופן, ווי עס זיינען אין עטינגערס שאַפן געקומען צום אויסדרוק די סתירות פון דער השכלה.

ער האָט זיך געווענדעט צו די מאַסן מיט זיין גאַנצן טאַלאַנט, מיט זיין קונסט, מיט אַלעם, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן, דערפאַר האָט ער זיך געמוזט נעמען, ער, דער ערשטער, צו אַ באַוואוסטזיניק קינסטלערישער שפּראַך־פורעמונג.* ער האָט זיך תיכף אָנגעשטויסן אויף דער אויפגאַבע איבער־

* ווי באַוואוסטזיניק עטינגער איז צוגעטראָטן צו דער שפּראַך־פורעמונג, זעען מיר, למשל, פון אַזעלכע ווערטער: „...אין איינער וואָרטאַרטען שפּראַכע, פיר איינע נאַציאָן, דער עס אַן מיטהאָלאָגיע (לויטן קאָנטעקסט איז דאָ אַן ערך גע־מיינט: „קינסטלערישע און קולטורעלע טראַדיציע“ און אויך וואָס שייך בילדעריש־

צושטעלן די שפּראַך אויף אַ נייעם, „מאָדערנעם“ אייראָפּייאישן קולטור־באַזיס, זי אָפּרייניקן פון וואולגאַריטעט און אומדייטלעכקייט, דורך איראָניע צו דיס־קרעדיטירן יענעם טייל אומנוציק אויפגעשפּייכלערטן שפּראַך־מאַטעריאַל, וואָס האָט אין זיך פאַרקערפּערט די רעשטן פון פעאָדאַלישער אָפּגעשטאַנענ־קייט, קורץ: די שפּראַך פונסניי צוגעוואוינען, אַז זי זאָל פּינקטלעך „אויס־דריקן“. אין זיין סטיל הייבט זיך אָן באַווייזן אַ באַשטימטע גראַמאַטיקאַלישע און סינטאַקסישע לאָגיק, וואָס צוימט איין די ביז־דעמאָלטיקע כאַאָטישע צע־יוירנקייט. און דאָ קריסטאַליזירט זיך שוין אויס אויך די דיפערענצירונג אינעם אופן באַנוצן די רעדנסאַרטלעכע פראַזעאָלאָגיע.

* * *

אין סך־הכל חזרן מיר איבער: די יידישע שפּראַך איז צום אָנהייב פון איר ליטעראַרישער באַנייאונג געשטאַנען פאַר דער אויפגאַבע זיך קריטיש פאַנאַנדערצוקלייבן אין אַן אומגעהייער אָנגעוואַקסענער פראַזעאָלאָגיע, וועלכע מע קאָן איינטיילן, לויט דער אָפּשטאַמונג, אין צוויי הויפּט־קאַטעגאָריעס: מינדלעכער רייד־שטייגער און בוך־פראַזעאָלאָגיע.

אינעם מינדלעכן רייד־שטייגער טיילן מיר אויס: 1) עלטערע און נייע לעבעדיקע שעפערישע בילדער, רעדנסאַרטן, אויסרופן א. אַז. וו.; 2) היפּער־טראָפיש צעוואַקסענע און צעיוירענע שפּראַך־פראַזעאָלאָגיע, וואָס נעמט אָפּ ביי דער שפּראַך די בויגעוודיקייט און פּינקטלעכקייט — אין דער צייט פון געזעלשאַפטלעכער פאַרגליווערטקייט; 3) רוי איבערגענומענע (נישט־איבער־געזעצטע) פראַזעאָלאָגיע, וואָס שטאַמט פון העברייאיש; 4) קינסטלעריש גע־פורעמטער פאָלקלאָר פונעם אַלטן פאָלקס־ליד, פון דער אַלטער פאָלקס־מעשה א. אַז. וו.

אין דער בוך־פראַזעאָלאָגיע טיילן מיר אויס עלעמענטן פון דרייערליי קוואַלן: 1) פון דער עלטערער רעליגיעזער איבערזעץ־ליטעראַטור (ביבל־איבערזעצונגען, טייטש־חומש, תפילות, תחינות, מוסר, מעשיות, דינים א. אַז. וו.), ד. ה. אומדירעקט פון העברייאיש; 2) פון דער וועלטלעכער איבערזעץ־ליטעראַטור, ד. ה. אומדירעקט פון פאַרשיידענע שפּראַכן; 3) פון דער אָריגינעלער אַלט־יידישער ליטעראַטור.

אַ חוץ דעם האָט מען געדאַרפט בייקומען אַזעלכע שוועריקייטן, ווי: ענגקייט פון אויסדרוק; די סכנה פון מעכאַנישן נאָכמאַכן יענע פרעמדע שפּראַכן, וועלכע מע נעמט פאַר מוסטערן (וויטער וועלן מיר די דערשיינונג,

---

קייט, מעטאַפאָריק און אַנדערע פּרטים פון פּאָעטיק) וועלט- אונד נאַטורגעשיכטע מאַנגעלט, עטוואַס געניעריכעס צו שרייבען, איז איינע שוועריגקייט, די פּיללייכט ערשט — נאַך מיינעם פּלאַנע — אין איניגען יאַהרען געהאָבען זיין ווירד...“ (בריוו נומ. 3, „כתבים“, ב. 2, ז. 567).

וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אָנהייב־פּאַזיסן פון אַ שפּראַך־באַנייאונג, אָנ־רופן „שטאַמלערישקייט“), די געפאַר זיך צו פאַרלירן אין די פאַרשיידענע קאַנט־דיאַלעקטן (רעזשיאָנאַלע אידיאָמען) מיט זייער ווילדער שפּע פון כאַאָטישער צעפאַרנקייט.

די השכלה־שרייבער האָבן זיך באַמיט דאָס צו רעאַליזירן מיט דער הילף: 1) פון סאַטירע און קריטיק בנוגע די אומנייטיקע שטערנדיקע שפּראַך־עלעמענטן; 2) פון שעפערישן איבעראַרבעטן אַ גרויסן טייל ירושה־עלעמענטן; 3) פון קינסטלעריש דיסציפּלינירן די דיאַלעקט־ און קאַנט־שפּראַך.*

4. שאַבלאָנישע פראַזעאָלאָגיע אין דער ליטעראַטור אַלס מיטל פון קריטיק

דאָס אויפקומען פון נייע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור־שפּראַכן אָדער זייער באַנייאונג איז — אין דער עקספּלואַטאַטאָרישער געזעלשאַפט — אַן אויסדרוק פון געזעלשאַפטלעכן קאַמף,** וואָס איז געווענדט קעגן די הערשנדיקע קלאַסן־

* מענדל לעפין פרואווט אויף אַ נאַאיוון שטייגער בייצוקומען דעם געגליווערטן קאַנאָנישן טייטש־חומש־סטיל דורך דער אָנוואַלגערונג פון שפּראַך־פאָלקלאָר און ווייניק דיסציפּלינירטער אידיאָמאַטיק. ווי נײַ, אינטערעסאַנט און ווערטפול זיין פרואוו האָט ניט געזאָלט זיין, פירט דאָס צומאָל ביז צו ניט־פאַרשטענדלעכקייט. ביישפּילן: „צומאָל, איז אָבער אויך בעסער אַ זשמעניע נחת, פון ביידע הענט פול מיט האָרעוואַניע און קאָפּ־דרייעניש“ (קהלת, זע רייזען: „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע“, ז. 168); „דאָס איז אויך הבל און אומזיסטער קלאַפּאָט“ („הבל ורעות רוח“, דאָרט); „... אָבער איינאייניציקער חסרון איזבאַוועט פיל גוטס“ (דאָרט, ז. 176); „דער, וואָס שלעפּט שטיינער אַהער, רייסט אַליין קריעה פון זיך...“ (דאָרט, ז. 177); „די האָרעוואַניע פון אַ נאַר מאָרדעוועט אים אָפּ...“ (דאָרט); „...דאָס איז אויך אומזיסט הבל און אומזיסט קאָפּ־ברעעכניש“ (דאָרט, ז. 169); „אַ סך פאָלק איז שיין פאַר אַ מלך, ווינציק פאָלק איז אַ שלימאַזל אויף דעם פּריצל“ (דאָרט) א. אַז. וו. יעדנפאַלס אָבער איז דאָ געמאַכט געוואָרן איינער פון די ערשטע פרואוון צו צעברעכן דעם שפּראַך־גליווער פון דער קאַנאָנישער איבערזעץ־שפּראַך.

דער אמתדיק שעפערישער געברויך פון רעדנסאַרטן און פראַזעאָלאָגיע צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס אָט די עלעמענטן פאַרשטאַרקן די בוילעטקייט און אויס־דריקלעכקייט פונעם זאַץ אָן אַ באַרעדעוודיקן, פלוידערדיקן בייגעשמאַק. מע זעט קלאָר, אַז אין די פאַלן וואָלט מען, ווענדיק דערגרייכן באַשטימטע קינסטלערישע עפעקטן, אָט די ווערטער ניט געקאָנט פאַרבייטן מיט אַנדערע. דאָס איז דער חילוק צווישן שעפערישן און רוי־„אַריינגעריבענעם“ שפּראַך־פאָלקלאָר.

וועגן דיאַלעקטן זע ווייטער, ז. 310.

** אין קעגנזאַץ צו דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָ איז דער אויפקום און די באַנייאונג פון ליטעראַטור־שפּראַכן אַ נאַטירלעך־שעפערישער רעזולטאַט פון די באַפרייטע שעפערישע כוחות, די נאַטירלעכע פאַרווירקלעכונג פון די סאָציאַליס־טישע אויפגאַבן.

כחות (פעאָדאַליזם, קירכע) אָדער קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע. דערפון נעמט זיך די דעמאָקראַטישע אַטמאָספער אַרום דער שפּראַך־פראַגע אין אָנהייב אָדער ביי דער באַנייאונג פון איר ליטעראַרישער פיקסירונג. דערפון נעמט זיך אויך די שטאַרק אונטער־געשטראָכענע געזעלשאַפט־קריטישע, אויפקלערערישע טענדענץ אין די ווערק פון אַזאַ ליטעראַטור־תקופה. די זעלבע סיבה, וואָס האָט געשטויסן צו באַ־שאַפן די ליטעראַטור אין אַ נייער שפּראַך, שטויסט אויך דערצו, אַז די ליטעראַטור פון דער צייט זאָל זיך קאָנצענטרירן אויף דער קריטיק פון דער געזעלשאַפט און אירע אומשטענדן. ווייל דאָס איז דעמאָלט דער עיקר, און דער מיין פון אָט דער ניי־געשאַפענער אָדער באַנייטער ליטעראַטור, אַלע ליטעראַרישע מיטלען, וואָס קאָנען אַמאָל דינען אויך צו אַנדערע, פונקט פאַר־קערטע צוועקן, ווערן דערוויל באַנוצט לויט זייערע קריטיקיר־מעגלעכקייטן. צו אָט די מיטלען געהער אויך די באַנוצונג פון טראַדיציאָנעלער פראַזעאָלאָגיע און רעדנסאַרטלעכקייט.

די רעדנסאַרטלעכע עלעמענטן אין דער שפּראַך פון דער ליטעראַטור זיינען אַ באַשטאַנד־טייל פונעם רעאַליסטישן נוסח. דער בירגערלעכער רעאַליזם דעמאַסקירט. דער רעאַליזם פון וואָלפסזאָן, לעווינזאָן, עטינגער און אַקסענפעלד איז געבוירן געוואָרן פון דעם מיין צו קריטיקירן. די פאַרדומפּענע געזעלשאַפטלעכע סיטואַציע האָט געמוזט אויפגערודערט ווערן, קריטיש אָביעקטיוויזירט, דערציילעריש זיך אַליין אַקעגנגעשטעלט ווערן, כדי ס׳זאָל קאָנען קומען צום באַוואוסטזיין פון דער געזעלשאַפט די אומנאָרמאַלקייט פון איר לעבן. דער נייער השכלה־געדאַנק דעקט אויף די פאַרקריפּלטקייט פונעם לעבנשטייגער און פון די פיגורן, וואָס פאַרקערפּערן אים צום בוילעטסטן, אויך מיט דער הילף פונעם רייד־שטייגער. אינאיינעם מיט די מענטשן און באַדינגונגען ווערט אויך קריטיקירט און אויפגעבונדן די שפּראַך, וואָס דאַרף זיך פונסניי אויספורעמען. כאַראַקטעריזירן קהלס־לייט, דעם אָפּגעשטאַנענעם הענדלער און דעם לופט־מענטש, זייער לעבן, טראַכטן און העוויות איז צום בעסטן מעגלעך געווען דורך אַ קינסטלערישן אויפכאַפּן, מע קאָן זאָגן, נאָכ־שפּעטן, נאָכקרימען דעם גערעדיכטן, פון גוזמאדיקער רעדנסאַרטלעכקייט פאַראַזיטיש אָנגעדרלאָענעם רייד־שטייגער.

עטינגער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט די ניואַנסירונגען אינעם רייד־שטייגער קינסטלעריש דערהערט און מער אָדער ווייניקער באַוואוסט־זיניק, מיט איראָניע, אָפּגעשפּיגלט לויט דער פּאָזיטיווקייט און נעגאַטיווקייט פון די פיגורן — אין „סערקעלע“.

עטינגער מישט ניט אַריין סתם, אָן אַן אָפּקלייב, ווערטלעך אין די רעפּליקעס אויף זיי צוצוגעבן עטנאָגראַפישע לאָקאַל־פאַרב און זיי צו מאַכן

„עכט". יעדע פיגור באַזונדער האָט איר אייגענעם שפּראַך־נוסח, אַפילו די רעדנסאַרטלעכקייט איז ביי דער פיגור ניואַנסירט און אויסגעהאַלטן. וואָס פּאָזיטיווער אַ פיגור איז, אַלץ ווייניקער באַרעדעוודיק איז זי ביי אים, אַלץ ווייניקער זיינען אירע רעדנסאַרטן שאַבלאָניש. דער פרעמדער, הינדע, חוה, וואָס ווייזן אין זייערע רעפּליקעס עטינגערס שפּראַך־אידעאַל, רעדן נאַטירלעך, האַרציק, מיט אַ מינימום פון שאַבלאָנישע פראַזעס און העברייאיזמען. און פּונקט אַזוי פאַרקערט ביי די נעגאַטיווע פיגורן: וואָס „ערגער" אַ פיגור איז, אַלץ מער קלוגיטשקע פראַזעס און פרומלעכע העברייאיזמען באַנוצט זי. עס דערגייט אַזוי ווייט, אַז דאָרט, וואו די סיטואַציע פאַרשפּיצט זיך צו אַ באַזונדערס העסלעכער טאַט (למשל, פאַר און בעת דער גנבה גבריאל הענדלערס, אינעם פאַלשן שמועס סערקעלעס מיט הינדען נאָך דער גנבה א. אַז. וו.), פאַרגרעסערט זיך אויך די צאָל פון אָט די שפּראַך־עלעמענטן. אַפילו פּאָזיטיווע פיגורן, ווען זיי רעדן עפּעס אַזוינס, מיט וואָס דער אויטאָר איז בפירוש ניט צופרידן (למשל, ווען חוה זידלט, אָדער ווען חיים לויבט על־פּי טעות אַ „נעגאַטיוון" פאַרשוין), פאַרגרעסערט זיך דער רעדנסאַרטלעכער באַשטאַנד אין זייערע רייד. דער כאַראַקטער פון די רעדנסאַרטן איז ביי יעדער פיגור גענוי אינדיווידואַליזירט. דעם שדכנס רעדנסאַרט זיינען פרומלעך־ווינטשנדיק, זיינע העברייאיזמען — כלי־קודשדיק און שטענדיק מיט אַ פאַלשער משפּחה־אינטימקייט; גבריאל הענדלערס — זיינען חוצפּהדיק־ציניש, גנביש־וואוילעריש און גראָב; סערקעלעס — היסטעריש־שעלטנדיק און צבועקיש־צניעותדיק; חיימס — טאַמעוואַטע; שמעלקע טרויניקס — כיטרע־הענדלעריש א. אַז. וו. ביי אַזאַ שפּראַך־ניואַנסירונג הערן מיר ניט בלויז די מאָדולאַציע, דעם באַגלייטנדיקן טאָן פון וואָרט, מיר זעען אויך בילדעריש די זשעסטיקולאַציע און פּאָזע, עס קומען אַרויס אויף דער אויבערפלאַך די פאַרבאָרגנסטע כוונות, מוראס, האָפענונגען פונעם רעדנדיקן, זיין קליינלעכע פאַראומערטע פּערזענלעכקייט.

און דייטלעך פילט זיך שוין אין עטינגערס איראָניע, ווי שפּעטער באַזונדערס ביי מענדעלען, אַ געזונטע זעלבסט־קריטישע באַציאונג צו די ספּעציפישע גרימאַסן, צו דער זשעסטיקולאַציע פונעם מיסברויכטן וואָרט. אָט די איראָניע קאָן דערגיין ביז צו אַ קאַריקאַטוריסטישן נאָכקרימען. דער לייענער, פאַר וועמען יידיש איז אַ נאַטירלעכע שפּראַך־אַטמאָספער, דערשפּירט דאָס ניט אַזוי שאַרף, ווי אַן אָפּגעפרעמדטער אָדער ווי אַ ניט־יידישער לייענער פילט דאָס פון אַן איבערזעצונג. אַזוי טאַקע האָבן די צייט־מענטשן עטינגערס באַנומען די כוונה פון די אָפּשפּעטערישע עלעמענטן אין זיין שפּראַך. אַז אַנטאָני אייזנבוים באַמיט זיך ביי דער צענזור צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף דרוקן „סערקעלע", שרייבט ער אין זיין בקשה: „וואָרעם אַזעלכע שריפטן,

זייענדיק צוטריטלעך פאַר אַלע קלאַסן יידן, שטעלן אַרויס אין לעבעדיקע קאָלירן די חסרונות און לעכערלעכקייטן, מאָלן מוטיק און קאָמיש אַלע רייד־שטייגערס פון זשאַרגאָניזם * און קאָנען האָבן אַ זייער גינציקע השפעה אויף די אינטעלעקטן." אייזנבוים פאַרשטייט, אַז עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע „רייד־שטייגערס" אין יידיש און צווישן זיי אויך לחלוטין נישט קאָמישע, אַז די קאָמישע ווערן בלויז באַנוצט דערצו, כדי צו באַווייזן, ווי אַ „פאַרקרימטע און פאַסקודנע קלוגישקייט פאַרבינדט זיך אַנטקעגן אַ זעלטענער פּראָסטקייט, אומשולד, עניוותדיקער שטרעבונג צו אמתער בילדונג, אַקעגן אַ ניט־וואַקל־דיקן באַשלוס צו פאַרבלייבן ביי ערלעכקייט".** די פאַרקערפּערונג פון אָט דער „זעלטענער פּראָסטקייט, אומשולד... ערלעכקייט" איז הינדע (נעבן רעד־ליכן), און פונדעסטוועגן לאָזט זי עטינגער בכיוון און באַוואוסטזיניק רעדן יידיש, ווי אַ קאָנטראַסט צו אַלטעלעס „דייטש"; און דער פרעמדער, אויך אַן אידעאַל־פיגור אינעם שטיק, זאָגט זיך אַרויס וועגן דעם ענין אויף אַ קלאָרן אופן (זע ב. 2, ז. 451).

עס איז נישט קיין צופאַל, ווען לייענער פון איבערזעצונגען זעען אַמאָל אין מענדעלעס (און אַפילו אינעם „גוטמוטיקן" שלום־עליכמס) ווערק בייזן חוזק און אָפּשפּאָט. דאָס אַלעס איז אין זיי אויך פאַראַן. און אויב עס ווערט ביים איבערגעבן אין אַן אַנדער שפּראַך צעריבן דער באַגלייטנדיקער טאָן פון טיפן מיטגעפיל, ווערט מיטאַמאָל בוילעטער דער אָפּשפּעטערישער טאָן. דאָס קאָן דערגיין אַזוי ווייט, אַז עס זיינען געווען קוריאָזע פאַלן, ווען ניט־יידישע ליבעראַלן האָבן זיך, צוליב דעם מיספאַרשטייעניש, אַרויסגעזאָגט קעגן אָט די איבערזעצונגען, האַלטנדיק זיי פאַר „אַנטיסעמיטישע פאַמפלעטן" און זייער ווירקונג פאַר „שעדלעך און דערנידעריקנדיק", אַקוראַט ווי די ווירקונג פון די באַקאַנטע „יידישע" וויצן און קאַבאַרעט־פּיעסעס. אַנדערע ווידער קערן איבער די אָפּשאַצונג פון דעם פאַקט און קומען צום אויספיר, אַז דער עיקר כוח פון דער יידישער ליטעראַטור ליגט אין דער פייאיקייט חוזק צו מאַכן! „פאַראַן . . . אַ יידישער ליטעראַרישער זשאַרגאָן, וואָס ציט זיך שוין פון 12טן יאָרהונדערט אָן (!) און האָט אַפילו אַן אייגענעם צווישן די מינע־זינגער.*** מע קאָן אָבער אין דער אַנטוויקלונג פון אָט דער ליטעראַטור באַ־מערקן, אַז זי טויג כמעט בלויז פאַר הומאָריסטישע, וויצמעסיקע, סאַטירישע באַשרייבונגען. ערנסטע ווערק מיט אַ וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט פאַרלירן

---

* „וושיסטקיע ספּאָסאָבי מואוועניאַ זשאַרגאָניזמו"... אייזנבוים באַמערקט, אַז דאָס איז פאַראַן ניט איין רייד-שטייגער, נאָר פאַרשיידענע רייד-שטייגערס.

** עטינגערס כתבים, ב. 2, ז. 589.

*** געמיינט איז דער יידישער דיכטער (מינע-זינגער) זיסקינד פון טרימבערג; אין אמתן האָט ער געשריבן דייטש, ניט יידיש.

צוליב דער שפּראַך דעם חן און ווערט, וואָס יענע באַשרייבונגען האָבן.* צו אַזאַ קלוגן אויספיר איז אָט דער אויטאָר געקומען מחמת אַ טעאָריע, אַז די יידישע שפּראַך בכלל האָט עפּעס גאָר אַ באַזונדערע נטיה און פייאיקייט צו הומאָר. אַזוי, למשל, האַלט דער זעלבער אויטאָר, אַז פאַר דער אַנטוויקלונג פון היינעס וויציקייט איז געווען אַנטשיידנדיק דער פאַקט, וואָס היינע האָט אין דער יוגנט באַנוצט די יידישע שפּראַך „צו הומאָריסטישע צוועקן" (דאָ איז בפירוש געמיינט אָפּשפּעטערישע, סאַטירישע" — מ. וו.). אַזוי פאָרמולירט איז אָבער די טעאָריע פאַלש. ניט קיין קלענערע נטיה און פייאיקייט פאַר הומאָר האָבן אויך, למשל, די פון בוך־קולטור ווייניק באַווירקטע דייטשע דיאַלעקטן און אידיאָמען: שווייצער־דייטש, זאַקסישער דיאַלעקט, בערלינער,** ווינער פאָלקס־אידיאָם און אַ סך אַנדערע. אין דעם פּרט איז יידיש, וואָס זיין ליטעראַרישע פיקסירונג איז נאָך אפשר ביז היינט ניט ענדגילטיק פאַרטיק און וואָס פאַרמאָגט נאָך היפּשע רעשטלעך און שטריכן פון אַן אידיאָם, גאָרניט קיין באַזונדערער אויסנאַם.

מיר געפינען אָבער, אַז אַזאַ וויכטיקער אויטאָריטעט ווי שלום־עליכם האַלט ביז צו אַ געוויסער מאָס אונטער — כאָטש טאַקע אינעם יוגנט־פּעריאָד פון זיין שאַפן — די מיינונג וועגן אָט דער ספּעציפישקייט פון דער יידישער שפּראַך.

„דאָ מוזן מיר אַ באַמערקונג מאַכן, אַז אונדזער זשאַרגאָן, — שרייבט שלום־עליכם אין יאָר 1884, — האָט אין זיך מער שטאָף צו דער סאַטירע (לצנות) אַלס אַנדערע שפּראַכ[ן]; דאַמיט האָט ער צו דאַנקען דער טעכניק פון דער שפּראַכע: מיט אַ קנייטשעלע אין דער זייט, מיט אַ „מאמר המוסגר", מיט אַ נאָמען, מיט אַ קליין שטרעכעלע ווערט שוין די פּראָזע סאַטיריש און רופט אַרויס אַ שמייכל ביים לעזער ניט־ווילנדיק; און ווער שמועסט, אַז מע קאָן נאָך נאָכמאַכן יעדער מענטשן מיט זיין לשון (יעדער ייד כמעט האָט זיך זיין לשון) און מיט דער זשעסטיקולאַציע (מאַכן מיט די הענט, מיט די פּיס, מיט די פּלייצעס בשעת רעדן)..."*** צו דער דאָזיקער מיינונג, אַז „אונדזער זשאַרגאָן" „האָט אין זיך מער שטאָף צו דער סאַטירע (לצנות) אַלס אַנדערע שפּראַכן", איז שלום־עליכם געקומען, ווייל ער האָט פאַרגליכן דאָס דעמאָלטיקע יידיש (פון די 80ער יאָרן) מיט פאַרטיק־אויסגעבילדעטע ליטעראַרישע שפּראַכן און ניט מיט אידיאָמען, ניט מיט פאָלקסטימלעכן שפּראַך־שטייגער. וואָלט

* U. Bienenstock, Die Jüdischen Elemente in Heines Wesen, Leipzig, 1910.

** Agathe Lasch, „Berlinisch". Eine berlinische Sprachgeschichte, 1928.

*** „אין מיסט צווישן שמאַטעס" (קריטישע עטיודן). „דאָס שלום-עליכם בוך", ניו-יאָרק, 1926, ז. 326.

ער די יידישע שפּראַך פאַרגליכן מיט אַזעלכע אידיאָמען, וואָלט ער באַמערקט, אַז למשל, די אויבנדערמאָנטע דייטשע אידיאָמען (פּונקט אַזוי ווי אַנדערע שפּראַך־שטייגערס) האָבן אין זיך ניט ווייניקער „שטאָף צו דער סאַטירע" איידער יידיש, און אַז אָט דער „שטאָף צו דער סאַטירע" פון די אידיאָמען, פונעם פאָלקסטימלעכן וואָרט, איז טאַקע אויסגענוצט געוואָרן פון אַזעלכע שרייבערס, ווי יערעמיאַס גאָטהעלף, פריץ רויטער, ריימונד, נעסטרוי; שפּעטער: אַרנאָ האָלץ, ווילדענברוך, ק. האַופּטמאַן אין זיין גוטער צייט א. אַ.

די „באַזונדערע פּיִאיקייט" פון אַ שפּראַך פאַרן אויסדרוק פון הומאָר און סאַטירע באַווייזט זיך ערשט דעמאָלט, ווען ס'קומט דער ווילן פון באַשטימטע קלאַסן קריטיש צו שילדערן די געזעלשאַפט און איר לעבן. אָן אָט די הנחות קאָנען טאַקע די זעלבע שפּראַך־עלעמענטן, וואָס גיבן „שטאָף צו דער סאַטירע", געבן „שטאָף" צו פּאַטעטישער געהויבנקייט און פייערלעכקייט אָדער צו סענטימענטאַליזם און אידילישער זיסלעכקייט.

שלום־עליכם האָט אין דער יידישער שפּראַך אַנטפּלעקט איר פּיִאיקייט צו „סאַטירע",* ווייל שלום־עליכם דער געזעלשאַפט־קריטיקער האָט זיך אין זיין שאַפן געמוזט אָנשטויסן גראָד אָן אָט דער אייגנאַרטיקייט פון דער שפּראַך, וואָס איז צוגלייך אויך אַן אָביעקט פון קריטיק. „דער אָפּלאַכער שפּילט זיין גרויסע סאָציאַלע ראָלע — ער איז דער שימל־אָפּקראַצער. אַן אָפּלאַכער איז שלום־עליכם." אַזוי כאַראַקטעריזירט אים פּרץ.** און אַ „שימל־אָפּקראַצער" איז שלום־עליכם אויך אין פּרט פון שפּראַך — ניט וויכטיק ווי וויט באַוואוסטזיניק אָדער ניט. דער רעאַלער, היסטאָרישער אינהאַלט פון זיין שאַפן איז געווען: גובר צו זיין די געשטאַלטן, וועלכע ער שילדערט, די געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן, פון וועלכע זיי וואַקסן, און אגב טאַקע אויך די איבעריקע „הומאָריסטישע" עלעמענטן אינעם שטייגער פון זייער שפּראַך, יענע עלעמענטן, וואָס ווייזן אין דער אמתן די ביטערע טראַגיק פון זייער לעבן.

דער אָפּשפּעטערישער שטריך איז ניט קיין צופעליקע באַגלייט־דערשיינונג פון אַ שפּראַך־שטייגער; ס'איז אַן אַלגעמיינע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע

---

* שלום-עליכם האָט אין דער יידישער שפּראַך פון די פאָלקס-מאַסן אַנטפּלעקט ניט בלויז די דאָזיקע „סאַטירישע" אייגנשאַפטן אירע, נאָר נאָך אַ גאַנצע ריי אַנדערע אייגנשאַפטן, פּאָזיטיווע, וואָס זיינען ניט ווייניקער וויכטיק, אויב ניט וויכטיקער. ער האָט אין דער שפּראַך פון די פאָלקס-מאַסן אַנטפּלעקט איר טיפע לירישע האַרצלעכקייט, ער האָט אין איר אַנטפּלעקט וואונדערלעך ציכטיקע תמימות, וואָס שטייט אין אַזאַ ווידערשפּרוך צו איבערגעשפּיצטער ווירטואָזקייט. ער האָט אין איר אַנטפּלעקט דעם טיפן ווי פון די עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע פאָלקס-מאַסן, זייער עכט-מענטשלעכע חכמה און נאָך מער — די געניאַלישקייט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס האָט זיך דאָ פאַרקערפּערט.

** י. ל. פּרץ, ב. 10, ז. 129. שלום-עליכם.

דערשיינונג ביי אַ באַשטימטער היסטאָרישער סיטואַציע. דער דערמאָנטער בינענשטאָק ווייסט דאָס זייער וואויל בנוגע דעם „יונגן דייטשלאַנד" און בנוגע דער נטיה פון אָט דעם קרייז צו חוזקן און אָפּשפּעטן פון זיך אַליין. „ווען אַ זייער טאַלאַנטירט, אָבער ניט אַנטשלאָסן פאָלק, — ציטירט בינענ־שטאָק פון בראַנדעסן וועגן דעם „יונגן דייטשלאַנד", — קאָן ניט אַראָפּוואַרפן פון זיך אַן עול, רופט די אונטערדריקונג אַרויס אַ זעלבסט־פאַראַכטונג, פון וועלכער ס'וואַקסט אַ מין פאַרצווייפלטע וויציקייט, אַ שטענדיקער גאַלגן־הומאָר."* דער באַוואוסטער היינע־פאָרשער שטראָדטמאַן פאָרמולירט דעם זעלבן געדאַנק אַזוי: „היינע האָט געלעבט אין דער איבערגאַנג־צייט צווישן דער רעאַקציע און דעם אַבסאָלוטיזם פון 18טן יאָרהונדערט — און דער עפּאָכע פון דאַמף און עלעקטריציטעט... און גראָד אין אַזאַ צייט, ווען אַ פאַרעלטערטע וועלט־אָנשויאונג האַלט אין שטאַרבן, אָבער די נייע בשורה האָט נאָך ניט איינגאַנצן געזיגט, האָט דער קריטישער הומאָר אַ נישט־באַשטרייטבאַר רעכט." היינע אַליין זאָגט קורץ: „הומאָריסטישע איראָניע איז בלויז אַ צייכן פון אונדזער פּאָליטישער ניט־רייפקייט."** אָט די פאָרמולעס פּאַסן אויך פאַר דער כאַראַקטעריזירונג פונעם הומאָר און פון דער סאַטירע אין דער השכלה־ליטעראַטור.

אויב אָבער די הומאָריסטישע איראָניע „איז בלויז אַ צייכן פון... פּאָ־ליטישער ניט־רייפקייט", באַציט זיך אָט די באַהויפּטונג לחלוטין ניט צו די שרייבער, וואָס באַנוצן די הומאָריסטישע איראָניע, נאָר צו דער געזעלשאַפט־לעכער סיטואַציע, וועלכע זיי ווילן בייקומען און איבערקערן גראָד דורך אָט דער קריטיק. גראָד זיי, די באַשאַפערס פון דער „הומאָריסטישער איראָניע", זיינען וויכטיקע קעמפער פאַר דער נייער באַוועגונג. די השכלה־שרייבער, אָנהייבנדיק פון י. ב. לעווינזאָן ביז מענדעלען (און לויט די דאָזיקע טראַדיציעס — אויך שלום־עליכם, דער גרעסטער מייסטער פון דער הומאָ־ריסטישער איראָניע), האָבן די „הומאָריסטישע איראָניע" באַנוצט, יעדערער אויף זיין שטייגער און לויט זיינע באַדינגונגען, כדי אין דער יידישער סביבה צו באַווייזן די הינטערשטעליקייט פון לעבן — און, אינאיינעם דערמיט, אויך פון דער שפּראַך. דעריבער האָבן זיי אויסגעטיילט דאָס לעבעדיקע וואָרט פון דער פאַרגליווערטער פאַרעלטערטער פראַזעאָלאָגיע, וועלכע ווערט באַנוצט ווי אַ מיטל פון קריטיק.

דערמיט איז אָפּגעפּאַרטיקט געוואָרן די איבערגעלאָדנקייט מיט אַלטער פראַזעאָלאָגיע אין דער יידישער שפּראַך. קריטיקירנדיק די אָפּגעשטאַנענע

---

* ציטירט לויט בינענשטאָק, דאָרט.

** לויט בינענשטאָק, דאָרט.

געזעלשאַפֿטלעכע באַדינגונגען, האָבן אָט די שרייבער גלייכצייטיק אויך קריטיקירט אַ געוויסן פֿאַרעלטערטן טייל פֿונעם אָנגעשפּייכלערטן אָבער אומ־בוציקן שפּראַך־מאַטעריאַל און אַזוי־אַרום מיטגעהאָלפֿן, אַז די שפּראַך זאָל זיך אויפֿסניי זאַכלעך צופּאַסן צום לעבן און זיך אַנטוויקלען לויט דעם אייגנטלעכן ציל אירן: צו קלאָרער פֿאַרשטענדיקונג און צום איבערצייגנדיקן אויסדרוק.

5. לעבעדיקער שפּראַך־פֿאָלקלאָר אַלס שעפֿערישער אויסדרוק אין דער ליטעראַטור

אין אַ צייט, ווען נייע געזעלשאַפֿטלעכע אימפּולסן צווינגען די שפּראַך אויפֿסניי אָנצוהייבן לעבעדיקער, זאַפֿטיקער און צייטמעסיקער צו רעדן, באַ־געגנט זי זיך אַמאָל אין אָנהייב מיט דער מניעה, וואָס מיר וועלן זי אָנרופֿן „שטאַמלעניש“. די אידיאָמען, איבערגעלאָדענע מיט פּראַזעאָלאָגיע, די פֿאַר־שטייפֿטע דיאַלעקטן, דער איבערגעשפּיצטער רייד־שטייגער, וואָס זיינען פֿריער געווען אַזוי באַרעדעוודיק, הייבן פּלוצים אָן, אין אַ באַשטימטן מאָמענט פֿון איבערגאַנג, צו „שטאַמלען“, ווי סע וואָלט אויסגעפּעלט לשון. וואָס טיפֿער און רייכער עס איז דער נייער געדאַנק, אַלץ ווייניקער באַפֿרידיקנדיק קאָנען די ביז־איצטיקע שפּראַך־מיטלען „באַדינען“ די נייע אידייאישע באַדערפֿענישן. פּונקט אַזוי ווי דער אָפּגעשטאַנענער מענטש, וואָס האָט זיך פֿריער אויף זיין שטייגער, לויט דעם אָפּגעשטאַנענעם אינהאַלט פֿון זיינע געדאַנקען פֿלינק און באַרעדעוודיק אויסגעדריקט, הייבט אָן אויף אַ שטיקל צייט צו „שטאַמלען“, ווען ער הייבט אָן פּאָליטיש און קולטורעל באַוואוסטזיניק צו ווערן. און דאָס געדויערט אַזוי לאַנג, ביז די שפּראַך באַווייזט אויסצוּוואַקסן לויטן פֿאַרנעם פֿונעם נייעם געדאַנק.

און מיר זעען: ווען עס קומט אויס עטינגערן* אויסצודריקן דורך די רייד פֿון אַ פּאָזיטיווער פֿיגור זיינע אייגענע, עטינגערס, טעאָרעטישע גע־דאַנקען,** ווערט גאַנץ אָפּט די שפּראַך אָרעם און אומבאַהאָלפֿן.

עס דערגייט אַמאָל ביז צו „שטומקייט“, ד. ה. עס דערגייט אַמאָל דערצו, אַז דער אויטאָר זאָגט זיך לסוף אינגאַנצן אָפּ פֿון דער יידישער שפּראַך ביי די רעפּליקעס פֿון אָט די פֿיגורן. ער לאָזט זיי דאַן אויף אַ נאַאיוון אופֿן רעדן דייטש.*** דאָס קומט אים אויס פּאַסיקער צו זייערע אויפֿגעקלערטע גע־

* דאָס אייגענע קאָן מען באַמערקן אויך ביי אַקסענפֿעלדן, גאָטלאָבערן און ביים פֿריאיקן מענדעלע.

** למשל: רעדליך, דער פֿרעמדער, וואָס פֿאָרמולירט אַמאָל עטינגערס געדאַנקען און מיינונגען אין אַבסטראַקטע, רעזאָניאָרישע באַטראַכטונגען.

*** די פּאָזיטיווע פֿיגור רעדליך, וועמעס מיסיע עס איז אַרויסצוזאָגן אַ היפּשן טייל פֿון עטינגערס אידעאַלן, ווערט בכיוון געמאַכט פֿאַר אַ פּראָגער, כּדי צו באַרעכטיקן זיין דייטש־ריידן.

דאַנקען. ווי שפּראַכלעך־געניט עטינגער איז ניט ביים מאָלן נעגאַטיווע פיגורן, וואָס זיינען שוין צופיל באַרעדעוודיק, — ביים אַרויסזאָגן אַ צייט־געדאַנק ווערט אים, עטינגערן, די שפּראַך ענג.* אויך נאָך אַ סך שפּעטער קומען פאָר אין דער יידישער ליטעראַטור אַזעלכע רעצידיוון פון „שטומקייט“, ד. ה. אַ טיילווייז אַנטלויפן צו דער דייטשער שפּראַך, אָדער צום דייטשמערישן נוסח, אָנגעהויבן פון אַקסענפעלדן (זע: „מאַן, ווייב, ברודער און שוועסטער“) אָדער פון די אומגעלומפּערטע דייטשמערישע „מאַקאַראָניזמען“ כמעט אין אַלע ווערק פון א. מ. דיק — ביז צו אַ טייל ווערק פון ספּעקטאָר און דינעזאָן.** עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר געוויסע עטאַפּן אינעם אָנהייב פון אַ שעפערישן שפּראַך־פּעריאָד: פּונקט אַזוי פלינק און געניט ווי די פאָרשטייער פון דעם פּעריאָד זיינען אינעם קריטישן אויסדרוק, אַזוי אומבאַהאָלפן זיינען זיי דער־וויל אינעם פּאָזיטיוון. און גראָד דאָס באַוואוסטזיין פון אָט דער „שטאַמ־לערישקייט“ און ענגקייט רייסט אויף און צעעפנט די גרענעצן פון דער שפּראַך, ברענגט צו וויכטיקע אויפטוען. דאָס „אַלטע“ קאָן מען ווי ס'ניט איז מיטן אַלטן וואָרט קריטיקירן, דאָס וואָרט פאַרן „נייעם“ ווערט ערשט אינאייינעם מיטן וואוקס פונעם „נייעם“ געשאַפן. די נייע פאַרקערפּערונג און דאָס נייע וואָרט ווערט ערשט געשאַפן אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונעם פּעריאָד, וואָס זיין אָנהייב ווערט כאַראַקטעריזירט דורך קריטיק און באַ־נייאונגס־ווילן אין אַלע געביטן און אויך אין דער שפּראַך.

גרעסער נאָך ווי די סכנה פון „שטומקייט“ איז ביי אַן אָנהייב פון ליטע־ראַרישער שפּראַך־פיקסירונג אָדער שפּראַך־באַנייאונג די לאָקערנדיקע סכנה פון מעכאַנישער שפּראַך־נאָכמאַכעריי. פאַר באַשטימטע פּאַרטיקע באַגריפן און בילדער פון די מוסטער־ליטעראַטורן, לויט וועלכע מע לערנט זיך, פעלן געהעריקע אויסדרוקן, העלפט מען זיך דורך מעכאַנישער, אומאָרגאַנישער איבערזעצונג. מע מאַכט נאָך זאַצן דורך קינסטלעך צונויפגעשטעלטע ווערטער־רייען. דערפון קומט אַרויס אַ נאָכגעמאַכטער, ווייניק פאַרשטענד־לעכער בלוטלאָזער נוסח. עס ווייזט זיך דאַן אַרויס, אַז דאָס איבערנעמען פרעמדע ווערטער אין אָריגינעלער געשטאַלט, דעמאָלט ווען מע קאָן זיי ניט מיט אַנדערע פאַרבייטן, איז טאַקע נאָך דער קלענסטער שאָדן. ערגער איז,

* זע ז. 294, הערה.

** די דייטשמעריזמען ביי ווינטשעווסקין, באָוושאָווערן, עדעלשטאַטן און ראָזענפעלדן זיינען געווען אַ באַוואוסטזיניקער אויסדרוק פון אינטערנאַציאָנאַליזם, אָבער אָן ספק אויך אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס די ביז־דעמאָלטיק יידישע שפּראַך איז פאַר די דאָזיקע דיכטער געווען צו ענג אויף אויסצודריקן די נייע סאָציאַ־ליסטישע אידייען.

ווען גאַנצע זאַצן ווערן געבונדן לויט אַ סינטאַקס, וואָס איז אָפּגעריסן פֿונעם נאַטירלעכן שפּראַך־באָדן און פֿונעם ספּעציפֿישן שפּראַך־כּראַקטער.

אין די אַלע בויטן קומט דער שפּראַך־פֿאָלקלאָר צוהילף אויף אַ שעפּערישן פּאָזיטיוון אופֿן, מיט זיין גוואַלדיקן פֿאַרמעגן פֿון באַלעבנדיקן און געזונטן אויסדרוק־מאַטעריאַל, אַן וועלכן די שפּראַך וואָלט געבליבן שאָטנדיק און אַנעמיש. די קריטיש־אָפּקלייבערישע אַרבעט, וועגן וועלכער מיר האָבן גערעדט אין פֿריערדיקן קאַפּיטל, איז די פֿאַר־הנחה אויף איבערצונעמען, איבערצואַרבעטן און אַנצואייגענען דעם מינדלעכן שפּראַך־פֿאָלקלאָר פֿאַר פּאָזיטיוון אויסדרוק אין דער ליטעראַטור. זי טיילט אויס: די פֿאַרעלטערטע עלעמענטן פֿון אַנגעוואַלגערטער רעדנסאַרטלעכקייט און פּראָזעאַלאָגיע — פֿאַר קריטיק, די לעבעדיקע אויסדרוקפֿייאיקע עלעמענטן פֿון שפּראַך־פֿאָלקלאָר — צו אַ נייער איבערפֿורעמונג, צו נייע פֿונקציעס, לויט נייע אידייאישע אינהאַלטן.

* * *

כּדי צו געפֿינען דעם פּאַסיקן, קלאָרן און פּלאַסטישן אויסדרוק, דעם שיינעם נאַטירלעכן זאַצבוי, ווערטער־רייען, וואָס לייגן זיך אויפֿן שׂכל און אויפֿן געמיט און קאָנען אָן מניעות אַריין אין באַוואוסטזיין פֿון די פֿאָלקס־מאַסן, האָבן זיך די מייסטערס פֿון פּראָזע און דיכטונג שטענדיק געווענדט צום שפּראַך־פֿאָלקלאָר, צום אַלטן און ניי־אויפֿקומענדיקן, צו דער לעבעדיקער, עכטער, געזונטער שפּראַך־שאַפֿונג פֿונעם אַרבעטנדיקן פֿאָלק. פֿון דעם מאַטעריאַל האָבן זיי אַנטליען זאַצן, האַלבע זאַצן אָדער ווערטער, אַמאָל אַפֿילו בלויז סינטאַקסישע תּנועות, דעם זאַצבוי, אָדער דעם ריטם, שטיקלעך און טיילן אַזעלכע, וואָס זיינען היימיש און אָן וועלכע עס קלעפּן נאָך געוויסע באַציאונגען און אַסאָציאַציעס. מיט זייער היימישן לויטערן קלאַנג פֿירן אָט די ווערטער און ווערטער־רייען פֿריש, פּלאַסטיש און קרעפֿטיק צום נייעם, אָפֿט אומגעריכטן באַדייט.

אַזוי באַקומט אַמאָל אַפֿילו אַן אויסגעהוילטע רעדנסאַרט אין אַן איבערגעפֿורעמטער פֿאָרם אַ נייעם „תּיקון". אַן איבעריקער מי ווערט די אַלטע היימישע תּנועה אין דער נייער פֿאַראַפֿראַזע דערקענט, און די נייע אויסטייטשונג דורך אַ גוט באַקאַנט, געוואוינט וואָרט פֿאַרשאַפֿט דעם לייענער, וואָס כאַפּט פּלוצים דעם נייעם אומגעריכטן באַדייט, אַ חוץ דעם, נאָך אַן עסטעטיש פֿאַרגעניגן. אָט די עסטעטישע הנאה איז ענלעך צו יענער הנאה וואָס ווערט פֿאַרשאַפֿט דורך אַן אייגנגעבענעם, שוין פֿון פֿריערדיקע סטראָפֿעס באַקאַנטן רעפֿרען אין אַ ליד. און וואָס מער אַקטואַליטעט עס האָט אַנגעוואוירן דער אַמאָליקער באַדייט פֿון דעם באַנוצטן שפּראַך־מאַטעריאַל, וואָס מער ער, דער אַלטער באַדייט, איז „פֿאַרשטומט" געוואָרן אין דער נייער

באַנוצונג — אַלץ אומגעשטערטער און איבעראַשנדיקער האָט געקלונגען אין דעם איבערגעפּורעמטן וואָרט דער נייער באַדייט.

און טאַקע באַלד ביים אָנהייב אַנטוויקלונג פון דער נייערער יידישער ליטעראַטור — אין לעפינס איבערזעצונגען, אין דער אַגעווע, ביי עטינגערן — זעען מיר שוין די נטיה צו באַנוצן שפּראַך־פאָלקלאָר אויף אַ פּאָזיטיוון שעפערישן אופן און פאַר פּאָזיטיווע צוועקן. עטינגער וועגט אָפּ מיט קינסט־לערישן פאַרשטאַנד און מיט געשמאַק די פּאַסיקייט און בויטוועגדיקייט פונעם פאָלקלאָרישן עלעמענט אין דער קינסטלעריש געלייטערטער שפּראַך. ווי שטענדיק, וואו עס גייט וועגן קינסטלערישער מאָס, איז עטינגער אויך אין דעם פּרט ווייט אַריבער אַלע שרייבערס ביז מענדעלען. ער איז טאַקע ניט בייגעשטאַנען די סכנה פון „שטאַמלעניש און שטומקייט" ביי די (מער רעזאָ־ניאָרישע) פיגורן, וואָס האָבן געדאַרפט פאָרמולירן עטינגערס „נייע" משכילישע געדאַנקען, ווי למשל, רעדליך, דער פרעמדער (וואו ער רעזאָנירט אויף דייטש), אָבער ביי יענע פיגורן, וואָס האָבן ניט קיין רעטאָריש־רעזיאָניאָ־רישע אויפגאַבן און זיינען פאָרט פּאָזיטיווע געשטאַלטן און פאַרקערפּערן אין זייער וועזן און אין זייערע טאַטן אַ היפּשן טייל פון עטינגערס אידעאַלן (הינדע, חוה און אַנדערע פיגורן אין „סערקעלע" און אין די „דראַמאַטישע פראַג־מענטן"), מיידט עטינגער אויס פון איין זייט „שטומקייט" (למשל: הינדע רעדט געוויינלעך יידיש, כאָטש זי קען דייטש), פון דער אַנדערער זייט די איבעריק־באַרעדעוודיקע ווערטלדיקייט. די פאַרשטאַנד און שעפעריש באַנוצטע פאָלק־לאָר־עלעמענטן ווערן אין די רעפּליקעס פון אָט די פיגורן באַהערשט און געפירט צו אַ דורכגעאַרבעטן, געלייטערטן שפּראַך־נוסח. זיי זיינען שטרענג צוגעפּאַסט צום אויסדרוק־ציל, זיי פאַרשטאַרקן די פּלאַסטיק פון אויסדרוק, די קלאָרקייט פון געדאַנק און קאָנען ניט מיט אַנדערע ווערטער פאַרביטן ווערן. זיי זיינען שפּאַרעוודיקע, נייטיקע באַשטאַנד־טיילן פון דעם, וואָס וויל אויפריכטיק געזאָגט ווערן.* און דאָס איז דער היפּוך פון דעם, וואָס מיר זעען אין די רעפּליקעס פון די נעגאַטיווע געשטאַלטן, וואָס, ווילן פאַרשלייערן

---

* דאָס קינסטלערישע פאַראַרבעטן שפּראַך־פאָלקלאָרישע עלעמענטן אויף אַ פּאָזיטיוון אופן איז אין באַשטימטע פּעריאָדן אַ הויפּט־מיטל צו באַנייען די שפּראַך. דער נעגאַטיוו־קריטישער באַנוצונג־שטייגער איז צונויפגעבונדן מיטן פּאָזיטיוון. דערפאַר ווירקט אָפּט אין יענע ליטעראַטור־פּעריאָדן אויך דער נעגאַטיווער באַנוצונג־שטייגער אָפּפרישנדיק אויף דער שפּראַך.

נאָכוויזן מיט ציטאַטעס, ווי אַזוי שפּראַך־פאָלקלאָר ווערט באַנוצט אויף אַ שעפעריש־פּאָזיטיוון שטייגער, וואָלט באַטייט ציטירן די שפּראַכלעך בעסטע בלעטלעך פון דער יידישער ליטעראַטור און וואָלט געפירט צו אַזעלכע ברייטע שפּראַכלעכע אַנאַליזן, וואָס ליגן ניט אינעם גדר פון אונדזער ראַיצטיקער אויפגאַבע.

און באַהאַלטן זייערע אינעווייניקסטע כוונות גראָד מיט דער הילף פֿון די גוזמאדיק באַנוצטע פֿאַרעלטערטע רעדנסאַרטלעכע עלעמענטן.

מע קאָן, פֿאַרשטייט זיך, ניט זאָגן, אַז אין עטינגערס שפּראַך איז דער־גרייכט געוואָרן די אידעאַלע פּאָזיטיווע איבעראַרבעטונג פֿון די שפּראַכלעכע פֿאָלקלאָר־עלעמענטן; די וויכטיקסטע אויפֿטוען אין דעם פּרט זעען מיר ערשט ביי מענדעלען. אָבער עטינגער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך באַוואוסטזיניק גענומען קינסטלעריש איבערצופֿורעמען די פֿאָלקלאָרישע שפּראַך־עלעמענטן.

* * *

די קינסטלערישע געזעלשאַפֿט־קריטיק, וואָס באַשעפֿטיקט זיך מיט אַן אָפּגעשטאַנענער סביבה, באַנוצט צו דעם צוועק דעם רעדנסאַרטלעכן שפּראַך־שטייגער און אידיאָמען. דאָס איז אַ פֿאַקט, וואָס חזרט זיך איבער אין אַלע ליטעראַטורן.* פֿאַר אָפּגעשטאַנענקייט פֿון אַ קאָמפּליצירטער און דיפֿערענ־צירטער געזעלשאַפֿט־פֿאָרם (פֿונעם קאַפּיטאַליזם) האָט אָט דאָס קריטיק־מיטל, דאָס רעפּראָדוצירן אַ גוזמאדיק־געדיכטע רעדנסאַרטלעכקייט פֿון אַ פֿאַר־עלטערטער (פֿעאָדאַלישער) תקופֿה, ניט קיין גרויסן באַדייט, ווייל עס כאַראַק־טעריזירט ניט דעם מהות פֿון דער אָפּגעשטאַנענקייט פֿון אַזאַ שפּעטערן, מער דיפֿערענצירטן געזעלשאַפֿט־אָרגאַניזם. דער גוזמאדיק־געדיכטער רעדנס־אַרטלעכער שפּראַך־נוסח איז אַ סאַטיריש אילוסטראַציע־מיטל דער עיקר נאָר פֿאַר פּרימיטיווער (פֿעאָדאַלישער) אָפּגעשטאַנענקייט. מיט מענדעלעס און שלום־עליכמס שאַפֿן איז אין דער יידישער ליטעראַטור, אין הסכם מיט דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, אין גרונט פֿאַרענדיקט די קינסטלערישע קריטיק פֿון פּרימיטיוו פֿעאָדאַליש־פֿרומלעכער קליינשטעטלדיקער אָפּגעשטאַנענקייט ווי אַ צענטראַלע און אַקטועלע טעמע. דערמיט איז די ראָל פֿון גוזמאדיק־איבערגעלאָדענער רעדנסאַרטלעכקייט אין דער אורשפּרינגלעכער רוי־גע־שטאַלט אַלס מיטל פֿון קריטיק אין דער יידישער ליטעראַטור־שפּראַך פֿאַרענדיקט.

דערפֿאַר איז דאָס אַ טעות, וואָס ברענגט ניט־געוואונטשענע רעזולטאַטן, ווען מע מיינט, אַז מע קאָן באַנוצן די פֿאַרעלטערטע אויסדרוק־פֿאָרמען, די

---

* פֿאַרן זשאַנר פֿון ראָמאַן און פּראָזע איז זינט זיינע אָנהייבן אָן שטענדיק געווען כאַראַקטעריסטיש דאָס באַנוצן גוזמאדיקע רעדנסאַרטלעכקייט אַלס אַ מיטל צו קריטיקירן אָפּגעשטאַנענעם — אַמאָל טאַקע פּראָווינציעלן — שטייגער (זע די שמועסן פֿון די פּאַרוועניו־האַפּטיקע פּראָווינציאַלן אויף טרימאַלכיאָנס סעודה אין פּעטראָניוס אַרביטערס „סאַטיריקאָן“, — אָדער די שמועסן פֿון סאַנטשאָ פּאַנסאָ אין סערוואַנטעסעס „דאָן־קיכאָט“). דאָס אָנווענדן רעדנסאַרטלעכקייט פֿאַר די צוועקן פֿון סאַטירע שטייט נ י ט אין קעגנזאַץ צו דער ליבעפֿולער באַציאונג צום פֿאָלקס־אויסדרוק. פֿאַרקערט, ביי מייסטערס איז איינס פֿאַרבונדן מיטן אַנדערן.

גוזמאדיק־איבערגעלאָדענע אַלטע רעדנסאַרטלעכקייט אַן שום אָפּקלייב און אין רויער אָריגינעלער געשטאַלט, כדי צו מאָלן פּאָזיטיווע פיגורן, וואָס פאַר־קערפּערן דאָך אָדער דאַרפן שטענדיק פאַרקערפּערן דעם אידעאַל פון דער צוקונפט, לפּחות אַזוי ווייט ווי ער ווייזט זיך אַלס אַ טענדענץ אין די מענטשן פון דער קעגנוואַרט און אפילו פון עבר. עס איז אין בעסטן פאַל אַ מיס־פאַרשטייעניש. אָן קריטישן אָפּקלייב און דיסציפּלינירטער איבערפורעמונג ווערט דאָס „קרומע" פראָקלאַמירט ווי „גראָד", די קרענקלעכע אויסוואוקסן, ד. ה. יענע עלעמענטן אינעם פאָלקסטימלעכן אויסדרוק, וואָס זיינען אַ רעזול־טאַט ניט פון דער גענימאַלער שעפערישער מאַכט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, נאָר גראָד פון דורותדיקער אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע, — ווי אַ געזונטע „נאַציאָנאַלע" פאָלקסטימלעכע ספּעציפישקייט.

די פאָלקס־מאַסן גופא, די אַנטוויקלטסטע טיילן זייערע, האַלטן שוין אינעם שטייגער אַזאַ אומקריטישן, כלומרשט „פאָלקסטימלעכן" אויסדרוק־אופן פאַר אָפּגעשטאַנען און איבערגעלעבט — און פלוצים דערלאַנגט זיי אַמאָל די ליטעראַטור דעם דאָזיקן איבערגעלעבטן שפּראַך־נוסח אין רויער אָריגינעלער געשטאַלט מיט אַן ערנסט פּנים אַלס אַ נייע מתנה.

אַלע אַזעלכע פרואוון (למשל די יידישע ווערק פון אַזעלכע עפּיגאָנישע שרייבער ווי אַנוכי, מ. י. בערדיטשעווסקי א. אַ.) מוזן ווירקן אַנאַכראָניסטיש. דאָס, וואָס איז געווען טיף באַרעכטיקט, טיף שעפעריש ביי מענדעלען, שלום־עליכמען און ביי פּרצן, ווערט ביי זיי אויסטערליש. די סטיליזירטע שפּראַך פון אַנוכיס „ר' אבא", די כלומרשט עטנאָגראַפישע שטייגער־פאָטאָגראַפיעס ביי בערדיטשעווסקין ווירקן ניט־איבערצייגנדיק און פריקרע.

* * *

פאָלקלאָר בכלל און פאָלקלאָרישע שפּראַך בפרט אַנטהאַלטן אין זיך מעכטיקע אוצרות פאַר דער שעפערישער אַנאייגענונג דורך דער קונסט. אָבער מיר מוזן געדענקען, אַז פּונקט אַזוי ווי אין דער גאַנצער קולטור־ירושה בכלל, זיינען אינעם פאָלקלאָר פאַראַן אויך אַזעלכע עלעמענטן, וואָס זיינען אַ רעזול־טאַט ניט פונעם האַרעפּאַשניקס שעפערישקייט, נאָר פון דורותדיקער אונטער־דריקונג און עקספּלואַטאַציע, פון דער שווערער געזעלשאַפטלעכער לאַגע, אין וועלכער דער האַרעפּאַשניק און די מאַסן האָבן געלעבט.

דער טרעגער פון דער שעפערישקייט איז אין אַלע צייטן די אַרבעטנדיקע מענטשהייט. פון איר שטראָמט דירעקט און אומדירעקט, אָפט טאַקע פאַר־מיטלט ביז צו פאַרהוילנקייט, דער גענימאַלער שעפערישער אויפטו. פונעם האַרעפּאַשנעם פאָלק שטראָמען אויך די לעבעדיקע באַפרוכפּערנדיקע קוואַלן פאַר דער קינסטלערישער שאַפונג. דאָרט שפּרודלען די שעפערישע אור־קוואַלן אויך פון דער לעבעדיקער שפּראַך. ווער ס'פאַרלירט פאַרבינדונג מיט

די לעבעדיקע אור־קוואַלן פֿון דער מאַסן־שפּראַך, פֿאַרלירט אויך די פֿאַר־בינדונג מיט דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט פֿון דער שפּראַך. אויך זיין וואָרט ווערט בלוטלאָז און גרוי. אַ טעות האָט דער, וואָס מיינט, אַז אַזאַ שאָטנהאַפּטיקע שפּראַך לאָזט זיך לעבעדיק מאַכן דורך מעכאַנישן, נאַטוראַליס־טישן קאָפּירן און כלומרשט נאָכמאַכן דאָס פֿאָלקסטימלעכע וואָרט; די שעפּערישע אָנאייגענונג פֿונעם פֿאָלקסטימלעכן שפּראַך־נוסח דורך דער קונסט מוז זיין דורכגעדרונגען פֿון ליבע און אחריות־געפֿיל צום פֿאָלק און זיינע רייד, פֿון אמתדיקן, עכטן, טיפֿן דרך־ארץ (ווי ביי די קלאַסיקער), וואָס ווייסט פֿאַנאַנדערצוקלייבן צווישן דעם היסטאָריש־באַדינגטן, בלויז צייטמעסיקן שפּראַך־מאַטעריאַל, און דעם אומגעהייער רייכן, לעבעדיקן, צוקונפֿטרייכן פֿאָלקלאָרישן וואָרט. די קריטערי איז: דורך שפּאָרעוודיקסטע מיטלען — אַ מאַקסימום פֿון אויסדרוק, דורך אַ מינימום פֿון שפּראַך־תנועות צו דער־גרייכן, אַז דער אויסדרוק זאָל זיין וואָס מער פֿאַרשטענדלעך און איינדרינגלעך, ניואַנס־פֿייאיק און בויגעוודיק, פֿינקטלעך, פּלאַסטיש און לעבעדיק.

קיעוו, 1928.

דיאַלעקט און ליטעראַטור־שפּראַך

מיט דער פיגור שמעלקע טרויניקס האָט עטינגער אַריינגעפירט אין זיין „טעאַטער־שטיק" „סערקעלע" — דעם ליטוויש־יידישן דיאַלעקט. לויטן נאַאיוו־סוביעקטיוון שפּראַכלעכן באַנעם פון אַזאַ אָנהייב־צייט האָט עטינגער דעם דיאַלעקט בלי־ספק באַטראַכט ווי אַ זייטיקן אָפּנויג פונעם „צענטראַלן" שפּראַך־נוסח, ד. ה. ווי אַ געמיינערן אָפּנויג פונעם פוילישן דיאַלעקט, אין וועלכן ער האָט דרך־כלל געשריבן זיינע ווערק. סע פילט זיך דייטלעך, אַז עטינגער באַציט זיך מיט אַ באַשטימטער איראָניע צו שמעלקע טרויניקס ליטווישן דיאַלעקט, כאָטש די איראָניע איז אַ גוטמוטיקע און כאָטש עטינגער אַליין פאַרענטפערט דעם פאַרשוין אין איינער פון די רעפּליקעס, אַז ער איז דערינען „ניט שולדיק", און פאָרמולירט, דרך־אגב, אַ ברייטערן באַנעם אין דער דיאַלעקט־פראַגע.* עטינגערס ביטול־באַציאונג פילט זיך דייטלעך אין אַלע רעפּליקעס פון דער פיגור. ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז שמעלקעס פיגור ווערט פונעם אויטאָר באַטראַכט און געמאָלט גענוג נעגאַטיוו, ווי אַן אָפּגעשטאַנענע, פּראָווינציעלע, מאָראַליש־פאַרקריפּלטע, — ווערט קלאָר, אַז דאָס אַריינפירן פון דעם, לויט עטינגערס שפּראַך־געפיל, „פּראָווינציעלן" דיאַלעקט (אין דער אָריגינעלער ניט־באַאַרבעטער געשטאַלט) דאַרף האָבן די פונקציע קינסטלעריש אָפּצושפּיגלען די פּראָווינציעלע אָפּגעשטאַנענקייט.**

ווי ווייט עטינגער האָט אַריינגעבראַכט עלעמענטן פון געגנט־דיאַלעקטן אין דער שפּראַך פון זיין שאַפן בכלל און ווי ווייט דאָס האָט באַווירקט דעם

* „נו, וואָש איז, אַז איך רעד זיך סוין יאָ די ליטווישע ספּראַך? דאָ אין דער לעמבערג לאַכט מען זיך אויס פון די ליטווישע ספּראָך, און ביי אונדז אין דער ווילנע לאַכט מען זיך ווידער אויס די היגע ספּראַך, — איך האָב זיי, אָסור חזיר, די אַלע ספּראָכעס ניסט געמאַכט." (ב. 2, ז. 430.)

** פונקט אַזוי ווי די פּראָווינציעלע פיגור און שפּראַך פון יוסעפכע אין וואָלפסזאָנס „לייכטזין אונד פרעמעליייא" דאַרף באַווייזן די באַזונדערע אָפּגעשטאַנענקייט פון דער פּוילישער „פּראָווינץ". דער חילוק צווישן וואָלפסזאָן און עטינגער אין דעם פּרט איז, וואָס וואָלפסזאָן באַטראַכט י י ד י ש ב כ ל ל ווי אַ סימן פון אָפּגעשטאַנענקייט (כאָטש ער פּרוּווט צו ניואַנסירן דאָס יידיש פונעם פּוילישן יוספכע אַקעגן דעם עלטערן יידיש פון די דייטשע יידן) און שטעלט עס אַקעגן צו דער דייטשער שפּראַך פון די געבילדעטע: מאַרקוס א. אַז. וו. עטינגער אָבער האַלט בלויז באַשטימטע „רייד-שטייגערס" און דיאַלעקטן פון יידיש פאַר אָפּגעשטאַנענע.

כאַראַקטער פון זיין שפּראַך, קאָן מען נאָך ניט גענוי אָפּשאַצן. די אָפּגרענעצונג פון די דעמאָלטיקע דיאַלעקטן, דער גענויער חילוק, וואָס איז געווען אין יענער צייט צווישן איינעם און דעם אַנדערן, למשל צווישן דעם פּוילישן דיאַלעקט עטינגערס און די אוקראַאינישע (אָדעסער) און מזרח־גאַליצישע (לעמבערגער) דיאַלעקטן, פון וועלכע עטינגערס שפּראַך איז שטאַרק באַווירקט געוואָרן, איז ניט אויסגעפאָרשט. עס קאָן פונדעסטוועגן קיין ספק ניט זיין, אַז עטינגער, דער באַוואוסטזיניקער שפּראַך־פורעמער, האָט אויפגענומען עלעמענטן פון פאַרשיידענע דיאַלעקטן און זיי באַאַרבעט לויט זיין סטיל־באַגריף.* פון דער אַנדערער זייט זעען מיר אָבער, אַז עטינגער פירט אַריין אַ פיגור (שמעלקע טרויניקס), וואָס רעדט דורכאויס אינגאַנצן אין אַ „געגנט־דיאַלעקט" — לויט עטינגערס באַנעם, — און אַז עטינגער איז אויסן מיט אָט דער דיאַלעקט־רעפּראָדוקציע אַרויסצואווייזן אַ הומאָריסטיש־קריטישע כוונה. און קריטיק וויל דאָך שטענדיק עפּעס איינעמען, גובר זיין.

* * *

מיר ווייסן: דער ביטול און די פאַראַכטונג צו די געגנט־דיאַלעקטן און פאָלקס־אידיאָמען איז אָפּטמאָל פּשוט אַ טייל פון דעם ביטול און פון דער פאַראַכטונג, וואָס דער קאַפּיטאַליסטיש־עקספּלואַטירנדיקער מלוכהשער צענטער באַווייזט צו די עקספּלואַטירטע פּראָווינצן. מע קאָן אָבער ניט זאָגן, אַז דאָס איז שטענדיק און אומעטום די איינציקע סיבה. מיר ווייסן, אַז אַ חוץ אָט דעם רעאַקציאָנערן ביטול צו דיאַלעקטן און אידיאָמען איז אויך פאַראַן אַ קריטישער און פאָרט פּראָגרעסיווער צוגאַנג צו אָט די „שפּראַך־שטייגערס".

דיאַלעקטן מאַכן אָפּטמאָל אויף מענטשן, וואָס רעדן אין אַן אַנדער דיאַלעקט אָדער אין דער ליטעראַטור־שפּראַך, אַ „קאָמישן" איינדרוק. ס'איז באַוואוסט, אַז קאָמיק און לעכערלעכקייט ווערן אַמאָל אַרויסגערופן דורך אַ דיספּראָפּאָרץ צווישן טאָט (אין דעם פאַל איז דאָס רעדן די טאָט) — און רעאַלער נויטווענדיקייט. די קאָמיק פונעם דיאַלעקט קאָן זיין אַ פּועל־יוצא פון דער באַמערקטער דיספּראָפּאָרץ צווישן דעם „פּאַטריאַרכאַלישן", באַאיוון

* עטינגער, אַליין אַ פּוילישער, באַגעגנט זיך אין דער צייט, וואָס איז געווען וויכטיק פאַר זיין שאַפן, מיט די רייכע און אינטערעסאַנטע אָפּנויגן פונעם אָדעסער יידיש, וואו די יידן זיינען געווען צונויפגעפאָרן פון פאַרשיידענע קאַנטן: פון פוילן, גאַליציע, וואָלין, רייסן, ליטע, אוקראַאינע א. אַז. וו. שפּעטער באַגעגנט ער זיך מיט דעם מזרח-גאַליצישן דיאַלעקט אין לעמבערג, וואָס איז אַזוי אייגנאַרטיק באַפאַרבט מיטן קאָלאָריט פונעם עלטערן יידיש-טייטש, מיט השפּעות פון פּויליש, אוקראַאיניש און דייטש. אָט די שפּראַכלעכע פילפאַרביקייט פאַראַרבעט עטינגער מיט קינסטלערישן געשמאַק און שעפערישער זיכערקייט. דאָ האָבן מיר דעם ערשטן עטאַפּ פון קינסטלערישן אויפנעמען רעזשיאָנאַלע שפּראַך-אייגנאַרטן און אידיאָמיזמען אין דער יידישער ליטעראַטור-שפּראַך.

און „פּראָסטן“ שטייגער פונעם דיאַלעקט און דער קאָמפּליצירטער „דער־וואַקסענער“ מאַטעריעלער און גייסטיקער קולטור פון דער עפּאָכע; פון דער דיספּראָפּאָרץ צווישן תמימותדיקער הינטערשטעליקייט און דער פאָר־געשריטענער אַנטוויקלונג, צו וועלכער די צענטראַלע געגנטן האָבן דערפירט דעם קולטורעלן אויסדרוק. דער קאַמף קעגן אַלע פאָרמען פון אָפּגעשטאַנענ־קייט ווענדט זיך אַמאָל אויך קעגן די דערשיינונגען פון הינטערשטעליקייט אין די דיאַלעקטן און אידיאָמען.

* * *

די ליטעראַרישע פיקסירונג פון אַ שפּראַך הייבט זיך אָן פון יענעם קאַנט, וואָס איז אויך דער אויסגאַנג־פּונקט פון אַ נייער פּאָליטישער אָדער סאָציאַל־עקאָנאָמישער באַוועגונג. די שפּראַך־עסטעטישע אייגנשאַפטן שפּילן ניט קיין אַנטשיידנדיקע ראָל אין דער פראַגע, וועלכער קאַנט־דיאַלעקט זאָל דערהויבן ווערן צו דער ליטעראַטור־שפּראַך. ס׳איז ניט אָפּהענגיק דערפון, צי איז דער אָדער יענער געגנט־דיאַלעקט אין זיין ווערטער־באַשטאַנד דער רייכסטער, פאָנעטיש דער וואוילקלאַנגלעכסטער, גראַמאַטיקאַליש דער בוי־געוודיקסטער. דער געאָגראַפישער אויסגאַנג־פּונקט פון דער נייער סאָציאַל־פּאָליטישער באַוועגונג פאַלט צונויף מיט דער געגנט, וועמעס דיאַלעקט עס ווערט דערהויבן צו שריפט־שפּראַך.*

פון די דריי יידישע הויפּט־דיאַלעקטן, אין וועלכע עס אַנטוויקלט זיך די ליטעראַרישע שפּראַך: דעם אוקראַאינישן, דעם פּויליש־גאַליצישן און ליט־ווישן, האָט ביז איצט קיין איינער ניט ענדגילטיק בייגעקומען, קיין איינער האָט ביז איצט אין דער ליטעראַטור ניט אַרויסגעשטויסן די איבעריקע צוויי. עס ווייזט זיך אָבער אינעם גאַנג פונעם 19טן יאָרהונדערט אַ טענדענץ פון איבערוואָג פונעם אוקראַאינישן יידיש. יידיש האָט ווי אַ קולטורעל קאָמוני־קאַציע־מיטל פאַר ברייטערע מאַסן אין ערגעץ ניט געהאַט אַזאַ באַדייט ווי אין אוקראַאינע. פּוילישע יידן זיינען אינעם 19טן יאָרהונדערט אַ סך מער

---

* למשל: דער זאַקסישער געגנט־דיאַלעקט אין דער באַזונדערער פאָרם פון מלוכהשן „קאַנצליי“־סטיל האָט אין דער צייט פון דייטשן „רענעסאַנס“ גובר געווען אַלע איבעריקע דייטשע דיאַלעקטן און איז געוואָרן באַשטימענדיק פאַר דער אַזוי־גערופענער ניי־הויכדייטשער ליטעראַרישער שפּראַך, — ניט דערפאַר, ווייל אָט דער זאַקסישער „קאַנצליי“־דיאַלעקט איז געווען דער שענסטער, וואוילקלאַנגלעכסטער, רייכסטער און פּאַסיקסטער, נאָר ווייל לוטער, דער דערפאָלגרייכסטער טרעגער פונעם רעפאָרמאַטאָרישן קאַמף קעגן רוים און פּויפּסט, האָט איבערגעזעצט די ביבל גראָד אין אָט־דעם דיאַלעקט. און אַזוי ווי די רעפאָרמאַציע האָט דורך עטלעכע יאָר־הונדערט באַווירקט די דייטשע געשיכטע, איז אויך די שפּראַך פון דער רע־פאָרמאַציע, לוטערס איבערזעץ־שפּראַך, געוואָרן די פירנדיקע צווישן אַלע דיאַלעקטן.

געוועזן באַקאַנט מיט דער העברייאישער אָדער פּוילישער שפּראַך, ליטווישע — מיט דער העברייאישער, רוסישער און אַפילו דייטשער שפּראַך, איידער די אוקראַאינער יידן מיט רוסיש.* און אַז ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּרופן ברייטע יידישע מאַסן אין אוקראַאינע אויף די גוואַלדיקע באַוועגונגען, וואָס האָבן אויפגערודערט גאַנץ רוסלאַנד, האָט זיך דער שעפערישער כוח פון אָט די מאַסן, מער ווי ערגעצוואו, קאָנצענטרירט דער עיקר אין דער יידישער שפּראַך. אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָרצענדליק ביז צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע זיינען דער גרעסטער טייל פון די וויכטיקסטע שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור געווען אוקראַאינער. דעריבער זיינען די קלאַסישע שפּראַכלעכע פיקסירונגען פון דער צייט געשאַפן געוואָרן דאָס רוב אין אוקראַאינישן יידיש.

די באַדייטונג פון די גרויסע שפּראַך־אויפטוען, אויף וועלכע מע קאָן זיך ריכטן מצד די נייע שיכטן און געגנטן, וואָס זיינען געקומען צו זייער וואָרט זינט דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, קאָן דאָ ערשט ריכטיק אָפּגעשאַצט ווערן, ווען מע נעמט אין אַכט די גרויסע שעפערישע ראָל פון המונישע השפּעות אויף דער שפּראַך אַפילו דעמאָלט, ווען זיי קומען בלויז אַלס רעזולטאַט פון אַ בורזשואַזער רעוואָלוציע. גראָד יענע דיאַלעקטאָלאָגישע און אידיאָמאַטישע אָפּנויגן אין דער שפּראַך פון די קלאַסישע מייסטערס, וואָס זיינען צו זייער צייט פון ניט־פאַרשטאַנדיקע קריטיקער כאַראַקטעריזירט געוואָרן ווי אַ פאַראומווירדיקונג פון דער „שפּראַך־ריינקייט", זיינען דאָן, לסוף, אָנערקענט געוואָרן ווי דער מאַרך און דאָס בלוט פון דער שפּראַך.** למשל, אין פּושקינס און גאָגאָלס שפּראַך וועט היינט אַוודאי קיינער ניט פילן קיין

---

* דער וועג צו דער אוקראַאינישער קולטור איז דעמאָלט פאַר די יידישע פאָלקסמאַסן געווען לויט די דעמאָלטיקע באַדינגונגען נאָך שווערער, ווי צו דער רוסישער, כאָטש די יידישע מאַסן אין אוקראַאינע זיינען אויך דעמאָלט ביז אַ געוויסער מאָס באַקאַנט געווען מיט דער אוקראַאינישער שטייגער־שפּראַך און אין זעלטענע פאַלן — אַפילו מיט דער ליטעראַרישער (למשל גאָלדפאַדן, וואָס האָט נאָך אין דער יוגנט אינאיינעם מיט חברים אַ באַגייסטערטער געלייענט קאָטליאַרעווסקיס „ענעאידע" מיט גרויס התפּעלות).

** באַלזאַק שרייבט: „...די העכערע קלאַסן פון אַלע לענדער רעדן אויף אַ זשאַרגאָן מיט פליטערלעך. אַ זשאַרגאָן, וואָס אויב מע וואַשט אים דורך אין ליטעראַרישן אָדער פילאָסאָפישן לויג, בלייבט אויפן דנאָ בלויז אומענדלעך ווייניק גאָלד... אויב מע רעדט אַ סך אין די רייכערע קרייזן, איז דערפאַר אָבער טראַכט מען דאָרט ווייניקער. טראַכטן מאַכט אַזוי מיד, און די רייכע האָבן ליב, אַז דאָס לעבן זאָל שטראָמען אָן יעדער אָנשטרענגונג... לויט דער מיינונג פון פאָעטן, דאַרף מען בעסער אויסקלייבן די שפּראַך פון די נידעריקע קלאַסן, וואָס גיבן זייער געדאַנק אַ שטרענגן שטעמפּל פון פאָעזיע." („די הערצאָגין לאַנזשע.")

„וואולגאַריטעטן“, און פּאַרט האָבן פּושקינען אַ טייל קריטיקער פון זיין צייט אויסגעוואָרפן, אַז ער „באַנוצט די נידעריקע בורלאַקן־שפּראַך“, פּונקט אַזוי ווי מ'האָט אויסגעוואָרפן (סענקאָווסקי) גאָגאָלן, אַז זיין שפּראַך איז „וואולגאַר“. מיצקעוויטש, דער גרעסטער פּוילישער דיכטער, האָט זיך קעגן ענלעכע טענות געמוזט ערנסט פאַרטיידיקן. „...מע באַשולדיקט מיך דער עיקר, אַז איך פאַרדאַרב דעם פּוילישן סטיל דורך אַריינגעפירטע פּראָווינציאַליזמען און פרעמדע אויסדרוקן. איך בין זיך מודה, אַז ניט נאָר איך היט זיך פון זיי ניט אָפּ, נאָר איך באַנוץ זיי אפשר גאָר בכיוון... אין באַלאַדעס, לידער און בכלל אין אַלע פּאָעזיעס, וואָס זיינען געבויט אויף אַ פּאָלקסטימלעכער מסורה און וואָס טראָגן אָרטיקע שטריכן, האָבן גרויסע פּאָעטן, פאַרצייטיקע און היינטיקע, שטענדיק באַנוצט און באַנוצן נאָך אַלץ פּראָווינציאַליזמען, ד. ה. ווערטער און פראַזעס, וואָס זיינען אַנדערש ווי אינעם אַלגעמיין אָנגענומענעם בוך־סטיל. אָפּגערעדט פון די אַלטע גריכישע דיאַלעקטן, איז גענוג כאַפּן אַ קוק אויף די ווערק פון בערנס, הערדער, געטע, וואָלטער סקאָט, קאַרפּינסקי, באָגדאַן זאַלעסקי... דאָס אַלעס איז געווענדט אין דעם, צי ס'ווערט געלונגען באַנוצט...“ *

---

* מיצקעוויטש, „אָ קריטיקאַך אי רעצענזענטאַך וואַרשאַווסקיך“. צו די נעמען, וואָס מיצקעוויטש רעכנט אויס, קאָן מען צוגעבן נאָך אַ גאַנצע ריי פון די גרעסטע ליטעראַרישע שפּראַך-פורעמער פון אַלע צייטן, למשל: דאַנטע, אַלפיערי, שעקספּיר, היינע, פּושקין א. אַז. וו., א. אַז. וו.

עס טרעפט זיך, אַז אַזעלכע שפּראַכלעכע אויפטוען, כאָטש זיי זיינען וויכטיק געווען פאַרן שאַפן פון אַ באַשטימטן שרייבער, זיינען היסטאָריש ניט אַזוי פרוכטבאַר געוואָרן, ווי זיי וואָלטן עס לויט זייערע מעלות אין אמתן פאַרדינט. למשל דעמאָלט, ווען אַ באַדייטנדיקער שפּראַך-מייסטער געפינט ניט קיין פאָרזעצער אין זיין קאַנט אָדער אַפילו לאַנד, מחמת ווייל די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור האָט זיך צוליב היסטאָריש-געזעלשאַפטלעכע סיבות איבערגעטראָגן אין אַן אַנדער דיאַלעקט-קאַנט אָדער לאַנד, נאָך איידער די אויפטוען פון אָט דעם שרייבער האָבן באַוויזן זיך אַלגעמיין צו באַפעסטיקן. אין פאַרלויף פון דער ליטעראַטור-אַנטוויקלונג מוז דאַן אָפּגעטאָן ווערן זיין אַרבעט נאָכאַמאָל לויט יענעם קאַנטס דיאַלעקט, וואו די שעפערישע כוחות רופן זיך אויפסנייַ אָפּ, ווייל די פריערדיקע פיקסירונגען זיינען ניט מער אַקטועל און די באַדערפענישן זיינען אַ סך ווייטער אַוועקגעגאַנגען. עטינגער, למשל, האָט אַ לאַנגע צייט ניט געהאַט, ניט לויטן אינהאַלט, ניט לויט דער שפּראַך-אייגנאַרטיקייט, קיין אייגנטלעכן פאָרזעצער, כאָטש לויט די קוואַליטעטן פון זיין וואָרט וואָלט זיין ווערק געקאָנט ווערן אַן אויסגאַנגפּונקט פאַר דער נייער ליטעראַטור-שפּראַך, פּונקט אַזוי ווי זי האָט זיך פאַקטיש יאָ געבויט, מחמת די געזעלשאַפטלעך-היסטאָרישע אומשטענדן, אויפן שאַפן אַקסענפעלדס, גאָטלאָבערס, לינעצקיס, מענדעלעס און שלום-עליכמס. עטינגער האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור. אָבער זיין אייגנטלעכער פאָרזעצער אין שפּראַכלעכע, ווי אין אַ סך אַנדערע פּרטים, איז ערשט נאָך צענדליקער יאָרן געווען פּרץ. צוליב אָט דעם גורל זיינען אַ סך פון

דער עיקר איז טאַקע „געווענדט אין דעם, צי ס׳ווערט געלונגען באַנוצט“. וואָרים אַפּילו ביי איינעם און דעם זעלבן דיכטער קאָן דער שפּראַך־פֿאָלקלאָר (אויך „פּראָווינציאַליזמען“) אין פֿאַרשיידענע פֿאַלן און דורך פֿאַרשיידענעם אופן פֿון באַנוצן האָבן פֿאַרשיידענע פֿונקציעס. ביי דעם זעלבן מיצקעוויטש, למשל, דריקן אויס אָט די שפּראַך־עלעמענטן — לויט די סתירות פֿון דער נאַציאָנאַל־בירגערלעכער באַוועגונג — אַמאָל דעמאָקראַטיש־פֿאָלקסטימלעכע און אַמאָל נאַציאָנאַליסטיש־ראָמאַנטישע טענדענצן, אַמאָל זיינען זיי אַ צייכן פֿון ליבע צו די פֿאָלקס־מאַסן, אַמאָל אָבער — אַזאַ גוזמאדיקער אַפּאָטעאָז פֿון דער נאַציע, וואָס איז שוין אייגנטלעך בלויז אַן אויסרייד פֿאַר שאָוויניסטישע שטרעבונגען.

די קריטעריי איז דאָ: דער מאַקסימום פֿון דייטלעכקייט, אויסדרוק־פֿיאיקייט, פּאַסיקייט צום מיין, פּלאַסטישקייט, פּינקטלעכקייט און פֿון מעגלעכקייט צו זיין אָדער גיך צו ווערן אַלגעמיין־פֿאַרשטענדלעך — אויף אויסצודריקן די לעבעדיקע, פּאָרויספּירנדיקע געדאַנקען פֿון דער צייט, ד. ה. אויב מע באַנוצט אָט די עלעמענטן ניט גלאַט אַזוי, פֿון לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם, פֿון נאַציאָנאַליסטישע כוונות, פֿון אָפּגעלאָזנקייט אָדער פֿון עם־הארצות, אויב זיי דערפֿירן ניט צו איבעריקער אובאַהאָלפֿענער באַרעדעוודיקייט, חזרן ניט איבער אויף אַ פּרימיטיוון אופֿן אַזעלכע פֿאָרמען, וואָס זיינען שוין אין דער ליטעראַטור־שפּראַך אַ סך פּאַסיקער און העכער אַנטוויקלט. וויכטיק איז אויך דער פֿאַקט, צי איז די פֿאַרשטענדלעכקייט פֿון אָט די עלעמענטן אָדער די מעגלעכקייט גיך פֿאַרשטענדלעך צו ווערן ניט אַזוי שטאַרק לאָקאַל באַגרענעצט, אַז עס שטייט ניט אָן די דיספּראָפּאָרץ צווישן נוצן און שאָדן. —

קיעוו, 1928.

עטינגערס שפּראַך-אויפטוען — און ער האָט געבראַכט וויכטיקע אויפטועןן — פֿאַר דער ליטעראַטור-שפּראַך פֿאַרלוירן געגאַנגען אויף שטענדיק, און עס איז שווער צו זאָגן, צי איז אָט דער אָפּריים אין דער אַנטוויקלונג-קאָנטינואיטעט געווען אַן עסטעטיש געווינס. עס בלייבט אַ פֿאַקט: פֿאַרן גורל פֿון דער שפּראַך-אַנטוויקלונג זיינען ניט מאָסגעבנדיק זעלבשטענדיקע ליטעראַטור-היסטאָרישע עסטעטישע סיבות, נאָר דער גאַנג פֿון דער היסטאָריש-געזעלשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג.

אַנמערקונגען און עקסקורסיעס

1. די חסידישע רדיפות קעגן די משכילים

(צו זייט 44)

מ. לעטעריס שרייבט אין זיין ביאָגראַפיע פון נחמן קראָכמאַל: „בשנת תקע״ו קמו בני בלי שם אנשי בליעל בעיר לעמבערג ויקראו בשמות גדולי ארץ עלי נבלותם... ויורו חצם... באישון חושך לירות במסתרים משכילי בני ישראל הדורשים חכמה ולגורם בחרמם אשר פרשו להם, הלא המה החכמים ש. י. ראַפּאָפּאָרט, צבי נאַטקעס, יצחק ערטער, ויהודה פּאַסטאָר...״ ד. ה.: „אינעם יאָר תקע״ו (האַרבסט 1815) זיינען אויפגעשטאַנען מענטשן אָן אַ נאָמען, אויס־וואורפן, אין דער שטאָט לוואָוו, האָבן זיך פאַררופן ביי זייערע שענדלעכע שטיק אויף די נעמען פון די גרויסע לייט... און האָבן געשאָסן זייערע פיילן... אין דער פינצטערניש צו דערשיסן פונעם באַהעלטעניש די אויפקלערער פון די יידן, וואָס פאַרשן וויסנשאַפט, און זיי אַריינצוהעצן אין דער נעץ פון חרם, די געלערנטע: ש. י. ראַפּאָפּאָרט, צבי נאַטקעס, יצחק ערטער און יהודה פּאַסטאָר...״

ווי באַוואוסט, האָט דערנאָך, ווען די פּאָליציי האָט זיך אַריינגעמישט אין דעם ענין, דער ראַבינאַט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער האָט צום חרם קיין שייכות ניט, און אַז געמיינע מענטשן האָבן מיסברויכט מיט זיין נאָמען. לעטעריס גלויבט, אַפּנים, דער דאָזיקער ווערסיע.

פון דער זעלבער צייט, אַן ערך, שטאַמט אַ טשיקאַווער בריוו* פונעם באַוואוסטן משכיל און פילאָסאָף נחמן קראָכמאַל צו זיינעם אַ תלמיד, דעם משכיל אברהם גאָלדבערג, וואָס האָט געוואוינט אין אַ קליין שטעטל און וואָס די חסידים האָבן אים גערודפט. פונעם בריוו באַקומט מען אַ לעבעדיקע פאַר־שטעלונג וועגן די שטימונגען פון די גערודפטע משכילים. מיר ברענגען דאָ אַן אויסצוג פון דעם בריוו אין אַ יידישער איבערזעצונג:

„מע דערציילט, אַז חסידים פון דיין שטאָט האָבן באַשלאָסן קעגן דיר צו

---

* מ. לעטעריס: תולדות... נחמן הכהן קראָכמאַל. מורה נבוכי הזמן, לעמבערג 1863. אין דער איבערזעצונג האָב איך אויסגעמיטן די מליצות פונעם משכילישן דיכטער לעטעריס און האָב זיי איבערגעגעבן לויטן פינקטלעכן זין זייערן.

פירן אַ מלחמה. זיי האָבן געלאָקערט אויף דיר ביינאַכט, האָבן זיך איינאיינעם פאַרזאַמלט, דיך איבערצושרעקן און דיר צו דראָען מיט חרם, כדי דו זאָלסט אויפהערן צו גיין אויפן וועג פון פאַרשטאַנדיקייט און זאָלסט פאַר ליב נעמען זייערע פוסטן נאַרישקייטן. ווי איך האָב דאָס געהערט, האָט זיך דאָס בלוט אין מיר צעקאָכט. אָבער נאָך מער ווייטיק האָב איך געהאַט, ווען איך בין געוואויר געוואָרן, אַז דו האָסט זיך פאַר זיי דערשראָקן אַזוי ווייט, אַז דו האָסט מסכים געווען זיי איבערצוגעבן אַ טייל פון דיינע גוטע ריינע ביכער אויף צו פאַרברענען, און אַז דו האָסט זיך געבעטן רחמים, ווי אַ ייִנגל, וואָס וויינט אונטער דער רוט, ביי דעם נידערטרעכטיקן טיפּש, וואָס פירט מיט זיי אָן.

האָסט נאַריש געטאָן, אַ גרויסן פעלער. דערמיט האָסטו אים געמאַכט פאַר אַ בעל־מופת, און סע קאָן זיין, אַז דער זיג איבער דיר וועט אים פאַרשאַפן נייע אָנהענגער און זיי וועלן אים זאַלבן פאַר אַ רבין... איך ווייס ניט, וואָס איז עפּעס מיט דיר געשען? ביסט דאָך אַ מאַנספּאַרשוין, און ווייניק איז פאַראַן ווער סע קאָן זיך מיט דיר גלייכן צווישן טויזנטער יונגעלייט פון דיין עלטער, און אַלע דיינע פיינט זייַנען ניט ווערט דיין מיגדסטן נאָגל, סיי וואָס שייך דיין געלערנטקייט, סיי וואָס שייך דיינע רעליגיעזע דערקענטעענישן און אַלע אַנדערע מידות, וואָס אונדזערע לערערס האָבן אויסגערעכנט ביי אַ חכם. דער־צו ביסטו דאָך אין סאַמע בלי פון דיין יוגנט, און סע געשיקט זיך ניט פאַר דיר קיין פּחדנות. ביסט צוואַנציק יאָר אַלט — דאַרפסט רודפן און ניט זיין אַ גערודפטער פונעם גאַסן־יונג צווישן די פליי אינעם שטעטל מאָסט, וואָס מע וואָלט אים הי אַפילו פאַר קיין שמש ניט צוגעלאָזט. איז וואָס־זשע האָסטו אַזוי מורא פאַרן גרימצאָרן פון דעם דאָזיקן אונטערדריקער — און אין וואָס באַשטייט דער כוח פונעם דאָזיקן גרימצאָרן? — און זאָלן דיך די פרומאַקעס ניט אָפּנאַרן און דיר איינרעדן, אַז זייער צאָל איז גרויס און זייער מאַכט איז שטאַרק און הערשנדיק איבערן פאָלק. איך שווער דיר, ס׳הייבט זיך ניט אָן. וואָרים אָפּגערעדט, אַז מע ווייסט אַפילו ניט, וואָס דאָס איז אַזוינס חסידות אין דייטשלאַנד, אין איטאַליע, אין די לענדער פון מזרח און מערב, וואו סע וואוינט אונדזער פאָלק — זייַנען די חסידים אַפילו אין אונדזער לאַנד אויך ניט גאָר שטאַרק, סיידן אין אַזאַ ווינקל העק, ווי די וואַזשנע שטאָט מאָסט, אָדער דאָס פּרעכטיקע ליביטש. אָט דאָרט האָבן זיי זיך איינגעוואָרצלט צווישן די דאָרפישע ישובניקעס, וואָס וואוינען אויף דער גרענעץ פון אונגאַרן (גע־מיינט סלאָוואַקיע — מ. וו.), אין די רויבער־היילן פון דער וואַלאַכיי (געמיינט בעסאַראַביע — מ. וו.) און אין די סטעפּעס פון אוקראַינע. דאָס זייַנען אַלץ נייע געמיינדן, וואָס האָבן זיך ניט־לאַנג דאָרט באַזעצט, צונויפגעקליבן פון אַנטלאָפענע און פאַרטריבענע פון די נאָענטע לענדער. אַנדערש אָבער אין די אַלטע קהילות, די באַרימטע מיט תורה, מיט וויסנשאַפט און מיט זייער

צאָל, ווי למשל: קראָקע, לוואָוו, לובלין, בראָדי, ווילנע, בריסק און דאָס גלייכן. דאָרט דערוועגן זיך די חסידים ניט אויפצוהייבן אַ קאָפּ, זיי זיצן דאָרט דער־בידעריקטע און שוויגן ווי שטומע הונט, וואָס קאָנען ניט בילן. נאָר אין אונדזערע ערטער האָבן די לייטישע משכילים דאָס דערלאָזט, מחמת זיי האָבן ניט קיין וואָג, זייַנען אָרעם און צו הכנעהדיק אין זייערע אויגן. און נאָך דערפאַר, וואָס די דאָזיקע משכילים האַלטן, אַז ס'איז ניט כדאי אַרויסצורופן אַ שטרייט בלויז צוליב פאַרשיידנקייט פון מיינונגען, און אַז אין זאַכן פון האַרצנס־גלויבן טאָר מען ניט גיין מיט אַ שטעקן...* איז זאָג־זשע די דאָזיקע פייערדיקע ווידלען (די חסידים — מ. וו.), וואָס ברענען פון פאַנאַטיזם און שטרייט־לוסט, זאָג זיי, אַז אויב שוין יאָ געוואַלד און תקיפות, — האָבן מיר, דאַנקען גאָט, די מעגלעכקייט אויף זיי צו ברענגען אַזעלכע צרות, וואָס זיי קאָנען זיך אויף זיי אַפילו גאָרניט ריכטן, און פון וועלכע זיי וועלן גאָרניט קאָנען פטור ווערן. —

און זאָל דיך ניט אַרן, מיין טייערער! די גדולה און די באַרימערייַ וואָס זיי באַרימען זיך און לויבן זייערע גרויסע לייט (די רביים — מ. וו.), טאַקע לויט יענע לייטס באַפויל, אַשטייגער ווי יעדער פון זיי וואָלטן געווען אַ קיניג און פירסט ביי יידן — קאָן אָפּנאַרן בלויז טיפּשים און קינדער. ביים משכיל אין די אויגן, וואָס קוקט זיך גוט צו צו די דאָזיקע גדולות — איז דאָס ניט כבוד און אויסצייכענונג, נאָר אַ חרפה און שאַנד. און ווי זאָל מען פון זיי ניט לאַכן? דער רבי גיסט מיט ברכה און שפע אויף אַלע, וואָס בעטן ביי אים, און אַליין האָט ער אַ פאַרך פון אָרעמקייט אויפן שטערן. און ווי יענע באַנדעס אָרעמע ציגיינערס, וואָס זאָגן זייערע טרעפענישן דעם המון־עם פאַר אַ גראָשן, אַזוי וואַנדערט ער אויך אַרום פון שטאָט צו שטאָט, מע זאָל אים עפּעס צו־שטעקן. איז פאַרוואָס באַשווערט ער ניט דעם מלאך פון געלט, אַז ער זאָל אים אָנשטופּן די טאַשן, כדי ער זאָל ניט מוזן חנפהנען ווייבער און קינדער און דאָרפסלייט, וואָס ער באַקומט פון זיי געלט, אַז ער מיט זיין סוויטע זאָל האָבן וואָס צו עסן? — דער אויסוואורף און אויסגעלאַסענער רבי פון זידי־טשוב זיצט מיט אַ גאַנצער חברה נאַראָנים, וואָס ציטערן און פלאַטערן אויף זיינס אַ וואָרט, און דערציילט זיי, וויפיל פעסטונגען אין הימל ער האָט היינט איינגענומען מיט זיין געבעט און וויפיל וועלטן ס'זייַנען צו אים אונטערטעניק און קוקן זיך אויס די אויגן אויף זיין שפע... — גאָט אין הימל לאַכט פון זיין משונהדיקער באַרימערייַ. ער האָט נאָך ניט געענדיקט רעדן, — און ס'קומט אַריין דער פּאָליציע־הויפּטמאַן פון דער שטאָט מיט אַ שטעקל אין האַנט. דער רבי האָט זיך דערשראָקן און איז געוואָרן ווייס ווי די וואַנט, דער פּאָליציע־

---

* אָנצוהערעניש אויף מענדעלסאָנס מיינונגען.

הויפטמאַן הייבט אויף די האַנט, און דער רבי שטייט אויף פון זיין שטול מיט אויסטערלישן פחד, און נאָכדעם ווי דער הויפטמאַן האָט אים מוראדיק אויס־געזידלט און באַליידיקט, האָט ער אים אַרויסגעטריבן פון דער שטאָט — און די וועלטן זייבען ניט דערציטערט געוואָרן, די זון־שיין האָט זיך ניט אויס־געלאָשן און די וועלט איז זיך ווייטער געגאַנגען לויט איר שטייגער. האָסטו דיר צוויי ביישפּילן פון זייער כבוד און גרויסקייט...

קורץ, קענסט מיך, מיין טייערער, פאַר אַ רואיקן מענטשן, וואָס כאַפּט זיך ניט קריגן, און פאַרט, אויב ס'איז אמת די נידערטרעכטיקייט, וואָס די היגע צבועקעס דערציילן, אַז די חסידים האָבן דיר געדראָט מיט חרם און האָבן דיר געצוואונגען זיי אָפּגעבן אַ סך פון דיינע ביכער אויף צו פאַרברענען — איז כדאי זיך אין זיי נוקם צו זיין; באַזונדערס אין דעם רעדלפירער זייערן, און אָנווענדן קעגן אים די געזעצן פון דער רעגירונג. דו דאַרפסט בלויז שיקן אין פּאָליציע אַ פּאַפּירל, אונטערגעשריבן מיט דיין חתימה, און אויספירלעך באַשרייבן די צייט, דאָס אָרט און די דעטאַלן פון דער געשעעניש. און איך בין דיר ערב, אַז זיי וועלן באַשטראָפט ווערן לויט זייער זינד. טאָמער אָבער איז די מעשה ניט געווען אַזוי ביטער, ווי מע דערציילט, און דו ווילסט מוחל זיין די באַליידיקונג, איז טו ווי דו פאַרשטייסט...

הכלל, וואָס דו וועסט טאָן, וועל איך זיין מיט דיר, אַבי זאָלסט ניט פאַר־לירן דיין צייט מיט קריגערייען. און זאָלסט זיך זיי ניט אונטערגעבן און זאָלסט פאַר זיי קיין מורא ניט האָבן, וואָרעם קאָנסט נאָך ווערן צו שפּאָט ביי לייטישע מענטשן און אַפילו ביי די חסידים גופא. וואָרעם איבעריקע שרעק און הכנעה פאַר אַ מענטש, וואָס איז עס ניט ווערט, איז אַ סימן פון אַ צעקוועטשט געמיט און אַ נידעריקער נשמה, וואָס איז געבוירן געוואָרן צו קנעכטשאַפט און אַז מע זאָל זי אונטערדריקן..."

2. השכלה און פאָלקלאָר־ליד

(צו זייטן 57, 121, 165, 185)

עס איז ביטיק פעסטצושטעלן, אַז אַ חוץ דעם טיפּ פון „גביריש־שתדלנישן משכיל, וואָס איז גאָר אין זעלטענע פאַלן ליטעראַריש אַרויסגעטראָטן, און אַ חוץ דעם אייגנטלעכן משכילישן טעאָרעטיקער און ליטעראַט איז נאָך געווען אַן אַנדער קאַטעגאָריע „משכילים", צו וועלכער עס האָט געהערט דער ווייניק־געבילדעטער קליינשטעטלדיקער „אַפּיקורס", וואָס האָט עפּעס געהערט קלינ־גען און ווייסט ניט גאַנץ גענוי וואָס. זיין „השכלה" האָט געוויינלעך געשטאַמט

פון גאָר אַלטע אָדער צווייפלהאַפטיקע קוואַלן, אין בעסטן פאַל פון „מורה נבוכים", אָפטער פון מענדעלסאָנס „ביאור" אָדער גאָר פון „ספר הברית" א. אַז. וו. דער ווייניק־באַוואוסטזיניקער שטעטלשער בונטאַר איז אויפגערודערט געוואָרן פון אַ ווייטן אָפּהילך און האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי דאָס אויס־צוטייטשן. דער פאַרוואַלגערטער „בראָדער" אָדער זיין תלמיד רעאַליזירט אַמאָל זיין „השכלה" דורך קליינע אָפּווייכונגען פון דער רעליגיעזער פּראַקטיק און פונעם לעבנשטייגער, דורך אומקלאָרע טענות, דורך שטילן חוזק אויפן קהל (אין שפּאָט־לידלעך) און אַמאָל דורך אַ „מסירה". צו דער דאָזיקער קאַטע־גאָריע „משכילים" געהערן מענטשן פון פאַרשיידענע שיכטן און באַשעפטיקונ־גען: דער קליינער אָנגעשטעלטער ביים „אַטקופּשטשיק" און ביים דיליזשאַנס, דער שרייב־לערער, דער לערער פון תנ"ך און דקדוק, דער בוכהאַלטער, בדחנים, „בראָדער זינגער", שרייבערס אין וואַלד־געשעפטן, דער באַוואוסטער טיפּ פון אַ זידענעם איידעם אויף קעסט, אַ מושלם, איידער ער באַשליסט און אַנטלויפט פון זיין ווייב, כדי זיך לערנען „בילדונג". אַמאָל ווידער דווקא פאַרשטייער פון המונישע שיכטן, ווי לעמשל, בעלפערס, אויפגעוועקטע פועלים ביי באַלמעלאָכעס, טיפּן פון דעקלאַסירטער „ערב־אינטעליגענץ", וואָס שטייען מיט איין פוס אין דער אונטערוועלט, ווי נחמן דער גרויסער, וועלכער קאָן אויך „לערנען און שרייבן" און שפּעט פון קהל־לייט אין זיינע לידלעך.

דאָס זיינען ניט קיין ליטעראַטן, ניט קיין „געזעלשאַפטלעכע טוערס", אָבער אַ באַשטימטער בונטאַרישער פערמענט. דאָס זיינען די עמבריאָנעלע טיפּן פון דער קומענדיקער אינטעליגענץ. זיי זיינען געווען אַ וויכטיקער קאַנאַל, דורך וועלכן די אידייען פון דער השכלה זיינען אָנגעקומען צו דער מאַסע.

בלי־ספק האָט די דאָזיקע קאַטעגאָריע „משכילים" געהאַט אַ וויכטיקע השפּעה אויפן שאַפן, אויפן גאַנג און דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן פאָלקס־ליד אינעם 19טן יאָרהונדערט, באַזונדערס דאָרט, וואו דאָס פאָלקסליד ווייזט משכילישע שטריכן, ניט אומזיסט ווערט נחמן דער גרויסער („דער ערשטער יידישער רעקרוט") לעבן אהרן בעל־מחשבות (אין „קבצן עושר־שפּיל") אָוועק־געשטעלט ווי אַ זינגער און מיטפאַרפאַסער פון פאָלקסלידאַרטיקע קופּלעטן. די לידער פון גאָטלאָבער, מיכל גאָרדאָן, בערל בראָדער, וועלוול זבאַראַזשער א. אַ., וואָס זיינען שטאַרק פאָפּולער געווען צווישן די מאַסן, שטאַמען אליין אָפּ פונעם פאָלקסליד, זיי האָבן אָבער פון זייער זייט געגעבן דעם פאָלקסליד (און דער שאַפונג פונעם בדחן) אַ באַשטימטע משכילישע ריכטונג. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס נחמן דער גרויסער פאַרשפּרייט און מאַכט פאָפּולער דעם אויפגעקלערטן אהרנס ליד צווישן די שוסטער־, שניידער־ און קירזשנער־יונגען — צווישן דער אייגנטלעכע פּובליקע פונעם פאָלקסליד. אָן אויס־פאָרשונג וועגן דער אומיטלבאַררער ווירקונג פון דער השכלה און פון דער

משכילישער שאַפונג אויפן יידישן פאָלקסליד אין 19טן יאָרהונדערט וועט בלי־ספק ברענגען אינטערעסאַנטע רעזולטאַטן. —

3. דער משכיל און דער פריץ

(צו זייטן 73, 192)

אין דער השכלה־ליטעראַטור געפינען מיר זעלטן דירעקטע אַרויסטרעטונגען קעגן דעם פריץ. דאָס דערקלערט זיך, ערשטנס, דורך דער באַזונדערס געדריקטער סיטואַציע פון דער יידישער אויפקלערונג אין רוסלאַנד, צום טייל אפשר אָבער אויך דערמיט, וואָס דער דעמאָלטיקער יידישער בורזשואַ איז פאַרט נאָך דערוויַיל עקאָנאָמיש ענגער געווען פאַרבונדן מיטן פריץ, איידער, אין אַלגעמיין, דער ניט־יידישער. געוויינלעך האָט די טענה פונעם יידישן בורזשואַ צום אַדל, אין בעסטן פאַל, געטראָגן דעם כאַראַקטער פון „באַליידיקטער ווירדע". דאָס אָנהייבנדיקע זעלבסטבאַוואוסטזיין פונעם בורזשואַ האָט שאַרפער דערפילט די ביטולדיקע באַציאונג פונעם פריץ, איידער די עקאָנאָמישע קעגנזעצלעכקייט צווישן בורזשואַזיע און פעאָדאַליזם, וואָס האָט זיך דעמאָלט אין דער יידישער סביבה אָנגעהויבן צו לאָזן פילן.

אַקסענפעלד דערקלערט די שלעכטע אויפפירונג פונעם פריץ בנוגע יידן צומטייל דורך דער נידעריקער שטייגעריש־געזעלשאַפטלעכער מדרגה פונעם יידישן בירגער, מיט וועלכן דער פריץ האָט צו טאָן; אָבער דער עיקר שולד וואַרפט ער אויפן פריץ (כאָטש ער מאַכט אַ חילוק צווישן גוטע און שלעכטע, פוילישע און רוסישע פריצים):

„פאַרוואָס די זאַך איז אַזוי? מאָג דער טעם זיין, ווייל אַ פוילישער פריץ איז לרוב — מע קאָן ניט זאָגן אַלע פריצים, ס'איז דאָ עטלעכע בעסערע אויך — מיט גרויס גדלות אָנגעשפּיגעוועט. נאָר ער איז ביי זיך אַ מענטשן אויף דער וועלט. דער פּאָווער איז ביי אים גליַיך מיט אַ פערד, מיט אַן אָקס אָדער מיט אַ קו. פּאָווערן זיינען באַשאַפן געוואָרן פונעם פריצס אַרבעט וועגן. יידן זיינען דאָך ניט זיינע עבדים, האַלט ער זיי פאַר כלים, און זיינען אויך נאָר פונעם פריצס וועגן דאָ אויף דער וועלט. טאַקע, ווען דער פריץ דאַרף דעם רייכן יידנס לאַסקע, ער זאָל אים געלט אַנטלייען, איז ער ביי אים ווי דער שוסטער: ער מוז אים האָבן, ווייל ער דאַרף שטיוול; האָט ער שוין די שטיוול, איז דער שוסטער, אַ שוסטער, ניט מער. מכל־שכן, מכל־שכן זיין קרעטשמער און דער קרעמער, דער ייד, איז ביי דעם בעל־גאווה־פריץ מבוזה ערגער ווי אַ גאַסן־הונט. ער שפעט פון אים, ער מאַכט פון אים חוזק, ער שלאָגט אים,

ער פּאַטשט אים, ווען ער האָט חשק. זידלען און שעלטן איז פּראָסט אַ מנהג. „זשיד שעלמאַ, זשיד הונצוואָט" הייסט אַזוי ווי „ר' קרוב". אַ פֿאַקטער, וואָס דרייט זיך אַרום אַ פּוילישן פּריץ, הערט פֿון אים נאָך גרעבערע ווערטער: „פּיעס, פּאָביעגני, נאָ, זאַראַז!" אַ צי ביי דער פּאה אָדער ביי דער באָרד איז אַ קאַטאָוועסל. און אַז ער צאָלט אים פֿאַר דער טרחה, טוט ער דעם גילדן אַ וואָרף אויף דער ערד: „נאָ, מאָש, הונצוואָט!" אַזעלעכס צו קאָנען דערליידן מוז מען טאַקע זיין נאָר אַ נידעריקער מענטש, אַ שיכור, אַ הולטיי." („דאָס שטערנטיכל", קאַפּיטל 8.)

פֿון די פּריצים טיילט אַקסענפעלד אויס די רוסישע צום גוטן: „אונדזערע רוסישע שררות זיינען גאָר אַנדערע מענטשן. דאָס פּוילישע ביטערע אָנגע־בלאָזענע גדלות, די פּוילישע גאווה איז ביים רוס ניטאָ. אַ רוס, אַז ער קען זיך מיטן יידן און האָט מיט אים עטלעכע מאָל צו טאָן, רופֿט ער אים „בראַט" אָדער „בראַטיעץ". אַפילו דעם פֿאַקטער, אַז ער דינט אים געטריי, האָט ער אים ליב; יאָ, יאָ, טאַקע פּראָסט ליב. ווער שמועסט, אַז ער ווערט באַקאַנט דורך משא־ומתן מיט אַ יידישן סוחר אַ צייט לאַנג, ווערט דער גרעסטער רוס דעם יידנס גוטער פריינט; יאָ, יאָ, אַ גוטער פריינט." אַקסנעפעלד שטרייכט דאָ אונטער דורך איבערחזרונגען, אַשטייגער, ווי ער וואָלט געדאַרפֿט איבער־צייגן וועגן אַן ענין, וואָס איז פֿאַרט אין ספק. דער אופֿן, ווי דער רוסישער פּריץ האָט זיך דעמאָלט באַצויגן אַפילו צום רוסישן סוחר, איז דאָך באַוואוסט. דער חילוק צווישן אַ פּוילישן און אַ רוסישן פּריץ האָט געקאָנט באַשטיין נאָר אין ניואַנסן. אַקסענפעלד וויל אפשר דורך זיין אַנטקעגנשטעלן דעם רוסישן פּריץ — וואָס האָט, אגב, צו יענער צייט, זעלטן און ווייניק געהאַט צו טאָן מיט יידן — צום פּוילישן, באַרעכטיקן דעם דרייסטן אָנגריף אויף יענע פּריצים, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ גרויסע מאַכט איבערן לעבן פֿונעם יידישן שטעטל — געוויינלעך פּוילישע פּריצים. אַ חוץ דעם שפּילט דאָ אפשר אַ ראָל די „אָנונג", אַז דער רוסישער פּריצישער קאַפּיטאַל קאָן האָבן אַ גרעסערן אָנציאונגס־כוח, איידער דער פּוילישער.

אין זיינע פּיעסעס שילדערט אַקסענפעלד געוויינלעך די באַציאונג צווישן דעם פּוילישן פּריץ און די יידיש־גבירישע „פּאָזיטיווע" פיגורן, ווי פריינט־שאַפֿטלעכע. דאָס שפּיגלט אָפּ גיכער פֿאַר אַלץ אַקסענפעלדס וואונטש, און ניט די ווירקלעכקייט. די קעגנזעצלעכקייט צווישן דעם נייעם יידישן בירגער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרמירן, און דעם פֿעאָדאַל איז געווען גענוג גרויס, אַז מע זאָל זי קאָנען אַריינשטעלן אינעם גדר פֿון די דעמאָלטיקע אַלגעמיינע קעגנזאַצן צווישן בורזשואַזיע און פֿעאָדאַליזם.

4. די השכלה קעגן קאָנטראַבאַנדע

(צו זייט 78)

וועגן דער שמוגלעריי אויף ביידע זייטן גרענעץ צו דער צייט, ווען אַקסענ־פעלד האָט געשריבן זיין „געגנאַרטע וועלט", און וועגן דער גרויסער ריזיקע ביי דעם דאָזיקן „געשעפט" לייענען מיר ביי דיקן אין אַ דערציילונג וועגן געשעענישן אין יענער צייט: „. . . אין יענע צייטן (פאַרגל. דאָרט, ז. 8), אין וועלכע דער מסחר פון קאָנטערבאַנד איז געווען זייער גרויס, וואָר עס גאַנץ געווינלעך, דאָס יונגעלייט פלעגן אין בראָד אין אַ קורצע צייט ווערן זייער תקיף אין מעמד... דאָך אָבער איז באַוויזן שוין פון דער פראַקטיק, דאָס ניט איינער פון יענע, וואָס דערלויבן זיך צו האַנדלען מיט דיזער פאַר־באָטענער וואַרע, זיינען געשטאָרבן רייך. על־פּי־רוב ווערט מען דורך דיזעם מסחר אַליין אויך באַגראָבן, און מען באַגראַבט דערצו נאָך דאָס פאַריגע ביסעלע, וואָס מע האָט נאָך פריער געהאַט" („דער אַנטלאָפענער רעקרוטל", ווילנע, 1872, ז' 21). פאַרגל. אויך „די געגנאַרטע וועלט" (זע אַקסענפעלדס ווערק, ב. 1, ז' 313): „האָט אַ פּנים, אַז דאָס פעקלען איז אויך אַ געגנאַרטע וועלט, אַ פאָר מאָל געראָט עס, דערנאָך נעמט דער קייסער אָפּ מיטאַמאָל..."

די באַגרענעצונג פון וואוינרעכט אין די גרענעץ־קאַנטן איז כלומרשט געווען אַ קאַמף־מיטל קעגן דער יידישער קאָנטראַבאַנדע, כאָטש ס'איז אַן אָנ־ספּקדיקער פאַקט, אַז די ניט־יידישע גרענעץ־באַפעלקערונג האָט זיך פאַר־נומען מיט שמוגל ניט וויניקער, נאָר מער, ווי די יידישע. דאָס האָט שוין אי. אָרשאַנסקי צוריק מיט עטלעכע זיבעציק יאָר דאָקומענטאַריש באַוויזן. אָנ־געהויבן האָבן זיך די דאָזיקע באַגרענעצונגען פון וואוינרעכט אין 1812 אין דער וואָלינער גובערניע, אין 1825 זיינען זיי פאַרברייטערט געוואָרן אויף אַלע גובערניעס (אַ חוץ שטעט און שטעטלעך), אין 1832 אויך פאַרן בעסאַראַבישן גרענעץ־קאַנט (אַ חוץ פאַר באַזיצערס פון הייזער, מילן און קרעטשמעס), אין 1843 — אויף אַלע יידן אָן אויסנאַם און אויך פון שטעט און שטעטלעך.

די משכילים טרעטן שאַרף אַרויס קעגן דער קאָנטראַבאַנדע. זע, למשל, לעווינזאָן: „די הפקר־וועלט", אויסג. וואַרשע, 1902, ז' 31, און די „הפקר־וועלט", צווייטע אָפּטיילונג, דאָרטן, ז. 49; אַקסענפעלד („די געגנאַרטע וועלט", ז' 313) פאַראורטיילט די קאָנטראַבאַנדע, פּונקט אַזוי ווי לעווינזאָן, אויך דורך די ווערטער פון אַ רעליגיעזן אויטאָריטעט (דורך בעניש דיין). דערמיט ווילן אַקסענפעלד און לעווינזאָן אַקעגנשטעלן צו דעם אויטאָריטעט פון אַ טייל רביים, וואָס האָבן אונטערגעשטיצט די קאָנטראַבאַנדע, — דעם אויטאָריטעט פון דער אָפיציעלער גייסטלעכקייט.

5. ליטעראַרישע טראַדיציעס פאַר „דער ערשטער ייִדישער רעקרוט"

(צו זייט 150)

א. פון דער רוסישער ליטעראַטור

די ליטעראַרישע טראַדיציעס פאַרן סוזשעט אין „ערשטן ייִדישן רעקרוט", וואָס איז דאָך געבויט אויף ספּעציפיש־רוסלענדישן שטייגער, דאַרף מען אין ערשטער ריי זוכן אין דער רוסישער ליטעראַטור. עס האָט זיך אָבער וואָס שייך דעם סוזשעט דערווייל נאָך ניט איינגעגעבן אים דאָרט אַרויסצוגעפינען.

אַנדערש וואָס שייך דער טעמע פונעם „ערשטן ייִדישן רעקרוט". אַ רוסישע פּיעסע, וואָס איז געבויט אויף דער רעקרוטשינע־טעמע, איז גראָד יאָ באַוואוסט, זי הייסט: „וועליקאָדושיע אילי רעקרוטסקאָי נאַבאָר", „דראַמאַ ו' טרעך דעיסטוויאַך", פון ניקאָליי אילין (1773—1823).

די ערשטע אויסגאַבע איז דערשינען אין מאָסקווע 1804, די צווייטע * — אין פּעטערבורג 1807. די פּיעסע איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן אין פּעטערבורג, און זי האָט זיך אַ לענגערע צייט געהאַלטן אין רעפּערטואַר פון די מאָסקווער, פּעטערבורגער און פּראָווינציעלע טעאַטערן. לויט די ידיעות פון א. אי. וואָלף ** האָט זיך אילינס דראַמע „לאַנג געהאַלטן אויף דער בינע, און מע האָט זי געשפּילט נאָך אין די דרייסיקער יאָרן". ס. ט. אַקסאַקאָוו דערציילט אין זיינע „ליטעראַרישע און טעאַטראַלישע זכרונות", אַז די פּיעסע איז געווען נישט אָן מעלות און זי האָט געהאַט אַ זייער גרויסן דערפאָלג. אַראַפּאָוו, איינער פון די פריאיקע היסטאָריקער פונעם רוסישן טעאַטער, שרייבט וועגן דער דאָזיקער פּיעסע: „זי איז זייער געפעלן צוליב דער פּראָס־טער און פולקום נאַטירלעכער אַנטוויקלונג פונעם סוזשעט. די דאָזיקע פּיעסע געהער צו דער צאָל פאָלקסטימלעכע דראַמעס." *** דער דערפאָלג פון אילינס פּיעסע איז געווען אַזוי גרויס, אַז לויט דער מסורה האָט זיך פון איר אָנגעהויבן דאָס אַרויסרופן די מחברים אויף דער רוסישער בינע. אילין איז געווען זייער פּאָפּולער מיט זיינע דראַמאַטישע ווערק (מערסטנטייל איבערזעצונגען און איבעראַרבעטונגען פון אַנדערע שפּראַכן). באַזונדערס זיינען געווען פּאָפּולער

* פון וועלכער עס איז פאַראַן אַן עקזעמפּליאַר אין דער מאָסקווער לעניגישער ביבליאָטעק.

** „כראָניקאַ פּעטערבורגסקיך טעאַטראָוו" (רוסיש), ב. 1, סט. פּעטערבורג, 1877, ז' 4.

*** „ליעטאָפּיס רוסקאַוואָ טעאַטראַ" (רוסיש), צוזאַמענגעשטעלט פּימען אַראַ־פּאָוו, סט. פּעטערבורג 1861, ז' 165.

זיינע צוויי אָריגינעלע פּיעסעס, די אָנגערופענע וועגן רעקרוטשינע און „ליזאַ, אילי טאָרזשעסטוואָ בלאַגאָדאַרנאָסטי“. וואַרנעקע (אין זיין טעאַטער־געשיכטע) כאַראַקטעריזירט אילינס פּיעסע, ווי איינע פון די פילצאָליקע רוסישע נאָכמאַכונגען קאָצעבוס צו יענער צייט (וועגן דער גרויסער ווירקונג פונעם קאָצעבו־טעאַטער אויפן רוסישן טעאַטער אין יענער צייט איז דאָ נישט נייטיק אויספירלעך צו שרייבן. וועגן דער דייטלעכער ווירקונג פונעם קאָצעבו־טעאַטער אויף אַקסענפעלדן און עטינגערן זע אויבן).

עס איז שווער צו זאָגן, ווי ווייט אַקסענפעלדס פּיעסע האָט אַ באַציאונג צו אילינס פּיעסע און ווי ווייט דאָס געהער צום קאַפּיטל „השפעות און אַנאַלאָגיעס“. סוזשעט, סאָציאַלע און נאַציאָנאַל־שטייגערישע אַטמאָספער זיינען איןביידע פּיעסעס פאַרשיידענע (דאָ — שטעטלדיקע יידן, דאָרט — פּויערים).

די אינהאַלטלעכע אַנאַלאָגיע באַגרענעצט זיך בלויז דערמיט, וואָס די סוזשעטן פון ביידע פּיעסעס בויען זיך אויף דער רעקרוטשינע־טעמע, אויף די מיסברויכן ביים נאָבאָר מצד די תקיפים בנוגע אַן אָרעמען איינציקן זון, אויף דער סענטימענטאַלער גרויסמוטיקייט פונעם הויפּט־העלד. אין אילינס פּיעסע ווערט, אגב, אונטערגעשטראָכן דער גרויסמוט, די נאַטירלעכקייט און אַנדערע מעלות פונעם פּויערישן שטאַנד, אויף וועלכן עס האַלט זיך די גאַנצע מלוכה. צוגלייך רעדט זיך דאָ וועגן דעם קייזערס שטענדיקע חסדים צו זיינע אונטערטאַנען. ביי אילינען איז דער גרונט־טאָן די „רעאַביליטאַציע“ פונעם פּויערישן שטאַנד מיט דער הילף פון סענטימענטאַלישקייט. אַקסענפעלדס פּיעסע איז אויך סענטימענטאַל, זי וויל אויך אין אַ געוויסער מאָס רעאַביליטירן דעם יידישן פאָלקס־מענטש. אַקסענפעלדס פּיעסע איז אָבער פיל רייכער און סאָציאַל קאָמפּליצירטער.

וואָס שייך זשאַנר און סטיל איז די אַנאַלאָגיע אַ סך ברייטער און אינטערעסאַנטער. ביידע פּיעסעס פאַראייניקט דער א. ג. „פלאַמאַנדישער“ (שטייגערדיקער, זשאַנרישער) נוסח. אין דעם צוזאַמענהאַנג איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס די רעצענזיעס פון יענער צייט פאַרגלייכן אילינען מיט דעם פלאַמאַנדישן מאָלער טעניער. טעניערס נאָמען פלעג נישט איין מאָל אויפשווימען, ווען מע האָט דעמאָלט און אַ ביסל שפּעטער גערעדט וועגן אַ געוויסן רעאַליסטיש־שטייגערישן גאַנג אין דער רוסישער ליטעראַטור. ווי אויפן „רוסישן טעניער“ אין דער ליטעראַטור פלעג מען אָנווייזן אויף נאַריעזשנין* אָדער אויף א. איזמאַילאָוון א. אַז. וו. מיר האָבן דאָ אַ גאַנצע רעאַליסטיש־שטייגערדיקע שיטה אין דער רוסישער ליטעראַטור אין די ערשטע צענדליקער פון 19טן יאָרהונדערט און ווייטער, — און צו דער דאָזיקער שיטה שליסט זיך אָן (אַן

---

* זע אויבן, ז' 116, הערה.

אַנדערע פראַגע איז, ווי ווייט דירעקט אָדער אומדירעקט) אויך אַקסענפעלד.* אין אַזאַ מעגלעכן צוזאַמענהאַנג ליגט דער עיקר־באַדייט פון אילינס פּיעסע פאַר דער אויספאַרשונג פון אַקסענפעלדס „ערשטן יידישן רעקרוט" און זיינע איבעריקע פּיעסעס — ניט געקוקט אויף דירעקטע און זיכערע השפּעות פונעם דייטשן טעאַטער (ברעסלע, אָדעס) און פון דער דייטשער דריטראַנגיקער טעאַטער־ליטעראַטור (קאָצעבו).

און טאַקע צוליב דעם מעגלעכן צוזאַמענהאַנג איז כדאַי צו באַטראַכטן די אָפּרופן פון צייט־מענטשן אויף אילינס פּיעסע. זיי קאָנען זיין אַנרעגנדיק פאַר דער באַטראַכטונג פון אַקסענפעלדס שאַפן.

ביז גאַר אינטערעסאַנט איז אַ קריטישער אָפּרוף וועגן אילינס פּיעסע פון וול. וואַסיליעוויטש איזמאַילאָוו, דעם אַרויסגעבער פונעם זשורנאַל „פּאַטריאָט" [רוסיש] (און ניט ווי וואַרנעקע מיינט, על־פּי־טעות, פון אַלעקסיי יעפימאָוויטש איזמאַילאָוו, וואָס געהער אין אַ געוויסער מאָס צו דער זעלבער ריכטונג ווי אילין גופא און ווערט, ווי ער, פאַרגליכן צו טעניערן): „דער הויפּט־חסרון פון ה' אילין איז ביז איצט געווען דאָס, וואָס ער האָט אַרויס־געפירט אויף דער סצענע אַזעלכע מענטשן, וואָס פאַרנעמען דאָס לעצטע אָרט אין דער געזעלשאַפט, מענטשן, וועמעס געדאַנקען, געפילן און זייער שפּראַך גופא זיינען געווען באַגרענעצט, און דעריבער קאָנען אונדז זייערע ענינים ניט דינען ניט ווי אַ מוסר און ניט ווי אַ מוסטער" („פּאַטריאָט", 1804, מאַי, ז' 23). דער קריטיקער עצהט אילינען: „. . . צו שעפּן מאָדעלן פון דעם געזעל־שאַפטלעכן קרייז, וואו ס'געפינען זיך מער אינטערעסאַנטע פיזיאָנאָמיעס, מער פאַרשיידנאַרטיקע ליידנשאַפטן, מער קעגנשטאַנדן, וואָס פאַרדינען, אַז דער מאָלער זאָל זיך מיט זיי באַשעפטיקן." (דאָרט, ז' 239.)

איזמאַליאָווס אַרויסטרעטונג קעגן אילינען האָט, אגב, אַרויסגערופן דער־זשאַווינס אומצופרידנקייט. ער שרייבט אין אַ בריוו: „. . . איך לויב לחלוטין ניט ה' איזמאַילאָוון, וואָס ער איז אַזוי אָנגעפאַלן . . . אויף אילינען, אויף אַ יונגן מענטשן, מיט גאַנץ היפּשע באַגאַבונגען." *

אַן אַנדערער אָפּרוף אויף אילינס פּיעסע, אונטערגעשריבן מיטן איניציאַל „א" (אין „דראַמאַטיטשעסקי וועסטניק", סט. פּעטערבורג, 1808, נומ' 8, ז"ז 65־66) איז ניט ווייניקער אינטערעסאַנט. מיר ווילן דאָ ברענגען עטלעכע ציטאַטעס: „. . . די דאָזיקע דראַמע קאָן, לויט אונדזער מיינונג, פאַרנעמען אַזאַ אָרט אין דער ליטעראַטור, ווי די בילדער טעניערס אין דער מאָלעריי. דאָס דאָרפישע לעבן אָדער, פּראָסט גערעדט, דער פויערישער שטייגער ווערט

---

* „סאָטשינעניאַ דערזשאַווינאַ", „איזד. אַקאַד. נאַאוק" (רוסיש), ב. 4, סט. פּעטערבורג 1871, ז' 154.

אין איר פאַרגעשטעלט אַזוי לעבעדיק, אַזוי נאַטירלעך, אַז די פאַנטאַזיע פונעם צוקוקער פאַרטראַגט אים ניט־ווילנדיק אין דאָרף אַריין. די האַנדלונג איז פּראָסט, אירע מאָטיוון זיינען גענומען פון דער ווירקלעכער אויפפירונג, דער גאַנג אירער איז גענומען פון די ווירקלעכע זיטן; דער שמועס, די געפילן זיינען דורכאויס צוגעפּאַסט צו די האַנדלענדיקע פיגורן... אינעם „רעקרוטסקי נאַבאָר״ זיינען אַלע ראָלן געמאַכט פונעם אויטאָר... מיט אַ באַצווינגענדיקער וואָרהאַפטיקייט. אַלץ אין דער דאָזיקער דראַמע באַווייזט, אַז דער אויטאָר איז דורכאויס באַקאַנט מיט די אויפפירונגען, שמועסן, מיטן שטייגער טראַכטן, מיט די געפילן און זיטן פונעם רוסישן פאָלק.״ *

ב. יוסף וויזנערס „קול בוכים״

יוסף וויזנערס ניט־פאַרעפנטלעכטע העברייאישע טראַגעדיע אויף דער רעקרוטשינע־טעמע: „קול בוכים״ איז געשריבן געוואָרן ניט קיין סך שפּעטער נאָך 1828; יעדנפאַלס פריער ווי אַקסענפעלדס „דער ערשטער יידישער רעקרוט״. וועגן אַ מעגלעכער באַציאונג צווישן די דאָזיקע צוויי פּיעסעס לאָזט זיך גאָרניט זאָגן, ווייל דער ניט־געדרוקטער כתב־יד איז פאַרלוירן געגאַנגען, און מיר ווייסן וועגן אים בלויז פון אַ נאָטיץ גאָטלאָבערס.

אין גאָטלאָבערס ידיעה רעדט זיך בלויז דערפון, אַז די טעמע פון דער פּיעסע איז געווען די רעקרוטשינע. דאָס הייסט אָבער נאָך ווייט ניט, אַז די פּיעסע איז געווען אַ שטייגערישע. עס איז אומוואַרשיינלעך, אַז סוף 20ער יאָרן האָט געזאָלט געשריבן ווערן אויף העברייאיש אַ שטייגערישע פּיעסע. גיכער פאַר אַלץ איז דאָס געווען אַ „פּסעוודאָ־קלאַסישע״ קינה מיט אַלעגאָרישע ראָלן, געהאַלטן אינעם טאָן פון דער משכילישער העברייאישער מליצה אין יענער צייט.

די ידיעות, וואָס א. ב. גאָטלאָבער ברענגט וועגן דעם דאָזיקן, מן־הסתם ערשטן, ליטעראַרישן ווערק מיט דער טעמע „רעקרוטשינע ביי יידן״ און וועגן איר מחבר, זיינען גענוג אינטערעסאַנט, אַז עס זאָל זיך לוינען זיי דאָ איבערגאַנצן צו ציטירן:

„בספר הזכרונות ההוא בא גם זכרון החכם אשר היה לי לעינים, והוא הר״ר יוסף וויזנער, בן עיר מולדתי (נפטר בשנת תר״ט... בן חמשים ושתי שנים). האיש ההוא היה כבד פה וערל שפתים, ועכ״ז הוצק חן בשפתותיו הערלות, והיה נוטפות מור, ומפיו הכבד כידורי אש התמלטו בדברו את מקשיבי

---

* די דאָזיקע עקסקורסיע וועגן אילינס פּיעסע איז אינגאַנצן צונויפגעשטעלט לויט ח׳ א. גורשטיינס מאַטעריאַלן.

דבריו ילדי שעשויעו (כי אהב מאד את בני הנעורים וגם הילדים אשר ראה בם כשרונות טובים, ויגל אזנם למוסר השכל). החכם הנכבד הזה, אשר לא היה לו זכרון עד היום בשום ספר או מ״ע לבני ישראל, היה סופר מהיר בשפת קדשנו, וידיעתו בלשונות החיות היתה גדולה, כי מלבד שפות רוסיא ופולניא, שתי השפות אשר התהלכו אז בארץ והשתמשו בערבוביא, ידע על נכון שפת אשכנז וצרפת. גם שפת רומי (לאטיין) לא היתה זרה לו. גם לעט סופרים שלח ידו, מבלי תקוה שיפוצו דבריו בין אחיו, כי מי ממשכילי בני ישראל המעטים בארצנו אז ערב לבו לגשת אל בית הדפוס, לתת לספרו מהלכים? — והיה כאשר החלו בשנת 1828 (תקפ״ח) לצבוא צבא מישראל בארצנו, ויהיו הימים האלה ימי יגון ואבל כבד לכל היהודים יושבי הארץ אשר לא הסכינו עוד לצאת לצבא, ומי שלא ראה בעיניו את המספד מר והאבל, אשר היה אז בישראל, לא ראה צרה ויגון מימיו; ויכתוב יוסף אז מחזה־אבל (טרויער־שפיל), אשר קרא בשם „קול בוכים״. הספר הקטן הזה היה יכול להיות גם היום למופת לכותבים בשפת עברי אבל הזמן הבולע הכל בלע גם בכורה זאת בעודה בכף, אבד זכר הספר ההוא ואיננו!״ (א. ב. גאָטלאָבער, „הגזרה והבניה״, „הבקר אור״, *1879*, חוברת ששית, ז״ז *975־976*.)

ג. וואָלף קאַמראַשס „קהל אין שטעטל״

עס איז איצט ניט מער מעגלעך קלאָר פעסטצושטעלן, ווי וואָלף קאַמראַשס פּיעסע מיט דער רעקרוטשינע־טעמע האָט אייגנטלעך געהייסן: „קהל אין שטעטל״, ווי זי ווערט אָנגערופן אין די רוסישע צענזור־ און אַמטלעכע דאָקו־מענטן, „דאָס קהל־שטיבל אָדער מענדעלע פּאַלנימאַץ״, ווי ב. נאַטאַנזאָן רופט זי אָן, אָדער „די אַלמנה״, ווי ס'קומט אויס לויט די זכרונות פון אַ צושויערין, וואָס האָט די פּיעסע געזען אויפגעפירט. עס זעט אויס, אַז איינע און די זעלבע פּיעסע ווערט אָנגערופן אין פאַרשיידענע קוואַלן מיט פאַרשיידענע נעמען — גאָר ניט קיין חידוש, ביי אַ ניט־געדרוקטער זאַך! אויף רוסיש איז אפשר באַקוועמער געווען איבערצוזעצן דעם טיטל, וואָס נאַטאַנזאָן ברענגט, — וואַרשיינלעך דער אויטענטישער, — אויף אַזאַ אופן, ווי מיר געפינען אים אין די רוסישע דאָקומענטן: „קאַגאַל וו׳ מעסטעטשקע״.

וואָלף קאַמראַש (געב. 1832) האָט אַלס תלמיד פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול אין יאָר 1854 אָנגעשריבן די דאָזיקע רעקרוטשינע־פּיעסע, וואָס איז אינעם זעלבן יאָר דורך תלמידים פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול אויפגעפירט געוואָרן אין בערדיטשעוו. עס איז אינטערעסאַנט, אַז ב. נאַטאַנזאָן זעט אַ צוזאַמענהאַנג צווישן דער דאָזיקער פּיעסע קאַמראַשס און אַקסענפעלדס שאַפן. „... דער וואונדערלעכער שרייבער, וואָס שרייבט אינעם גייסט פונעם

המון, ר' ישראל אַקסענפעלד ז"ל, וואָס זיין גלייכן איז זעלטן צו טרעפן, ווי למשל, דער וואונדערלעכער שרייבער קאַמראַש, וואָס אַ סך פון אונדזער פאָלק ווייסן וועגן אים צוליב דער קאָמעדיע, וואָס איז אַרויס פון זיין פען מיטן נאָמען „דאָס קהל־שטיבל אָדער ר' מענדעלע פאַלנימאַץ".* דאָס קאָן באַטייטן, אַז די צייט־מענטשן האָבן געזען אין קאַמראַשס פיעסע ווירקונגען פון אַקסענפעלדס שאַפן.

וועגן דעם אינהאַלט פון דער פיעסע באַקומען מיר אַ פאָרשטעלונג פונעם צענזאָר פּיאַדאָראָווס אַ באַריכט צום קוראַטאָר פונעם קיעווער לערן־ראַיאָן אין יאָר 1855.

„דער הויפּט און אינערלעכער צוועק פון דער דראַמע אויף יידיש־דייטש אונטערן נאָמען „קהל אין שטעטל" איז צו ווייזן פון דער סצענע אַראָפּ דעם קהל און די באַפולמעכטיקטע פון די יידישע געזעלשאַפטן, אַז זיי גיבן אומ־געזעצלעך אָפּ פאַר רעקרוטן קינדער פון אָרעמע עלטערן און יתומים און היטן דערביי ניט אָפּ די איינגעשטעלטע ריי, און דאָס אַלץ מיט דער כוונה צו באַשיצן יענע יידן, וואָס האָבן אַ וואָג אין דער געזעלשאַפט לויט דער רייכקייט, לויטן אָפּשטאַם אָדער לויט די געזעלשאַפטלעכע פּאָסטנס, וואָס זיי פאַרנעמען. גענומען אין באַטראַכט, אַז:

1) כדי מיט דערפאָלג אויסצופילן די פליכטן, וואָס די רעגירונג האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט, דאַרפן דער קהל און די באַפולמעכטיקטע כאָטש ביז אַ געוויסן גראַד געווינען דעם צוטרוי פון די יידן; אַרויסשטעלן אָן איינצלנעם, אפשר צופעליקן, מיסברויך פון דעם אָדער יענעם קהל אַלס אַלגעמיינעם און גרונט־כלל פאַר דער טעטיקייט פון יעטווידער „קהל אין שטעטל" — וואָלט געהייסן אַרונטעררייסן דעם קרעדיט פונעם דאָזיקן אַנשטאַלט אין די אויגן פון דער געזעלשאַפט, און אין דער זעלבער צייט אַרויפוואַרפן אַ שאָטן פון ניט־איפּריכטיקייט און פון ניט־וואוילגעוויגטקייט צו יידן — אויף די עצם פאַראָרדענונגען פון דער רעגירונג, אויף וועלכע ס'באַזירט זיך די מאַכט פונעם קהל און פון זיינע באַפולמעכטיקטע;

2) אַז אינעם גאַנצן גאַנג פון דער פיעסע ווערט די רעקרוטן־פליכט און דער מיליטער־דינסט פאַרגעשטעלט ווי דער גרעסטער אומגליק פאַר יידן אפילו אין רעליגיעזן זינען (3 אַקט, 7 סצענע); ס'דערגייט דערצו, אַז אַ ייד, וועלכן מע גיט אָפּ פאַר אַ רעקרוט, ווערט אָנגערופן ניט אַנדערש, ווי „אַ שאָף, וואָס מע פירט צו דער שחיטה" (2 אַקט, 7 סצענע);

3) אַז די גאַנצע געזעגעניש פון דער מוטער מיטן זון, דעם רעקרוט, מיטן חלשות־פאַלן, מיט די יאָמערלעכע געשרייען און ביטערע טרערן (דאָרטן)

* ציטירט לויט א. יודיצקי אין „שריפטן", קיעוו, 1928, ב. 1, ז"ז 331—336.

קאָנען זייער ניט־גינסטיק ווירקן אויף די יידישע צושויער, וועלכע באַגרייפן ניט געבוג די נייטיקייט פון דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער פליכט; און,

4) אַז היות דער אויטאָר האַלט פאַר דער מאַכטיקסטער טרייב־קראַפט פון דער הייבטצייטיקער געזעלשאַפט — דאָס געלט (דאַרטן, 5 סצענע), טראַכט ער פשוט אויס אַ בלבול אויף דער אָרטיקער נאַטשאַלסטווע, אַז זי פאַרגעסט אירע פליכטן און שטעלט זיך כלומרשט ניט אָפּ פאַר קיין שום קרבן צו ברענגען דעם דאָזיקן אָפּגאָט פון גאָלד און אייגננוץ (דאַרטן, 4 סצענע); —

גענומען דאָס אַלץ אין באַטראַכט, רעכן איך, אַז די דראַמע „קהל אין שטעטל" קאָן בשום־אופן ניט דערלויבט ווערן פאַר דער סצענע, ס'דאַרף אַפילו פאַרווערט ווערן זי צו לייענען." *

די דאָזיקע ידיעות וועגן דעם אינהאַלט פון דער פיעסע קאָנען דערגאַנצט ווערן מיט דער ידיעה, וואָס שטאַמט פון דר. ווייסענבערג, אַז אין דער פיעסע ווערט געשילדערט, ווי די קהילה־רעדלפירער האָבן אָפּגענומען ביי אַן אָרעמער אַלמנה איר בן־יחיד, כדי אים אָפּצוגעבן פאַר אַ סאָלדאַט אַנשטאָט אַ זונדל פון אַ קהלשן טוער.

עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער, אַז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט ניט בלויז פאַרווערט צו שפּילן קאַמראַשס פיעסע, נאָר זי אינגאַנצן בכלל, און האָט אויך געהאַלטן פאַר נייטיק צו דערקלערן, „אַז די באַגריפן וועגן פאַרזענלעכע און געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, וואָס קאַמראַש האָט אויסגעדריקט אין זיין דראַמע, באַווייזן ניט, אַז ער זאָל האָבן געקראָגן אין זיין בילדונג אַ „גוטע ריכטונג". מ'דאַרף אויפמערקזאַם מאַכן דעם אינספּעקטאָר (פון דער ראַבינער־שול) אייכנבוימען, אַז ער זאָל אַכטונג געבן אויף קאַמראַשן אין אַלע פּרטים, און זאָל אים געבן „ריכטיקע באַגריפן וועגן די זאַכן, וואָס ער (קאַמראַש) האָט וועגן זיי געשריבן".**

פון דעם אַלעם דאַרף מען דרינגען, אַז קאַמראַשס פאַרלוירן־געגאַנגענע פיעסע איז אויסגעהאַלטן אין אַ סאָציאַל־שאַרפערן טאָן, איידער דאָס רוב איבעריקע השכלה־ווערק פון יענעם פעריאָד וועגן דער דאָזיקער טעמע, וועלכע האָבן זיך יאָ אָפּגעהיט. דער דאָזיקער פאַקט איז דאָך מן־הסתם די סיבה, פאַר־וואָס די פיעסע איז אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען.

---

* זע א. יודיצקי, דאַרטן, ז"ז 335—336.

** זע נ. שטיף: „טעאַטער־בוך", קיעוו, 1927, ז"ז 21—38.

6. אַנטשטייאונגס־צייט פון „דער ערשטער יידישער רעקרוט״

(צו זייט 152)

קיין פינקטלעכע דאַטירונג פון יענע ווערק, ביי וועלכע אַקסענפעלד האָט ניט אָנגעוויזן זייער אַנטשטייאונגס־צייט, האָט זיך אונדז דערוויל ניט איינגעגעבן דורכצופירן. דעריבער קאָנען מיר ניט אויפשטעלן קיין כראָנאָלאָגישע אַנטוויקלונגס־ליניע אין אַקסענפעלדס שאַפן.

די אַנטשטייאונגס־צייט פון „ערשטן יידישן רעקרוט״ קאָנען מיר ניט דאַטירן מיט דורכאויסיקער זיכערקייט. מיר רעכענען אָבער, אַז וואַרשיינלעך איז דאָס ווערק אָנגעשריבן געוואָרן אינעם יאָר 1834 אָדער אָנהייב 1835.

אין „ערשטן יידישן רעקרוט״ (קיעווער אויסגאַבע, ז״ז 195־160) רעדט זיך וועגן אַ „חתונה־בהלה״ און וועגן חתונה־באַגרענעצונגען. אַזעלכע פּאַניקעס איבער געזעץ־פּראָיעקטן וועגן חתונה־באַגרענעצונגען (אין תוך האָט זיך דאָס באַצויגן אויפן רעקרוטן־געזעץ) האָבן זיך אַ סך מאָל איבערגעחזרט. אויך אינעם יאָר 1828, אין דער צייט פונעם ערשטן נאָבאָר, איז פאָרגעקומען אַזאַ „חתונה־בהלה״. די דאָזיקע דעטאַל אין אַקסענפעלדס פּיעסע איז, הייסט עס, היסטאָריש־ריכטיק. דאָס געזעץ וועגן חתונה־באַגרענעצונגען איז אָבער פאַקטיש ערשט אַרויסגעקומען אינעם רעגולאַמען פאַר יידן פון 13 אַפּריל, 1835. עס איז דעמאָלט פאַרווערט געוואָרן חתונה צו האָבן מענער, וואָס זיינען יינגער פון 18 יאָר, און פרויען, וואָס זיינען יינגער פון 16 יאָר. וועגן דעם דאָזיקן געזעץ־פּראָיעקט האָבן זיך שוין געטראָגן קלאַנגען אינעם יאָר 1834. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ „חתונה־בהלה״. עלטערן האָבן זיך צוגעאיילט „חתונה־מאַכן״ קליינע קינדער (פון 10—15 יאָר), איידער דאָס געזעץ וועט אַרויסקומען, וויל לויטן רעליגיעזן שטייגער האָט מען געדאַרפט חתונה האָבן אין אַ יינגערן עלטער, איידער דאָס געזעץ האָט געזאָלט באַשטימען לויט די קלאַנגען: מענער ניט פריער ווי צו 20, פרויען ניט יינגער ווי צו 18 יאָר. אַ חוץ דעם האָט מען אַזוי־אַרום געוואָלט פאַרזיכערן די יינגלעך קעגן דער רעקרוטן־פליכט. די „בהלה״ האָט זיך ערשט באַרואיקט נאָכדעם, ווי דאָס געזעץ איז אַרויסגעקומען אין יאָר 1835, ווען ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז די עלטער־נאָרם איז אַ נידעריקערע, ווי מע האָט געמיינט (ניט 20 און 18, נאָר 18 און 16), און אַז חתונה־האָבן פאַרזיכערט ניט קעגן רעקרוטן־פליכט.

די פּיעסע איז געשריבן געוואָרן, ווי ס׳זעט אויס פון דער אָנגעמערקטער שטעלע (ז״ז 159־160) אין דער צייט פון אַזאַ חתונה־פּאַניק. 1828 קומט פאַר

דער אַנטשטייאונג פון דער פּיעסע ניט אין באַטראַכט. ערשטנס, ווייזט זי אַ צו־געגויע באַקאַנטשאַפט מיט דער פּראַקטיק און מאַכינאַציעס פון די „נאַ־באָרן“, וואָס האָבן זיך אויסגעאַרבעט ערשט אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר. עס רעדט זיך שוין אין דער פּיעסע פון אַ „לאָווטשע“, אָן „אַמט“, וואָס האָט אינעם ערשטן יאָר, און אונטער אַזאַ טיטל, נאָך ניט געקאָנט זיין. צווייטנס, רעדט זיך אין דער פּיעסע וועגן דעם, אַז אַ געזעץ־פּראָיעקט אויך פאַר חתונה־באַגרענעצונגען איז שוין אין יענער צייט באַהאַנדלט געוואָרן אין די צייטונגען. דאָס קאָן נאָר האָבן אַ שייכות צו אַ צייט קורץ פאַרן אַרויסקומען פונעם רעגולאַמען אין יאָר 1835.

די „חתונה־בהלה“ האָט זיך געצויגן פון 1834—1835. פון די ז״ז 159־160 אזי צו זען, אַז אַקסענפעלד ווייסט נאָך ניט פּינקטלעך, ווי דאָס געזעץ וועט אויסזען: 20 און 18, אָדער 18 און 16 יאָר. ער זאָגט בפירוש: „דער אוקאַז איז אָבער נאָך ניט אַרויסגעקומען, און אפשר וועט מען דערינען עפּעס אַנדערש מאַכן מיט די יאָרן, אפשר 16 און 18 יאָר.“ דאָס געזעץ ווערט שוין אָבער באַהאַנדלט אין דער צייטונג, וואו עס רעדט זיך וועגן אַ חתונה־עלטער פון 20 און 18 יאָר און וואו דער עולם ווערט אויפגעקלערט וועגן דער נייטיקייט פון אַזאַ געזעץ. „וואָלטן זיי עפּעס געוואוסט פון רוסיש אָדער אָן אַנדער לשון לייענען, איז אין די צייטונג קלאָר צו זען, אַז דאָס, וואָס זיי האַלטן פאַר אַ גזירה, איז פאַרקערט אַ חסד פונעם קייסער יר״ה, אַז דער קייסער הייסט אַ מיידל פון 18 יאָר און אַ ייִנגל פון 20 יאָר זאָל ניט טאָרן חתונה האָבן, מוז מען אים ניט האַרציק דאַנקען דערפאַר?“ (ז׳ 160). עס זיינען אָבער, זעט אויס, אויך געווען פאָרשלאָגן אין דער צייטונג וועגן 18 און 16 יאָר: „יידן זיינען, נעבעך, אָרעם, און מאַכן דווקא חתונה צו 13 יאָר, טאָר מען דאָס? דעריבער איז דאָס אַ חסד, דער קייזער הייסט, אַז דווקא 18 יאָר און 20 יאָר, אָדער דאָס מיידל 16 יאָר.. און דער מאַנסביל 18 יאָר אָדער מער.“ (ז׳ 160). פון דעם אַלעם איז יעדנפאַלס קלאָר, אַז אַקסענפעלד ווייסט נאָך ניט פּינקטלעך די עלטער־נאָרם, ד. ה., אַז ער האָט די פּיעסע געשריבן פאַרן 13טן אַפּריל, 1835. ווייטער איז קלאָר, אַז בעת אַקסענפעלד האָט די פּיעסע געשריבן, האָט עס שוין געהאַלטן באָענט צום אַרויסקומען פונעם געזעץ, וואָס איז שוין אַרומגערעדט געוואָרן אין דער צייטונג. — דאָס האָט, אַ סברה, ניט געקאָנט געשען פריער ווי 1834. הייסט דאָס, אַז אַקסענפלעד האָט אויסגעמאָלט די אַנאַלאָגישע חתונה־פּאַניק פון 1827־1828 לויט די פאַקטן פון 1834־1835.

דעריבער נעמען מיר אָן, אַז „דער ערשטער יידישער רעקרוט“ איז אָנ־געשריבן געוואָרן 1834 אָדער אָנהייב 1835.

7. ביבליאָגראַפישע נאָטיצן צו דער טעמע „רעקרוטשינע״

(צו זייטן 157, 179)

מיר האָבן בלי־ספק ניט אין מינדסטן אויסגעשעפּט די ביבליאָגראַפיע פון די בעלעטריסטישע ווערק, וואָס באַהאַנדלען די רעקרוטשינע־טעמע אין דער יידישער, העברייאישער און רוסיש־יידישער ליטעראַטור פון יענער צייט. דאָס איז אויך ניט געווען אונדזער כוונה. פאַר אונדז איז וויכטיק געווען פעסט־צושטעלן און צו פאַרגלייכן די שטעלונג צו דער רעקרוטשינע־פּראָבלעם ביי פאַרשיידענע יידישע שרייבער און פון פאַרשיידענע צייטן. דאָ ווען מיר בלויז נאָך צוגעבן, אַז א. מ. דיק האָט אַ חוץ זיינע זכרונות „דער ערסטער נאַבאָר״ א. אַז. וו., אָנגעשריבן אויך אַ דערציילונג, וואָס איז געווידמעט דער רעקרו־טשינע־טעמע: „דער אַנטלאָפענער רעקרוטל״, ווילנע, תרל״ב (1872, דרוק־דערלויבעניש פון דער צענזור, אויגוסט 1871). עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אויך אין דער דאָזיקער דערציילונג, — פּונקט ווי אין באָגראָווס „פּאָי־מאַניק״, אין גאָרדאָנס „העצמות היבשות״, אין מנדעלעס „ווינטשפינגערל״ — ווערט שוין די טעמע באַהאַנדלט מיט אַ געוויסער געמיטלעכער רואיקייט און זי באַקומט אַ גליקלעכן סוף, כאָטש די דערציילונג הייבט זיך אָן מיט טראַגישע טענער: „. . . דער אוקאַז האָט דערלויבט צו נעמען קינדער נאָר וואָס זייבען שוין אַלט צו צוועלף־דרייצן יאָר, און אונדזערע אָבציסטווינע לייט האָבן אָפּגעגעבן קינדער פון 6־7 יאָר, דערצו נאָך גאַנץ ניעזאַקאָנע, דעז עס וואַרן אָפּגעגעבן פיל יתומים, בן־יחידים פון אָרעמע, שוואַכע עלטערן, דאָס עס וואַר ניס נאָך אַמאָל ווער עס זאָל קלאָגן און ווער עס זאָל ריכטן. און דיזע קליינע אָפּגעגעבענע געשעפּפע (באַשעפענישן) פלעגן צו פאַרשמאַכטן און פאַר־גיין אויף די לאַנגע רייזן און מאַרשרוטן נאָך די ווייטע רוסישע גובערניעס פון קומער און פון קעלט. איינע זינדע, וואָס מיר יידן וועלן זיך ניט קענען פון איר ריינוואַשן...״ און אין אַ הערה: „די זינדע בלייבט געצייכנט אויף אימער״ (ז׳ 5). וועגן די צוויי הונדערט יידישע קינדער־רעקרוטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער קאַזאַרמע איבאַיינעם מיט זיין „העלד״, זאָגט דיק, אַז זיי זייבען געווען „אַלע דורכאויס פון אָרעמען און עלנדן שטאַנד, על־פּי־רוב יתומים אָדער ישובישע (דאָרפישע — מ. וו.) קינדער״ (ז׳ 13).

אינטערעסאַנטע שטריכן וועגן דער רעקרוטשינע זינט 1854 געפינען מיר אין שמ״רס (שייקעוויטשס) „דער פּאָימאַניק, אָדער דאָס העלדישע מעדכען״, ווילנא, 1897. זע אויך מענדעלע אין „שלמה ר׳ חיימס״, העברייאישע אויס־גאַבע, „כל כתבי״ א. אַז. וו., כרך שני, ספר רביעי, אודיסה, תרע״ז, ז׳ 207,

און מ. ווינטשעווסקי: „דער לעצטער נאַבאָר" (מ. ווינטשעווסקיס געקליבענע ווערק, ב. 5, מינסק, 1935, ז' 57 און ווייטער).

און דאָ איז אויך כדאי צו דערמאָנען, אַז נ. ס. ליעסקאָוו האָט אין זיין מעמואַרנאַרטיקער דערציילונג „אָווצעביק" (געשריבן אין יאָר 1862) געגעבן אַן אויפטרייסלענדיקע שילדערונג פון אַזאַ פאַרטיע יידישע קליינע ייִנגלעך־רעקרוטן אויפן עטאַפּ.* זע אויך זיין „וולאַדיטשני סוד". ליעסקאָוו איז געווען אַ באַשטימטע צייט סעקרעטאַר אינעם רעקרוטן־אַמט אין קיעוו, אַזוי אַז ער האָט געקענט די פאַרהעלטענישן פון אייגענער דערפאַרונג.

די ליקווידאַציע פון די רעשטלעך רעקרוטשינע דורך דעם געזעץ וועגן אַלגעמיינער מיליטער־פליכט פון 1874 יאָר האָט זיך אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן אָפּגעשפּיגלט אינעם יידישן פאָלקסליד. אין אַ גרויסער האַנטשריפט־לעכער נאָך ניט פאַרעפנטלעכטער און ניט באַשריבענער זאַמלונג יידישע פאָלקסלידער, קופּלעטן און ליטעראַרישע לידער ** פונעם משכיל און שרייב־לערער ב. סאַפּאָזשניקאָוו אין זשיטאָמיר (די דאַטעס פון די פאַרשרייבונגען ציען זיך פון 1860 ביז 1890, ד. ה., אַז די דאָזיקע זאַמלונג איז די ערשטע, וואָס איז באַקאַנט פון דעם מין) געפינען מיר אַ גאַנצע ריי פאָלקסלידער און קופּלעטן פון אַרום 1874 אויף דער דאָזיקער טעמע.*** געוויינלעך קלאָגט זיך דער פאָלקס־זינגער, אַז איצט מוז שוין יעדער אָן אויסנאַם צו איין און צוואַנציק יאָר גיין „צום זשערעב":

---

* „פּאָלנאָיע סאָבר. סאָטשינעניאַ נ. ס. לעסקאָוואַ" (רוסיש), ב. 6, סט. פּעטער־בורג, 1897, ז"ז 263, 270.

** די זאַמלונג געפינט זיך אין פּריוואַטן באַזיץ. פּונקט ווי ביים רעקרוטשינע־ליד, וואָס מיר ברענגען אויף ז"ז 152-153, איז אויך דאָ דער פאַרשרייבער פון פאָלקס־לידער (און בלויז נאָר דער פאַרשרייבער?) אַ שרייב־לערער.

*** פאַרגלייך גינזבורג־מאַרעק די נומערן 333—345, וואָס האָבן אויך אַלס טעמע די „איין־און־צוואַנציקער", ד. ה. די אַלגעמיינע פליכט צו גיין צום „זשערעב" פאַר יעדן, וואָס ווערט אַלט איין און צוואַנציק יאָר. בכלל דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז די לידער פון סאַפּאָזשניקאָווס זאַמלונג זיינען וויניקער פּעסימיסטיש און יאָמערנדיק, איידער די נאָר־וואָס דערמאָנטע ביי גינזבורג־מאַרעק. ס'זעט אויס, אַז סאַפּאָזשניקאָווס לידער זיינען אַ ביסל עלטער. אין פאַרגלייך מיט דער אַלטער „רעקרוטשינע", פון וועלכער עס זיינען נאָך 1856 נאָך געבליבן היפּשע רעשטלעך, האָט די אַלגעמיינע מיליטער־פליכט ניט געקאָנט מאַכן קיין באַזונדערס שווערן איינ־דרוק, בפרט אויף די אָרעמערע שיכטן. די סענטימענטאַל־מעלאַנכאָלישע לידער ביי גינזבורג־מאַרעק שטאַמען מן־הסתם פון אַ שפּעטערדיקער צייט, ווען מע האָט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן די אַלטע רעקרוטשינע.

. . . אוי, ווייגט-זשע, יידן, פאַר דעם בורא
אויף הייגטיקער שלעכטער צאַט,*
אוי, עס איז דאָך אַ ביטערע גזירה,
אַז י ע ד ע ר ק י נ ד מוז זיין אַ סאָלדאַט...

דערביי ווערן אַמאָל וואַריאירט די אַלטע קינהדיקע קלאָגן פון די פריאָם־לידער, ווידערשפּרעכיק, דורכגעמישט מיט פּאַטריאָטישער לאָיאַלקייט, און אַמאָל אַפילו פּלוצים — מיט הומאָרפולן חוזק און שאָדן־פרייד אויף חסידים, וואָס פלעגן זיך פריער אויסדרייען פון רעקרוטשינע. אָבער די אויפריכטיק־טראַגישע טענער פון די אַמאָליקע לידער פעלן דאָ אינגאַנצן. אַזעלכע סטראָפעס, ווי:

. . . שרייט צו גאָט, יידן אַלע
מיט אַ גרויס געשריי,
פרעגט אים נאָר איין שאַלע,**
פאַרוואָס קומט אונדז אַזוי?...

געהערן גיכער צום אָבליגאַטאָרישן טראַפּאַרעט פונעם סקאַרבאָוון נוסח. כאַראַקטעריסטישער פאַר דער צייט זיינען אַזוינע סטראָפעס:

אַך, מענטשן, קוקט אייך נאָר אום
און באַטראַכט די נייע צייט,
אייך ווייזט אויס, אַז עס איז קרום,
וואָס ס'גייען אַוועק יונגע־לייט.

מ'קען טאַקע ניט ריידן,
אַז עס איז בעסער פון פריער,
עס טוט געווים ליידן
אָנצוקוקן דעם גראָבן מונדיר.

אָבער דאָך מיט דער צייט —
קען איך מיינע לייט,
אַז זיי וועלן פאַרגעסן געשווינד.

עס וועט זיין נאָר אַ שאַנד
ביי אונדז אין רוסלאַנד,
ווער ס'האָט ניט דעם קייזער געדינט...

און דער סוף פונעם ליד:

* צייט.
** שאלה.

וואָס קען טאָן דער חסיד, אַ יונגערמאַן,
אים איז שוין שלעכט גאָר,
אַז ער וועט ניט קענען ביים רבין זאַן *
איינמאָל אין יאָר.

היינט ווי קאָן מען טאָן גאָטס געבאָט,
אַפילו דאַוונען קאָן מען אויך ניט —
גאַנצפרי דאַרף מען זיין אויפן סמאָט[ר].
— — — — — — — — — — — —

נאָר אַז דער חסיד וועט קומען אַהיים,
וועט ער די מצווה זיין מקיים.
ער וועט זיך תיכף דערמאָנען אין דעם:
ער האָט שוין לאַנג ניט געכאַפּט קיין שיריים.

ער וועט פאַרקאַטשען די פּאָלעס
און וועט לויפן צום רבינס טיש,
דאָרט וועט ער שוין באַקומען אַלעס:
אַ שטיקל קוגל מיט אַ גרויסער שטיק פיש.

די אָרעמע מאַסן האָבן אַוודאי ניט געקאָנט אויף ערנסט באַדויערן, וואָס ס׳זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן די רעשטלעך רעקרוטשינע און וואָס „אַלע אַן אויסנאַם" דאַרפן טראָגן די זעלבע מיליטער־פליכט. א. מ. דיק צעגיסט זיך (1871) אין לאָיאַלער דאַנקבאַרקייט און זינגט אַ הימן אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, וואָס האָט אין 1856 אָפּגעשאַפט די רעקרוטשינע. דיק איז באַזונדערס צופרידן דערפון, וואָס בנוגע די „באַבאָרן זיינען מיר גלייך געשטעלט מיט אַלע אַנדערע מיטבירגער פון דיזעם לאַנדע, אַזוי ווייט, דאָס עס איז ערלויבט צו זיין איינער פאַר דעם אַנדערן פאַר איין אָכאָטניק, אַ קריסט פאַר אַ יידן, אַ ייד פאַר אַ קריסט".** עס איז אָבער קלאָר, אַז די מאַסן זיינען גאָר ניט אַזוי שטאַרק צופרידן געווען פון דער דאָזיקער „גלייכשטעלונג", דערפון, וואָס אויך יידן האָבן שוין געמעגט שטעלן „אָכאָטניקעס". וואָרעם אין אמתן האָט זיך קיינמאָל ניט געטראָפן, אַז יידן זיינען געגאַנגען פאַר קריסטן אָדער קריסטן פאַר יידן, עס איז אָבער געווען אַ נאָרמאַלע שטייגער־דערשיינונג, אַז אין די יאָרן צווישן 1856 און 1874 זיינען געוויינלעכע אָרעמע יידן געגאַנגען אַלס „אָכאָטניקעס" פאַר פאַרמעגלעכע יידן. אויב די דאָזיקע אינסטיטוציע איז אין יאָר 1874 (לפּחות לויטן געזעץ) בטל געוואָרן, האָבן דאָס ברייטע מאַסן אַוודאי ניט באַדויערט. פאַרקערט, זיי האָבן זיך געפרייט, וואָס:

---

* זיין.

** א. מ. דיק: „דער אַנטלאָפענער רעקרוטל".

„נאַכאַטניקעס וועלן שוין פאַר אייך ניט גיין..."

דער אַנאָנימער קופּלעט,* פון וועלכן מיר נעמען די דאָזיקע שורה, איז פאַר אונדז זייער אינטערעסאַנט, ווייל אין אים קומט שאַרף צום אויסדרוק די טיפּישע און עכטע שטימונג פונעם ברייטן המון בנוגע דער ענדערונג אינעם ענין מיליטער־פליכט. עס ווערט דאָ דייטלעך אַרויסגעזאָגט אַזאַ באַוואוסט־זיניקע שאַרפע שטעלונג קעגן די תקיפיש־גבירישע אונטערדריקער, ווי מיר געפינען דאָס זעלטן אין דער ליטעראַטור און אינעם פאָלקסליד פון יענער צייט. עס איז זייער פאַרשטענדלעך, אַז אין אַזאַ ליד וועלן מיר ניט הערן קיין שום טענות וועגן דער ענדערונג, גיכער פאַרקערט.

8. לעווינזאָנס פּאַמפלעט

(צו זייט 186)

דעם שאַרפן פּאַמפלעט אויף העברייאיש „תולדות פלוני אלמוני הכזבי" (וואָס ענדיקט זיך מיטן יידישן ליד „פּורים־שפּיל אויסגערופן אין שול") האָט לעווינזאָן געשריבן אין יאָר 1851, אויף איינעם אַ קהלס־מאַן, אַ צבועקישן האַלבן משכיל און האַלבן חסיד.** דער פּאַמפלעט איז ביאָגראַפיש אויפגעבויט, געשריבן אין גרעלע רעאַליסטישע פאַרבן, און ברענגט וואָס שייך שטייגער ביז גאָר אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל. לעווינזאָן דערציילט דאָ עטלעכע שטייגערישע פּראַקטיקעס, שילדערט דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון דער רעקרוטשינע און נעמט דערצו שטעלונג אויף אַזאַ אופן, אַז ס'איז כדאי די דאָזיקע ערטער אויספירלעך צו ציטירן. באַזונדערס, ווייל דער דאָזיקער געזעלשאַפט־לעכער דאָקומענט שטאַמט נאָך פון דער רעקרוטשינע־צייט, — און ווייל דובנאָוו און אַנדערע בירגערלעכע היסטאָריקער, וואָס דערמאָנען ביי דער

* זע „אַקסענפעלדס ווערק", קיעוו, 1931, אַנמערקונגען און עקסקורסיעס, ז"ז 334—336.

** „וזה כעשרים וארבע שנים מאת אשר יצאה הפקודה לקבל גם מבני ישראל לאנשי חיול" („ילקוט ריב"ל, ווארשא, 1878, ז' 10), ד. ה., אַז דער פּאַמפלעט איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1851. אין אַ הערה, דאָרט, ווערט געבראַכט אין קלאַמערן: „(ברוך המקום, ברוך הוא, שפטרנו היום מכל אלה!"). די דאָזיקע באַמערקונג שטאַמט, פאַרשטייט זיך, פון אַ שפּעטערדיקער צייט (פון נאָך 1856), פון לעווינ־זאָנס אָדער גאָר פון נאָכאַנזאָנס האַנט. לויט ד. מאַגיד („יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ", ב. 6, 1913, ז"ז 494-495, הערה), איז דער פּאַמפלעט געשריבן געוואָרן אויף דעם באַוואוסטן מענדל לאַנדעסבערג.

רעקרוטשינג־טעמע די פֿאַרשיידנסטע קוואַלן, צווישן אַנדערע אַפּילו קאַטיקס „זכרונות“, שווייגן אינגאַנצן וועגן דעם דאָזיקן פּאַמפֿלעט לעווינזאָנס.

דעם פּאַרשוין פֿון זיין פּאַמפֿלעט, דער שפּעטערדיקן כאַפּער מנחם, שילדערט לעווינזאָן אַלס אַ מענטש, וואָס האָט זיך אין דער יוגנט פּאַרנומען מיט גאָר אַ טונקעלער פּראָפעסיע (פֿאַלשמינצערײַ(?). (זע די אַנצוהערעניש „ילקוט ריב״ל“, 1878, ז׳ 9), און דערנאָך מיט קאָנטראַבאַנדע און ענלעכע געשעפֿטן. מיט דער צייט האָט זיך מנחם דערשלאָגן דורך פֿאַרשיידענע רויבערישע עקספּלואַטאַציעס צו אַ פֿאַרמעגן און איז געוואָרן אַ בכבודער כאַפּער און אַ קהלסמאַן.

„אָ, ווער וועט קאָנען אויסדערציילן דאָס גאַנצע אומרעכט און דאָס שלעכטסקייט, וואָס איז געטאָן געוואָרן אין זיין הויז אינעם ענין רעקרוטן. אויף יעדן שריט און טריט איז געבראָכן געוואָרן די גערעכטיקייט און דער אמת, דאָס געזעץ פֿון דער תורה און די גוטע געזעצן פֿאַר דער רעגירונג זיינען צעטראָטן געוואָרן מיט די פֿיס. למשל: איין משפּחה פֿון אַן עושר איז צעטיילט געוואָרן אויף עטלעכע קליינע משפּחות, כדי זי צו באַפֿרייען פֿון דער פֿליכט, און עטלעכע פֿאַמיליעס פֿון אָרעמע מענטשן האָט מען צונויפֿגענומען אַלס איין משפּחה, כדי פֿון איר צו מאַכן איין גרויסע פֿאַמיליע און זי צו פֿאַרפֿליכטן צו געבן אַ רעקרוט. ווען אַן עושר האָט געהאַט עטלעכע דערוואַקסענע זין, האָט מען אים צוגעגעבן אַן אָרעמען, אַ פֿרעמדן, וואָס האָט געהאַט אַ קליין און שוואַך יינגל — און אַמאָל איז דאָס קינד נאָך דערצו אַלט געווען ערשט 8־9 יאָר, — האָט מען דאָס דאָזיקע קינד פֿונעם אָרעמען אָפּגעגעבן פֿאַר די זעקס זין פֿונעם עושר. מע האָט צונויפֿגערופֿן צוועלף מלמדים פֿון דער שטאָט אָדער אָרעמע באַלעבאַטים, און מע האָט זיי באַפֿוילן, זיי זאָלן שווערן אין שול פֿאַרן אָרון־קודש מיט דער ספר־תורה אין דער האַנט, אַז דער דאָזיקער אָרעמאַן איז פֿונעם עושרס קרובים און פֿון איין משפּחה, און אַז דאָס דאָזיקע קינד איז שוין אַלט געוואָרן צוועלף יאָר.* און אַמאָל האָט מען געדאַרפֿט שווערן אויף פֿאַרקערט, אַז דער דאָזיקער זון פֿונעם אָרעמאַן, כאָטש ער איז שוין,

---

* פֿאַרגל. וואָס נ. ס. ליעסקאָוו דערציילט אין „ניעקודאַ“ (געשריבן אין יאָר 1864) וועגן דער ביאָגראַפֿיע פֿון זיין פֿיגור נפֿתלי סאַלאָווייטשיק פֿון בערדיטשעוו:

„...און צו ניין [יאָר] אָפּגעגעבן אין רעקרוטן, אונטערן אויסקוק פֿון אַ צוועלף־יאָריקן, אויף דעם גרונט פֿון געשוואוירענעם עדות־זאָגן פֿון צוועלף געווויסנהאַפֿטיקע יידן, וואָס האָבן באַשטעטיקט פֿאַר אַ האַלב קערבל, אַז דער יינגל איז שוין פֿול אַריבער צוועלף יאָר, און אַז ער קאָן אַריינטרעטן אין רעקרוטן פֿאַר זיין שטאַרק געליבטער קהילה.“ (פֿולע זאַמלונג פֿון נ. ס. לעסקאָווס שריפֿטן, סאַנקט פּעטערבורג, 1897, ב. 6, ז״ז 402־403.)

למשל, אַלט געווען 36 יאָר, איז נאָך ניט אַריבער די 24, וואָרעם קינדער יינגער ווי 12 יאָר, און מענער עלטער ווי 24 יאָר זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן אין רעקרוטן.* — און נאָך און נאָך האָט מען געדאַרפט שווערן פאַלשע שבועות יעדע רגע און איטלעכע שעה. (פאַרגל. די „הפקר־וועלט“, וואַרשע, 1902, ז׳ 35 — מ. וו.). און ווען אַזאַ מלמד אָדער אַזאַ [אָרעמער] באַלעבאָס וואָלט זיך אָפּגעזאָגט צו שווערן, אָדער וואָלט געוואָלט אויסזאָגן דעם אמת, וואָלט ער זיך אַריינגעבראַכט אין אַ סכנה, מע זאָל אים רודפן ביז צו פאַרניכטונג, מיט אַלע מיני רדיפות, און אַז מע זאָל זיין זון נעמען פאַר אַ רעקרוט אָדער לפּחות — אויב ס׳וועט ניט מעגלעך זיין, ווייל די מלוכה וועט אים בשום־אופן ניט צונעמען — מע זאָל דעם דאָזיקן אַרעסטירן צווישן די רעקרוטן און אים האַלטן עטלעכע חדשים, אַ חוץ דעם אָבער נאָך אַנדערע רדיפות אין געלט־זאַכן א. אַז. וו.“ (ז׳ 11.)

לעווינזאָן דערציילט, אַז אין דער צייט פון נאַבאָר האָבן אַפילו די מער פאַרמעגלעכע מורא געהאַט פאַר די כאַפּערס, און זיי געגעבן געלט. אָבער אינעם שטייגער־בילד, וואָס ער מאָלט פונעם כאַפּערס שטוב בעתן נאַבאָר, געפינען מיר בלויז אָרעמעלייט: „און אַז דער דרייער האָט געזען, אַז דאָס דאָזיקע געשעפט פון די כאַפּערס איז גוט, אַשטייגער, ווי ס׳וואָלט געשאַפן געוואָרן פון ששת־ימי־בראשית נאָר פון זיינעטוועגן, האָט ער אַוועקגעלייגט אַלע אַנדערע געשעפטן און האָט ניט גערוט, און האָט צוגעטראַכט פאַרשיידענע אינטריגעס, און האָט צוגעגנבעט דאָס האַרץ פונעם המון (וואָס איז זייער באַשעפטיקט מיט צרות, מסחר און מלאכה), ביז ער האָט זיך אַריינגעדרייט אין דער סאַמע מיט פון דעם געשעפט, און האָט גענומען אויף זיך צו טראָגן די גאַנצע לאַסט און מי. אויך זיין הויז, אין וועלכן ער האָט גע־

---

* די פאַקטן, וואָס לעווינזאָן באַשרייבט דאָ, זיינען ניט געבליבן קיין סוד פאַר דער מלוכה (זע דעם באַריכט פונעם ווילנער גובערנאַטאָר פאַרן יאָר 1850, ביי קאָראָבקאָוו „יעוור. רעקר. א. אַז וו.“ אין „יעוור. סטאַרינאַ“, 1913, ז׳ 237). גאָר האַמעטנע רויבערייען פלעגן זיך אַמאָל, כאָטש טאַקע זעלטן, ענדיקן מיט אַ בייזן פּראָצעס פאַר די כאַפּערס. לעווינזאָן דערציילט („תולדות“ א. אַז. וו., ז׳ 14): „. . . און די צען באַלעבאַטים, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אינעם ענין פון די רעקרוטן, האָט אָט־אָ דער פּאַסקודניאַק געגעבן שלעכטע עצות און האָט אויסגעזויגן פון דער קהלשער קאַסע געלט אויף הוצאות, ביז עס זיינען אַריינגעפאַלן עטלעכע פון די דאָזיקע לייט אין דער נעץ אַריין. אַ טייל פון זיי זיינען געשטאָרבן אין תפיסה און האָבן מודה געווען אויף זייערע זינד, וואָס זיי האָבן געזינדיקט קעגן די געזעצן פון קייזער. און דאָס אַלץ צוליב דער עצה פון דעם דרייער...“ דאָ ווערט, ווי ס׳זעט אויס, געגעבן אַן אָנצוהערעניש אויף אַ פּראָוואָקאַציע פון דעם „מנחם דעם דרייער“, וואָס איז אַליין געבליבן נישט־באַשטראָפט, פּונקט ווי גע־וויינלעך אַלע אַנדערע כאַפּערס און קהלס־לייט.

וואוינט, האָט ער איינגאַנצן איבערגעלאָזט צו דעם צוועק פון די דאַזיקע פאַר־זאַמלונגען. זייט דעמאָלט איז זיין הויז ברייט אָפן, סע טומלט און ווימלט דאָרט פון אַ סך מענטשן, ווייבער און קינדער פון דער אָרעמשאַפט, וואָס שרייען גוואַלד — און זייער געשריי גייט אַזש ביז צום המיל. דאָ יאָמערט אַ קינד ביטערלעך, און דאָרט שפּרייט אויס אַ פרוי די הענט, דאָ חלשט אַן אַלטיטשקע, און דאָרט פאַלט אַן אַכציק־יעריקער זקן צו דער ערד, פאַרכליפּעט זיך אין געוויין. אָבער פאַרן אויער פון דעם דאָזיקן אויבערכאַפּער איז דאָס קול פון געוויין — מוזיק. ער גייט זיך אַרום אין שטוב אַרויף און אַראָפּ און לאַכט אָדער סוויסטשעט צו זיינע פייגעלעך, אָדער זיצט זיך מיט זיינע זין און מיט זיין הויזגעזינד צו טיש, צו מיטאָג אָדער אָוונט־ברויט. ווארעם ער איז אַן אכזר, וואָס זיין גלייכן איז גאָר ניטאָ. און קיינמאָל האָט ער ניט געטרייסט אַ מענטשן, וואָס וויינט פאַר אים, נאָר דאָס איז זיין שטייגער, צו פאַרמערן נאָך יסורים און ווייַ־צו־טאָן מיט ווערטער, ביטערע ווי ווערמוט, צו פאַרגיסן מענטשס בלוט מיט האַרטע, בייזע זידלערייען.״

כדי צו כאַראַקטעריזירן לעווינזאָנס פאַרשטעלונג וועגן דער ראָל און באַציאונג פון דער רעגירונג צו די דאָזיקע שאַנד־טאַטן, איז כדאַי צו ציטירן אַזאַ פאַקט, וואָס ער דערציילט: „אַנומלט איז אַזאַ משפּט (וועגן אַן אומגערעכט אָפּגעגעבענעם רעקרוט פון דער אָרעמשאַפט — מ. וו.) געקומען פאַרן ווּאילן, טייערן הער, דעם קלוגן און גערעכטן היגן גובערנאַטאָר, האָט ער עפנטלעך געזאָגט צו אַ פרוי, ביי וועלכער מע האָט צוגענומען אַ זון מיט אומרעכט, ווייל ער איז עלטער געווען ווי דרייסיק יאָר: „איך ווייס, אַז דער אמת איז מיט דיר, דו אומגליקלעכע פרוי, אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז צוועלף הינט פון אייערע לייט האָבן געשוואוירן פאַר גאָט, אַז דיין זון איז אַלט 24 יאָר? זאָל גאָט זען און משפּטן, און איך און דער רוסישער טרוין זיינען ריין.״ דער דאָזיקער צבועקישער פּילאַטוס־שפּרוך האָט אויך לעווינזאָנען אָפּגענאַרט, און דאָס איז טאַקע אויך זיין אייגענע (זע דאָרט, ז׳ 12) מיינונג.

9. מלוכהשע און משכּילישע רעפאָרם־פּראָיעקטן פאַר יידן

(צו זייטן 189, 191)

אין „דער ערשטער יידישער רעקרוט״ גיט אהרן קלוגער די דערקלערונג פאַר דעם וואָרט „רעדוקציע״ (קיעווער אויסג., ז׳ 160): „נאָך פאַר פוילן האָט דער פּוילישער סענאַט געוואָלט מאַכן פאַר יידן די אייגענע גזירה, אַז דאָס מיידל [צו] אַכצן און דאָס יינגל [צו] צוואַנציק יאָר זאָל מעגן חתונה האָבן, האָבן די נאַראָנים אָנגענומען די תקנה פאַר אַ ביטערע גזירה, און מע האָט

געשווינד, געשווינד קליינע פּיצעלעך קינדער פון אַכט יאָר חתונה געמאַכט. דאָס הייסט רעדוקציע." — געמיינט זיינען מיט דעם וואָרט די געזעצלעכע מאָסמיטלען, וואָס פירן צו אַ פאַרמינערונג פון דער צאָל יידישע חתונות, ד. ה., פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אינעם „רעפאָרם־פּראָיעקט פאַר יידן", וואָס די באַזונדערע „דעפּוטאַציע" האָט 1791 פאָרגעלייגט דעם פּוילישן סיים, לייענען מיר *: „מיר באַשטימען, אַז אויף איינצוגיין אַ חתונה־פאַרבינדונג איז נייטיק, אַז די מענער זאָלן אַלט זיין ניט ווייניקער ווי פולע אַכצן און די פרויען ניט ווייניקער ווי פולע פערצן יאָר." אויב מיט די ווערטער „נאָך פאַר פוילן" איז געמיינט דער דאָזיקער „רעפאָרם־פּראָיעקט", און דאָס זעט אויס צום וואַרשיינלעכסטן, זיינען די צאָלן אין אהרן קלוגערס דערקלערונג ניט אינגאַנצן פּינקטלעך.

אין א. הירשאָוויטשעס „רעפאָרם־פּראָיעקט אויף צו פאַרבעסערן דעם שטייגער פון די יידן, וואָס וואוינען אין דער פּוילישער מלוכה", וואָס ער האָט פאָרגעלייגט דעם קעניג און דעם סיים, לייענען מיר אַ גענויערע מאָטיווירונג פאַר אַזאַ חתונה־באַגרענעצונג (דאָרט, ז' 450, פּונקט 7): „אין קיין שום לאַנד אַ חוץ אין פוילן פירט זיך ניט, אַז יידן זאָלן זייערע קינדער צו־יונג חתונה מאַכן, און דאָס אויף אַזאַ שטייגער, אַז די עלטערן קומען דורך צווישן זיך און מאַכן אָפּ: איין צד זאָגט־צו צו געבן נדן און די גאַנצע אויסשטייער, און דער צווייטער צד זאָגט־צו צו געבן קליידער און פאַרשיידענע מתנות. לויט דעם אָפּמאַך שרייבן זיי תנאים מיטן באַדינג, אַז ערשט נאָכדעם, ווי די קינדער וועלן אויסוואַקסן, וועלן זיי דאָס באַקומען. דערווייל ווערן די עלטערן יורדים אָדער זיי באַנקראָטירן אינגאַנצן. די קינדער גרייטן זיי ניט צו צו קיין שום פּרנסה, אַרבעט אָדער האַנדל, לאָזן זיי ניט לערנען און אַז זיי וואַקסן אויס, האָבן זיי ניט קיין קליידער, ניט די צוגעזאָגטע מתנות, ניט דעם נדן לויטן אָפּמאַך, ניט קיין גוטע דערציאונג. הייבן זיי זיך אָן צווישן זיך קריגן, און פון דעם קומט אַרויס צעשיידונג און גטן. און אָפּט טרעפט זיך, אַז אַן אומפאַרשטאַנדיקער וואַרפט אַוועק זיין פרוי, גייט וואַנדערנדיק אין דער וועלט אַריין, וואו די אויגן טראָגן און פאַרנעמט זיך מיט שלעפּעריי, ווייל עפּעס אַנדערש האָט ער זיך ניט געלערנט. דעריבער העננגט טאַקע אַ סך אָפּ פון דער קינדער־דערציאונג. וואָרעם אויב די קינדער ווערן פון יונגערהייט אָן צו־געוויינט צו אַרבעט, וויסנשאַפט, צו מלאכות אָדער האַנדל, וועלן זיי שפּעטער שטענדיק ווערן גוטע איינוואוינער. אָבער זיי חתונה מאַכן געהער זיך ניט פריער, איידער דער מאַנצביל וועט ניט האָבן מינדסטנס אַכצן און דאָס מיידל

* וולאַדיסלאַוו סמאָלענסקי: „אָסטאַטני ראָק סעימו וויעלקיעגאָ" (פּויליש), קראַקאָוו, 1896, אַרטיקל 8, ז' 432.

פופצן יאָר; אין דעם עלטער איז שוין דער פאַרשטאַנד אַ בעסערער, און זיי קאָנען זיך שוין אַליין באַמיען וועגן אַ שטיקל ברויט און קאָנען שוין אַליין פאַרדינען; בעת איצט פאַרלאָזן זיך די קינדער נאָר אויף די עלטערן, האָבנדיק צוגעזאָגטע קעסט ביז צו עטלעכע יאָר, און צוליב דעם גרייטן זיי זיך צו גאָרנישט, וואַקסן און ווערן ניט־טויגלעך צו גאָרנישט."

די חתונה־נאָרמירונג ווערט דאָ מאָטיווירט אַלס אַ געזעץ לטובת די יידן, סיי אַלס אַן עקאָנאָמישע, סיי אַלס אַ דערציערישע רעפאָרם. בכלל אָבער געהער די חתונה־נאָרמירונג צו די עלטערע מערב־אייראָפּיאישע באַגרענע־צונגס־ און "רעדוקציע־מיטלען" קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. די נאָרמירונג איז דאָרט דער עיקר פאַרגעקומען דורך אָפּצאָלן און איז געווען געווענדט דער עיקר קעגן דעם אָרעמערן טייל יידן. אין פוילן האָט נאָך די סיים־קאָנסטיטוציע פון 1775 געפּרוווט נאָרמירן די צאָל יידישע חתונות. הירשאָוויטש שליסט זיך אָן צו דער מיינונג, אַז ס'איז נייטיק די חתונות צו באַגרענעצן. זייט דעמאָלט איז דער דאָזיקער פונקט אַריין אויך אין דער פּראָגראַם פון דער השכלה.

זייט אָנהייב נײַנצנטן יאָרהונדערט באַגעגענען מיר אין דער יידישער השכלה־ליטעראַטור פון פוילן־רוסלאַנד זייער אָפט די פּראָפּאַגאַנדע קעגן יונגע חתונות. אין דער אַנאָנימער "די גענאַרטע וועלט" (צווייטער יאָר־צענדליק פונעם 19טן יאָרהונדערט) לייענען מיר: "זעט נאָר, וואָס פאַר אַן אומרעכט דאָס איז, קליינערהייט שרייבט זיך דער חתן אונטער אויף אַ כתובה: „את תהא יתבת בביתי ומתזנת מנכסי", ער ווייסט נישט, וואָס ער שרייבט זיך אונטער, וואָס ער איז זיך מתחייב, און דערנאָך ווערט ער, נעבעך, פאַר־שוואַרצט, און ווייסט נישט פאַרוואָס. ווי ווייסט אַ קינד איינצוברענגען? קיינער וויל זיך אָבער ניט די ראיה נעמען פון די טויזנט און טויזנט אומ־גליקלעכע מענטשן, און אַלע טאָג זעט מען יונגע חתונות, און זיינען, נעבעך, אומגליקלעך כל ימי חייהם." דער אויספיר איז, אַז חתונה האָבן דאַרף מען ניט פריער ווי צו אַכצן יאָר: "וואָרין אַ מענטש צו אַכצן יאָר, איטלעכער אין זיין שטייגער, איז שוין ביים שכל זיך גוט אונטערצוגאַרטלען, אַ ווייב צו נעמען, קינדער צו האָבן און זיי מפרנס צו זיין."* דאָס זעלבע איז אַקסענפעלד אויסן צו זאָגן דאָרט, וואו ער לאָזט אהרנען מיט זיין ווייב שמועסן וועגן דער דאָזיקער טעמע**: "יידן זיינען, נעבעך, אָרעם און מאַכן דווקא חתונה צו דרייצן יאָר. טאָר מען דאָס?"

---

* „דיא גנארטי וועלט", אויסגאַבע לעמבערג, 1863, ז"ז נ"ח—נ"ו.

** זע אַקסענפעלדס ווערק, „דער ערשטער יידישער רעקרוט", ז' 160.

עס איז, אגב, אינטערעסאַנט פעסטצושטעלן, אַז הירשאָוויטש, דער ערשטער ייד אין פּוילן, וואָס האָט דערלאַנגט דירעקט צו דער רעגירונג אַן אויספּירלעכן און אַלזייטיקן רעפֿאָרם־פּראָיעקט, האָט פֿאָראויסגעכאַפּט ניט בלויז געזעצלעכע מאָסמיטלען פֿון דער רוסישער רעגירונג, נאָר אויך אַ גאַנצע ריי „אייזערנע" פּראָגראַם־פּונקטן פֿון דער רוסישער השׂכּלה. זיינע רעפֿאָרם־פֿאָרשלאָגן זיינען ווייט ניט געווען אָריגינעל און ניי, זיי זיינען איבערגענומען געוואָרן סיי פֿון מערב־אייראָפּייאישע געזעצגעבונגען, סיי פֿון עלטערע פּוילישע רעפֿאָרם־פּראָיעקטן.

וועגן דער חתונה־נאָרמירונג אין הירשאָוויטשעס מעמאָראַנדום האָבן מיר שוין גערעדט. דער ערשטער פֿון זיינע רעפֿאָרם־פֿאָרשלאָגן באַהאַנדלט דאָס צופֿירן די יידישע אָרעמשאַפֿט צו מלאכה; דער צווייטער — צו פֿעלד־ און ערד־אַרבעט; דער דריטער — די קליידער־רעפֿאָרם; דער פֿערטער — די מיסברויכונג פֿון רבנים (רביים ?); דער פֿינפֿטער — די קהלשע מיסברויכונג; דער זעקסטער — קהלשע רעפֿאָרמעס: איינאָרדענונג פֿון שפּיטאָלן, דע־פּאופּעריזאַציע דורך צוציען אָרעמע צו אַרבעטן אויף הרעבליעס, בריקן, וועגן, קאַנאַלן אין די פּריצישע לייבאייגנטימערישע גיטער א. אַז. וו.

הירשאָוויטש שטרייכט אומעטום אונטער די אינטערעסן פֿון דער מלוכה און פֿונעם האַנדלס־קאַפּיטאַל, באַזונדערס אין זיינע אַרגומענטאַציעס. עטלעכע ביישפּילן:

וועגן מלאכה: „. . . אַז יידן זאָלן טאָן אַלע מלאכות, אַזוי אַרום וועלן זיי האָבן זייער גענוגנדיק אויסקומעניש, און דאָס לאַנד — אַ נוץ פֿון זייער פֿאַרשיידענע האַנטווערק. דאָס וואָלט געפֿירט דערצו, אַז די מלאכות און די פֿאַרשיידענע קונסטפֿאַרטיקייטן וואָלטן זיך פֿאַרפֿולקומט און ס'וואָלט ניט מער נייטיק געווען אויסצושרייבן אַ סך זאַכן פֿון אויסלאַנד און זיי אַריינ־פֿירן מיט באַדייטנדיקע הוצאות; זאַכן, וואָס מע וואָלט גאַנץ גוט געקאָנט אויסאַרבעטן אין פּוילן, און דאָס געלט, וואָס גייט אַרויס קיין אויסלאַנד פֿאַר די דאָזיקע זאַכן, וואָלט געקאָנט פֿאַרבלייבן אינעם לאַנד... אַ סך איצטיקע ליידיקגייערס וואָלטן זיך געמוזט נעמען פֿאַר אַ באַשטימטער פּראָפֿעסיע, אַזעלכע מענטשן, וואָס אָפּלאָזנדיק די הענט, טוען זיי גאָרנישט און פֿאַלן אַלס עול אויף די קהילות און אויף יידישע פֿאַמיליעס, וואָס מוזן זיי, די ניט־טויגלעכע צו גאָרנישט, אומזיסט דערנערן." (פּונקט 1, ז"ז 447־448.)

וועגן פֿעלד־אַרבעט: „. . . פֿאַראַן אין אוקראַינע ניט ווייניק פּוסטע סטעפּעס און ערטערוויז אויך אין פּוילן בראַך־פֿעלדער, ניט־באַאַרבעטע, וואָס אויב מע זאָל זיי צעטיילן צווישן יידן פֿאַר באַאַרבעטן, וואָלטן זיי געבראַכט דעם לאַנד אַ נוץ, און די באַזעצונג פֿון די פֿאַרלאָזענע ערטער וואָלט זיך פֿאַרמערט. נחמיה, קאַפּ. 9, פּערז 33, זאָגט: „ווער ס'באַאַרבעט זיין ערד,

ווערט זאַט פון ברויט, אָבער ווער ס׳מאַכט נאָך די פּוסטעפּאַסניקעס, איז אַ נאַר.״ פאַרוואָס זאָלן יידן ניט צולייגן אַ האַנט צו פעלד־אַרבעטן, פון וועלכע עס קומט אַרויס אַזויפיל גוטס? די פּירות פון דער ערד מאַכן רייך דאָס לאַנד, און איר גערעטעניש מאַכט גליקלעך זיינע באַוואוינער, וואָרעם ניט בלויז עס דערנערט מיט די אַרויסבאַקומענע פּירות, נאָר איז אויך אַ קוואַל פון יעדן האַנדל.״ (פּונקט 2, ז׳ 448.)

וועגן צוציען די אָרעמשאַפט צו ערד־אַרבעט, מעליאָראַציע, וועג־בוי א. אַז. וו. אָנשטאָט אונטערצושטיצן די שלעפּערס און בעטלערס דורך נדבות און הקדשים, לייגט הירשאָוויטש פאָר (אַ חוץ קאָלאָניזאַציע), אַז „. . . די באַדייטנ־דיקע גרונט־ און קרייז־באַזיצער, וואָס פירן איין אָרדענונג אין זייערע גיטער, זאָלן זיי (די יידישע אָרעמעלייט, שלעפּערס א. אַז. וו. — מ. וו.) באַנוצן ביים אַרויספירן הרעבליעס, בריקן, פאַרריכטן שליאַכן, ביים אויסטריקענען זומפּן, ביים גראָבן קאַנאַלן, ריוועס, ביים אויסראַמען די שטראָמען פון אָנגעזאַמלטע שטערונגען, אַזוי־אַרום וועט דאָס לאַנד האָבן אַ נוץ, און זיי — אַן אַרבעט און דערנערונג, וואָרים די טויזנטער אָרעמע, וואָס פאַרמערן זיך אַלץ מער, דאַרפן האָבן אַ לייטישע פאַרזאָרגונג, ריכטיקער: מע דאַרף געפינען אַ מיטל, ווי אַזוי זיי קאָנען ווערן נוצלעך דעם לאַנד, צולייגנדיק אַ האַנט צום אַלגעמיינעם וואויל. עס איז אָבער נייטיק, אַז מע זאָל זיי באַשטימען זיכערע און גערעכטע באַצאָלונג, פון וועלכער זיי זאָלן האָבן אַ געהעריק אויסקומעניש, אַזוי ווי ס׳איז איצט איינגעפירט אין פראַנקרייך פאַר די אָרעמעלייט, וואָס אַרבעטן אַרום שליאַכן און קאַנאַלן. וואָרעם אַנדערש קאָן מען זיי פאַר אומזיסט דערצו ניט טרייבן.״ (אין פּונקט 6, ז״ז 449־450). פּונקט 26 (ז׳ 446) פונעם רעגולאַ־מען פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אינעם גאַנצן פּוילישן פאָלק״, וואָס די „ספּעציעל באַשטימטע דעפּוטאַציע״ האָט צוגעשטעלט דעם סיים, פּרואווט סטימולירן די אָרעמשאַפט צו דער דאָזיקער אַרבעט דורך באַפרייאונג פון אַלע שטייערן.

וועגן קליידער־רעפאָרם: „. . . די מענטשלעכע שטאַנדן און קאָנדיציעס טיילן זיך געוויינלעך אויס אין אָנשטענדיקע לענדער — לויט זייער אָנטאָן און קליידער, און יעדער פּרואוו אַרויסצוגיין פון די גרענעצן ווערט אָפּגע־שטעלט דורכן געזעץ. די קליידונג פון אונדז וואַנדערערס, פון אונדז יידן, זאָל זיין באַצייכנט מיט אַ באַשטימטער באַגרענעצונג, אַז זי זאָל ניט אַרויסגיין איבער דער מאָס פון אונדזער שטאַנד. צו וואָס טויגן די אַטלאַסן, גראָדעטורן, סאַמעטן, אין וועלכע די יידן פּוצן זיך, אָדער די קעסטלעכע זאַכן: פּערלען, טייערע שטיינער, שטערנטיכלעך, אין וועלכע עס צירן זיך די יידישע פרויען. אָט־דאָס דאָזיקע באַרימערישע אַרויסשטעלן אויסנווייניקן פון רואינירט זייער פאַרמעגן, ברענגט זיי צו לעצטער נויט און צווינגט זיי אויפצונעמען חובות.

און פונדאַנעט שטאַמען באַנקראָטן. דאָס געלט, וואָס מע גיט אויס אויף פוץ־קליידער, וואָס ליגן אומזיסט אינעם קאַסטן, וואָלט געקאָנט בעסער באַנוצט ווערן אויף נוצלעכן האַנדל, איידער אויף טויטן קאַפּיטאַל, וואָס מאַכט שטענדיק אָרעם. דער לוקסוס פון זיך פוצן ברענגט זיי דערצו, אַז זיי זאָלן ניט באַמערקן, ווי די גאָלדענע קייטלעך זיינען די סיבה, אַז מע טוט זיי לסוף אָן קלינגענדיקע אייזערנע קייטן. — טוך, קאַמעלאָט און קיטיי (אינלענדישע סחורות — מ. וו.) זאָל זיין זייער אָנטאָן; גוטע מידות, ערלעכקייט, פייאיקייט, שפּאָרעוודיקייט און גוטעווירטשאַפטלעכקייט וועט זיין זייער צירונג, זייער מעלה און זייער ניט־פאַרענדערלעך באַשטענדיק גליק, דאָס וואָס זיי פאַרשאַפן גענוגנדיקן קרעדיט, ערלעכן האַנדל און שטענדיק גענוגנדיקע פרנסה דורך ליבוועדטיקער אַרבעט.״ (פונקט 3, ז׳ 448.) —

אַקסענפעלדס איינגעשפּאַרטער אָפּשפּאָט פון דער יידישער קליידונג באַזירט זיך, ווי מיר זעען, אויף אַן אַלטן געדאַנק, פונקט אַזוי ווי די אַרויסטרעטונגען פון אַנדערע משכּילים אין דעם פּרט און ווי דער פאַרבאָט פאַר יידישער קליידונג, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט שפּעטער (אין יאָר 1850) אַרויסגעלאָזט. די אַרויסטרעטונגען פון די אַלטע יידישע מוסר־שרייבער און די רבנישע באַשלוסן קעגן דעם לוקסוס אין דער יידישער קליידונג,* פונקט אַזוי ווי די עלטערע מערב־אייראָפּייאישע מלוכהש־געזעצלעכע באַרמירונגען אין דעם פּרט, האָבן אַ חוץ די עקאָנאָמישע מאָטיוון געהאַט אין אויג אויך די סכסוכים צווישן צוויי עטניש, אָבער ניט עקאָנאָמיש אָפּגעגרענעצטע טיילן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, און האָבן געדאַרפט מילדערן דורך קליידער־מימיקרי די פאַרשיידענע רייבונגען. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער „רעגולאַמען״, וואָס איז צונויפגעשטעלט דער עיקר פון פוילישע אַדעליקע מלוכה־מענטשן, רוקט אַרויס דעם מאָטיוו פון שטייגערישער פאַראיינהייטלעכונג פון יידן מיט דער אַנטשפּרעכנדיקער ניט־יידישער באַפעלקערונג, אַ מאָטיוו, וועלכן הירשאָוויטש דערמאָנט בכלל ניט. דער דאָזיקער „רעגולאַמען״, וואָס איז בכלל

---

* דער „רעליגיעזער״ געברויך־אַסקעטיזם פון די פוריטאַנישע סעקטעס אין די צייטן פון די פריאיקע בירגערלעכע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען (למשל, אינעם 17טן יאָרהונדערט אין ענגלאַנד) איז געוויינלעך אויפגעקומען, ווען ס׳איז דעם בירגער באַזונדערס דייטלעך געקומען צום באַוואוסטזיין דער באַדייט פון געלט אַלס קאַפּיטאַל. געלט דאַרף ווערן קאַפּיטאַל, און קאַפּיטאַל דאַרף געבוירן ווייטערדיקן קאַפּיטאַל, געלט טאָר מען ניט צעוואָרפן אויף „טויטע הוצאות״. דעמאָלט ווערט דער לוקסוס אַ „געזעלשאַפטלעכע״ „אַ (רעליגיעזע״) זינד. אין דער יידישער סביבה קומט נאָך צו דער זייער וועזנטלעכער און אפשר וויכטיקסטער מאָטיוו פון דער קנאה און שנאה, וואָס די טייערע קליידונג רופט אַרויס ביי דער ניט־יידישער באַפעלקערונג.

גענומען פאַר יענער צייט (קורץ פאַר דער צעפּאַלונג פון פּוילן) אַ זעלטענע דערשיינונג פון „וואוילגעזיניגטקייט" בנוגע יידן, באַטאָנט דעם אינטערעס פון דער מלוכה אין דער שטייגערישער פאַראייניהייטלעכונג פון יידישן און ניט־יידישן בירגערטום, און וויל בלויז אָפּהיטן באַשטימטע פּריווילעגיעס פונעם אַדל, — טאַקע דערפאַר, ווייל יידן באַקומען אַ ריי נייע רעכט. די עקאָנאָמישע מאָטיוון הירשאָוויטשעס געפינען מיר דאָ בלויז אין אַן אָנצוהערעניש. הירשאָוויטש לייגט פאַר בלויז באַגרענעצונגען פון לוקסוס, דער רעגולאַמען אָבער לייגט פאַר אָפּשאַפן די ספּעציפישע יידישע קליידונג בכלל (ז' 432): „כדי דער חילוק אין אָנטאָן פון יידן און דער איבעריקער באַפעלקערונג, וואָס שלאָגט צו שטאַרק אין די אויגן, זאָל ווערן אָפּגעשאַפט, צוליב די יידנס אייגענער טובה וועגן, ווערט באַשלאָסן, אַז פונעם טאָג, ווען דאָס דאָזיקע געזעץ וועט ווערן גילטיק, ביז אין פינף יאָר אַרום פאַר מענער און ביז צען יאָר אַרום פאַר פרויען, זאָלן יידן, וואָס וועלן נאָך דעמאָלט ניט אַלט זיין 55 יאָר, זיך ניט מער ווייזן אינעם אָנטאָן, וואָס זיי האָבן ביז איצט באַנוצט, נאָר זיי זאָלן דאַרפן זיין אָנגעטאָן, ווי ס'איז איינגעפירט אינעם לאַנד צווישן פאַרשיידענע קלאַסן, אַזוי וואָס שייך דעם שניט און אַזוי וואָס שייך די קאָלירן פון זייערע קליידער. אין דעם פּרט, פונקט ווי אינעם באַנוצן אַלע באַדערפעניש, דאַרפן די יידן אויפן פינקטלעכסטן אופן אַרונטערפאַלן סיי אונטער די אַלטע געזעצן, סיי אונטער די געזעצן, וואָס זיינען פאַר אונדז, דעם קיניגס מלוכה־צייטן, אַרויסגעקומען, און וואָס האַמעווען דעם לוקסוס אינעם לאַנד..." די דאָזיקע פונקטן פונעם „רעגולאַמען" און פונעם „רעפאָרם־פּראָיעקט", וואָס האָבן קיינמאָל ניט באַקומען קיין געזעצלעכע סאַנקציע, זיינען דערנאָך מיט אַן ענלעכער אָדער אַ ביסל אַן אַנדערער מאָטיווירונג איבערגענומען געוואָרן פון דער השכלה. מיט דער צייט האָט אויך די צאַרישע רעגירונג איבערגענומען די דאָזיקע פונקטן אַלס צוגאָב צו איר אכזרישער „יידן־פּאָליטיק", כדי זי אַ ביסל צו „פאַרשענערן" דורך די דאָזיקע „אויפגעקלערטע" מאָס־מיטלען.

10. השכלה און די פּראָבלעם פון חתונה

(צו זייט 192)

די שיינע ליטעראַטור פון דער מערבדיקער בירגערלעכער אויפקלערונג האָט זיך פון אָנהייב אָן באַשעפטיקט מיט דער שטייגערישער פּראָבלעם פון חתונה, פונקט אַזוי ווי מיט דער פּראָבלעם פון קינדער־דערציאונג, און אין אַ באַשטימטן צוזאַמענהאַנג מיט איר. שוין אין אַ היפּשן טייל פון מאָליערס

פּיעסעס געפינען מיר דעם מאָטיוו וועגן אַ מיידל, וואָס די עלטערן ווילן זי מיט גוואַלד חתונה מאַכן מיט אַ מאַן, וועלכן זי האָט ניט ליב. די אינטריגע אַנטוויקלט זיך דאָרט געוויינלעך מיטן זיג פון דער „ליבע" און פונעם „פער־זענלעכן ווערט". די פּאָבולאַרישע קאַנוועס פאַר דעם מין אינטריגע געפינען מיר שוין אין אַ סך עלטערע סצענאַריעס פאַר איטאַליענישע קאָמעדיעס (דעל אַרטע). פון דאָרט האָט זיי מאָליער גענומען. דאָס בירגערטום אינטערעסירט זיך זייט דער רענעסאַנס מיט דער דאָזיקער פּראָגע. זייט דעם 17טן און 18טן יאָרהונדערט באַקומט די פּראַגע אַלץ מער וויכטיקייט.

די אויפקלערערישע ליטעראַטור אין יידיש, באַזונדערס די דראַמאַטישע ליטעראַטור זייט וואָלפסזאָן, דעם אַנאָנימען פּאַרפאַסער פון „די גענאַרטע וועלט", עטינגער, אַקסענפעלד, גאָטלאָבער, בויט זייער גערן די פאַבול אויף דער דאָזיקער אויפקלערערישער טעמע. דער פּאַטריאַרכאַלישער און פּרימי־טיוו־„מזרחדיקער" שטייגער, וואָס איז אין פּרט פון „חתונה־מאַכן" געבליבן פאַרשפּרייט צווישן יידן, האָט געשטויסן די השכלה זיך באַשעפטיקן מיט דער דאָזיקער פּראַגע. זי האָט לויט דער אויפקלערערישער טראַדיציע אַקעגנ־געשטעלט צו דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אָפּשאַצונג נייע שאַצונגס־מאָסן: ליבע און פּערזענלעכער ווערט. די אַנטשיידונג האָט געדאַרפט אַרויס־גענומען ווערן פונעם אויסשליסלעכן רשות פון די אָפּגעשטאַנענע עלטערן און אַריבערגיין אין רשות פון די פּאַראינטערעסירטע גופא, פון די זין און טעכטער. לויט די דעמאָלטיקע באַדינגונגען איז דאָס אָפט ניט מעגלעך געווען סיידן דורך אַ שפּיצל אָדער אַפּנאַרעריי („רעכט געטאָן, צוויי קלוגע יונגע־לייט האָבן די אַלטע אָפּגענאַרט" — „די גענאַרטע וועלט", ז' 310). לויט די דאָזיקע שטייגערישע פאַקטן בויען זיך טאָקע די פאַבולעס אויך פון די דעמאָלטיקע יידישע אויפקלערערישע פּיעסעס.

11. צו אַקסענפעלדס ביאָגראַפיע

(צו זייט 197)

אַקסענפעלד האָט זיך אין זיין יוגנט, ווי סע זעט אויס, אַ סך יאָרן אַרומ־געוואַלגערט אין חסידישע „הויפן". ניט בלויז ביים רבין נחמן פון בראַצלאַוו, נאָר אויך אינעם הויף פון מאַטעלע טשערנאָבילער א. אַ. דאָס האָט זיך געצויגן ביז אַן ערך 1810. ניט געקוקט דערויף, געהער ער צום טיפּ פון די „וועלט־מענישע" און ניט בטלנישע משכילים. אגב: ס'זעט אויס, אַז זיין ערשט ווייב האָט אים געבראַכט אַ באַשטימטע סומע נדן און מיט דעם געלט האָט ער אָנגעהויבן מאַכן „קאָמיסיאָנערישע" געשעפטן.

פון 1815, ווען די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות האָבן זיך געענדיקט, ביז 1824, ווען אַקסענפעלד האָט זיך באַזעצט אין אָדעס — וועגן די דאָזיקע ניין יאָר אין זיין ביאָגראַפיע ווייסן מיר גאָרניט. אָבער גראָד די דאָזיקע יאָרן זיינען געווען זייער וויכטיק פאַר אַקסענפעלדס גייסטיקער אַנטוויקלונג און פאַר זיין ליטעראַרישער טעטיקייט.

אינעם צווייטן טייל פון שמשון בלאָכס „שבילי עולם" איז אָפּגעדרוקט אַ צעטל „פּרענומעראַנטן" אויפן ערשטן באַנד פון דעם בוך (דערשינען 1821). צווישן די בראָדער איינוואוינער, וואָס האָבן באַשטעלט דעם „שבילי עולם", ווערט דערמאָנט ישראל אַקסענפעלד. דאָס באַטייט, אַז אַקסענפעלד האָט דעמאָלט, אין די יאָרן 1820־1821, געלעבט אין בראָד. צעדערבוים שרייבט אין זיין נעקראָלאָג אויף אַקסענפעלדן, אינעם „קול מבשר", אַז אַקסענפעלד האָט חתונה געהאַט מיט די „קלוגע... רעכעלע, די טאָכטער פון דעם גערימטן ר' אַבעלע הורוויץ אויס בראָד". דאָס איז אָבער אָן שום ספק פאַרגעקומען איידער אַקסענפעלד האָט זיך באַזעצט אין אָדעס (אין יאָר 1824), וואָרעם זיין זון אַוווגוסט אַקסענפעלד, דער שפּעטערדיקער מעדיקער, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1825, ער איז אָבער געווען דער צווייטער זון אַקסענפעלדס. דער עלטערער איז געווען דער מאָלער היינריך אַקסענפעלד. דערפון קאָן מען מיט זיכערקייט משער זיין, אַז אַקסענפעלד האָט חתונה געהאַט טאַקע אין בראָד, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ שטיק צייט און אויף אַזאַ אופן געהאַט די מעגלעכקייט זיך דאָרט צו באַקענען מיט די באַדייטנדיקסטע פאָרשטייער פון דער גאַליצישער השכלה. ער האָט זיך דאָרט אויך מסתּם באַקענט מיט מענדל לעפין, ישראל זאַמאָשטש, דוב־בער גינצבורג און אַנדערע. מעגלעך, אַז טאַקע אין בראָד האָט זיך אַקסענפעלד באַקענט אויך מיט יצחק בער לעווינזאָן, צו וועלכן ער האָט זיך שטענדיק באַצויגן מיט גרויס אַכטונג.

12. וועגן אַקסענפעלדס אָנשויאונגען

וועגן אַקסענפעלדס ביאָגראַפיע און באַזונדערס וועגן זיין פּערזענלעכער באַציאונג צו די משכּילישע שרייבער פון זיין צייט, פאַרמאָגן מיר זייער ווייניק מאַטעריאַלן. דעריבער וועלן מיר דאָ ברענגען איבערגעזעצט אויף יידיש דעם באַוווּסטן בריוו, וואָס אַקסענפעלד האָט געשריבן צו לעווינזאָנען צוויי יאָר פאַרן אָנשרייבן „די גענאַרטע וועלט" (געדרוקט אין „ספר הזכרונות", אַרויסג. פון ד. ב. נאַטאַנזאָן, וואַרשע, 1894, ז"ז 51־52). דער דאָזיקער בריוו ווייזט אונדז אַקסענפעלדס באַציאונג צו דעם „פאָטער פון דער השכלה" אין

רוסלאַנד, צו י. ב. לעווינזאָנען, און וואַרפט אַ באַשטימטע שיין אויף אַקסענ־פעלדס אידעאָלאָגיע.

בריוו צו י. ב. לעווינזאָן.*

„מיין האַרץ האָט זיך דערפרייט, ווען איך האָב געלייענט אייער בוך „בית יהודה", וואָס איז פול מיט געלערנטקייט און וויסן, אַ בוך, וואָס ברענגט אַ סך נוץ פאַר יידן, אַ שפּאַציר־גאָרטן, צוגעגרייט צום פאַרגעניגן פון דער יידישער געזעלשאַפט, אויף געוואויר צו ווערן דעם קוואַל פון זייער רעליגיע און דעם איכות פון אירע לערעס לויט אַ ריכטיקן סדר, און אַלץ איז דערקלערט אין אַ קלאָרער, ריינער שפּראַך, וואָס איז אָנגענעם פאַרן לייענער. און וואָס שייך דעם עול פון דחקות און פון שלאַפקייט, וואָס דערשלאָגן אייך שוין אַזוי לאַנג, קאָן איך אייך טרייסטן דערמיט, אַז גאָט האָט אייך באַשטימט פאַר אַ מוסטער צו די קינדער פון אייער פאָלק. דאָס איז דאָך זייער גורל פון זינט ס'איז אַראָפּ־געגומען געוואָרן פון זיי זייער צירונג. דאָס דאָזיקע קלוגע און פאַרשטאַנדיקע פאָלק איז אַ פּיטער פאַר פרעכע און האַרט־האַרציקע מענטשנפיינט, וואָס גע־פינען זיך צווישן די רשעים פון דער וועלט, — זיי רופן די יידן אַ פאָלק, וואָס מע דאַרף אויף אים קיין רחמנות ניט האָבן, זיי זידלען זיי מיט שטעכעדיקע און דערנער, מיט איין און דער זעלבער מאָס מעסטן זיי יעדערן, וואָס רופט זיך אָן מיטן נאָמען ייד (אַ דאַנק צו גאָט, וואָס די קעניגן און פירשטן מיט זייער רחמנות גלייבן ניט אַלע זייערע ווערטער!), אַזוי אַז סיי דער געלערנטער, סיי דער זינדיקער האָבן פון זיי אַלצאיינס אויסצושטיין.

אָבער מיר, כאָטש מיר זיינען מינדער אין זייערע אויגן, ווייסן מיר, אַז מיר טויגן און זיינען פונקט אַזוי פייאיק צו יעדער שאַפונג, קונסטפאַרטיקייט און נוצלעכער טואונג, ווי יעדער פון זיי, און מיר צייכענען זיך פון זיי אויס דערמיט, וואָס מיר ווערן ניט איבערדריסיק און שטענדיק האַלטן מיר זיך פאַר די אויגן דאָס, וואָס דער געלערנטער רמב"ם האָט אונדז אָנגעוויזן וועגן דעם שפּרוך פונעם תלמוד: „צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם". עס שטייט ניט אויף זייערע קעפּ, נאָר אין זייערע קעפּ. וואָרעם די דאָזיקע קרוין, וועגן וועלכער עס רעדט זיך, איז אינעם קאָפּ ממש. דאָס איז אַן אָנצוהערעניש אויף די הויכקייט פונעם באַנעם, מיט וועלכן עס זיינען פייאיק צו באַנעמען די דאָזיקע גערעכטע, און ווי די מעלה פונעם ליכט אַקעגן דער פינצטערניש, אַזוי איז די מעלה פון וויסן. און טאַקע אויך איצט זיינט איר, מוסטער פון מיין פאָלק, געקניפּט און געבונדן דורך קייטן פון אָרעמקייט זינט אַזויפיל צייטן, און אייער האַרץ ווייטיקט, ווען איר זעט, ווי די פּיקסלעך פאַרוויסטן דעם גלוסטיקן וויינגאָרטן מיט זייערע פוסטע ביכער, וואָס זיינען פול מיט

* פון יאָר ת"ר (1840).

טיפּשות און נאַרישקייטן, זיי טאַקע שטאָפּן זיך אָן די קעשענעס מיט געלט דורך דעם בראָך, וואָס זיי צעברעכן (אָדער „דורך דער דערקלערונג, וואָס זיי דערקלערן״: וואָרטשפּיל לויט צוויי טייטשן — מ. וו.) די לעצטע רעשטלעך פונעם פאָלק. און איר האָט אויסצושטיין נאָכגעוואָרפענע זידלערייען פון די טיפּשים, וואָס מאַכן אַ פּרומאַקישן אָנשטעל, שלייפן זיך די צונג צו שענדן אייער גאַנצע שאַפונג, די פּרוכטן פון אייער מי אין דער תורה און וויסנשאַפט, אין מאָראַל און לייטישקייט. און כאָטש איר האָט ניט קיין העלפער און אָנ־שפּאַר, האָט איר פאָרט ניט געביטן אייער שטייגער און איר האָט פאַרמערט דאָס וויסן מער פאַר אַלץ, וואָס פריער איז געווען. און כאָטש אייער האַנט איז שוואַך געוואָרן, איז אייער גייסט ניט געוואָרן מוטנע, און פון דעם קוואַל פון אייער קלוגשאַפט שעפּט איר אונדז לעבעדיק וואַסער פון דער לערע. מיר האָפן, אַז אַזוי טאַקע וועט איר נאָך מער פאַרמערן, און אייער גוטן אוצר וועט איר אונדז עפענען — מיט די גוטע ביכער, וואָס איר וועט נאָך אַרויסברענגען, וואָרעם אייער קרוין איז אין אייער קאָפּ. קיין שום זילבער און גאָלד קאָנען ניט אָפּוועגן אייער מי און אויפטו, און דער לוין אייערער איז טאַקע אין אייך גופא. איר ווייסט וואויל דעם גרויסן נוץ און דאָס פיל גוטס, וואָס איר טוט יידן אייער פאָלק, און אייער האַרץ פאַרשטייט און אייערע אויגן זעען די מאַנגלען, וואָס סע פעלן זיי. זיי ווייסן ניט די וויכטיקייט פון וויסן. און איר האָט דאָס דערגרייכט און עס באַנומען. אָבער איין זאַך וויל איך אייך פרעגן וועגן אַן ענין, וואָס איר באַהאַנדלט אין אייער בוך „בית יהודה״, קאַפּ 61: וואָס פאַר אַ שייכות האָט „פּאָרכטיקייט״ און „ליבשאַפט״ צום גלויבן אין דער איינציקייט פונעם באַשעפער? צי ווייסן מיר דען ניט וועגן גרויסע און פולקומע לייט, הייליקע פון העכסטן, וואָס האָבן געלעבט פאַרן אָננעמען די תורה, זייער גלויבן איז שטאַרק געווען אין גאָט, וואָס קאָן אַלץ און וואָס באַ־שאַפט אַלץ — און פאָרט האָט „פּאָרכטיקייט״ און „ליבשאַפט״ ניט אָנגערירט זייער האַרץ? איר, וואָס פאַרנעמט זיך שוין אַזוי לאַנג דערמיט, צו באַזיניקן מיט אייער שאַרפן שכל און ברייטן וויסן אַלץ, וואָס סע שטייט אין דער תורה, כאָטש עס זעט אַמאָל אויס ווי ווידערשפּרוכן — טוט מיר צוליב און פאַרשט אויס דעם ענין פון „פּאָרכטיקייט״ און „ליבשאַפט״, וואָס איז דאָס אַזוינס? און ווי קאָן אַ גאָט פון אַ מענטשן פאַרלאַנגען אַזעלכע זאַכן? לערנט מיך און דערקוויקט מיין גייסט, וואָרעם איך קאָן מיך ניט בייקומען. לערנט מיך און גיט צו פאַרשטיין לויט אייער פיינעם שטייגער.״

פאַרשיידענע פרומלעכע מאָמענטן אין טאָן און אינהאַלט פון דעם דאָזיקן בריוו דאַרפן פאַררעכנט ווערן אויפן חשבון פון דער שטאַרק קאָנווענציאָנעלער העברייאישער מליצה. אַקסענפעלד האָט זיך דאָ אפשר אַ חוץ דעם אויך אין

אַ געוויסער מאָס צוגעפּאַסט צום אַדרעסאַט, צו לעווינזאָנען. פונדעסטוועגן קאָן מען פון דעם דאָזיקן בריוו אַרויסנעמען, אַז אַקסענפעלד איז, פונקט אַזוי ווי די גרעסטע מערהייט משכילים, ניט געווען דורכאויס אַנטי־רעליגיעז. אַקסענפעלד באַטאָנט דעם ווערט פון לעווינזאָנס בוך פון איין זייט אַלס אַפּאָ־לאָגיע קעגן די קריסטלעכע אָנגריפן אויף דער יידישער רעליגיע, פון דער אַנדערער זייט אָבער אַלס קאַמף־מיטל קעגן דעם יידישן אָבערגלויבן, קעגן דעם חסידיזם. דער קאַמף פון די משכילים קעגן חסידיזם, צובעקעס און פרומאַקעס האָט ניט שטענדיק באַטייט אַ קאַמף קעגן דער רעליגיע בכלל. לעווינזאָן טרעט פונקט אַזוי אַרויס קעגן „מינות" ווי קעגן חסידיזם (זע „ילקוט ריב"ל", ז' 73). ער האַלט, אַז „אמונה היתרה (אָבערגלויבע) והאמונה החסרה (אומגלויבע) נראות לנו כצרות זו לזו; אמנם אחיות תאומות הנה", ד. ה., אָבערגלויבן און אומגלויבן זענען אויס ווי קאָנקורענטן, אין אמתן אָבער זיינען זיי גאָר צווילינגען" („ילקוט ריב"ל", ז' 155)). נאַטאַנזאָן ברענגט אין זיין „ספר הזכרונות" געגנוג באַווייזנדיקן מאַטעריאַל פאַר זיין באַהויפּטונג, אַז „חקי תורתנו יקרים היו בעיני ריב"ל והיתה לו שטנה כבושה לאלה אשר הרהיבו בנפשם להסיג גבול עולם אשר גבלו אבותינו הראשונים" (דאָרטן, ז' 52). ד. ה., אַז לעווינזאָן, דער פאַרביטערטער און פאַרביסענער קעמפער קעגן חסידיזם, איז פונקט אַזוי בייז אַרויסגעטראָטן קעגן יעדן פּרואוו, זאָל זיין אַפילו בלויז אויף רעפאָרמירן די רעליגיע, אויב דאָס האָט אָנגערירט באַ־שטימטע אירע „גרונט־זיילן" (למשל, קעגן פאַרבייטן שבת אויף זונטיק א. אַז. וו.). שטרענג גענומען איז דער משכיל לעווינזאָן סיי וואָס שייך דער רעלי־גיעזער „טעאָריע", סיי וואָס שייך דער רעליגיעזער „פּראַקטיס" געשטאַנען אויף אַ דורכאויס קאָנסערוואַטיוון שטאַנדפּונקט און איז ניט ווייטער אַוועק־געגאַנגען ווי באַשטימטע יידישע „הומאַניסטן" פון פריערדיקע יאָרהונדער־טער און אַפילו פון מיטלאַלטער (למשל, ווי משה מיימון א. אַ.). אין באַ־שטימטע פּרטים (וואָס שייך זיין באַציאונג צו קבלה, דעמאָנאָלאָגיע, זיין אויטאָריטעט־גלויבן א. ד. גל.) איז ער אַפילו אין פאַרגלייך מיט אַ טייל משכילים פון זיין צייט געווען גענוג קאָנסערוואַטיוו.

אַקסענפעלדס קוק אויף רעליגיע איז, אַפּנים, געווען נעענטער צום דעאיזם. דער דעאיזם איז זייער זעלטן אַרויסגעטראָטן אַלס לערע פאַר די מאַסן, גע־ווײנלעך נאָר אַלס „סוד" פאַר יחידים פון דער העכסטער בירגערלעכער אינטעליגענץ. פאַר די מאַסן האָט מען דיסקרעדיטירט בלויז „צוגעטשעפּעטע, פאַלשע, אומנוציקע און אומריכטיקע אָבערגלויבנס", און די אויסנוצערישע צבועקעס, ניט אָבער דעם אייגנטלעכן תוך פונעם „געלייטערטן גלויבן". ריכטיק באַנעמען אויך אין דעם פּרט די מחברים פון דער הקדמה צו דער „געגנאַרטער וועלט" אַקסענפעלדס כוונה: „אומעטום זעען מיר, ווי דער מחבר

לאַכט אויס די אַלע נאַרישע אָבערגלויבישע זאַכן אָדער מנהגים, וואָס האָבן זיך מאותווייז צוגעקלעפּט מיט דער צייט צום יידישן פאָלק, אומעטום זעען מיר, ווי ער גיט צו פאַרשטיין אַלע פעלער און שלעכטע מידות, וואָס האָבן זיך ביי יידן מיט דער צייט איינגעקאָרעניעט.״

פון אַקסענפעלדס בריוו באַמערקן מיר אַ באַשטימטע שטרעבונג, לפּחות פאַר זיין אייגענער פּערזאָן גופא, צו אַ מער אַבסטראַקטן און מער געלייטערטן „דעאיזם״. אַזוי, למשל, שטערן אַקסענפעלדן די צו־האַמעטנע אַנטראָפּאָמאָרפּע רעליגיעזע פאָדערונגען: גאָט „ליב צו האָבן״ און זיך פאַר אים צו „פאָרכטן״, וועלכע דער משכיל לעווינזאָן חזרט איבער נאָך „די אַלטע״ אין זיין אויפקלער־בוך „בית יהודה״. אַקסענפעלדן קומט אויס, אַז עס איז גענוג דער בלויזער „גלויבן״ אין גאָט. די שורות אינעם בריוו וועגן דעם ענין הערן זיך ווי אַ שטרעבן צום טיפּישן אויפקלערערישן דעאיזם. איבער דער מליצהדיקייט פונעם סטיל ווערט ניט קלאָר, צי איז די רעליגיעזע „געוויסנס־אומרו״, וועגן וועלכער די דאָזיקע שורות דערציילן, טאַקע אויפריכטיק געמיינט. מעגלעך, אַז אַקסענפעלד האָט דאָ געהאַט אַ פעסטן שטאַנדפּונקט. און וועלנדיק אַרויסרופן און געוואויר־ווערן לעווינזאָנס אייגנטלעכע איבערצייגונג, — ביי תוך־פראַגן פון דער רעליגיע פלעגן די משכילים זיין זייער פאָרזיכטיק און אַמאָל טאַקע אויך כיטרע — האָט ער דעם סטיל און טאָן פון זיין פראַגע צוגעפּאַסט צו אַ באַשטימטן שטייגער און נוסח.

דער טאָן פונעם בריוו באַווייזט, אַז אַקסענפעלד האָט זיך צו לעווינזאָנען, וואָס איז געווען יינגער פון אים מיט אַ יאָר, באַצויגן ווי אַ תלמיד צו דעם אָנערקענטן און אָן־ספקדיקן אויטאָריטעט פון אַ לערער און פירער. אין דעם צוזאַמענהאַנג דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז לעווינזאָן האָט נאָך אין יאָר 1832 אַרויסגעלאָזט זיינע צוויי אַנטי־חסידישע פּאַמפלעטן: „דברי צדיקים״ (סאַטיריש־פּאַראָדיסטישע דריי בריוו און אַ שמועס פון חסידים וועגן דעם בוך „מגלה טמירין״) און „עמק רפאים״ (דער העברייאישער אָריגינאַל פון דער יידיש־איבערגעזעצטער סאַטירע „די הפקר־וועלט״, צווייטע אָפּטיילונג, וואָס עס טוט זיך אויף יענער וועלט״; אין דער וואַרשעווער אויסג. 1902, ז״ז 41—61), וואָס האָבן אינאיינעם מיט אַנדערע ענלעכע ווערק בלי־ספק געהאַט אַ ווירקונג אויף אַקסענפעלדס אַנטי־חסידישער ליטעראַרישער טעטיקייט. לעווינזאָן האָט זיך זייט דעמאָלט פאַר זיין קאַמף קעגן חסידיזם מער ניט אומגעקערט צום פּאַראָדיסטישן זשאַנר אויף העברייאישער שפּראַך („תולדות פלוני אלמוני הכזבי״ און „אותו ואת בנו״ זיינען ניט קיין אַנטי־חסידישע ווערק). ער האָט, אַפּנים, איינגעזען, אַז די דאָזיקע פּאַראָדיעס דערגרייכן ניט זייער צוועק. צוליב זייער סובטילקייט און פיינקייט זיינען זיי ניט צוטריטלעך און פאַרשטענדלעך דער ברייטערער חסידישער מאַסע, די מער „געלערנטע״

חסידים אָבער ווערן דורך אַזעלכע ווערק בלויז געררייצט און פאַרשטאַרקט אין זייער עקשנותדיקן אָבערגלויבן. ער פאָלגט כמעט אינגאַנצן דער עצה, וואָס עס גיט אים אַ פריינט זיינער, דער משכיל בעריש בלומענפעלד, אַז ער זאָל זיך מער ניט אָפּגעבן מיט דעם דאָזיקן אויסזיכטלאָזן קאַמף.* אַלס רעזול־טאַט פון די נעגאַטיווע דערפאַרונגען, וואָס שייך דער ווירקזאַמקייט פון העברייאיש־געשריבענע פּאַראָדיעס, דאַרף באַטראַכט ווערן זיין פּרואוו אַרויס־צוטרעטן מיט זיין געזעלשאַפט־קריטיק אין יידישער שפּראַך („די הפקר־וועלט“). דעם קאַמף קעגן חסידיזם נעמט אויף אויפסניי, מיט נייע מיטלען, מיט אַ פאַרשטאַרקטער עקשנות, פאַרביסענעם אימפּעט און טאַקע שוין אויס־שליסלעך אין יידישער שפּראַך זיין „תלמיד“ אַקסענפעלד.

אַקסענפעלדס בריוו צו לעווינזאָנען איז, ווי ס׳איז קלאָר צו זען, אַן ענטפער אויף אַ בריוו לעווינזאָנס („ועל סבלת המחסור וחלי הגוף אשר יהלמוך“ א. אַז. וו.), וואָס איז מן־הסתם אויך געווען אַן ענטפער אויף אַקסענפעלדס אַ בריוו. דער אינטימער כאַראַקטער פונעם בריוו ווייזט, אַז דאָ גייט ניט סתם וועגן די געוויינלעכע משכיליש־מליצהשע העפלעכקייטן, נאָר אַז אַקסענפעלד איז געשטאַנען אין אָפטע בריוולעכע באַציאונגען מיט לעווינזאָנען. דאָס ווערט, אגב, באַשטעטיקט פון וו. טוגענהאָלדס פראַגע צו לעווינזאָנען (1840): „שטעהען זיא ניכט, ליבער פריינד, מיט העררען אַקסענפעלד אין אָדעססאָ אין קאָרעספּאָנדענץ? פאַן בערלין אויס האָט מאַן בייא מיר אויף זיין ספר חסידים אויף מעהרערע דוטצענד עקסעמפּלאַרע בעשטעלונגען געמאַכט... א. אַז. וו.“ („ספר הזכרונות“, ז״ז 57־58).

---

* ב. בלומענפעלד שרייבט לעווינזאָנען אין יאָר 1832 וועגן די צוויי דער־מאָנאַטע סאַטירעס־פּאַראָדיעס: „. . . אָבער דעם אמת וועל איך אייך זאָגן, אַז אַלע חסידים פון דער וועלט אינאיינעם זיינען ניט ווערט, אַז איר זאָלט פאַרברענגען אייער טייערע צייט אויף זייערע נאַרישקייטן. אַ צוועקלאָזע מלחמה פירן מיר דאָ מיט זיי און מיר וועלן זיי ניט בייקומען. זיי פאַרמערן און פרוכפּערן זיך זייער און זייער, און דער גאַנצער גרויסער המון אינאיינעם מיט די שוואַכקעפּיקע, ווייבער און קינדער זיינען געכאַפּט אין זייער נעץ. און ס׳איז איינגעוואָרצלט דער דאָזיקער גלויבן אין זייער הארץ. מיר אָבער זיינען קליין אין צאָל, און די וואָפן, וואָס מיר פאַרמאָגן, זיינען פאַרשטאַנדיקע און גוט באַטראַכטע ווערטער, וועלכע זיי קאָנען ניט באַנעמען, ווייל זיי ווייסן ניט און פאַרשטייען ניט, און זייער האַרץ איז איינגעשפּאַרט מיט טעמפּקייט. איך האַלט, אַז ווען ס׳זאָלן אַפילו קומען אַלע ווינטן פון דער וועלט, וועלן זיי זיי ניט אַ ריר טאָן פונעם אָרט. אדרבא, דורך דעם וועלן זיי זיך נאָך שטאַרקן און פאַרמערן זייער קראַפט און מאַכט. אָבער וואָס דאַרף איך וועגן דעם בריוו שרייבן? איך האָב אייך געזאָגט מיין מיינונג, און איר טוט, ווי איר פאַרשטייט.“ (ד. ב. נאַטאַנזאָן, „ספר הזכרונות“, 1894, ז׳ 28).

13. באַשטאַנד פון רעדנסאַרטלעכע עלעמענטן אין עטינגערס „סערקעלע"

(צו זייט 276)

אין „שריפטן", ב. 1, קיעוו 1928, וואו די דאַזיקע אַרבעט איז צום ערשטן מאָל דערשינען, איז אויף ז' 104 און ווייטער אָפּגעדרוקט דער פולער באַשטאַנד פון אַלע רעדנסאַרטלעכע עלעמענטן אין עטינגערס „סערקעלע", אויסגעטיילט לויט די פאַרשיידענע פאַרשווינען אין דער פּיעסע, כדי אַזוי־אַרום אויסצוקלאָרן, וואָסער מיין עטינגער איז אויסן־געווען דערמיט, וואָס ער האָט די סאַמע נעגאַטיווסטע פיגורן אין דער פּיעסע געלאָזט באַנוצן אין זייערע רעפּליקעס אַממייניסטן רעדנסאַרטלעכע פראַזעס, און די פּאָזיטיווסטע — אַמווייניקסטן.

פון זיין גאַנצן שאַפן, פון זיין גאַנצן סטיל בכלל, איז צו זען, אַז עטינגער האָט געהאַט אַ טיף פאַרשטענדעניש פאַרן פאָלקסטימלעכן וואָרט, פאַר דער פאָלקסטימלעכער שפּראַך־שעפערישקייט. זיי זיינען די גרונטלאַגע פון זיין שפּראַכלעכן סטיל בכלל. ער האָט געפּוצט און געטאָקט דאָס פאָלקסטימלעכע וואָרט מיט געשמאַק, מיט ליבע און דרך־ארץ. און טאַקע אויף דער דאָזיקער ליניע ליגן זיינע שפּראַכלעכע אויפטוען. ביז מענדעלען איז עטינגער דער באַדייטנדיקסטער פאָרעמער פונעם פאָלקסטימלעכן וואָרט.

אָבער ביים כאַראַקטעריזירן די געשטאַלטן דורך זייער וואָרט האָט עטינגער אָנגעווענדט איינע אַ טיפע באַאָבאַכטונג. ער האָט דערזען, אַז ס'איז פאַראַן אַ גרויסער חילוק צווישן דער שפּראַך פון די געזונטע, אַנטוויקלונגס־פּייאיקע מענטשן, מיט אַ פרישן, ניט־פאַרגליווערטן פאַרשטאַנד, פון מענטשן, וואָס שטרעבן באַוואוסטזיניק (אָדער וואָס קאָנען און ווילן פריער אָדער שפּעטער אָנקומען צו אַזאַ שטרעבן) צו ענדערן דאָס אָפּגעשטאַנענע לעבן, — און צווישן דער שפּראַך פון די מענטשן, וואָס זיינען פאַרגליווערט און אָפּגעשטאַנען, ווייל זייער גאַנץ וועזן, לעבן און האַנדלען איז פאַרוואָרצלט אינעם פאַרקריפּלטן שטייגער פון דער פאַרגאַנגענהייט (דער שדכן, דער שענקער, דער הענדלער, די מיוחסדיקע גבירטעס א. אַז. וו.).

די שפּראַך פון די פּאָזיטיווע טיפּן איז ביי עטינגערן פאַרבונדן מיטן עכטן לעבעדיקן פאָלקס־וואָרט, מיט זיין אינערלעכן שעפערישן וועזן. זיי רעדן אַ לעבעדיקע שפּראַך, זיי דריקן אויס זייערע שטרעבונגען, זייערע געדאַנקען, זייער ווילן מיט אַ פּערזענלעכער, פרישער שפּראַך, טאַקע מיט פאָלקסטימלעכע ווערטער און זאַצן. זיי ווענדן אָן דעם טראַדיציאָנעל אָנגעזאַמלטן, פראַזעאָלאָגישן אוצר — אויף אַ לעבעדיקן, נאַטירלעכן אופן. זיי געהערן צו די מענטשן, וואָס שאַפן אַליין אין זייערע רייד פרישן פאָלקלאָר, פרישע רעדנס־

אַרטן, ווייל זיי זוכן אַ לעבעדיקן אויסדרוק פֿאַר זייערע געפֿילן און וואונטשן.
אין זייער מויל בלישטשעט די רעדנסאַרט אין אירע עכטע פֿאַרבן.

אַנדערש די טיפּן, וואָס זיינען מיט זייער גאַנצן וועזן אַ פֿאַרקערפּערונג פֿונעם פּעדאַליש־קלעריקאַלן אָפּגעשטאַנענעם לעבן. זייער שטייגער, זייער האַנדלונג און זייערע גענג זיינען פֿאַרדרייט פֿון קליינלעכער סוחר־מוכריי און קלויזנערישע השגות, כּיטרע „פּאַרפּלפּולט“ און פֿאַרגליווערט. איז זייער אויסדרוק־אופן פּונקט אַזוי ניט־אוממיטלבאַר און פֿאַרגליווערט און „פֿאַר־פּלפּולט“. זיי מיסברויכן מיט די רייד, ווייל רעדן הייסט — אויסדריקן, וואָס מ׳איז אויסן, זיי אָבער באַמיען זיך „אויסדריקן“ אויף אַזאַ אופן, אַז מע זאָל ניט דערקענען, וואָס זיי זיינען אויסן. זיי פֿאַרמאָגן אַ גאַנצן אַרסענאַל פֿון ווערטער אַזעלכע, וואָס האָבן פֿאַר זיך אַליין — אויסערן קאָנטעקסט — כּמעט קיין שום באַדייט נישט, וואָס קאָנען און ווילן גאָרניט קאָנקרעטס זאָגן און זיינען בלויז אַ מין תּנועה, גרימאַס, אָפּרו־אָרט, כּדי דערווייל עפּעס באַטראַכטן, עפּעס באַהאַלטן (אַמאָל די אומגעלומפּערטקייט פֿונעם רייד־ און באַריכט־שטייגער), זיך אַרויסצודרייען פֿון אַ שוועריקייט, איינצושלעפּערן די אויפֿ־מערקזאַמקייט פֿונעם פּאַרטנער א. אַז. וו. ווי למשל: שפּיץ־בקיצור, מאַלע־וואָס, עט, בע, קומט מיין שמיעה־אַפּיר, אוי, מיינע כּוחות; פּראַזעאָלאָגישע סתּם ווינטשענישן, לויבענישן, קללות אין דער וועלט אַריין א. אַז. וו., א. אַז. וו.

און נאָך מער: זיי מיסברויכן צו דעם צוועק מיט די שענסטע פּערלען פֿון דער פֿאָלקסטימלעכער שעפֿערישקייט, מיט די פֿאָלקלאָרישע עלעמענטן פֿון שפּראַך, מיט די רעדנסאַרטן, מעטאַפֿאָרן, גלייכענישן, שפּריכווערטער א. אַז. וו. דער דאָזיקער זייער לעבעדיקער מאַטעריאַל ווערט אין זייער מויל פֿאַר־גליווערט, שאַבלאָניש, די רעדנסאַרט ווערט ביי זיי אַ טראַפֿאַרעטע, סטערעאָ־טיפּישע „פֿראַזע“. דער דאָזיקער אויסדרוק־מאַטעריאַל איז דאָך אַ גרייטער, ניט ניי־געשאַפֿענער, ניט ניי־אימפּראָוויזירטער — איז ער דאָ מיסברויכט געוואָרן, כּדי אונטער אים צו פֿאַרשטעלן פֿאַרשיידענע קליינע כּיטרע כּוונות און מיינען, וואָס זיינען אין זיי קיינמאָל ניט געלעגן. באַנוצנדיק זיי אַלס פֿאַרטיקע אָנגענומענע פֿאָרמען, האָט מען געקאָנט רעדן און ניט זאָגן דאָס, וואָס מ׳איז אויסן.

אין די רעפּליקעס פֿון די דאָזיקע טיפּן איז פֿאַראַן אַ היפּש ביסל זיבלאָזע פֿראַזעאָלאָגיע, אָבער ניט ווייניקער אויך עכטע פֿאָלקלאָרישע רעדנסאַרטן, בילדער, מעטאַפֿאָרן, שפּריכווערטער א. אַז. וו., וואָס פֿאַר זיך, ווען מע שיילט זיי אַרויס פֿונעם קאָנטעקסט, הייבן זיי אָן אויפֿסניי צו בלישטשען אין זייער אייגענער פּראַכט און לעבעדיקייט. אָבער אינעם אומגליקלעכן קאָנטעקסט, אין וועלכן ס׳האָט זיי אַריינגעפּרעסט, למשל, דער בעל־אכסניה שמעלקע טרוי־ביקס, דער דרייער יוחנן שדכן, דער שווינדלערישער גבריאל הענדלער אָדער

די אויפגעקומענע צבועקישע מיוחסת סערקעלע, זײַנען זיי ווי לעבעדיקע שײַנע באַשעפענישן, פֿאַרגליווערטע אין אַ קויטיקער שטײַנערנער מאַסע.

אַן אמתדיק לעבעדיקער מענטש שאַפֿט רעדנדיק, ער שאַפֿט אויך שפּראַך, אויסדרוק, רעדנסאַרטן א. אַז. וו. ווער סע איז אײַנגעוואָרצלט אין אַ פֿאַרקריפּלטן, פֿאַרגליווערטן שטייגער, לעבט מיטן אָנגעזאַמלטן, פֿאַרטיקן, גרייטן, און אויך זײַן שפּראַך איז גענומען פֿון די גרייטע, פֿאַרטיקע פֿאָרמולעס. זייער שפּראַך ווערט „הילצערן" אויף אַן אײַגנאַרטיקן אופֿן. אַ פֿאַרגליווערטער ביוראָקראַט קאָן נעמען די לעבעדיקסטע, צאַפּלדיקע ווערטער און זיי „ביוראָקראַטיזירן". דעם זעלבן פּאַראַדאָקס זעען מיר אויך בײַ עטינגערס נעגאַטיווע טיפּן: זיי נעמען דעם לעבעדיקן פֿאָלקסטמילעכן וואָרט־מאַטעריאַל און הרגענען אים אַוועק.

אָט דעם דאָזיקן פֿאַקט האָט עטינגער באַוויזן אין דעם אופֿן, ווי ער כאַראַקטעריזירט זײַנע טיפּן דורך זייער שטייגער רעדן.

די אויספֿירן פֿונעם באַשטאַנד־אַנאַליז פֿון אַלע רעדנסאַרטלעכע (און אויך פֿאָלקלאָרישע) עלעמענטן אין עטינגערס „סערקעלע" זײַנען צונויפֿגעשטעלט אין אַ סטאַטיסטישער טאַבעלע („שריפֿטן", ז' 118) און באַשטעטיקן דעם פֿאַקט, אַז וואָס נעגאַטיווער דער טיפּ איז (אין „סערקעלע"), אַלץ מער קלוגיטשקע ווערטלעך, פּראַזעס, רעדנסאַרטן און פֿרומלעכע העברייאיזמען באַנוצט ער, כאָטש דער כאַראַקטער פֿון די רעדנסאַרטן איז בײַ יעדער פֿיגור באַזונדער געענוי דיפֿערענצירט און אויסגעהאַלטן.

לויט דער דאָזיקער טאַבעלע באַקומט זיך, אַז אין די 2660 פֿולע דרוקשורות (אין דער ווילנער אויסגאַבע) יידישע רעפּליקעס (אַ חוץ די דײַטשע און דײַטשמערישע) זײַנען פֿאַראַן 787 רעדנסאַרטן און פֿראַזעאָלאָגישע „עלעמענטן". דער סאַמע נעגאַטיווסטער טיפּ אין דער פּיעסע, יוחנן דער שדכן* האָט אין זײַנע 315 שורות רעפּליקעס — 158 רעדנסאַרטן, דאָס הייסט אײַנע נאָך יעדער צווייטער שורה; סערקעלע: 700 שורות רעפּליקעס — 298 רעדנסאַרטן, דאָס הייסט נאָך אַלע 2.3 שורות; שמעלקע טרויניקס: 240 שורות רעפּליקעס — 98 רעדנסאַרטן, דאָס הייסט נאָך אַלע 2.4 שורות; גבריאל הענדלער: 510 שורות — 121 ר"א, דאָס הייסט נאָך אַלע 4.2 שורות. בײַ די פּאָזיטיווע טיפּן איז די פֿאַרהעלטעניש אַזאַ: דער משרת ירחמיאל: 45 שורות — 6 ר"א, נאָך אַלע 7.5 שורות אײַנע; די דינסט חוה: 125 שורות — 17 ר"א, נאָך אַלע 7.3 שורות אײַנע; דער משרת חיים: 195 שורות — 30 ר"א,

---

* נאָך צעדערבוים („המליץ", 1889, נומ. 86) כאַראַקטעריזירט די דאָזיקע פֿיגור אַלס די נעגאַטיווסטע אין דער פּיעסע.

נאָך אַלע 6.5 שורות איינע; דער „פּרעמדער" (דער אויפגעקלערטער סוחר): 200 שורות — 16 ר"א, נאָך אַלע 12.1/3 שורות איינע; הינדע: 175 שורות — 13 ר"א, נאָך אַלע 13.4 שורות איינע; די „צווישנדיקע" פיגור (צווישן די גוטע און שלעכטע) משה דאַנציקער: 155 שורות — 28 רעדנסאַרטן, נאָך אַלע 5.5 שורות — איינע.*

מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע ביישפּילן פון רעדנסאַרטלעכן באַשטאַנד אין איינצלנע רעפּליקעס.

(„סערקעלע", ווילנער אויסגאַבע, ב. 2.)

סערקעלע:

ז. 293. אוי ווײ מיר! איך בין אַוועק! (באַטייט: איך פאַל אין חלשות). משוגע זאָלסטו ווערן! ז. 294. מיין בייזער חלום זאָל זיך צו דיין קאָפּ אָנהייבן און אויסלאָזן! פּושע־ישראל. האָב דיר אַ שוואַרץ יאָר! אוי ווײ מיינע כוחות! דעם טויט מאַכן (מוטשען, פּאַרמוטשען). אַז טאָג, אַז נאַכט. געבן פאַר ס'דייניקע (מייניקע, זייניקע א. אַז. וו. — מ. וו.). ווייסט איין גאָט. זיך דאָס געזונט מיט... (עמעץ) אָפּרייסן (האָבן מיט עמעצן צו טאָן). אוי ווײ מיינע כוחות. אַ מצווה גדולה! (ד. ה. רעכט געשעט דיר). ווער געהרגעט פאַר אַלע יידישע קינדער! וואָס האָסטו פון דעם זינדיקן שפּיגל געוואָלט... („זינדיקן" אינעמבּ באַטייט פון „נעבעכדיקן"). קראַנק זיין עפּעס צו טאָן (זידלדיק: זיין אָפּגעהאַלטן דורך אַ מניעה עפּעס צו טאָן). דאָס טעפּל צו פאַרזאָרגן (פּאַרען זיך מיט דער אַרבעט אין קיך). אומשטיינס־געזאָגט. איין שלימזל גרעסער ווי דאָס אַנדערע, אוי מיינע כוחות! חרוב זיין (קראַנק זיין). אַ גאַנצע לעכע טאָג (לעכע — פון „ליכטיקן"? אָדער פון (?) (lichy). צרה, פּורעניות! (זידל־ווערטער.) ז. 295. אוי מיינע כוחות! געשעדיקט זאָלסטו ווערן! (צוויי מאָל). ז. 298. אַפילו נישט נעבן לייט (אָן ענטפער אויף אַ פראַגע, צי עמעץ איז אַ לייט). די צרה, דאָס פּורעניות! (זידל־ווערטער). אומשטיינס־געזאָגט! ... זאָל זיך מיען פאַר אונדז (דערמאָנענדיק אַ געשטאָרבענעם). ווען... זאָל אויפשטיין פון קבר... וואָלט.. געשטאָרבן פאַר צרות. דאָס גילדענע טעכטערל (זידלדיק). ז. 299. האָט נישט פאַריבל. די צרה, די לייד. אָך איז מיר! קאָסטן געזונט האָט דאָס אַ שאַץ? (קאָן מען עס אָפּשאַצן?). קאָנען עפּעס... ווי אַ וואַסער.

רעפּליקעס פון יוחנן שדכן:

---

* פון פאַרשיידענע זייטן האָט מען מיך אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אַ ריי זאַצן אין „סערקעלע", וואָס וואָלטן אפשר אויך געקאָנט גילטן פאַר רעדנסאַרטלעכע און איך האָב זיי נישט אַריינגענומען, וועגן אַנדערע זאַצן, וואָס איך האָב דאָ אַריינגענומען אין צעטל — אַז זייער רעדנסאַרטלעכקייט איז ספקדיק. יעדנפאַלס וואָלט אָבער די פּראָפּאָרץ סיי־ווי געבליבן די זעלבע.

ז. 324. קומט מיין שמוע אַפּיר (צוויי מאָל). ז. 325. איינער זאָרגט זיך פֿאַר אַ קוגל און דער אַנדערער פֿאַר אַ גאַנצן טשאָלנט. מילא, בשלמא איך... ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. אָן עין־הרע. קומט מיין שמוע אַפּיר. אם־ירצה־השם. קומט מיין שמוע אַפּיר. איר זאָלט לעבן! געלויבט צו גאָט פֿאַר דעם! ז. 326. אָן אויספּאַל פֿון אַ שידוך (אויספּאַל — צופֿאַל? — אָדער פֿון דייטש: Auswahl?). ז. 328. קומט מיין שמוע אַפּיר (צוויי מאָל). גייט שוין, גייט!... (אַ פֿאָרם פֿון פֿריינטלעכער נעגאַציע). אם־ירצה־השם! ערשט פֿון איי אַרויסגעקראָכן. דער שענקער דאַרף זיין ווײַן און דער שפּינער זיין פֿלאַקס (אַלץ דאַרף זיין אויף אַ פֿאַסיקן שטייגער). אַ קינצלעכע זאַך אויף דער וועלט! (אַ געראָטענער ענין). בנאמנות גלויבן! מן־השמים. איינגעטונקט אין יחוס. ז. 329. געשווייבלט און געגריבלט. קורץ, וואָס האָב איך דאָ אַ סך צו זאָגן.. פֿון זאָגן ווערט מען נישט טראָגן. דהיינו, מאָלט אייך. הלוואי אויף אַלע יידן געזאָגט! מיין אייגנס זאָל איך האָבן וואָס... קומט מיין שמוע אַפּיר. אַז מען ווייזט אַ הונט אַ פֿינגער, וויל ער די גאַנצע האַנט. איך ווינטש מיר צו פֿאַרמאָגן, וואָס... ער איז גאָר אַ שררה (רייך).

סערקעלע:

ז. 337. זייט קיין גאַסט נישט! (קומט אָפּט אַריין). ז. 338. גאָר קיין חיות נישט (נישקשה). זיך שטעלן ביי דער אַלף (פֿון אָנהייב אָן שטרענג זיין). זיך לאָזן אויפֿן קאָפּ אַרומרייטן. אם־ירצה־השם. אַ גוטע דאָליע. רעדט צו זיך ווי אַן אָנגעבונדענער (משוגענער). אַ מערכה, כ׳לעבן! (ס׳איז נאָך אַ גליק, וואָס...). דער שוואַרצער יאָר ווייסט! האָסט נישט געקענט שמעקן קיין פּולווער, האָסטו נישט געזאָלט גיין אין מלחמה אַריין („קענסט נישט — נעם זיך נישט אונטער!"). אין הונדערט יאָר אַרום (נאָכן טויט). געשטאָרבן — באַגראָבן. אויף דעם שכל קומען. פֿאָזיען די פּראַצע (פֿאַרלעבן, אויסברענגען דאָס אויסגעהאָרעוועטע פֿאַרמעגן). שווער און ביטער. קריעה רייסן (האָרעווען). אַ נאַר איז נאָר גוט צו שיקן נאָך דעם מלאך־המות. אוי מיינע כוחות! ז. 340. דער אַלטער שקראַב (זידל־וואָרט). גיי צו אַלדע שוואַרצע יאָר! באַדאַרפֿן עמעצן אויף כּפּרות. אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין! אַ מערכה, כ׳לעבן. רייסן אַ קריעה נאָך טעג און יאָרן. אוי מיינע כוחות! ז. 341. אַ רוח אין דיין פֿאָטער און מוטער אַריין! באַדאַרפֿן אויף טישאָנצע כּפּרות. געזונט ווי אַ ריז. דער גאַלגאַן! (זידל־וואָרט). נישט וויסן פֿון לעבן צו זאָגן. אָפּגעריסענער און אָפּגעשליסענער דייטש! (זידל־וואָרט). וואָס איז די מער — Was ist die Mähr — ידיעות, נייס, לעגענדע, מעשהלע — Mährchen (באַטייט דאָ: וואָס בלאָזט ער זיך אַזוי?). ווייזן ווער עלטער איז (אָנלערנען דרך־ארץ). קריגן אַזעלכע שיינע מציאות ווי דו ביסט. אוי מיינע כוחות. ז. 342. פֿון עמעצן אַ שטיק אָפּבייסן (איראָניש, אַז מע האָט פֿאַר עמעצן מורא

און אומזיסט). די לויכנדע צרה (איראָניש — קאַלאַמבור פון „לויכטנדיקע צורה“). אַ פֿאַרשיווע מויד (זידל־וואָרט). פינצטערע לייד זאָל נאָר די מאַמע אויף דיר זען! אוי מיינע כוחות! איז דאָס צום אויסהאַלטן? כ׳בעלן. ז. 343. אַ מיאוסער מויד טאָר מען קיין גלעט נישט געבן, ווערסט שוין שפּעטער פֿאַרשוואַרצט ווערן. זיך דאָס געזונט אָפּרייסן. אוי מיינע כוחות! פֿאַרשוואַרצט ווערן. קראַנק זיין עפּעס צו טאָן. אַ מיתה משונה זאָלסטו איינגעמען! מאַכן דעם טויט. איך בין פֿאַרביי! (איך גיי אויס, איך שטאַרב.)

רעפּליקעס פון גבריאל:

ז. 352. אַ משכון זאָל מען פֿאַרזעצן און קלוג זאָל מען זיין! אם־ירצה־השם! ביי דער נאָז אַרומפירן. קענען אַ צלם פון אַ אלף (פֿאַנאַנדערקלייבן). גיין אין ספּאָדעק (אַ ווייב, וואָס הערשט איבערן מאַן). נישט וויסן פון לעבן צו זאָגן. אַ יונג מיט שפּאָרן. אַלץ רעכט, אַלץ גוט... מילא, גוט). ז. 353. אַ נאַר, וואָס איז צען אום אַ גראָשן (וואָלוול). אַז אַ נאַר וואַרפט אַריין אַ שטיין אין גאָרטן אַריין, קענען אים צען קלוגע אויך שוין נישט אַרויסנעמען. אויפּ־גייען אַ טאָרבע און גיין אין די הייזער. נויט ברעכט אייזן. אַ קוש אין פּיסקל געבן (לויבן). ז. 354. בודק־חמץ זיין (פון גנבים־שפּראַך, באָכקוקן אין פּרעמדע זאַכן). אַז מע שטעלט נישט איין, נעמט מען נישט אויס. געשעדיקט זאָלסטו ווערן! ז. 360. עמעצנס פּטור ווערן (איך בין שוין... זיינער פּטור געוואָרן). דאָרט ליגט דער הונט באַגראָבן. נאַ אָט האָסטו — יעסט פּיעס, ער איז ווידער דאָ (יעסט פּיעס — דער הונט איז דאָ!). ז. 362. גאָר קיין אחריות נישט (נישקשה, ס׳מאַכט נישט אויס, נישט געפערלעך). שלאָפן ווי געהרגעט. ז. 387. געוואויר ווערן, וואָס עמעץ האָט אונטער דער לעבער (סודות). וואָס צוויי איז נישט איינער. מאַכן שהיות. ז. 388. ער האָט דאָס נישט פּיינט (ער האָלט דערפון). עיקר שכחתי. פֿאַר איר כוח זאָל זי דאָס האָבן, וואָס... אָנטאָן געברוינטע לייד (געווינלעך: צוברוינען אַ געקעכטס, מאַכן ברוין דורך צופּרעגלען). אַ קריעה רייסן (מוטשען). אַ קיליקאָווער משפּט (אָנשטאָט אַ פֿאַרברעכער אַ שניידער הענגט מען אַ שוסטער, ווייל שוסטערס זיינען פֿאַראַן צוויי און נאָר איין שניידער אין שטאָט). עס וועט זיין אַ קערמעש (פון קירמעס — „קירך־מעסע“, אַ מאַרקטאָג, וואָס קומט אויס אין אַ קריסטלעכן יום־טוב; געווינלעכער באַדייט: פֿריילעכע פֿאַרווייל֞ונג; דאָ באַטייט דאָס וואָרט — אַ קאָמישער אָנבליק). מאַכן אַ שוועך („דאָס האַרץ מיט עפּעס אונטערלענען“, איבערכאַפּן). זיך מאַכן אַ האַרץ (זיך אָננעמען מיט מוט).

רעפּליקעס פון שמעלקע טרויניקס:

ז. 422. גאָר אַ מאַסליס (אַ לויבוואָרט פֿאַר מאכלים). און כ׳לעבן, כסדר אויך... (אומבאַטייטיקע אָפּרו־ווערטער). ז. 423. באַלד, זאַראַס, תיכף... (זאַראַס — „זאַראַז“). עס זיינען שוין גאָר נישט די צייטן, שוין גאָר נישט די

יאָרן, וואָס פּלעגן דאָ זיין אַמאָל. נישט קענען אַ שפּילקע צו דער ערד וואַרפן (זייער אַ סך מענטשן). פּערד ווי די לייבן. געשוויבלט און געגריבלט. געלט פּליט פון איין קעשענע צו דער אַנדערער (מע פאַרדינט). האָבן אַן עמעצן אַ פּענעץ (אַן — אין באַדייט פון אין, גוט פאַרדינען ביי עמעצן). מאַכן עמעצן משוגע (דולן אַ קאָפּ). הוקען און סטוקען (זשומען). דער בידנענקע חשבון, נעבעך. אַ פּאָקאָרנינקע, אַ שטילינקע, אַ ספּאַקאָיניקע. אוי די געלט, די געלט! ז. 424. האָט מיר נישט פאַריבל. אַ ברכה אין דער מדינה. אָפּוועגן עפּעס מיט רויטע רענדלעך (טייער קויפן). ז. 425. זאָל מיך גאָט ברוך־הוא שטראָפן! גאָר אַ מאַסלים. בנאמנות שלי. אסור־חזיר! פּרנסה בכבוד. מע מוטשעט זיך אויף דער וועלט (אַן אויסמיידנדיקער ענטפער אויף אַ פראַגע, צי מע האָט פּרנסה, באַטייט: מע האָרעוועט). ז. 426. דער מלאך־המות האָט איבער שלעכטס קיין שליטה נישט. אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט! געשעדיקט זאָל זי ווערן! פאַרוואָס פאַר אַ נויט זאָל... (צוליב וואָס). גרויס ביי זיך ווי אַ שוואַרץ יאָר.* פאַרוואָס, פאַר ווען? ז. 427. ווייסט דער שוואַרצער יאָר! אסור־חזיר! ... האָט נאָך נישט גאָט ביי די פּיס אָנגענומען... (...איז נאָך נישט געזיכערט אויפן גאַנצן לעבן, אַז עס וועט אַזוי בלייבן). מע קאָן זיך נישט קיין פּלעקעלע פאַרשלאָגן (דאָס אייגענע). דאָס רעדעלע קען זיך נאָך ווידער צוריקדרייען. נאָר אַ צאַצקע. מיינע אבות־אבותינו. מיין טאַטע, דער צדיק, עליו־השלום. זיין זכות זאָל אונדז ביישטיין! טרייבן מתא־מתן (האַנדלען). ז. 428. פאַרשטאָרבן בלייבט פאַרשטאָרבן. אַ שיין ביסל... (גענוג, אַ סך...). אַ יוסטער נגיד. מילא בקיצור, גאָרנישט מאריך צו זיין (אומבאַטייטיקע אָפּרו־ווערטער). אַ כשרער ייד. מילא בקיצור, איך וועל אייך דאָ נישט לאַנג דער־קוטשען (רעד־פּליטערלעך אין אַ דערציילערישן שמועס). איך ווייס פּיל... (ווייס איך?). ז. 429. פאַרגעסן איינס פאַר ס'אַנדערע. מפי איש נאמן. מתנות און שאר ירקות. מילא בקיצור. אויך קיין סופר נישט זיין (דאָ, ניט זיין קיין למדן). וואָס איז די מער? מילא, שפּיץ בקיצור (צוויי מאָל).** וואָס איז מיט... דער יחוס? (די מער). די כל־הכלבימטע (קאָלהאַקלאָווימטע — זידל־וואָרט). עוקר זיין (אַנטלויפן). ז. 430. אַ צרה, אַ לייד. באַפעלן כהאי לישנא (צו וויסן טאָן מיט אַזעלכע ווערטער). אסור־חזיר! גאָר אַ מאַסלים.

אין די דייטשמעריש־קוידערישע רעפּליקעס פון אַלטעלען, איינע פון די

---

* אָט־אָ די רעפּליקע שמועלקעס, ווי אַ סך אַנדערע, באַשטייט אינגאַנצן פון אַ קייט רעדנסאַרטן.

** צווישן אָט די צוויי „מילא, שפּיץ בקיצור" פּראָוווט שמועלקע אָפּנאַרן דעם פרעמדן מיט נאָך אַ בוטילקע וויין.

נעגאַטיווסטע פיגורן אינעם גאַנצן „טעאַטער־שטיק“, געפינען מיר — אין קעגנזאַץ צו דייטשע רעפּליקעס פון רעדליך, הינדע און פונעם פרעמדן, — אַ גאַנצע ריי יידישע כלומרשט „פאַרדייטשטע“ רעדנסאַרטן. דערביי ווערט בוילעט עטינגערס מיין, באַזונדערס אונטערצושטרייכן איר נעגאַטיוון כאַראַק־טער מיט דער הילף פון אָט־אָ די רעדנסאַרטן. עטלעכע ביישפּילן:

ז. 309. דער קונדאַס. ז. 304. געשעדיקט זאָלסטו ווערן! ז. 311. זאָ איין יאַהר זאָל שמעלקע טרויניקס האַבען. ז. 330. איינען קראַנקען פרעגט מאַן... (געוויינלעך פאַרענדיקט זיך דאָס שפּריכוואָרט מיט — „און אַ געזונטן גיט מען“, ד. ה. צו עסן). ז. 330. הונדערט און צוואַנציק יאַהרע זאָלל ער פאָר דאַס לעבען! ז. 346. ביסטו מיך קראַנק צו רופן? ז. 351. אַלס ווען איך מיט אים שווינע געווידעט (געפּאַשעט — מ. וו.) העטע.

מחמת איר (אַלטעלעס) קוידעריש־דייטשמערישן לשון האָט עטינגער נישט געקאָנט אַריינברענגען אין אירע רעפּליקעס אַזויפיל סטערעאָטיפּישע רעדנס־אַרטן, וויפיל עס וואָלט געפּאַסט צו דער נעגאַטיווקייט פון איר כאַראַקטער. דאָס ווערט אָבער קאָמפּענסירט דורך אַ גאַנצער ריי קאָמיש־צעדרייטע בעלפער־דייטש־מליצות. למשל:

ז. 450. איך געבע איהנען מיינען ליבסטען דאַנק פאָר אַללעס, וואָס זי האַבען די עהרע געהאַבט אַן מיינער צערטליכען מוטער צו פערריכטען, אונד איר הערצליכעס הערץ, פאָר וועלכעם איך גראָס אַבשיי האַבע, אונד אירע גוטע גיטע לאַססען מיך ניכט רוהען, זי צו בעטען, דאַס זי מיינעם ברייטיגאַם מיינעם געליבטען גאַבריעללע העגדלער די פאָגעל־פרייהייט שענקען מעכטען.

דאָ איז יעדעס וואָרט אַ וויץ, אַ קאַלאַמבור אָדער גלאַט אומגעלומפּערט־קייט. די קאָמיק פון אַ סך זאַצן באַשטייט דאָ דערין, וואָס אַלטעלע „פאַר־דייטשט“ יידישע ווערטער, ד. ה. זי זאָגט זיי אַרויס מיט „פּתחן“ (פּאַסאַכן); אויף יידיש אָבער האָבן די ווערטער גאָר אַן אַנדערן באַדייט ווי אויף דייטש, באַקומען זיך די קאָמישסטע זאַצן (הגם די קאָמיק ווערט אַמאָל שוין צו האַמעט־נע און פּראָסט). למשל: „דאַנק פאָר אַללעם“, אָנשטאָט „פיר אַללעס“ (פון יידיש: פאַר אַלץ), „פאָר וועלכעס איך גראָס אַבשיי האַבע“ (אָפּשיי אויף יידיש — דרך־ארץ, אויף דייטש — עקל־געפיל), „פערריכטען“ (געוויינלעך אויף דייטש: עפּעס אָנטאָן, אָפּטמאָל אָבער אויך — אינעם צוזאַמענהאַנג פון אָפּטאָן די באַדערפעניש). „די פאָגעל־פרייהייט שענקען“ (יידיש — פריי ווי אַ פויגל, אויף דייטש הייסט זיין פאָגעל־פריי, אַז יעדער מעג דעם דאָזיקן פאָגל־פרייען מענטשן הרגענען אָן אַ געריכט) א. אַז. וו., א. אַז. וו.

א י נ ה אַ ל ט

פֿאָרוואָרט 9

די יידישע ליטעראַטור ביים אָנהייב פֿונעם 19טן יאָרהונדערט

דאָס עלטערע און דאָס נייע יידיש 23
יידיש אַלס וועלטלעכע ליטעראַטור־שפּראַך 27
חסידיזם און השכלה 29
די מעשיות נחמנס פֿון בראַצלאַוו 33
מענדל לעפֿינס איבערזעצונגען 38
י. פּערלס „מגלה טמירין" (מעגאַלע טמירין) 44
„די גענאַרטע וועלט" פֿון אַן אומבאַקאַנטן אויטאָר 49
די אידייען פֿון דער השכלה אין „די גענאַרטע וועלט" 54
פֿאָלקסטימלעכע שפּראַך און שטייגערישער רעאַליזם 58
אַ גרונט־ווערק פֿון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור 60

וועגן אַקסענפֿעלדס פּיעסעס

אַקסענפֿעלדס אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור 65

I. השכלה און פֿאָלקס־מאַסן

אַקסענפֿעלד און עטינגער 71
די גרונט־אידייע אין אַקסענפֿעלדס שאַפֿן 77
באַציאונג צו די פֿאָלקס־מאַסן 87

II. געזעלשאַפט-קריטיק און די דראַמאַטורגיע פון דער אויפקלערונג

אַקסענפעלדס פּיעסעס און די אויפקלערערישע דראַמאַטורגישע
פּאָעטיק 94
שטייגערישקייט און אינטריגע 102
קאָמפּאָזיציע און פּאַבול 109
קאָנקרעטע היסטאָרישקייט פון די געשטאַלטן 114
לייען-דראַמע אָדער פּאַר דער בינע? 118

III. פּרימיטיוו-רעאַליסטישער סטיל

שילדערונגס-מאַניר ביי אַקסענפעלדן, עטינגערן און מענדעלען.. 123
עטנאָגראַפּישקייט 131
כאַראַקטער-שילדערונג 132
סאַטירישע טראַגי-קאָמיק 135
דערציילערישער נוסח און שפּראַך-סטיל 136
אַקסענפעלדס באַדייטונג 145

די רעקרוטשינע אין דער שיינער ליטעראַטור פון דער השכלה

עטינגער, לעווינזאָן, דאָס פּאָלקלאָר-ליד 150
צו דער געשיכטע פון דער אַנטשטייאונג פון דער רעקרוטשינע 159
דער יידישער בורזשואַ און די רעקרוטשינע 165
די אָרעמשאַפט און די רעקרוטשינע 170
די השכלה-שרייבער און די רעקרוטשינע 176
אַקסענפעלד און די רעקרוטשינע-טעמע 183

עטלעכע באַמערקונגען וועגן אַקסענפעלדס פּראָזע

דער ערשטער ראָמאַן אין דער נייער יידישער ליטעראַטור 193
די אַנטשטייאונגס-צייט פון „דאָס שטערנטיכל“ 195
עטנאָגראַפּישע באַשרייבערישקייט 197

דער שפּראַך־סטיל פון אַקסענפעלדס פּראָזע 201
„נאָך צוויי האָזן" 204

ש. עטינגער, זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור

אַ פיליסטערישע באַלויכטונג פון עטינגערס ווערק 208
די קוואַלן פון דער יידישיסטישער כאַראַקטעריסטיק פון עטינגערן 214
באַמערקונגען צו עטינגערס ביאָגראַפיע 222
צו עטינגערס משלים 225
מעשהלעך, עפּיגראַמעס און סענטענצן 233
די טעקסטן פון „סערקעלע" 236
די ליטעראַטור־היסטאָרישע באַדייטונג פון עטינגערס קאָמעדיע 245
עטינגערס פאַרגייער אין דער יידישער ליטעראַטור 248
די ערשטע פּיעסע אין דער נייער יידישער ליטעראַטור־שפּראַך 251
„ראָבינזאָן" אויף יידיש 255
ווירקונגען פון דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור אין עטינגערס סערקעלע 264
ביבליאָגראַפישע הערות. אויספיר 270

די ראָל פון שאַבלאָנישער פראַזעאָלאָגיע אין דער ליטעראַטור פון דער השכלה

אַריינפיר, די פּראָבלעם־שטעלונג 276
די געשיכטע פון דער סטערעאָטיפּישער פראַזעאָלאָגיע 278
בוך־פראַזעאָלאָגיע אינעם רייד־שטייגער 287
שאַבלאָנישע פראַזעאָלאָגיע אין דער ליטעראַטור אַלס מיטל פון קריטיק.. 296
לעבעדיקער שפּראַך־פאָלקלאָר אַלס שעפערישער אויסדרוק אין דער ליטעראַטור 303

דיאַלעקט און ליטעראַטור־שפּראַך 310

אַנמערקונגען און עקסקורסיעס

די חסידישע רדיפות קעגן די משכילים 316
השכלה און פֿאָלקלאָר־ליד 319
דער משכיל און דער פּריץ 321
די השכלה קעגן קאָנטראַבאַנדע 323
ליטעראַרישע טראַדיציעס פֿאַר דער „ערשטער יידישער רעקרוט“ 324
א. פֿון דער רוסישער ליטעראַטור 324
ב. יוסף ווייזנערס „קול בוכים“ 327
ג. וואָלף קאַמראַשס „קהל אין שטעטל“ 328
אַנטשטייאונגס־צייט פֿון „דער ערשטער יידישער רעקרוט“ 331
ביבליאָגראַפֿישע נאָטיצן צו דער טעמע „רעקרוטשינע“ 333
לעווינזאָנס פּאַמפֿלעט 337
מלוכהשע און משכילישע רעפֿאָרם־פּראָיעקטן פֿאַר יידן 340
השכלה און די פּראָבלעם פֿון חתונה 346
צו אַקסענפֿעלדס ביאָגראַפֿיע 347
וועגן אַקסענפֿעלדס אַנשויאונגען 347
באַשטאַנד פֿון רעדנסאַרטלעכע עלעמענטן אין עטינגערס „סערקעלע“ .. 354

איקוף פאַרלאַג

אויסגאַבעס פון איקוף

דר. חיים זשיטלאָווסקי — ייד און וועלט — — — — — — — — — — $2.50
נחמן מייזיל — י. ל. פּרץ (זיין לעבן און שאַפן) — — — — — — — — 2.50
מ. ווינער — יידישע ליטעראַטור אינעם 19טן י״ה (1טער באַנד) — — — — 2.50
פאָלקס-געזאַנגען לויטן נוסח פון ח. קאָטיליאַנסקי (מיט נאָטן) — — — — 5.00
בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ — צונויפגעזאַמלט נחמן מייזיל — — — — 3.00
שלום אַש — דער מאַן פון נצרת (ראָמאַן אין 2 בענד) — — — — — — — — 3.00
א. ראַבאַי — דער יידישער קאָובאַי (ראָמאַן) — — — — — — — — — 1.50
א. ראַבאַי — איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע — — — — — — — — — 1.50
איציק פעפער — רויטאַרמייאיש (אויספאַרקויפט) — — — — — — — — 1.00
דער נסתר — די משפחה מאַשבער (ראָמאַן) — — — — — — — — — — 1.75
ז. וויינפער — דאָס געזאַנג פון אַ גלוויביקן — — — — — — — — — — 1.50
מלכה לי — קינות פון אונדזער צייט (לידער) — — — — — — — — — — 1.25
מ. גאָלדשטיין — בירא-בידזשאַנער אויפן אַמור און אַנד. — — — — — — 1.00
אברהם ביק — חסידות-מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור — — — — 1.00
דאָרע טייטלבוים — אינמיטן וועלט (לידער) — — — — — — — — — — 1.00
יעקב מעסטעל — אונדזער טעאַטער — — — — — — — — — — — — — 1.00
קלמן מרמר — אַנהייב פון יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע — — — — — 1.00
ב. עפּעלבוים — פּאַרלאָשן ליכט (דערציילונג) — — — — — — — — — 1.00
נ. בוכוואַלד — טעאַטער — — — — $3.00   דע-לוקס אויסגאַבע — — — — 5.00
פרידריך ענגעלס — לודוויג פייערבאַך (איבערגעזעצט פון ש. ווינער) — — 1.00
קעגן די אַנפאַלער אויף דר. ח. זשיטלאָווסקי (זאַמלונג) — — — — — — .35
דר. ח. זשיטלאָווסקי — אונדזער נייער קולטור-ווילן — — — — — — — .20
מ. אָלגין — פאָלק און קולטור — — — — — — — — — — — — — — .20

נ. מייזיל — דורות און תקופות אין דער יידישער ליטעראַטור	.25
ל. קאָברין — ריווערסייד-דרייוו (דראַמע אין 3 אַקטן)	.25
ש. אַפּטער — דער בונט און אַנדערע דערציילונגען	.25
איליאַ ערענבורג — דער קריג און דער שרייבער	.10
לעאָן קאָברין — פון דייטשמעריש צו יידיש	.5
דער נסתר — העשל אַנשעלעס, דער זיידע מיטן איינקל	.15
נ. מייזיל — אייזיק מאיר דיק	.5
אַלוועלטלעכער יידישער קולטור-קאָנגרעס	.50

עס דרוקט זיך און דערשיינט אין גיכן:

דר. חיים זשיטלאָווסקי — דער זין פון מענטשלעכן לעבן

חיים גראַדע — דורות (לידער און פּאָעמעס)

איציק פעפער — די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ (פּאָעמע)

ראובן בריינין — פון מיין לעבנס-בוך

דוד האָפשטיין — איך גלויב (לידער)

מ. ווינער — יידישע ליטעראַטור אינעם 19טן יאָרהונדערט (2טער באַנד)

נחמן מייזיל — פאַרגייער און מיטגייער

אברהם טייטלבוים — וויליאַם שעקספּיר

ש. אַפּטער — אין דער רוימישער געטאָ (ראָמאַן)

אדרעס: YKUF, 189 Second Avenue, New York 3, N. Y.